STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09242

FUN DER VAYSL BIZN LA PLATA-TEYKH

Marcos Paryszewski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרקוס פאַרישעווסקי

פון דער ווייַסל ביזן לאַ פּלאַטאַ-טייַך

MARKUS PARYSZEWSKI

DESDE EL RIO VISTULA A LAS ORILLAS DEL PLATA

(FUN DER WAISL BIZN LA PLATA-TAIJ)

צוגעגרייט צום דרוק:

י. פאלאטיצקי

דרוקעריי „קולטור“ פון מושקאט און זאסלאווסקי—סארמיענטא 2157, ב. איירעס

מאַרקוס פאַרישעווסקי

פון דער ווײַסל
ביזן
לאַ פּלאַטאַ-טײַך

אַרויסגעגעבן דורך אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט

בוענאָס-איירעס

1970

מאַרקוס פּאַרישעווסקי

אינהאַלט:

זייט

דער אַראָפּגעפאַלענער גיבור — 9

מענדעלע דעם סופרים און משה פסח — 30

דער בלינדער ציגאַרן־פאַרקויפער — 49

אסתר לאַהלע — 59

מיט קלאָרע געדאַנקען אין אַ משוגעים־הויז — 73

דער נס פון דריי חנוכה־ליכטלעך — 85

איך בין דיר מוחל, ווי איך בין אַ ייד!.. — 155

דער הויכער טשיפּיאָן — 169

גאָלד און דימענטן־זוכער — 184

בנים גדלתי ורוממתי, והם פשעו בי... — 189

איאַ ווירי און די גיפטיקע בלומען — 194

אין אַ שטעטעלע נעבן דער אָזיערע „מאַר טשיקיטאַ" — 197

אויף אַן אינדזל פונעם טייך פּאַראַנאַ — 226

אַן עקזאָטישע אידיליע — 246

יידן אויף גוישע פעלדער — 251

אַן אויספלוג צו דער איבעראַ־אָזיערע — 264

יידישע פּויערים אין דזשונגל — 278

בעריש — 284

נחום אַקערט און זינגט — 290

יידישער מוט — 304

דזשונגל־גערעכטיקייט — 313

דער וויין איז גוטער וויין — 319

ששון ושמחה — 322

שפע און פאַרצווייפלונג — 328

משה רבינו און עוג מלך הבשן — 333

עקאָנאָמישע נויט און גייסטיקע גבורה — 340

שניי אין חמימהדיקן דזשונגל — 345

וויכוח — 354

אם אין קמח אין תורה! — 362

אַ וואַנדאַלישער וואָטאַן־ספּעקטאַקל — 365

אַ הוראַגאַן־שטורעם אין אורוואַלד — 370

פון דער ווייסל ביז לאַ פּלאַטאַ־טייך

אַ נייער בוך דערציילונגען, פון מאַרקוס פאַרישעווסקי, דערשיינט צו זיין אַכציק־יאָריקן יובל

דער שרייבער מאַרקוס פאַרישעווסקי פּרעזענטירט דעם דאָזיקן נייעם בוך דערציילונגען פון יידישן און פון נישט־יידישן לעבן אין אַר־גענטינע און פון דער אַלטער היים, און אויך באַשרייבונגען פון זיינע וואַנדערונגען איבער די פּאַרוואָרפנסטע ווינקלען, באַוווינטע פון אָרטיקע געבירטיקע און פון איינזאַמע יידישע פאַמיליעס, צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג.

מאַרקוס פאַרישעווסקי איז באַרימט געוואָרן אין דער ליטעראַרישער וועלט מיט זיינע ביז איצט דערשינענע ביכער: „צווישן ווילדע און ציווי־ליזירטע", איין באַנד און „דזשונגלס און שטעט" אין צוויי בענד, וואָס באַשרייבן דאָס לעבן, זיטן און מנהגים פון פאַרשידענע אינדיאַנער־שבטים אין די דזשונגלס. וועגן בערג, וועלדער, אָזיערעס, טייכן, ימים און אינדזלען אין די פאַרוואָרפנסטע געגנטן פון באָליוויע, פּערו, בראַזיל און צענטראַל־אַמעריקע.

זיינע ביכער זענען מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן דורך דער יידישער קריטיק, ווי דורך דעם קולטורעלן יידישן לייענער, וואָס וואַרטן שוין לאַנג אויף זיינס אַ נייעם בוך.

אָט־דער דאָזיקער בוך פאַרשיידנאַרטיקע דערציילונגען, וואָס אַנט־האַלטן די זאַפטיקייט פון יידישן לעבן פון אַמאָליקן פּוילן, געבויט אויף לעגענדע און וואָר; דאָס אימיגראַנטישע לעבן פון איבערגעוואָרצלטע יידן; דער קאַמף און געראַנגל פון האָראָפּאַשנע יונגע אינטעליגענטן וואָס ווילן ווערן ערלעכע פּויערים אויף די פעלדער פון אַרגענטינע; און ווייַ־טערדיקע באַשרייבונגען פון עקזאָטישע מענטשן, פלעצער און געשעע־נישן — איז די מתנה וואָס מאַרקוס פאַרישעווסקי האָט זיך געמאַכט צו זיין ווערן אַ בן־שמונים.

פון דער דאָזיקער מתנה וועלן איצט קענען געניסן זיינע צאָלרייכע יידישע לייענער, וואָס זענען נאָך געבליבן דאָ, דאָרט און אויף דער גאַנצער יידישער וועלט, צו וועלכע עס זענען דערגאַנגען פאַרישעווסקיס פריערדיקע ביכער.

י. פּ אַ ל אַ ט י צ ק י
פאַרן קאָמיטעט

דער אַראָפּגעפאַלענער גיבור

שוין עטלעכע נעכט ווי אברהם קאַגוט האָט נישט געקענט שלאָפן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט די עטלעכע הונדערט פּעזעס וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון טראָגן ציגל, זאַמד און שטיינער און אַנדערע שוואַרץ־אַרבעט, ביים הויכן הויז „קאָכאַ אינטערנאַסיאָנאַל", וואָס האָט זיך געבויט אויפן ראָג קאַריענטעס און פּועירעדאָן.

הגם אברהם קאַגוט איז געוועזן זייער אַ פעסטער יונג, האָט דאָך די שווערע פּראַצע, דאָס נישט דערעסן און דאָס בענקעניש צו זיין זעלטן־שיינער פרוי, פייגעלע, צעבראָכן זיינע גלידער. אברהם קאַגוט האָט גראָד נישט „אַזוי שלעכט" פאַרדינט: דריי פּעזעס מיט פופציק סענט אַ טאָג — וואָסער אויף קאַשע — אָבער שעפּסל שפּינאַק פאַרדינט נאָך וויניקער...

אָבער אַנדערע שיפבּרידער אברהם קאַגוטס פאַרדינען אַ סך מער. אַ, יאָ, זיי זענען אָבער געשולטע פאַכלייט. יאַנקל מילער פון סאַקאָווע, איז אַ דאַמען־שניידער און פאַרדינט קנאַפּע 7 פּעזעס אַ טאָג. יאָסל שקאָלניק, אַ ווילנער שלאָסער — פינף פּעזעס מיט אַכציק סענט אַ טאָג, אַחוץ אויבערשעהן, וואָס צאָלן זיך דאָפּלט. און יוזשעק קלאַטמאַן פון פּאָדגורעק, פאַרדינט 6 פּעזעס מיט דרייסיק סענט דעם טאָג אַחוץ אויבערשעהן — אַ פאַרמעגן ממש!... — אין קורצן וועל איך אויך פאַרדינען מער — האָט אברהם קאַגוט זיך געטרייסט. ער וועט זיך אויסגרינען, וועט זיך צולערנען דאָס מולער־פאַך, וועט ער ווערן אַ גוטער מולער, און וועט אפשר פאַרדינען 6 - 7 פּעזעס אַ טאָג און אפשר נאָך מער, אַזוי ווי דער הויפּט־אָפיסיאַל (געזעל), דער „לאָקש" (איטאַליענער) וואַלסאַנזשיאַקאָמאָ בעלאַגאַמבאַ.

אפשר וועל איך נאָך ווערן אַ בוי־מייסטער ווי דער געוועזענער שוחט טוביה טאַמערלאַן, היינט אַ מיליאָנער, וואָס פאַרמאָגט אפשר הונדערט טויזנט קאַרבוינים... — האָט אברהם קאַגוט געחלומט וואַכנ-

דיק, בשעת ער איז געלעגן אויפן געמיש פון זאמד און ציגל־שטויב, די האלבע שעה נאכן מיטיק־עסן.

די שפראך, אוי די שפראך!.. ווען ער וואלט געקענט גוט די שפּאַנישע שפראך, וואלט ער שוין פון לאנג אוודאי דריי־פיר מאל מער אזוי פיל פארדינט — האט אברהם געטראכט.

דערווייל פלעגט ער טראגן די ציגל שטאקן ארויף און ער האט זיך דאס הארץ שיעור נישט אפגעריסן, אבי צו געפעלן ווערן דעם איטאליענער וואלסאנזשיאקאמא בעלאגאמבא, דער ערשטער געהילף פון דעם פירקאנטיקן דייטשן אויפזעער: קורט שוויינענשוואנץ, וועלכער האט אים, אברהמען, דערלייגט ביז פינף פעזעס דעם טאג, און אים נאך צוגעזאגט דאס טעלערל פון הימל, אויב דער „יודע" וועט וויסן אויסצונוצן זיין גבורה...

ווי אזוי זאל ער ארבעטן, אז ער זאל פארדינען זעקס־זיבן פעזעס א טאג? — איז אברהמען אדורך א געדאנק — ער וואלט שנעלער געקומען צו א פאר „טאלער" און ער וואלט גיכער אריבערגענומען פייגעלען, זיין פייגעלע.

איין מאל, ווען אברהם קאגוט איז ארויסגעגאנגען פון דער בארימטער „קאנווענטיזשא" (א הויז מיט א סך איינצלנע צימערן) וואס אויף דער גאס לאוואזשע 2163, וווּ ער האט געוווינט מיט נאך פינף יידישע יונגעלייט און איז אראפ אין „קעלער" פון ראג לאוואזשע און אנדעס וועטשערע עסן, האט ער צופעליק זיך איינגעשפיגלט אין דער וויטרינע פון די געטראנקען פונעס אונטערערדישן רעסטאראן, איז אים דורך א גרויל. ווען איז עס דער בארימטער גיבור אברהם קאגוט געגאנגען אנגעטון אין א בלוי פערקעל־העמדל פול מיט לאטעס אויף לאטעס? פון די צעריסענע הויזן האט זיך ארויסגעזען דאס אויסגעפאטשקעטע, נאקעטע לייב. אויף די פיס — צעריסענע אלפארגאטן (סאנדאלן פון לייוונט מיט זוילן פון שטריק). און דאס אפגעטראגענע ווּליצאפעדן היטל, אויסגעשמירט מיט קאלך און ציגל־שטויב, האט אים געגעבן דעם אויסזען פון א בעטלער־וואגאבונד.

אך, אך, ווען איז אברהם קאגוט געגאנגען אין אזא מין הולך? אזעלכע טראנטעס? אך, אך, זיפצט ער א צעווייטיקטער און פול מיט בענקשאפט צו זיין פרוי, צו זיין פייגעלען. אברהם דערמאנט זיך וועגן יענער צייט אין דעם אנטיסעמיטישן און רעאקציאנערן פוילן וואס אונטער דער אפגעשטאנענער צאריסטישער הערשאפט פון דעם גענעראל גובערנאטאר סקאלאן. אברהם געדענקט, ווען ער פלעגט ארויסגיין אין

גאַס, מיט האַר־קרעם שיין פאַרקעמט, אויף שטייף פּאַרדרייט זיינע סמאַלע־שוואַרצע וואָנסעס, און מיט אַ גוישן פּוילישן בלויען היטל מיט ברייטע דענקעס און גלאַנציקן שוואַרצן דאַשעק אויפן קאָפּ, אַז די שטיי־נער פונעם ברוק האָבן געציטערט אונטער זיינע פּיס מיט די לאַקירטע שוואַרצע שטיוועלעך מיט שטאַלענע פּאַדקאָוועס...

„אַן אמתדיקער ווילער יונג, נאָר אַן אָרנטלעכער און ערלעכער" — האָבן אַלע געזאָגט. נאָר אַ שאָד וואָס דאָס שיינע פּוילן איז אַזוי אַנטי־סעמיטיש־רעאַקציאָנער און דערצו, נאָך באַהערשט פון דער קאָרומפּיר־טער צאַרישער כאַליאַסטרע — האָט אברהם געטראַכט מיט פּיין.

וואָס האָט אים, אַברהמען, דען געפעלט אין פּולטוסק? פאַרמאָגט אייגענע פינף לאַסט־וועגענער און צוועלף פערד ווי די לייבן. אַ טייער ווייב. אַן אייגענע שטוב. ווען האָט ער געאַרבעט אַזוי שווער? ווען האָט ער אַזוי געפּראַצעוועט ממש פּאַר אַ הונגער־לוין? די פינף פורמאַנעס זיינע, די טרעגער־יונגען און אַפילו די צעבאַלעוועטע לאָבוסעס, האָבן אַלין געטון וואָס מען האָט נאָר געדאַרפט. בלויז אין אויסנאַמפאַלן פלעגט ער אַליין אויך צולייגן אַ האַנט און פּלייצע, אויב עס איז געווען אַ צו שווערע משא.

אַברהם קאָגוט איז געווינט געווען, אַלע אינדערפרי, ווען זיין אַכצנ־יעריקע פרוי פייגעלע איז נאָך געשלאָפן, אַריינצוגיין צו דער קצבטעס וווּרשטן־קלייטל, וווּ עס האָט געזשומעט מיט גלאַט־כשרע יידן, אַריינגע־זאָגט די צאַפּלדיקע, נאָך יונגיטשקע קעלנערקעס און סתם דינסט־מייד־לעך, געפעפערטע גלייכווערטלעך, און וווּ ער פלעגט אָפּנעמען אַ חוב, ווי אויך אָפּגעבן, אויב ער איז וועמען שולדיק געווען. די „שוואַרצע" שיינדל מיט דער באַבלומטער קופּקע ביז צו די אויגן, האָט שוין געוווּסט צו שטעלן צום טיש אַ האַלב גענדזל, אָדער אַ פערטל אינדיק, צי גאָר אַ פערטעלע בן־פּקועה (בענבעקיע) און אַ קילישעקל זיבן און פּופּציקער בראָנפן. נאָכן „איבערכאַפּן", פלעגט ער פאַרטרינקען מיט די שענערע באַלעבאַטים אַ פּאָר קופליעס ביירישע־ביר און דערנאָך ערשט אַריינגיין אין גאָרקיך פון דער „גראָבער יאַכעט" מיט דער רויטער מאַלינע אויף דער נאָז, וווּ אַלע פורמאַנעס, טרעגער און שמוגלער פלעגן זיך צוזאַמענקומען.

די פּולטוסקער, סעראָצקער און אַפילו די פּעלצעווויזנער און פּראַגער שטאַרקסטע ווילע־יונגען, האָבן ממש געהאַט די ניכפּע פאַר אים, פאַר זיין בליק אַפילו. און ווי געשעצט איז ער געווען ביי אַלע באַלעגאַלעס, טרעגער און קצבים. אַברהם איז געווען דער שטאַרקסטער פון אַלע, אַז

אַפילו אין צווייען האָבן די שטאַרקסטע אים נישט געקענט לייגן אויף די לאָפּעטקעס.

דערפאַר האָבן אַלע אים גערופן:

אַברהם דער גיבור!

אַברהם דערמאָנט זיך, אַז איינמאָל, פאַרן פריזיוו, בעת ער איז פאַרבייגעגאַנגען פרידמאַנס הויז, אין וואַרשע, האָט ער געזען ווי פינף קרעמפּע טרעגער האָבן זיך געאָמפּערט ביי איין אייזערנע קאַסע. ער איז צוגעגאַנגען און האָט איינער אַליין זי אַרויפגעטראָגן ביז אויפן דריטן שטאָק. פאַר זיין טרחה האָט ער געהייסן באַצאָלן די פינף טרעגער. ער האָט בלויז אַקצעפּטירט אויסצוטרינקען מיט די יידישע טרעגער עטלעכע קופלעם ביר און אויפעסן אַ טוץ געקאָכטע האַרטע אייער און צווי הייסע קישקעלעך. ווען ער האָט נאָכדעם געפרעגט וויפל די קאַסע וועגט, האָבן די טרעגער אים געזאָגט, אַז פופצן פוד, אָדער צווי הונדערט און פערציק קילאָ.

דאָס לעצטע מאָל האָט זיך אַברהמען פאַרגלוסט אין פּראָגע צו פאַרפירן אַ קאַמף מיט דריי פּוילישע, גוישע אונטערוועלטניקעס און דערצו נאָך ענדעקעס. ער האָט זיך פאַרוועט מיט זיי, אַז אויב זיי זאָלן אין דרייען אים לייגן אויף די לאָפּאַטקעס, דאָס הייסט, אויף די פּלייצעס, אָבער בלויז מיט אייגענער פיזישער קראַפט, אָן דער באַנוצונג פון קיין שום געווער, וועט ער פאַרשפּילן זיינע בעסטע פאַר פערד און וואָגן. נאָר טאָמער וועט ער זיי באַזיגן, וועט ער באַקומען די דראָשקע מיט די צווי פערד פון יאַנעק ביענקאָסקי.

און גאָט האָט געהאָלפן, אַז ער, דער ייד, איז געווען דער שטאַרקערער. און ער האָט זיי אויסגעלייגט ווי די געבונדענע קעלבער פאַר דער שחיטה. נאָר די פּוילישע ענדעקישע כוליגאַנעס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן זייער אייגענעם אָפּמאַך און מיטן באַקאַנטן אַנטי-סעמיטישן אויסגעשריי: פאַרכעוואַטער ייד! אַ זונה איז דיין מאַמע! יידן קיין פּאַלעסטינע! האָבן זיי אים גענומען שלאָגן מיט די פויסטן. די אַנטיסעמיטן האָבן אים געוואָלט לייגן אויב נישט מיט נאַטירלעכער מענטשלעכער גבורה, איז דורך פאַרראַט. און ביי אים צונעמען זיינע ליבן-פערד מיט דעם נייעם גראַבאַוועץ וואָגן. איז אַברהם געוואָרן אין כעס און ער האָט איינעם געטון אַ האַסטיקן שטופּ. יענער איז געפאַלן מיטן קאָפּ אויף אַ נומערירטן קילאָמעטער-שטיין און איז געבליבן מיט אַ צעשמעטערטן מוח.

אַברהמס צווי לעבן-געבליבענע קעגנער האָבן זיך נישט אונטער-

געגעבן און פאַר דער שיין פון די מאַרק־לאַמטערן האָבן גענומען פינקלען צווי לאַנגע און גלאַנציקע מעסערס.

אַברהם האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון זיין וואָגן אַ דעמבענע קלאַניצע, מיט איר האָט ער די באַנדיטישע ענדע־קעס מכבד געווען, אַז זייערע קינדס־קינדער זאָלן געדענקען, אַז זיי האָבן אַמאָל געהאַט טאַטעס און זיידעס, וואָס האָבן געוואָלט דערהרגענען אַ פּולטוסקער ייד און צוראַבעווען זיין פערד און וואָגן...

עס האָט אַברהמען געוואַרט אייביקע קאַטאָרגע, ווייל דאָס איז שוין געווען דאָס פערטע מאָל ווי ער האָט באַוויזן זיין גבורה.

געשען איז דאָס אין יאָר 1907, ווען דער אַנטיסעמיטישער גענעראַל סקאַלאָן איז געווען גובערנאַטאָר פון דעם גאַנצן וואַרשעווער באַצירק און אומקרייז. און די צאַרישע יוסטיץ האָט געוואָלט באַווייזן איר „גע־רעכטיקייט" פאַר די ענדעקישע, באַנדיטישע אַנטיסעמיטן. דערפאַר האָט אַברהם צעבראָכן די גראַטעס פון געפענקעניש. ער האָט זיך צומאָל נישט געזעגנט מיט זיין ווייב פייגעלע. ער איז אַריבער די גרענעץ קיין דייטשלאַנד. און היות ער האָט ביי זיך געהאַט נישט מער ווי עטלעכע און זעכציק רובל מיט קאָפּיקעס וואָס יוסף אָגראָדניק האָט אים געגעבן, האָט ער דורך דער פאַרמיטלונג פון דער האַמבורגער קהילה, געקויפט אַ שיפקאַרטע קיין בוענאָס־איירעס.

— וואָס האָב איך שוין נישט אַדורכגעלעבט זינט איך בין אין דעם שיינעם און פרייען אַרגענטינע? און דאַכט זיך, אַ לאַנד ווו מענטשן פאַר־דינען גאָר אַ סך געלט. — האָט אַברהם אַ טראַכט געטון — יאָ, אָבער די וואָס פאַרדינען אַ סך געלט זענען נישט קיין אַרבעטער, ווינציקער נאָך שוואַרץ־אַרבעטער, ווי ער איז... נאָר ווער איז אין דעם שולדיק, אַז ער וויל זיך פּראָלעטאַריזירן? פייגעלע האָט אים תמיד געפלעגט זאָגן, אַז זי וואָלט צופרידענער געווען ווען ער וואָלט געווען אַ בעל־מלאכה, אַז זיין גוואַלדיקע גבורה וואָלט אים געפּאַסט צו זיין אַ שמיד ווי איר געלערנטער און פרומער טאַטע איז. צי אַ סטאָליאַר, אַזוי ווי איר פעטער יוחנן איז. און אויב נישט, איז כאָטש אַ פאַבריקאַנט... יאָ, פייגעלע איז גערעכט — האָט ער געטראַכט — אַברהם וויל שוין טאַקע מער נישט זיין קיין בעל־עגלה, קיין איזוואָשטשיק. ער וויל שוין מער נישט האָבן צו טון מיט קיין שום אונטערוועלטניקעס. אַ יאָ, די שעה זאָל נישט קומען, אויב עס וועט חלילה נויטיק זיין צו באַשיצן די יידישע הייליקייט, די יידישע ווערדע, וועט ער תמיד זיין גרייט... ווערן אַ סוחר, אַ פאַברי־קאַנט, האָט ער דאָך נישט קיין געלט. וואָס ער האָט דערהרגעט די דריי

פוילישע רוצחים-באַנדיטן, האָט אַברהם נישט קיין חרטה. הבאָ להרגיך, השכם להרגו! וואָרום, ווען ער וואָלט זיי נישט געווען אַוועקגעלייגט, וואָלטן זיי אים „צעטרייבערט”... און דאָס גאַנצע פוילישע שאַקאַלן־פאַרפוילאַכץ, די נ. ד. ק. און אַלע אַנדערע אַנטיסעמיטישע רופיאַנעס, גנבים און פרומע פראָסטיטוטקעס, וואָלטן נאָך אפשר געמאַכט אַ פאָגראָם אויף די אומבאַשיצטע יידן, ווי אויך אויף דעמאָקראַטישע, נישט יידישע, סאָציאַליסטישע פאָליאַקן?... נאָר אַזוי ווייסן כאָטש די וואַנדאַלישע רעאַקציאָנערן און שונא-ישראל אין אַלגעמיין, אַז די יידן האָבן אויך בלוט אין די אָדערן, אַז די יידן קענען אויך מכבד זיין מיט קלאָניצעס... — האָט אַברהם איבערגעטראַכט זיין איבערלעבעניש.

ביינאַכט, ווען אין זיין פאַרחושכטן צימער איז טאַקע חושך-פינצ־טער, דאָס כאָרכלעריי און כראָפעריי פון זיינע אָנגעהאָרעוועטע פינף מיטווינער ווערט אויסגעמישט מיטן גרילצעריי פון די אָן אַ צאָל גרילן און פישטשעריי פון די מייז, זעט ער אין זיין דמיון זיין זאָרגלאָז לעבן אין פולטוסק, ווו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן; ער זעט דאָס צאַרטע, הייליקע און צנועותדיקע פנים פון זיין פרוי פייגעלע. איר כשרע באַלעבאַטישקייט און ריינקייט. די ציכטיקע שטוב פון זיינע אַר־בעטזאַמע שווער און שוויגער. ער זעט ווי זיין שווער ר׳ אהרן, מיט דער שיינער גרויער באָרד, שטייט אין דער קוזשניע מיט אַ לעדערנעם פאַר־טוך אַרומגענומען און אַ שווערן האַמער אין דער האַנט און קלאַפט פלייסיק אין אַ פלאַקערנדיק אויף רויט אָנגעגליט גראָבע שטאַבע אייזן אויף דער קאָוואַדלע. ער זעט אין זיין דמיון ווי זיין פייגעלע בענטשט ליכט אַלע פרייטיק פאַרנאַכט; איין פרייטיק ביי זיך און דעם צווייטן פרייטיק ביי איר טאַטן, זיין שווער. ער זעט ווי איר פאָטער מיט דער פאַטריאַרכאַלער אַהרן הכהן-באָרד און אַטלעסענע קאַפאָטע, ווערט אום שבת עפעס גאָר אַן אַנדער מענטש, אַ צעשטראַלטער, פול מיט קדושה, עפעס גאָר אַ גאַנצער רבי... אַפילו ער, אַברהם אַליין, פלעגט אויך אין די שבתים און ימים-טובים פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַנדער מענטש, צוליב פייגעלען, צוליב זיין שווער און שוויגער. און דאָ, אין דער פרעמד, נישט קיין שבת, נישט קיין יום-טוב, נאָר אַרבעט און אַרבעט ווי אַן אייזל!...

קלעטערנדיק אַזוי מיט די ציגל אויף זיינע פלייצעס, קלערט ער ווידער וועגן זיין פייגעלע: — וואָס איז געשען מיט איר? פאַר וואָס שרייבט זי אים נישט? שוין איבער פיר חדשים ווי ער האָט נישט קיין בריוו פון איר. נאָר אַברהם טרייסט זיך: פייגעלע האָט דאָך גאַנצע 1400

קאָרבן, אַחוץ די חובות, וואָס מען איז אים שולדיק. דאָס הויז, די פערד און וועגענער וואָס זענען ווערט אַ מאַיאָנטעק... און איר טאַטע־מאַמע, זאָלן לעבן און געזונט זיין...

פּלוצים האָט אַברהם דערפילט אַ דרעשטש איבער אַלע גלידער. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ בריוו וואָס דער פּעלצעוויזנער קעשענע־גנב איגנאַץ באַזשעמניאַק האָט אים געשריבן, אַז ווען פּאָליציי איז געקומען אים אַרעסטירן, האָבן זיי, דאַכט זיך, געפונען די 1400 רובל. אַז די פערד און וועגענער האָבן זיינע בעסטע גוטע ברידער צוגעלקחנט. און אַז טאַקע נאָר אַ מערכה פאַר די פּאָר רובל וואָס פייגעלע האָט אָפּגענומען ביי דוויד אָגער, ביי הערש טיגער און די עטלעכע רובל וואָס ער, איגנאַץ באַזשעמניאַק האָט איר געבאָרגט, זשיוויעט זי זיך. אַלע אַנדערע זיינע בעסטע גוטע ברידער, די „אָרנטלעכע״, האָבן אים פאַרראַטן און ווילן אַפילו קיין קאָפּיקע אויך נישט אָפּגעבן.

עס רייסט אַברהמען ממש ביים האַרץ. ער נעמט מעכאַניש אַרויס פון דער קעשענע דעם לעצטן בריוו פון פיר מאָנאַטן צוריק, וועלכן ער האָט שוין אפשר טויזנט מאָל איבערגעלייענט. אַברהם קושט דעם בריוו און שעפּטשעט צו זיך שטילינקערהייד: אַזאַ מין שיינע האַנטשריפט זיין פייגעלע האָט, פאַרמאָגט דאַכט זיך, קיינער נישט, אין דער גאַנצער וועלט. און ווי קלוג און זאַכלעך זי שרייבט עס, הגם זי איז יונגער פון אים מיט גאַנצע אַכט יאָר. אַ פולשטענדיקע רעדאַקטאָרשע געוואָרן!... און פאַר וואָס שרייבט זי טאַקע נישט מער? מחשבהט אַברהם, איז פייגעלע נישט אַמאָל חלילה קראַנק? — קלערט ער מיט צער. און אפשר גאָר?... אַ, ניין, דאָס נישט... אַברהם קען גוט זיין פייגעלע. זי איז אַן אמתדיקע, אַן עכטע כשרע יידישע טאָכטער און זי וועט נישט פאַרראַטן. אפשר זיצט זי גאָר אין פּאַוויאַק אויף זיין אָרט? — האָט אַברהם ווידער אַ בליציקן טראַכט געטון — אויף דער קאָרומפּירטער און אַנטיסעמיטישער צאַריסטישער יוסטיץ איז דאָך אַלץ צו גלייבן. ווי רעאַקציע און אָפּגעשטאַנענקייט דאָרט איז יידנהאַס. און די שלאַכטעצקע פּוילישע ריכטער זענען אויך פּונקט אַזוי יושרדיק ווי די קאַצאַפּישע „שוואַרץ־מאַהניקעס״. אים, אַברהם קאָגוטן קומט דאָך אין דער אמתן קיין שום שטראָף נישט. אַז עס קומט וועך דיך צו הרגענען, פעדער זיך און הרגע אים — שטייט דאָך ערגעץ־ווו געשריבן, האָט אַברהם געהערט זאָגן, צי לערנען זיין שוועך ר׳ אהרן. און די יוסטיץ, אויב נישט קיין אַלקאָהאָליזירטע, אויב אַ דעמאָקראַטישע, און דערצו אַן אומפּאַרטייאישע, וואָלט דאָך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דער־הרגעט אויס זעלבסט־פאַרטיידיקונג.

עס זענען דאָך פֿאַראַן הונדערטער עדות וואָס האָבן בייגעוווינט דעם ספּעקטאַקולאַרן קאַמף. אָבער גיי און זוך יושר און גערעכטיקייט ביי שאַקאַלן און היענעס!

אַ שטראָם היים בלוט איז אַבֿרהמען פֿלוצים אַריין אין פּנים: וואָס וואָלט געשען ווען מע זאָל אים דאָ אַזוי דערקענען? וואָלט מען אים צוריק געשיקט קיין כוליגאַנישן, אַנטיסעמיטישן פּוילן? און וואָס וואָלט געוואָרן מיט איר, מיט פֿייגעלען און מיטן אומשולדיקן קינד וואָס זי טראָגט אונטערן האַרץ? וואָלט ער זי דאָרט כאַטשע געזען? אויטאָמאַטיש טוט אַבֿרהם זיך אַ טאַפּ די קעשענע פֿון זיינע הויזן. — מען זאָל נאָר נישט צוגנבֿענען אים די פּאָר טאָלער, אָדער ער זאָל זיי חלילה נישט פֿאַרלירן. ער האָט לכתחילה געמיינט, אַז בלויז וואַרשע האָט גענייטע לקחנער (גנבֿים)...

ביינאַכט, ליגנדיק אויפֿן שער-בעטל (קאַטרע), האָט זיך אַבֿרהמען געחלומט, אַז די „לאַפּאַצעס" (פּוילישע געהיים-פּאָליציי) נעמען אים אַ געקייטלטן און פֿירן אים אַוועק קיין טיערראַ דעל פֿועגאָ (פֿייער-אינדזלען), און פֿאַרשפּאַרן אים אין דער אוסואַיער געפֿענקעניש. אַבֿרהם כאַפּט זיך אויף אַ פֿאַרטשמיעלעטער. ער זעצט זיך אויף און דערמאָנט זיך, אַז ער געפֿינט זיך ביי זיך אין צימער. ער גיט אַ שמייכל: אַזאַ מין נאַרישער חלום, אַ משונהדיקער!.. ער קוקט זיך אַרום נאָכאַמאָל צו די אַנדערע פֿינף מיטוווינער שלאָפֿן און ער טוט אַ טאַפּ די קעשענע פֿון זיינע הויזן, וואָס ליגן אונטער זיין קישן. אַבֿרהם ווערט ווידער אַנטשלאָפֿן. עס חלומט זיך אים אַז פּראַגער זשאַנדאַרן יאָגן זיך נאָך אים. ער כאַפּט אַ דעמבענע קלאָניצע און וויל דערלאַנגען זיינע פֿאַרפֿאָלגער. ער קען אָבער נישט, ווייל ער האָט נישט זיינע לאָקן. אין פּאַוויאַק האָט מען אים אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ פּונקט אַזוי ווי דלילה שמשונען. ער וויל אַנטלויפֿן, קען ער אָבער נישט. זיינע פֿיס זענען ווי געליימטע... ער כאַפּט זיך אויף. אָבער די מידקייט פֿאַרשלעפּערט אים ווידער. עס חלומט זיך אים ווידער. אַז וואָלינער סטראַזשניקעס (פּאָליציאַנטן) זענען געקומען אַרעסטירן פֿייגעלען. נאָר זי לאָזט זיך נישט. זי דראַפּעט, רייסט און בייסט ווי אַ לייביכע. נאָר אים, אַבֿרהמען, האָבן זיי געבונדן מיט גראָבע שטריק. ער וויל זיי צערייסן. ער קען אָבער נישט. סע פֿעלן אים די שוואַרצע לאָקן...

יאָ, פֿייגעלע לאָזט זיך נישט נעמען. זי ראַנגלט זיך, זי בייסט, דראַפּעט ווי אַ פּאַנטער און קלאַפּט מיט אַ דעמבענע קלאָניצע איבער זייערע קעפּ, און זי ווערט זיך ווי אַן אמתדיקע יהודית... אַלץ נאָר צוליב

אים, ווייל זי האָט אים ליב, ווייל זי איז אַ כשרע יידישע טאָכטער. דערוויל האָט ער צעריסן די קייטן. און טאַקע ווי שמשון, האָט ער אָנ־געמאַכט אַ גוואַלדיקן חורבן אין די כוליגאַנישע רייען...

טאָג נאָך טאָג גייט אַברהם אַרום אַלץ מער פאַרדאַגהט, אַלץ מער פאַרזאָרגט און מרה־שחורהדיקער. וואָס ווירקט אויך אויף זיין פיזישן צושטאַנד. הויפּטזאַכלעך פאַרוואָס פייגעלע שרייבט אים נישט קיין בריוו שוין אַזאַ לאַנגע צייט. יעדן חודש שיקט ער פייגעלען צען רובל (צוועלף אַרגענטינער פּעזעס) צום בוכניקער רב. אויף די ערשטע פינף בריוו האָט ער באַקומען ענטפער. אָבער אויף די לעצטע צען בריוו איז קיין שום ענטפער נישט געקומען.

צוליב דעם, צוליב דער גוואַלדיקער בענקשאַפט, קען ער נישט גוט עסן, נישט גוט שלאָפן. און ווערט וואָס אַמאָל אַלץ מאָגערער און שוואַכער.

אַברהם ווייסט אָבער נישט פון וואַנען עס קומט די מניעה. ער מיינט, אַז צוליב דער שווערער פּראַצע פון צען און עלף שעה יעדן טאָג. און אַברהם טראַכט: בין איך דען שוין אַזוי געפאַלן אַז אַ ביסל ציגל זאָלן מיך מיד מאַכן? איך בין נישט געלערנט, האָב נישט קיין פאַך אין האַנט און קיין געלט אויך נישט, מוז איך דערוויל אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן. לאָמיך נאָר קענען גוט דאָס מוליאַרסקע פאַך און דאָס אַרגענ־טינער לשון. נו, נו...

ער קען שוין דאַכט זיך נישט טראָגן מער ווי צען ציגל שטאָקן אַרויף, און טראָגט נאָך אַלץ צו פּופּצן אויף אַמאָל. ער איז שוין ממש נישט צו דערקענען און דאָך אַרבעט ער פלייסיק. ער פאַרדינט שוין גאַנצע זעקס פּעזעס מיט פופציק סענט דעם טאָג. ער האָט שוין אָפּגע־שפּאָרט צוויי הונדערט פּעזעס, און שיקט נאָך אַלץ נישט נאָך פייגעלען. ער וואַרט אויף פייגעלעס ענטפער. אויך וואַרט ער, ביז ער וועט האָבן מער געלט, וועט ער זי אַריינעמען אין אַ שיינער דירה מיט מאָדערנע, שיינע מעבל...

דערוויל האָט אַברהם קיין נאַכט נישט געקענט שלאָפן, די לעצטע אַכט מעת־לעת. ער פלעגט רק טראַכטן וועגן די עטלעכע הונדערט פּעזעס וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט און טראָגט ביי זיך אין קעשענע.

יאָ שיקן, נישט שיקן? פייגעלע ענטפערט נישט אויף זיינע בריוו און אויך נישט אויפן געלט...

די לעצטע צייט בענקט זיך אַברהמען עפּעס אַזוי שטאַרק. אונטערן

האַרץ קלעמט אים עפּעס אַזוי נאָגנדיק, און אין מוח — אַ קנויל. זאָל נאָר נישט האָבן עפּעס געשען חלילה וחס? אַ, יאָ. פייגעלע האָט דאָך געשוואַנגערט. עס האָבן געפעלט בלויז פינף מאָנאַטן זי זאָל געלעגן ווערן. און ניין חדשים איז ער דאָ אין אַרגענטינע. פונקט פיר מאָנאַטן ווי פייגעלע שרייבט נישט...

ווער ווייסט וואָס עס איז געשען?

אַברהם וואַרפט זיך אַליין פאָר, פאַר וואָס ער איז אַנטלאָפן און געלאָזט פייגעלען אַליין. אויב ער איז געווען דער שטאַרקסטער פון דאָרט, האָט ער אפשר געדאַרפט טון ווי שמשון און זאָגן: תמות נפשי עם פלישתים? אָבער ניין. אַז פאַלן, איז כדאי צוליב עפּעס אַ גוואַלדיק גרויסע זאַך. אָבער נישט צוליב דריי פאַרכעוואַטע אַנטיסעמיטן.

יענעם טאָג האָט אַברהם זיך אויפגעהויבן פריער ווי אַלע מאָל. ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט מיטן פעסטן באַשלוס, אַז באַלד נאָך דער אַרבעט וועט ער גיין צו מיסלערס אַגענטור קויפן אַ שיפקאַרטע פאַר פייגעלען און אויך איר שיקן געלט אויף רייזע־הוצאות.

די יאַנואַר־זון, אַ גרעסערע ווי תמיד, פאַרשלייערט מיט אַ פלאַקערנדיקן אָרעאָל, האָט געשרפעט מיט אַ פייכט פייער. קיין שום ווינטעלע, קיין ריר פון אַ בלעטעלע. דאָס וואַסער פון די קראַנען האָט דאַכט זיך, געזידט. די פייגעלעך וואָס זענען געזעסן אויף די ביימער צווישן די פאַרוועלקטע בלעטער און בלומען, האָבן געהאַלטן אָפן זייערע שנאָבלען און צעשפרייטע פליגלען. מענטשן זענען געגאַנגען שיטער, בלויז אין שאָטן. פערד זענען געפאַלן אויפן ברוק פון זון־שטיך. עס איז געווען שווער צו אָטעמען. ממש אַ שוויץ־באָד פון פייערדיקע זון־שטראַלן.

אַברהם איז געגאַנגען מיט אַ גאַנצער פיראַמידע ציגל אויף זיינע פלייצעס, העכער, נאָך העכער.

די אויפזעער שרייען הייזעריק, שפיציק, קוויטשעדיק. זיי יאָגן די פאַרהאָרעוועטע אַרבעטער. אַברהם יאָגט זיך אַליין. ער וויל געפעלן ווערן בכדי מען זאָל אים דערלייגן נאָך אַ פאָר פעזעס. די פאַרסאַפּעטע, פאַרשוויצטע אַרבעטער, איטאַליענער, טשעכן, יעקעס און יוגאָסלאַוון, אַרבעטן ווי די אויטאָמאַטן. נאָר אַברהם יאָגט זיך מער ווי אַלע. ער וויל אָנטראָגן גענוג מאַטעריאַל פאַר די מוליערס, מחמת ער וויל וואָס פריער ענדיקן די אַרבעט און גיין איינצאָלן פאַר די שיפקאַרטע און אויך שיקן פייגעלען אויף רייזע־הוצאות.

שוין נישט מער ווי אַ שעה פאַרן אָוועקלייגן די אַרבעט, האָט

אַברהמס אַ מיטווינער, פּינחס, אים געבּרענגט אַ בריוו פון פייגעלען. נאָר אַזוי ווי דער דייטשער אויפזעער קורט שווינענשוואַנץ און זיין געהילף גערענימאַ בעלאַגאַמבאַ האָבן אים נאָכגעקוקט און אָנגעקוואָלן פון זיין אויסטערלישער גבורה, האָט ער נישט געקענט זיך אַנידערשטעלן לייענען און ער האָט אַריינגעלייגט דעם בריוו אין אַ קעשענע פון זיינע הויזן.

אַברהם האָט גלייך פאַרגעסן אין זיין אָנגעהאָרעוועטקייט. אַן אויפגעלעבטער און אויפגעהייטערטער, האָט ער געשטעלט גרויסע טריט, גאָרן אַרויף, גאָרן אַראָפּ, העכער, נאָך העכער, נידעריקער, נאָך נידעריקער. גייענדיק אַרויף מיט אַ סטויג ציגל פון איין טרעפּ אויף דער צווייטער, פון איין רושטאָוואַניע אויף אַ צווייטער, האָט אַברהם אַ טראַכט געטון: אַ גרויס גליק האָבן די צוויי עמלקים־שוטרים וואָס ער איז איצטער אַזוי געענגט און געפאַלן ביי זיך. אויב נישט, זיין גרויס בענקעניש צו זיין פייגעלע און צו זיין קינד וואָס ער קען נאָך נישט, וואָלט ער זיי ביידע אָנגעלערנט...

אַברהם האָט מיט זיין האָריקער האַנט, רויט פון ציגל־שטויב, זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים און שטערן. ער האָט אַ ברום געטון צו אַ צווייטן פּעאָן, אַז ווען ער וועט פאַרענדיקן די אַרבעט, וועט ער בעטן פאָרן אין טראַמוויי צו מיסלערס קאַנטור, איבערלייענען פייגעלעס בריוו. בינו־לבינו האָט ער אויטאָמאַטיש זיך אַ טאַפּ געטון די קעשענע צו זען צו דאָס געלט ליגט צוזאַמען מיטן בריוו.

— אוי ווי, אַן אומגליק! מ'האָט ביי אים צוגעגנבעט דאָס גאַנצע געלט: צוויי הונדערט פּעזעס פון פריער, און אויך די הונדערט און צוואַנציק פּעזעס וואָס ער האָט באַקומען אויסגעצאָלט נאָך מיטיק. גאַנצע דריי הונדערט און צוואַנציק פּעזעס...

פון גרויס איבעראַשונג האָט אַברהם אַראָפּגעלאָזט דאָס ברעטל מיט די ציגל וואָס זענען צוזאַמען מיט אים אַראָפּגעפאַלן פון דער זיך וויגנדיקער רושטאָוואַניע פון צוויי שטאָק הויך. צוזאַמען מיט אַברהמען, זענען מיטגעפלויגן נאָך צוויי פאַרשמאַיעטע ציגל־טרעגער, וועלכע זענען נאָכגעגאַנגען אַברהמס פוסטריט.

די גיכע הילף האָט זיי אַלע דריי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל ערנסט צעקלאַפּטע, אָבער נישט געפערלעכע. דאָס איז, ווייל זיי זענען נישט אַראָפּגעפאַלן דירעקט פון צווייטן שטאָק, נאָר פון רושטאָוואַניע אויף רושטאָוואַניע. ווען די קראַנקן־שוועסטער האָבן צוגענומען די מלבושים פון די פאַרווונדעטע, האָבן זיי געפונען אין אַ געהיימער קעשענע פון

אַברהמס הויזן די דריי הונדערט און צוואַנציק פּעזעס. און אין אַ צוויי־טער קעשענע פּייגעלעס בריוו. זי שרייבט אים, אַז שוין פינף מאָנאַטן ווי זי איז מיט גאָטס הילף געלעגן געוואָרן מיט אַ פּרעכטיק יינגעלע, אינגאַנצן ענלעך צו אים, צו אַברהמען. זי איז געלעגן אין יידישן שפּיטאָל זייער קראַנק, איבער דריי חדשים.

זי האָט פאַרקויפט דאָס הויז, פערד און וועגענער. אין 8 טעג אַרום וועט זי זיין אין בוענאָס־איירעס. זי פאָרט מיט דער שיף קאַפּ ווילאַנאָ. זי האָט 15 טויזנט רובל וואָס זי האָט פונעם פאַרקויף און פון די חובות וואָס אַלע יידישע גוטע ברידער האָבן איר אָפּגעגעבן.

איגנאַץ באַזשעמיאַק איז נישט געווען אַ פּשוטער גנב, וועלכער שטעקט אַריין צוויי לאַנגע פינגער ווי אַ צווענגל אין יענעמס קעשענע, ניין. איגנאַץ באַזשעמיאַק, וואָס זיין יידישער נאָמען איז יצחק נאַסלעדי, איז ראשית־כל אַן אמתדיקער קינסטלער אין זיין פּראָפעסיע, ווי אויך אַ מענטש מיט געווּיסן. איידער ער האָט אַרויסגעשלעפּט יענעמס בייטעלע, אָדער זייגערל, האָט ער פריער גוט חוקר ודורש געווען צי דער קרבן איז אַ רייכער, צי נישט. נאָר טאָמער האָט ער דאָך געהאַט אַ טעות, ער האָט, הייסט עס, באַגנבעט אַן אָרימע אַלמנה, כלה, יתומה, צי גאָר אַזוי אַן אָרעמען „זעקל־ייד" (אַ פּראָווינצער), פלעגט ער אָפּגעבן די גניבה. און טיילמאָל נאָך אַריינלייגן זיינס אַ קערבל. און טייל־מאָל מער אויך.

איגנאַץ באַזשעמיאַק האָט געשמט פאַר אַ פרומען און ערלעכן ייד, אַ למדן ממש. קיין שוטה איז ער נישט געווען. ער האָט געקענט זאָגן אַ געשמאַק גלייכווערטל, אַ קיצלדיקן, געפעפער־וויץ, ווי אויך אַ דבר תורה.

צוליב אָט די טוגנטן זיינע, האָט ער געקענט זיך אַריינשמוגלען צווישן די אומפאַרזיכטיקע פּראָווינצער סוחרים, וואָס זענען געפאָרן אין די באַנען, דראָשקעס און בוידן. ער פלעגט אויך באַאַרבעטן די פרומע, רייכע יידן אין די שילן, בתי־מדרשים, אין די אַכסניות און מקוואות.

די פרומע, כשרע ווייבער און אַ סך זייער פרומע יידן וועלכע ער האָט באַגנבעט און צוריק אָפּגעגעבן די גניבה, מיט אַ „ממזרל", פאַר אַ צוגאָב, האָבן אים ממש פאַרגעטערט. איידער ער האָט די גניבה צוריק אַריינגעלייגט יענעם אין קעשענע, פלעגט ער דעם באַגנבעטן קוקן גלייך אין די אויגן ווי אַ היפּנאָטיקער און אויף די דלאָניעס פון די הענט. דאָס האָט געהייסן, אַז ער האָט געקענט חכמת הפּרצוף און חכמת היד (כי־ראָמאַנטיע). ער האָט געזאָגט נביאות, אַז די גניבה וועט געפונען ווערן...

אַז איגנאַץ באַזשעמיאַק איז אַ ספּריטנער, קעשענע-גנב, האָבן נאָר געוווּסט זײַנע גאָר נאָענטע פּאַך-קאָלעגן, וואָס זיי פלעגט ער ברענגען פון כּל-טוב. מחמת עס האָט אים נאָך קיינער נישט געכאַפּט ביי דער האַנט, און ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַרעסטירט. עס האָט אויס-געזען, ווי דער ריבונו של עולם אַליין האָט אים געבענטשט, און אים מצליח געווען אין זײַן גניבהשער פּראָפעסיע. ביי באַקאַנטע, ווו ער פלעגט אָפּט אַריינקומען, האָט גאָלד און בריליאַנטן זיך געמעגט אַרומ-וואַלגערן אויפן דיל. ער פלעגט זאָגן צו זײַנע נאָענטע: דער וואָלף, וועט קיינמאָל נישט איבערפאַלן די זייניקע און אויפפרעסן זייער פּאַרציע פליייש. אפילו דער שטשור וועט אויך נישט אַנשמוצן אין זײַן אייגענער גניאזדע (נאָרע).

אַ זעלטן שיינער מענטש איז געווען דער פעלצעוויזנער קעשענע-גנב, איגנאַץ באַזשעמיאַק. הויך און שלאַנק ווי אַן עץ-הדעת, מיט גע-דיכטע, העל-שאַטינע האָר. אַ שיין און ציכטיק יעזוס-בערדל און גרויסע מלאך רפאל כאַבער-בלויע אויגן. האַלב-רייפיקע טונקל-שאַטינע ברעמען, וואָס האָבן אימפּרעסיאָנירט נישט נאָר יונגע מיידלעך און ווייבלעך, נאָר אַפילו מאַמעס און באָבעס, וואָס האָבן אים נאָר געזען.

איגנאַץ באַזשעמיאַק איז אויך געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קעגן דעם צאַרס בלוטיקער הערשאַפט, פּונקט אַזוי ווי דער אידעאַליסטישער אַברהם קאַגוט. ווו און ווען מ׳האָט נאָר געדאַרפט, האָט איגנאַץ באַזשעמיאַק געקענט זייער גוט „אויפטרע-נען" דעם בויך פון אַן אַנטיסעמיטישן, צי יידישן שפּיאָן. ער פלעגט פּונקט אַזוי ווי אַברהם קאַגוט צעפלעטן דעם מוח מיט אַ קלאָניצע פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, ייד צי קריסט. ביינאַכט איז ער אויך געווען אַ שטיק אַסטראָלאָג. „ליסאַ קאַפּלאַנאַ" (די לבנה שיינט, אויפן גניבהשן לשון) פלעגט ער זאָגן צו זײַנע תּלמידים, אַז עס איז געווען אַ געפאַר צו מאַכן אַ „שטיקל אַרבעט". איגנאַץ האָט זיך נישט גערירט פון אָרט אָן זײַן צוויי-שאַרפיקן קינזשאַל. ער פלעגט זאָגן: עס איז תמיד בעסער מיין קינזשאַל אין אַנטיסעמיטישן מערדערס בויך, איידער זײַן מעסער אין מיין בויך...

אַלע ווייבלעך און מיידלעך וואָס האָבן געהאַט די מינדעסטע מגע-ומשא מיט דעם פעלצעוויזנער גנב איגנאַץ באַזשעמיאַק, האָבן אים ממש פאַרגעטערט. אַ חוץ בלויז איין איינציקע פרוי וואָס האָט אים פיינט גע-האַט פּונקט אַזוי ווי אַן אמתדיק פרומער ייד האָט פיינט חזיר, איז געווען די זעלטן-שיינע און עכט צניעותדיקע פייגעלע, אַברהם קאַגוטס פרוי.

איגנאַץ באַזשעמיאַק, אַדער יצחק נאַסלעדי, איז געווען פאַרליבט ביז איבער די אויערן אין דער שיינער פייגעלע, דעם רויטן קאַוואַלס טאָכטער פון פולטוסק, נאָך פון דעמאָלט ווען זי איז געווען אַ מיידעלע פון צוועלף יאָר, בעת זי איז געווען אין פּעלצעוויזנע ביי איר פעטער ר' בנימין שוחט. איגנאַץ איז ממש נאָכגעגאַנגען אירע פוסטריט. ער האָט זי אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. ווען זי איז געגאַנגען אין דער פרי אין דער פּאַווישעכנער שקאָלע און נאָכמיטיק אין דער יידישער שול, אַז קיין אַנטיסעמיטישער שגץ זאָל זי נישט שלאָגן. און אַז אַפילו אַ יידיש יינגל זאָל איר נישט זאָגן עפּעס אַ בייז וואָרט.

חדשים און יאָרן זענען אַריבער. פייגעלע האָט געענדיקט גימנאַזיע און אויך נאַציאָנאַלע יידישע שולע. זי האָט זיך גראַדווירט ווי אַ יידי־שע לערערקע. זי איז אַריינגעפאַלן אין טורמע צוליב אַ סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע, וואָס אַ שפּיאָן, אַ פּראָוואָקאַטאָר, האָט ביי איר געפונען. דאָרט האָט פייגעלע זיך באַקענט מיט דעם אַטלעטישן אַברהם קאַגוט, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן נאָכדעם ווי ברוך שולמאַן האָט גע־הרגעט דעם פּאָליציי־שעף קאָסטאַנטינאָוו. פייגעלע האָט זיך פאַרליבט אין דעם שיינעם און העלדישן אַברהם און קורץ נאָכן אַרויסגיין אויף דער פריי האָבן זיי חתונה געהאַט.

ווען איגנאַץ באַזשעמיאַק איז געוווּיר געוואָרן, אַז זיין אויסדער־וויילטע האָט חתונה געהאַט מיט אַברהם קאַגוט, האָט ער אויפגעשוי־דערט און געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד. מיין פייגעלע, מיין פייגעלע! — האָט ער געריוועט. אמת טאַקע אַז מיין יוגנט־חבר אַברהם קאַגוט איז אַ זון פון אַ ייד אַ בן־תורה און אַ גביר דערצו נאָך. איך בין דאָך אָבער אויך נישט אַבי ווער!... אין מיין משפחה זענען פאַראַן סופרים, רבנים, סוחרים און שוחטים. מיין „פּראָפעסיע", דאָס איז דאָך אַ גזר מין השמים. און קיינער ווייסט נישט, דאַכט זיך, אויסער דעם ריבונו של עולם, אַז איך בין אַ גנב. אַלע ווייסן, אַז איך בין אַ סוחר, מעקלער, קאָמיסיאָנער און פאַבריקאַנט. אַז איך לקחן גאָר? דאָס האָט דאָך גאָט אַליין מיר צו־געשיקט דורך אליהו הנביא אַ כשרע מציאה... אַ סימן, קיינער האָט מיך נאָך נישט געכאַפּט ביי דער האַנט. אַלע ווייסן, אַז איך בין אַ פרומער און ערלעכער ייד. און אַברהם קאַגוט וואָס איז? אַ בעל־עגלה נישט מער. זיין טאַטע איז טאַקע אַ שיינער ייד, אַ גרויסער גביר און אַ בן־תורה דערצו. נו, טאַ וואָס איז? ער האָט זיך געלערנט, קען ער... און ער, אַברהם, הם? נו, ווו איז יושר? און אַז אַברהם איז געווען ברוך שולמאַנס אַ חבר, טאַ וואָס איז? מה רעש? אַברהמס גאַנצע קענטעניש איז נישט

מער וואָס ער האָט דורכגעלייענט עטלעכע סאָציאַליסטישע ביכלעך. ווי אויך פּרצן, ש. עליכמען, מענדעלען, עדעלשטאַט און אַנדערע ביכלעך. אָבער איך, איגנאַץ באָזשעמיאַק, איך האָב געלערנט סיי אין גימנאַזיע ווי אין ישיבה. ווען איך וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט איך אַפילו אַ רבי אויך געקענט זיין. אַן אַדוואָקאַט און אַ דאָקטער אויך. אַז איך בין אַ קעשענע־גנב, טאָ איז וואָס? דאָס איז דאָך אַ גזר מין השמים!.. גאָט ברוך הוא זאָל נישט וועלן וואָלט איך זיכער קיין גנב נישט געווען. און אַ סוחר וואָס איז? נישט קיין גנב? דער אונטערשייד איז בלויז, וואָס דער סוחר צאָלט פּאַטענט און באַגנבעט אַ וועלט אַ גאַנצע, און איך נישט, ווייל איך צאָל נישט קיין פּאַטענט. — האָט איגנאַץ באָזשעמיאַק גע־טראַכט און איבערגעטראַכט וואַכנדיק און אַפילו שלאָפנדיק...

כל־זמן אַברהם איז געווען אינדערהיים, אין פּולטוסק, האָט איגנאַץ נישט געוואַגט אַרויסצוּווייזן דעם מינדסטן ליבשאַפט־זשעסט צו פייגעלען, וואָס וואָלט געקאָנט דערוועקן אַ חשד ביי אַברהמען, וואָס וואָלט געקענט זיין פאַטאַל פאַר אים. דערפאַר האָט ער סימולירט גלייכגילטי־קייט צו איר. ער האָט געבערענגט אַ שיינעם גאָלדענעם זייגער פאַר אַברהמען, שוין אַ חודש נאָך דער חתונה, וואָס ער האָט צוגעגנבעט אין אַדנאָכם געשעפט, וואָס אין ראָג נייע וועלט און טאַטקעס, אין וואַרשע. ער האָט געטון אַלץ וואָס נאָר אין זיינע מעגלעכקייטן, בכדי צו נושא־חן זיין, און געווינען אַברהמס און פייגעלעס צוטרוי, און צו געפינען אַ גע־לעגנהייט: אולי ירחם? — האָט ער געטראַכט תחבולות, און געבעטן זיין גביבישן גאָט זאָל אים העלפן.

נאָכן בלוטיקן אינצידענט מיט די דריי אַנטיסעמיטישע ענדעקעס, וועלכע אַברהם קאַגוט האָט אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג דערהרגעט אין אַ נישט גלייכן קאַמף פון דריי מעסער־העלדן קעגן אים איינעם אַליין, האָט צעבראָכן די אייזערנע גראַטעס פון פּאַוויאַק און איז עוקר געווען קיין אַרגענטינע, — איצטער האָט באָזשעמיאַק געפונען די געחלומטע גע־לעגנהייט צו פּרוּוון, אפשר וועט דער בורא עולם העלפן און ער וועט גע־פינען חנזעליקייט אין די אויגן פון זיין אויסגעחלומט מיידל.

איגנאַץ האָט אין פייגעלעס פאַרצווייפלטער לאַגע געהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט: ער איז געגאַנגען פאַר איר אַ גאַנג, אָנגע־האַקט האָלץ צו ברענען, איר געבערענגט שטיינקוילן, געבראַכט קוואַל־וואַסער פון דאָמבראָווסקים ברונעם, צוויי וויאָרסט פון פּולטוסק; זאַמד אָנצושיטן אויף דער פּאָדלאָגע און אַלץ וואָס פייגעלע האָט זיך גענויטיקט. ער איז גוט געווען נישט נאָר צו פייגעלען, נאָר צו אירע עלטערן

אויך. אַז ער איז אַמאָל אַראָפּגעפאָרן קיין פולטוסק און געבליבן מיט אַן איבעריקן הונדערטער וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט אין בויד ביי אַ פאַרשלאָפענעם פּולקאָווניק, האָט ער געבערענגט שיינע מתנות פאַר פיי־געלען און אירע טאַטע־מאַמע. איבערהויפּט פאַר פייגעלעס פאָטער, ר׳ ירחמיאל, דער רויטער קאָוואַל. אַ חוץ אַנדערע זאַכן, האָט ער איינמאָל געבערענגט אַ מגילה אַ מתנה פאַר פייגעלעס טאַטן, וואָס ער האָט צוגע־לקחנט ביים לעמבערגער חסיד ר׳ שלמה קלוגערמאַן.

די מגילה איז געווען אַ יקר המציאות, אַן אמתדיקער אַנטיק. דער גנב האָט די מגילה געשאָנקען ר׳ ירחמיאלן, ווייל ער איז געווען אין זיין „שטיבל" בעל־תפילה, בעל־קורא און אין די ימים נוראים בעל־תוקע אויך. אין זיין, ר׳ ירחמיאלס פּריוואַטער שטוב, ווו עס פלעגן דאַווענען די נישט צופרידענע בעלי־מלאכה, טרעגער און בעל־עגלות.

די אַלע מתנות וואָס איגנאַץ באָזשעמיאַק האָט געבערענגט פאַר פיי־געלען און אירע נאַיווע עלטערן, און אַלץ וואָס ער פלעגט טון פאַר זיי, איז געווען מיט דער גרעסטער איידלקייט, כדי נישט צו דערוועקן ביי קיינעם דעם מינדסטן חשד וועגן זיינע בייזע כוונות, אַז ער איז אויסן עפּעס צו גענימען.

ביסלעכווייז אָבער, האָט ער פייגעלען גענומען אויפוויזן, אַז ווען זי וואָלט געווען זיין פרוי אָנשטאָט אַברהמס, וואָלט זי צו אַזאַ מין אומ־גליק נישט געווען געקומען. ער וואָלט זיך געמאַכט אַ שיין שניט־געשעפט מיט אַ באַקוועמער דירה, ווו זיי ביידע וואָלטן געלעבט ווי די טויבן אין אדם הראשונס גן־עדן. ער וואָלט געווען אַן אָרנטלעכער און ערלעכער סוחר, פּונקט אַזוי ווי איצטער. ער וואָלט אפשר גאָר געוואָרן אַ פאַברי־קאַנט פון כינעזישן זייד. ער וואָלט ראשית־כל פאַרקויפט דאָס הויז און אַלע אומנויטיקע זאַכן, ווייל עס איז תמיד בעסער צו זיין אַ רייכער לאָ־קאַטאָר, איידער אַן אָרימער באַלעבאָס פון אַ הויז וואָס ברענגט נישט אַריין קיין שום אַנדערן רווח ווי נאָר דעם מאַגיסטראַט און ווייטיק מיט יסורים דעם אַביוואַטעל (באַלעבאָס).

דערווייל זענען אַריבער טעג און וואָכן. אַז פייגעלע האָט מיט גליק פאַרקויפט די פערד און וועגענער, זי האָט זיך אַריבערגעפּעקלט קיין פעלצעוויזנע צו איר פעטער ר׳ בנימין שוחט, האָט איגנאַץ באָזשעמיאַק געמיינט, אַז דאָס האָט זי געטון צוליב אים, ווייל זי וויל זיין נאָענט צו אים. אַ פרוי איז תמיד פאַלש דעם אייגענעם מאַן, בעת ער איז אָפּ־

ווענדיק — האָט איגנאַץ געטראַכט — „אשה רע מר ממות״ — האָט דאָך שלמה המלך געזאָגט מיט קנאַפּע דריי טויזנט יאָר צוריק.

נאָר דער אמתדיקער מאָטיוו פון פייגעלעס קומען קיין פּעלצעווינע צו איר פעטער איז געווען, מחמת זי האָט געוואָלט זיין ווייט פון פּול־טוסק, ווו אַלע האָבן זי געקענט, און די אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן האָבן זי כסדר נאָכגעשפּיאָנירט, בכדי צו כאַפּן עפּעס אַ ידיעה ווו איר מאַן אַברהם געפינט זיך.

ווי אַלע אין פּולטוסק ווייסן, איז דאָך פייגעלע געלעגן געוואָרן אויפן פינפטן חודש נאָך אַברהמס אַנטלויפן פונעם פּאָוויאַק, און זי איז עטלעכע מאָנאַטן געווען זייער קראַנק אין יידישן שפּיטאָל אין וואַרשע. און דער איינציקער מענטש אַ חוץ פייגעלען וועלכער האָט געוווּסט אַברהם קאַגוטס אַדרעס, איז געווען דער בוכניקער רב ר׳ וועלוועלע, מער קיינער נישט. צוליב פאָרזיכטיקייט, פלעגט פייגעלע קיינמאָל נישט באַלייגן אַ בריוו צו אַברהמען, נאָר זי פלעגט אים אָוועקטראָגן צו ר׳ וועלוועלען און ער האָט דעם בריוו אָוועקגעשיקט וווּהין מ׳האָט געדאַרפט.

דאָס זעלביקע האָט אויך געטון איגנאַץ באַזשעמיאַק. ער האָט גע־פּועלט, אַז ר׳ וועלוועלע זאָל צונעמען זיינס אַ בריוו און אָוועקשיקן צו אַברהמען. אין דעם בריוו האָט ער עס טאַקע אַזוי באַרעדט אַלע אָרנט־לעכע און ערלעכע יידן, וואָס האָט גורם געווען אַברהמס אַקצידענט. דער בריוו איז געווען אַ נקמה־אַקט, ווייל די ערלעכע פייגעלע האָט מיט עקל אָפּגעוואָרפן זיינע טובות צוזאַמען מיט זיינע עראָטישע אינסינואַ־ציעס און ליבשאַפט־דערקלערונגען.

בינו־לבינו איז פייגעלע אַרויס פון שפּיטאָל מיט אַ מלאכימדיק יינגעלע, און זיך צומאָל נישט געזעגנט מיט איגנאַצן. זי איז פּלוצים אַוועק צוריק קיין פּולטוסק צו אירע טאַטע־מאַמע, פּונקט אַזוי ווי די שוואַלבן, ווען זיי דערשפּירן דעם אָנקומענדיקן פרילינג דאָרט, פון וואַנען זיי זענען פריער אַוועק. אין פּולטוסק, ביי אירע טאַטע־מאַמע, איז פייגעלע גאָר גיך צוריק געקומען צו די כוחות. איר זונדעלע איז געוואָרן שענער פון טאָג צו טאָג. אַזוי, אַז פייגעלע האָט געקענט זיך צוגרייטן צו דער רייזע צו איר אַברהמטשען.

דעם זעלביקן טאָג וואָס פייגעלע מיט איר קינד איז אויפגעזעסן אויף דער שיף וואָס האָט זיי געפירט קיין אַרגענטינע צו איר אַברהמען, איז אָנגעקומען אַ פאַרשפּעטיקטע טעלעגראַמע צו ר׳ וועלוועלען פאַר פיי־געלען, אַז אַברהם איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ רישטאָוואַניע פון אַ גוואַלדי־

קער הייך און ווער ווייסט צי ער וועט דערלעבן ביז מאָרגן. יענדזשעי דזשעווקאָווסקי, אַן אַסימילירטער עסטרייכישער ייד, ער איז געווען איינער פון די פינף אַברהמס מיטוווינער אין זעלביקן צימער, האָט מיטגעטיילט די ידיעה.

יענדזשעי דזשעווקאָווסקי איז געווען אַברהמס פּאַרטרויונגס-פריינט. זיי ביידע פלעגן תמיד גיין צוזאַמען שפּאַצירן אין זאָאָלאָגישן און באָטאַנישן גאָרטן. זיי פלעגן גיין צוזאַמען אויף די פּיקניקס וואָס פלעגן אין יענער צייט פאָרקומען אין דער קינטע קאַראַסקאַ. זיי פלעגן קויפן בשיתּפות פאַר צען סענט „מאַנים״, טרינקען וויין מיט לימאָנאַדע פאַר צען סענט אויך בשותּפות.

ר׳ וועלוועלע איז טאַקע געווען אַ גרויסער למדן און אַ חכם אויך דערצו. נאָר די גוישע טעלעגראַמע איז אים געווען שווערלעך איבערצולייענען. און היות דער פּעלצעוויזנער קעשענע-גנב איגנאַץ באַזשעמיאַק איז פונקט דעמאָלט געווען ביי אים און געדאַוונט אַזוי פרום, מיט אַזאַ מין התלהבות און כוונה, האָט ר׳ וועלוועלע ביי אים גענומען אַ שבועה, אַז ער וועט פאַר קיינעם נישט אויסגעבן דעם סוד, וואָס אין דער טעלעגראַמע איז געשריבן, און אַז ער וועט אויך נישט איבערגעבן צו די אַנטיסעמיטישע ענדעקעס, ווו אַברהם געפינט זיך.

— אַהאַ, אַברהם קאַגוט! אַברמטשע גבור, דער אייזערנער שטאַבן-ברעכער איז אַראָפּגעפאַלן און זיך שרעקלעך צענעריקט, און ווער ווייסט צי ער וועט דערלעבן ביז אינדערפרי. כאַ, כאַ, כאַ!... — האָט דער צבועיאַקישער זייער „פרומער״ און מיטפילנדיקער פּעלצעוויזנער גנב זיך געפרייט אין זיין רויט יוזל-בערדל אריין. דאָס איז דאָך מיין גאָטס שטראָף! מיין גאָט האָט אַזוי געוואָלט! נו, צו דער אַרבעט איגנאַץ! טאָמער שטאַרבט אַברהם, וועט פייגעלע זיכער ווערן מיינע — האָט ער געטראַכט מיט אַ דעמאָנישער פרייד, — און פאַר וואָס זאָל פייגעלע טאַקע נישט זיין מיינע? יאָ, מיינע, און מער קיינעמס נישט! אלאָ וואָס פייגעלע האָט חתונה געהאָט מיט אַברהמען און האָט אַ קינד פון אים? דאָס איז גאָרנישט. וואָלט ער, איגנאַץ, געווען אַ ביסעלע פאַלשער, וואָלט פייגעלע זיכער געווען זיינע און נישט אַברהמס. נאָר אַזוי ווי ער, איגנאַץ, איז געווען צופיל אידעאַליסטיש, צו אַלטרויסטיש און קרבנות-גרייט, איז די נאַיווע פייגעלע געגאַנגען צום שטורמישערן, צום פיזיש שטאַרקערן און איינשטעלערישערן. פונקט אַזוי ווי די פּאַפּוגייען-פליגעלעך, וועלכע פליען צום אָנגעצונדענעם ליכטל, הגם זיי ווערן באַלד פאַרברענט פונעם ליכטלס פלאַם.

און כאַ, כאַ, כאַ! אַזוי זענען זיי די נאַרישע פרויען, ווי קלוג זיי זאָלן נישט זײַן, פֿאַלן זיי אַרײַן פריער אָדער שפּעטער, פּונקט אַזוי ווי די פּאַפּוגייען־פליגעלעך.

אויפן דריטן טאָג נאָך פייגעלעס פאַרשיפן זיך, האָט איגנאַץ באַזשעמיאַק געשיקט אַ טעלעגראַמע צו זײַנס אַן אינטימען חבר אין בוענאָס אײַרעס, אויך אַ גנבֿ, אַז ער מיט זײַן פרוי זאָלן אָפּוואַרטן פייגעלען בײַ דער שיף און זאָלן זיך פאָרשטעלן פאַר אַבֿרהמס קוזינען און זי אַרײַננעמען צו זיך, נאָר מיטן תּנאַי, אַז פייגעלע זאָל נישט באַלעסטיקט ווערן, ווײַל זי איז אַזוי צניעהדיק, אַזוי ריין און כּשר ווי אַ הייליקע. זיי זאָלן זאָגן פייגעלען, אַז אַבֿרהם איז געשטאָרבן פונעם אַקצידענט וואָס עס איז אים געשען.

קיין ערנסטע יידישע צײַטונגען און זשורנאַלן וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען דאָס יידישע און אַלגעמיינע לעבן פון לאַנד און וועלט, זענען דעמאָלט נאָך נישט געווען אין אַרגענטינע, און דער „פאָנאָגראַף‟ און „ווידער־קול‟ זענען געווען „0‟. יידישע אינטעליגענץ איז נאָך כּמעט נישט געווען. די גאַס איז געווען פאַרפּלייצט מיטן שמוציקסטן ערבֿ־רבֿ, מיטן פאַרעיפּושסטן אָפּפאַל פון יידישן פאָלק. אַזוי, אַז אַ פריש־געקומענע, אַ יונגע און שיינע פרוי נאָך דערצו, וועלכע האָט נישט געקענט דאָס שפּאַנישע לשון, האָט גאַנץ לײַכט געקאָנט אַרײַנפאַלן אין אויסגעשפּרייטן שפּינוועבעכץ.

די ערשטע צוויי טעג רייזע אויף דער שיף „קאַפּ ווילאַנאָ‟, זענען פאַר פייגעלען געווען ביטערע. באַלד ווי די שיף איז אַרײַן אין לאַ מאַנש־קאַנאַל, האָט זיך צעבושעוועט אַ געוואַלדיקער הוראַגאַן־שטורעם, וואָס האָט אָנגעהאַלטן קנאַפּע דרײַ מעת־לעת. די ריזיקע כוואַליעס האָבן געוואָרפן די שיף ווי אַ קאָרעק. פייגעלע האָט געבראָכן. צום גליק האָט זי זיך באַלד געמונטערט בעסערן ווי נאָר דער שטורעם איז אַריבער. זי פלעגט זיצן גאַנצע טעג אויפן דעק פון דער שיף און געקוקט אויף דער זעלטענער פּאַנאָראַמע פון הימל, ים, אַפריקאַנער און זיד־אַמעריקאַנער ברעגן, וואָס זי האָט באַטראַכט מיט אַ שפּאַקטיוו. זי האָט אַזש געוויינט פון עמאָציע בשעת זי האָט אָנגעשפּיצט אירע בענקענדיקע אויגן צו די זעלטענע אַרגענטינער פּייזאַזשן.

פייגעלעס קינד, דאַקעגן, האָט גאָרנישט געשאַדט. און מאַמע מיטן קינד זענען אָנגעקומען אין אַ רעגנדיקן טאָג פון ענדע אויגוסט, אין נייעם האַפן פון רעטיראָ, אין בוענאָס אײַרעס.

פרײַטיק פאַרטאָג. פון בלייענעם הימל האָט געשפּריצט אַ שניידנ־

דיק, געדיכט רעגנדל, וואָס האָט געשטאָכן ווי געפּרוווירעגע נאָדלען. די שיף האָט זיך צעריטשעט הייזעריק און זיך צעברומט מיט אַ ווילדן געשאַל. מיר זענען שוין מיט מזל אין בוענאָס איירעס! — האָט זיך פון אַלעמענס ברוסטן אַרויסגעברילט. אַדיע, פאַררעטעריש, אַנטיסעמיטיש פּוילן! לעבן זאָל דאָס פרייע אַרגענטינע! אַ געוויש פון מאַשינען. אַ געקלימפּעריי פון קייטן. אַ געקלאַנג פון שווערע האַמער-קלעפּ. געשרייען פון הויך-ריידערס. פּלוצים איז אַלץ שטיל געוואָרן. די שיף „קאַפּ ווילאַנאָ" האָט בשלום געאַנקערט.

דער נידעריקער הימל, ממש מיט דער האַנט צו דערגרייכן, האָט זיך אַ ביסל אויפגעהויבן. איז אָבער געוואָרן חושכדיקער ווי דער סופיט פון אַ געוועזענער, אָפּגעלאָשענער שוויץ-באָד. דאָס קאַלטע רעגענדל האָט דורכגעשטאָכן די מלבושים און איז אַריין אין די ביינער.

פונעם ראַנד האָט זיך געהערט צו דער שיף אַרויף, אַ קאָלעקטיווע הוסטעריי און ניסעריי. אויך פון דער שיף אַראָפּ, האָט זיך געהערט אַ ספּאַראַדישע הוסטעריי, ניסעריי און שנייצעריי, אויסגעמישט מיט אַלער-ליי געשרייען און רופעניש פון נעמען צו דער שיף אַרויף און פון דער שיף אַראָפּ צו די אָפּוואַרטנדיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך געוויקלט אונ-טערן אייז-קאַלטן רעגן: ריווע, משה, דאָבע, יאָסל, רבקהלע, מאַרישאַ, דוויד, יאַנעק, שרה און אַנדערע נעמען יידישע און נישט-יידישע. נאָר דעם באַסאָוון ריטשע פון איר אַוורעמטשעס: פייגעלע! — האָט פייגעלע נישט געהערט.

פייגעלע איז פון אַזוי פיל מאָל רופן און שרייען: אַוורעמטשע, אַברהם, שוין אַזש הייזעריק געוואָרן און ממש געבליבן אָן כוחות. אַזוי, אַז אַפילו איר פּיצל קינד האָט זיך אויך אָנגעשטיקט מיט דער מאַמעס פאַרצווייפלונג און זיך צעוויינט.

וואָס קען דאָס באַדייטן וואָס מיין אַוורעמטשע איז נישט געקומען אונדז אַראָפּנעמען פון דער שיף? — האָט פייגעלע געוויינט שטיל און געפרעגט זיך אַליין: אויב אַוורעמטשע איז ברוגז מיט מיר, טאָ וואָס איז שולדיק זיין זונדעלע, זיין שיין כאַצקעלע, וואָס איז ענלעך צום טאַטן ווי צוויי טראָפּנס וואַסער? כ׳וויים, אפשר האָט ער שוין אַן אַנדערע? מ׳האָט דאָך אויף דער שיף זיך אַזוי פיל אָנדערציילט, וועגן אַזאַ גוואַל-דיקע אויסגעלאַסנקייט, וועגן אַזאַ הפקרות. די מענער, אוי, די מענער! כל-זמן דאָס ווייב איז לעבן זיי, זענען זיי גוט און פרום, און אַבי נאָר זיי דערווייטערן זיך פונעם ווייב און דערזען אַ צווייטע, אַזוי גלייך פאַר-געסן זיי די ערשטע...

— עה, אָבער ניין, מיין אַברהם וועט אַזאַ זאַך נישט טון. ווען ער וואָלט געוווען אַזעלכער, האָט ער דאָך געהאַט אַ סך געלעגנהייטן דאָס צו טון דאָרט: אין דעם אַנטיסעמיטישן און רעאַקציאָנערן ענדעקישן פּוילן: אין פּולטוסק, מלאַווע, נאַשעלסק, פּראַגע און אַפילו אין וואַרשע, די רייכסטע יידישע דאַמען און אַפילו אַריסטאָקראַטישע קריסטלעכע דאַמען זענען אויסגעגאַנגען פאַר אים און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי אַלע מיט די פּלייצעס.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אַברהם קאָגוט געווען גאָר לייכט פאַרוווּנדעט. צו די אַכט מעת-לעת איז ער אַרויס פון שפּיטאָל. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין טוקומאַן אויף אָפּרו צו זיין קוזין אַבשלום, וואָס איז געווען פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק אין אַפּטייקער דערצו. עס איז געווען אַ שטרייק פון די פּאָסט-אָנגעשטעלטע. דערפאַר זענען פייגעלעס בריוו צו אַברהמען אָנגעקומען מיט פאַרשפּעטיקונג. אַברהם האָט דערפאַר נישט געוווּסט ווען און מיט וועלכער שיף זי וועט אָנקומען קיין בוענאָס-איירעס. נאָר אַ מערכה זיין פריינד יענדזשעי דזשעווקאָווסקי, וואָס האָט אים טעלעגראַפירט און צו וויסן געטון אַז די שיף איז שוין אין מאָנטעווידעאָ. מיטן שנעלצוג איז ער אָנגעקומען אין צייט צו דער שיף אַראָפּצונעמען זיין פרוי און קינד.

מינוטן פריער פאַר אַברהמס דערשיינען, איז געקומען דאָס טונקעלע פאַר-פאָלק מיט נאָך צוויי פאַרשוינען, וואָס איגנאַץ באָזשעמיאַק האָט געבעטן, זיי זאָלן פאַרנאַרן פייגעלען צו זיך.

אַברהם איז אָנגעקומען אין מאָמענט, ווען פייגעלע מיטן קינד האָבן געהאַלטן אין אויפזיצן אויף אַ קאַטש, באַגלייט פון די שוין דערמאָנטע אונטערוועלטניקעס.

נאָר אַזוי ווי פייגעלע האָט געטון אַ געשריי: אַברהם, אַברעמטשע דו לעבסט און ביסט געזונט? זענען די אַלפאָנסן נעלם געוואָרן. און אַברהם קאָגוט האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו ווייזן וואָס ער איז מסוגל אויפצוטון מיט זיינע פויסטן...

מענדעלע דעם סופרס און משה פסח

א.

עס זענען שוין געהאַט אַריבער אַ סך יאָרן און אין פּאָדכאַמינאַ האָט נאָך געהערשט דער טרויער, זינט משה פסח האָט פאַרשטערט דאָס שטילע און נעימותדיקע פאַמיליע-לעבן ביי ר׳ יהודה סופר אין הויז.

דאָס איז געשען אין אַ פאַרנעפּלטן און טונקעלן שבת פון כסליו, ווען די קאַלטע און טריבע ווינטן פון די טייכן נאַרעוו און ווייסל האָבן פאַרוועלקט די פאַרגעלטע בלעטער פון די ביימער, די בלומען, גראָזן און פלאַנצן. נאָכן אַראָפּפאַלן פון די בלעטער האָט די נאַטור ערשט זיך גענומען זיי באַוויינען מיט אַ דראָבנעם, נאָר געדיכטן און אייזיק-קאַלטן רעגנדל.

עס האָט געפייפט און געקלימפּערט אַ שאַרף-בלאָזנדיקער ווינט, וואָס האָט געשטאָכן ווי נאָדלען; גרויע און שוואַרצע, גראָבע פעטלייביקע וואָלקנס האָבן פאַרשטעלט די זון.

די פּאָדכאַמינער יידישע קהילה איז באַשטאַנען פון אַ הונדערט יידישע פאַמיליעס. ס׳שטעטל האָט פאַרמאָגט געשלענגלטע, שמאָלע, נישט ברוקירטע געסלעך, הילצערנע הייזקעס באַדעקט מיט שטרויענע דעכער. נאָר פון עטלעכע שטיבלעך, פון די „רייכע" באַלעבאַטים, זענען די דעכער געווען באַדעקט מיט ווייסע, בעריאָזענע שינדלען. עטלעכע הייזער פון די גאָר גרויסע „מיליאָנערן", וואָס האָבן פאַרדינט אפשר מער ווי טויזנט מיט צוויי הונדערט רובל אַ יאָר, זענען אפילו געווען באַדעקט מיט שאַרלעך-רויטע, געברענטע דאַכאָווקעס.

אָרעמקייט און דחקות איז אין פּאָדכאַמינע געווען בשפע. דאָך האָט קיינער זיך נישט באַקלאָגט און נישט געהאַט קיין תרעומות צו דעם וואָס רוט אין הימל. די גאַנצע יידישע עדה פון פּאָדכאַמינאַ איז תמיד געווען „צופרידן", מחמת די הייליקע אחדות האָט זיי אַלעמען צוזאַמענגעבונדן און צוזאַמענגעקנופּט. און דער „גם זו לטובה" איז תמיד זיי געלעגן אויף

די ליפּן, כאָטש כמעט אַלע, אַפילו די „נגידים אַדירים", זענען אויך גע־וואָרן קבצנים אין זיבן פֿאַלעס.

קיין שום וועלטלעכע שולע איז אין פּאַדכאַינאַ צו יענער צייט נישט געווען. קיין גימנאַזיע — אַוודאי נישט. אַ חוץ תנ"ך, תלמוד און פּלפּול־וועלטל, האָט מען אין פּאַדכאַינאַ פֿון קיין שום ערדישע ענינים נישט געוואָלט וויסן.

די פּאַדכאַינער שול, חדר און בית־המדרש, האָבן זיך געפֿונען ביי ר' יהודה סופֿרס פּריוואַטן הויז.

דער הילצערנער געבוי האָט שוין קוים געזשיפּעט; די פּאַדוואַלי־נעס — האַלב פֿאַרפֿוילט; די דעכער פֿול מיט לעכער, דורך וועלכע ס'פֿלעגט אַריינקאַפּען בעת אַ שטאַרקערן רעגן; די ווענט, איינגעהויקערטע פֿון זקנה, זענען געווען פֿול מיט שפּאַלטן און שפּעלטעלעך און דורך זיי פֿלעגט זיך אַריינגנבענען אַ שעלמיש שטראַל־פֿעדימל פֿון דער זון; דער זאַל, וווּ עס איז געווען די שול, האָט געהאַלטן אפשר אַכט מעטער ברייט אויף זיבעצן מעטער טיף, איז געווען איבערגעצוימט מיט אַ באַראַנדע, אָדער שפּאַניש ווענטל פֿאַר דער ווייבערישער שול.

די שטוב האָט געהאַט אַ צו נידעריקן סופֿיט, אונטערגעשפּאַרט מיט גראָבע פּירקאַנטיקע באַלקנס, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט שפּינוועבס. אַזוי, אַז אַ העכערער מענטש האָט געמוזט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ, ווען ער איז געקומען אונטער אַ גרעבערן באַלקן.

צו דעם אַלעמען, איז ר' יהודה אַליין געווען סופֿר, שוחט, מוהל און חזן. ער האָט אויך געהאַט סמיכה צו פּסקענען שאלות. און אַז ר' יהודה סופֿר האָט זיך צעזונגען ביים דאַווענען, זענען אַלע מתפּללים אַנטציקט און דערהויבן געוואָרן ביז צו די עולמות עליונים.

ר' יהודה איז געווען אַ מענטש פֿון מיטעלער הייך און מאָגער ווי אַ לולב, מיט אַ שפּיציק ציגן־בערדל, האַלב שוואַרץ און האַלב גרוי; ער האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ פּאָר פֿייער־פֿלאַמיקע ברוינע אויגן, וואָס זענען געווען ווי ספּעציעל איינגעפּאַסט אין זיין הויכן רבנישן שטערן. זיינע געדיכטע, האַלב רייף־פֿאַרעמדיקע ברעמען, וואָס זענען זיך צונויפֿגעקומען ביים געבורט פֿון זיין פֿיין־פֿאַרמירטער נאָז, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מען שטייט פֿאַר אַ גדול בתורה.

יענעם שבת איז ר' יהודה געקומען פֿריער ווי אַלע מאָל מיט זיין בן־יחיד, מענדעלע, וואָס האָט באַדאַרפֿט לייענען אין ספֿר און אויך זאָגן אַ פּשטל.

נאָר ווען אַלע מתפּללים האָבן מיט יראת־הכבוד געהאַט אַרומגע־

ריגגלט דעם שולחן מיט דער רייניקייט,׳ ווו ר׳ יהודה מיט זיין געראַטע־נעם זון, מענדעלע, זענען געשטאַנען, און בשעת די ווייבער און מיידלעך פון דער אַנדערער זייט שיל האָבן זיך געשפּאַרט צום ראַנד וואָס פון דער מענער־שיל, בכדי צו קענען בעסער הערן ווי מענדעלע וועט לייענען אין ספר־תורה, מיט זיין גלעקלדיק־זיס קולעכל, האָט זיך פּלוצים דער־הערט אַ הייזעריקער געריטש וואָס האָט געמאַכט ציטערן די צעשפּאָל־טענע שויבן פון דער שיל:

— רבותי, עולם, יידן און יידענעס. דער כל־בוניק, דער שמאַדאַלניק טאָר נישט לייענען אין דער הייליקער ספר־תורה. דער שייגאַץ, דער לאַבוז איז טריף ווי חזיר!..

די גאַנצע עדה יידן, מענער און פרויען, זענען נשתומם געוואָרן. אַלע זענען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער און אַרויסגעשטאַרצטע אויגן פון גרויס איבעראַשונג. קיינער האָט אויפן הייסן מאָמענט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט צומאָל. אַ גרויל, אַ גוואַלדיקער פּחד האָט אַרומגענומען, ווי דער אַשמדאַי אין געשטאַלט פון משה פּסח מיט אַ פאַרבלוטיקטע שווערד וואָלט זיך פאַר זיי פּלוצים באַוויזן. די פרויען האָבן געוויינט און געהעשעט און די דערוואַקסענע בתולות האָבן ספאַז־מירט. די גאָר פרומע יידן האָבן געקוקט צו מענדעלען, אַ שיין יינגעלע פון קוים פערצן יאָר, מיט אַ פּאָר גרויסע מוזשין־אויגן וואָס זענען געווען פאַרחידושט, ברייט־צעעפנט, מיט אַ טרער אין די ווינקלען. זיין זעלטן־שיין מלאַכימדיק ראָזע פּנימל און הויכער שטערן, ווי באַצירט מיט אַ הייליקער שכינה־שטראַל, איז אין יענעם מאָמענט געווען בלייך ווי קרייד, פאַרוווּנדערט און דערשראָקן. וואָס איז? וואָס איז דאָ פּלוצים געשען? קיינער ווייסט נישט. דער עולם יידן, ווייבער און קינדער אַפילו, האָבן זיך געפרעגט איינער דעם אַנדערן: פאַר וואָס? פאַר ווען? קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

אַלע האָבן געווענדט זייערע פאַרטרערטע, פאַרחידושטע אויגן צו משה פּסחן, אַ ברייטביינעקער דאָרפס־גייער, לאַטוטניק און אָפּשפּרעכער, מיט אַ רויטן, אויסגעפּאַשעטן קאַרק, הויך און גרויס ווי עוג מלך הבשן, מיט אַ לאַנגער באָרד ווי די פון פּרעה נכה. ווען ער האָט גערעדט מיט כעס, האָט זיין אונטערשטע, דיספּראָפּאָרציאָנעל גרויסע און גראָבע ליפּ זיך געוואָרפן ווי ביי אַ חולה־נופל. דערפאַר האָט ער באַקומען דעם צונעמעניש „פערדישע ליפּ״.

— וועם קיקט עץ עפּעס אַזוי צי מיר? — האָט משה פּסח, מיט אַ סלינע אין די מויל־ווינקלען, אַ וואָרטשע געטון מיט אַ ווילדן כעס צו

ר׳ יהודהן, וואָס איז אַ טויט־בלאַסער קוים געשטאַנען בײַם שולחן און געציטערט. עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן, ווי ער וואָלט גע־שטאַנען אויף אַן אייז־קרירה — עץ זענט דאָך זאַן פאַטער, זאַן טאַטעלע. ער איז אייער קדיש. טאָ אויב עץ ווילט, אדרבה, וועל יעך ענג דערציילן, כאָ, כאָ, כאָ!..

אין דער ווייבערישער שיל איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע סאַמאַטאָכע, אַ גערויש, אַ געטומל, אַ ווילדער האַרמידער ווי פאַר אַ ווולקאַן־אויס־ברוך. די גראָבע דעמבענע טיר וואָס גייט אַרײַן פון דער ווייבערישער אין דער מענערישער שיל, האָט זיך ראַפּטאָם אַ צעפּראַל געטון. מענ־דעלעס דרייסיק־יעריקע מאַמע, גאָלדע גיטעלע פון מאַקאָווע, איז אַרײַן מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן פון גרוילנדיקער איבעראַשונג. זי האָט היסטעריש געשריען מיט באַנומענע קולות.

גאָלדע־גיטעלע די צדקנית, ר׳ יהודה סופרס ווייב, מיט דער מיט פּערלמוטער־קרעלן און אַלערליי אַרטיפיציעלע בלומען און צאַצקעס באַ־פּוצטער סאַמעט־בלויער קופּקע, שפּאַרנדיק זיך צווישן דער ענגער עדה יידן, איז צוגעשפּרונגען מיט צעשפּרייטע הענט צום איבערגעשראָקענעם מענדעלען אים צו באַשיצן און באַשירעמען, פּונקט ווי די הון־מאַמע, וואָס צעשפּרייט אירע שוואַכע פליגלען, ווען זי דערזעט אַ שפּאַרבער, צי אַן אַנדער רויב־פויגל, קאַץ אָדער פוקס, וואָס ווילן אויפעסן אירע קינדערלעך.

גאָלדע־גיטעלע, ר׳ יהודהס, האָט איר איבערגעשראָקענעם מענדעלע אַרויסגעשלעפּט פון צווישן די אויפגערעגטע און אויפגעברויזטע יידן מיט געוואַלדן און געשרייען. זי האָט אים באַהאַלטן אין דער אַלטיטשקער סוכה, בכדי דער פאָטער זאָל אים נישט צעברעכן די ביינער. אָבער קודם־כל, ווי אַן אָדערוף, האָט זי מענדעלען מכבד געווען מיט אַ פּאַטש, אַז פייער־פונקען און פלאַמענדיקע רויטע רעדער האָבן געטאַנצט פאַר זיינע אויגן. נאָך דעם ערשט, נאָך דעם פּאַטש, האָט גאָלדע־גיטעלע אים געטון אַ בייסנדיקן קניפּ אין זיין לינקן אָרעם, מאַכנדיק אים אַ בלויען צייכן. און אַליין איז גאָלדע־גיטעלע צוריק אַרײַן אין שיל, בכדי צו הערן וואָס אַזעלכעס משה־פּסח וועט דערציילן וועגן מענדעלען.

— עץ ווייסט, יידן — האָט משה־פּסח אָנגעהויבן מיט אַ ריטשעדיק קול — עץ ווייסט? איך האָב אַליין געזען, איך, ווי אייער מענדעלע, אייער משיח, האָט זיך געשפּילט מיט צודנעס צויג. ער האָט זי געלאַש־טשעט ביי דער מאָרדע, געריסן ביי אירע אַראָפּהענגענדיקע אויערן און געצויגן דעם קודלעוואַטן ווײַדל אירן. נעבן אים איז געווען אין אַ בלע־

כערנער שיסל אַ גאַנצער באַרג געקאַכטע ביינער פון קעלבערנע און שעפּסענע פיס. אייער מענדעלע, אייער קדיש, האָט פריער זיך געבריצט מיט דער הונגעריקער צויג, וועלכע האָט געעפנט אַ שוואַרצע מאָרדע, טאַקע גראָים ווי אַ שוואַרץ יאָר, און ער האָט דאָרט, אין איר האַלדז, אַריינגעוואָרפן אַ ביין נאָך אַ ביין, וואָס זי, די צויג האָט אַראָפּגעשלונגען. די צויג האָט געשלונגען די ביינער, ווי זי וואָלט גאָר קיין צויג נישט געווען, נאָר אַ העכט אָן אַ דנאָ. איך האָב עס אַליין געזען.

ב.

עלף יאָר שפּעטער האָט מען געזען אין באַראָן לאַנדאַס פּרוכטן־גאָרטן זיך אַרומשפּאַצירן אַ באַחנטן יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, מיט אַ שוואַרצער שעוועלורע, העכער פון מיטעלן וווקס און ברוינע גרויסע, נאָסטאַלגישע אויגן, מיט אַ מילדן און צאַרטן אויסזען.

דאָס איז געשען אין אָנפאַנג פונעם חודש מאַי, איינער אַליין אין דעם רחבותדיקן סאָד. אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ בייט פול מיט פאַרשיידנאַרטיקע, צעבליטע רויזן־קוסטן פון אַלערליי מינים, קאָלירן און געשטאַלטן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אַ ווייסער, האַלב־צעעפנ־טער רויזנבלום און געשמעקט איר זעלטענעם פּערפום. ער האָט אויסגע־צויגן די האַנט אויף אָפּצורייסן אַ צעפלאַקערטע, רויטע רויז און האָט זיך אָבער גלייך צוריקגעהאַלטן. „ניין, איך וועל נישט אָפּרייסן די אַזוי פּרעכטיק און אַזוי דופטיקע בלום”.

— איך וועל נישט פּראָפאַנירן אַזאַ מין געטלעכן באַשאַף. ניין, איך וועל דיך נישט אָפּרייסן, פּרעכטיקע בלום. זאָלן זיך וואַקסן די קנאָספּן און בלומען — האָט ער אַ שעפּטשע געטון צו די ביימער, פלאַנצן און בלומען, ווי זיי וואָלטן געווען צאַרטע שיר השירים־בתולות פון אויסגע־טרוימטע פּאַראַדיזן. פון די רויזן־בייטן איז ער צוגעגאַנגען צו די בייטן פולע מיט טוליפּאַנען, גלאַדיאָלן, פּרעסיאַס, כריזאַנטעמען, פּילפּאַרביקע נעגעלעך (קלאַווען), אַסוסענאַס, כאַבער און בעז. ער איז נאָך אַלץ פּרום. ער באַוווּנדערט דאָס גרויסקייט און גאונישקייט פון דעם אייביק לעבעדיקן גאָט, באַשאַפער פון דער נאַטור וואָס הייסט קאָסמאָס.

אַרום די בינשטאָקן, איבערפולטע מיט וואַקס און האָניק, האָבן גע־רויעט מאַסן בינען. זיי זענען אַרומגעפלויגן פון בוים צו בוים, פון בלום צו בלום און פון בלאַט צו בלאַט און באַלד צוריק צום בינשטאָק — זייער

אַלגעמיינע היים. אויף די ביימער, קוסטן און בלומען־פלאַנצן און צווישן זיי, פייגעלעך מכל המינים, וואָס האָבן געשווירטשעט, געפּייפּט, געטרעלט און געזונגען, האָבן ביי מענדלען אַרויסגעבראַכט דעמיניסצענצן וועגן טאַטע־מאַמע, רייזעלע און טויבעלע.

מענדל איז געווען שטאַרק אומרויק. עפּעס אַ באַהאַלטענער פּחד האָט באַהערשט זיין שפּירעוודיקער נאָסטאַלגישער נשמה. ער האָט אַלע ווײַלע געקוקט צו דער לינקער זייט, אַהין צום ראָג פונעם אַריינגאַנג אין גאָרטן, דאָרט וווּ עס איז געשטאַנען דער גראָבער און צעצווייגטער טענענבוים און נאָך מער צעוואַקסענער סאָרוועבוים, וועלכע האָבן געדינט ווי קאָלומנעס צום שווערן און מאַסיוון אייזערנעם טויער פונעם סאָד און שפּאַציר־גאָרטן.

דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט וואָס אַ רגע אַלץ העפטיקער און אימפּעטפולער. ער האָט געפילט, אַז ער קען שוין מער נישט איינשטיין און אויך נישט מער זיך אַרומבלאָנקען. ער וואָרט שוין אַזוי לאַנג, דאַכט זיך אים, און זעט זי נאָך נישט דערשיינען. עס האָט געמוזט פּאַסירן עפּעס שרעקלעכעס — טראַכט ער ווידער. יעדע מינוט איז פאַר אים געווען אַ שעה. ער האָט דעם ברייט־פליגלדיקן שטרויענעם הוט זיינעם אַראָפּגערוקט ביז כמעט איבער די אויגן. ער האָט זיך איינגעהילט אין דער שוואַרץ־טוכענער פּעלערינע אַ לאַ סלאָוואַצקי און גענומען אַרומגיין שנעלער הין־און־צוריק, אַלץ קוקנדיק צום ברייט־צעוואַקסענעם טענענבוים.

אַרומשפּאַצירנדיק אַזוי, האָבן זיך אין מענדעלען דערוועקט זכרונות פון זיין קינדהייט אין דער היים פון זיין טאַטע־מאַמע; די צוועלף יאָר אָפּוועזנהייט פון זיינע עלטערנס אַפּיטראָפּסות, זענען אַריבערגעלאָפן עפּעס אַזוי בחיפּזונדיק, עפּעס אַזוי גיך, אָנגעפּראָפּט מיט אַזויפיל פּיין און ליידן, מיט אַזויפיל אַנגסט, פאַרצווייפלונג, דחקות און צער, נאָר לסוף, מיט אַ ביסעלע ליבשאַפט און גליק אויך.

דאָס איז מענדעלע, ר׳ יהודה סופרס בן־יחיד פון פּאָדכאָינאַ. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם פאַרצווייפלטן מאָמענט, פון יענעם שרעקלעכן שבת, ווען זיין פרומע מאַמע גאָלדע־גיטעלע, האָט אים באַהאַלטן אין דער אַלטער סוכה; די פייערדיקע רעדער פון דעם אומגעריכטן פּאַטש וואָס די מאַמע האָט אים מכבד געווען, שוועבן נאָך אַלץ אַרום אין אַ בלענדנדיקן קאַרוזעל פאַר זיינע אויגן.

דעמאָלט איז טויבעלע, אַ מיידעלע פון זיבן יאָר אַלט, מיט שוואַרצע,

זיידעלע לאָקן און גרויסע, שעלמישע, שמאַראַגדן־גרינע, סאַמעט־אויגן און מיט אַ זעלטן־שיין חן־גריבעלע אין איר לינקן בעקעלע, געשטאַנען דערביי. און ווען זי האָט דערהערט, אַז ר׳ יהודה־סופר האָט זיך געפרעגט אויפן שטריק מיט די דאָפּלטע קניפּן, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז מען האָט געוואָלט שלאָגן מענדעלען. — זי האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, ווייל ער פלעגט איר שענקען צוקערלעך און זיסע קיכעלעך — איז זי צוגע־לאָפן צו דער סוכה און געזאָגט מענדעלען, ער זאָל תיכף אַנטלויפן, ווייל זיין טאַטע וויל אים הרגענען.

מענדעלע האָט אגב שוין גוט געקענט זיין פאָטערס שטריק, וואָס איז געווען גראָב ווי פאַר אַ פערד־געשפּאַן. דאָך האָט ער דאָס מאָל זיך מער געשראָקן ווי קיינמאָל נישט.

ר׳ יהודה־סופר פלעגט זאָגן בשעת ער פלעגט נעמען דעם גראָבן שטריק אין זיין האַנט אַריין כדי צו קאַטעווען מענדעלען:

„בן חכם ישמח אב, ובן כסיל תוגת אמו״. אָדער: „חושב שבטו שונא בנו, ואהבו, שחרו מוסר״. און זאָל טאַקע די גאַנצע וועלט וויסן, אַז איך, יהודה־סופר, האָב געמאַכט פון אַ בן כסיל, אַן איש חכם, צדיק וישר.

מענדעלע וואָלט צוליבן שטריק אפשר נישט אַנטלאָפן פון דער היים, אָבער די בושה, די חרפּה... און נאָך ווייטיקלעכער איז פאַר מענדעלען געווען, וואָס צו זיינע פערצן יאָר האָט מען אים שוין געשדכנט כלות. און טאַקע אין יענעם טראַגי־קאָמישן שבת, בשעת דעם משה־פּסח־סקאַנדאַל, איז אין יענעם מאָמענט געשטאַנען אין דרויסן ביים פענצטער פון דער שיל, שרה־רייזעלע דעם הורטאָווניקס, אַ פּרעכטיק מיידעלע פון פופצן יאָר, שיין ווי אַ פרישע אָרכידייע־בלום, מיט היפּנאָטישע, בלויע אויגן און גינגאָלד־קאָלירטע, צעלאָזענע, לאַנגע האָר ווי די צייטיקע האָבער־זאַנגען. און זי, די גאָלד־קאָלירטע, בלאָנדע רייזעלע, מיט אירע מילגרוימען־בעקעלעך און קאַרשן־ליפּעלעך, וואָס האָט יענעם שבת גע־זאָלט ווערן זיין כלה, האָט אויך געהערט ווי דער דאָרף־גייער און לאַ־טוטניק, משה־פּסח, האָט אים, מענדעלען, אַזוי פּרעך באַליידיקט בפני כל עם ועדה. אוי, וואָס פאַר אַ חרפּה! ווי האָט מענדעלע זיך דעמאָלט געשעמט.

מענדעלע דערמאָנט זיך, ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן פון דער סוכה מיט אַן הינטער־סטעזשקעלע צו טויבעלעס עלטערן, וווּ ער איז איבער־

געוועזן יענעם שבתדיקן טאָג. זונטיק פּאַרטאָג, ווען ר׳ בונעם, טײַבעלעס טאַטע, איז געפֿאָרן קיין בענגעטשעיע, צו זײַן ברודער, האָט ער מיטגע־נומען מענדעלען צום רבין.

ג.

בענגעטשעיע איז געווען פּונקט אַזוי אָרעם ווי אַלע אַנדערע פֿאַר־וואָרפֿענע און פֿאַרוואָרלאָזטע יידישע שטעטלעך אין פּוילן.

אין סאַמע יידישן צענטער, נאָענט פֿונעם מאַרק־פּלאַץ, איז געשטאַ־נען אַ הילצערנער געבײַ מיט גרויע ווענט, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט מאָך און שוואָמען פֿון אַלטקייט. די פֿרוכנע־פֿענצטער מיט צעשפּאָל־טענע שויבן. דער מיט שינדלען באַדעקטער דאַך, זינט פּאַניאַטאָווסקיס צײַטן, איז געווען באַצירט מיט בליענדיקע גראָזן אַלערליי. און עס האָבן אַרויסגעשטאַרצט צוויי צעלעכערטע בלעכענע פֿאַררויכערטע קוי־מענס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פֿאַרוווּנדעטע, הינקענדיקע קוימענקע־רערס. פֿון זיי האָט זיך געהויבן אַ געדיכטער, שטיקנדיקער רויך, גע־מישט מיט פֿאַרע און מיט אַ גערוך פֿון געפֿילטע פֿיש, געהאַקטע ציבעלעס מיט גריוון און גענדזן־שמאַלץ, ראָסל־פֿלייש, רעטעך און קנאָבל.

אין דעם רחבותדיקן הויף מיט די הויכע און ברייט־צעוואַקסענע זקנים־סאָסנעס, דעמבעס, בעריאָזעס און מאַרוועבּיימער, זענען אין אַ ווינקל, ווייט אין הינטערגרונט, געווען אַ סך קעמערלעך, ווי אויך עטלע־כע שטייגן מיט עופֿות פֿאַרן אײגענעם געברויך און פֿאַרן פֿאַרקויף. צוויי מקוות — פֿאַר מענער און ווײַבער; צוויי גרויסע בית־הכּסאָס, אַחוץ אַנדערע געשטעלן — אַ גרויסע שיל צו דאַווענען און צו לערנען.

פֿון דער פּאַנאָראַמע איז געווען צו פֿאַרשטיין, אַז אין דעם גרויסן און זייער אָרעמען הויז, וואָס לעבן דער מקווה, וווינט אַ רב, אָדער אַ רבי.

ווען מענדעלע האָט דערזען דעם רבין אײַנגעהילט אין אַ טלית, איז אַ דראַשטש אַדורך זײַנע גלידער. די האָר האָבן זיך אים אויפֿגעשטעלט און געשטאָכן ווי דערנער־שפּיזן. אַ יראת־הכּבוד האָט באַהערשט זײַנע רמ״ח אבֿרים. ער האָט געזען ווי די שכינה האָט גערוט אויף דעם הדרת־פּנים פֿון דעם הייליקן ייד. דערפֿאַר האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס איז געווען אליהו הנבֿיא.

אין סאַמע מיט פֿונעם גרויסן צימער מיט דריי ברייטע און הויכע

פּענצטער צום באַבלומטן און באַבוימטן גאָרטן, איז געזעסן דער רבי אויף אַ געפלאָכטענעם פאָטעל לעבן אַ לאַנגן טיש. ער איז געווען אַ דיק־לעבער מענטש און געטראָגן אַ שוואַרצן קאַפּל אויפן קאָפּ, וואָס האָט געלאָזט זען זיין הויכן, געקאַרבטן שטערן און גרויע, געקרייזלטע, לאַנגע פאות.

דער רבי האָט געהאַט אַ גאַנגע, שיין געקעמטע, צוויי־שפּיציקע באָרד, מיט גרויע און שוואַרצע שטרייפן. ער האָט זיך געשאָקלט איבער אַ ריזיקער גמרא, וואָס איז געווען געל פון אַלטקייט. ער האָט געלערנט הויך אויפן קול און אָנגעפּולט דאָס ריזיקע צימער מיט אַ טרויעריקן, נאָר התלהבותדיקן נגון.

ווען דער רבי האָט אויפגעהויבן זיין פּרעכטיקן זילבערווייסן קאָפּ און זיין ליכטיק אויג, האָט דערזען מענדעלען שטיין אין אַ ווינקל, טויט־בלאַס און ציטערן, האָט ער אים געהייסן צוגיין צום טיש. ווי ער, דער רבי, איז געזעסן. נאָר ווען דער רבי האָט באַמערקט, אַז מענדעלע האָט זיך געשראָקן, צי ער איז נישט געווען דרייסט צוצוגיין, איז ער צוגע־גאַנגען צום איבערגעשראָקענעם ייִנגל.

דער רבי האָט גענומען צו זיך מענדעלען, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען פערצן יאָר און האָט זייער גוט געלערנט. ווען ער איז אַלט גע־וואָרן פופצן יאָר, האָט ער דאָרט שוין מער נישט געקענט לערנען. דער־פאַר האָט ער באַשלאָסן צו זוכן אַ גרעסערע ישיבה, ווו מען זאָל אים אַנטפּלעקן עפּעס נייע סודות פון דער תורה.

שׂרהלע די גבאיטע און דוואָשע די פּישערין, האָבן צוזאַמענגע־שלעפּט אַכציק גילדן און מענדעלע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צום ראַדזימינער רבין, ר' מענדעלע, טראַכטנדיק דערביי, אַז איצטער וועט ער שוין קענען איבעראַשן זיינע שונאים. מען האָט אים געזידלט און מבייש געווען, דערפאַר וועט אים גאָט העלפן און אין אַ קורצער צייט אַרום וועט ער קומען צוריק קיין פּאָדכאַינאַ, שוין אפשר אַ פאַלנער רבי, אַזוי, אַז אַפילו זיין פאָטער אַליין וועט אים שוין מער נישט זאָגן: בן כסיל תוגת אמו, נאָר אדרבה...

מענדעלע האָט טאַקע געוואָלט זיין אַ רבי. ער האָט אָבער געוואָלט פריער זיך באַהעפטן מיט דער שכינה בקדושה, בכדי צו זיין ראוי צו זיין אַ רבי. מענדעלע האָט געוואָלט זיין אַ מדריך, אַ דערציער, אַ מנהיג, אַן אמתדיקער רבי אַזוי ווי ר' עקיבא, וועלכער איז געקומען צו פליען אויף אַ וואָלקן מיט אַכציק טויזנט תלמידים...

און דער טרוימערישער מענדעלע האָט געלאַכט צו זיך אַליין: „דער לאַטוטניק משה-פּסח וועט נאָך קומען צו אים. צו ר' מענדעלע און זאָגן — חטאתי, איך האָב געזינדיקט קעגן אײַך, זײַטזשע מיר מוחל, און ער, מענדעלע, וועט אים זיכער מוחל זײַן, ווײַל קיין גרעסערע נקמה פון אַ רשע, אַ דם-שונא, קען מען נישט נעמען, ווי צו זײַן אַ גרויסער בן-תורה, אַ מופלג, אַ צדיק, אַ גרויסער צדיק — אַ פּרוש. יאָ, יאָ, מענדעלע, ר' יהודה סופרס זון, וועט משה-פּסחן זיכער מוחל זײַן".

חלומענדיק אַזוי אויף דער וואָך, האָט מענדעלע בינו לבינו זיך דערמאָנט פאַר וואָס משה-פּסח האָט געטראָגן אויף אים אַזאַ מין האַס, אַזאַ מין גוואַלדיקע שנאת-חינם. ער, מענדעלע, איז איין מאָל אין אַ האַלב-טונקעלן אָוונט פאַרבײַגעגאַנגען אַ קרעטשמע פול מיט שכורע גויים און גויעס, האָט ער מיט שטוינען באַמערקט ווי אַן איבערגעוואָקסענער ייד, אַ ברייט-פּלייציקער, מיט אַ לאַנגער און גרויער באָרד, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, ווו די רויט-געפאַרבטע קרעטשע פון דעם שרעקלעכן שונא-ישראל, כיפּעק איגנאַץ פּאַדאַלעץ, שליסט זיך מיטן געמויערטן שטיינערנעם פּאַרקאַן, וואָס טיילט זי אָפּ פון דער ריזיקער טיפלע. לעבן דעם ברייט-פּלייציקן ייד מיט דער שיינער פּאַטריאַרכאַלער באָרד, איז געשטאַנען אַ „קאָשטשאַרקע" (אַ פרוי, וואָס קלויבט ביינער און שמאַטעס פון די מיסטן אַרויס) און אויף איר האַלדז האָט ער געהאַלטן זײַן ריזיקע האַנט. זי געלאַשטשעט און געדריקט צו זיך. די קאָשטשאַרקע, יאַגנאַ שוויענטאַ אָביערקאַ, האָט קאָקעטיש אַרויסגעשלעפּט פון זײַן בוזים-קעשענע אַ פלאַש בראָנפן. זי האָט מיט אַ געניטן קלאַפּ אין דער זויל פון איר שיך אַרויסגעזעצט דעם פּראָפּן און ביידע האָבן אויסגעטרונקען אַ לחיים. באַלד דערנאָך האָבן זיי זיך צוגערוקט נאָך נענטער איינער צו דער צווייטער, ווי זיי וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין קערפּער. אַ ווײַלע שפּעטער, נאָך דער סצענע, האָט מענדעלע געזען ווי דער יידישער האַמאַן האָט געגעבן דער שכורער קאָשטשאַרקע עפּעס געלט.

מענדעלע האָט זיך צוגערוקט נענטער, בכדי צו זען ווער עס איז עס געווען דער ברייט-פּלייציקער און איבערגעוואָקסענער ייד מיט דער שיינער, לאַנגער באָרד. דערקענענדיק אין אים דעם דאָרפגייער-לאַטוטניק, משה-פּסח, איז ער בליץ-שנעל אַהיים געלאָפן. ער האָט קיינעם נישט דערציילט וואָס ער האָט געזען, ווײַל ער האָט זיך געשעמט און מחמת ער האָט פאַר דעם לאַטוטניק מורא געהאַט און געציטערט פאַר אים ווי פאַר אַ ווילדער און בייזער חיה.

משה־פּסח האָט אָבער מענדעלען אויך געזען. און פאַרשטייענדיק, אַז מענדעלע האָט אים מיט דער קאָשטשאַרקע אוודאי אויך געמוזט זען, האָט ער באַשלאָסן מענדעלען צו שאַנד און שפּאָט מאַכן, כדי זיין אייגענע צרעת צו פאַרדעקן.

ד.

מענדעלע האָט אין דער ראַדזימינער ישיבה אויך נישט געקענט לערנען. עס איז נישט געווען קיין פריי אָרט פאַר אים. די ישיבה איז געווען איבערפולט. און ווען עס וואָלט אַפילו שוין יאָ געווען אַ ליידיק פּלאַץ פאַר אים, האָט ער אָבער נישט געהאַט ווו צו עסן „טעג". מען האָט נישט געקענט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אויסגעבן זיין יחוס, דערפאַר האָט קיינער זיך נישט אומגעקוקט אויף אים.

און מענדעלע איז אויסגעוווען ביי אַ סך רביים און פיל ישיבות, נאָר אין קיין שום אָרט האָט ער נישט געפונען וואָס אים האָט געפעלט. זיין יונגע און ברוויזנדיקע נשמה האָט געבענקט צו עפּעס נייעס, צו עפּעס אוניווערסאַלעס, צו ברייטע האָריזאָנטן. ער האָט ליב געהאַט די גאַנצע יידישע תורה, די שבעל פּה ווי די שבכתב און אַלע גוטע ספרים וואָס זענען געשריבן געוואָרן מיט די הייליקע יידישע אותיות.

מענדעלע האָט בשום אופן זיך נישט געקענט באַנוגענען בלויז מיטן תנ"ך און תלמוד, מיט קבלה און אַנדערע הייליקע ספרים פון דער חכמה נסתרה. מענדעלעס נשמה האָט געדורשט און געדראַנגט: נאָך עפּעס נייעס. זיין שטורעמדיקער גייסט האָט עפּעס פאַרלאַנגט, נאָר ער האָט נאָך אַליין נישט געוווסט וואָס אַזעלכעס זיין בענקענדיק האַרץ דאַרף האָבן.

נאָך זיין אַרויספאָרן פון ראַדזימין, איז ער אָנגעקומען קיין אָט־וואָצק. אין פּראַכטיקן אָטוואָצק מיט דעם זעלטענעם זיסן דופט פון די עוקאַליפּטן, צעדערן, שווירקעס, סאָסנעס, ווייסינקע בעריאָזעס, טאָפּאָליעס און לינדן־ביימער, וואָס זייערע שעוועלורע־שפּיצן מיט די צעכוואַליעטע צווייגן באַדעקטע מיט מילאָסן גרינע נאָדלען און אַראָמאַטישע בלעטער, האָבן זיך צעוויגט אַנטקעגן דעם תמיד בלויען און לויטערן הימל. ווי באַגריסנדיק דעם לערנדיקן מענדעלע ר' יהודה סופרס מיט אַ „ברוך הבא, ס'קאָצל קומט", האָט די גאַנצע צעוויגטע גרינע וועלט, זיך געבוקט צו אים און אָנגעזאָגט אַ בשורה טובה, אַז דאָ, אין אָטוואָצק, וועט ער געפינען דעם עליקסיר פונעם עץ הדעת, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט.

דורך אַ גליקלעכן צופאַל האָט מענדעלע זיך באַקענט מיטן אַטוואַצ־קער פעלדשערס זון, ברוך אַגראַדניק, אַ בחור פון אַכצן יאָר. ער האָט געלערנט שוין דאָס לעצטע יאָר אין וואַרשעווער גימנאַזיע. ברוך איז געווען אַ סאָציאַליסט אויפן ציוניסטישן נאַציאָנאַלן שניט. ער איז געווען אַ חקרן און אַ שטיק פילאָזאָף, באַאיינפלוסט פון די נביאים ישעיה, יחזקאל און ד״ר הערצל. מענדעלע מיטן עלטערן ברוך אַגראַדניק זענען געוואָרן אינטימע חברים, ממש צווילינג־ברידער.

און מענדעלע, אָרומשפּאַצירנדיק אַזוי אין באָראָן לאַנדאַס פּרוכטן־און בלומענגאָרטן, געדענקט אַזוי ווי היינט, ווי ברוך, אָדער בערעק אַגראַדניק, דעם אַטוואַצקער פעלדשערס זון, האָט אויף אים, מענדעלען, רחמנות געהאַט און געפּועלט ביי זיינע עלטערן, אַז זיין חבר מענדעלע זאָל ביי זיי עסן און וווינען אומבאַצאָלט.

ברוכלס אַטלעטישע געשטאַלט שטייט מענדעלען איצטער פאַר די אויגן. ער, מענדעלע, איז ווי אַ קינד געווען אַנטקעגן אים — און ווי אַזוי ברוך האָט זיך געשלאָגן מיט דריי פּוילישע שקצים־ענדעקעס, וועלכע האָבן אים געוואָלט שלאָגן און צונעמען זיין פּאָרטפּעל מיט די ביכער. ברוך האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף די אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס, אַזוי ווי שמשון אויף די פלישתים אין תמנתה... ברוכל האָט אַלע דריי רוצחים אַזוי שרעקלעך צעמימתט, אַז אַלע דריי שקצים זענען געבליבן ליגן אויפן טראָטואַר אין קאַלוזשעס בלוט. צום גליק איז דורכגעפאָרן אַ פּוילישער קריסטלעכער דראָשקאַרזש, אַן אידעישער סאָציאַליסט און אויפריכטיקער יידנפריינד וואָס האָט געלערנט צוזאַמען מיט ברוכלען. ער האָט זיי ביידע אויפגענומען און געמאַכט פּליטה איידער עס איז אָנגעקומען פּאָליציי.

און מענדעלע געדענקט מיט דאַנקבאַרקייט ווי גוט דער שטאָלצער און רייכער ברוכל איז געווען צו אים, צו מענדעלען. און ווי מעטאָדיש און מיט פאָטערלעכער פּיטעט ברוכל האָט אים געלערנט און געעצהט. מענדעלע דערמאָנט זיך אַ פראַזע פון זיין טרייען און גוטן חבר און לערער: אַנשטאָט צו זיין אַן אומווויסנדיקער רייכער סוחר, איז גלייכער צו זיין אַ געבילדעטער דאָקטאָר, אינזשעניער, אַדוואָקאַט אָדער אַרכי־טעקט, צי אַפילו אַ פּשוטער פאַכמאַן, מיט אמתדיקע יידישע געפילן און מיט אַן אמתדיקער יידישער נשמה. נישט דער וואָס זיצט אַף דאָס גאַנצע לעבן אין בית המדרש איבער דער זעלביקער גמרא איז דער פולקאָמענער ייד, נאָר דער יעניקער וואָס לערנט צוזאַמען מיט די הייליקע ספרים אויך די וועלטלעכע וויסנשאַפטן, וועלטלעכע ליטעראַטור. און אַרבעט פאַרן

כלל־ישראל שלא על מנת לקבל פּרס; דער איז אַ פֿאָלקאַמענער ייד, וואָס באַמיט זיך צו באַפרייען דאָס יידישע פֿאָלק פֿונעם שמעלץ־טיגל, פון אַסימילאַציע און פון דער שמד־מגיפה ר״ל. ברוכל איז אויך געווען דער וועלכער האָט מענדעלען געעפנט די אויגן און האָט אים אַריינגעפירט אין דעם היכל פון דער אויפוואַכנדיקער נאַציאָנאַלער יידישער עמאַנצי־פּאַציע־באַוועגונג.

ווען מענדעלע איז אַלט געוואָרן ניינצן יאָר, האָט ער שוין געהאַט געענדיקט די גימנאַזיע. ברוכל האָט אים געהאָלפן אַריין אין אוניווער־זיטעט פאַר יוריספּרודענץ, ווו ער האָט זיך אויסגעצייכנט בעסער פון אַלע, אַזוי אַז צו זיינע פיר און צוואַנציק יאָר, האָט מענדעלע שוין גע־האַט דעם דאָקטער־טיטל פון יוריספּרודענץ.

פון דער קליינטשיקער טויבעלע מיט די שעלמישע אויגאַנעס, איז אויסגעוואַקסן אַ מאַיעסטעטישע פריילין, ווי אַ פּרעכטיקע אַרכעדייע־בלום. איר פּעטער זכריה פלאַמענקאַ האָט טויבעלען אַריבערגענומען צו זיך קיין וואַרשע און זי דערצויגן ביי אים אין שטוב, ווי אַן אייגן קינד. ער האָט זי געשיקט אין גימנאַזיע, אין קאָנסערוואַטאָריע און אין דער אַקאַדעמיע פון קונסט־מאַלעריי, ווו זי האָט זיך גראַדוירט פאַר אַ פּיאַ־ניסטן, וויאָליניסטין און קונסט־מאָלערן. מענדעלע, וועלכער פלעגט אַריינ־קומען צו טויבעלעס פעטער, זכריה פלאַמענקאַ, אַ נאַציאָנאַלער ייד בלב ונפש, נאָר אין אַ צילינדער, שפּילן אַ פּאַרטיע שאַך, האָט געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרברענגען מיט דער פּראַכטיקער, רייצנדיקער, שטיי־פערישער, דרייפאַכיקער פּראָפעסאָרין טויבעלע. מענדעלע פלעגט מיט איר פאַרברענגען אין שמועסן, דיסקוסיעס און דעבאַטן וועגן פילאָזאָפיע, מוזיק און ליטעראַטור. נאָר מער פון אַלץ האָט די יונגיטשקע טויבעלע ליב געהאַט צו פּאָלעמיזירן און גלאָריפיצירן דאָס גרויסקייט און אַל־וועלטלעכקייט פונעם תנ״ך און אויך אַלע אַנדערע הייליקע יידישע ספרים. אָבער טויבעלעס פעטער, ר׳ זכריה פלאַמענקאַ, ווי אַ פּראָפעסאָר פון ענטאָמאָלאָגיע, האָט ליב געהאַט צו שמועסן וועגן נאַטור־וויסנ־שאַפטלעכע פּראָבלעמען. איבערהויפּט וועגן אַמפיביען און העקסאַפּאָדן. ער פלעגט אויך שילדערן די שרעקלעכע קראַפט פון ניטראָגליצערין, די גרינגקייט און גוואַלדיקע געפערלעכקייט פון הידראָגען־גאַז.

נאָר צו די אַלע דיסקוסיעס און דעבאַטן, האָבן מענדעלע מיט טויי־בעלען געהאַט זייער ליבלינג־טעמע: היסטאָרישע ראָמאַנען און ביי די לעקציעס און דעבאַטן, האָבן טויבעלע מיט מענדעלען זיך שטאַרק ליב געקראָגן.

טויבעלע איז דעמאָלט אַלט געווען סך־הכּל זיבעצן יאָר. זי איז גע־ווען עטוואָס נידעריקער פון מענדעלען. זי האָט פאַרמאָגט שוואַרץ־זײַדענע, געלאָקטע האָר. זי איז געווען שלאַנק און בײגיק ווי אַ גריכישע גראַציע. אירע פעך־שוואַרצע האָר האָבן איר דערגרייכט אַריבער די קני. דער פייכטער בליק פון אירע גרויסע כּשוף־אויגן מיטן גלאַנץ פון פּאָלירטע טורקעסאַ־שטיינער איז געווען מילד און באַשיידן ווי אַ לויטע־רער פרילינג־פאַרטאָג, אָבער אויך האָניק־זיס, ברענענדיק, ווי דער פלאַ־קער פון זון־אונטערגאַנג.

נאָכן לעצטן עקזאַמען, נאָכן האָבן באַקומען דעם געגאַרטן טיטל, מיט אַן אויסצייכענונג, איז טויבעלע אַהיים געפאָרן צו אירע עלטערן, זיך צוצוגרייטן צו דער חתונה מיט מענדעלען און אויך צו געניסן אַביסל פון יענער פאַדכאַינער זויבערער לופט וואָס ווייעט פון יענע אוראַלטע וועלדער, פולע מיט יונגיטשקע און זקנים־ביימער, פון אַלערליי פאָרמען און געשטאַלטן. זי וועט אַלע פאַרטאָגן גיין אין וואַלד אַריין קלויבן שוואָ־מען, קורקעס, רידזעס, פּיעצאַרקעס, שלימאַקעס און די ראָזע אַמאַניטאַ; זי וועט אָנרייסן פולע טעפּ יאַגדעס, שוואַרצע און רויטע; אַרומלויפן ווי אַ שאַרנע צווישן די ווילדע, דופטיקע בלומען־פלאַנצן און אַראָמאַטישע ביימעלעך פונעם וואַלד־געדיכטעניש און וועט אָנרייסן בוקעטן־בלומען פאַר איר מענדעלען. זי וועט איינאָטעמען אין זיך די פּערפומען פון דעם זאַגאַיניק־קאָנגלאָמעראַט; זי וועט קלעטערן אויף די העכסטע ביימער־שפּיצן און וועט זיך יאָגן נאָך די שטיפערישע וועווערקעלעך, קאַנאַריק־לעך און נאַכטיגאַלן און אויסשפּילן אויף איר פידל די צויבערנדיקסטע געזאַנגען פון אַלע געזאַנג־פייגעלעך אויף דער פרייַ אין וואַלד. דערנאָך, נאָך דער חתונה, וועט זי צוזאַמען מיט מענדעלען איבערחזרן טאָג־טעגלעך די זעלביקע אידיליעס.

ווען דאָס געדויש און געפילדער פון די באַן־רעדער און דער האַר־מידער פון דעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט אַלע רגע זיך מער דערווייטערט פון דעם וואָקזאַל, ווי אַנטלויפנדיק צו דער אומענדלעכקייט פון די בלויע האָריזאָנטן, און טויבעלע האָט מיט אַ ווייס טיכל נאָך אַלץ געפאָכעט צו אַלע וואָס האָבן זי באַגלייט צום באַן, האָט מענדעלע אויפגעציטערט. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע פרומע טאַטע־מאַמע. ווי אַזוי וועט ער אויף זייערע אויגן קומען? עס איז אין אים אויפגעקומען געפילן פון חדוה און אַן אומענדלעכע בענקעניש צו זיין טאַטע־מאַמע. ער איז גע־ווען פאַרצווייפלט. די גאַנצע קינדהייט זיינע איז אים געשטאַנען פאַר

זיינע אויגן. זיינע ערשטע טרוימען און די הייליקע חלומות פון זיינע פרומע עלטערן.

אַ ווײַלע איז מענדעלע אַזוי געשטאַנען אין וואָקזאַל כמעט ביים ראַנד פון די רעלסן און האָט מיט אַנגסט נאָכגעקוקט דעם זיך דערווייטערנדיקן באַן. ער האָט געטראַכט וועגן די אַלע פּאַסירונגען וואָס זענען פאַרבייגעפלויגן זיינע מחשבות ווי די שוואַלבן פון האַרבסט צום פרילינג. עס איז געקומען אויפן געדאַנק, ער זאָל אפשר גאָר חתונה האָבן מיט טויבעלען אין דער פרעמד, אָן דעם וויסן פון זיינע טאַטע־מאַמע? אַז זיי וועלן אים דערזען מיט אַ געגאָלטן פּנים, מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, וועלן זיי עס אפשר נישט איבערטראָגן. זיי וואָלטן אפשר חלילה געשטאָרבן פון עגמת נפש. מיטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ זעט ער טאַקע גאָרנישט אויס ווי אַ ייִד, נאָר ווי אַ גוי גמור, אַ דייטש, רחמנה ליצלן. ווי געשיקט זיך עס, מענדעלעס טאַטע, ר׳ יהודה סופר, וואָס איז כמעט אַ רבי, און דער זון, אָן אַדוואָקאַט גאָר, מיט אַ פּרצוף פון כמעט אַ גוי? אַ לייכט שמייכעלע מיט אַ זיס־ביטערניש האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים. ווען נישט דער נואף און חונף משה־פּסח, מער אינטריגאַנט ווי קילאַ קילאַידעס אָן יאַגאַ צוזאַמענגענומען, וואָס וואָלט פון אים, פון מענדעלען געוואָרן? און מענדעלע מחשבהט זיין פילאָזאָפישע טראַכטעניש, אַז אַפילו די פינצטערסטע נאַכט פירט אויך צו אַ ליכטיקן זון־אויפשיין.

צוויי וואָכן נאָך טויבעלעס אַוועקפאָרן פון וואַרשע קיין פּאַדכאַינע, איז מענדעלע באַהערשט געוואָרן פון אַ גוואַלדיקן אומעט. אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו זיינע טאַטע־מאַמע האָט אים אַרומגענומען ווי מיט אייזערנע רייפן: האָט עפּעס פּאַסירט אין דער היים? אפשר האָט זיין אַזוי נאָגנדיקער טרויער אַ סענסועלן, עראָטיש־ליידנשאַפטלעכן שורש? — טראַכט מענדעלע. ניין, דאָס נישט. נאָר טאַקע עפּעס אַן אומגעהויערע בענקשאַפט און ליבשאַפט צו זיינע טאַטע־מאַמע, האָט ווי אַ לאַווינע פאַרפלייצט זיין האַרץ און נשמה. מענדעלע האָט געהאַט אַזאַ מין פאַרגעפיל, אַ טעלעפּאַטיע אַזאַ, אַז עפּעס שרעקלעכעס איז געשען. דערפאַר האָט אים אַזוי געצויגן צו זיינע טאַטע־מאַמע, וואָס אין זיין אַלטער היים, אין דער ווייטער און אומהיימלעכער פּאַדכאַינאַ.

איין מאָל, אין אַ דונערנדיקער פּאַליע־נאַכט, בשעת עס האָט געבליצט און געפּלייצט אַ מבולדיקער רעגן, האָט מענדעלע זיך אויפגעכאַפּט נאָך אַ קאָשמאַרן־חלום. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז דער טאַטע זיינער האַלט ביים שטאַרבן און ער רופט אים: מענדעלע, מיין זון, מיין

טרייסט, מיין האָפנונג, זאָלסט למען השם נישט פאַרגעסן צו זאָגן קדיש נאָך דיין טאַטן, ווי אויך נאָך דיין כשרער מאַמען, וואָס איז שוין מיט אַ צייט צוריק געשטאָרבן...

אין דער זעלביקער רגע איז אים ווי אַ בליץ דורכגעפלויגן אַ חרטה-מחשבה: אפשר וועט ער נאָך קריגן די מחילה פון זיין טאַטע-מאַמע פאַר וואָס ער האָט זיי נישט געשריבן קיין איין בריוו צומאָל זינט ער איז אַוועק פון דער היים? אפשר וועט ער זיי נאָך טרעפן געזונטע און פרישע, טראָץ דעם אינקוויזיטאָרישן קאָשמאַרן-חלום?

די גאַנצע ליבשאַפט פון אַן ערלעכן יידישן זון צו זיינע טאַטע-מאַמע, וואָס האָט ווי געדרימלט דעם טריפאַנאַזאָנאַ-שלאָף, האָט זיך אין מענ-דעלעס נשמה דערוואַכט מיטן הייליקן פייער פונעם כבוד אב ואם, נישט נאָר לויטן געזעץ פון דער הייליקער תורה, נאָר אויך לויטן געזעץ פון דער עטיק און פון דער ריינער נאַטור. און אין אַן אומדערוואַרטעטן טאָג, נאָך אַ רייזע פון צוועלף שעה מיטן שנעל-צוג, איז מענדעלע אָנגעקומען קיין פּאָדכאָינאַ, וווּ ער האָט געפעלט גאַנצע צוועלף יאָר צייט.

עס איז געווען מיטאָג-צייט, פון אַן ערלעכן ערשטן מאַי. דער הימל איז געווען לויטער בלוי. די זון האָט מיט מאַמעשער ליבשאַפט צעשפרייט סנאָפּעסווייז אירע גין-גאָלדענע שטראַלן-זאַנגען איבער די פּאָדכאָינער לאַנדשאַפטן, איבער שטאָט, דאָרף, וואַלד, באַרג און צעגרינטע לאָנקעס. און מיט איר אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט צו אַלץ און אַלעם פון איר יצירה, האָט זי געשאַפן נייע לעבנס, נייע האָפענונגען. די שוואַלבן, נאַכטיגאַלן, אַבוביליאָס און אויוון-פייגעלעך זענען אומגעפלויגן אין דעם מינדסטן ריר פון זייערע עלאַסטישע פליגלען און געשלונגען מילאָסן אינזעקטן. אַנדערע פייגעלעך, שוין זאַטע, האָבן געזונגען שירה צו זייערע ווייבעלעך; די באַטשאַנעס האָבן אין געשוועב געטראָגן זשאַבעס, שלאַנ-גען און שטשורעס צו זייערע נעסטן פאַר זייערע ווייבעלעך און נאָך יונגינקע, אומבאַהאָלפענע קינדערלעך. די הענער האָבן געקרייעט דעם צוועלפטן געקריי — צוועלף אַ זייגער, האַלבער טאָג. די הינער-מאַמעס האָבן מיט מאַמע-געדולד אומשפּאַצירט מיט זייערע עופעלעך, געקוואָ-קעט און געגישטערט, געגראַבלט אין דער ערד אַ ווערימל, אַ קערנדל, אַ פליגעלע. די ביימער, קוסטן און בלומענפלאַנצן זענען געווען באַלאַ-גערט מיט צעעפנטע בלומען-בוקעטן. אויף די צעעפנטע בלומען און אַרום די בינשטאָקן האָט געדזיעט מיט בינען. זיי זענען אויך געווען באַשעפטיקט און פאַרשמאַיעט אין דער פּראָקרעאַציע, אין המשך און קיום פון זייער ספּעציע.

מענדעלע האָט נישט געוואָלט גיין פון באַן גלייך אין שטעטל אַריין. ער האָט נישט געוואָלט אַז מען זאָל אים דערקענען. בעסער ביינאַכט וועט ער גיין מיט טויבעלען און מיט אירע עלטערן צוזאַמען, מאַכן אַ סורפּריז זיין טאַטע-מאַמע. דערפאַר איז ער אַוועק צום באַראָן דאַוויד לאַנדאַ, זייער אַ רייכער לאַנד-באַזיצער, מיט אַ מענטשלעך האַרץ, כאָטש אַ דייטש, וועלכער האָט געהאַט זיין גרויס הויז מיט זיין פּרעכטיקן סאַד, עטלעכע קוואַרטאַלן ווייט פונעם צענטער פון פאַדכאַינאַ.

לאַנדאַס טאָכטער, מאַטילדאַ האָט זי געהייסן, זיבעצן יאָר אַלט, אַ סימפּאַטיש פיר קאַנטיק שיקסל מיט ווייסע, פלאַקסענע האָר, ווייסע ברעמען און ווייסע ווימפּערס ביי אירע ראָזע אויגן-לעפּלעך איבער אירע העל-בלויע-שאַרע, קאַצענע אויגן, האָט געלערנט צוזאַמען מיט טויבעלען אין דער זעלביקער וואַרשעווער גימנאַזיע און זענען געווען גוטע חברטעס. לאַנדאַ אַליין איז אויך געווען גוט באַפריינדעט מיטן יונגן אַדוואָקאַט, מענדעלע, און ער האָט אים אויפגענומען מיטן גרעסטן כבוד.

לאַנדאַ האָט פאַררויכערט זיין גרויסע, יום-טובדיקע ליולקע און געהייסן קאַשקען, דער דינסט, פאַרבריען טיי, דערלאַנגען האָניק-לעקעך, שעפּסענעם קעז און אַ פלאַש אַראַק. בשעתן רויכערן האָט לאַנדאַ געהאַלטן אין איין דרייען זיינע גרויסע, בלאָנדע וואָנסעס, און אַרויסלאָזנדיק גאַנצע וואָלקנס געדיכטן, טונקעלן רויך, האָט ער געפרעגט מענדעלען דעם מאָטיוו פונעם פלוצימדיקן באַזוך, וואָס האָט אים געטריבן קומען אַזש פון וואַרשע, אַזוי אומגעריכט.

מענדעלע האָט דערציילט לאַנדאַן בפרטיות אַלע פּאַסירונגען וואָס זענען מיט אים פאָרגעקומען זינט זיין פריסטער קינדהייט, וואָס לאַנדאַ, אַלץ רויכערנדיק און דרייענדיק זיינע וואָנסעס, האָט אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט.

נאָך דעם שמועס, האָט די גראָבע מאַטילדע אַריינגעפירט מענדעלען אין קאַרשן-סאָד און אַליין איז זי אַוועקגעלאָפן אין שטעטל אַריין צו טויבעלעס עלטערן, אָנצוזאָגן די בשורה טובה, וועגן דעם גאַסט.

טויבעלע איז נישט געווען אין שטוב. זי איז געגאַנגען צו דער לוויה פון ר׳ יהודה סופר, מענדעלעס טאַטע, וואָס איז געשטאָרבן נעכטן פאַר שקיעה. עס איז מאַטילדען נישט געלונגען זי צו געפינען און דערפאַר איז זי אַוועק צוריק אַהיים, צו דערציילן מענדעלען וואָס עס האָט פּאַסירט. מענדעלע האָט שוין מער נישט געקענט וואַרטן. ער האָט שוין מער נישט געוואָלט זיך דערינערן פון אַנדערע זאַכן וואָס זענען מיט אים פאָרגעקומען מיט יאָרן צוריק. זעענדיק אַז עס איז שוין מער ווי אַ שעה

און מאַטילדע מיט טויבעלען זענען נאָך נישט געקומען, האָט ער גע־מאַכט נאָך אייניקע אומקרייזן צווישן די בלוט־רויטע קאַרשן־ביימעלעך, און האָט נערוועיש געצופּט די זאַפטיקע קאַרשן און צערעשן און זיי געוואָרפן אויף דער ערד פאַר די זיך אַרומשפּאַצירנדיקע פאַרליבטע אינדיטשקעס.

מינוטן שפּעטער איז מאַטילדאַ געקומען צו לויפן און מיט איין אָטעם האָט זי דערציילט מענדעלען וואָס עס האָט פּאַסירט. מיט טרערן אין די אויגן האָט מענדעלע אויסגעהערט די טרויעריקע בשורה. טרייסטנדיק זיך אַז די מאַמע זיינע לעבט נאָך, האָט ער געבעטן מאַטיל־דען זי זאָל אים באַגלייטן. זיי זענען אַרויס פון קאַרשן־סאַד.

מענדעלע האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז זיין מאַמע איז שוין אויך געשטאָרבן נאָך מיט זעקס יאָר צוריק. זי איז אויסגעגאַנגען פון צער און בענקשאַפט, וואָס איר איין און איינציקער זון איז פאַרפאַלן גע־וואָרן ווי אַ שטיין אין וואַסער. בפרט נאָך, ווען משה־פּסח האָט געזאָגט, אַז מענדעלע איז געוואָרן אַ „דייטש", גייט קורץ געקליידעט, אָן אַ שמיץ פון אַ באָרד, אָן פּאות און אָפילו אָן וואָנסעס. ווער ווייסט צי ער האָט זיך חלילה נישט געשמדט. אַ סימן, ער אַליין, משה־פּסח, האָט געזען אין וואַרשע, ווי מענדעלע האָט גערעדט מיט אַן ערל וואָס האָט גע־טראָגן צוויי גרויסע און גראָבע ביכער געשריבענע אין גויישע אותיות. מענדעלעס כלה, טויבעלע, מיט נאָך מענטשן וואָס האָבן געוווּסט, אַז זיין מאַמע איז געשטאָרבן, האָבן עס אים נישט געזאָגט ביז איצטער.

די גאַנצע יידישע עדה פון פּאָדכאַינאַ איז אַרויס צו דער לוויה. אומעטום און אין אַלע זייטן האָט מען געזען טרויעריקע פּנימער, פאַר־טרערטע אויגן מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען. נאָך די יונגע, מאַיאָווע זון האָט געשיינט קינדיש צו די באַגלייטער, ווי זי וואָלט געזאָגט, אַז אויב דער גואף משה־פּסח וועט נאָכטון ר' יהודה סופר, וועט שוין מער קיינ־מאָל נישט פאַרקומען קיין שום טרויער אין דער יידישער פּאָדכאַינאַ...

דאָס גאַנצע שטעטל איז אַרויס באַגלייטן דעם גרויסן ייד און בעל־תורה פון פּאָדכאַינעם בית־המדרש.

ווען די שוואַרצע עגלה איז פאַרבייגעפאָרן די ברייטע כאַבעראָווע גאַס, איז אַרויס פון אַ שפּייז־קלייטל אַ שיין יונג ווייבעלע מיט אַ פּיצל קינד אויף דער האַנט. זי איז געווען פון אַ העכערן, שלאַנקן וווּקס. אין אירע זאַפיר־אויגן און צערעשן־בעקעלעך, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ טיי־פער צער פון אייפערזוכט. אַז זי האָט דערזען מענדעלען מיט מאַטילדען גיין צוזאַמען באַלד נאָך דער עגלה, האָט זי אויסגעגלאָצט אירע שטויי־

נענדיקע אויגן פון אַ פאַרלוירענעם טרוים. און פלוצים האָט פון איר געפּרעסטער ברוסט זיך אַרויסגעריסן אַ מאָדנער היסטערישער קווייטש ווי פון אַ נישט דערשראָכטענער הון און איז אומגעפאַלן אַ געחלשטע פאַר איר טיר.

דאָס איז געווען די שיינע רייזעלע מיט די גאָלד־קאָלירטע האָר און כאַבער־בלויע אויגן. זי האָט מענדעלען נאָך אַלץ ליב געהאַט, כאָטש זי האָט געהאַט אַ ווילן מאַן מיט פיר געראָטענע קינדערלעך. אויפן אַלטן בית־עולם, ווען מענדעלע האָט זיך צוגערוקט צום אָרון זאָגן קדיש, האָט ער פלוצים דערהערט אַן אַלט־באַקאַנטן שדים־געריטש:

— דו טאָרסט זיך נישט צורירן צום הייליקן אָרון, ווייל דו ביסט טריף ווי חזיר!...

עס איז געווען דער לאַטוטניק דאָרפס־גייער משה־פסח. ער האָט נאָך אַלץ געלעבט.

דער בלינדער ציגאַרן־פּאַרקויפער

— ציגאַרן, ציגאַריזשאָס און יידישע צייטונגען פאַרקויף איך. „די פרעסע", „די אידישע צייטונג" פאַרקויף איך!...

ס'איז געווען אַ קאַלעמוטנער, בלייענער פאַרנאַכט. אַ דריבנער, אייז־קאַלטער רעגנדל, פאַרעקשנט געטריבן פון אַ פייפנדיקן ווינט, האָט רציחהדיק געשמיסן און ווי מיט דערנער־שפּיזן דורכגעשטאָכן די מלבושים, די הויט, נערוון און מוסקולן פון דעם פאַרשמאַיעטן מענטש אין גאַס אויפן געוויטער, וואָס האָט פאַראַליזירט די גלידער ביז די מאַרך־ביינער.

עס איז געשטאַנען אַ שטאַרקע קרירה. שוין געווען בין־השמשות. דער בלינדער פאַרקויפער פון ציגאַרן און יידישע צייטונגען, איז נאָך אַלץ געזעסן ביי זיין שאַפּקעלע סחורה. די אונטערגייענדיקע זון האָט זיך באַוויזן אַ רגע אויפן ווייטן האָריזאָנט; זי האָט באַשטראַלט דעם ציגאַרן־פאַרקויפערס אַ פּערל־טרער, וואָס איז געבליבן הענגען אין די רויטע ווינקלען פון זיינע בלינדע אויגן; די זון האָט זיך ווידער באַהאַלטן אַ צונטער־רויטע און צאַרטע, ווי אַ מאַמיש־גלעטנדיקע, צווישן די שוועבנדיקע וואָלקן־בערג.

אויף דער זעלביקער גאַס, כמעט קעגנאיבער דעם זונס שניידער־פאַבריק און געשעפט פון מענער־מלבושים, פלעגט דער הדרת־פּנימדיקער זקן שטיין, אָדער זיצן ביים שאַפּקעלע מיט די אַלערליי ציגאַרן און יידי־שע צייטונגען ביז אין די שפּעטע אָוונט־שעהן און אויסרופן זיין בידנע ביסל סחורה:

— ציגאַרן, ציגאַריזשאָס און יידישע צייטונגען פאַרקויף איך! „די פרעסע", „די אידישע צייטונג" פאַרקויף איך!...

בלויז מיטיק־צייט פלעגט דער בלינדער ציגאַרן־פאַרקויפער צומאַכן זיין „געשעפט" ביז אַזייגער צוויי נאָך מיטיק. אין דער פרי פלעגט ער איבערבייסן ביים שענקעלע ציגאַרן און יידישע צייטונגען, אין דרויסן, אין די חמימהדיקסטע היצן און פרירנדיקסטע קעלטן, סיי אין רעגן ווי

אין האָגל. ער פלעגט אויפעסן דעם פענעץ ברויט און אויסטרינקען דאָס אָפּגעמאָסטענע טעפּל קאַווע מיט מילך, וואָס די ברוינהויטיקע דינסט־מיידל פלעגט אים אַרויסברענגען.

הויך און שלאַנק איז געווען דער בלינדער זרח און גלייך ווי אַ טייטל־בוים אשר על פלגי מים. זרח איז געווען אַמאָל אַ ייד אַ גבור, ממש אייזן־שטאַרק, מיט צוויי יאָר צוריק איז דער סגי־נהור נאָך געווען אַ זעעוודיקער, פונקט אַזוי ווי אַלע נאָרמאַלע מענטשן. ער, זרח, איז אַמאָל אַפילו געווען אַן אַטלעט, אַ ווייט־זעעוודיקער.

אין זיין אַלטער היים, אין סקזשיסעווע, פּוילן, איז ער געווען אַ שניידער. די פּויערים האָבן פאַר אים געציטערט, געהאַט אימת־מות פאַר אים. נאָר זיי האָבן אים דאָך ליב געהאַט. זיי פלעגן זאָגן: „אַט אַ ייד אַ כוואַט, אַ געוואַגטער ווי אַ ביק און קאָן טרינקען וואָדקאַ און ביר, נאָך מער ווי דער „מאַסקאַלסקער" פּאָפּ. נאָר אַ שאָד וואָס ער שמדט זיך נישט אויף אַן אונדזעריקן, אויף אַ קאַטאָליק, וויל נישט עסן קיין חזירישן קעלבאַס, קיין שינקע און אַפילו קיין חזירישע סקוואַרקעס (גריוון). ווען זרח טוט דאָס, וואָלט ער געקענט דערגרייכן אַפילו צו ווערן ביי אונדז אַ סאָלטיס אין דאָרף און אפשר אַפילו איבער דער גאַנצער פּאַראַפיע!..."

— גוט מאָרגן, זיידעשי, עס הונגערט אייך? שעמט אייך נישט און האָט נישט קיין מורא, איך וועל אייך נישט פאַרראַטן, איך וועל קיינעם נישט אויסזאָגן — פלעגט די ברוינהויטיקע מאַריאַ מאַדאַבו פון נײַנצן יאָר, זיך פרעגן ביים הונגעריקן און דורשטיקן, דורכגעפרוירענעם, פרי־צייטיק פאַרעלטערהטן זרח.

— יאָ, מיין קינד, עס הונגערט מיך גראָד זייער שטאַרק. עס נאָגט מיך עפּעס אַזוי שטאַרק ביים האַרץ, ווי איך וואָלט געהאַלטן ביים שטאַרבן... זאָל עס אפשר זיין צוליבן סקאַנדאַל ביינאַכט וואָס מיין שנור האָט מיר געמאַכט? צי אפשר גאָר ווייל איך האָב זיך געלייגט שלאָפן אומגעגעסן?

— גוט, אַבועליטאַ (זיידעשי), ווי נאָר מיינע באַלעבאַטים, איך מיין, אייער זון מיט זיין פרוי, וועלן אַרויסגיין פון שטוב, וועל איך אייך שוין פאַרגיטיקן. איך וועל אייך פאַרדאַפּלען פאַר דער נישט געגעסענער וועטשערע. נאָר דערווייל נאַט אייך נאָך אַ פּאָרציע ברויט מיט פרישן, שמעקעדיקן ווורשט און ברוסט אינעווייניק. שפּעטער, וועל איך אייך אויך אַרויסברענגען נאָך אַ טעפּל קאַווע מיט גוטע מילך און צובייסן: גוטן שטרודל, שמאַנט־קעז, כאַלוואַ פון מאַנדלען און פלוימען־איינגע־

מאַכן, וואָס איז געבליבן פון דער ביינאַכטיקער סעודה פאַרן פּאָקער־שפּילן.

— ווייסט, מאַריאַ מאַראַבו, פאַר דיין גוטסקייט וועסטו זיכער זיצן, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אין הייליקן גן־עדן אויף אַ גאָלדענער שטול.

— אַ דאַנק זיידע, זרח. פאַר וועלכן גוטס קומט עס מיר אַזאַ מין גלאָריע אין הימלישן קעניגרייך? איך בין דאָך נישט מער ווי אַן אינדיאַנערקע, צומאָל נישט קיין געשמדטע און אויך נישט קיין „געיידישטע" — האָט דאָס מיידל געענטפערט מיט אַ דערשטיקט קול פון וויטיקלעכער עמאָציע.

— פאַרוואָס עסט איר נישט צוזאַמען מיט אייער זון און פאַמיליע ביים טיש אין שטוב? עס פרישעט דאָך אַזאַ פאַסקודנער, קאַלטער רעגנדל. איר, סעניאָר זרח, וועט זיך נאָך חלילה פאַרקילן. די גריפּע, לונגען־אָנטצינדונג, בראָנכיטיס, נעומאָניע, רופן די דאָקטוירים אָט די ווייסטע קרענק, די חולאתן נעמען צו אַ סך לעבנס, זאָגן די צייטונגען; פאַרגעסט נישט, סעניאָר זרח, אייער עלטער און איר זענט אַ שוואַכער דערצו — פרעגט און וואָרנט זרחן די „רויטע" באַשל, די „קאָכלעפל".

— איך עס דאָ, איך כאַפּ, הייסט עס, איבער דאָ אין דרויסן. נישט ווייל עס איז חלילה נישט פאַראַן קיין פּלאַץ פאַר מיר ביים טיש צוזאַמען מיט מיין זון און פאַמיליע, נאָר ווייל עס קומען כסדר מענטשן וואָס ווילן עפּעס קויפן: אַ צייטונג, אַ פּעקל ציגאַרן, אַ שאַכטעלע שוועבעלעך, אַ בלייער, אַ פעדער, אַן אַספּירין, צי אַ פּעקעלע כעניאַל.

— ס'איז אייך נישט קאַלט, סעניאָר זרח?.. — פרעגט ווידער די רויטע באַשל.

— יאָ, סעניאָראַ באַשל. אַ געזונט אין אייערע ביינער אַריין. קאַלט איז מיר גראָד יאָ, זייער קאַלט, אַז עס פרירן מיר אַזש די גלידער. נאָר איך זיץ מיר דאָ אַזוי, ווייל איך מוז. בעל כרחך אתה חי, ובעל כרחך אתה מת. קיינער וויל נישט שטאַרבן. נאָר ווען דער וואָס אין הימל פאַרמשפּט, איז נישט פאַראַן קיין שום אַפּעלאַציע. טאָמער בין איך נישטאָ, ביי מיין „געשעפט", איז טאַקע מיין קלייט צוגעמאַכט. דאָס שאַפּקעלע סחורה פאַרשלאָסן. אַז מיין „קראָם" איז צוגעמאַכט, גייט דער קונה אוועק ערגעץ אַנדערשוווּ קויפן. און אַז איך פאַרקויף נישט קיין סחורה, אַז דער פדיון איז קלענער, ווערט אויך אַ קלענערער פאַרדינסט;

און אַז איך ברענג אַרײַן אַ קלענערן פּאַרדינסט, שרײַט מײַן זון נעבעך, אַז ער ווערט בדיל־הדל צוליב מיר... אַז איך וועל אים, חלילה, פירן צו אַ חוסר־לחם, צו אַ באַנקראָט, צו בעטל־ברויט, חס וחלילה. נו, נו, אַז מײַן זון צעשרײַט זיך, שרײַט מײַן שנור נאָך העכער. אײ מײַן שנור, זאָל מיר לעבן און געזונט זײַן, האָט זי קײן עין־הרע זאָל איר נישט שאַטן, אַ קוילעכל, אפשר אַ שטאַרקערס ווי לילי פּאָנס, ווי ראָסאַ ראַיסאַ און אַפילו שטאַרקער ווי די באַרימטע שפּאַנישע זינגערן לאַבאַריענטאָס האָט געהאַט. און הגם מײַן „גוטע" שנור שרה־בײלע, הײנט פּעליסאַ, איז טאַקע אַ גוטינקע, ווערט זי אַ טיגערן ווען זי צעיאַכמעט זיך; אַז עס צעשרײַט זיך מײַן שנור אויף די הויכע, גאָר הויכע טענער, צעשרײַען זיך אויך מיט הילכיקע געוואַלדן, אירע אַלע פיר קינדערלעך, מײַנע שײנע אײניקלעך, זאָלן לעבן און געזונט זײַן...

— און צו אײער ראיה, איך מײן צו אײַערע אויגן איז טאַקע נישטאָ קײן שום רפואה? אײַער זון איז דאָך שטײן־רײַך, אַ מיליאָנער, זאָגט מען... קאָן ער נישט נעמען אַ גוטן אויגן־דאָקטער אײַך צו ראַטעווען? ס'איז דאָך אײער שטוב. און ס'גאַנצע פאַרמעגן אײער זונס איז דאָך נישט זײַנס, נאָר גראָד אײַערס. עס איז אַזוי פּראָסטיק, אַז עס שווידערט מיך ממש. כ'לעבן, אַז עס איז אַן עבירה אַ הונט אַרויסצוטרײַבן אויפן געוויטער. עס איז אײַך טאַקע נישט קאַלט? — פרעגט די רויטע באַשל, די „קאָכלעפל", צום ווײפלסטן מאָל.

— יאָ, שכינה באַשל, איר זענט גערעכט. נאָר ווער עס האַלט דעם שטאָלענעם קאַסטעט און אַ רעוואָלווער אין האַנט, איז נאָך מער גערעכט. נאָר וועגן דעם, שפּעטער. אָבער עיקר שכחתי, שכינה באַשל. איך פאַרמאָג מיר פיר אײניקלעך אײנס און אײנס פון מײַן מוזיניק, זאָלן לעבן און געזונט זײַן. זײַנע צווײ מוידן, אַ צווילינג, אַזוינס און אַזעלכעס, אַז קײן שום בײז אויג זאָל זײ קײנמאָל נישט שאַטן. אַכט יאָר זענען זײ אַלט — גאַנצע בערעכעס, קײנעהאָרע. און די צווײ בחורים זײַנע, דער עלטערער, זעקס יאָר אַלט און דער יונגערער, פינף יאָר אַלט, וועט זיכער זײַן אַן אַטלעט, אַ צווײטער זישע ברײטבאַרד. נײן, נאָך שטאַרקער, אפשר גאָר אַ שמשון הגיבור, קײן עין־הרע זאָל אים נישט שאַטן.

באַשל האָט אײַנגעפּאַקט בײדע יידישע צײַטונגען, ציגאַרעטן, שוועבעלעך און צוקערלעך פאַר אירע קינדער. וואָס זי האָט געקויפט בײ זרחן און געוואָלט אַהײם גײן.

— יאָ, שכינה באַשל, גײט נאָך נישט. מײַן טײַערער זון מיט זײַן האָניק־זיס ווײַבעלע זענען, ב"ה, נישטאָ, האָט איר נישט וואָס מורא צו

האָבן, צו רעדן מיט מיר נאָך אַ פּאָר מינוט, הגם איך האָב מיך שוין אפשר אַביסעלע צופיל צערעדט. אָבער ואים לא עכשיו, אימתי? מיין זון אַברהם־יעקב, מיט זיין שפּאַנישן נאָמען פ ר אַ נ צ י ס ק אָ, איז אויך אַ גוטע נשמה. אַז ער געווינט אַן אַפּותיקא, איז ער גוט צו מיר ווי אַן אָפּגעבראָטענע ציבעלע, צו אַ געשוויר צוצולייגן... ער איז נעבעך אַביסעלע נערוועיש די לעצטע צייט, ווייל ס׳גייט אים מיט דער פּוטער אַראָפּ; עס גייט אים לעטנס נישט אַזוי פויגלדיק.

מיין אַברהם־יעקב האָט מיט פיר חדשים צוריק זיך געקויפט אַן אויטאָ, אַ פּלאַטערדיקן אויטאָ, אַ פּלאַמענדיקן נייעם אויטאָ, נאַר־וואָס פון דער נאָדל אַראָפּ, פאַר וועלכן ער האָט משלם געווען פיר הונדערט און פופציק טויזנט פּעזעס מזומנים גלייך אין יד אַריין; ער האָט מיט צוויי חדשים צוריק געליטן אַן אַקצידענט בשעתן פאָרן קיין מאַר דעל פּלאַטאַ צו זיך אין טשאַלעט, וואָס איך האָב געלאָזט אויפבויען פאַר מיר מיט די קינדער; אַברהם־יעקב איז אַרויפגעפלויגן מיט זיין אויטאָמאָביל אויף אַ צווייטן אויטאָ, נאָר ער איז צום גליק אַרויס מיטן לעבן און מיט גאַנצע ביינער דערצו. דאָס פאַרדיכטן אַליין דעם אויטאָ זיינעם, וועט אים קאָסטן איבער הונדערט טויזנט פּעזעס, און שאַדנגעלט פאַרן צעשמעטערן יענעמס קאַטש?.. נו, נו... דערצו נאָך האָט מיין זון און די שנור מיינע, זיין קאַכאַנעדיק ווייבעלע, פאַרשפּילט אין רולעטע פון מאַר דעל פּלאַטאַ אפשר מער געלט ווי אין וועג־אַקצידענט מיטן אויטאָ. דאַכט מיר, אַ גאַר היפּשע סומע ממתקים; די געשעפטן גייען אויך נישט אַזוי וואַזשנע: צוויי פון זיינע בעסטע קליענטן, בעל־חובות, האָבן באַנקראָטירט. נו, לאָזן זיי אוים זייער ביטער הארץ און כעס צו מיר, ווי צו אַן אומגליקלעכן לא־יצלח.

— וואָס זאָגט איר? אייער אייגענער זון, אייער אייגן בלוט און פלייש זאָגט אויף אייך אַז איר זענט אַ ניע גאָדיאַ, אַ לא־יצלח — האָט באַשל אַ געשריי געטון נישט מיט איר קול.

— יאָ, יאָ, באַשל טייערע, אַזוי איז די וועלט, אַזוי זענען די היינטיקע קינדער. דאָס געשעט, מחמת מען פּיעשטשעט זיי צופיל בשעת זיי זענען נאָך צאַרט, קליין — האָט זרח געזאָגט שטיל. קיינער זאָל חלילה, נישט הערן. ער האָט אַ פּאַכע געטון מיט דער פרענגעוואַטער האַנט איבער זיין; פּנים, ווי אַ פליג וואָלט אים געוואָלט בייסן. ער האָט פאַרזשמורעט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן און צוזאַמענגעצויגן זיינע פענזל־ברעמען. ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך עפּעס אַ האַרבע שאלה פונעם שולחן־ערוך, צי אַ שווערע סוגיא אויפצו־

פלאַנטערן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער פאַרגעזעצט זײַן איבערגע־האַקטן מאָנאָלאָג:

— דערפאַר, אַז עס ווערט אַ געשריי, אַ ווילדער געטומל, פאַרקלעמט עס מיר בײַם האַרץ, און איך פאַל אַוועק ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים. נאָר בכדי אויסצומײַדן חרפּות און בזיונות, קריגערײַען און האַרמידער־געוואַלדן, זיץ איך מיר דאָ אײַנדרויסן, זאָג מיר קאַפּיטלעך תהילים, איוב, קוהלת, צי פּרקי־אבות אָדער משלי פון אויסנווייניק. איך פאַרטרײַב מיר דעם נאַגנדיקן הונגער און דורשט מיטן מתפּלל זײַן צו דעם וועמעס נאָמען איך בין נישט ווערט צו דערמאָנען. איזהו גיבור? הכובש את יצרו... — זאָגט בן־זומא; אַז איך זאָג מיר אַ שטיקעלע משלי, יחזקאל, אָדער ישעיה מיט כוונה, ווי דער גרויסער ר׳ ישראל בעל־שם טוב האָט אונדז געראָטן און געלערנט, פאַרגעס איך נישט נאָר מײַן הונגער און דורשט, נאָר אַפילו פון די מאַטערנדיקע יאַנואַר־היצן און יולי־אויגוסט קעלטן, ביז מײַן „האַרציקע״ שנור דערבאַרימט זיך איבער מיר און שיקט נאָך מיר אַרויס אַ קינד, אָדער דאָס אינדיאַנער־שיקסל. זי איז דאָך אַזאַ גוטע נשמה דאָס אינדיאַנער מיידל, גאַרנישט אַזוי ווי די ציוויליזירטע, גרויסשטאָטישע. זי, די קאַלטשאַקיערן, רופט דאָך מיך זיידעשי, אויף אונדזער לשון, אויף אונדזער יידיש. אַ שאָד נאָר וואָס איך זע נישט. זי מוז אַוודאי זײַן זייער אַ שיינע. איך וואָלט איר פּנים כאָטש געוואָלט אָנ־קוקן. אַ שאָד וואָס איך זע נישט. וואָס זאָגט איר, שכינה באַשל, זי, די מאַריאַ איז טאַקע אַזוי שיין ווי גוט?

— פע, פע, מען טאָר אַזוי נישט רעדן, סעניאָר זרח! — האָט זיך אַרײַנגעמישט דער געוועזענער ליפעראַנט פון „ווייסע, שאַטינע און ברוינע פעלעכלעך״. פאַר אַזוי רעדן, וועט איר, חלילה, האָבן דאָס גיהנום. איך ווייס וואָס איך רעד. איך בין פּרעזידענט פון די „נשים צדקניות״.

— דער סעניאָר זרח האָט שוין דאָ ס׳גיהנום. גייט אייך אַהין פון וואַנען איר זענט געקומען און וואַשט אייך גוט אָרום איידער איר נעמט רעדן שטראָף־רייד דעם סעניאָר זרח — האָט די פאַרטערטע באַשל אַרײַנגעזאָגט דעם בעל־תשובה איגנאַש בענקאַרט.

— נו שכינה באַשל — האָט ווידער גענומען רעדן דער בלינדער זרח — סע איז דאָך אַמעריקע, איך מיין זיד־אַמעריקע; דאָ מוז מען אַרײַנברעגנען דיווויזן. טאָמער נישט, איז אַ בריק אין הינטן און פּאַשאָל־וואָן! ווי זאָגט עס דאָרט דער כאַכאָל, דער געלערנטער קאַצאַפּ: „רוב ניע דיענגי, אַ מוזשיק ניע בראַט״. יאָ טאַטע, נישט טאַטע, יאָ מאַמע,

נישט מאַמע. ברענגסטו שוין מער נישט קיין נוצן, איז אַ שליידער אויף דער ערד, און אַרויס פון שטוב. מילא, אַז דאָס גאַנצע הויז און דאָס גאַנצע פאַרמעגן איז דעם פאָטערס, האָט דער טאַטע נישט געדאַרפט זיין קיין אידיאָט, און נישט אָפּשרייבן. „דער כיטראַק לעבט פונעם נאַר, און דער נאַר לעבט בלויז פון זיין פּראַצע" — זאָגט אַ שפּאַניש שפּריכוואָרט. ווער עס פאַרלאָזט זיך אויפן מזל, אויף דער דאַליע, צי אַפילו אויף גאָטס בראָט, קריגט דעם שחין, דעם פאַרך, לא עלינו, מיין איך... „פּאַ שקאָדזשע פּאָליאַק מאָנדרי" (נאָכן שאָדן, ווערט דער פּאָליאַק קלוג). בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי, זאָגט ישעיה. אַ טאַטע, אַ מאַמע, דאַרף זיין גוט צו זייערע קינדער, אָבער נישט צו גוט. חושך שבטו, שונא בנו, זאָגט שלמה. פאַרשטאַנען שכינה באַשל?...

און פאַר וואָס מיין רייכער זון נעמט מיך נישט צו קיין גוטן אויגן־דאָקטער? דאָס ווייסט מיין זון פאַר וואָס. אַ באַרימטער נאָרד־אַמעריקאַנער אויגן־דאָקטער האָט מיר געהאַט געזאָגט, נאָך איידער איך בין בלינד געוואָרן, אַז מיט אַן אָפּעראַציע וואָלט ער מיך געקאָנט ראַטעווען. די דעליקאַטע אָפּעראַציע האָט אָבער געדאַרפט קאָסטן ביי די פופציק טויזנט פּעזעס...

— דאָס געלט איז דאָך אָבער אייערס, סעניאָר זרח! — האָט זיך באַשל געאַמפּערט.

— גערעכט, שכנה באַשל. — האָט זרח גערעדט וואָס אַמאָל אַלץ שטילער — און הגם דאָס פאַרמעגן פון מיין זון איז נישט זיינס, נאָר מיינס, דאַרף ער אָבער דאָך וועלן אויסגעבן אַזאַ סומע געלט בכדי צו ראַטעווען זיין פאָטערס ראיה.

— אַ טאַטע ראַטעוועט יאָ זיין קינד, זיין בלוט און פלייש אין אַן עת־צרה, כרחם אָב על בנים — האָט באַשל צוגעגעבן.

נאָכן אַראָפּרעדן זיך פון הארץ, איז דעם זקן נישט גוט געוואָרן. ער האָט געחלשט. מען האָט אים קוים אָפּגעראַטעוועט.

דער בלינדער ציגאַרן־פאַרקויפער איז געווען אַ ייד מיט אַ שיינער, לאַנגער באָרד, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שאַרף־שפּיציקן קלין, ענלעך צו דער פּאַטריאַרכאַלער באָרד און צו דער גאַנצער געשטאַלטונג פונעם באַרימטן אַרגענטינער ראַדיקאַלן פּאַטריאַרך, לעאַנאַרדאָ נ. אַלעם.

זרח האָט אַפילו שוין בלינדערהייט, נאָך פאַרמאָגט גרויסע אַמאַטיסטן־אויגן; געדיכטע, גרויע האַלב־רייף פאַרמירטע ברעמען און שאַטינע לאַנגע וויעס איבער זיינע אויגן־לעדלעך. און כאָטש ער איז געווען פון

פאַך אַ שניידער, פון קינדהייט אָן, איז אים נישט געפעלן געווען שניי־דעריי; דאָ אין אַרגענטינע, ווי נאָר ער איז אַהער אָנגעקומען מיט זיין פרוי און קינדער, האָט ער זיך גענומען צו פעלד־אַרבעט, דאָרט ערגעץ־ווו, אין אַ העק פון דעם פּאַמפּאַ־מדבר, וואָס אין דעם ווייטן דרום פון דער אויסרייסעניש.

די ערשטע יאָרן זענען פאַר זרחן און זיין פאַמיליע געווען ביטער ווי דער טויט, עס האָט נישט גערעגנט, שרעקלעכע היצן אין זומער, הוראַ־גאַנישע ווינטן און פרירנדיקע נעכט אין די ווינטער־תקופות; דאָס ביסל מאָגערע בהמות איז געפאַלן פון הונגער און דורשט אויף די בוימלאָזע און גראָזלאָזע פעלדער און פון די גרוילנדיקע קעלטן.

נאָר אַזוי ווי זרח איז געווען אַן אויסטויגער צו אַלץ, דערצו נאָך שטאַרק, פלייסיק און געדולדיק, אָבער דאָס עקרה־פעלד האָט נישט גע־געבן צו מאָל אויפן שטיקל טרוקענעם ברויט מיט זאַלץ צו דער זעט, האָט ער זיך צוריק גענומען צו זיין אַלטער פּראָפעסיע, צו שניידעריי, כדי מפרנס צו זיין זיין פרוי און קינדער. און היות ער איז געווען דער איינ־ציקער שניידער פון יענער זאַמדיקער פאַרוואָרפּעניש, האָט ער ביי זיין פּראָפעסיע געמאַכט אַ שטיקל פּאַרמעגן.

אָבער אַ טראַדיציאָנעלער ייד, וועלכער האָט ליב זיין פאָלק־שפּראַך און די יידישע קולטור, האָט ער צוליב זיינע קינדער פאַרלאָזט די עקרה־נחלה פון דעם זאַמדיקן מדבר און איז געקומען אין שטאָט אַריין, כדי זיינע „קדיש־זאָגערס" זאָלן חלילה נישט פאַרגעסן פון דעם וואָס אין הימל. זיי זאָלן חלילה נישט פאַרווילדעוועט ווערן צווישן די וויזקאַטשאַ־בערגלעך און קאַמאַדרעכאַ־נעסטן (אַזעלכע נאָרע־חיהלעך); די קינדער זאָלן חלילה נישט פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט אין הימל; אַז זיי זענען יידן; און זיי זאָלן אין דער וועלט־שטאָט בוענאָס איירעס ווערן מענטשן מיט לייטן גלייך.

ביי שניידעריי, דאָ אין שטאָט, האָט דער אַרבעטזאַמער זרח נישט פאַרדינט אויף חיונה פאַר זיין פרוי און קינדער. בכדי מפרנס צו זיין דאָס הויז־געזונט, איז זרח געוואָרן אַ סוחר. פּרנסה איז געווען בשפע. און היות ער איז געווען אַן ערלעכער און צוגעלאָזענער דערצו, איז די קונדשאַפט זיינע געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. אויף דעם סמך האָט זרח גע־לאָזט זיינע קינדער בילדן פאַר דאָקטוירים, אינזשעניערן, אַדוואָקאַטן און בעלי־מלאכות.

זיינע זין, יאָסל און חיים, זענען געהרגעט געוואָרן אין שפּאַניע, בשעתן בירגער־קריג; פּנחס מיט זיין שוועסטער אסתר־מלכה, זענען גע־

פאַלן דורך די שראַפּנעלן פון די דייטשישע היענעס אין די באַפרייונג־רייען פון די פראַנצויזישע קאַמבאַטאַנטן אונטער דער אָנפירערשאַפט פונעם גענעראַל דע גאָל. זרחס עלצטער זון, וועלכער איז געווען אַ שניידער אַזוי ווי זיין טאַטע, האָט אין יענער צייט געאַרבעט אין אַ שניידער־פאַבריק פון אַ גרויסער ענגלישער פירמע. וואָס האָט פאַרקויפט אויף אויסצאָלן.

זרח האָט געקויפט און פאַרקויפט הייזער און בוי־פּלעצער; געקויפט אַ הויז, אַ ליידיק שטיק פּלאַץ, פאַרקויפט, פאַרדינט אַ מטמון געלט און גלייך געקויפט אַן אַנדער שטיק פּלאַץ; ווידער פאַרקויפט און געמאַכט אַן אַפּותיקאַ, אַ שיין פאַרמעגן; צו לעצט האָט ער זיך אויפגעבויט אַ פּראַכט־הויז מיט אַ ריזיקן לאָקאַל אין סאַמע צענטער פון יידישן קוואַרטאַל. ער האָט זיך געעפנט אַ שניידער־וואַרשטאַט און אַ געשעפט פון מענער־אָנצוגן.

זרחס בכור, אהרון־דוויד, אַ פאַרברענטער כלל־טוער, שול און שיל־פאַרזאָרגער, און פּרעזידענט פון אַ „בענקל", האָט חתונה געהאַט מיט אַ ווויל מיידל, אַ גרינע נאָך. ער האָט זיך געגעבן אַ שפּאַנישן נאָמען — פאַנקראַציאָ. איז געוואָרן דער גאַנצער ממונה איבער דעם טאַטנס געשעפט און פונעם שניידער־וואַרשטאַט.

זרחס מיזיניק אברהם־יעקב מיט זיין שפּאַנישן נאָמען, פראַנציסקאָ, איז אויך געווען אַ שניידער; האָט זיין טאַטע אים גלייך אַריינגענומען צו זיך אין הויז, בכדי נישט צו זיין ווייט פון זיין בן־זקנים, פון זיין „אויג אין קאָפּ".

ביי אברהם־יעקבס געבוירן ווערן, איז זיין מאַמע — ליבע־רחל האָט זי געהייסן — אויסגעגאַנגען ווי אַן אמתדיקע צדיקת, אַזוי ווי אונדזער הייליקע מוטער רחל.

צוליב דעם ניי־געבוירענעם אברהם־יעקב, האָט זרח נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ צווייטער פרוי, כאָטש מען האָט אים פאַרגעשלאָגן די בעסטע שדוכים. ער איז דעמאָלט נאָך געווען יונג, נאָך נישט געווען קיין גאַנצער פינף און דרייסיקער.

זרח האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט קיין צווייטער פרוי כדי זיינע קינדער זאָלן נישט פאַרזוכן דעם ביטערן טעם פון אַ שטיף־מאַמעס צערטלעכקייטן.

אַ סך געלט, מי, געזונט און עגמת־נפש האָט געקאָסט זרחן, ביז ער האָט פון דעם אומבאַהאָלפענעם נפשל, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן אברהם־יעקב, געמאַכט פאַר אַ לייט. דערפאַר טוט עס דעם בלינדן אברהם נאָך מער ווי.

ווי נאָר ער האָט אַריינגענומען צו זיך אין געשעפט אברהם־יעקבן מיט זיין ווייב, איז באַלד געוואָרן אַ מהומה אין שטוב און אַ סומאַטאָכע צווישן די צוויי לייבלעכע ברידער און די צוויי שוועגערינס, ממש אויף מעסער־שטעך.

דער עלטערער, אהרן־דוויד, אַ שטילערער, אַ ביסל גלאַסענער, האָט זיך געקויפט אַ הויז מיט אַ לאָקאַל פאַר אַ קלייט, ווייט פון זיין גע־פּיעשטשעטן ברודער, שוועגערן און פאָטער. עס גייט אים זייער גוט. נאָר מיטן פאָטער און ברודער איז ער געבליבן ברוגז עד־היום.

דער צום מערסטנס באַוואַלדיקער איז אַרוים דער אַמאָליקער גביר, איינרייסער און אויסטויגער — דער אַפּפערוויליקער זרח, זייער פאָטער. צוליב דער אומענטשלעכער באַהאַנדלונג וואָס ער האָט באַקומען פון זיינע קינדער, האָט זרח זיך זייער שטאַרק געערגערט, זיך גענומען צום האַרץ, זיך געגריזשעט און דענערווירט, הלמאי זיינע קינדער פאַר וועלכע ער האָט זיך מקריב געווען, האָבן זיך דערווייטערט פון אים, פון זיינע אידעאַלן, פון גאָטס געבאָט, פון דער יידישער שפּראַך און קולטור, און ווילן פון אים, פון זייער פאָטער, נישט וויסן.

פון גרוים ערגערניש איז זרח קראַנק געוואָרן אויף דער לעבער, גאַל און מילץ. דערנאָך די אַאָרטאַ און פּאַנקראַס. ער איז פּלוצים אַטאַ־קירט געוואָרן פון אַ שאַרפן דיאַבעטיס. צום דיאַבעטיס האָט זיך צוגע־טשעפּעט אַ גרויסע דאָזע אורעאַ און אַ גאַר הויכער בלוטדרוק, און צו דעם, אַ שאַרפער רעומאַטיזם. פּלוצים איז ער קראַנק געוואָרן אויף „דיפּלאָפּיע" (דאָפּלטע ראיה). דער גבר האָט אין אַ פּורפּור־באַשטראַלטן זוניקן אין דער פרי, זיך אויפגעהויבן אַ בלינדער. ער איז, הייסט עס, געוואָרן אַ סגי־נהור.

קורץ פאַרן פאַרלירן די ראיה, האָט דער שוין צעבראָכענער זרח אָפּגעשריבן זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף זיין מעזיניקס נאָמען, וועלכער האָט מיט זיינע זיסע רייד, דעם טאַטן זיינעם צוגעזאָגט בייצושטיין אין אַלע זיינע נויטן און אין אַלע זיינע הצטרכותן.

דער בלינדער, פריצייטיק אַלט־געוואָרענער זרח האָט אויסגעהויכט זיין נשמה מיט אַ תפילה צו גאָט:

— ריבונו של עולם, זיי מוחל מיינע קינדער פאַרן שלעכטס וואָס זיי האָבן געטון קעגן דיר און להבדיל קעגן מיר, אָמן!...

אסתר לאהלע

עס וועט, דאַכט מיר, זיין אַ וואָלקן־בראָך, האָב איך געזאָגט צום פויער, וואָס איז געזעסן אין מיין רעכטער זייט, אויף זיין צו הויכער סולקי, געהאַלטן אין זיין לינקער האַנט די לייצעס און אין דער רעכטער האַנט די בייטש.

דער ייד — דניאל תקיף האָט ער געהייסן — איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, נאָר אַ ברייט־ביינערדיקער, מיט אַ פּאָר ווילדע, שוואַרצע אויגן און מיט אַ פּנים פון אַ מדבר־בעדואינער; אָפּגעשרפּעט און אָפּגע־סמאַליעט פון דער פלאַמיקער זון; צעאַקערט און צעבראָנעוועט פון די טראָפּיקאַלישע צפון־ווינטן מיטן סאַליטרע־שטויב. ער האָט מיר לכתחילה נישט געענטפערט. נאָר אַ פּאַרטראַכטער ווי אַ גמרא־בחור ביי עפּעס אַ שווערער סוגיא, געווענדט זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן אַהינצו, וווהין איך האָב אים אָנגעוויזן אויפן ווייסן און העל־בלויען האָריזאָנט, וואָס איז מיט יעדער רגע געוואָרן אַלץ טונקעלער, ברייטער, נאָענטער און נידעריקער.

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום, האָט מיין יידישער „בעדואינער"־פויער גענומען רעדן ווי סאָקראַטעס פילאָזאָפיש בלחש, ווי צום פערד:

— אַ, יאָ, עס קומט טאַקע אָן, דאַכט מיר אויך, עפּעס אַ מאָדנער „וואָלקן־שטורעם", אָן אַ ווינטעלע, אָן אַ בליץ, אָן אַ דונער־קראַך, אָן רעש און אָן געפּילדער, פּונקט ווי אַ מלחמה אָן אַ קריג־דערקלערונג, ד"ה, אָן אַ דיפּלאָמאַטישן אולטימאַטום, אויפן גערמאַנישן סטיל. שוין באַלד דריי חדשים ווי עס האָט נישט גערעגנט. איך האָב שוין באַלד פאַרגעסן ווי אַזוי אַ וואַסער־וואָלקן זעט אויס. אוי, רבונו של עולם! הלוואי וואָלט איך נישט געטראָפן, עס זאָל נישט זיין קיין הײשעריק, נאָר עס זאָל טאַקע זיין אַ רעגן, ווי איר האָט נביאות געזאָגט, וואָלט מיך נישט געאַרט, אַז עס זאָל גיסן, כליאָפּען און אַפילו צעבערן גאַנצע טאָגען. איך וואָלט געטאַנצט אַ קאָמאַרעסקע, אַ קאָזאַטשאָק, אַ ווולעכל

און אַפילו אַ פּוילישע פּאָלקע, ווען עס זאָל אַפילו זיין אין אַ קאַלוזשע ביזן האַלדז...

נאָר דער „וואָלקן״ זעט מיר נישט אויס ווי אויף קיין רעגן־שטורעם... איך דערשפּיר עס... קיין שום ביינדעלע, קיין שום קנאָכן טוט מיר איצ־טער נישט וויי... אפשר גאָר אַ האָגל, וואָס וועט פּאַרטיליקן די רעשט געדעטעניש, דאָס ביסל קאַסעטשע, וואָס איז אַזוי אויך שוין כמעט גאָר־נישט ווערט, פאַרוועלקט פון דער לאַנגער טרוקעניש...

און ווענדנדיק זיך שוין דירעקט צו זיין מאָגער פערדל, וואָס מיטן ווייסן קאָפּ און ווייסע פיס, מיטן כמעט שוואַרצן קערפּער, האָט דניאל תקיף אַ שאַרפן קנאַל געטון מיט דער בייטש אין דער לופטן איבער דעם פערדס קאָפּ און אַ געשריי געטון אויף שפּאַניש: „ע, קאַמינאַנדאַ פּיקאַסאַ עלעפאַנטע״! (געגאַנגען געפלעקטער עלפאַנט), זעסט די בייטש? — האָט דער ייד געוויזן דעם פערד דאָס „געווער״, נאָר נישט מקיים־פסק געווען.

דאָס פערדל, ממש הויט און ביין, האָט אפנים פאַרשטאַנען די רייד פון זיין באַלעבאָס און האָט גלייך גענומען לויפן.

— איר זעט, סעניאָר מרדכי, איך מיין סעניאָר מאַרקוס, אַז אַפילו ער, דער סוקין סין, איך מיין, מיין פערדל, פאַרשטייט אויך, אַז עס קומט אָן אַ „טאָרמענטאַ״ (שטורעם), מחמת ער לויפט טאַקע ווי אַ נישט דערעסן פערדל. נישט אַזוי ווי ער איז צוגעוווינט. הרגל נעשה טבע. דאַכט זיך מיר, אַז אין אייער זכות. און אפשר האָט ער גאָר דערשפּירט, אַז איר זענט געפאָרן איבער אַ לאַנקע מיט גוטער פאַשע, ווו עס האָט פריער געהאַט גערעגנט? גוטע רעגן־וואַסער צו טרינקען — אַ מחיה! און איר זעט ר׳ מרדכי, איך וויל זאָגן סעניאָר מאַרקוס, לאָם איך רעדן צו אים, איך מיין צו מיין פערד, אויף יידיש און קנאַקן מיט דער בייטש איבער זיין פערדישן קאָפּ, און אַפילו שרייען, זידלען און שעלטן קללות והרמות אויף יידיש צי אויף לשון־קודש, וויפל איר ווילט נאָר אַליין, אַפילו אַ גאַנצן טאָג, וועט ער זיך נישט רירן פון אָרט צומאָל, ווי נישט אים מיינט מען עס. אַזאַ מין שונא־ישראל איז ער, כאָטש ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין מיין שטוב. אַזאַ מין כוליגאַן איז ער, אָט דער פערד מיינער!...

איך ווייס נישט, צי מחמת ער פאַרשטייט טאַקע נישט קיין יידיש, צי ער מאַכט זיך תמעוואַטע און פיקסירט, אַז ער פאַרשטייט נישט אין דער אמתן, כאָטש ער איז געבוירן פון יידישע כשרע טאַטע־מאַמע, איך וויל זאָגן, פון פערדישע עלטערן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין מיין

יידישער שטוב. איך מיין אין מיין יידישער „קאַבאַזשעריסאַ” (שטאַל), כאָטש איך און מיין פרוי רעדן מיר ביידע צו זיך רק אין יידיש, אין זיין קעגנוואַרט...

— אייערע קינדער פאַרשטייען און רעדן יאָ יידיש? איר און אייער פרוי רעדן צו אייערע קינדער אויף יידיש, ווי איר רעדט צו אייער פערד? — האָב איך אים איבערגעשלאָגן.

— מיר דאַכט זיך, אַז אַלע מיינע קינדער פאַרשטייען יאָ יידיש. נאָר וואָס אַנבאַלאַנגט רעדן, איז ווי אַמאָל: רוף איך צו דער אַכילה, אַז דאָס עסן איז שוין גרייט, פאַרשטייען אַלע. נאָר אויך ווי אַמאָל, מי ומי ההולכים. מיינע אַלע פיר טעכטער רעדן, לייענען און שרייבן אַ גוטן יידיש און העברעיש, מחמת איך האָב זיי געשיקט אין אַ יידיש־העברעישער שול. און די בחורים, זיי האָבן מיר נישט געפאָלגט, נאָר דער מאַמען. זיי האָבן געוואָלט ווערן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן, אַרכיטעקטן, אָדער כאָטש אַסטראָנאָמען. נו, אַז אין דער אָרעמער יידישער שול אין וויסטן פעלד ווערט מען עס נישט, און אין דער נישט־יידישער שול אין דער גרויסער שטאָט קאָסט אַ סך געלט, זענען מיינע בנים געוואָרן האַלב־געלערנטע פויערישע אַסטראָנאָמען, אָדער אַסטראָנאָמישע פויערים. זיי קוקן אין די הימלען אויף צו טרעפן אין דער טרוקענער תקופה — ווען עס וועט רעגענען... און אַז עס רעגנט צופיל, קוקן זיי צו די וואָלקנס, אויף צו טרעפן, צי עס וועט אויפהערן צו רעגענען, כדי צו קענען שפּילן אין פוטבאָל. זיי, די יונגען, האָבן אויך געענדיקט די זעקס גראַדן אין דער נישט־יידישער שול, אָבער דאָס ביסל יידישע לשון איז אַוועק פון זיי ווי פון מיין „פּיקאָסאָ עלעפאַנטע”. איך און מיין פרוי רעדן צווישן זיך נאָר יידיש. איך רעד צו מיינע אַלע קינדער רק אויף יידיש. נאָר מיינע, איך וויל זאָגן מיין ווייב, רעדט צו זיי נאָר שפּאַניש, פשוט אַזוי, ווייל זי איז שוין אַזוי צוגעוווינט. מיינע, איך מיין, מיין ווייב, האָט גערעדט צו די קינדער אויף שפּאַניש, דעמאָלט נאָך, בעת זיי האָבן געזויגן. און זי אַליין האָט נאָך דאַן גאָרנישט געקענט קיין שפּאַניש וואָרט אַרויסצורעדן. און זי קען עד־היום נאָך נישט רעדן קיין גראַמאַטיקאַלן שפּאַניש.

מיינע, מיין ווייב, וויל איך זאָגן, איז אין כערסאָן, איך מיין אין אַדעס, געווען אַן „אינטעליגענטקע”, אַ גימנאַזיסטקע, מיין איך, וואָס האָט „געדאָוואַריוועט” פּאָ רוסקי... און אַז זי האָט ביי ניקאָלייקען פאַר סאָציאַליזים געקראָגן געשמיסן אויפן נאַקעטן הינטן אין דער וואָיענע טיורמע, איז זי דאָ, אין אַרגענטינע, אַוודאי געווען אַן אינטעליגענטקע.

נו, האָט זי דאָ זיך צוגעכאַפּט צו שפּאַניש. מיינע קינדער זענען אין דעם פּרט גאָרנישט שולדיק. מיינע טעכטער רעדן אַ שיינעם און זאַפטיקן יידיש. איר האָט דאָך געהערט. נישט נאָר יידיש, נאָר אויך לשון־קודש, איך מיין העברעיש, קענען זיי אויך על פּי דקדוק, ווייל זיי זענען געגאַנגען אין אַ יידישער וועלטלעכער שול. און אויך שפּאַניש קענען זיי נישט ערגער פון זייערע ברידער, און אפשר נאָך בעסער פון זיי. טאַקע דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך געחברט מיט יידישע קינדער.

רעדנדיק אַזוי, האָט דער סימפּאַטישער יידישער פּויער אַזוי זיך, אויטאָמאַטיש אַ קנאַל געטון מיט דער בייטש איבער דעם פּיקאַסאָ עלעפאַנטעס קאָפּ, און אַ געשריי געטון: דו ווילסט לויפן, צי נישט, „פּיקאַסאָ עלעפאַנטע"? דו שונא ישראל איינער וואָס דו ביסט! דו אייזלישער קאָפּ!.. איז ווי־זשע זאָגט איר, איז דער וואָלקן אויף אַ רעגן, הוראַגאַן, האָגל, צי טאַקע אַ היישעריק ווי איך האָב געזאָגט? לויף, לויף, פּיקאַסאָ עלעפאַנטע! לויף, לויף, ביסט דאָך אוודאי הונגעריק, פערדל מיינס? אין דער היים וואַרט שוין אויף דיר די לאַנגע און טיפע קאָריטע פול מיט פּאַראַיאַריקער אַלפאַלפאַ, ווייסע, נישט דערשטאַנענע „טשאַקלאָס" און אַ פּאָר זשמעניעס ווייצעלעך אויך. לויף, לויף, גאַספּאַדין ראַספּוטין, פּיקאַסאָ עלעפאַנטע, האָב איך געמיינט צו זאָגן. טאָ ווי־זשע זאָגט איר, אַ רעגן, הוראַגאַן, האָגל, צי טאַקע אַ היישעריק?

— אַזוי דאַכט זיך מיר אויך — האָב איך געענטפערט אויף יידיש, אויפן פערדס אָרט, וואָס פאַרשטייט נישט, צי וויל נישט רעדן קיין יידיש.

— יאָ, יאָ, דאָס פייערדיקע ווינטעלע קומט אפשר פונעם אַמאַזאָנאַס־געביט צי אפשר גאָר פון די קאַריבן און פון אַנדערע הייסע ווילדערנישן, וועלכע ברענגען תמיד עפּעס אַ בייזע פּלאָג, עפּעס אַן אומגליק. יאָ, יאָ, עפּעס אַן אומגליק, אַ קללה פון דער תוכחה!.. טאָ לויף, לויף עלעפאַנטע — האָט דער ייד געערדט צווײדייטיק און האָט פאַרגעזעצט:

אוי, אוי, רבונו של עולם, הלוואַי וואָלט דער וואָלקן טאַקע געווען נישט מער ווי אַן אַנקומענדיקער רעגן־שטורעם מיט דונערן און בליצן, וואָלט מיר שוין נישט געאַרט אַזוי פיל. אַ הוראַגאַן קען טאַקע אָנטון גרויסע שאָדנס. ער קען איינוואַלגערן שוואַכע, אַלטע הייזער, ער קען אויסרייסן די גרעבסטע ביימער מיט די וואָרצלען און זיי צעברעכן ווי צייג־שטעקעלעך. נאָר די גרינע ברויטן און די צאַרטע, גרינע פּאַשע וועט ער קיין בייז נישט טון. דאָס וואָס האָט אונדז אויסגעזען ווי אַ גן־עדן־וואָלקן, וואָס טראָגט מיט זיך אַ ברכהדיקן און שעפערישן רעגן אָנצוטרינקען אונדזערע פאַרשמאַכטע און דורשטיקע פעלדער, וואָס חלשן פאַר

אַ טראָפּן וואַסער, איז לײדער נישט קײן רעגן־וואָלקן, דאָס איז אונדזער מלאך־המוות — דער הײשעריק וואָס פרעסט אַלץ אָפּ. די „זים" לײגן דערנאָך די אײעלעך, 24 - 28 שטיק, פון וועלכע עס קומען דערנאָך אַרויס זײער נאָכוואוקס נישט גרעסערע ווי אונדזערע הײמישע פליי. די גרינע „פליועלעך" ווערן אין טעג אַרום פאַרוואַנדלט אין שפּרינגענדיקע גרינע הײשעריקן, וואָס ווערן אָנגערופן: „אַקריד" און „סאַלטאָנאַ", וואָס לאָזן נישט איבער קײן שריד ופליט פון אַלץ וואָס וואַקסט, גרינט, בליט און שפּראָצט אַרויס פון דער ערד. אַפילו די קאָרע פון די ביימער און צאַרטע קוסטן פרעסט ער אויך אַרום. ווען עס פעלן אים אויס די גרינע בלעטער, בלומען און גראָזן, זאַנגען און פרוכטן, — האָט דער מאַזאָליעדיקער פויער פאַרענדיקט מיט אַ ביטערן זיפץ.

איך, דער אײביקער אַרומפאָרער, אַן אַרומוואַנדערער, האָב צום ווײפלסטן מאָל זיך אײנגעקוקט אויף די רחבותדיקע, נאָך רעגן־גאַרנדיקע פעלדער פון די האָראָפּאַשנע און אַרבעטזאַמע ײדישע ערד־אַרבעטער אויף די אומענדלעכע פעלדער, זאָרגפעליק באַאַרבעטע און באַדעקטע מיט אַ גרינעם פליושענעם מאַנטל פון פאַרשידענערלײ תבואות; גרינע לאָנקעס, באַדעקטע מיט קאָלירפולע בלומענקווײטן, בײמער און שאַרפגראָז.

פון תמיד אָן בין איך שטאָלץ מיט די ײדישע פעלדער, באַאַרבעטע און באַפרוכפּערטע דורך ײדישע מאַזאָליעדיקע הענט. דאָס מאַכט מיר נאָך שטאָלצער.

ביז העט ווײט, ביז וואַנען דאָס אויג כאַפּט אויף, האָב איך געזען זיך אויסשפּרײטן דעמאָלט נאָך, גרינע, צאַרטע ווײצן, גערשטן, האָבער און לײאָן; קוקורוזע, קאָרן, זון־בלומען און אַלפאַלפאַ. נאָך אין צוויי חדשים אַרום, און דאָס אַלץ וועט צײטיק ווערן. עס וועט שפּרודלען מיט פרײד און שמחה אין איטלעכער ײדישער פויערישער שטוב. יעדער ײדישער פויער, אַפילו דער אָרעמסטער, האָט אַ שײן, ווײס, געמויערטע שטיבעלע, אַ ציכטיקסט, אַ זויבערס, נאָר־וואָס אויסגעקאַלכטס. אַרום דעם שטיבעלע — אַ פלויט אַזאַ, פון געפלאָכטענע, אָדער שטעכיקע, גאַלוואַניזירטע דראָט־פאַרצוימונג. און אינעווײניק, אין דער דראָטענער פאַרצוימונג — בײמער אַלערלײ. און צווישן די בײמער — בלומענפלאַנצן פול מיט צוויט און בלומעקווײטן, קנאָספּן און פרוכטן. אויף די בײמער, אויך פולע מיט צוויט און בלומענקווײט; און צווישן די בלומען און אויף זײ, גאַנצע כמאַרעס בינען, אויף די צווײגן און צווישן די בלעטער און בלומען, — פײגעלעך אַלערלײ, וואָס האַלטן אין אײן סווישטשען, טרעלן,

פּישטשען און זינגען שירים צום הימלישן באַשעפער און צום פּויער, וואָס האָבן אָנגעגרייט פּאַר זיי אַזאַ מין שפּעדיקע גערעטעניש. צווישן די ביימער וואָס אין הינטערגרונט, פונעם ווייסינקן און ציכטיקן יידישן שטיבעלע, אויפן ברייטן און רחבותדיקן הויף, — שטוב־עופות; אויף די לאָנקעס — בהמות וואָס פּיטערן זיך און ליבן זיך... און דאָ קומט אָן דער היישעריק וואָס וועט כהרף־עין אַלץ אויפרעסן.

——:——

פיר זין און פיר טעכטער פאַרמאָגט דער פּויער דניאל תקיף. צוויי זין און צוויי טעכטער האָבן חתונה געהאַט און זענען אַוועק צו זייערע שווער־און־שוויגער, אויך פּויערים, און אַרבעטן בשותפות אין פעלד. און די צוויי פּאָר, יינגלעך און מיידלעך, וואָס זענען פאַרבליבן ביי טאַטע־מאַמע, העלפן צו אין דער גאַנצער פּויערישער ווירטשאַפט.

איך האָב שוין עטלעכע מאָל געגעכטיקט ביים גאַסטפריינדלעכן און קולטורעלן ייד דניאל תקיף, און פאַר יעדעס מאָל געפּרוווט אַ רעד טון מיט דער פאַרחלומטער אסתר־לאַהלען, די פאַרלעצטע, אַכצן יאָר אַלט. זי האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר גרויסע, גלאַנציק־פייכטע, סאַמעט־גרינע, שמאַראַגדן־אויגן, און ווי פּעך שוואַרצע, לאַנגע וויעס און שוואַרץ־זיידענע ברעמען און מיט צוויי בעקעלעך ווי די דעליסיאָסאַ־עפּעלעך. און דערצו נאָך, אַ פּאָר חן־גריבעלעך, וואָס האָבן מיך פאַרכשופט. זי פלעגט אירע זעלטן־שיינע, עלעקטריש־גרינע אויגן קינדיש־פאַרשעמט אַראָפּלאָזן און מיט אירע דריבנע, באָרוועסע פיסעלעך געשאַרט פאַרלעגן דאָס גאָלדיקע זאַמד, וואָס האָט שימערירט לעבן דער אויסגעטרוקנטער סאַזשעלקעלע.

אירע צוויי צעלאָזענע צעפּ ווי צייטיקע האָבער־שטאַנגען, האָט זי צוגעהאַלטן פעסט מיט אירע אָביסל צו דריבנע פינגער. און מיט די גאָלד־גלאַנציקע האָר פאַרשטעלט אירע צאַרטע בריסטן, וואָס האָבן, דאַכט מיר, געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון איר קאָלירפולער עטאַסינענער בלוזקעלע... און מיט פאַרטרערטע אויגן האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל וועגן חתן־כלה צו איר מער נישט רעדן, ווייל זי האָט שוין צוגעזאָגט זישען, משה דווידס זון פון באַראַנעטשע, צו זיין „זיינע". זי וויל זיין אַ קאָלאָניסטקע אַזוי ווי איר טאַטע־מאַמע זענען. איך בין אָגב איר נישט דערווידער חלילה וחס — האָט זי מיר געזאָגט, זיך רויטלענדיק — זי האָט מיך אַפילו ליב אויך, נאָר ווי אַ ברודער, ווי אַ לערער... אָבער זי וויל נישט זיין דאָס ווייב פון אַ רייזנדיקן, אַן איינשטעלער, וואָס שלאָגט זיך מיט ווילדע חיות און מיט ווילדע מענטשן, וואָס וועט אַרומפאָרן אי־

בער אַלע ימים, טײַכן און לענדער. און אין יעדן דערפל, שטאָט און סטאַנציע, האָבן אַ פּלירט, אַ געליבטע. און זי, די לעגיטימע ווײַב, לאָזן אַן אײנזאַמע, אַ דורשטיקע און בענקענדיקע אין משך פון וואָכן, חדשים און אפשר יאָרן, אָן אַ גלעט, אָן אַ צערטעלע...

אָן אַנדערש מאָל, אין אַ זוניקן פרימאָרגן, בשעת אסתר־לאהלע איז געשטאַנען אונטער אַ ברײט צעצווײַגטן צעדערבוים, בײַם ברעג פון אַ לויפנדיקער, קרישטאָל־רײנער ריטשקעלע און מיט אַ ווענדקע געכאַפּט פישעלעך, בין איך שטילערהייט צוגעגאַנגען צו איר. איך האָב ווידער געפּרוּווט כאַפּן אַ שמועס מיט איר. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ ברײט זשערסעי קלײדל. די פרומע און צנועהדיקע יידישע טאָכטער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז ווען איך קוק אַראָפּ צו די פישעלעך אין וואַסער, זע איך זי אַזוי ווי זי איז געבוירן געוואָרן. אסתר־לאהלע האָט זיך פאַר־טראַכט. טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן, זי האָט אַראָפּגעלאָזט די ווענדקע, האָט אַרויפגעלײגט איר האַנט אויף מײַן אַקסל און מיט אַ פאַרשטיקט קול פול מיט תחנונים גערעדט צו מיר:

— גלײב מיר פרײנד, אַז איך האָב דיך נישט פײַנט. און אפשר גאָר ליב אויך אַביסל... אָבער נאָר ווי אַ חבר, ווי אַ שוועסטער האָט ליב איר האַרציקן ברודער, אָדער ווי אַ מאַמע איר אָפּגעצײטערט קינד, וואָס גײט פאָרן אין דער פרעמדה, אין דער ווײט. גײ־זשע טײַערער חבר, גײ האַר־ציקער ברודער, זוך זיך אַ כלה, אַ געלערנטע און רײַכע לײדיקגײערין, אַזאַ ווי דו ביסט — אַזוי האָט לאהלע מיט טרערן פאַרלאָפענע אויגן גע־זאָגט צו מיר אין אַ זאַפטיקן יידיש. און ווען זי האָט זיך דערזען אַ נאַ־קעטע אין וואַסער, איז זי אַנטלאָפן צו די גענדזעלעך, קאַטשקעלעך און שעפּסעלעך, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אין פעלד צווישן די קושאַקעס.

— יאָ, יאָ, טײַערינקע אסתרל, ביסט גערעכט. איך וועל אַזוי טון — פלעג איך איר ענטפערן יעדעס מאָל נאָך אַזאַ מײַן שמועס, אָבער בײַ אַן אַנדער געלעגנהײט, ווידער געפּרוּווט אַ שמועס טון מיט דער חנוו־דיקער און מלאך־שײנער אסתרקע.

בשעת איך האָב אַזוי געטראַכט אַ פאַרבענקטער וועגן דער זעלטן־שײנער און רײַצנדיקער יידישער קאָלאָניסטקעלע, איז מיר געקומען אויפן זכרון אונדזער פרעכטיקע אידילישע מוטער רחל, לבנס טאָכטער, אין וועל־כער יעקב אָבינו איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרליבט, אַז ער האָט פאַר איר אָפּגעשקלאַפט גאַנצע פערצן יאָר. וועל איך אויך האָבן אַזאַ מײַן אויס־דויער? אַזאַ מײַן גײַסטיקע גבורה? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט. —

האָט דאָך אָבער די שיינע רחל נישט געהאַט קיין אַנדערן פּרעטענדענט און מיין הימלישע אסתרקע — יאָ...

——::——

דערוויל, בעת מיינע אידילישע רעמיניסצענצן וועגן מיין רייצנדי־קער קאַלאַניסטקעלע, זיצנדיק אויף דער הויכער סולקי, ביי דער זייט פון איר הונגעריקן טאַטן, איז דער שנעל־פליענדיקער היישעריק־וואָלקן וואָס האָט זיך געהאַט צעשפּרייט איבער די אַרבע פּנות אַרגענטינע און גע־האַלטן ביים פאַרדעקן דעם גאַנצן הימל־רוים, איז אין איין אָרט שיטע־רער געוואָרן צוליב אַ פלוצימדיקער שרפה פון אַ שטויג האָבער־שטרוי וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אַ בליץ. און די זון האָט דורך דעם פייער־שפּאַלט אַ שטאַרקן שיין געטון, אַ דאַנק וועלכן עס איז מעגלעך געווען מיטן בלויזן אויג צו זען אין דער ווייטער הויכקייט, אַזוי ווי אַן אומ־ענדלעכער און קאָמפּאַקטער בינען־געריי פון הונדערטער קילאָמעטער לאַנג און ברייט. און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך באַוויזן דער ערשטער היישעריק־אַוואַנגאַרד. און באַלד איז דער גאַנצער הימל־חלל פול געוואָרן מיט די גרויסע און הונגעריקע היישעריקן.

דערוויל זענען געקומען צו פליען נאָך און נאָך היישעריקן אין די מיליאָנען, טריליאָנען, אָקטאַליאָנען, גאָר אָן אַ צאָל, אָן אַ שיר און האָבן פאַרשטעלט די זון ביז פינצטערניש, מיט דער געשטאַלט, ווי עס וואָלט געשוועבט און געפאַלן מיטן גרעסטן אימפּעט אַ געדיכטער, אַ לע־בעדיקער, ברויך־ גלאַנציקער שניי אַזאַ.

עס איז געווען איינס אַ זייגער נאָך מיטיק און מיר האָבן נאָך גע־האַט פאַר זיך שוין נישט מער ווי פערציק קילאָמעטער ביז צום פויער דניאל תקיפס שטוב.

דער „פּיקאַסאָ עלעפאַנטע", דאָס נישט דערוואַקסענע פערדל מיט זיין קלוגן, שטשאָקעדיקן קאָפּ ווי בלעמס אייזל, נאָר מיט קלוגערע, כמעט פילאָזאָפישע אויגן, אַרויסגעשטאַרצטע פון זיין קנאָכיקן שטערן, איז שוין נישט געלאָפן מיט זיין ריטמישן און רוטינירטן טראָטע, נאָר האָט קוים געשלעפּט זיינע טרוקענע שטרויסן־פיס.

די פליענדיקע און קאָמפּאַקטע כמאַרעס היישעריקן, געטריבענע מיט אַ גוואַלדיקן אימפּעט פונעם פייערדיקן זאָנדאַ־שטורעם, וואָס האָט גע־יאָגט מיט אַ טייוולאָנישער שנעלקייט, און געברענט און געשרפעט ווי די טראַמבאַ־ווינטן פון וואַלד־שרפות, האָבן דעם פערד שיר נישט אויס־געהאַקט זיינע שיינע און פרענגנדיקע אויגן. אָט־די מחנות היישעריקן

וואָס זענען געפלויגן מיט אַן אויסערגעווײנלעכן אימפּעט אין אַלע זײַטן, אין אַלע ריכטונגען, האָבן מײַן קאָלאָניסט און מיך שיִער נישט בלינד געמאַכט. אַפילו הינטערן קאָלנער, הינטערן הוט און אין די קעשענעס זענען זיי אונדז אַנגעקראָכן.

דער וועג איז געוואָרן גראָב אפשר אַ האַלבן מעטער מיט אָט־די ריזיקע און פרעסערישע אינזעקטן, אַזוי, אַז עס איז דעם „פּיקאַסאָ עלעפאַנטע״ שווער געווען צו שלעפּן די סולקע איבער די בערג ווערעם. אין אײן אויגנבליק זענען די הײשעריקן קאָמפּאַקט פול געווען אויף אַלע ביימער, גראָזן, בלומענפלאַנצן און תבואות. די הײַזער, טעלעפאָן־און טעלעגראַפן־סלופּעס, מענטשן און חיות, אַלץ מיטאַנאַנדער, האָט געהאַט דעם גלאַנציק־ברוינעם קאָסטיום קאָליר פונעם הײשעריק. אַלץ האָט זיך באַוועגט. אַלץ, אַפילו דער פײַערדיקער הוראַגאַן האָט געהאַט דעם פאַרניכטנדיקן הײשעריק־געדרוך. עס האָט אויסגעזען ווי דער גאַנצער קאָסמאָס, די גאַנצע וועלט, הימל און ערד, און אַפילו די זון וואָלטן פּלוצים, אָן שום רעש, אָן אײן שאָס, אינוואַדירט און פול געוואָרן מיט דער פליענדיקער, זיבעטער פון פרעהס מכות.

דער פײַערדיקער שטורעם וואָס האָט געבלאָזן וואָס אַמאָל מיט אַ מער טײַוולאָנישער פוריע און האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן הימל־רוים מיט די זשעדנע און פרעסערישע אינזעקטן, אויסגעמישט מיט אַ בײַסנדיקן סאַליטרע־שטויב, האָט מיך געבראָטן ווי אַ „ספּיעדאַ״־אויוון, און דאָך האָב איך געפּרירט צוליבן אויסטערלישן און שוידערלעכן פענאָמען.

מײַן פויער האָט געזיפצט, אָבער שוין נישט מיטן באַקאַנטן ייִדישן זיפץ. ער האָט ווי צו זיך אַלײן גערעדט אין זײַן רויט־קופּערנעם בערדל אַרײַן:

— איר זעט, פרײַנד, אָט־אָט־די גראַנדיעזע מראה? דער הײשעריק־מראה באַאײַנדרוקט מיר אפשר אַ סך גוואַלדיקער ווי דער הײליקער סנה, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר משה רבינו, בײַם באַרג חורב. די האָר אויפן קאָפּ ברענען מיר פון דער שרעקלעכער חמימה, און דאָך שוידער איך. אָט דאָס איז דער לוין פאַר דער קאַטאָרזשנער אַרבעט פונעם ייִדישן פויער אויף דער אדמה נכריה. אַלערלײ מינים פּלאָגן, אַלערלײ מין פורעניות וואָס גאָט ברוך־הוא און להבדיל די מענטשן, האָבן אויסגעטראַכט, זענען דאַכט זיך, דער עיקר, קעגן דעם פעלד־אַרבעטער. דער פויער, וואָס איז דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער מענטשהייט, דער חוט־השדרה פון אַלץ וואָס לעבט; דער פויער וואָס אַקערט, בראָנעוועט, זייעט, שנײַדט, דרעשעט און באַפרוכפּערט די קרקע־בתולה מיט זײַן מי

און שוויס, ווי די הייליקע תורה שרייבט: — בזעת אפיך תאכל לחם עד שובך אל האדמה — בכדי צו שפּייזן מענטש און חיה, פויגל און בהמה — ער ווערט צום ערגסטן באַלוינט!

אַלערליי מיני היישעריקן האָבן זיך אָנגעזעצט אויפן פּויערס קאַרק: סוחריש-צווייפיסיקע און פליענדיקע זעקס-פיסיקע, מיט פיר פליגלדיקע אינזעקטן, וואָס פאַרביטערן אים דאָס לעבן. אָבער ערגער פון אַלע פעלד-אַרבעטער, איז דעם יידישן פויער. דער יידישער פויער, וואָס מוז האָבן אַ העכערן ניוואָ פון פיזישן לעבן, מוז אויך האָבן אַ העכערן גייסטיקן לעבן, ברויך אויך האָבן מער מזומנים. שוין צוואַנציק יאָר ווי איך בין אַן אַגריקולטאָר, און איך בין נאָך אַלץ אַ בעל-חוב דער ייקאָ, כאָטש איך מיט מיין פרוי און קינדער, אַרבעטן ממש ווי די אייזלען. אַז קיין רעגן קומט נישט און כל-המינים היישעריקן באַפאַלן כסדר די גערעטעניש, איז דאָך נישט שייך, אַז פאַרן קאָלאָניסט זאָל עפּעס בלייבן.

—:—

פונקט אין אַ חודש אַרום בין איך ווידער געווען אין דער זעל-ביקער געגנט.

שוואַרץ און פינצטער איז מיר געוואָרן פאַר די אויגן פונעם שרעק-לעך מאַקאַברישן בילד וואָס עס האָט מיט זיך איצט פאַרגעשטעלט די פריערדיק אידילישע פּאַנאָראַמע. די פריערדיקע, סאַמעט-גרינע און גאָלדיק-כוואַליעדיקע, פליושענע פעלדער, באַדעקטע מיט אַלערליי תבואות, גרינוואַרג, בלומענפלאַנצן אוןביימער, וואָס דער פליענדיקער היישעריק האָט נישט חרוב געמאַכט, האָט פאַרענדיקט דער יונגער, גרי-נער היישעריק, וואָס קען נעבעך נאָך נישט פליען, נאָר ער גייט, שפּרינגט און פרעסט.

טויזנטער קילאָמעטער פעלדער זע איך אַרומגעצוימטע מיט בלע-כענע באַריערן פון אַ 50 סענטימעטער הויכע, אַרום וועלכע עס זענען געלעגן גאַנצע קופּעס טויטע היישעריקן, וואָס די פויערים און די רעגי-רונגס-באַאַמטע האָבן פאַרברענט און אויף די טויטע היישעריקן האָבן געקריכן נאָך גרעסערע קופּעס היישעריקן, גרינע ווי גראָז, וואָס האָבן פאַרעקשנט זיך געפּלייסט אַריבערצושפּרינגען די בלעכן.

קיין סימן פון אַ גרין בלעטעלע, אָדער גרעזעלע, און דאָך איז אַלץ געווען גרין, העלגרין, גלאַנציק-לעבעדיק גרין. דער קאָליר פון די שפּרינ-גענדיקע היישעריקן. דער פליענדיקער, קופּער-קאָלירנדיקער היישעריק איז אַוועק, זענען פון זייערע אייעלעך אַרויס די גרינינקע, פעט-לייביקע

קינדערלעך זײַערע, וואָס האָבן ווי אַ לאַווינע פאַרפליצט מיליאָנען העקטאַר פעלד. און די אַרומגעפּרעסענע ביימער, פלאַנצן און קוסטן, זענען געשטאַנען ווי גרינע סקעלעטן, גרין, ווי שוין דערמאָנט, פון די ביליאָנען גריניקע „סאַלטאָנאַס" (שפּרינגענדיקע הײַשעריקן), וואָס זענען געווען אויף יעדן בוים קאָמפּאַקט אָנגעזעצט.

ווי איך האָב שוין אָנגעמערקט, אַלץ איז געווען גלאַנציק גרין. די הײַזער, ביימער און וועגן. די אײַזנבאַן־רעלסן זענען געווען באַדעקט אפשר מער ווי פופציק צענטימעטער דיק מיט אָט־די גרינע, שפּרינגענדיקע הײַשעריקן, מיט זײַערע גרויע, הינטערשטע קאַרגוראָ־פיס. דערפאַר האָט די באַן געמוזט גיין זייער פּאַמעלעך און פאָרזיכטיק, בכדי זיך נישט אַראָפּצוגליטשן, צוליב די צעריבענע אינזעקטן וואָס אויף די שטאָלענע רעלסן.

איך האָב שוין מער נישט געזען קיין שום סימן פון די פריערדיקע גין־גאָלדענע ווייצן, גערשטן, קאָרן און האָבער־שטאַנגען; קיין שום צייכן פון די כוואַליעדיקע, גרינע אַלפאַלפאַס (קאָניטשינע) מיט זייערע ליליען־בלומען־בוקעטלעך; קיין שום צייכן פון די עלאַסטישע, שלאַנקע קוקורוזעס, כיראַסאָלעס (זון־בלומען) און אַנדערע תבואות און פלאַנצן.

און דאָך איז אַלץ געווען גרין. פרײַ פון דעם שפּרינגענדיקן הײַשעריק, חזר איך איבער. בלויז די פּאַראַיסאָ־ביימער זענען טיילווייז געבליבן אומבאַרירט צוליב דער ביטערקייט פון זייערע בלעטער, און די הײַשעריקן זענען גרויסע מפונקים, דאַרף מען וויסן... און דאָס ביסל ווייץ און אַנדערע תבואות וואָס האָבן דורך אַ צופאַל געהאַט דאָס גליק זיך צו ראַטעווען פון די הײַשעריקס פרעסערישקייט, זענען געווען ליידיקע אַזוי ווי פרעהס זיבן מאָגערע זאַנגען.

——::——

דער זעלבער פויער דניאל תקיף, בײַ וועמען איך בין שוין פינף מאָל אײַנגעשטאַנען און ער האָט בײַ מיר קיין סענט אַפילו נישט געוואָלט נעמען פאַרן איבערנעכטיקן און אויך נישט פאַרן עסן און אַרויספירן מיך מיט זײַן פערד און סולקי צו די יידישע און אויך נישט־יידישע פויערים, האָט מיך דאָס מאָל באַגעגנט מיט אַ ציטערנדיקן קול, און אָן אַן ענטפער אויף מײַן גוטן אָוונט:

— שלעכט, סעניאָר, ביטער, זייער ביטער גוטער ברודער, כי באו מים עד נפש... וואָלטן מיר געוועסט געקראָגן די בלעכענע באַריערן אין צײַט, און אויך דעם ספּעציעלן סם פאַרן הײַשעריק, ווי אויך די פלאַם־

וואָרפער, וואָלטן מיר געווּסט אָפּגעראַטעוועט אַ פּופּציק פּראָצענט און אפשר מער פונעם פּאַרזיי. אָבער אַזוי ווי די רפואה איז געקומען בעת דער מלאך־המוות אין היישעריקן־געשטאַלט איז שוין געווען אין סאַמע פרעס, איז שוין אַלץ פאַרלוירן געוואָרן פון הייעריקן גערעטעניש.

פּופּצן פּעזעם פאַרן קינטאַל ווייץ, מאַנען ביי אונדז די פּראָצענט־ניקעס־שפּעקולאַנטן פאַר די זעלביקע קערנער וואָס זיי האָבן אונדז גע־צאָלט בלויז פינף פּעזעם, ווען מיר וועלן דאַרפן פאַרן קומענדיקן פאַרזיי.

דער פּויער מוז צאָלן, ווייל ער איז אַ שליח־צבור, מחמת ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן כלל און פאַרן אייגענעם הויזגעזינט. אַוודאי, דער פּויער מוז אַקערן, בראַנעווען, זייען און שניידן, אויב ער וויל נישט פגרן פאַר הונגער צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט... אָבער אַז קיין מזומנים צו קויפן אַביסל אַנדערע זריעה איז נישטאָ, מוז מען פאַרקויפן דאָס ביסל סקאָט (בהמות) און פאַרזעצן די בעבעכעס, אַבי נישט אָנצוקומען צו די פּיאַווקעס־פּראָצענטניקעס נאָך אַ גמילת־חסד.

צוויי דערוואַקסענע כלה־מיידלעך, איינע שענער פון דער צווייטער, פאַרמאָגט נאָך דער פּויער דניאל תקיף, חתונה צו מאַכן. און אַז דער היישעריק האָט אויפגעפרעסן די גאַנצע גערעטעניש, און קיין רעגן קומט נישט, וועלן דאָס ביסל קי, שעפּסן, ציגן און פערד, אויספאַלן פון הונגער און דורשט. און אַז עס וועט נישט זיין קיין „חג הקציר" און קיין „חג האסיף", וועט קיין חתן אויך נישט זיין... אוי ווי צו מיר! — האָט דניאל געקרעכצט.

— אַ ייד טאָר אָבער נישט זיך מיאש זיין, זאָגט שלום עליכם. קרעאָלן זאָגן, אַז איבער אַ יאָר וועט זיין אַן אויסטערלישע גערעטעניש, טאָקע צוליב דעם איצטיקן היישעריק־אינוואַזיע — האָב איך אים גע־טרייסט, און געפּרוּווט צו געבן, אָדער באָרגן פינף הונדערט פּעזעס, וואָס דער שטאָלצער ייד האָט נישט געוואָלט נעמען.

— מיין ווייב, מיין קריינדל, מיין איך, האָט נאָך די חתונה־רינגלעך, אַ גראָבן גאָלדענעם בראַסלעט, אַ גאָלדן קייטעלע מיט שטיינדלעך. איך האָב נאָך אַ גאָלדענעם זייגער, וואָס מיינע שווער און שוויגער, זאָלן לעבן, האָבן מיר געשאָנקען צו דער חתונה... נו, וועט אם ירצה השם זיין געלט אויף דערוויול — האָט דניאל תקיף געענטפערט מיט דער יידי־שער סטאָישער ווערדע.

—::—

איך האָב מיט דער פאַרחלומטער און צאַפּלדיקער אסתר לאַהלע ווידער געפּרוּווט אַ רעד טון, אַ שמועס טון, אַז איך האָב זי ליב, אַז איך

קען ממש נישט לעבן אָן איר... איך האָב איר דערציילט ניסים ונפלאות פון מיר, אַז איך בין אַ גרויסער פאַרדינער, אַ וועלט־רייזנדיקער, אַ וועטערינאַר, איך קען היילן קי און פערד און אַלע אַנדערע מינים חיות פון אַלערליי מחלות. אַז אַפילו מענטשן קוריר איך אויך, אַז איך בין אַ באַטאַניקער, און אַ סך נאָך אַנדערע גרויסקייטן פון אַ ווערטער־בוך. און איך וועל זי גליקלעך מאַכן... איך האָב אָבער אָנגעטראָפן אויף אַן עכטער יידישער טאָכטער, אַ הייליקייט ממש, וואָס וועט נישט פאַרבייטן איר אויסדערוויילטן יידישן קאָלאָניסטישן אָרעמען יינגל, אַפילו אין דער גרעסטער נויט, צומאָל פאַר קיין מיליאָנען אויך נישט.

אין אַ פּורפורנעם בין־השמשות, בשעת אסתר לאהלע איז געשטאַנען איבער צוויי טיץ קאַראַפּאַטקעס, סאַרטינעטאַס און גאַליאַרעטאַס וואָס איך האָב געהאַט דערשאָסן יענעם פאַרטאָג, און זי האָט זיי אַרומגעצופּט און געריייניקט אויף אַ וועטשערע. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייס־וועבן קליידל, מיט אַ רויט־זיידן בלוזקעלע אָן ברוסטן־אונטערהאַלטערס. אירע בעקלעך האָבן בעת מיין רעדן צו איר, געפלאַמט מער ווי תמיד. אירע נישט־געפאַרבטע, בלוט־רויטע קאַרשן־ליפּעלעך האָבן געציטערט. זי האָט, דאַכט מיר געפיבערט...

— איך בעט דיך. ווי גאָט איז דיר ליב, אויב דו גלויבסט טאַקע אין אונדזער גאָט, רעד נישט מער מיט מיר וועגן חתונה האָבן מיט דיר! — האָט זי גערעדט צו מיר מיט אַ פאַרשטיקטן קול פון עמאָציע — גלויב מיר, אַז איך האָב דיר נישט פיינט חלילה וחס. בעסער געזאָגט, איך שעץ דיך און איך האָב דיך ליב אויך אַפילו, ווי איך האָב עס דיר שוין געזאָגט, אָבער נאָר ווי אַ גוטינקן חבר, ווי אַ טייערן און האַרציקן ברודער. אָבער מיין זישען האָב איך ליב ווי אַ חתן... מיינע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, ווילן גראַד דיך אין דער משפחה. איך בין איצטער אַזוי אָרעם ווי מיין זישע, און ער פּונקט אַזוי ווי איך. פריער די לאַנגע טרוקעניש און דערנאָך דער היישעריק, האָבן בדיל־הדל געמאַכט זיינע טאַטע־מאַמע, אויך פּונקט אַזוי ווי מיינע טאַטע־מאַמע. און דאָך וועל איך אים נישט פאַרבייטן אַפילו פאַר אַ מיליאָנערסקן בן־מלך אויך נישט. מיין זישע פאַרלאַנגט אויך נישט קיין געלט, נאָר ער וויל מיך אַזוי ווי איך שטיי און גיי. איך האָב עס געזאָגט מיין טאַטן, נאָך דעם ערשט, ווי ער האָט דיר געזאָגט, אַז צוליב דער היישעריק־קאַטאַסטראָפע, וועל איך און מיין שוועסטערל חלילה נישט קריגן קיין לייטישן חתן...

נאָר געדענק, איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט צו מיר נישט רעדן מער וועגן דעם ענין, ווייל איך וועל חלילה ברוגז ווערן מיט דיר. האָסט גע-

הערט? איצטער לאָמיר זיך צעקושן און זיין גוטינקע חברים — האָט אסתר לאהלע מיך געוואָרנט מיט ליידנשאַפטלעכע קושן און שעלמי־שער ערנסטקייט.

נאָך דער וועטשערע, האָב איך איינגעלאַדן אסתר לאהלען, אירע צוויי ברידער שלמה און פנחס, מיט זייער שוועסטערל יהודית, צו שפּילן אין לאָטעריע. קיין געלט האָבן זיי נישט געהאַט. האָב איך זיי געבאָרגט, ווייל קיין מתנה האָבן זיי קיינס נישט געוואָלט. זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט געשפּילט אין דער דאָזיקער שפּיל. איך האָב זיי אויסגעלערנט. און עס איז געשען אַ נס מן השמים — איך האָב פאַרשפּילט פיר הונ־דערט און ניינציק פּעזעס...

יענע נאַכט בין איך געשלאָפן מיט אסתר לאהלעס צוויי ברידער אין אַ סטויג פאַראַיאָריקן האָבער־שטרוי, אַ צעווייטיקטער און פאַרקלעמטער צוליב אסתרקעס אָפּזאָג. נאָר דאָך אַ גליקלעכער, וואָס איך האָב גע־האָלפן כאָטש מיט עפּעס אַ טייערע יידישע פויערים־פאַמיליע, דורך מיין כלומרשט „פאַרשפּילן" ביי אסתר לאהלען, אירע צוויי ברידערלעך און איר באַחנטער שוועסטערל יהודית...

.1911

מיט קלאָרע געדאַנקען אין אַ משוגעים־הויז

שרה־ביילע, אַ שיינע, אינטעליגענטע און ביז גאָר סימפּאַטישע טונקל־שאַטינקע, מיט געטאָקטע גלידער און געלאָקטע האָר, צוואַנציק יאָר אַלט, האָט חתונה געהאַט מיט חיים „דער קאָלטשאָנעראָ״ 1) פון זעקס און צוואַנציק יאָר.

דאָס פּאָרפּאָלק האָט זיך פאַרקליבן קיין סאַן כוסטאָ און האָט געלעבט ווי פאַרליבטע טויבן.

פון חיים איז געוואָרן כואַן. ער איז לכתחילה בלויז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין מיט זיין פּראָפעסיאָנעלן קלאַפּערגעצייג איבער די הייזער און פאָרגעלייגט זיין אַרבעט. ער פלעגט איבערקעמען די וואָל פון די אַלטע „קאָלטשאָנען״ 2), אויפגענייט נייע ציכן און אויבערדעקן; אָפּטמאָל האָט ער אויך אויפגענייט אַ שפּאָגל־נייעם מאַטראַץ פאַר אַ נייגעבאַקענעם פּאָרפּאָלק.

מיט דער צייט, ווען די קונדשאַפט איז זיך צעוואַקסן, האָט כואַן זיך געעפנט אַ געשעפט מיט אַן אָפענער טיר אין אַ צענטראַלער גאַס, טאַקע אין סאַן כוסטאָ. פּרנסה איז געווען בשפע. ער, כואַן, אין גאַס און זי, שרה־ביילע, אין קלייט.

ווי שוין דערמאָנט, איז שרה־ביילע געווען אַ שאַטינקע, מיט אַ פּאָר פאַרחלומטע גרויסע קאַשטאַן־אויגן און זיידענע, לאַנגע, שוואַרץ־גלאַנציקע וויעס איבער זיי. אירע בעקעלעך זענען געווען ראָזע־ווייס און די הויט פון איר לייב איז געווען ווי אַ פיין־פּולירטער מאַרמל. אַ שלאַנקע און בייגיקע מיט געטאָקטע גלידער, איז שרה־ביילעס שטעל און בליק געווען פון אַן עכטער צניעותדיקער יידישער טאָכטער.

ס'איז אַריבער אַ יאָר מיט חדשים, און שרה־ביילע האָט מיט מזל און ברכה געבוירן אַ יינגעלע. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסאַרטיקער ברית לויט דעם יידישן דין און טראַדיציע.ביים ברית־מילה, האָט דאָס

---

1) מאַטראַצן־מאַכער. 2) מאַטראַצן.

קינד געקראָגן דעם נאָמען, יצחק, אַזוי ווי כּוֹאַן דעם קאָלטשאַנעראָס פּרו־מער טאַטע האָט געהייסן. אָבער דער טאַטע פון דעם נייעם ייד, האָט אין דעם לאַנד־רעגיסטער זיין זונדעלע, יצחקל, געגעבן אַ נישט־יידישן נאָמען — פלאָריאָן.

כּוֹאַן דער קאָלטשאָנעראָ אַליין, האָט דעם אָנבליק פון אַ פוילישן פּויערישן שגץ. ער איז אַ העל־בלאָנדער, פאַרמאָגט אַ גלאַטיקן קאָפּ האָר ווי די גלאַטע שטשעטשינעס פון אַ געלן חזיר־עק; ער האָט אַ פּאָר פּיצ־לעך, אייז־קאַלטע, וואַסערדיקע אויגן פון אַ קיילער־שייגעץ. נאָר זיינע חזיר־אויגעלעך מיטן שפּיזלדיקן גלאַנץ זענען נישט אַלציינע: איין אויג איז ביי אים קלענער פונעם צווייטן. דערפאַר מאַכט עס דעם איינדרוק ווי איין אויג וואָלט געווען איינגעפּאַסט נידעריקער פונעם צווייטן.

כּוֹאַן האָט אָנגעהויבן פאַרשפּעטיקן צו קומען מיטיק עסן. און בּיס־לעכווייז פלעגט ער קומען צו מיטיק אַלץ שפּעטער און שפּעטער. אַ טאָג האָט שׂרה־ביילע אויף אים געוואַרט גאָר לאַנג, נאָר אין קול ואין עונה. כּוֹאַן איז נישטאָ. שׂרה־ביילען האָט געהונגערט. זי האָט נאָך נישט גע־געסן. זי האָט געוואַרט אויף כּוֹאַנען, אויף איר מאַן, נאָך אַ שעה. זי האָט שוין איבערגעקלערט, צי עס איז איר מאַן, חלילה, נישט געשען עפּעס אַן אומגליק...

מינוטן נאָך פיר פאַרנאַכט איז דער תּכשיט געקומען. ער איז געווען פאַרכמורעט, האָט זיך נישט באַגריסט מיט שׂרהן, און אויך נישט גע־ענטפערט אויף איר באַגריסונג. שׂרה־ביילע רעדט צו אים און ער ענט־פערט איר נישט. אַ מידער, אַן אָנגעכמורעטער, מיט אָנגעבלאָזענע טאָר־בעס אונטער די אויגן און מיט אַ רויטער נאָז, וואַרפט ער זיך אַנידער אויפן בעט און ווערט אַנטשלאָפן. שׂרה־ביילע האָט דערפון גרויס עגמת־נפש.

וואָס אַמאָל פלעגט דאָס פאַרשפּעטיקן זיך צו קומען עסן מיטיק און וועטשערע, פאַרקומען אַלץ אָפטער. כּוֹאַן פלעגט טיילמאָל פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג און פלעגט אַ היים קומען שפּעט ביינאַכט, ווען זיין פרוי און קינד זענען שוין געשלאָפן.

כּוֹאַן האָט כּמעט אויפגעהערט רעדן צו זיין פּרעכטיק ווייבל. אַ רענדל אַ וואָרט. און אויב ער האָט שוין יאָ אויסגערעדט אַ וואָרט צו איר, איז עס געווען דורכגעזאַפּט מיט סם. און עס איז נישט געווען אין יידישן לשון, ווי ער וואָלט געווען אַ געבוירענער און דערצויגענער ערל. נאָר שׂרה־ביילע האָט צו אים געטענהט:

— חיימקע טייערער, וואָס איז געשען מיט דיר? ביסט דאָך גאָרנישט

דער זעלביקער וואָס ביסט געווען. פאַרוואָס קומסטו אַ היים אַזוי שפּעט? איך ווייס דאָך נישט וואָס איבערצוקלערן; באַזונדער קען איך דאָך נישט באַאַרבעטן אַלץ אײנע אַליין. זײַן אין קיך, מאַכן דאָס עסן, אַכטונג געבן אויף יצחקלען. ער איז דאָך נאָך אַ פּיצל קינד, און דערצו נאָך אַ ייִנגל, אַן אומרו. רוימען און ראַמען די צימערן, וואַשן דעם הויף, אויפנעמען און באַדינען די קליענטן אין געשעפט, אַטענדירן דעם טעלעפאָן און נאָך און נאָך. חיימקע קרוין, כּוֹאַן טײַערער, איך בין דאָך נישט פון אײַזן — האָט שרה־ביילע גערעדט מיט געוויין און תחנונים.

— וואָס מײַנסטו זיך, איך גיי אין גאַס אַרײַן טאַנצן אַ טאַנגאָ אָדער באַטשיטשאַ? און אַז איך פאַרשפּעטיק מיך מיט אַ שעה, צי צוויי, איז וואָס? פון ווען אָן ביסטו עס אַזוי משוגע פאַרליבט אין מיר, אַז דו קענסט נעבעך נישט עסן און נישט לעבן אָן מיר? נאָר אויב דו קענסט טאַקע אַליין זיך נישט קיין עצה געבן, וועל איך דיר צונעמען אַן „עמפּלעאַדאַ״ 1) אין געוועלב אַרײַן. דו וועסט בלויז אַטענדירן 2) די צימערן, דאָס קינד, די קיך און דעם הויף. ביסט מסכּים, שרה־ביילע?

— ניין, חיים. איך דאַרף נישט קיין שיקסע, קיין „עמפּליאַדאַ״. נאָר דיך דאַרף איך. אונדזער קינד דאַרף אויך נישט קיין שיקסע, נאָר דיך, דעם טאַטן זײַנעם, זאָל לעבן און געזונט זײַן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר — האָט שרה־ביילע גערעדט מיט אַ פאַרשטיקט קול, אַ באַגאָסענע מיט קוואַליקע טרערן.

— ווער דאַרף עס אַזוי לאַנג לעבן, ווער? ווער דאַרף דײַנע זשידאָווסקע הונדערט און צוואַנציק יאָר? פופציק יאָר גוט געלעבט, איז מער ווי גוט און גענוג!.. יאָ, שרה־ביילע, דײַן פּוילישער טאַטע, דער פרומער בניאַק, איז אָבער געווען אַ קלוגער ייד. ער פלעגט זאָגן אויף מיר: אוי, איז דאָס אַ יונג! אוי, איז דאָס אַ יאַט מיט ביינער! נאָר חי געלעבט... אַן אמתדיקער מאַלדאַוואַן! אַ טעלענעשטער ווילדער ציגן־יעגער!..

פּאָר שרה־ביילען האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען טעג, וואָכן און חדשים און יאָרן, אײנזאַמע און טרויעריקע. חיים פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג. ער פלעגט אַ היים קומען שפּעט בײַנאַכט שלאָפן, און גאָר אָפט פלעגט ער שלאָפן אויך נישט קומען. שרה־ביילע איז געווען פאַרצווייפלט. כּוֹאַן פלעגט צונעמען דעם גאַנצן פדיון. וואָס זי האָט אײַנגעקאַסירט איבערן טאָג. זי האָט צומאָל נישט געהאַט קיין געלט אויף צו קויפן זיך אַ פּאָר שיך, אַ קליידל, אַ לייטיש מענטעלע, אַ ביסל וועש.

---

1) אָנגעשטעלטע. 2) פון שפּאַנישן „אַטענדער״ — זיך אָפּגעבן, באַשעפטיקן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, האָט כואַן געבראַכט אין געוועלב אַריין אַ שיקסל פון אַ יאָר אַכצן, אַנגעטון אין אַ נעט־דורכזיכטיק ניילאָן־קליידל, וואָס האָט געוויזן יעדן קנייטש און בערגל פון איר קערפּער. כואַן האָט די שיקסע פאָרגעשטעלט פאַר שרה־ביילען:

— די סעניאָריטאַ הייסט כואַנאַ, נאָר איך רוף זי כואַניטאַ. זי איז אַ גוטע פאַרקויפערן, זייער אַן ערלעכע, און דו מעגסט איר אַלץ גע־טרויען, אַפילו מיך אַליין אויך... הערסט, שרה־ביילע? מיך אַליין אויך... כאַ־כאַ־כאַ!..

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט שרה־ביילע גענומען חושד זיין, אַז די שיקסע איז נישט סתם אַן אָנגעשטעלטע אין געשעפט, נאָר אפשר אויך אַ געליבטע פון איר מאַן און זי גרייט זיך צו פאַרנעמען איר, שרה־ביילעס, אָרט ווי אַ ווייב און באַלעבאָסטע פון אַלץ וואָס זי, שרה־ביילע, האָט אין משך פון יאָרן, מיט שווייס און בלוט איינגעשאַפט.

כואַן מיט זיין שיקסע האָבן דערווייל געוועבט אַ גרויזאַמע פאַסטקע פון אַ פאַרנעם, וואָס די אומגליקלעכע פרוי האָט זיך נישט געקענט ריכטן אויף אַזאַ מין אַכזריות פון אַ פאַרדאָרבענעם נפש, וואָס זיין טאַטע־מאַמע זענען יידישע מענטשן.

כואַן איז פלוצים געוואָרן אַ „גוטער" טאַטע. יעדן טאָג האָט ער זיך גענומען ברענגען אַלץ נייע צאַצקעס פאַר זיין זונעלע פלאָריאַן. און ווען שרה־ביילע האָט אים געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז אַזעלכע צאַצקעס ווי שווערדן, שפּיזן, ביקסן, פּיסטוילן און קאַנאָנען פאַראומווירדיקן דאָס צאַרטע נשמהלע פונעם קינד, ווייל אַזעלכע מין שפּילערייען נייגן אים צו שלעכטע, פאַרברעכערישע זיטן און מנהגים, האָט כואַן אויסגענוצט די געלעגנהייט און האָט הויך אויפן קול געשריגן, בכדי דאָס קינד זאָל הערן: „דו משוגענע כלבטע, איינע וואָס דו ביסט! וואָס ווילסטו פון מיין אָרעמען פלאָריאַן נעבעך?"...

און אַז דער איבערגעשראָקענער פלאָריאַן, וואָס איז געשטאַנען לעבן זיין מאַמען, האָט זיך צעוויינט, האָט זיין טאַטע זיך אָנגערופן: וויין נישט, קינדעלע מיינס! קום אַהער צו מיר, זעסט נישט אַז די מאַמע האָט דיך פיינט? דיין מאַמע איז אַ משוגענע, דערפאַר שרייט זי אויף מיר, פאַר וואָס איך קויף דיר אַזעלכע שיינע צאַצקעס. זי וועט דיר נאָך אין קורצן קיין עסן אויך נישט געבן אין צייט, ווייל זי איז אַ משוגענע!.. האָב נישט קיין מורא פאַר איר, כל־זמן איך בין דאָ לעבן דיר. איך וועל דיר כסדר קויפן נאָך שענערע און בעסערע צאַצקעס...

די שיקסע כוואַנאַ איז געוואָרן די גאַנצע דעה־זאָגערין איבערן גע־שעפט און אַפילו צוגעטיילט דער געפייניקטער באַלעבאַסטע אירער יעדן סענט, יעדע פּרוטה; פלאָריאַנען, שרה־ביילעס איינציק קינד, האָבן איר מאַן און זיין שיקסע, איינגעפּלאַנצט שנאה און פאַראַכטונג צו זיין יידי־שער און צנועהדיקער מאַמע, צו דער אַזוי גרויזאַם־צעוויטיקטער שרה־ביילע:

— זעסט, פלאָריאַנסיטאַ, דיין מאַמע איז אַ שלעכטע, אַ קאַרגע, זי גיט דיר נישט קיין עסן, ווייל זי וויל אַליין אַלץ אויפעסן. זי לאָזט דיך נישט זיך שפּילן צומאָל; דיין מאַמע איז אַ שלעכטע, אַ משוגענע!..

שרה־ביילע איז געלאָפן צו אַדוואָקאַטן, צו פּאָליציי, און וואוהין דען נישט? נאָר זי האָט אין ערגעץ פון דער „גערעכטיקייט" נישט באַקומען קיין הילף. זי איז נישט געגאַנגען אָנגעטון אין קיין זיידענע מלבושים...

איינמאָל, אין אַן אויגוסט־נאַכט, שרה־ביילע איז אַרומגעגאַנגען כמעט באָרוועס, די געשוואָלענע פינגער פון אירע פיס זענען געווען רויט פון די ווינטער־ביילן, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון די צעלעכערטע לעטשלעך; אירע אַמאָל מילגרוים־פאָרמיקע, שטייפע ברוסטן, איצטער ווי ליידיקע, צעקנייטשטע, און איינגעשרומפּענע פענכערס, האָבן זיך אַרויסגעזען פון דער צעפליקטער בלוזקע. כואַן איז געזעסן הינטערן לאַנגן קראָם־טיש און געזויגן מאַטע. ווען שרה־ביילע איז אַריינגעקומען אין קלייט רופן דאָס קינד טרינקען מילך, האָט איר „טייערער" מאַן צו איר אַ זאָג געטון מיט אַ פלוצימדיקער גוטסקייט: „שרה־ביילעניו, וואָס גייסטו אַרום עפּעס אַזוי אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן? שעמסט זיך גאָר־נישט אַזוי אַריינצוגיין אין געשעפט ווו מענטשן קומען אַריין און גייען אַרויס?.. האָסט שוין טאַקע נישט קיין טראָפּן חרפה און בושה אַרויס־צוגיין אין אַזאַ מין ווייסטן הולך פאַרן טויער, אויף דער גאַס?"...

— חיים, ביסט אומגערעכט צו מיר מיט דיינע גיפטיקע רייד. איך שעם זיך גראָד יאָ אַזוי אַרויסצוגיין און אַרומצוגיין. איך האָב דאָך אָבער נישט וואָס אָנצוטון. ווען דו זאָלסט מיר געבן עפּעס געלט אויף צו קויפן זיך אַ ביסל סחורה־רעשטלעך, וואָס וועלן מיך קאָסטן אַ שיבוש, וועל איך מיר אַליין אַלץ צושניידן, און וועל מיר אויפנייען אַ צוויי קליידלעך; איך דאַרף אויך אַ צוויי פּאָר שיך, אויף אַלע טאָג און אויף יום־טוב; איך דאַרף אויך אַ פּאָר „סאַפּאַטיזשאַס", לעטשלעך, מיין איך; מיין אונטער־וועש איז שוין אויף מיר אויך צעפליקט און צעריסן — עס איז אַ חרפה און בושה! שוין עלף יאָר נאָך אונדזער חתונה, און איך גיי נאָך אַלץ אַרום אין די זעלביקע מלבושים, וואָס איך האָב נאָך פון מיידלווייז!..

— ביסט טאקע גערעכט, סאָניענקעלע, שרהלע, טייערע — האָט כּוהן גענומען רעדן מיט אַן אַפּאַניש קול — די טעג וועלן מיר ביידע זיך אַ ביסל דורכפאָרן אין שטאָט אַריין. דו וועסט זיך איינקויפן פון אַלדאָס בעסטע און שענסטע, וואָס דיין האַרץ וועט נאָר גלוסטן.

——::——

עס זענען אַוועק עטלעכע וואָכן און חדשים מיט צוזאָגן און האָפע־נונגען. שרה־ביילע האָט געמאָנט און כּוהן האָט כּסדר צוגעזאָגט: היינט־מאָרגן, זי צו באַקליידן און באַנייען מיט זיידנס און טייער פוטערוואַרג, מיט גאָלד און בריליאַנטן...

באַלד נאָכן צומאַכן ס׳געשעפט, פלעגט די שיקסע זיך אַוועקגיין אַן אַ „זיי־געזונט”. טיילמאָל זענען אַוועק גאַנצע וואָכן ווי שרה־ביילע האָט נישט געזען ס׳פּרצוף פון איר מאַן. נאָר שפּעט ביינאַכט, אין דער שטו־ביקער חשכות, ווען ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין לעבן איר, און זי, שרה־ביילע, האָט דערפילט דעם שאַרפן גערוך פון די איטאַ־ליענישע אוואַנטי־בלעטער־ציגאַרן, ווייַן, אַלקאָהאָל, און דעם ספּעציפישן עראָטישן פרויען־„דופט”, האָט זי געוווּסט, אַז דאָס איז ער, איר תּכשיט.

עס איז געווען דעם צווייטן טאָג פון מאָנאַט אָב, אין אַ פאַרנעפּלטן פאַרנאַכט. צען טריט ווייט האָט מען גאָרנישט געזען. הימל און ערד איז געווען בלויז איין שטיק טומאַן. דער נעפּל איז געווען אַ געדיכטער, אַ וואַסערדיקער. מחנות גאַנצע, מיליאָנען מוראַזשקעס, שוואַרצע און רויטע, מיט פליגלען און אָן פליגלען, זענען אַרויס פון זייערע אונטער־ערדישע לאַבירינטן אין אַ געדיכטן געררוי. די שפּערלינגען, זענען מחנות־ווייז געזעסן אויף די צווייגן פון דיביימער און געשווירטשעט; די קאַ־לאַנדריאַ, אַלאַנדראַ און טאַרדאַ־פייגעלעך האָבן געזונגען אידיליע־לידער צו זייערע כּלות און ווייבעלעך אין די נעסטן; די הענער האָבן געקרייעט.

— עס וועט, דאַכט זיך, רעגענען — האָט געזאָגט שרה־ביילע צו דער אָנגעשטעלטער שיקסע, וואָס האָט נישט געענטפערט.

כּוהן איז פּלוצים געקומען צו פאָרן אין אַ ברייטן, שוואַרצן אויטאָ. אין קאַטש זענען געזעסן נאָך צוויי פינצטערע פאַרשוינען אַחוץ אים און דעם שאָפער. כּוהן איז אַרויס פון קאַטש. אַ שמייכלדיקער האָט ער זיך באַגריסט מיט דער שיקסע. ער איז גלייך אַריין אין צימער ווו שרה־ביילע איז געזעסן אויף אַ נידעריק געפלאָכטן שטרויען בענקעלע און גע־צערעוועט אירע איינציקע פּאָר זאָקן. כּוהן איז צוגעגאַנגען צו שרה־ביילען מיט אַ יעזואיטיש, לאַקריץ־זיס, צערטלעך קול, און זיך אָנגערופן

צו איר: ווייסט, כייקעלע, איך האָב ענדלעך שוין אָפּגעקליבן פאַר דיר אַ גאַנצן ראַמש זאַכן: יאַקעס, האַלקעס, ספּודניצעס, בלוזקעס, קליידער, שיך און זאָקן פון די בעסטע. אַפילו אַ פּאַקענעם מאַנטל אויך. און אַ פיינעם גאָלדענעם האַלדז־באַנד מיט אַ מגן־דווידל אויך ווי אַ „זשאַפּאַ" *).

— וואָס עפּעס פלוצים אַזוי פיל פאַר מיינעטוועגן? מען דאַרף דאָך פאַרן קינד, פאַר יצחקלען, אויך עפּעס. און מען דאַרף דאָך טראַכטן וועגן שפּעטער אויך, — האָט די טרייע שרה־ביילע, אַן עמאַציאַנירטע, גע־שעפּטשעט שטיל צו איר מאַן, די שיקסע זאָל נישט הערן.

— זאָל דיר נישט אַרן, שרה־ביילע. אַ געשעפט, וואָס האָט באַנקראָ־טירט, פאַרקויפט אוים אַלץ בחצי־חינם. איך האָב דען מער ווייבער אַחוץ דיר אַליין?.. איך האָב היינטיקע וואָך פאַרדינט אַ סך געלט. איך האָב גע־קויפט אַ הויז און באַלד פאַרקויפט. איך האָב פאַרדינט אַן אפּותיקאָ...

— זאָל דיר זיין מיט מזל און גליק, ברכה והצלחה, חיים טייערער! — האָט שרה־ביילע געערדט מיט פּאַטאָס, אינגאַנצן אַ צעשטראַלטע.

— טאָ קום־זשע שוין אַזוי ווי דו גייסט און שטייסט! — האָט כואַן געזאָגט מיט אַ שטאָמל, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ צו הייסע קליסקע.

— ווי הייסט, איך וועל גיין פאַרן אין אַזאַ מין הולך אין אַ געשעפט אַריין זיך איינקויפן לוקסוסדיקע מלבושים און טייערע צירונג? איך גיי דאָך באָרוועס, און אין אַ צעריסענעם שלאַפראָק, נישט געוואַשן, נישט געקעמט. מענטשן וועלן דאָך מיינען, אַז איך בין חלילה אַ חסר־דעה, אַז איך בין פון זינען אַראָפּ, רחמנה ליצלן — האָט שרה־ביילע פּראָטעס־טירט אַ שמייכלדיקע, אַ תמימותדיקע צו איר מאַן.

— ניין, ניין סערקעלע, אַזוי ווי דו גייסט און שטייסט איז בעסער... וועט מען דיר פאַרקויפן ביליקער, אַלץ בחצי־חינם... זאָל מען טאַקע מיינען, אַז דו ביסט חלילה אַראָפּ פון זינען... זאָל מען טאַקע מיי־נען... אַבי איך ווייס, אַז ביסט אַ פרוי ווי אַלע פרויען, אַ פאַרשטענד־לעכע, און מיט קלאָרע געדאַנקען דערצו. אדרבה, זאָל מען מיינען...

— ניין, חיים, איך וועל אַזוי נישט פאַרן! — האָט שרה־ביילע גע־ענטפערט אַנטשלאָסן. זי האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפע אירע פאַר־ריכטע, זויבערע קליידער. זי איז אַריין אין באָד־צימער. אין צוואַנציק מינוטן אַרום איז זי אַרויסגעקומען אַ שיינענדיקע ווי אַ פּרינצעסן, וואָס גייט אויף אַ גאַלאַ־באַל.

---

*) צוגאָב.

— וואָס זאָגסטו איצטער צו מיר, איך געפעל דיר? — האָט שרה־ביילע מיט אַ קינדיש שמייכעלע קאָקעטירט צו איר מאַן, ווי אַ יונגיטשקע כלה צו איר חתן.

— יאָ, אמת, שרה־ביילע, זעסט טאַקע אויס גאָר אַנדערש נאָך דיין אויספּוצן זיך. ס׳וועט מיר שוין קאָסטן אַ סך טייערער — האָט כּוּאָן אַ וואָרטשע געטון אונטער דער נאָז.

— ווער זענען עס די צוויי מענטשן וואָס זיצן לעבן שאָפער? — האָט שרה־ביילע, אַ פאַרחידושטע און איבערגעשראָקענע, געפרעגט איר מאַן.

— האָסט נישט וואָס צו שרעקן זיך, שרה־ביילע. דאָס זענען מיינע גוטע פריינד. זיי זענען אוקראַינער, מיינע מעקלער פון הייזער, ליידיקע פּלעצער און אויטאָמאָבילן. זיי ווילן אויך קויפן מציאות אין דיין זכות — האָט כּוּאָן געזאָגט לאַקאָניש.

שפּעטער האָט שרה־ביילע באַמערקט דורכן אויטאָ־פענצטערל, אַז דער משונהדיק לויפנדיקער אויטאָ, פאָרט נישט אין דער ריכטונג וווּהין איר מאַן האָט זי געזאָלט פירן איינצוקויפן פאַר איר די צוגעזאָגטע מתנות.

— איך פיר דיך וווּהין איך דאַרף דיך פירן... האָב נישט קיין מורא. איך וועל דיך נישט פאַרפירן, נישט פאַרקויפן. און ווען איך זאָל אַפילו וועלן דיך פאַרקויפן, וועט קיינער נישט זיין קיין בעלן אויף אַזאַ מציאה ווי דו ביסט היינט, שרה־ביילעליו — האָט כּוּאָן כּלומרשט זיך געוויצלט.

— די צוויי גוטע ברידער מיינע האָבן מיך געבעטן איך זאָל זיי צופירן צו דער סאַנאַטאָריע, ווו זייערס אַ פריינד ליגט קראַנק, מיט אַן איבער־געבראָכענעם פוס...

— חיים טייערער, איך האָב מורא! דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז דו גייסט מיר שלעכטס טון. זאָג מיר וווּהין פירסטו מיך? מיר זענען דאָך שוין ווייט פון שטאָט. יאָ, יאָ, דאָס האַרץ זאָגט מיר אַז דו ווילסט מיר שלעכטס טון, מיך אומברענגען — האָט שרה־ביילע מיט ספּאַזמאַטישע געוואַלדן, אַ וויינענדיקע און ציטערנדיקע, זיך געקלאַמערט מיט אירע נעגל אין איר מאַנס אָרעם.

— זיי נישט קיין קינד, שרה־ביילע. שריי נישט אַזוי. קוויטשע נישט אַזוי. מען קען דאָך מיינען, אַז איך האָב סעקוועסטרירט אַ מינדער־יעריקע, וועלכע איך וויל פאַרפירן... שווייג! אָט שוין, שוין, מיר זענען שוין אָנגעקומען. מירן בלויז אַרייַנגיין אין סאַנאַטאָריע אויף אַ רגע, נישט מער, זען דעם קראַנקן. מיר וועלן באַלד צוריקפאָרן אין געשעפט אַריין — האָט כּוּאָן זי געוואָלט באַרויקן.

אַ רגע שפּעטער איז דער שוואַרצער אויטאָ געבליבן שטיין פאַר אַ בלינדער געביידע, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן און פינצטערן פּאַרקאַן, אויבן באַזעצט מיט צעבראָכענע שטיקער גלאָז און פאַרזען מיט אַ מאַסיוון און שווערן אייזערנעם טויער.

— משוגענע, קום אַראָפּ! — האָט כּוזאַן באַפוילן זיין פרוי שׂרה־ביילע, וועלכע האָט געשריגן מיט באַנומענע קולות. זי האָט זיך צוגעהאַלטן ביי די האַנטאַבעס און בשום אופן נישט געוואָלט אַרויסגיין און אויך נישט געלאָזט זיך אַרויסנעמען פון אויטאָ. שׂרה־ביילע האָט געדראַפּעט, געביסן און געבריקעט מיט אירע פיס. זי האָט אויף כּוזאַנען צעריסן זיין רעקל און זיין העמד. צעדראַפּעט זיין פּנים און ברוסט ביז בלוט.

עס זענען באַלד צוגעשפּרונגען די צוויי אוקראַינער שקצים, כּוזאַנס חברים, וועלכע האָבן די אומגליקלעכע יידישע פרוי גענומען אונטער די אָרעמס און זי אַרויסגעשלעפּט פון קאַטש.

דער מאַסיווער שוואַרץ־אייזערנער טויער האָט מיט אַ גרילצנדיקן סקריפּ זיך שווער געעפנט און גלייך זיך צוגעמאַכט, פאַרהאַקט מיט אַ שליסלען־געקלימפּער, ווי דער טויער פון אַ טיורמע, מיט שׂרה־ביילען אַ געפאַנגענע אינעווייניק.

שׂרה־ביילע האָט געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד. זי האָט זיך געראַנגלט ווי אַ לייביך, וואָס איז פאַרדעטעריש אַריינגעפאַלן אין אַ פאַסטקע. זי האָט נישט געוואָלט גיין. איינער פון די שקצים האָט מיט זיין האַנט־פלאַך געפרוּווט איר פאַרשטעלן דאָס מויל, בכדי זי זאָל נישט קענען אַזוי שרייען, האָט שׂרה־ביילע דעם פאַגראַמטשיק געטון אַזאַ ביס, אַז זיינע צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט זענען צעבראָכענע, שיר נישט געבליבן ביי איר אין מויל.

עס איז אונטערגעקומען כּוזאַן, שׂרה־ביילעס מאַן, וואָס האָט געהאָלפן דעם צווייטן אוקראַינער כוליגאַן באַצווינגען זיין טרייע יידישע פרוי און זי אַריינצושלעפּן אין משוגעים־הויז.

שׂרה־ביילע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. זי האָט איינגעגראָבן אירע פיס אין דער ערד, ווי דאָס וואָלט געווען איר לעצטע פאַרפּאַרע. נאָר דער אוקראַינער רוצח האָט שׂרה־ביילען געטון אַזאַ ברוטאַלן שטופּ פאָרויס, אַז זי האָט זיך צעבראָכן אַ פּוס. פון דעם ווייטיק און גוואַלדיקן קאַמף, מיט איר מאַן און זיינע צוויי בלוט־דורשטיקע אונטערפירערס, האָט שׂרה־ביילע געחלשט. אַ באַהערשטע, אַ באַצווונגענע, אַ צעקיילטע

און צעביילטע, מיט אַן איבערגעבראַכענעם פּוס, האָט מען שׂרה־ביילען אַריינגעטראָגן אין אָפּעראַציע־זאַל פונעם משוגעים־אַנשטאַלט.

ווען שׂרה־ביילעס שוועסטער און שוואָגער זענען געוווּיר געוואָרן אַז זייער שוועסטער איז נעלם געוואָרן פון דער היים, און אַז איר אָרט אַלס באַלעבאָסטע, ווייב און מאַמע פון איר קינד, האָט גאָר פאַרנומען עפּעס אַ שיקסע פון אויסרייסעניש, האָט מען גענומען לויפן צום „קאָל־טשאַנערא", ער זאָל זאָגן וווּהין ער האָט פאַרטאַכלעוועט זיין ווייב און מאַמע פון זיין קינד.

— איך ווייס נישט! איך ווייס נישט ווו אייער משוגענע שׂרה־ביילע געפינט זיך. זי איז פון דער העלער הויט אַהינגעקומען, ווי די ערד וואָלט זי געוועסט איינגעשלונגען, נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שפּורן צומאָל...

דאָס יינגעלע זייערס, פלאָריאַן (יצחקל), איז נאָך זיין מוטערס פאַר־שווינדן ווערן, דערצויגן געוואָרן אין אַ קאָרומפּירטער אַטמאָספערע. אַ דערעסירטער פון זיין פאַרדאָרבענעם פאָטער און זיין אַנטיסעמיטישער שיקסע, האָט ער, פלאָריאַן, אויך געזאָגט, אַז די מאַמע איז משוגע גע־וואָרן, נאָר ער ווייסט נישט ווו זי געפינט זיך.

אַז יחזקאל, שׂרה־ביילעס בן־עיר, איז געוווּיר געוואָרן וועגן דעם מיסטעריעזן פאַרשווינדן ווערן פון זיין לאַנדסמאַנקע, האָט ער באַלד תּופס געווען, אַז דאָס איז אַ שוואַרץ שטיקל אַרבעט פון איר אייגענעם מאַן. ער איז גלייך אַוועקגעלאָפן צום „קאָלטשאַנעראַ", בכדי זיך דורכ־רעדן מיט אים וועגן דעם נעלם ווערן פון זיין פרוי שׂרה־ביילע.

דער נשמהלאָזער און האַרצלאָזער פּרא־אדם, האָט לכתּחילה גע־לייקנט שטיין און ביין, אַז ער ווייסט אַבסאָלוט גאָרנישט ווו זיין פרוי שׂרה־ביילע איז פאַרשווונדן געוואָרן. נאָר ווען ער איז דורך דעם קלוגן יחזקאל צוגעדריקט געוואָרן צו דער וואַנט, ויפתח ה' את־פּי העתון, האָט כּוען דער „קאָלטשאַנעראַ" געדברט. ער האָט דערציילט, אַז היות שׂרה־ביילע איז טאַקע משוגע געוואָרן, אַ סימן, זי האָט זיינען אַ גוטן ברודער אָפּגעביסן צוויי פינגער. און אים, כּוענען, האָט זי אינעם פלוצימדיקן משוגעת־אַנפאַל, שרעקלעך צעדראַפּעט און אויך צעביסן. און היות ער, כּוען, מיט זיין זון און אַנגעשטעלטע זענען געווען אין אַ כסדרדיקער און אומפאַרמיידלעכער סכּנה אָנגעגריפן צו ווערן דורך דער משוגענער שׂרה־ביילען, האָט ער, בלית־ברירה, זיך נעבעך געזען געצווונגען, די חסר־דעהדיקע אַריינצוגעבן אין אַ הייל־אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע...

ווען שׂרה־ביילע איז געוואָרן, אַז איר פריינד יחזקאל און אַנדערע ייִדן און אויך קריסטן באַמיען זיך פאַר איר באַפרייונג, האָט זי דערקלערט אַ הונגער־שטרייק אין משוגעים־הויז. זי האָט געפאָדערט מען זאָל זי תיכף אַרויסלאָזן אויף דער פריי. עס זענען דערווייל שוין אַריבער עטלעכע טעג ווי שׂרה־ביילע האָט נישט טועם געווען קיין שום שפּייז. זי האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז כּל־זמן זי וועט זיך געפינען אַ געפאַנגענע אין דעם משוגעים־הויז, וועט זי נישט עסן.

די פיזיש־אָפּגעשוואַכטע שׂרה־ביילע האָט באַלד, ביים ערשטן אָנבליק, דערקענט דעם גוטן פריינד אירן, יחזקל כּמיעל. זי האָט גערעדט זייער שטיל. שׂרה־ביילע האָט געבעטן יחזקאלן און אַלע אַנדערע גוטע פריינד און משפּחה־מענטשן, וואָס האָבן זיך משתדל געווען פאַר איר באַפרייונג: „כּל־זמן איר זענט נישט זיכער וועגן מיין באַפרייונג, זאָלט איר דאָ, אין דעם עמק־הבכא, דערווייל גאָרנישט זאָגן קיינעם פון די אינטערנירטע"...

כּוֹאָן, ימח שמו, מיין פאַררעטערישער מאַן, מיט דער מיטהילף פון זיינע קאָלעגן און זיין געליבטער שיקסע, האָבן מיך איינגעפלאַנטערט אין אַזאַ מין גיפטיקן שפּינוועבעכץ, וואָס נאָר אַ בייזער נאַצי־אַנטיסעמיט איז פעיק אָפּצוטון. טאָמער ווערן געוואָיר די געוויסנלאָזע נפשות וועגן אייערע באַמיונגען מיך צו באַפרייען, איז גאַנץ מעגלעך, אַז איר זאָלט מיך דאָ שוין מער נישט געפינען צווישן די לעבעדיקע. עס געשען פאַלן, ווען אַ מענטש, וואָס האַלט ביים באַפרייט ווערן, און ער רעדט עפּעס צופיל, קומט פּלוצים אַ „שטראָף פון הימל" און דער קאַנדידאַט באַפרייט צו ווערן, באַקומט פּלוצים אַ „האַרץ־אַטאַקע" צי אַ „געהירן־דערשיטערונג". איר ווייסט דאָך אַוודאי, די טויטע רעדן נישט. דער בר־מינן זאָגט נישט אויס דעם סוד פאַרוואָס ער איז געשטאָרבן. און שׂרה־ביילע האָט פאַרגעזעצט:

— הערט־זשע, פריינד יחזקאל, עס וועט פאַלן אויף אייער געוויסן און אויפן געוויסן פונעם גאַנצן ייִדישן ישוב, אויב איך וועל דאָ אויסגיין פון הונגער און דורשט אין דעם שוידערלעכן געפענקעניש וואָס רופט זיך: „הייל־אַנשטאַלט" פאַר גייסטיק קראַנקע. טוט אַלץ וואָס נאָר אין אייערע מעגלעכקייטן, און ראַטעוועט מיך אַרויס פון דעם כּף־הקלע, ווו אַ סך מענטשן מיט געזונטע חושים, ווערן פאַרשפּאַרט ווי כּלומרשט משוגעים, ווען אמתדיקע מאַניאַטיקער, משוגעים, סאַדיסטן און רוצחים, זענען אויף דער פריי.

דער דירעקטאָר פון דעם משוגעים־הויז האָט געפאָדערט, אַז חיים,

אָדער כּוֹאַן, שׂרה־ביילעס מאַן, וועלכער האָט מיט דער פּראַקטישער פּראַטעקציע, זי אינטערנירט אין משוגעים־הויז, זאָל זי אויך אַרויסנעמען. אויב נישט, זאָל ער לכל־הפּחות אונטערשרייבן די ביטע וועגן דעם „דעליקאַטן ענין".

ווען יחזקאל האָט באַגריפן, אַז מיט גוטן וועט ער ביים פּרא־אָדם גאָרנישט אויספּועלן, איז ער, יחזקאל כּמיעל, צוזאַמען מיט עטלעכע פּריוויליקע און האַרציקע יידן אַוועקגעלאָפן צום דעמאָלט נאָך יונגיטשקן, אָבער ענערגישן אַדוואָקאַט ד"ר טוביה קאַמענשיין.

אַז ד"ר קאַמענשיין האָט דערהערט וועגן דער גוואַלדיקער נבלה וואָס דער דעגענערירטער „קאַלטשאַנעראַ" איז באַגאַנגען קעגן זיין ערלעכער יידישער פרוי צוליב עפּעס אַן אויסגעלאַסענער שיקסע פון דער אונטערוועלט, האָט ער אַזש אויפגעציטערט. און ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער באַפרייונג־מלחמה מיט זיין גאַנצן פייער פונעם הייליקן יידישן פּדיון־שבויים, און שׂרה־ביילע איז נאָך לאַנגער און אינטענסיווער מי באַפרייט געוואָרן.

— געבענטשט זאָל זיין אייער נאָמען, טייערער פריינד יחזקאל, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן, פאַר אייער מקריב זיין זיך פאַר מיר מיט אייער מי, געלט און צייט־פאַרלוסט, בכדי מיך צו באַפרייען. איך וועל אייך אַלע תמיד געדענקען מיט אַ הייליקער תּפילה צו דעם וואָס אין הימל, וואָס לעבט אייביק, דערפאַר וואָס איר האָט מיך מציל געווען אַ לעבעדיקע, און מיט נאָך געזונטע חושים, פון דעם שאול־תּחתּיה, וואָס הייסט: „אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע"...

אין אַכט חדשים אַרום נאָך דער באַפרייונג, האָט יחזקאל מיט דער מיטהילף פון ד"ר קאַמענשיין אַוועקגעשיקט שׂרה־ביילען קיין ארץ ישׂראל צו אירע קרובים, ווו זי איז אין אַ שטיקל צייט אַרום געשטאָרבן...

דער נס פון דריי חנוכה־ליכטלעך

ר׳ גדליהו פון סראַצק, אַ פרומער און ערלעכער ייד, וואָס האָט איבערגעלעבט מיט פינף יאָר די יידישע ברכה פון לאַנג לעבן, האָט דערציילט:

„דאָס היינטיקע כאַטאַמאַוו, אַלשעוואָניצע, סקזשישעוויצע, פּיענקעס, גלוטקעס, לוטוועשינע און אַ סך אַנדערע דערפער און שטעטלעך ווי דעמ־בינע און דאָמבראָווע, וואָס רינגלען אַרום דאָס ערשטע דערמאָנטע דאָרף, האָבן מיט אַ צוויי מאות יאָרן צוריק נאָך נישט עקזיסטירט. וואָס רעד איך? מיט צוויי מאות שנים צוריק, האָט קיינער צומאָל נישט געחלומט, אַז אין דער געגנט פון די אויסגערעכנטע דערפער, זאָל אַ מאָל ווען עס איז ווערן אַ מענטשלעכער ישוב...

די מעשה וואָס איך וועל אייך דאָ, רבותי, דערציילן, איז געשען, ווען מיין זיידע ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד פון פולטוסק ע״ה, איז געווען שרייבער און פאַרוואַלטער איבערן שטיק וואַלד וואָס האָט געהערט צום געהילץ־סוחר ר׳ חיים זלמן קאַבילאַזש.

מיין זיידע ע״ה, אַ ייד אַ גיבור, הויך און שלאַנק ווי אַ טאָפּאָל, שטאַרק און אויסדויערנדיק ווי אַ דעמב און אַ געוואַגטער ווי אַן אַרויסגע־פערישער לייב אין דער מדבר, וואָס האָט דערלעבט ביז די הונדערט און פינף און צוואַנציק יאָר, איז געווען אַ געבוירענער אין די וועלדער. אַז ער האָט גענומען דערציילן די אויסטערלישע זכרונות פון זיין פרומען און גאונישן זיידן, פלעגן זיינע גרויסע שאַרע אויגן זיך צעבליצן אין פייער־פונקען. און מיט זיינע מוסקולירטע ידים פון אַ שמשון הגבור, זיך צעפּאַ־כען אין אַלע ארבע פנות העולם, ווי ער וואָלט געהאַקט קעפּ פון טייוולאַ־נים און רוחות רעים.

די גאַנצע געגנט אַרום כאַטאַמאַוו איז דעמאָלט נאָך געווען באַדעקט מיט אַ טויזנטער־יעריקער טייגע, געדיכט באַוואַקסן מיט גראָבע, אַלטע

ביימער פון „דזשאַדי־פּראַדזשאַדי״ (זיידעס, אור־אור־זיידעס) צייטן, מכל המינים. זייערע באַבלעטערטע, באַשפּיזלטע קרוינען־שפּיצן האָבן וויגנדיק זיך, געזונגען שירים צו זייער באַשעפער, און זיי האָבן זיך געריסן אַרויף העכער און נאָך העכער, ביז צו אונטער די שוועבנדיקע וואָלקנס.

יענער וואַלד, וואָס האָט פאַרנומען אַ שטח פון איבער הונדערט אויף הונדערט וויאָרסט, איז געווען דעם גראַף פּאָטאָצקים אַן אייגנטום פון איבער צען טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער. פון דעם נסתרדיקן וואַלד וואָס האָט פון קדמונים אַן קיין האַק און זעג נישט געהאַט געזען אין זיין גרענעצלאָזן גבול, האָט דער גראַף פאַרקויפט אַ שטיק פון ניין אויף ניין וויאָרסט, אָדער איין און אַכציק וויאָרסט טייגע צום אויסהאַקן די ביי־מער. דער פאַרקויף איז חל געווען בלויז אויף דאָס גאַנצע געהילץ פון דעם קאָנטראַקטירטן שטח. נאָר דער באָדן, די ערד, איז געבליבן ביי פּאָ־טאָצקים גראַפנטום.

דאָס וואָס איך דערצייל אייך דאָ — האָט ר׳ גדליהו געזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע — איז פאָרגעקומען אין דער „פיינשטשינע״־עפּאָכע, בעת די פויערים זענען געווען דאָס לייב־אייגנטום ביי די פּריצים, פּונקט אַזוי ווי די בהמות, און ערגער באַהאַנדלט ווי זייערע יאַגד־הינט, קעץ און געיעג־פערדלעך.

דער אומענדלעך גרויסער, עניגמאַטישער וואַלד, אַן אינקאַגניט פון די אור־צייטן, וועלכער ווערט היינט אָנגערופן „רייסעווער וואַלד״, האָט צו יענער צייט זיך גערופן „אורוואַלד״. ער האָט זיך צעשפּרייט לאַנג און ברייט ביז איבער די גרענעצן פון די קאַרפּאַטן־בערג, ביז איבער די איי־ביקע שנייען פון די הויכע בערג־שפּיצן, ווו די שטענדיק ירגזונדיקע ווייסל ווערט געבוירן און האָט דערגרייכט ביז צו דער פּרייסישער גרע־נעץ; דער אורוואַלד האָט צו יענער פאַרנעפּלטער צייט נאָך קיין שום נאָמען נישט געהאַט. נאָר אַלע האָבן דאָך געוווּסט, אַז די גאַנצע טייגע־ווילדעניש געהערט צום פּאָטאָצקי־גראַפנטום; זיי האָבן געצויגן זייער גענעאַלאָגישן יחוס פון דער פּיאַסט־דינאַסטיע, פון די סאָביעסקים און קאָשטשושקאָן, פון דעם גרויסן קאָזשימיעזש און אַפילו פון פּאָניאַ־טאָווסקין. אַפילו די פאַררעטערישע ראַדזיוויל־בלוטן זענען אומגעלאָפן אין די אַפּעמיניסטישע און פאַרשווענדערישע אָדערן פון די שלאַכ־טעצקע גראַפן.

די פאַראָרעמטע פויערים האָבן געהאָרעוועט ערגער ווי די פערדישע און אָקסישע לייב־אייגנטום פון די דענעגערירטע „שלאַכטשיצעס״; די פויערים האָבן געלעבט ווי די פּאַריער; זיי האָבן געוווינט אין געמיינערע

דירות ווי די שטאַלן פון די פּריצישע גײַעג-פערד; זיי האָבן געהונגערט ערגער ווי די וועלף צווישן די וואַלדיקע בערג אין די גרווילדיקע ווינטער-פרעסט. די פּויערים האָבן נישט געוווּסט פון קיין שול, פון קיין פרייהייט און אויך נישט פון קיין שום ערנהאַפטיקער באַהאַנדלונג.

דאָס פּויערטום האָט נאָר געקענט דריי האַרן, וועלכע ער האָט גע־מוזט דינען און באַדינען: דעם שלאַכעצקן אויסוווּרף, וועלכער איז תּמיד געווען באַוואָפנט מיט אַ שפּיצרוט אין האַנט, אַ געלאָדענעם פּיסטויל אין קעשענע און עטלעכע בייזע הינט ביי דער זייט; דעם גלח מיטן קרייץ אויף דער ברוסט, און זיין גאָט מיט די צעשפּרייטע, אַריינגעטשוועקלטע הענט און פיס אויף אַ קרייץ-סלופּ... און דעם רייכן וואַלד-סוחר: ר׳ חיים-זלמן קאָבילאַזש, העכער פון מיטלוויקס, אַ רירעוודיעקר, ענערגישער בלאָנדער ייד מיט כאַבער-בלויע אויגן; אַ לאַנגע, פיין אָפּגעהיטע באָרד און פּאות, וואָס האָבן ממש געפלאַמט פון רויטקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ הויכן שטערן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קלוגן און געלערנטן מענטש. ר׳ חיים-זלמן איז צו די מעלות-טובות, אויך געווען זייער אַ פרומער און ערלעכער מענטש דערצו.

צו די איין און אַכציק וויאָרסט וואַלד וואָס ער האָט געקויפט צום אויסהאַקן, האָט ער אויך צוגעקראָגן פון פּאָטאָצקין אַ מתּנה: „פרייע" אַרבעט-הענט פון די פאַרשקלאַפטע פּויערים, צו האַקן און זעגן די ביי־מער, ווי אויך אויסצוקאָרטשעווען די פּיענקעס און זייערע אונטערערדי־שע וואָרצלען. דער פאַרקויף פון דעם שטיק וואַלד איז געווען אויסגע־רעכנט, בכדי צו פאַרוואַנדלען דאָס שטיק אויסגעהאַקטע טייגע, אין מענטשלעכע ישובים, מיט צעאַקערטע פעלדער פאַרזייעטע פליינען, בליענדיקע גערטנער, פיינע בייטן, פולע מיט בלומענפלאַנצן, פולע מיט קנאָספּן מיט אַראָמאַטישע בליטן, און איבערהויפּט, פּראַכטפולע פּרוכטן־סעדער, וווּ עס זאָל וואַקסן פון כל-טוב.

יענער קאָנגלאָמעראַט פון דעם קדמונים-וואַלד, קאָמפּאַקט מיט די העטעראָגענישסטע עקזאָטישע פלאָראַ מכל המינים, וואָס זייער אור־שפּרונג און בראשית אין דער באָטאַניק האָט קיינער נישט געוווּסט, איז באַשטאַנען פון ריזיקע סאָסנע-ביימער, גוואַלדיק דיקע, וואָס זייערע גרינע נאָדל-שעוועלורעס האָבן זיך געהוידעט אַראָגאַנטיש אין די צאַרטע בלויקייטן פון הימל-ספּערע; פּעט-לייביקע, אַריסטאָקראַטישע צעדער־ביימער, צעוואַקסענע טאַנענבוי-גראָבע דעמבעס, שלאַנקע אַראַיאַנען, און מילאַסן קלאַסן אַנדערע ביימער, קוסטן און קשאַקעס.

די קאָמפּאַקטע טייגע איז געווען רייך איןביימער וואָס זענען געווען גוט פאַר מעבל, שיפן און הייזער-געבוי, בריקן און אויך געהילצן פאַר באַהייצונג. צווישן די זקנים-ביימער זענען אויך געוואָקסן אַ סך ווילדע פּרוכטביימער, אַלערליי מינים רייכפאַרביקע בלומענפלאַנצן, מיט שללן צעעפנטע, אַראָמאַטישע בלומענקוויטן און קנאָספּן, גוט פאַר מעדיצין, צו היילן, צו ראַטעווען פון חולאתן, פון טויט. פלאַנצן, גראָזן און פרוכטן צו עסן, צום לעבן. פלאַנצן, בלומען און וואָרצלען פאַר פּערפומען. פלאַנצן גוואַלדיק סמיקע צו טויטן, צו פאַרקריפּלען און צו פאַרשלעפערן; בלומענ-פלאַנצן, ביימער, וואָרצלען אַראָמאַטישע, און קרייטעכצער גן-עדן-דופטיקע און פלאַנצן, בלומען און פרוכטן אַווירדיקע; שוואָמען צום עסן און אַנדערע טויטנדיקע.

דאָרט, אין יענער אומהיימלעכער געדיכטעניש פונעם בראשית-וואַלד, האָבן געגעסטעט מחנות בייזע וועלף, ריזיקע בערן, גרויסע, טאַקע ווי בערן. ווילדע, גוואַלדיק אַנגרייפערישע חזירים, ווילדע קעץ, גרויסע ווי די לעמפּערטן; פוקסן, טכוירן און אַנדערע פּירפּיסיקע מחבלים; עס זענען אָבער אויך געווען גאַנצע טשאַטעס פרידלעכע חיות און כל המינים פייגל. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין ווערג-שלאַנגען און גיפטיקע נחשים-שׂרפים, זענען אויך געווען גענוג — נישט צו פאַרזינדיקן.

געשען איז די מעשׂה וואָס איך דערצייל אייך דאָ, אין די יאָרן צווישן 1790 און 1801, אין די צייטן פון פּאַוועל דעם ערשטן, צאַר פון רוסלאַנד.

דער מיליאָנערסקער וואַלד-סוחר ר׳ זלמן קאָבילאַזש, וועלכער האָט מיט אמתדיקער ווערדע געטראָגן דעם טיטל „דזשעזשיץ״, איז געווען, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, זייער אַן אָפּגעהיטענער און פרומער ייד. צוליב זיין מלכותדיקן הדרת-פּנים, שיין מליצהדיק רעדן עטלעכע שפּראַכן און מיט וועלטלעכער בילדונג, האָט ער געפירט געשעפטן מיט דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַפילו אויך מיטן צאַרישן, אַנטיסע-מיטישן רוסלאַנד. ער האָט פונאַנדערגעשיקט די בעסערע, סעלעקציאָניר-טע געהילצן פאַר מעבל און פאַר אַנדערע אינדוסטריען, כמעט איבער גאַנץ אייראָפּע. די נישט-טויגלעכע ביימער פאַר מעבל אָדער בוי, האָט ער געלאָזט ברענען אויף קוילן; ער האָט אויך פאַבריצירט אַלערליי פאַרבן, זשיוויצע און פעך; פון די טענענבוימער, סאָסנעס און צעדערן, האָט ער פאַבריצירט טערפּעטין, קאַלאַפּאַניע און מעדיצין קעגן פאַרקי-לונג און רעומאַטיזם. מיט די גאָר אומטויגלעכע געהילצן האָט ער גע-ברענט ציגל, קאַלך און צעמענט; פון די בעריאָזע-זאַפטן האָט ער גע-מאַכט אָקאָוויט; פאַבריצירט ווייַנען אַלערליי און וויין-עסיק; פון די פּע-

לערהאַפּטיקע דעמבעס און גראַבעס האָט ער געמאַכט אַן עקסטראַקט צו גאַרבן לעדער, און פון די ווילדע, שמעקעוודיקע בלומען, האָט ער אויס־געאַרבעט פּערפומען. די צווייגן, צעקרומטעביימער, פיענקעס און גרע־בערע וואָרצלען, האָט ער פונאַנדערגעשיקט פאַר די בעקערייען, שמעלץ־אויוונס, ווי אויך צו באַהייצן די הייזער אין די ווינטערדיקע, גרווילנדיקע פרעסט. אַן אַרטיקל, וואָס איז זיך צעגאַנגען ווי מצה־וואַסער איבער אַלע שטעט און דערפער פון גאַנץ פוילן.

די פויערים האָבן געשאַצט און געאַכט דעם „וויעלמאָזשני" (אַל־מעכטיקער) פאַן דזשעדזשיץ איבער זיין איינשטעלן זיך פאַר זיי ביי אַ סך געלעגנהייטן, אין אַן עת־צרה.

נאָך מער פון אַלעמען האָבן די פויערים אין האָלץ־העקער, ווי אויך אַלע אַנדערע פוילישע וואַלד־אַרבעטער, ליב געהאַט דעם איידעלן און כוואַצקן פאַרוואַלטער פונעם שטיק וואַלד, ר' אַלטער אַלעקסאַנדער זיס־קינד פאַר זיין פאָטערלעכקייט, נאָבלקייט און באַרימהערציקייט צו זייערע ליידן, נויטן און באַדערפענישן. דערפאַר פלעגן זיי אים אויך רופן: „וויעלמאָזשני" און „יאַשני" פאַן אַלעקסאַנדער. די דאָזיקע נאָבל־טיטלען האָבן די פויערישע האַראַפּאַשניקעס אים מיט ליבשאַפט גע־שאָנקען, ווייל דאָס גאַנצע אומטויגלעכע געהילץ פאַר מעבל, צי פאַר אַנדערע אינדוסטריעלע צוועקן, האָט ער זיי דערלויבט צו נעמען פאַר זיך אויף צו באַהייצן זייערע „כאַלופּעס" (שטיבלעך). טאָמער האָט אַ פויערל זיך צוגענומען אַביסל בעסער האָלץ בכדי צו מאַכן זיך אַ בעט, אַ באַנק, אַ טיש, האָט ער אויך גאָרנישט געזאָגט. און אַז אַ פויערל האָט זיך אַפילו גענומען אַ ביסל בראַקירטע ברעטער אָדער קלעצער בכדי צו מאַכן זיך אַ כאַטע, האָט ער אויך אַוועקגעקוקט. ער פלעגט נאָר אַריינ־רופן דעם גנב, און אים מסרם זיין, אים שטראָפן מיט רייד, אַז מען טאָר נישט לקחנען; אַז אויב ער וועט נאָך אַ מאָל עפּעס דאַרפן, זאָל ער קומען אים בעטן, וועט ער אים געבן, נאָר גנבענען זאָל ער מער נישט וואַגן. טאָמער נישט, וועט ער אים איבערגעבן צום גראַף, וואָס וועט אים איינ־זעצן אין געפענקעניש, ווו ער וועט קריגן געשמיסן אויפן נאַקעטן הינטן...

ר' אַלטער אַלעקסאַנדער האָט געוווּסט, אַז זיין באַלעבאָס וועט צוליב דער גנבה חלילה נישט אָרעמער ווערן. ר' חיים־זלמן וועט אים דערפאַר גאָרנישט זאָגן, ווען אַפילו ווער פון די נישט־פאַרגינערישע חניפה־לייט זאָלן אים פאַרמסרן. דערצו נאָך, פלעגט ר' אַלטער אַלעק־סאַנדער איטלעכער פויערים־פאַמיליע שענקען אַ ליטער אָקאָוויט און

אַ האַלב טוץ צוויי-גראָשענע הערינג אויף יעדן זונטיק און אויף יעדער חגא, אַ זאַך, וואָס ר׳ חיים-זלמן קאַבילאַזש גופא האָט אים באַפולמעכטיקט צו טון אין זיין אייגענעם נאָמען.

— 2 —

דער חנוכה-יום-טוב אין יענעם ווינטער איז אויסגעפאַלן אין אַ מוראדיק קאַלטן סוף-כסלו. אין וואַלד, צווישן די ביימער-געדיכטענישן, האָט דער פראָסט אין יענעם ראַיאָן דערגרייכט ביז צען גראַד. נאָר אויפן פרייען פעלד און אַרום די געפרוירענע טייכן, האָט דער קנאַקנדיקער פראָסט דערגרייכט ביז איבער 25 גראַד אונטער נול. אויסגעהונגערטע וועלף פלעגן סטאַדעווייז אַרוים פון זייערע באַהעלטענישן וואָס אין די קאָמפּאַקטערע פלאָרע-געדיכטענישן פון די באַוואַלדיקטע בערג, אויף יאָגד נאָך די פערד, קי, ציגן און שעפּסן. נישט זעלטן פלעגן די וועלף זיך פאַסמאַקעווען מיטן פלייש פון אַ מענטש אויך.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד, באַנעמענדיק די סכנה וואָס עס האָט געלויערט אויף די אָפּגעזונדערטע מענטשן פון זיין שטאָב אָנגעשטעלטע און אַרבעטער מצד די וועלף און אַנדערע חיות רעות, האָט געלאָזט אויפבויען פאַר זיך, ווי פאַר זיינע אָנגעשטעלטע און מיטאַרבעטער, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַ סך יידן, הייזער פון גראָבע דעמבענע קלעצער, מיט דאָפּלטע פענצטער און טירן, פאַרזען מיט אייזערנע קראַטן. אַחוץ דעם נאָך, זענען די פונדאַמענטן-באַלקנס געלעגן אויף דיקע גראַבאַווע זיילן. ווייזט אויס אַז ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט געוווּסט, אַז גראַבאַווע האָלץ איז נאָך אַ סך האַרטער פון דעמבענע, וואָס ווערט נישט פאַרפוילט. די זיילן, אויף וועלכע עס זענען געלעגן די פונדאַמענטן-באַלקנס, זענען געשטאַנען העכער צוויי מעטער איבער דער ערד-אויבערפלאַך. דאָס לעצטע מיטל איז געווען, אַ פאַרויסזעענדיקע פאַרהיטונג קעגן מעגלעכע פאַרטרונקענישן פון דער ווייסל און פונעם שטורמישן טייך נאַרעוו, בעת דעם אייז-נאָכלאָז סוף אָדר.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדערס הויז און ביוראָ, ווי אויך די שטיבלעך פון זיינע מיטאַרבעטער — יידן און קריסטן — איז געשטאַנען באַזונדער, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּלויט פון בערייאָזענע דרענגער, באַוואָפנט מיט שאַרפע און לאַנגע, שטאָלענע שפּיזלעך. קיין געווער האָט דעם ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער אויך נישט געפעלט. אין זיין קאַנטאָר זענען געשטאַנען עטלעכע צוויי-רערנדיקע יאַגד-ביקסן, שווערדן און רעוואָלווערן,

אַלץ שאַרף און געלאַדענע. געשאַרפטע העק מיט לאַנגע הענטלעך, גוט פּאַר האַלץ־האַקן, אָנצוגרייפן, ווי צו פּאַרטיידיקן זיך קעגן וועלכן עס איז שׂונא. וואָס וועט זיך דערוועגן צו קומען: אַזוי מענטשן־רוצחים, ווי ווילדע איראַציאָנאַלע חיות־רעות.

גאַנץ חשוון האָט גערעגנט. די וועלט האָט געפולט. קינד־און־קייט זענען געווען פּאַרקילט, פּאַרקאַטערט. עס האָבן זיך געמאַכט גרויסע בלאָטעס. עס איז אומגעגאַנגען אַן עפּידעמיע־געשפּענס צווישן די קינדער. אַ סך זענען געשטאָרבן פון דיפטעריט, שקאַרלאַטין, מאַזלען און פּאָקן. די אַרבעט אין וואַלד איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אויך פעלד־אַרבעט. די אַלערליי ווילד־גראָזן האָבן דערפאַר זיך אַ צעוואַקס געטון ווי אין אַ וואַרעמען פרילינג. די בהמות האָבן דערפאַר געהאַט צו עסן צו דער זעט. עלטערע גויים האָבן „געוואָרזשעט" (פּאָרויסגעזאָגט), אַז יענץ יאָר וועט שוין קיין ווינטער נישט זיין. די אַלטע פּויערים און פּויערטעס האָבן געהאַט אַ סך סימנים דערויף: די חזירים האָבן געהאַלטן אין איין „צאַכען" זיך, רייבן אין די ווענט; די הינט האָבן זיך נישט דערקלערט אין ליבע צו זייערע אייגענע, אָדער פרעמדע צויגן; די הינער האָבן נישט אויפגעהערט צו לייגן אייער; איינציקע הינער האָבן געלייגט צוויי אייער יעדן טאָג; די הענער האָבן געקרייעט בייטאָג נאָך מער ווי ביינאַכט; אַלטע הינער און יונגינקע הינדעלעך האָבן געקרייעט פּונקט ווי די הענער; ביי ר' אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד אין פּולוואַרק האָבן צוויי חתונה־געהאַטע פּאַליאַטשקעס און דריי מינדעריעריקע שיקסעס, ביז גאָר „אָרנטלעכע און אומשולדיקע, נעבעך", געהאַט ממזרים־צווילינגען, בלויז מיידלעך... אַן אומפּאַרשעמטער אַלטער צאַפּ האָט געהאַט די אוממאָראַלישע העזה צו האָבן „באַציונגען" מיט אַ צוויי־יעריק שעפעלע, עס „פּאַרגוואַלדיקט" און עס האָט דערנאָך פּאַרשוואַנגערט „אומגעזעצלעך". עס איז געבוירן געוואָרן אַ ממזר, חצי שעפּס און חצי ציג... דערפאַר האָט פון כסליו אָן גענומען ווערן קעלטער און קעלטער, ווי אויף אַ צו להכעיס די שוואַרצע בייז־זעערס. עס האָבן זיך גענומען שיטן האַרטע שנייעלעך ווי די ווייסינקע ווייצענע גרייפּעלעך. בינו־לבינו האָט דער ווינטער פּריציטיק זיך גענומען פרעסטלען, וואָס אַ טאָג אַלץ מיט אַ מער חוצפּה־דיקער בייזקייט. שנייען, אמתדיקע פלאַכטע־שנייען, האָבן פּאַרוויסט מיט אַ בלענדנדיקער ווייסער דעק די גאַנצע שוואַרצע פּוילישע מדינה. די פּוילענצער האָבן בלית־ברירה נעבעך געמוזט ווידער נעמען די האַק און זעג אין די הענט אַריין און האַקן די פּאַטאַצקי־וועלדער, אַזעלכע

גראָבע ביימער פאַרן ייד. טאַקע אַ גוטער ייד, אָבער דאָך אַ „זשיד ניע־דאָוויאַרעק" (אַ נישט גלויביקער ייד)...

ויהי היום, עס איז געווען דעם דריטן טאָג חנוכה. דאַכט זיך דעם ערשטן אָדער צווייטן טאָג פון „גרודזשיען" (דעצעמבער), שוין אַ שטיק נאָך מיטיק. די ווינטערדיקע זון האָט געשיינט טשוויק־רויט ווי אַ קאַלט פייער. דער הימל איז געווען לויטער־בלוי ווי אַ פרישע כאַבער־בלום. עס האָט אויסגעזען צו קומען אַ לויטערער בין־השמשות און אַ נאָך לויטערער נאַכט.

ר' אַלטער אַלעקסאַנדער אַליין, איז אַריין ביז טיף אין אורוואַלד, נאָר באַגלייט מיט זיינע זעקס יאַגד־הינט, בכדי אויסצופאָרשן וועלכע ביימער עס זאָלן אָפּגעזעגט ווערן אויף צו מאַכן מעבל פאַר דער פּלאַ־מיקער פאַננאַ (פרײַלין) יעדינאַ שוויאַטלאַוונאַ ביאַלאַ.

דאָס איז געווען די נייע „קאַכאַנקע" (געליבטע) פונעם גראַף פּאַ־טאָצקי. זי איז געווען אַ זעלטן שיין מיידל פון אַ פאַראָרעמטער אַדעלי־קער פאַמיליע, אַ גאָלד־בלאָנדינקעלע, מיט אַ פּאָר גרויסע אַגאַט־אויגאַ־נעס, און ווי עבאַן־שווארצע, זיידענע ברעמען, מיט לאַנגע, געדיכטע וויעס און שיר־השירים ברוסטן, וואָס אונטעריאָכן און עקזאַלטירן מיט זייער כשוף.

ר' אַלטער אַלעקסאַנדער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו סעלעקציאָ־נירן, וועלכע צעדער־ביימער און נים־ביימער, קאַאַבאַ און לאַרבער־ביימער אָפּצושניידן, אויף צו פאַבריצירן מעבל פאַר דער צאַרטער און מלאכעמדיקער יעדינאַ שוויאַטלאַוונאַ ביאַלאַ, און וועלכע ביימער זאָלן דערוויל בלייבן לעבן. מיט איין וואָרט: מי לחיים, ומי למוות...

דער פראָסט האָט געשרפעט — אַ שרעק. די קרירה האָט געקנאַקט און געבריאַזגעט ווי ביקסן־שאָסן. מיט אַמאָל האָט גענומען בלאָזן אַ שאַרף־פּאָלאַרער ווינט. עס האָט זיך גענומען שיטן אַ זאַמדיקער שניי, וואָס האָט געשטאָכן ווי נאָדלען וווּ אַ קרישקעלע האָט נאָר אָנגערירט. נאָך דריי שעה אַרומקריכן און נישטערן צו געפינען די פערפעקסטע ביימער אָן שום מום, פאַר דעם באַשטעלטן מעבל, איז דער געניטער און אויסגעפּרוּווטער וואַלד־מענטש, דאָך פאַרקראָכן צו ווייט. ער האָט פאַר־בלאָנדזשעט און פאַרלוירן דעם וועג אויף צוריק. דער הויך־אָנגעפאַלענער שניי האָט פאַרדעקט דעם שלאַד אַהיים צו גיין. פון דעסטוועגן וואָלט ער דאָך יאָ געקאָנט אַהיים גיין, געפירט פון זיינע הינט. עס איז אָבער שטאַרק פינצטער געוואָרן, ביי יעדן טראָט איז ער געפאַלן, וויל ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָט אין אַ קלאָץ, אין אַ צווייג, צי אין אָן אַרויס־

געשטאַרצטן וואָרצל. אין אייניקע ערטער האָט דער קאַפּריזנער ווינט אָנגעווייעט גאַנצע בערג שניי און ס'איז געווען אַ סכנה איינגעזונקען צו ווערן.

נו, נישט גוט! כ'וועל, דאַכט זיך, מוזן איבערנעכטיקן דאָ אין דער חשכותדיקער אייגזאַמקייט פון וואַלד — האָט ר' אַלטער אַלעקסאַנדער אַ טראַכט געטון מיט גרויל. און די וועלף? — איז אים בליציק אַדורכ־געפלויגן אַ פּחדימדיקער געדאַנק און זיך אַריינגעריסן אין זיין רעבע־לירנדיקער נשמה. אים האָט זיך געדאַכט הערן אַ וועלפיש געוויי פון אַ ספּיקותדיקער דיסטאַנץ. און די ברוינע בערן? און די ווילדע חזירים? און אַנדערע בייזע שלעק וואָס רק זיי לויערן צו פאַרצוקן? — איז אים ווידער אַדורכגעגאַנגען אַ הייסער שטראָם איבער זיין מחשבה. ר' אַלטער אַלעק־סאַנדער האָט זיך געמאַכט האַרץ און מיט קוראַזש אַ טראַכט געטון: אַ, וועגן דעם, וועגן די חיות־רעות, האָט ר' אַלטער אַלעקסאַנדער גאָר קיין שום מורא נישט געהאַט. זיינע זעקס הינט וועלן באַשטיין פאַר זעכציק וועלף. באַזונדערס, זאָגן די פּויערים, אַז ווען מען שרייט: אוהאַ, אוהאַ! אַנטלויפן די וועלף די פּיס צו צעברעכן... צו דעם נאָך, וועלן זיינע זעקס הינט, ממש לייבן, אים ירצה השם, אים שוין באַשיצן. זיי זאָגן אויך די פּויערים, אַז וועלף האָבן גוואַלדיק מורא פאַר אַן אָנגעצונדן ליכטל. אַ, יאָ, ר' אַלטער אַלעקסאַנדער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער זנאַכער, פאַן יאַצעק מאַקוווקאַ, האָט אים דערציילט, אַז ער איז אַריינגעקראָכן ביז איבער זעכציק וויאָרסט טיף אין די געדיכטענישן פון דער טייגע, אין אַ געיעג נאָך זילבער־פוקסן און שניי־ווייסע מאַרדערן. און ער האָט נישט באַגעגנט קיין שום בייז באַשעפעניש. — האָט ר' אַלטער אַלעקסאַנדער זיך געטרייסט אין זיין גלויביקער מחשבה, און זיך געשטאַרקט מיטן יידישן בטחון, מיטן השם יתברך און אולי ירחם!..

ר' אַלטער אַלעקסאַנדער איז געווען אַ ייד אַן אַטלעט. ער פלעגט אויפהויבן משאות וואָס האָבן געוואויגן פיר מאָל אַזוי פיל ווי זיין איי־גענע וואָג. ער פלעגט בייגן אייזערנע שטאַבעס. זיינע פינגער זענען געווען ווי שטאָלענע צוואַנגען. דערצו נאָך איז ער געווען זייער אַ פאָר־זיכטיקער און פּראַקטישער. ווי אויך אַ פאַרזאָרגער אויף שפּעטער, על כל צרה שלא תבוא. ער איז תמיד געווען אַזאַ מין געוואָגטער, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט פאַר דער גרעסטער געפאַר אַפילו. דאָך איז אים איצטער דאָרט אין וואַלד־איינזאַמקייט, געווען גוואַלדיק אומהיימלעך.

צו גיין אין וואַלד אַריין, האָט ר' אַלטער אַלעקסאַנדער זיך אָנגעטון,

אַחוץ די געדיכט געוועבטע וואָלענע אונטערוועש, הויזן, וועסט און רעקל, פון שעפּסענע פעלן, מיט דער לאַנגער וואָל אינעווייניק, צום לייב. די העגטשקעס דאָס גלייכן. עכטע רוסישע ווילאָקעס אויף די פיס. וואָס האָבן אים דערגרייכט ביז איבער די קניען; אַ קאַראַקולן היטל אויפן קאָפּ, וואָס האָט אים פאַרדעקט דעם נאַקן ביז איבער די אויערן; דערצו נאָך אַ באַשליק, וואָס האָט אים נאָכאַמאָל פאַרדעקט דעם קאָפּ און דעם גאַנצן האַלדז אַרום. ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט אויך נישט פאַרגעסן מיטצונעמען אַ לאַמטערנדל פול מיט קעראָסין; אַ לאַבן ברויט פון עטלעכע קילאָגראַם, אַ פלעשעלע מאַן-בוימל אָנצושמירן זיך אויפן ברויט, טאָמער וועט אים הונגערן, ווי אויך צידה לדרך פאַר די כלבים. ווי עס מאַכט זיך, זיין גרייט אויף אַלץ. דעם גאַנצן באַגאַזש האָט ער אַרויפגע-לייגט אויף די הינט.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט געדאַוונט מינחה צווישן פיר זקנים צעדער-ביימער, מיט געדיכט-באַוואַקסענע און ברייט-צעשפּרייטע צווייגן, אַריינגעפלאָכטענע צווישנאַנאַנדער, פאַרמירנדיק אַזוי אַרום אַ מין גע-פלעכט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ ספּעציעל-געמאַכטע גלאָריעטע, אָדער וועראַנדע, אַ געשאַפענע נישט פון דער יצירה אַליין, נאָר ווי פון אַ גערטנער-באָטאַניקער. דער חלל פון דער גלאָריעטע איז געווען אַזוי פיין איבערגעדעקט מיט די קאָמפּאַקטע נאָדל-בלעטער באַדעקטע צווייגן, אַז דער אַכזריותדיקער פראָסט האָט זיך דאָרט כמעט נישט געפילט. דער הויכער מאָך, די אַראָפּגעפאַלענע צעדער-נאָלען און בלעטער פון אַנדערע קלאַסן ביימער, און פאַרטרוקנטע גראָזן, האָבן פאַרמירט אַ מאַטראַץ אַזאַ פון איבער אַ האַלבן מעטער הויך.

כ׳לעבן, גוט פאַר אַ געלעגער — האָט ער אַ טראַכט געטון — עס פעלט נאָר אַ בתולה, אַן אויסגעבעטע, אַ רונדע, אַ קיילעכדיקע, מיט סאַ-מעטענע גלידער און קאַרשן-רויטע ליפּן. דאָ האָט אים אַ לילית יצר-הרע אַ קיצל געטון אונטער די קניען, אַז אַ קוואַל פון זודיקע בלוטן האָט אים אַדורכגעשטראָמט אַלע זיינע רמח אברים. ער האָט דריי מאָל אויס-געשפּיגן און זיך אַליין מקיים-פּסק געווען. ער האָט זיך אַליין אָפּגעזידלט: עה טפו, טפו, אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד!.. אַ טריפענע מחשבה זרה! פע, פע, עס פּאַסט נישט פאַר דיר, אַ ייד אַ בן-תורה, פון אַזאַ מין יחוס-דיקן שורש! רבנים, דיינים, סופרים! ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט ווי-דער דריי מאָל אויסגעשפּיגן: אַלע מיינע בייזע חלומות צו די יידישע שונאימס קעפּ! אוי ווי איז צו מיר! אַ בראָך איז צו מיר! אַ נקבה גאָר דאָ, אין דער איינזאַמער ווילדעניש, אין מיטן דער גרויזאַמער וואַלד-

גערײכטעניש... אין סאַמע מיט פון דער סודותפולער וועראַנדע, פון דער נאַטור אַליין געשאַפענער, איז קײַזערלעך געשטאַנען אַן אַלטע, מילך-ווײַסע בעריאָזע מיט אירע אַראָפּהענגענדיקע, בלעטערלאָזע צווײַגן, פון דער קעלט אַראָפּגעפּאַלענע, מיט אַ בליק אַזוי ווי אַ ווײנענדיקע הושענא-ווערבע... דער שפּיץ פון דער מאַיעסטעטישער בעריאָזע האָט אַריבער-געשטאַרצט הויך איבער די העכסטע הייכן פונעם אָראַנזשאַנטישן צעדער-בוים, פון דעם פּירלינג וואָס האָבן אַזוי פּאָעטיש געשטאַלטיקט די אימ-פּראָוויזירטע גלאָריעטקע.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט אָנגעצונדן דעם לאַמטערן און ווידער געוואָלט אַ היים גיין, געפּירט פון זײַנע הינט. אַ פּלוצימדיקער טראָמבאַ-ווינט האָט אָבער אויסגעלאָשן דאָס שוואַכע פלעמעלע, ווי נאָר ער איז אַרויס פון דער וועראַנדע. דערפאַר איז אים נאָך פינצטערער געוואָרן. דריי מאָל איז ער געפאַלן. איינמאָל איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַ גרוב פול מיט שניי. די הינט האָבן אים פון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט. דערפאַר האָט ער זיך צוריקגעקערט אין דער גלאָריעטקע.

— עס איז דאָך חנוכה, אוי ווי צו מיר נישט! די דריטע נאַכט חנוכה. שיר נישט פאַרגעסן!

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט מיט זײַן שאַרף-שפּיציקן שטילעט אויסגעדליבעט דריי טיפע לעכלעך אין שטאַם פון דער בעריאָזע און דאָרט אַרײַנגעגאָסן בוימל פונעם פלעשעלע, וואָס ער האָט געהאַט אויף אָנצושמירן זיך אויפן ברויט. פון אַ בייוולענעם שפּאַגאַט האָט ער גע-מאַכט קנייטלעך און אַרײַנגעטון אין די לעכלעך פולע מיט בוימל. ער האָט אָנגעצונדן און מיט כוונה געמאַכט פרום אַ ברכה. דורכגעדרונגען מיט אַ הייליקער כוונה, מיטן שניי וואָס איז געווען אָנגעווייעט אויסער דער וועראַנדע, האָט ער זיך געוואַשן די הענט און געמאַכט אַ „המוציא״. ער האָט געגעסן וועטשערע. די הינט האָט ער געגעבן גרויסע פּענעצער ברויט און לסוף זיי מכבד געווען צו פאַרבייסן ווייך-געקאָכטע ביינער אַרומגעקלעפּטע מיט פלייש, זיי זאָלן האָבן צו גריזשען אַ לענגערע צייט.

נאָכן עסן און בענטשן, איז ער געבליבן זיצן אַ לענגערע ווייל, אָנ-געשפּאַרט ביים בעריאָזע-שטאַם און געזאָגט תהילים פון אויסנווייניק מיט אַ ווײנענדיקן ניגון, און בשעת-מעשה געטראַכט וועגן זײַן שיינער און צנועותדיקער פרוי שרה-לאה און זײַנע קינדער, וועלכע ער האָט גע-לאָזט אַליין אין שטוב, אויף גאָטס באַראָט. אַן אָנגעמאַטערטער, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. עס האָט זיך אים געחלומט דער פּוילישער וועשנס

טאָכטער, אַ מיידל פון אַכצן יאָר, נאַטאַלקאַ, האָט זי געהייסן, זייער אַ שיינע. געשען איז עס בשעת זי האָט זיך געבאָדן אין אַ באַליע וואַסער ביי איר מאַמען אין שטוב, ווען ער איז פּלוצים אַריינגעפאַלן צו זיי וועגן די הינער וואָס דער נאַטאַלקאַס מאַמע האָט ביי אים צוגעגנבעט.

נישט ווילנדיק האָט ער געזען די נאַטאַלקאַ אין איר גאַנצער מיידל־שער פּרעכטיקער געשטאַלט. ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער געדענקט אויך, יעדן קנייטש און בערגעלע פון אירע געטאָקטע גלידער, ווי פון אַ סקולפּ־טאָר־קינסטלער געשניצט. ער געדענקט אויך, ווי די נאַטאַלקאַ, אַ צע־מישטע, אַן איבערגעשראָקענע און פאַרשעמטע, איז עקסטרע געבליבן שטיין, ווי דאָס געשטאַלט פון אַ לעבעדיקע מירמלשטיין־סטאַטוע, בכדי ער, דער פרומער און ערלעכער ייד, זאָל זען און באַטראַכטן איר פּרעכ־טיק לייב, וואָס האָט נאָך געדופט מיט צאַרטער אומשולד. ער געדענקט, ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער, אָבער אויך, ווי ער איז אַ דערשטוינטער און פּריטשמעליעטער געבליבן שטיין ווי אַ פּאַראַליזירטער, אָדער פאַרשטיי־נערטער פון דעם פּלוצימדיקן און אומגעריכטן מיראַזש. אין פּלוג האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס איז אַזאַ מין שדיתטע ווי לילית, וואָס דער בייזער שטן, ווי ביי איובן, האָט אים נאָדייעט, אים געשטעלט פאַר אַ נסיון, בכדי אים אַראָפּצופירן פון דרך הישר... ער דערמאָנט זיך אַפילו, אַז ווען נישט די הינער־גנבטע, נאַטאַלקאַס מאַמע, וואָס האָט אים געגעבן אויסצוטרינקען אַ שפּאָרע כום ריינעם אָקאָוויט מיט אַ גאָרשטש גע־מאָלענעם שוואַרצן פעפער, וואָלט ער אפשר דאָרט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע, אַזוי פאַרשעמט איז ער געווען פאַר זיך אַליין און פאַר דער מאַמען און פאַר איר נאַקעטער טאָכטער אַוודאי און אַוודאי. אַזוי אַריינפאַלן, איז ממש אומגלויבלעך.

אַ צעשרויפטער פון דעם בייסנדיקן קאָשמאַר, האָט ר׳׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיך אויפגעכאַפּט. טפו! האָט ער צוויי מאָל אויסגעשפּיגן. אַ שיקסע גאָר מיט אַ צלם אויפן האַלדז! אוי וויי איז צו מיר! אַ בראָך איז צו מיר! אַ חתונה־געהאַטער ייד מיט אַן אשה־צנועה און אַ טאַטע פון זעקס קינדער, קיין עין־הרע זאָל זיי קיינמאָל חלילה שאַטן, זאָל זינ־דיקן מיט אַזאַ מין שוידערלעכער מחשבה זרה? אוי, אוי וויי איז צו מיר! אַזאַ מין בייזער חלום מיט אַ שיקסע, טאַקע זייער אַ שיינע, דאַכט זיך, אָבער דאָך אַ שיקסע. אוי, אוי, אוי וויי! וואָלט זיך מיר כאָטש געחלומט אַ יידיש מיידל, אַזאַ ווי וואָלף בערס טאָכטער, די שולמיתל, אויך אַכצן יאָר אַלט, מיט די שוואַרצע שיר־השירים־אויגן און שדים כשני עפרים...

אוי, אוי! זאָל מיך כאַטש גאָט נישט באַשטראָפן פאַר די זינדיקע מחשבות וואָס זענען אין מיר אַרײַן דורך אַ הינטער־טיר...

— אַ לילית, יאָ, אַ לילית, רחמנא ליצלן!..

זײַ־זשע מיר מוחל, ריבונו של עולם, טאַטע פאָטער אין הימל, פאַר מײַן אומגעריכטן, נישט ווילנדיקן זען, וואָס אַן ערלעכער און פרומער ייִד טאָר נישט זען און קוקן, אַוודאי נישט, הגם זי איז פּונקט אַזוי ווי שולמיתל, וועלכע ער האָט דורך אַ צופאַל אויך אַזוי געזען.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט באַמערקט ווי די הינט האָבן פּלוצים אויפגעהערט צו רויען די ביינער. זיי האָבן אויפגעשטעלט זייערע אויערן ווי שטייפע טרובעס און ווי שפּיזן, שטײַף אויסגעצויגענע ווײַדלען, ווי זיי וואָלטן זיך געריכט אָדער געגרייט איבערגעפאַלן צו ווערן פון עפּעס אַ געפערלעכן שונא.

בינו־לבינו האָט דער שניי ווי טרוקענער מדבר־זאַמד, אויפגעהערט זיך צו שיטן פון הימל. דער ווינט האָט געפייפט און געיאָמערט ווי אַ משוגענער הינט־געוווי. דער ווידער־קול האָט נאָכגעפייפט, נאָכגעיאָמערט מיט מילאָסן נאָכקרימענישן, פון די סודותפולע סעלוואַטיקע נאָכקלאַנגען.

אַרום איז געווען אַן אפילה־פינצטערניש. דער הימל — געדיכט און שוואַרץ ווי סמאָלע. נאָר פּלוצים האָט דער בייזער שדים־ווינט אויפגע־הערט צו פייפן, יאָמערן און וויען מיט זײַן אויסגעצויגענעם געברום. עס איז געוואָרן שאַ, שטיל. אַן אימהדיקע שטילקייט ווי אויף אַ שלאַכט־פעלד פאַר אַן אַנגריף, צי גאָר ווי אויף אַ פאַרלאָזטן בית־עולם.

דערווייל זענען די הינט וואָס אַ רגע אַלץ אומרויִקער געוואָרן. איי־נער פון די זעקס הינט, דער טאַטע פון די פינף, אַ היענע ממש, אַ גע־ניטער שלעגער מיט וועלף און אפילו מיט די גרויסע בערן, וואָס זענען דעמאָלט געווען אַ סך אין יענע מילענאַרע וועלדער, זייער אַ קלוגער הונט געווען, איבער אַ מעטער הויך פון דער ערד ביז דער מיט פון זײַן רוקן־פלאַך. אחיתופל האָט ער געהייסן, צוליב זײַן קלוגשאַפט. דער הונט האָט זיך אויפגעשטעלט אויף זײַנע צוויי הינטערשטע פיס און זיך אָנגע־שפּאַרט מיט זײַנע צוויי פעדערשטע לאַפּעס אין שטאַם פון דער בעריאָזע, ביי וועלכער ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער איז געזעסן און געזאָגט תהלים. דער אחיתופל האָט עפּעס אַזאַ מין עניגמאַטישן, נאָר דאָך פיל־זאָגנדיקן פּישטשע געטון ר׳ אַלטערן גלייך אין אויער אַרײַן, ווי ער וואָלט אים מגלה סוד געווען עפּעס אַ געפערלעכע זאַך. צו דעם נאָך, האָט דער קלוגער הונט זיך גענומען דראַפּען אַרויף צו די צווייגן, און ווידער גע־פּישטשעט מיט צאַרטע תחנונים.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער, וואָס האָט גוט געקענט זיין געטרייען הונט, האָט פאַרשטאַנען זיין מיין. ער איז אַרויפגעקראָכן ביז אויף אַ פינף מעטער הויך און זיך אַנידערגעשטעלט אויף אַ צווילינג גרעבערע צווייגן פון דער בעריאָזע. ר׳ אַלטער האָט איבערגעציילט די ביקסן־קוילן: פערציק שטיק, אַחוץ די וואָס זענען געווען געלאָדן אין דער ביקס. אין פיסטויל — זעקס; זאַפּאַס אין קוילן־בייטל: פערציק שטיק, אַחוץ די צוואַנציק גילזן, געלאָדענע מיט אַ גרעבערן שרויט.

נו, און די רעשט? דאָס? מיט גאָטס הילף: עזב תזב עמו. האָט דאָך גאָט ברוך הוא אַליין באַפוילן אימפּעראַטיוו העלפן דעם מיט־מענטש. נו, אויב אַזוי, אויב דער וואָס אין הימל האָט מיך געהייסן, איך זאָל העלפן יענעם, וועט ער, וועמעס נאָמען איך בין נישט ווערט צו דערמאָנען, מיר זיכער העלפן אויב איך וועל מיך חס וחלילה געפינען אין אַן עת צרה — האָט דער שטאַרק גלויביקער ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיך געטרייסט מיט דער אייביקער יידישער האָפענונג און בטחון.

שטייענדיק אַזוי אויף דעם צווייגן־פּאָרל, איינגעגראָבן זיין אָנגע־שטרענגטן בליק צו דער שוואַרצער חשכות פון דער ביימער־געדיכטע־ניש, צום אָפּקלאַנג פון עפּעס אַן אומהיימלעכער גערעווערײ, האָט ער פּלוצים דערזען צוויי זעלטן־שיינע גרינע פייערלעך מיטן קאָליר און גע־שטאַנק פון ברענענדיקע שוועבל־ליכטלעך, וואָס האָבן שפּיזלדיק אים געשטאָכן אין די אויגן ווי פּולירטע שמאַראַגדן־שטיינער, וואָס האָבן ממש שימערירט, געמיניעט און געבלענדט ווי בענגאַליע־פייערווערק.

זאָל דאָס זיין אַן אוצר, וואָס די השגחה האָט אים צוגעשיקט? יאָ, טאָקע אַן אוצר, יאָ, טאָקע אַן אוצר, דאַכט זיך אים. אפשר האָט אליהו הנביא אים צוגעשיקט אַ כשרע מציאה? וועגן אַזעלכע נסים ונפלאות האָט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער געהערט אַ סך מאָל פון זיין פרומער, גאָט־זעליקער מאַמען, גאָלדע־גיטל, דערציילן, אַז די האָר אויפן קאָפּ פלעגן זיך אים אויפשטעלן ווי דערנער־שפּיזן. אָבער וואָס זענען עפּעס די הינט אַזוי שרעקלעך אומרויק? עפּעס אַזוי גוואַלדיק אויפגערעגט? נאָר באַלד איז פאַר אים די קשיא פון זיך אַליין אויפגעקלערט געוואָרן: ער האָט באַלד דערזען אַנשטאָט צוויי, פיר גרינע ליכטלעך, זעקס, אַכט. אַלע אָפּט ליכטלעך, צו צווייוווייז, שלייכן זיך עפּעס אַזוי טאַינע, פאַרעטעריש־סטראַטעגיש צעשפּרייט ווי אַ פעכער, אָדער ווי אַ האַלבע רייף.

די הינט פון זייער זייט, האָבן זיך נישט באַוועגט. זיי זענען געשטאַ־נען שטייפע, נערוועזע און אומגעדולדיקע. די בראַונע כלבים האָבן גע־וואַרט אויפן באַפעל פון זייער האַר און גוטן פריינד. אין דעם זין זענען

זיי נישט געווען אנדערש ווי די טרייע און קרבן-גרייטע סאלדאטן צו זייער באליבטן גענעראל, אן ארומגערינגלטער פון א געפערלעכן שונאס ארמיי.

ר׳ אלטער אלעקסאנדער האט שוין איצטער פארשטאנען, אז דאס זענען וועלף, הונגעריקע וועטעראנען-וועלף. אויספירער אוודאי קענען די זעקס הינט און אים זעלבסט, איין מענטש בלויז, זייער באלעבאס און באשיצער, וואס איז באוואפנט מיטן יידישן בטחון און גלויבן אין איין איינציקן לעבעדיקן גאט און מיט יידישע מידות טובות. ער האט זיך געפילט געשטארקט און האט אינסטינקטיוו א נערוועזן קוועטש געטון די ביקס וואס ער האט געהאלטן גרייט אין האנט; חוץ דעם אייביק לעבעדיקן גאט, האט ער אויך א געלאדענע ביקס, א געלאדענעם פיסטויל אין רעוואלווער-שיידל. א סך קוילן אין א באזונדערן שיידל, וואס אין ברייטן רימענעם פאסיק און א שארפן שטילעט אין שיידל ביי דער זייט. איז דער מוטיקער ייד געשטאנען גרייט אויפצונעמען די שונאים מיט פלאם-פייער, ווי אברהם אבינום מלאכים, סדום ועמורה...

ר׳ אלטער אלעקסאנדער האט זיך דערמאנט, אז די וועלף אנטלויפן ממש די פיס צו צעברעכן פארן געשריי: אוהא, אוהא! מען ווערט אבער שטארק הייזעריק, ממש שטום, ווען מען דערזעט אומגעריכט א וואלף, זאגן די וואלד-פויערים. אבער נאך ערגער איז, אויב דער וואלף דערזעט פריער דעם מענטש. דערפאר האט ר׳ אלטער אלעקסאנדער געוואלט אויספרוון בכדי זיך צו דערקונדיקן, צי די מעשה איז אן אמת, אדער א גוזמא בלויז. ער האט אבער נישט געקאנט ארויסברענגען א זילבע צומאל, פון גוואלדיקער איבערראשונג. נו, אויב אזוי, איז דאך די מעשה גארנישט קיין אויסטראכטעניש. מען ווערט טאקע הייזעריק. אבער א ווײלע שפעטער, האט ער צוריק באקומען דאס לשון. ער האט אגב גע-ווסט, אז די וועלף זענען גרויסע מפונקים און זייער פארזיכטיקע און קלוגע חיות. זיי האבן ליב צו גיין אויפן זיכער. דערפאר שיקן זיי ארויס מרגלים-אויספירער. ער האט אויך באמערקט ווי די פיר פאר שארף-גלאנציקע, גרינע ליכטלעך זענען זיך צוזאמענגעקומען נענטער, ווי אויף צו בארא‌טן זיך.

ר׳ אלטער אלעקסאנדער איז געווען א זעלטן-פיינער שארף-שיסער. געוועזענער אפיציר אין דער פראנצויזישער ארמיי פון גרויסן נאפאלעאן באנאפארט אין דער מלחמה קעגן עגיפטן אין יאר 1798 - 1799, מיט א סך מעדאלן פאר זיין טרעפן אין ציל, אין סאמע שטערן פון שונאס סאל-דאטן. ער האט אנגעצילט, איינס, צוויי, פיס-פאס. צוויי וועלף זענען גע-

פאַלן מיט אַ שניידנדיקער סקאַוויטשעריי. די אַנדערע צוויי נישט געטראָפענע וועלף האָבן בליץ־שנעל זיך צעשפּרייט.

די הינט האָבן זיך געוואַלגט אַ ריס טון קעגן די געפאַלענע וועלף. ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער, נאָכן צוריק באַקומען דאָס לשון, האָט אַ געשריי געטון צו די הינט, זיי זאָלן בלייבן אויף זייערע פּלעצער אין פּאַרטיידיקונג. דער געלערנטער ייד, גרינטלעכער קענער פון זאָאָלאָגיע, האָט געוווּסט און געקענט דעם זעלטענעם וועלפישן כאַראַקטער און זייער פּאַרעטעדישע סטראַטעגיע. זיי שיקן פריער אַרויס וועטעראַנען־אויסשפּירער, זעלבסטמערדערישע מרגלים, וועלכע שטעלן איין זייער וועלפיש לעבן פאַרן קיום פון זייער וועלפישער ספּעציע. דערנאָך ערשט קומען אונטער די רעשט וועלף פון רעטאַגוואַרד, ווען די אַנגרייפער, צי פאַרטיידיקער־וועלף זענען שוין טויט, אָדער אָפּגעשוואַכט צו אַוואַנסירן, אָדער פאַרטיידיקן זיך.

און כך הוה. מינוטן נאָך די צוויי ערשטע שאָסן, מיט טויטע און פאַרוווּנדעטע, האָט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער געזען נאָך זעקס פאָר שפּיזלדיקע שמאַראַנדן־ליכטלעך, וואָס האָבן געשימערירט און געשטאָכן ווי די היפּנאָטיזירנדיקע, גיפטיקע שלאַנגען־אויגן, וואָס פאַראַליזירן דעם אויסדערוויילטן קרבן. ער האָט אָנגעצילט און ווידער אויסגעשאָסן ראשית צו די ערשטע צוויי פאָר ליכטלעך פון די צוויי מרגלים וואָס זענען געבליבן לעבן. איינער פון די צוויי איז געפאַלן און דער צווייטער וואָס איז נישט געטראָפן געוואָרן, האָט זיך פאַראייניקט מיטן אָנקומענדיקן רעטאַגוואַרד.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט זיך גוט צוגעגרייט, וכל הקודם זוכה. ער האָט געהאַלטן די ביקס אָנגעצילט און געוואַרט אַ ווײַלע, ביז די זיבן פאָר ליכטלעך זענען אַרויס פון דער געדיכטעניש, אָפּגערוקט אַ צוויי מעטער איין פאָר ליכטלעך פון צווייטן פאָר. ער האָט באַחשבונט דעם שטח, אַז די חיות־רעות געפינען זיך אפשר ביי די הונדערט מעטער ווייט פון זיין פעסטונג, באַוואַכט פון זיינע בראַווע און טרייע הינט. ער האָט אויסגענוצט די מאָמענטאַלע וועלפישע קאָנפוזיע און ער האָט אויסגעשאָסן. אָבער שוין נישט מיט קיין איינצלנע קוילן, נאָר מיט אַ גראָבן שרויט, וואָס צעשפּרייט זיך און קאָן דערפאַר מיט איין שאָס טרעפן עטלעכע וועלף אויף אַמאָל. עס איז אָבער געטראָפן געוואָרן בלויז איין וואָלף, וועלכער איז אַוועקגעפאַלן מיט אַ גרילצנדיקער געוווֹיעריי. ער האָט באַלד ווידער אויסגעשאָסן איין מאָל נאָכן צווייטן צו דער צעשטריי־

מער מחנה גרינגע ליכטלעך. עס זענען ווידער געפאַלן איינער אָדער צוויי וועלף. אויב נישט דערהרגעט, איז לכל הפּחות כאָטש זיכער פאַרוווּנדעט.

די פאַרבּיסענע און פון הונגער צעיושעטע וועלף האָבן זיך נישט דערשראָקן צוליב זייערע שווערע פאַרלוסטן, נישט נאָר וואָס זיי האָבן נישט אָפּגעטראָטן, נאָר אַדרבה, זיי האָבן אַוואַנסירט, דאָס הייסט, זיי האָבן גענומען זיך לאָזן פאָרויס און געפּרוּווט מאַכן אַ סיורפּריז־אַנגריף אויף די הינט און מענטש דורך אַן אַרומרינגלונג.

די קלוגע הינט אָבער, פאַרשטייענדיק אפנים די געפאַר, אַז זייער לעבן הענגט אויף אַ האָר צוליב דער מער צאָל פון די וועלף, וואָס זענען שוין דאָ, אַחוץ די וואָס קאָנען נאָך צוקומען פון זייערע באַהעלטענישן, האָבן דערוויל זיך איינגעהאַלטן מיטן אַרויסגיין פון דער גלאָריעטקע אויף אַן אָפענעם קאַמף, צום פאַרמעסט פון כוחות. זיי האָבן געוואַרט אויפן באַפעל פון זייער באַלעבאָס.

די הינט האָבן נישט געהאַט קיין טעות: פון צווישן די צוזאַמענגע־פלאָכטענע קשאַקעס זענען אַרויסגעקומען נאָך זעקס פאָר גרינגע ליכטלעך. דאָס הייסט, ווידער זעקס וועלף. אַזוי אַז עס זענען צוזאַמען ווידער גע־וואָרן צוועלף וועלף.

נאָר ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט פאַרזיכטיק און קאַלטבלוטיק געצילעוועט און געשאָסן. ער האָט ווידער אוועקגעלייגט זעקס פאָר לייכטנדיקע, גרינגע ליכטלעך. אַזוי, אַז עס זענען ווידער פאַרבליבן קאַמפּספּעיקע וועלף שוין נישט מער ווי זעקס שטיק. נאָר זיי זענען געווען זייער קלוג און סטראַטעגיש צעשפּרייט. ווייזט אויס, דעצידירנדיקע צום קאַמף אויף לעבן און טויט. דערפאַר האָט ער שוין נישט געוואַרט צו טרעפן צוויי אָדער דריי וועלף אויף אַמאָל מיט בלויז איין שאָס. ער האָט געצילט מיט געלאָדענעם שרויט אין אַ צווישן צוויי גרינגע ליכטלעך. דאָס הייסט, אין צווישן די אויגן, פון יעדן וואָלף באַזונדער, און אַז ער האָט איבערגעציילט שוין נישט מער ווי פיר פאָר ליכטלעך, האָט ער געגעבן אַ באַפעל די זאַטע און שטאַרקע הינט, „נאַ שטיכי״, דאָס הייסט, זיי זאָלן זיך אַרויסלאָזן אויף אַ געפעכט קעגן די פיר לעבן־געבליבענע וועלף.

ווייזט אויס, אַז ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט געמוזט אוודאי האָבן אַ טעות. ער האָט אוודאי זיך געמוזט פאָרשטעלן, אַז די לעצטע געבלי־בענע וועלף מוזן אוודאי זיין וועלפּעכעס, אָדער לכל הפּחות נאָך גאָר יונגע, נישט דערפאַרענע וועלף, וועלכע בלייבן תמיד אויף צום לעצט, כדי זיי זאָלן געניסן פונעם רויב מיטן פולן מויל, אָן שום איינשטעלעניש.

ער האָט אויך געוווסט פון רעפערענצן, אַז די וועלף זענען אמתע דזשענטלמענער: זיי לאָזן נישט זייערע ווייבער און אויך נישט זייערע מינדעריעריקע קינדער גיין אין מלחמה. אויפן ערשטן פייער, זיך איינ-צושטעלן דאָס וועלפישע לעבן.

די זעקס הינט האָבן מיט אַ גוואַלדיקן אימפעט זיך אַ לאָז געטון צו די ווילדע חיות. שיסן אין דעם געפלעכט צווישן די „ציוויליזירטע" און ווילדע חיות, האָט ר' אַלטער אַלעקסאַנדער מורא געהאַט, נישט צו טרעפן אין זיינע הינט. וועלכע האָבן זיך געראַנגלט העלדיש מיט די צעיושעטע וועלף. וואָס האָבן זיך נישט דערשראָקן און האָבן געקעמפט ווי די טיגערס, מיט דער איבערוויגנדיקער צאָל איינגעאיבטע הינט.

נישט מער ווי ביי אַ פינף מינוט האָט געדויערט דער טיטאַנישער קאַמף. דריי הינט זענען ממש צעריסן געוואָרן פון די מעכטיקע וועלפישע ציין און נעגל; צוויי וועלף זענען געפאַלן טויט פון די הינטישע ציין. די צוויי לעבן-געבליבענע וועלף זענען אַנטרונען צוריק אין זייערע בונקערס פון די ווייטע געדיכטענישן פון דער טייגע, אַנצוזאָגן די רעשט וועלף פון זייער משפחה, די וויסטע מפלה וואָס זיי האָבן נעבעך געהאַט.

פון די הינט זענען, ווי שוין דערמאָנט, געפאַלן דריי. איינער פון די דריי לעבן-געבליבענע, דער אַזוי קלוגער אַחיתופל, גרויס ווי אַ קאַלב, מיט אַ לייבן-קאָפּ, האָט בלויז געהאַט אַן אָפּגעביסענעם שפּיץ פון רעכטן אויער. דער „שעפּסן-הונט" מיטן גרויסאַרטיקן ביינאָמען: טיטוס הרשע. קודלעוואַטע ווי אַ קאַראַקולן שעפּס, האָט בלויז געהאַט אַ קלייניקן ראַנץ ביים האַלדז, אוודאי פון אַ גוססדיקן וואָלפס אַ דראַפּ. נאָר בלויז די איינ-ציקע צוויג, פאַני טירקוועמאַדאַ, וויים ווי דער נאַר-וואָס אָראָפּגעפאַלע-נער שניי, מיט אַן אָנבליק פון אַ פּאָלאַרן בער, איז אַרויס אינגאַנצן אומ-באַשעדיקט. דער כלבטעם ווייסע פעל איז אָבער געווען פיטש-נאַס, רויט געפאַרבט פונעם וועלפישן בלוט. אַ סימן, אַז די צאַרטע און אַזוי נאָבעלע הינטעכע-דאַמע, האָט גאַנץ בראַוו געקעמפט מיט די ווילדע חיות.

עס איז שוין געווען ביים אָנהויב זריחה. אין מזרח-זייט האָט דער שוואַרץ-פאַרכמאַרעטער הימל, זיך גענומען רויטלען מיט אַ פּראַסטיקער צעגליטקייט; די ווינטער-פייגעלעך אין וואַלד, צווישן זיי די שפּערלינגען, איבערגעשראָקענע פון מענטש, וועלף און הינט, האָבן בימלעכווייז זיך גענומען פּישטשען, שווידטשען און טרעלן פון הונגער און טמאַליענדי-קער קעלט; די קראָען יאַמטזשעמבעס, האַלקאַנען, ביינערברעכערס און אַנדערע גרויסע און קלענערע רויב-פייגל, האָבן געקראַקעט אַ טויט-

געזאַנג. זיי האָבן זיך געגרייט צו דער סעודה פון די דערהרגעטע וועלף און צעריסענע הינט.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט איבערגעציילט די מוניציע: צוואַנציק גילזן מיט בלייענע קוילן און צען מיט שרויט, אַחוץ דעם געלאָדענעם פּיסטויל און דעם נישט באַרירטן זאַפּאַס.

קוקעריקו! — האָט ער פּלוצים דערהערט אַ כאַראַלן שלשלת־געזאַנג פון עטלעכע הענער. אַהאַ, אַהאַ, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער געפינט זיך נישט מער ווי צוויי וויאָרסט פונעם גייעווער דעם שכור אַדאָלף לאַ־סעצקי. הייסט עס, אַז ער האָט זיך נאָר צעטומלט, געליטן אַ מין בלבול־המוח. ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין דער פינצטערניש ביינאַכט. ער גיט זיך אָפּ חשבון, אַז דאָס איז אים געשען, בעת דער גרוילנדיקער שניי־זאַוויערוכע, אַזאַ מין גוואַלדיקע פון דער נעכטיקער אָנפאַנג־שקיעה, ווען דער אומגעצווימטער שטורעמדיקער שניי איז געפאַלן פון הימל טאָנענ־ווייז און פאַרשיט יעדע ריכטונג. אפשר אויך דערפאַר וואָס עס איז פּלוצים פינצטער געוואָרן ווי אין אַ געדיכט געוועבטן זאַק. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז פאַרקראָכן מײַלן ווייט, טיף אין דער געדיכ־טעניש אַריין. צום סוף געפינט ער זיך גאָר נישט מער ווי אַ פינף וויאָרסט פון זיין היימלעכער און וואַרעמער פאַמיליען־שטוב.

— טאָ פאַר וואָס איז קיינער פון מיינע נאָענטע מיך נישט געגאַנגען זוכן? די וועלף, צי אַנדערע חיות רעות וואָלטן דאָך מיך געקענט אויפרעסן לעבעדיקערהייד, אויב נישט גאָטס גענאָד און השגחה. וואָס נאָר אים בין איך מיין נשמה שולדיק. וואָס וואָלט געווען, ווען גאָט וואָלט מיך נישט באַשירעמט; ווען איך וואָלט נישט געווען אַזאַ מין פּינקטלעכער ציל־טרעפער; ווען איך וואָלט חלילה נישט געווען באַגלייט פון מיינע זעקס טרייע הינט, פון וועלכע עס זענען טאַקע געפאַלן דריי אין אַ שרעקלעכן געראַנגל מיך צו פאַרטיידיקן? — איז אים דורכגע־לאָפן אַ תרעומה־מחשבה קעגן זיינע אייגענע און נאָענטע אָנגעשטעלטע, וועלכע ער באַהאַנדלט ווי זיי וואָלטן געווען זיינע לייבלעכע ברידער און שוועסטער.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט נישט געוווּסט, אַז ביי אים אין דער היים איז געווען אַ גאַנצע בהלה, אַן אמתדיקער תשעה־באב, ווען זיין פרוי און קינדער האָבן געזען, אַז עס איז שוין אַ שטיק אין דער נאַכט, און דער טאַטע איז נאָך נישטאָ. ער האָט נישט געוווּסט, אַז דער בוכ־האַלטער דוויד אייזנשטויב מיט זיינע צוויי בנים, אפרים און יהודה, יונגען ווי די בערן; ישראל דער שניידער, הויך ווי אַ פּיראַמידע און

אייזן-שטאַרק; זרח דער קאָוואַל — דעמב איז געווען זיין צונאָמען, און איז טאַקע געווען שטאַרק ווי אַ דעמב — זענען געגאַנגען אים זוכן. אַחוץ די יידישע מענטשן, זענען צען גוישע, פוילישע האָלץ-העקער אויך געגאַנגען אים זוכן, הגם קיינער האָט נישט געוווסט ווען און וווהין ער איז געגאַנגען. קיינער האָט אויך נישט געוווסט צו ווּעמען, און אין וועלכער ריכטונג ער איז אַוועק.

דערצו נאָך איז דער פראָסט פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט געווען אַזאַ שאַרפער. דער ווינט האָט געבושעוועט מיט אַ שרעקלעך געדיכטן שניי. דער שנייעדיקער הוראַגאַן האָט געפייפט און געגוואַלדעוועט מיט אַ בייזער מוזיק פון אַ טייוולאַנישער מאַרש-אַרגיע. דער וואַלד איז דע־מאָלט געווען אומענדלעך גרוים. די ווילדעניש פון דער טייגע האָט זיך צעשפרייט איבער מזרח און מערב, צפון און דרום. די פינצטערניש פון יענער נאַכט איז געווען ממש אַן אַנטאַפּנדיקע. דער הימל — שוואַרץ ווי סאַזשע — אַ פּחד. דאָס זוכעניש איז פאָרגעקומען אַ שטיק צייט נאָך פאַר דער שיסעריי וואָס ער האָט געעפנט קעגן די וועלף די יידישע מענטשן זענען געגאַנגען אין איין ריכטונג און די פוילישע, נישט-יידישע, זענען געגאַנגען אין אַן אַנדער וועג. נאָכן אַרומבלאָנקען אין דער פינצ־טערניש און אויסטערלישער שניי-זאַווערוכע, האָבן אַלע עקספּעדיציאַ־נערן זיך אומגעקערט אַ היים מיט גאָרנישט.

די גויים זענען גראַד יאָ געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער גלאַ־ריעטקע, נאָר אַזוי ווי די פאַנאַטישע און אַבערגלויבערישע מענטשן האָבן דערזען פון דער ווייט די אָנגעצונדענע חנוכה-ליכטלעך אין דער הפסקה ווען דער טראַסקנדיקער שטורעם-ווינט האָט אויפגעהערט צו ליאַרעמען און דער שניי האָט אויף מאָמענטן אויך אויפגעהערט צו שיטן זיך, האָבן זיי אין אַ פּאַניקפולער שרעק עס אָנגענומען ווי אַ הייליקע וויזיע, אַ נס מן השמים, אַ געטלעכער מופת-אַנטפּלעקונג פאַר זיי. די אומוויסנדיקע מענטשן האָבן אָנגענומען, אַז די דריי חנוכה-ליכטלעך זענען עס גאָר זייער געטלעכע „דריי-אייניקייט”. אַ סימן, די יידישע אָנגעשטעלטע זענען נישט געגאַנגען צוזאַמען מיט זיי, מיט די פּריווילע־גירטע קאַטוילקן, ווייל קיין ייד איז נישט ראוי צו זען אַזאַ מין געט־לעכע וויזיע...

אַ ווילדע עקזאַלטאַציע פון אַ פינצטערער היפּער-פרומקייט האָט מיטאַמאָל באַהערשט די אומוויסנדיקע פּראָסטע מענטשן, נאַיווע און פולשטענדיקע אַנאַלפאַבעטן. זיי האָבן אַנידערגעקניט און זענען געשטאַ־

נען אויף די קניען אַזוי לאַנג, ביז די פּיס האָבן זיי גענומען פרירן צום פאַרשטייפט ווערן.

— אפשר זענען דאָס וועלפישע אויגן־ליכטלעך און נישט קיין געטט־לעכע אַנטפּלעקונג, פּלוצים דאָ אין דער גרויזאַמער ווילדעניש, צווישן וועלף, בערן, ווילדע חזירים און אַנדערע שלעק? — האָט געפרעגט דער סטעלמאַך, פּאַן אַנטעק שטשעטשינאַ, וועלכער האָט געשמט פאַר אַ גע־פערלעכן פּראָטעסטאַנט, פון דער ענגליש־זאַקסישער קירכע.

— אָ, ניין, פּאַניע סטעלמאַך. דאָס זענען נישט קיין וועלפישע אויגן, נאָר טאַקע אַ הייליקע, געטלעכע דערשיינונג. ווייל קיין שום וואָלף פאַר־מאָגט דאָך נישט קיין דריי אויגן. און דאָ זעען מיר דריי ווייסינקע־רויטלעכע פייערלעך, ביי די צוויי מעטער הויך איבער דער ערד, דאַן ווען אַ וואָלף, אפילו דער העכסטער, דערגרייכט קוים ביז איין מעטער מיט צוואַנציק צענטימעטער די הויך. באַזונדערס איז די וועלפישע אויגן־אָפּשפּיגלונג נישט קיין אַנדערע, ווי נאָר אַ גרינע, ווי די גרינע זשאַבע־אייעלעך, בעת די פלאַמענדיקע ליכטלעך וואָס מיר זעען דאָ, זענען וויים־געלבלעכע, און ביים שפּיץ רויטלעכע. דערפאַר טאַקע איז עס אַ גאָטס וווּנדער. באַזונדער זענט איר דאָך נישט מער ווי אַ פּראָטעסטאַנט, אַ נישט־גלויביקער אין אונדזער גאָט, יוזל און אין זיין הייליקער מאַמע מרים. דעריבער קאָן טאַקע נישט קיין ייד, קיין טערק־מאַכמעדאַנער און קיין פּראָטעסטאַנט האָבן די זכיה צו זען די הייליקע, געטלעכע מופתים, וואָס מיר קאַטויליקן קאָנען יאָ זען מיט אַלע איינצלהייטן — האָט מיט אַ באַסאָוון טאָן און גלחישן פּאַטאָס, געזאָגט דער זענג־שאַרפער פאָן יענדרעק פּאַדאַלעץ.

— כלאָפּי (פּויערים), אפשר איז אונדזער פּאָן אַלעקסאַנדער גאָר אַוועק אַ פאַרליבטער צו דער פאַרפירערישער אַלמנה, פּאַני באַראָווסקאַ, נאָך גאָר אַ יונגינקע, אַ היציקע ווי אַ ציג?.. זי איז דאָך זייער אַ געפער־לעכע מכשפה, זאָגט דאָס פּאָטערל. זי, די פּאַני באַראָסקאַ, איז דאָך די געוועזענע געליבטע פונעם דייטשן אַנטיקריסט, באַראָן פאָן שמענדריק. זי, די אַלמנה, איז דאָך אויך אַזאַ פאַרשאָלטענע פּראָטעסטאַנטין ווי איר געליבטער יעקע, וועלכער האָט אָפּגעריסן אַ שטיק פון אונדזער „אוי־טשיזנע" (פאָטערלאַנד) — האָט אַריינגעוואָרפן דער רופיאַן און איבער־פאַלער פראַנעק וויסאָצקי.

— יאָ, גאַנץ מעגלעך. אויף אַ זשיד איז דאָך אַלץ צו גלויבן. דער ייד האָט דאָך מיטגענומען אויפן שפּאַציר זיינע בעסטע זעקס הינט. און זי, די יפיפיה פּאַני באַראָווסקאַ, האָט פּונקט אויך ליב אַ ייד מיט אַ

באָרד און פּאות, ווי זי האָט ליב אַ קודלעוואַטן הונט. נאָר אַ ייד מיט „קלינגערס", האָט זי נאָך ליבער. דער ייד קיצלט זי אוודאי אונטער די אָרעמס, אין האַלדז, מער גאָרנישט, ווייל מער קאָן דאָך קיין ייד נישט...
— האָט וויצלענדיק זיך צערעוועט סטאַשעק וועסאָלאָווסקי.

— ע, ע, גענוג, רעד נישט אַזוי וועגן דיין האַר, כאָטש ער איז אַ ייד. ער האָט דאָך דיך גערעטעוועט נישט אויפגעפרעסן צו ווערן לעבעדיקערהייד פון אַ וואָלף. דער ייד פון וועמען דו רעדסט אַזוי שלעכט, האָט דאָך דיך כמעט אַרויסגעראַטעוועט פון דער בעסטיעס ציין. דו, פּראָשע פּאַנאַ, באַגייסט אַ גוואַלדיקע זינד קעגן גאָט, איך מיין, קעגן יהוה, וועלכער איז נישט נאָר דער גאָט פון די איזראַעליטן, נאָר דיין גאָט אויך, ווי אויך פון דער וועלט און פון אַלע וועלטן. אַפילו פונעם „דערלייזער" אויך. איך האָב דאָך מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, ווי דער כוואַצקער פאַן אַלעקסאַנדער, האָט ווי אַן אמתדיקער פּוילישער „ריצאַרזש" (העלד), אַדורכגעשטאָכן דעם וואָלף ביי דיר אויף דער פּלייצע, פּונקט אין דער זעלביקער רגע, ווען די בייזע און הונגעריקע חיה האָט געוואָלט דיך איינבייסן דעם קאַרק — האָט מיט מענטשלעכער ווערדע זיך אָנגערופן דער פּראַטעסטאַנטישער פּאַן סטעלמאַך.

— פּאַנאָוויע, צוריק אַהיים! — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון דער פּירקאַנטיקער וויטעק ביאַלאָבזשעסקי. עס איז גוואַלדיק פינצטער געוואָרן. דער הימל איז שוואַרצער ווי סמאָלע. דער פראָסט סמאַליעט אפשר מער ווי צוואַנציק גראַד. צו דעם נאָך האָט ווידער גענומען שנייען. מיט אונדזערע „פּאַלקעס" (דובינעס) און העק, קענען מיר אַלע אַריינפאַלן גלייך אין די וועלפישע, בערישע, אָדער ווילדע חזירישע אָפענע מאָרדעס אַריין. נאָר איך, פון מיין זייט, הגם זייער אַ פרומער קאַטוליק, וויל נישט פונדעסטוועגן צעריסן ווערן פון קיין איינע פון די ווילדע בעסטיעס וואָס ווימלען דאָ פראַנק און פריי אין די אורוואַלדיקע געדיכטענישן, ווי ביי אָדם און חוהן אין גן־עדן. מיר וועלן בעסער בעטן די הייליקע מרים, גאָטס מאַמע פון טשענסטאָכאָוו, זי זאָל באַשירעמען דעם גוטן פּאַן אַלעקסאַנדער, פון אַלעם בייז, כאָטש ער איז אַ ייד, אַ נישט־גלויביקער אין אונדזער יעזוס און זיין הייליקע מאַמע. נאָר אַ גוטע נשמה האָט ער יאָ, כאָטש ער איז אַ ייד. אין עפּעס אַ גאָט וואָס הייסט יהוה, ווי דער פּאַן סטעלמאַך האָט נאָר־וואָס דערמאָנט, גלויבט ער יאָ. אַ גאָט וועלכן קיין שום מענטשלעך אויג קען נישט זען, ווייל ער וווינט דאָרט ערגעץ אויף דעם זיבעטן הימל, וווּ ער האָט זיין טראָן. בלויז שוין דערפאַר דאַרפן מיר בעטן די מאַטקאַ באָסקאַ טשענסטאָכאָווסקאַ, וועלכע האָט

זיך פאַר אונדז באַוויזן אין דער געשטאַלט פון דריי לייכטנדיקע ליכט-לעך, זי זאָל אָפּהיטן און באַשירעמען דעם גוטינקן פאַן אַלעקסאַנדער, כאָטש ער איז טאַקע נישט קיין קריסט, ווי איך האָב פריער געזאָגט, נאָר אַ ייד ווי אַלע יידן...

— יאָ, טאַקע אמת. און עס איז אַ פאַקט, אַז דער פאַן אַלעקסאַנדער איז אַ בעסערער קריסט פון אונדזערס אַ קריסט. כאָטש ער איז נישט קיין קריסט. פון אַ קאַטוילישן קריסט, איז דער פאַן אַלעקסאַנדער אַוודאי אַ בעסערער קריסט, כאָטש ער איז אַ ייד. אַזוי ווי דער פאַן סטעלמאַך האָט אַזוי קלוג געזאָגט. בשעת מיין זיין אַ קוטשער ביים גראַף, פלעג איך הערן ווי זיין גלח האָט דערציילט, אַז נישט נאָר די גאַנצע מענטש-הייט שטאַמט פון יידישן פאָלק, נאָר אַז אונדזער גאָט אַפילו, און גרויסע פויפסטן, צווישן זיי אַפילו די גרעסטע צוויי אַפּאָסטאָלן, פּיאָטר און פּאַוועל, זענען ביים לעבן געווען עכטע יידן. דער וויעלמאָזשני פאַן אַלעקסאַנדער, כאָטש ער איז אַ נישט-געשמדטער ייד, אַ נישט-גלויבי-קער, ווי איר, פאַן סטעלמאַך, זאָגט, האָט דאָך אַ בעסערע נשמה ווי דער יאַשני פאַן כראַביאַ (גראַף) פּאָטאָצקי און זיין געהינטעכץ, וועלכע זענען דווקא יאָ קריסטן און פרומע נאָך דערצו. אַפילו אונדזער פּאָטערל, דאָס אויסגעפּאַשעטע גלחל, וויל איך זאָגן, האָט אויך די נשמה פון אַ בייזן טאָטער. רק ער נעמט, רייסט שטיקער פון לעבעדיקע און פון טויטע. נאָר אים געבן. אָבער ער גיט קיינעם קיינמאָל גאָרנישט. איך האָב אַגב געהערט דעם „טאַטעלע" זיך באַרימען פאַרן כראַביע, אַז זיין פּראָפּעסיע האָט אים באַשאָנקען מיט דריי פּריווילעגירטע טוגנטן וואָס קיין שום אַנדער פּראָפּעסיע פאַרמאָגט עס נישט: אַ פּאָטערל, אויב ער איז נאָר גענוג קלוג און פּיפּיק, ווייסט די סודות פון אַלע מענטשן, נאָר קיינער ווייסט נישט זיינע סעקרעטן, ווייל ער „ספּאָוויעדעט" (מתוודה) זיך נישט פאַר קיינעם; אַלע מענטשן גיבן אים, נאָר ער גיט קיינעם קיינמאָל גאָרנישט; ער קאָן כאַפּן אַ דרימל מיט אַ מיידל, אַ בתולה, צי מיט אַ פאַרהייראַטע, נאָר קיינער קאָן דאָס נישט טון מיט זיין פרוי צי כלה, מחמת ער האָט נישט קיין פרוי און קיין כלה, אָדער טאָכטער, ווייל ער איז נישט קיין פאַרהייראַטער. דער ייד פאַן אַלעקסאַנדער, וואָס איז אונדזער באַלעבאָס, האָט נאָך קיינעם פון אונדז נישט געהייסן שמייסן אויפן שפּיץ פונעם נאַקעטן הינטער-חלק, ווי עס טוען עס אונדזערע קאַ-טוילישע פּריצים, וואָס טאָרטורירן אונדז אין דעם נאָמען פון יעזוסעס גערעכטיקייט, ליבשאַפט און רחמנות... אונדזערע קריסטלעכע פּריצים רעספּעקטירן צומאָל נישט קיין מיידל, אַ שעמעוודיקע בתולה, וועלכע

מוז אַליין פאַרשאַרצן זיך דאָס קליידל ביז איבערן קאָפּ, זיך אַליין אַראָפּ־ציען די מייטקעס און זיך אויסציען אויף דער טאַרטור־באַנק. זי ווערט געשמיסן פאַר די שכורע פּריצים און פּריצעטעס אין די אויגן פאַר וועלכער נישט־איז מינדערוויכטיקע זינד, ווי זי וואָלט גאָר קיין מענטש נישט געווען. דאַקעגן דער ייִד, פאַן אַלעקסאַנדער, האָט נאָך קיינעם נישט געשמיסן, ביי קיינעם נישט צוגענומען דאָס ווייב, צי טאָכטער איבערגעוואַלד, ווי עס טוען עס די „שליאַכטשיצעס" (פּריצים, אַדלליט) — האָט שטילערהייד, ווי פאַר זיך, געבורטשעט אונטער דער נאָז, דער פאַן סאָלטים, טאַמאַש אַגניאַנני.

——::——

אין פריען באַגינען, נאָך פאַר זריחה, ביים אונטערערדישן זוןאָפּשטראַל פון דעם פאַררויטלטן הימל־געפאַרב, איז ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער אַראָפּ פון דער בעריאָזע, די געלאָדענע ביקס אין די הענט גרייט צו שיסן. ער איז געגאַנגען באַגלייט מיט זיינע דריי לעבן־געבליבענע הינט, אָנצוקוקן די טויטע און פאַרוווּנדעטע וועלף, ווי אויך צו זען די העקאַטאָמבע פון די דריי נישט צוריק געקומענע הינט. אפשר לעבן זיי נאָך? אפשר קען מען זיי נאָך דעראַטעווען, אויב זיי זענען נישט טויטלעך פאַרוווּנדעט? — האָט ער געטראַכט מיט זיין ייִדישער טראַכטעניש און איינגעבוירענער פּיעטעט.

די דריי לעבנגעבליבענע הינט האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ וואַקלענדיקן גאַלאָפּ ביז אַ הונדערט מעטער ווייט פון דער ווערא־נדע, ווי געניטע מרגלים. אין אַ מינוט אַרום זענען זיי צוריק געקומען פריילעכע און מוטיקע; זיי האָבן געדרייט מיט די ווידלען און געגענעצט מיט די צונגען אין דרויסן. נאָר עפּעס חשדיש צופּיל צוגעקלעפּט צו אים. אַ סימן, אַז קיין לעבעדיקע, נישט־פאַרוווּנדעטע וועלף זענען אין דער נאָענטער פעריפעריע פון אַ הונדערט, צי צוויי הונדערט מעטער, נישט פאַראַן. אָבער ווייטער, ווער ווייסט?

ווי עס ווייזט אויס, זענען געווען אַ סך פון די כלומרשט דערהרגעטע וועלף, נישט מער ווי פאַרוווּנדעטע, ווייל עס איז נישט געווען בנימצא אין דעם נאָענטן אַרום קיין שום פאַרוווּנדעטער וואָלף. בלויז נאָר אַ פאַרבלוטיקטער שליאַך אויפן שניי, האָט געוויזן, אַז די פאַרוווּנדעטע וועלף זענען אַנטרונען מיט זייערע אייגענע כוחות. אָדער אפשר גאָר, פרישגעקומענע, נישט פאַרוווּנדעטע וועלף, האָבן לויט זייער סאָלידאַרישן שטייגער, אַוועקגעטראָגן די געראַנירטע צו זיך אין די נאָרעס פון די געדיכטענישן, וואָס אין די באַוואַלדיקטע, אייביק־באַשנייטע בערג.

אויפן קאַמף־פּלאַץ זענען געלעגן פיר וועלף מיט צעשמעטערטע שאַרבנס. פון די קוילן וואָס זיי זענען געטראָפן געוואָרן. צוויי זענען, איינער גרויס ווי אַ היענע, מיט אַן איבערגעביסענעם קאַרק, און דער צווייטער, מיט אַן אָפּגעביסענעם פוס און אויפגעריסענעם בויך. דאַקעגן די דריי טויטע הינט, זענען ממש געווען צעריסן אויף שטיקער. ווי אַ בים, איז געווען אַן אַרויסגעריסן שטיק פלייש. אַ סימן, אַז דאָרט ווי אַ וואָלף האָט מיט זיינע מעכטיקע און שאַרפע ציין אָנגעכאַפּט ביי אַ קעמפּעריש הונט, האָט ער אויסגעריסן אַ שטיק פלייש און עס גלייך אַראָפּגעשלונגען.

הייסט עס, אַז אַ שפּאַר ביסל וועלף איז געלונגען צו אַנטרינען. און ווער ווייסט וויפל עס זענען נאָך פאַרבליבן אין די באַהאַלטענע בונקערס אָפּצוהיטן דאָס קליינוואַרג און די מאַמעס מיט זייערע זויג־וועלפעלעך, ווי אויך זייערע טראָגעדיקע וועלפעכעס? — האָט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער אַ טראַכט געטון מיט אַ שוידער. נו, אויב אַזוי, מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיק און צוגעגרייט קעגן אַ וועלכן עס איז סורפּריזן. וכל הקודם זוכה...

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט געוווּסט פון רעפערענצן, פון גבית־עדות, אַז וועלף האָבן אַ „וועטדעטאַ”־טראַדיציע, נקמה צו נעמען פריער אָדער שפּעטער כפל־כפליים, פאַר זייערע מפּלות. אַזוי, אַלנפאַלס, זאָגן די פויערישע וואַלד־מענטשן — האָט ער ווידער אַ טראַכט געטון שוין אין וועג, בשעתן אַהיימגיין.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ שיינער. דער נאָכמיטיק — נאָך שענער. דער פראָסט איז געווען נאָך מילדער. די פאַרשלאָפענע זון האָט געשיינט מיט אַ קאַלט פייער. דאָס וועטער איז געווען אַ טרוקנס. דעם זעלביקן טאָג, נאָכן אָפּפרייען זיך מיטן ווייב, קינדער און אינטימערע פריינט און מיטאַרבעטער, באַלד נאָך מיטיק, איז ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער מיט זיינע פיר יידישע משרתים, געוואַגטע יונגען, גוט באַוואָפנטע, און באַגלייט פון צוועלף פעסטע דאַנער־הינט, וועטעראַנען־שלעגער, אַוועק צום וועלפישן און הינטישן העקאַטאַמב, פון דער פאַרגאַנגענער ביינאַכטיקער שלאַכט.

די פיר יונגען, עכטע אנשי־חיל, געקליבענע אַטלעטן, געניטע פעכטער מיט אַ שווערד און שיסער אין ציל, זענען געגאַנגען גערן, ווייל זיי האָבן געוואָלט זען די דערהרגעטע וועלף און אפשר איניקע פאַרווונדעטע אויך. די יונגען האָבן נישט געקענט גלויבן אין די העלדישקייטן פון זייער באַלעבאָס, הגם זיי האָבן דורך אַ צופאַל בייגעוווינט פון דער

וויט, מיט אַ חודש צוריק, ווי ער האָט איינער אַליין, בלויז מיט אַ דעמ־בענע דרענגל, דערהרגעט צוויי וועלף, וואָס זענען איבערגעפאַלן זיין גע־פענטעט פערד, וואָס האָט זיך געפּאַשעט אין פעלד.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער דאַקעגן, האָט געוואָלט אַראָפּציען די פעלן פון די הרוגים, בכדי צו מאַכן אַ פוטער פאַר זיין פרוי שרה־לאה, וועלכע האָט געליטן פון רעומאַטיזם און געלענק־אָנצינדונג. אַחוץ דעם, האָט דער „זשאָנד" (רעגירונג) געצאָלט 25 רובל פאַר יעדן דערהרגעטן וואָלף, ווי אַ פרעמיע.

— איר ווייסט יידן, די פויערים פון וואַלד וואָס אַרבעטן אין מיר־טאַק זאָגן, אַז אַ פוטער פון וועלפישע פעלן, איז אַ סגולה קעגן אַלערליי מין חולאתן, און קעגן אַן איבערפאַל פון אַ וואָלף אויף אַ מענטש וואָס טראָגט אַ פוטער פון פעלן פון זיינע ברידער, אוודאי. דער וואָלף דער־שפירט די פעל פון זיין ראַסע, אַנטלויפט ער ווי געיאָגט פון אַ פייער.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער און זיינע פיר גבורים זענען נשתומם גע־וואָרן, ווען זיי האָבן דערזען דעם סצענאַריום פון דער ביינאַכטיקער עפּאָפּייע: עס זענען געלעגן בלויז די גרעבערע ביינער פון די דריי צע־ריסענע הינט. ווייזט אויס, אַז די לעבנגעבליבענע וועלף, נאָכן אַוועקגיין פון ר׳ אַלטערן אַהיים, זענען געקומען נקמה נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון זייערע וועלפישע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער. נאָר אַזוי ווי זיי האָבן נישט געטראָפן קיין שום לעבעדיקן קעגנער, האָבן זיי אויפגעפרעסן די דריי געפאַלענע הינט.

נאָכן אָפּשינדן די צוויי וועלף וואָס זענען געלעגן אויפן קאַמף־פּלאַץ, לעבן די ביינער־רעשטן פון די צעריסענע הינט, האָט ר׳ אַלטער אַלעק־סאַנדער און זיינע פיר יונגען זיך געלאָזט גיין נאָך די שלאַדעס פון זייערע אויסשפיר־הינט, וועלכע זענען אין אַ פאַר מינוטן אַרום צוריק געקומען מיט אַ פריידיקן געהאַווקעריי און זענען ווידער אַוועקגעלאָפן מיט אַ ווילדן געפילדער.

די פיר יידן מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן פאָרויס, זענען נאָכגע־גאַנגען די האַווקענדיקע כלבים, וואָס זענען נאָכגעלאָפן דעם בלוטיקן שליאַד, וואָס די פאַרוווּנדעטע וועלף האָבן געלאָזט נאָך זיך. אויף אַ קופּע, כמעט איינער אויפן צווייטן, זענען געווען אָנגעלייגט אַכט טויטע וועלף. אַנדערע צוויי האָבן נאָך געזשיפּעט. זיי זענען געווען גוססדיקע. דער הויכער איטשע האָט מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס פאַרענדיקט צו די ליידן פון די צוויי חיות.

נאָר דאָס וויכטיקסטע צו וויסן איז, אַז די לעבנגעבליבענע וועלף פון דער זעלביקער דינאַסטיע, פאַרלאָזן אָפּטמאָל זייערע איינגעזעסענע נאָרעס, נאָך אַ שטאַרקער נידערלאַגע. זיי טרעטן אָפּטמאָל אָפּ צענדליקער ווערסט ווייטער, וווּ זיי מאַכן זיך אַ נייע היים. עס קען דערנאָך טיילמאָל אַריבערגיין אַ לענגערע צייט, אַז קיין שום וואָלף פון דער זעלביקער באַנדע וואָס האָט געקראָגן אַזאַ מין בלוטיקע לעקציע, וועט זיך נישט יאָווען אין דער געגנט, וווּ זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן געכאַפּט אַזאַ מין ווײַסטע מפּלה — האָט דערציילט מיט אַ דראַמאַטישן טאָן דער הויכער איטשע, איבערחזרנדיק דעם זעלביקן געדאַנק. דער איבערגעוואַקסענער יונג האָט געשמט פאַר אַ געלערנטן, כמעט אַ נאַטורוויסנשאַפטלער און אַ גאַנצער קענער פון אַלערליי חיות, פיש און פייגל.

— כן יאבד כל שונא ישראל! אוי ווי, טאַטע פאָטער זיסער אין הימל — האָט געזאָגט מיט התלהבות ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער, מיט זיינע אויגן געווענדט צו דער שקיעה פון הימל־רויט.

— אָמן, הלוואי! — האָבן אַלע פיר באַגלייטער געענטפערט מיט איין קול.

— אוי ווי, ריבונו של עולם! עס וואָלט שוין געמעגט קומען אַ שטיקעלע ישועה אויף דיינע געפּלאָגטע קינדער. מאַך, גרויסער גאָט, אַז די גויים זאָלן ווערן גוטע מענטשן, און זיי זאָלן אונדז לאָזן לעבן ווי מענטשן צו מענטשן גלייך. באַווירק מיט דיין הייליקן גייסט, אַז די גויים וואָס פאַרפאָלגן אונדז זאָלן זיין אַזוי מענטשלעך גוט צו אונדז, ווי מיר יידן זענען צו זיי — האָט געזאָגט אברהם דער אָקאָוויטן־ברייער, מיט אַ וויינענדיקן קול.

— אָמן, הלוואי! — האָבן אַלע פיר ווידער געענטפערט פרום מיט איין קול.

זיכערע, אַז קיין לעבעדיקע וועלף זענען אין יענעם ראַיאָן שוין מער נישט פאַראַן, מחמת זיי האָבן מיט הכל־בכל עמיגרירט אפשר ווייט אַוועק, האָט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער מיט זיינע פיר מענטשן, מיט די וועלפישע פעלן אין פּעקלעך אויף די פּלייצעס, די ביקסן אין די הענט, און באַגלייט פון זייערע שפּיר־הינט, געמאַכט אַ גענויע אינספּעקציע איבער די קלאָסןביימער וואָס זייערע געהילצן ווערן בעסער קאָטיזירט.

נאָך מנחה, ווי נאָר די זון האָט זיך געזעצט, האָבן אַלע פינף יידן געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים. ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט זיינע באַגלייטער געוויזן די בעריאָזע מיט די דריי לעכלעך, וווּ ער האָט נעכטן געבענטשט און געצונדן חנוכה־ליכטלעך. נאָר היות ער האָט נישט איצטער

מיט זיך דעם שאַרף־שפּיציקן שטילעט אויסצודליבען דאָס פּערטע לעכל, וועט ער בלויז אָנצינדן סימבאָליש דריי ליכטלעך, אַזוי ווי נעכטן, בעסער עפּעס ווי גאָרנישט. אין דער היים וועט ער שוין פאַרבעסערן. ער האָט אַריינגעגאָסן בוימל אין יעדן פון די נעכטיקע דריי לעכלעך. ער האָט אָנגעצונדן די דריי קנייטלעך און געמאַכט אַ ברכה, ווי אַ נר־תמיד, מיט דאַנקבאַרשאַפט צו גאָט וואָס האָט אים מציל געווען פון די הונגעריקע וועלפס ציין. ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער איז געווען זיכער, אַז גאָט האָט אים געהאָלפן ניצל צו ווערן פון די חיות־רעות נישט פאַרצוקט צו ווערן, טאַקע נאָר דערפאַר ווייל ער איז אַן אָפּגעהיטער ייד. אַז אַפילו אין דער גרוילנדיקער געדיכטעניש פון אורוואַלד, האָט ער געדענקט מקיים צו זיין די טראַדיציאָנעלע מצוות פון צינדן חנוכה־ליכטלעך. אין אָנדענק פונעם אויסטערלישן נס וואָס גאָט האָט געטון מיט מתתיהו הכהן און זיינע העלדישע זין, קעגן דעם ווילדן און באַרבאַרישן אכזר אַנטיוכוס הרשע און משומדים־פאַרעטער.

— 3 —

יענע נאַכט פון ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדערס געראַנגל מיט די וועלף, איז נאָך עפּעס פאָרגעקומען: צו האַלבער נאַכט, בשעת די געדיכטע חשכות האָט פאַרדעקט דעם אורוואַלד און די אַטמאָספערע איז געווען שוואַרץ און דושנע ווי אַ סאַזשעדיקער קוימען; דער קלעפּיקער הימל — איין שטיק שנייענדיקע מאַסע, דער פראָסט האָט געפרירט נאָז און אויערן, אַז עס איז שווער געווען צו כאַפּן דעם אָטעם. אין יענער נאַכט, פון ר׳ אַלעקסאַנדערס אָנצינדן שוין צום צווייטן מאָל די דריי חנוכה־ליכטלעך, איז פאַר דער עקזאַלטירטער, אַבערגלויבערישער און דער־שטוינטער פוילישער פויערים־מאַסע, געשען נאָך אַן אויסטערלישער נס.

צוליב דעם געדיכט־זויערענדיקן שניי, האָבן די פירער נישט אַזוי גרינג געקענט טרעפן צו דער סודותפולער בעריאָזע מיט די אויסגע־בויערטע לעכלעך, וווּ דער ייד אַלעקסאַנדער זיסקינד האָט אָנגעצונדן און איבערגעלאָזט די נאָך זיך ברענענדיקע חנוכה־ליכטלעך. ער, ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד, האָט זיך שפּעטער דערוווּסט פון דעם.

מינוטן נאָך דעם ווי דער געדיכט־פאַלנדיקער שניי האָט אויפגע־הערט צו שיטן, האָט דער זאַיקעוואַטער יאַש, דער מאַן פון דער וועשין און היגער־גנבטע, און טאַטע פון דער אַכצן־יעריקער פּרעכטיקער נאַ־טאַלקאַ, אַ משונהדיקן ריטשע געטון, ווי אַן אָקס וואָס קריגט אַ זעץ מיט

אַ האַמער אין קאָפּ, פון אַ קײלער. אַז האָר און נעגל האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער ריכטונג, ווו עס האָבן זיך געפלעמלט די חנוכה־ליכטלעך. ער האָט שטאַמלענדיק געריטשעט:
— אָאָאָ יעזוססס מאַאַאַריאַאַאַ, אָאָאָ דאָאָאָרט זעעע איך דרדריי פייעעערלעעעך הייליקעעעע זעעעע איייך!....

די אָרעמע פּאָליאַקן, נעבעך, האָבן שיר נישט געחלשט פון טויט־שרעק און גוואַלדיקער עמאָציע. זיי אַלע האָבן ספּאָנטאַן, אין אַן אָנפאַל פון מורא און שטוינונג, אַנידערגעקניט אין טיפן שניי און אײַז און האָבן תפילה געטון צו זייער גאָט, וואָס זיי האָבן געזען אינעם געשטאַלט פון די חנוכה־ליכטלעך.

פּלוצים האָט זיך צעבושעוועט אַ בייזער און שטאַרק פייפנדיקער הוראַגאַן. דער שטורעם האָט געבראָכן צווייגן און ביימער־שפּיצן. דער פראַסט האָט געסמאַליעט און געביסן מיט גוואַלדיקער רציחה — אַ שרעק. גאַנצע פלאַכטעס שניי האָט זיך געגומען שיטן פון דעם קאָמ־פאַקטן, שוואַרץ־פעכענעם הימל. די עמפינדלעכע שפּיצן פון די אייביק־גרינע נאָדל־ביימער, האָבן זיך צעפידלט מיט אַ האַרמידער־געפילדער. דער שניידנדיקער הוראַגאַן האָט געפייפט, געוואויעט, געריטשעט און גע־ברומט מיט אַ דונערדיקער גבורה. די פאַנאַטישע און אַבערגלויבערישע פויערים האָבן געוואָלט דאָרט פאַרבלייבן, אַלס שומרים פון דער הייליקער בעריאָזע, ווו דער מופת פון די דריי צאַנקנדיקע חנוכה־ליכטלעך זענען אויסגעלאָשן געוואָרן פונעם פלוצימדיקן שטורעם־ווינט.

— פאַנאָוויע (הערן), מיר אַלע דאָ זענען טאַקע זייער פרומע קאַ־טויליקן, אמתדיקע קריסטן. עס איז אָבער אַ גרויס געפאַר דאָ לענגער צו פאַרבלייבן, ווייל מיר אַלע קענען דאָ געפרוירן ווערן ווי די טאַראַקאַנען, אָדער געניזוקט ווערן דורך די אַלערליי מינים טייוולאָנים, שדים און סתם רוחות, וועלכע פאַרשטעלן זיך פאַר וועלף, בערן, ווילדע חזירים און אַנדערע שלעק. זיי, די שלעכטע גייסטער פאַרשטעלן זיך ס׳רוב־מאָל, גראָד ווען עס באַווייזן זיך מופתים, אָדער אַזאַ מין אויסערגעוויינלעכער געטלעכער נס — האָט געזאָגט דער פאַן יענדרעק קאָגוטשאַוש, אַן אי־בערגעוואַקסענער קעלבאַשניק, מיט אַ געשטאַלט פון אַן אויסגעפאַ־שעטן חזיר.

דער עלצטער פויער פון דער וואַלדיקער באַפעלקערונג, פאַן אַדאַ־ביאַן ריבאַצקי, דער געלערנטסטער פון אַלע פויערים פון יענער געגנט, וואָס האָט געקענט לייענען און אַפילו שרייבן אויך, האָט פאָנפענדיק אַ געשריי געטון: „כלאָפּי אי קאָביטי״ (פויערים און פויערטעס), צוריק אין

די כאַלופּעס אַריין! דער פֿאַן יעזוס, און זיין הייליקע מאַמע, די בתולה מאַריאַ, ווי אויך יעזוסעס טאַטע, דער הייליקער פֿאַן יוזעף, וועלן נישט אַנטלויפֿן. אויב עס איז אמת, אַז זיי האָט זיך פֿאַרגלוסט צו באַווייזן זיך פֿאַר אונדז דאָ אין וואַלד אין דער געוואַלדיקער קעלט, וועלן זיי אוודאַי אויף אונדז וואַרטן, ביז דאָס וועטער וועט אַביסעלע מילדער ווערן.

נאָר דאָ איז ווידער געשען אַן אויסטערלישער נס: דער שטאַמלענדיקער יאַש גורעצקי, אַ האַרץ־ליידנדיקער מכמה יאָרן צוליב זיין שכרות און עראָטישן מיסברויכן, איז אין זיין עקסטרעמען אַבערגלויבן־אָנפֿאַל, צוגעלאָפֿן צו דער בעריאָזע וווּ עס האָבן זיך געהאַט געברענט די חנוכה־ליכטלעך און אַנידערגעקניט אין טיפֿן שניי. פּלוצים האָט ער אַ כאָרכלענדיקן, אויסגעצויגענעם געשריי געטון ווי אַ נישט דערשאָכטענער האָן: אַאָאָ יעעזוס מאַאַאַריאַאַאַ! און אַ פֿאַרשטומטער אויף אייביק, איז ער אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן רוקן — אַ טויטער.

דעם גראַפֿס פֿעלדשער האָט שפּעטער פֿעסטגעשטעלט, אַז פֿון גרויס עמאָציע און התלהבותדיקער נאָסטאַלגיע, האָט דער האַרצליידנדיקער יאַש געקראָגן אַ בליציקע אַפּאָפּלעקציע.

דער פֿאָרפֿאַל מיטן שטאַמלענדיקן און טויבן יאַש גורעצקי, איז פֿאַר די אומוויסנדיקע און אַבערגלויבערישע פּויערים, נאָך געווען אַ פּרעלודיע צו אַ סימן פֿון אַ מין ניסים ונפֿלאות, אַז יעזוס מיט זיין גאַנצן שטאַב הייליקע האָבן זיך באַוויזן פּנים־אל־פּנים צו די גליקלעכע פֿאַנאַטיקער און זיינע אומקאָנדיציאָנעלע גלוביקע.

אָבער גליקלעכער פֿון אַלע איז דאָ געווען יאַשעס אלמנה, פֿאַני קאַשקאַ גורעצקאַ. זי איז אויך געווען אַזאַ אַלקאָהאָליקערין ווי איר יאַש, אַ שיכורטע בת שיכור. נאָר דער פּלוצימדיק־געשטאָרבענער יאַש איז געוואָרן ביי די נאַיווע און סוגעסטיאָנירטע פֿאָלק־מענטשן, אַ הייליקער מאַרטירער. אַ סימן: יאַש גורעצקי איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געהאַט די זכיה צו זען די חנוכה־ליכטלעך, לעבן וועלכע ער איז געשטאָרבן. דערפֿאַר האָט מען איר געבערענגט מתנות, ווי אויך פֿאַר איר פֿרעכטיקער טאָכטער, נאַטאַלקאַ. זי, נאַטאַלקאַ, איז געווען אַ שניידערקע. זי האָט גענייט פֿאַר דער פֿרוי שרה־לאה, ר' אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינדס ווייב און טעכטער. נישט איינמאָל האָט זי מיט עראָטישער גיריקייט געקוקט אויף דעם הדרת־פּנימדיקן ייד און זי האָט געטראַכט: ווען איר געקרייציקטער גאָט זאָל קענען איר העלפֿן, וואָלט זי אים געבעטן, ער זאָל איר נאַראַיען פֿאַר אַ מאַן טאַקע נאָר אַ ייד און אַזאַ שיינעם און גוטן ווי איר באַלעבאָסטעס מאַן איז. נישט איין מאָל האָט זי געחלומט

מיט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער. זי וואָלט זיך אַפילו מגייר געווען אויך. זי האָט געוווּסט דעם אמת וועגן די חנוכה־ליכטלעך און וועגן דעם אויס־געטראַכטן נס פון די פאַנאַטישע פויערים. און אַז זי איז געוווּיר געוואָרן וועגן ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדערס העלדישקייט, אַז ער איינער אַליין האָט אויסגעהרגעט אַזוי פיל וועלף און די רעשט פאַרטריבן פונעם וואַלד, האָט זי זיך נאָך מער פאַרליבט אין דעם שיינעם און גוטינקן ייד.

די נײַעס וועגן די ניסים ונפלאות פון די חנוכה־ליכטלעך, און די אויסטערלישע מופתים פון דער בעריאָזע, מיטן פלוצימדיקן טויט פון דעם אַלקאָהאָליזירטן טויבן יאַש, וואָס איז געשען אין „הייליקע" אומ־שטענדן אין די סאַמע געדיכטעניש פון דער טייגע־ווילדעניש, איז דערגאַנגען ביז צו פּאָטאָצקיס פּאַלאַץ. און הגם דער גראַף, ווי זײַן גלח האָבן געוווּסט דעם אמת וועגן כלומרשטן קריסטלעכן נס, האָבן זיי דרינגענדיק גערופן ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער, פאַרוואַלטער פון ר׳ חיים־זלמן קאַבילאַדזשם שטיק וואַלד. דער גראַף האָט אים אויפגעפאָדערט, אַז ער זאָל עדות זאָגן, מיט אַ שבועה ביי אַ ספר תורה, אַז ער, אַלטער אַלעקסאַנדער, האָט אויך געזען דעם געטלעכן נס מיט די ווזיעס וואָס די סוגעסטיאָנירטע פויערים האָבן אויסגעטראַכט. נאָר ווען ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט געענטפערט פעסט און מיט ווירדע, אַז ער וועט קיין פאַלשע עדות מיט אַ שבועה צי אָן אַ שבועה, נישט זאָגן, ווען ער זאָל אַפילו וויסן, אַז פאַר נישט וועלן עובר זײַן אויף אַ געזעץ פון די הייליקע צען געבאָט, וועט מען אים אָנטון די שווידערלעכסטע עינויים, האָט דער גלח זיך גענומען רעדן צו אים מיט פרום־צוגעמאַכטע אויגן:

— געדענקט־זשע פאַניע אַלעקסאַנדער זיסקינד, אַז אויב איר ווילט נישט שווערן, איך מיין, זאָגן דאָס וואָס דער לייכטגלויביקער גראַף האָט אייך פאָרגעשלאָגן, וועגן אַן ענין וואָס אים אינטערעסירט, וואָלט גוט געווען סיי פאַר אייך, ווי פאַר אייער גאַנצער ראַסע. איך פון מיין זייט, ראָט אייך צום גוטן, ווייל איך האָב גאָטס גייסט אין מיין איידל האַרץ, אַז איר זאָלט זיך אָנהענגען אַ שלאָס אויף אייער מויל, אויב איר ווילט, אַז אייער פאַמיליע און איר זעלבסט זאָלן געניסן פון דעם הייליקן גענאָד און געטלעכע טוגנטן אויף דער נאָבעלער פּוילישער ערד. קיינער בעט אייך נישט, איר זאָלט נאָכפּלאַפּלען וואָס אַנדערע זאָגן, אַז זיי האָבן „געזען". קיינער בעט אייך אָבער אויך נישט, אַז איר זאָלט זאָגן אַזאַ מין אמת, וואָס וועט ביי מיליאָנען גלויבישע, קלינגען ווי אַ נישט־אמת, ווי אַ פּראָפּאַגאַציע. — האָט איר מיך כאָטש פאַרשטאַנען, פאַניע אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד?

— ניין, שאַנאָווני פּאַניע גלח, איך וועל קיינעם נישט דערציילן און קיינעם נישט אויסזאָגן, אַז די דריי ליכטלעך וואָס איך האָב אָנגעצונדן אין די לעכלעך פון דער בעריאָזע אין וואַלד, ווו איך האָב געהאַט פאַרבלאָנדזשעט, האָבן גורם געווען צו אַ ניסים-ונפלאות-סוגעסטיע ביי די אומוויסנדיקע און אַבערגלויבערישע פּויערים, וועלכע זענען געגאַנגען מיך זוכן, — האָט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד געענטפערט צווייַדייטיק, נאָר גאַנץ ערנסט.

דער אַפּיקורסישער גראַף האָט געשוויגן. ער האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן פונעם פּסוק אין משלי „גם אויל מחריש, חכם יחשב". ווייל אַזוי האָט זיך אים געלוינט צו זיינע גרעפישע געשעפטן. ער האָט ווי אַ גענייטער סוחר שאַכער-מאַכער, געטראַכט זיין שלאַכעצקע טראַכטעניש:

דאָ וועט ווערן אַ פּאַראַפיע, אַ באַוווינטער צענטער מיט פרומע קאַטוילקן און מיט פרומע, פאַנאַטישע פּויערים-קאַטוילקן, און אַפילו אַנדערע קריסטלעכע סעקטעס. אויף דעם אָרט פון דער בעריאָזע מיט די יידישע „זאַבאַנבאָנע" חנוכה-ליכטלעך, וואָס דער ייד האָט אָנגעצונדן אין אָנדענק פון זייער אומאָפּהענגיקייט-מלחמה, וועט זיכער אויפגעשטעלט ווערן אַ קירכע, נאָר אַ גרויסע, מיט אַ גרויס דאַרף און אין די דערפער אַרום — קאַפּליצעס. ביי דער זייט פון דער קירכע וועט וווינען אַ גלח, אַן אָרגאַניסטקע און אַ קאַשטשעלנע. דאָס גאַנצע געהילץ פון זיין אומענדליכן וואַלד וועט צענפאַכיק, און אפשר גאָר צוואַנציק-פאַכיק טייערער ווערן. בלויז איין קוואַדראַט מעטער ערד וועט אפשר מער ווערט זיין ווי איצטער אַ גאַנצע „מאָרגע". פּויערים רייכע און אָרעמע, ווי אויך בעלי-מלאכות און סוחרים וועלן זיך באַזעצן נישט ווייט פון דער קירכע. אין זיין אויסגעלייזיקטע קאַסע וועלן די פאַרשימלטע שופלאָדן ווידער אָנגעפילט ווערן מיט גאָלדענע דוקאַטן, דימענטן, בריליאַנטן, שמאַראַגדן און רובינען, אַמאַטיסטן און טאָפּאַסיען אַ שלל... האָט דער גראַף פּאָטאָצקי געטראַכט זיין נאָבעלע טראַכטעניש. ער האָט זיך געריבן די הענט מיט אַ פרייידיקער גאָטלאָזער גאַטזעליקייט.

— און דער קאָנטראַקט מיטן יידישן דזשעדזשיק? — האָט דער אַביסעלע באַטרונקענער גלח געפרעגט דעם בגלופענעם גראַף, נאָכדעם ווי ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער איז געהאַט אוועקגעגאַנגען.

— וואָס הייסט, וואָס עס וועט זאָגן דער קאָנטראַקט מיטן ייד? דער קאָנטראַקט וואָס אַ גראַף צי קעניג מאַכט מיט ווענען עס זאָל נישט זיין, איז הייליקער אַפילו פון דער האָסטיע. באַזונדערס האָב איך דאָך פאַרקויפט דעם ייד בלויז די ביימער, נאָר די קרקע-בתולה, איך מיין די ערד,

דאָס פֿעלד, איז דאָך מײַן אייגנטום. אַ ירושה פֿון „דזשאַדי־פּראַדזשאַדי״ (זיידעס־אורזיידעס) ביז אויף אַלע אייביקייטן. זאָל דער ייִד נאָר האָבן אויסגעהאַקט און אויסגעקאָרטשעוועט די ביימער מיט די פּיענקעס און זייערע וואָרצלען; זאָל ער נאָר אויך ריין מאַכן די ערד נאָכן האָבן אויסגעהאַקט די ביימער און קשאַקעס, וועט מײַן פֿאַרמשכנט גראַפֿנטום געהאָלפֿן ווערן. דער וווּיל־געבוירענער קשאָנדז (גלח) וועט דעמאָלט פֿאַרמאָגן לעבן מיר מער דוקאַטן, ריינע, גין־גאָלדענע, ווי די כאַמעס לייז און גנידעס אין זייערע חזירישע, קאָלטונעוואַטע קעפּ. אויך מער ווי די ייִדישע „קאַפּאָטשאַזשעס״ פֿאַרמאָגן פֿליי און וואַנצן אין זייערע בעטן. די פּויערישע כאַמסקע „רילאָס״ (חזיר־שנוץ) וועלן פֿאַרדינען בײַם אויסהאַקן דעם וואַלד בײַם ייִד אַן אַפּוטיקה, וואָס וועט מערסטנס אַרײַנפֿאַלן גלײַך אין מײַן שטאָלענער קאַסע. עס וועלן דערנאָך קומען נאָך ייִדן. די ייִדעלעך וועלן עפּענען געוועלבער; זיי, די ייִדעלעך זענען פֿעיִקע סוחרים און געניטע אינדוסטריאַלן. אַזוי, אַז עס וועט גענוגענען פֿאַר לײַט און פֿאַר גאָט. איך מיין, פֿאַרן פֿאָטערל...

— וואָס מיינט דער אַלמעכטיקער און העל־געבוירענער גראַף וועגן מײַן ווײַניקייט?

— וואָס? וואָס איך מיין? איך מיין געזונט, גאָלדענע רענדלעך, ד״ה פּוילישע, עכט פּוילישע גאָלדענע דוקאַטן, ווײַן, גוטע ציגאַרן און שיינע, יונגינקע פּאַניענקעס, פּאַפּירוּוקעס, אײדעלע, נישט קיין שמוציקע, ווי עס זענען די כאַמסקע טעכטער, פֿון וועלכע עס אַווירט מיט צואה און השתנה, נאָר „שלאַכעטנע״ (אַדעליקע). נו, נו, פֿאָטערל, די רעשט, דאַכט מיר, דאַרפֿט איר, שוין אַליין וויסן וואָס צו טון מיט די דופּטיקע פֿאַראַדיזן, וואָס אַזעלכע נימפֿען פֿאַרמאָגן — האָט דער ציניִשער אַדעלמאַן גערעדט הפֿסקהווייז.

— „פּער באַקאָ״! אָ, יעזוס מאַריאַ! מען טאָר אַזוי נישט רעדן צו אַ גלח! ניין מען טאָר נישט, העל־געבוירענער און אַלמעכטיקער גראַף! עס איז אַ גרויסע און אומפֿאַרגעבלעכע עבֿירה! איך בין דאָך גאָטס פּריסטער. איך טאָר דאָך צומאָל נישט טראַכטן פֿון קיין פֿרוי. עס טאָר דאָך מיר צומאָל נישט קומען אויף דער מחשבֿה די געשטאַלט פֿון קיין שום נקבֿה, מעג זי אַפֿילו זײַן אַזוי שיין ווי די דזשיאָקאָנדאַ פֿון פֿון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי... נאָר אויב אַזוי וועט זײַן גאָטס ווילן און באַפֿעל ווי דעם גראַפֿס, וועל איך אויספֿאָלגן דעם געבאָט. איך וועל פֿאָלגן פּונקט אַזוי ווי דער הייליקער פּאַטריאַרך אַברהם בײַ דער עקדה. יאָ, איך וועל פֿאָלגן אַזוי ווי דער נבֿיא הושע בן בארי...

— נאָר וואָס וועל איך טון מיט די „זשידקעס" (יידעלעך)? זיי, די נישט-גלויביקע, ווערן אַזוי שנעל רייך — האָט פּאָטאָצקי געפרעגט דעם גלח שוין מיט אַ פּרעכער צעטראָגנקייט.

— זאָל דער גרויסער און ווייט-זעעוודיקער גראַף דערוויַיל זיי לאָזן צורו. זאָלן זיי נאָר באַלעבן און באַפּעלקערן די ווילדענישן. זאָלן די יידן נאָר אויפשטעלן הייזער, פּאַלאַצן, בענק און פאַבריקן. זאָלן זיי אַביסעלע ציוויליזירן אונדזערע באַרבאַרישע און פּאַרלייזיקטע פּויערים, זיי אויסלערנען, די פּויערישע שכורים-כאַמעס, אַביסעלע פון די יידישע אוניווערסאַלע קענטענישן, פון די יידישע טוגנטן און אויפכאַפּ-פעיקייטן, וואָס שייך אין מסחר, אינדוסטריע און פינאַנצן. זאָלן די יידן אויסלערנען די פּוילישע פּוילענצער, זייערע, די יידנס, פּאַרנונפטיקייטן און מאָראַלישקייט אינעם פאַמיליע-לעבן, אין וועלכע די פּוילישע קריסטלעכע האָרדעס זענען נאָך אַזוי צוריקגעשטאַנען, אַזוי אָרעם. אפשר נאָך אָרעמער ווי דער טאַטער און קאַפּושניאַק-מאָסקאַל צוזאַמענגענומען. זאָלן די יידעלעך נאָר אַלעמען באַקליידן. און דערנאָך...

— יאָ, יאָ, טאַקע און דערנאָך? — האָט דער גראַף אַ שטאַרק אינטריגירטער, געפרעגט דעם גלח.

— און דערנאָך מאַכט מען אַ שטיקעלע פּאָגראָם איבער זיי, און שוין. קיינער וועט זיך נישט אָננעמען פאַר זיי, פאַר די יידן, ווייל זיי האָבן נישט קיין פאָטערלאַנד זינט טיטוס האָט צעשטערט זייערע שטעט און דעם בית-המקדש. די יידן האָבן נישט קיין אַרמיי און קיין קאַנאָנען וואָס זאָלן זיך קעגנשטעלן די הריגות אויף זיי. מען נעמט צו זייער פאַרמעגן, אַזוי ווי די הייליקע קעניגין איזאַבעל האָט געטון מיט זיי אין שפּאַניע, אויב זיי וועלן נישט וועלן אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן — האָט געענטפערט מיט אַ תליון-שמייכל דער גאָטספאַרכטיקער און רחמנותפולער גלח.

— אַ גוטע און פּרעכטיקע אידעע, פאָטערל, כ'לעבן... איך, דער גרויסער „כראַביע" (גראַף) פּאָטאָצקי, האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דער פּריסטער איז אַזוי געניאַל, אַזוי קלאָר ווי דער טאָג אָן אַ שום וואָלקן-פלעק אין דעם כאַבער-בלויען הימל-געווע‌ב — האָט דער אָנגעטרונקענער גראַף געחנפעט דעם אויך נישט צו ניכטערן פאָטערל.

אין עטלעכע חדשים אַרום, האָט דער גראַף אויפגעפאָדערט דעם דזשעדזשיץ ר' חיים זלמן קאַבילאַזש, ער זאָל זען וואָס שנעלער אויסצוקאָרטשעווען און אויסצוואָרצלען די פרייע שטחים סטעפּ וואָס וועלן בלייבן נאָך די אויסגעהאַקטע ביימער פון דעם געוועזענעם שטיק טייגע.

דער גראַף האָט אַרגומענטירט, אַז ער וויל דאָרט באַזעצן די נע־ונדניקעס, באַדנלאָזע פּויערים, וועלכע וועלן באַאַרבעטן די פעלדער, זיי באַמיסטיקן און באַפרוכפּערן, און אַרום באַוועלטיקן.

דער גראַף האָט געגעבן ר׳ חיים זלמן קאַבילאַזש צען יאָר צייט אויסצוהאַקן אַלע ביימער פונעם שטיק וואַלד וואָס ער האָט אים פאַר־קויפט. ער האָט געשטעלט אַ תנאי, אַז פינף אויף פינף וויאָרסט אין אַלע פיר זייטן, מוזן אָפּגעראַמט ווערן במשך צוויי יאָר פון זינט דעם מעטאַ־מאָרפאָזישן „נס" פון די דריי חנוכה־ליכטלעך, וואָס ר׳ אַלטער אַלעק־סאַנדער זיסקינד האָט אָנגעצונדן. דער גראַף וועט אים, ר׳ חיים זלמן קאַבילאַזשן, דערפאַר גוט באַלוינען. ער וועט אים דערנאָך פאַרקויפן נאָך אַ גרעסער שטיק אורוואַלד נאָענט פון דער ווייסל, אויב די פרייע געגנט וועט זיך טאַקע באַפעלקערן און באַרייכערט ווערן, לויטן „ווראָזשען" (נביאות זאָגן) פון דעם פאַן „פּראַבאָשטש", זיין וויזיע און עצה.

גאָט שיקט אָבער תמיד די רפואה פאַר דער מכה. צום גליק פאַרן יידישן וואַלד־סוחר, זענען אין דער אָפּגעמאָכטער צייט, אַרום דער „ניסים־בעריאָזע", שוין געווען אויסגעהאַקט מיליאַסן ביימער. עס זענען בלויז פאַרבליבן ווו־נישט־ווו און דאָס בלויז אויף דער עקסקלוזיוועך ביטע פונעם גראַף, אַ יונגיטשקער קוסט־ביימעלע, ווי אַן אַראַיאַן, אַ יאַלאָוויעץ, בעז, ליליע, אָדער איילבירט־בוים, צי אַלעאַנדראַ, וועלכע האָבן סיי ווי נישט געטויגט פאַר מעבל־פאַבריקאַציע, אויך נישט פאַר הייזער־בוי, בלויז פאַר שאָטן־צוועקן און בלומען־דופטן. עס האָט דער־פאַר נישט געלוינט זיי אויסצוהאַקן.

די עקזאַלטירטע און סוגעסטיאָנירטע פּויערישע באַפעלקערונג פון יענע טייגע־מקומות, האָט אָבער נישט געוואָלט וואַרטן ביז דער גאַנצער פאַרהייליקטער, צוגעפּסקנטער שטח וואַלד זאָל אויסגעהאַקט ווערן. מחנותווייז זענען זיי געקומען פון אַלע זייטן מיט זייערע באַבעס און בעבעכעס פון דער נאָענט און פון דער ווייט. עולה־רגלניקעס פון אַלע געגנטן פון גאַנץ פוילן, פון דייטשלאַנד, עסטרייך, פראַנקרייך, אפילו פון רוסלאַנד, זענען געקומען מחנות מענטשן אין קאַראַוואַנען זען דעם וווּנדער, וואָס עס איז געשען פון אַ ריין יידישע טראַדיציע, וואָס אַן ערלעכער און תמימותדיקער פרומער ייד האָט גורם געווען צוליב אָפּ־היטן די צוואה פון צינדן חנוכה־ליכט. די פאַנאַטישע עולה־רגלניקעס האָבן זיך אויפגעשטעלט שטיבלעך־בודעס, נישט קיין גרעסערע ווי זייערע שטאַלן; זיי האָבן עס אָנגערופן איזבאַ, אָדער כאַלופּאַ.

די וואַנדערנדיקע עולה־רגלניקעס זענען כמעט אַלע געווען היים־לאָזע, פאַרפאַלגטע פון די סאַדיסטישע פּוילישע שליאַכטשיצעס און פון די פרומע האַרצלאָזע ליים, וועלכע האָבן זיי געפרעסט פון אַלע זייטן. אַ ווילדע רעליגיעזע בהלה־אינוואַזיע ווי פון אַן אויפגעריסענעם מוראַזש־ניק, האָט ווי פון אַ פּאַקירישן היפּנאָז, מיט אַן אומזעעוודיקן ניגראַמאַ־נעטיש־ראַבדאַמאַנטישן שטיקעלע פאַרכשופט יונג און אַלט פון דער קריסטלעכער אמונה, איבערהויפּט פון קאַטוילישן גלויבן. אויף יעדן פּיצעלע פרייע ערד, ווו נאָר עס האָט ווער געקאָנט פאַרכאַפּן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אַזאַ מין „איזבאַ”. אַבי נאָר צו האָבן די זכיה צו קענען אָנקוקן די „מופסדיקע בעריאָזע”. אייניקע פון די גאָר פאַנאַטישע עקזאַלטירטע, האָבן זיך פאַרגעשלאָגן דעם ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זים־קינד, צו אַרבעטן פאַר אַ שיבוש. אַבי צו האָבן דאָס גליק צו קאָנען בלייבן ווי אַ באַלעבאָס אויף אַ שטיקעלע נחלה וואָס אינעם שטח פון די פינף אויף פינף וויאָרסט, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פאַר ישובים, מיט אַ קירכע אין סאַמע מיט פון דער בעריאָזע.

— ניין, מיינע טייערע פריינד, — פלעגט ענטפערן ר׳ אַלטער אַלעק־סאַנדער — איך קאָן נאָר אייך דערלויבן זיך אויפצושטעלן אַן „איזבאַ”, בלויז פּראָוויזאָריש. אָבער אָוועקגעבן אייך דעם פּלאַץ קאָן איך נישט, ווייל די ערד איז נישט מיינע. פאַר אַ שיבוש קאָן איך אייך אויך נישט הייסן אַרבעטן, ווייל נישט מיין געווויסן און אויך נישט מיין רעליגיע דערלויבט מיר צו טון אַזאַ מין נבלה. אויב איר וועט אַרבעטן ערלעך, וועל איך אייך צאָלן דעם גאַנצן לוין, פּונקט ווי עס קריגן געצאָלט אַלע אַנדערע אַרבעטער וואָס זענען ביי מיר באַשעפטיקט.

— איך דאַנק אייך זייער, פּאַניע אַלעקסאַנדער, איר זענט דאָך טאַקע בעסער פונעם גראַף! — פלעגן זיך הכנעהדיק אָפּרופן די אָנגעקומענע אַבערגלויביקע פּילגרימען.

נאָך דער געדענקלעכער דאַטע פון די דריי חנוכה־ליכטלעך, האָבן די פּויערים, פּונקט צום יאָר, וואָס איז אויסגעפאַלן אין די סאַמע גוואַל־דיקסטע פרעסט און שניי־זאַווערוכעס, אַרומגעטשעשעט דעם גאַנצן שטאַם־קלאָץ פון דער בעריאָזע, ביז אפשר פופצן מעטער הויך פון דער ערד, אַזוי הויך ווו עס פאַנגען זיך אָן די צווייגן, וועלכע זענען אָפּגעזעגט געוואָרן צוזאַמען מיט זייער צעכוואַליעטן צווייגן־קרוין. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ דויזיקער צלם. וואָס זיין שטאַם איז געבליבן שטעקן מיט וואָרצלען אין דער ערד, אַזוי ווי דעמאָלט, ווען דער צלם איז געווען אַ

בוים, וואָס איז געוואַקסן מיט זיין וועגעטאַלן רייץ, וואָס כאַראַקטעריזירט אַזוי די אימפּאָזאַנטע, זילבער־ווייסע בעריאָזע־ראַסע.

אַ שטיק פּלאַץ אַרום דעם צלם, ביי די הונדערט אויף דריי הונדערט מעטער, איז אַרומגעצוימט געוואָרן מיט אַ פּאַרקאַן פון יונגע טענענבוים־דרענגלעך. און צום צוויטן אַניווערסאַר פון די דריי חנוכה־ליכטלעך, כ"ט כסלו, זענען שוין געווען אַרום דעם באַצוימטן צלם, ביי די אַנדער־האַלבן טוץ אַזעלכע הילצערנע איזבאַס מיט אָפּלויף־דעכער פון שטרוי, אָדער שאַרף־גראָז. אַחוץ דעם — אַ קרעטשמע, אַ נאַכט־הויז פאַר פּיל־גרימען, ווו עולה־רגלניקעס האָבן געקאָנט איבערנעכטיקן, עסן און טרינקען און זיך גוט אָנשיכורן; אַפילו אַ סטראַזשניק (פּאָליציאַנט), ווי אויך אַ „ליבע" פאַר אַ גילדן מיט אַ סיפילים, איז אויך געווען.

צווישן יאָ און ניין, איז דער בייזער ווינטער אַנטלאָפן. אָנהייב פרילינג, ווען די פרעסט האָבן נאָכגעלאָזן, און די אויסגעשלאָפענע, אויסגערוטע זון האָט געטון איר ערשטן סאַמעט־גלעט מיט אירע נאָך צאַרטע שטראַלן, האָט דער אָנגעזאַמלטער לעבנס־זאַפט וואָס איז געבליבן אין די פאַרהוילענע אָדערן פון דער צעקאַליעטשעטער און געקרייציקטער בעריאָזע, אַ געקעפּטע און אַרומגעשונדענע, זיך גענומען אַרויסשפּאַרן פון די טיפענישן פון אירע פאַרבאָרגענע זאַפט־געפעסן אַרוים אויף איר נאַקעטן סקעלעט. און זיך געגאָסן אַראָפּ איבער איר קאָרעלאָזע פּיר־קאַנטיקע זייטן, מיט אַ קאָליר פון בלוט.

אַלע וואַלד־מענטשן, און אַפילו פעלד־מענטשן, דאַכט זיך ווייסן, אַז די קאָלירלאָזע בעריאָזע־זאַפט, ווען זי קומט אין באַרירונג מיט דער פרייער לופט, באַקומט אַ שאַרלעך־רויטן קאָליר. דאָס אומוויסנדיקע פויערטום, סעגעסטיאָנירט, פּרעדאָמינירט דורך סטימולירנדיקער עמאָציע און עקזאַלטירט שוין פון פריער, האָט ווידער געמאַכט אַ ויצעקו:

— דער בעריאָזענער צלם וויינט מיט בלוט!...

נו, איז דאָך ווידער געשען אַ נס, אַ מופת מיט דער בעריאָזע, איצטיקער צלם. אַ רמז פון „אויבן", אַז עס דאַרף טאַקע אויפגעשטעלט ווערן אַ קירכע, וואָס זאָל פאַראייביקן דעם אויסטערלישן וווּנדער פון דער מערקווירדיקער מעטאַמאָרפאָזע פונעם אור־אַלטן בוים...

פונקט צו די זיבן יאָר זינט ר' אַלטער אַלעקסאַנדער זוסקינד האָט אין דעמאָלטדיקן אַכט און צוואַנציקסטן כסלו פון אַ שרעקלעך פראָסטיקער נאַכט, אָנגעצונדן דריי חנוכה־ליכטלעך אין אָנדענק פון נס־חנוכה און יידישער באַפרייונג, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ קירכע, ריזיק

גרויס, לאַנג און ברייט, מיט שאַרף-שפּיציקע טורעמס, ווי באַגנעטן-שפּיצן, וואָס האָבן זיך געריסן אַרויף ביז אונטער די וואָלקנס.

די געביידע איז געבויערט געוואָרן פון האַרט-געבראָטענע ציגל, צעמענט, זאַמד און וואַסער-שטיינדלעך (דזשוויר), מיט אַ געמיש פון אייזן און מעטאַליטן-בלאָקן. אין אַלע פיר זייטן פון דער מאַסיווער קירכע, זענען די ווענט באַצירט געוואָרן מיט ריזיקע סטאַטועס פון הייליקע, וועלכע האָבן בײַם לעבן אפשר מער געזינדיקט קעגן גאָט און מענטש ווי אַן אַנדערער פשוטער בשר-ודם. די הויכע, האַלב-רונדע פענצטער זענען אָרנאַמענטירט געוואָרן מיט פיל-קאָלירטע שויבן, מיט געמעלן פון מלאָכים, אַלערליי קאַרדינאַלן און פּויפּסטן. דער גאַנצער געמעל, סקולפּטור און אימפּאָזאַנטער געבוי אין אַלגעמיין פון דער קירכע, האָט געוויזט מיט פחד און טויט-שרעק אויף יעדן יידישן דורכגייער. אָט דער גאַנצער קירכלעכער קאָנגלאָמעראַט האָט געמאַכט דעם איינדרוק אויף יעדן ייד וואָס האָט זי דערזען, פון פּאַרצייטיקע מאָנאַסטיר-געביידעס און פון די אינקוויזיטאָרישע פּיראַמידן-שפּיצן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

דער סיום פון דער קירך איז אויסגעפאַלן אין דער ערשטער נאַכט פון יידישן פסח, צוזאַמען מיט דער קאַטוילישער פּאַסקוואַ. אין יענער פינצטערער צייט איז ביי די פּאָליאַקן אין די דערפער געווען אַ הייליקע טראַדיציע: אויסצוהאַקן די שויבן ביי די שוצלאָזע יידן, זיי צו שלאָגן, ראַבירן, הרגענען, פאַרגוואַלדיקן צנועהדיקע יידישע בתולות און פאַרשוועכן יידישע הייליקטימער. די שוידערלעכע מעשים-תעתועים פלעגן מערסטנס אָפּגעטון ווערן אין די פּאַסקוואַ-טעג, אַלץ אין נאָמען פון יעזוס קריסטוס, זייער דערלייזער... וועלכער איז לויט זייער טראַדיציע, געווען דער בעסטער מענטש פון יענער פאַרגאַנגענער יידישער עפּאָכע.

אַרום דעם קירכן-הויז וואָס איז געשטאַנען אַ פּופּציק מעטער אָפּגערוקט פון דער קירכע, איז געווען אַ פּרעכטיקער אַרומגעצוימטער גאָרטן, באַזעצט מיט די בעסטע פּרוכט-ביימער און פון אַראָמאַטישע בלומענפּלאַנצן, וואָס האָבן פאַרשמעקט מיט זייער זעלטענעם דופט דעם גאַנצן ישוב אַרום. אין סאַמע מיט פון דעם ריזיקן גאָרטן, איז געשטאַנען אַ פיינער שווים-באַסיין מיט קרישטאָל-קלאָר וואַסער. ביי דער זייט, אַ קלענערער פיש-באַסיין, מיט די פּרעכטיקסטע אַלגאַ-פּלאַנצן, באַשאָטענע מיט קנאָספּן און צעעפנטע בלומענקווייטן, אַרום וועלכע עס האָבן געראָיעט די עקזאָטישסטע פישעלעך פון אַלע טייכן און ימים. אין אַ ווינקל פונעם גאָרטן זענען געווען ספּעציעלע אָפּגעצוימטע אַפּטיי-

לונגען פאַר ווילדע חיות און פייגל, ווי אויך אַפּצוימונגען פאַר היימישע חיות און עופות.

יענע נאַכט פון יידישן פּסח און קאַטוליש־פּוילישן וויעלקאַנאָץ, איז ווידער געשען אַן אויסטערלישער נס, אָדער מופת:

דער ניי־אָנגעקומענער גלח, ביים עסן די הייליקע וועטשערע פון די אַכט־ניין פּאַטראָנעס, צוזאַמען מיט זיינע אינטימערע מקורבים, ביי זיך אין ספּעציעלן עס־צימער, אָפּגעזונדערט פון דער קוריע, איז פּלוצים געשטאָרבן ווי פון אַ „האַרץ־אַטאַק".

נו, אויב אַזוי, אויב דער געזונטער און אָנגעגעסענער גלח מיטן רויטן קאַרק איז געשטאָרבן אַזוי פּלוצים ווי פון אַ האַרץ־אַטאַק באַלד נאָך דעם גאָט־דינסט, אין דער הייליקער פּאַסקוואַ־נאַכט, איז עס נאָר דערפאַר, מחמת דער געשטאָרבענער איז געווען אַ הייליקער. נישט אַנדערש ווי נאָר דערפאַר, ווייל מען האָט אים גערופן פון הימל. ווייל ער איז טאַקע געווען אַ הייליקער.

דערפאַר וואָלט דאָך געווען אַ יושר זיך אַ שפּיל צו טון מיט די יידן. און די גאָטפאַרכטיקע פּאָליאַקן האָבן טאַקע אַזוי אויסגעטייטשט. אַז אַזוי דאַרפן זיי טון צוליבן נס וואָס עס איז געשען מיטן גלח, וואָס איז עפּעס אַזוי זיך פּלוצים געשטאָרבן ביים עסן מיטן בעסטן אַפּעטיט די מאַקאַראָנעס וואָס זענען געקויפט געוואָרן אין יידישן שפּייז־געוועלבל. נאָר כאָטש קיינעם פון די געסט און דינערשאַפט וועלכע האָבן אויך גענעסן פון די זעלביקע לאָקשן, מיט דער זעלביקער יויך, וואָס זענען געקאָכט געוואָרן אין זעלביקן טאָפּ, פון וועלכע דער געשטאָרבענער האָט געהאָט גענעסן, און עס האָט זיי קיינעם נישט געשאַדט אחוץ אים, האָט מען פונדעסטוועגן געשלאָגן יידן.

אין אַ פאַר וואָכן אַרום איז געקומען אַ צווייטער גלח, אַ יונג — אַ ריז, ממש אַ בוהיי, גראָב און דיק, אויסגעפּאַשעט ווי אַ געקראָפּטע גאַנדז. ער איז געווען אַ סך העכער פון מיטל־וווקס, און דערצו נאָך, אייזן־שטאַרק. ממש אַן עכטער שיענקעוויטש „אורסוס" פון „קוואָוואַדיס", דרייסיק יאָר אַלט. נאָר צו זיין פליישיקער גבורה, איז ער אויך געווען אַ ביז־גאָר פרומער, אַ גאָטפאַרכטיקער און ערלעכער, אויך טאָלעראַנטער מענטש צו אַנדערע גלויבנס. צו די אַלע מעלות טובות איז ער אָבער אויך געווען זייער אַ רייצנדיקער מאַנספּערזאָן. דערפאַר האָבן די הייסבלוטיקע און ליידנשאַפטלעכע, פראַסטע פּויערישע נאַטור־מיידלעך און ווייבלעך, געפילט צו אים אַ גוואַלדיק־סענסועלן, צי עראָטישן יצר־הרע...

דער אַטלעטישער גלח האָט רק געפּרעפּלט תּפילות צו זיין גאָט און צו זיין גאָטס מאַמע. אַ גאַנץ יאָר פלעגט דער פרומער גלח עסן אין קליי־נעם אַלטעגלעכן עס־צימערל, וואָס איז געווען איינגעשטעלט ביי דער זייט פון דער קירך. נאָר פּאַסקוואַ, אָדער וויעלקאַנאָץ, ווען עס איז אַ מצווה צו עסן זיבן, אַכט, צי ניין „פּאַטראַוועס", האָט דאָס יונגע פּאַטערל געפּראַוועט אַ סעודה כּיד הגלח אין ספּעציעלן רעזערווירטן גרויסן עס־זאַל. עס זענען זיך צונויפגעקומען די סאַמע סמעטענע פון די גרויסע גוט־באַזיצערס, די גאָר פאַרמעגלעכע סוחרים און פּראָצענטניקעס, ווי אויך אַרויפגעאַרבעטע פּויערים מיט זייערע ווייבער און באַנקראָטירטע שליאַכטשיצעס מיט זייערע געפּאַרבטע, פרומע געליבטע; אַ סך אַנדערע פּאַנעס האָבן געבראַנגט גרעסערע סומעס מזומנים און קאָסטלעכע חפצים־מתנות פאַרן גלח און פאַר דער קירך.

נאָך חצות הלילה, נאָך יעזוסעס תּחית המתים־צערעמאָניע, האָט דער פאַרבעטענער עולם־געסט, מיטן גלחישן בעל־שמחה בראָש, זיך אַיסגע־זעצט אַרום דעם לאַנגן דעמבענעם טיש פון צונויפגעלייגטע ברעטער. די אויסגעהונגערטע געסט האָבן געגעסן די ספּעציעלע חגא־מאכלים מיט אַן אַפּעטיט פון אַ נאַר־וואָס באַפרייטן מענטשן פון אַ שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט. כּמעט אַלע אָן אויסנאַם, האָבן איבערגעחזרט די געשמאַקע קאַר־טאָפלענע קליסקעס. דאָס זעלביקע אַלע אַנדערע פּאַסקוואַ־געקעכצן. נאָר בלויז דער גלח, וואָס איז געזעסן אויבן־אָן, זייער ערנסט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּריסטער, האָט ביים סוף, ווען עס האָט אים געפעלט שוין נישט מער ווי אַ צוויי לעפל בלויזע יויך, עס אויסגעטרונקען גלייך פון טעלער אַרויס, לויט די עטישע רגילות פון יענער תּקופה. ער האָט באַלד זיך גע־פילט שלעכט און קוים געהאַט צייט אָוועקצושטעלן דעם ליידיקן טעלער אויפן פריערדיקן אָרט. ער האָט מיט ברייטצעעפנטע אויגן פון אַ געהאַנ־גענעם, אַ שפּיזל געטון צום עסנדיקן עולם וואָס איז געזעסן אַרום זיין גאַסטפריינדלעכן טיש. אַ שוים פון אַן עפּילעפּטיקער מיט שפּייעכץ־בלאָזן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע מויל־ווינקלען, מיט אַ גרימאַסע פון אַ שטאַמלער, וואָס מאַרדעוועט זיך ביים אַרויסברענגען אַ פּאָר זילבן, האָט ער שטיל, קוים צו הערן, אַ גוססדיקן זאָג געטון:

— אָ, יעזוס מאַריאַ, איך פיל מיך זייער שלעכט, איך שטאַרב! פּאַ־נאָוויע, טוט תּפילה פאַר מיר!... — נאָך די עטלעכע גסיסה־ווערטער, איז ער אַראָפּגעפאַלן פון דער פּאַטער־שטול, ווי געטראָפן פון אַ בליץ.

— 4 —

נאַטאַלקאַ גורעצקאַ, דער הינער־גנבטעם טאָכטער, איז געווען אַ געשולטע מאָדיסטקע. דאָס הייסט, אַ דאַמען־שניידערקע. זי האָט געניט פאַר דער פרוי שרה־לאה, ר' אַלטער אַלעקסאַנדערס ווייב און טעכטער. זי האָט אַגב אויך געקענט מענער־שניידעריי. נישט איין מאָל האָט זי מיט נאָסטאַלגישער גיריקייט געקוקט אויף דעם הדרת־פּנימדיקן ייד ר' אַלטער אַלעקסאַנדער און זי האָט געטראַכט איר אַכצן־יעריקן טראַכטעניש: ווען יויזל מיט זיין מאַמע־מיידל זאָלן איר העלפן, וואָלט זי געוואָלט פאַר אַ מאַן טאַקע נאָר אַזאַ שיינעם און גוטינקן מענטש ווי עס איז איר באַלע־באָסטעס מאַן... אַ סך מאָל האָט נאַטאַלקאַ גורעצקאַ געחלומט מיט ר' אַלטער אַלעקסאַנדער. זי וואָלט אַפילו געוואָרן אַ יידישקע, אַזאַ ווי איר באַלעבאָסטע איז...

די יידן זענען אין אַלגעמיין איר געפעלן געוואָרן. די יידן שיכּורן נישט און לויפן נישט נאָך אַזוי פיל אַנדערע ווייבער; די יידן שלאָגן נישט זייערע ווייבער אַזוי ווי עס טוען די קריסטן; די יידן אַרבעטן און זייערע ווייבער זענען אין דער היים און מיט אַ דינסט נאָך דערצו.

די נאַטאַלקאַ גורעצקאַ האָט אויך געוווּסט דעם אמת וועגן די חנוכּה־ליכטלעך און וועגן דעם אויסגעטראַכטן מופת פון די פאַנאַטישע און אַבערגלויבערישע פּויערים. און ווען זי איז געוואָיר געוואָרן וועגן ר' אַלטער אַלעקסאַנדערס העלדישקייט, אַז ער איינער אַליין האָט אויסגעהרגעט אַזוי פיל וועלף און די רעשט פאַרטריבן פונעם וואַלד, האָט זי זיך נאָך מער פאַרליבט אין דעם כוואַצקן ייד, ווי אין יידישן פאָלק אין אַלגעמיין. זי פאַרשטייט אָבער נישט ווי אַזוי קענען די יידן זיין טאַטעס, ווען מען שניידט אָפּ ביי די זכרים דעם הויפּט זכר־גליד... די פּאָליאַקן רופן דאָך טאַקע אָן די יידן „זשידאָווסקי אָבזשינעק" (יידישער באַשניטענער).

זי האָט געטראַכט, און איז געקומען צו אַ באַשלוס, אַז ווען ר' אַלטער אַלעקסאַנדער וועט בעטן זיין ווייב זי זאָל אים געבן וועש אָנצוטון לכבוד שבת, וועט זי פון צימער ווו זי אַרבעט, אַריינקוקן און זען...

אַ טאָג נאָך פּורים, דעם ט"ו אדר, ווען איר באַלעבאָסטע, שרה־לאה, איז אַוועקגעפאָרן מיט אירע דריי זין קיין וואַרשע איינצוקויפן אויף פּסח, איז נאַטאַלקאַ גורעצקאַ געוואָרן די גאַנצע פאַרוואַלטערין פון הויז. און פונקט ווי איר מאַמע איז געווען אַ גנבטע, איז נאַטאַלקאַ געווען אַן ערלעכע. אַפילו גאָלד און בריליאַנטן האָט זי נישט אָנגערירט. און ביי אַ געלעגנהייט האָט זי געזען וואָס זי האָט באַגערט צו זען און אויך געזען

אַזוי ווי גאָט האָט אים געשאַפֿן, האָט זי זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז ער פֿאַרמאָגט נאָך דעם כוח גברא...

אין דער גאַנצער וואַלדיקער פּעריפֿעריע אַרום כאָטאָמאָוו, זענען אין יענער צייט געווען נישט מער ווי אַ פֿינף און צוואַנציק יידישע פֿאַרפֿעלקער מיט זייערע קינדער. צווישן זיי האָט זיך אויך גערעכנט ר' אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד מיט זיין אשת-חיל, שרה-לאה, דריי זין און דריי טעכטער. ער האָט לעצטנס געווינט כמעט אין סאַמע מיט פֿונעם שטיק וואַלד וואָס ער האָט פֿאַרוואַלטעט. זיין הויז איז געשטאַנען אין דער געגנט פֿון גלוטקעס, נישט ווייט פֿונעם לעשניצע, פֿאַן יוזעף נאַוויבאַרסקי.

אין יענעם יאָר איז דער אָנפֿאַנג-ווינטער געווען אַ ביז-גאָר מילדער. דערפֿאַר אָבער, שפּעטערצו, האָט דער פֿראָסט גאַנץ נישקשה בראַווירט ביז אַ שטיק אין פֿרילינג אַריין. דער קלימאַט האָט זיך פֿלוצים און אומדערוואַרט געביטן. שוין עטלעכע טעג ווי די זון האָט געוואַרעמט אַ מחיה. פֿון דער אויפֿגעוואַכטער ערד האָט געזעצט אַ פּאַרע. די קאָרע פֿון די ביימער האָט גענומען פּלאַצן און עס האָבן זיך גענומען באַווייזן קנאָספּן-שפּיצן אויף די צווייגן. פֿייגעלעך האָבן געטראָגן שטרויעלעך, טרוקענע גראָזן, פֿעדערלעך און אַנדערע ווייכע זאַכן אויסצואַרבעטן זייערע נעסטן. די שוואַלבן וואָס זענען געהאַט פֿאַרשוווּנדן פֿון פֿוילן דעם פֿאַרגאַנגענעם אָנפֿאַנג-האַרבסט, זענען ווי פֿון הימל אַראָפּ, אומגעפֿלויגן מיט אַ זעלטענער גראַציע און געכאַפּט פֿליגן און אַנדערע אינזעקטן, צי געטראָגן געקנעטענע בלאָטע אויף צו מאַכן זיך זייערע קאָמפּליצירטע נעסטן אונטער די שטרויענע דעכער פֿון די פּויערישע כאַטעס. נאָר די ווייסל איז נאָך געווען באַדעקט מיט אַ גראָבן אייז-מאַנטל. אָבער אין די קאַרפּאַטן-בערג ווו די ווייסל ווערט געבוירן, איז געווען וואַרעם. עס האָט געגאָסן אַ רעגן-פֿאַליע שוין איבער אַ וואָך צייט, טאָג און נאַכט. אַלע טייכן, אָזיערעס, קאַנאָוועס און ריטשקעס, ווי אויך דער טיפֿער טייך נאַרעוו, וואָס פֿאַלן אַריין אין דער ווייסל, האָבן געהאַלטן אין געשווילן. הידראָגראַפֿן-מבינים האָבן פֿראָגנאָסטיקירט, אַז די ווייסל און דער נאַרעוו וועלן אַרויס פֿון זייערע ברעגן. זיי וועלן זיך צעגיסן און אָנמאַכן אַ קאַטאַסטראָפֿע. ר' אַלטער אַלעקסאַנדער, אַ שטיק נאַטור-קענער, האָט נאָך מיט וואָכן צוריק געוואָרנט דער קריסטלעכער און יידישער באַפֿעלקערונג, אַז עס לויערט אַ געפֿאַר. ער האָט אַלעמען געראָטן צוזאַמענצונעמען דעם פֿאַרשידענעם סקאָט און תבואות און ברענגען אין דאָרף אַריין, וואָס שטייט אויף אַ העכער אָרט. טאָמער נישט, וועלן אַ סך בהמות און תבואות דערטרונקען ווערן, ווען די ווייסל, נאָך דעם ווי עס וועט פּלאַצן איר

גראָבע אייז־דעק, וועט אַריבער אירע ברעגן, זיך אויסגיסן און צעשטערן די שוואַכע דאַמבעס און באַריערן. אירע כוואַליעס וועלן פאַרפלייצן די פלאַכערע פליינען און גרינגראָזיקע לאָנקעס, ווו ס׳רוב בהמות פּאַשען זיך. און די רעשט בהמות און עופות, די נישט־דערטרונקענע, וועלן זיכער פאַרצוקט ווערן פון די אַלערליי חיות־רעות, וואָס ווימלען אין די געדיכטע ווילדענישן.

נאָר ווער האָט עס געוואָלט הערן און אויספאָלגן דעם גוטינקן יידס עצה? וואָס ווייסט ער דאָרט דער ייד מיט דער קאַפּאָטע, ציצית און פאות?.. דער ייד בלייבט תמיד אַ ייד מיט זיינע ווילדע זאַבאָבאָנעס מער גאָרנישט. — האָבן זיך געוויצלט די אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן אויף זייער קסענדזאָפּאָבישן, פּויערישן שטייגער.

די געפלאָגטע פּאָר יידן, עם־הארצים, נעבעך, האָבן אויך געכאָכאָטשעט צווישן זיך אין די פּויסטן פון ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדערס נביאות און עצות: ווער פרעגט אים עצות? פון וואַנען ווייסט ער די פאַרהוילענע סודות פון גאָטס באַשאַף? און באַזונדערס: מי שמך לאיש, שר ושופט עלינו? נאַ האָסטו, ער איז געוואָרן אַ גאַנצער טרעפער. הגם אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד בנביאים? — אַזוי האָבן געטענהט די יידן.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט אָבער נישט געהאַט קיין טעות: ווען די פרומע זינדלעך פון די דיסקוואַליפיצירטע פּוילישע האָלאָדראַנצעס האָבן זיך אַ לאָז געטון צו ראַבירן און פּאַגראָמירן די עטלעכע פּאָר יידישע האָרעפּאַשנע משפחות, צוליבן טויט פון צווייטן גלח, האָבן זיך דערהערט פלוצימדיקע פאַרצווייפלטע הילפס־רופן פון רייסעווע, סקערדע, באַגנע און אָלשעוויניצע. דאָס זענען געווען זייער רייכע דערפער, וועלכע זענען באַוווינט געווען אין יענער צייט, כמעט אויסשליסלעך מיט שוואַבישע דייטשן.

די צעשטורעמטע ווייסל־כוואַליעס האָבן איינגעבראָכן די הויכע באַריערן, צעשטערט די דאַמבעס־וואַלן און מיט אַן אומגעצוימטן אימפּעט זיך צעגאָסן ווייט און ברייט. די ווילדע חיות פון וואַלד זענען טאַקע געווען די ערשטע, וואָס האָבן געזוכט צו ראַטעווען זייערע אייגענע פעלן. זיי זענען געלאָפן ווי געטריבענע פון שרעקלעכע מאָנסטרועזע באַשעפענישן, צו די מענטשישע ישובים, וועלכע זענען געשטאַנען אויף העכערע פליינען. דערווייל אָבער, אין זייער פחדימדיקן געיעג צו ראַטעווען זייערע לעבנס, האָבן זיי פאַרצוקט וויפל פרידלעכע בהמות און עופות זיי האָבן נאָר געקענט כאַפּן. זיי האָבן אויסגעדושעט און צעריסן פערד, קי, שעפּסן און ציגן, צי זיי האָט יאָ געהונגערט צי נישט. די אַזוי

גיפטיקע זשמיעס-שלאנגען און די אכט מעטער לאנגע פיטאנען (אזעלכע ווערג-שלאנגען) פון די דעמאלסדיקע זומפיקע ווילדענישן, האבן אויך א סך צרות אנגעטון בשעת זייער אימפעטפולן און בחיפזונדיקן אנטלויפן פון שרעק פארן טויט-געשפענסט פון דער שרעקלעכער פארפלייצונג.

ווען די עטלעכע יידישע פאמיליעס זענען דורך דעם פריינדלעכן פאליאק, יערעמיאזש ניעדאבריוואלסקי און די פארליבטע נאטאלקא גורעקצא, דער הינער-גנבטעם טאכטער, געווויר געווארן וועגן טויט פונעם צוויטן גלח אין די זעלביקע סודותדיקע אומשטאנדן ווי דער ערשטער, האבן זיי איינגעציטערט. די יידן האבן געהאלטן אז דער גע-שטארבענער גלח, איז געווען אן ערלעכער קריסט. און אז דער פיינער יערעמיאזש ניעדאבריוואלסקי און אויך די נאטאלקא גורעצקא האבן די יידן פארטרויט, אז די פעבל-רשעים גרייטן זיך זיי צו פאגראמירן, זענען זיי באצייטנס אנטלאפן געווארן קיין גלוטקעס צו ר׳ אלטער אלעקסאנדער זיסקינד. דער ייד האט געשמט אלס גיבור, אלציינס ווי זיינע דריי זין און גערעטענע דריי טעכטער. די יידישע פליטים האבן אויך געוווסט, אז קיין כלי-זין פעלן אויך נישט ביי ר׳ אלטער אלעקסאנדער.

נישט מער ווי קוים צוויי שעה נאכדעם ווי די טעראריזירטע יידן זענען אנגעקומען קיין גלוטקעס, וואס איז ווי שוין דערמאנט, געשטאנען אויף א הויכן פליין, האט די פארטעטערישע ווייסל פארפלייצט מיילן ווייט ארום. נאר גלוטקעס איז צום גליק ניצל געווארן פון דער גרויסער קאטאסטראפע.

א שייקע באנדיטיש-אנטיסעמיטישע שקצים און שיקסעס זענען איבערגעפאלן דעם יידישן שוסטער אהרן דוויד, וועלכן זיי האבן גע-שלאגן מכות-רצח און צעראבירט זיין ארעם ביסל פארמעגן. דערצו נאך האבן זיי צעבראכן זיין ביסל מעבל-געראטעס. צום גליק נאך וואס זיין פרוי זלאטע-פייגע מיט אירע פיר פיצלעך קינדער זענען באצייטנס שוין געהאט אנטלאפן געווארן צו ר׳ אלטער אלעקסאנדערן. און זיי, די פרומע און יעזוס-פארכטיקע פאגראמשטשיקעס וואס האבן זיך געיאגט נאך איר, זענען פלוצים ארומגערינגלט געווארן פון דעם אנלויפנדיקן ווייסל-וואסער, וואס האט געשטורעמט און געשאלט ווי א מבולדיקע לאווינע.

דעם סטאליארזשס, יארעק קאוואלסקים צוויי זין, באקאנטע רוצחים, וואלד-גזלנים, זענען דערטרונקען געווארן. איינער פון דער שייקע פאגראם-העלדן איז געביסן געווארן פון א גוואלדיק גיפטיקער שלאנג פון דער קעראסטא-משפחה. דער יונג איז עטלעכע שעה נאך דער מעשה געשטארבן מיט א מיתה-משונהדיקן טויט. א סך זענען צעביסן געווארן

פון די ריזיקע העכט וואָס די ווייסל האָט אויסגעשפּיגן פון איר טיפער וויג און זיי צעשפּרייט ווייט און ברייט אויסער אירע נאַטירלעכע גרענעצן-ברעגן. די רעשט פון דער רוצחישער באַנדע נאַכאַלניקעס, פאַרכאַפּטע פונעם אַנלויפנדיקן וואַסער, זענען בחפזונדיק אַרויפגעקראָכן אויף הויכע ביימער. זיי האָבן פון די הייכן פון די ביימער אַראָפּ, געמאַכט פאַרצווייפלטע הילפס-רופן, די ברויזנדיקע און ירגזונדיקע ווייסל-כוואַליעס האָבן פאַרטויבט זייערע אַנגסטלעכע קולות.

די מענטשישע געשרייען און הילפס-רופן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די ריטשערייען , הירזשען און בעטשן, האַווקען און וווּיען פון די שטוב-חיות, און מיט די גרויל-געוואַלדן פון די חיות און פייגל פון וואַלד און פעלד. די מענטשן אויף די רעטונגס-ביימער, האָבן מיט אַנגסטלעכן שוידער געקוקט אַראָפּ צו די זיך טרונקענדיקע, אייגענע און פרעמדע. זיי האָבן געזען ווי ברויזנדיקע כוואַליעס רייסן אויס, אָדער צעברעכן ביימער פון וואַלד און פעלד. גרויסע און קלענערע פיש, אַרויסגעוואָרפענע פון דער ווייסל-טיפעניש, זענען געווען אַ שלל. טויטע פיש, דערהרגעטע צוליבן אימפּולסיוון זיך אָנשטויסן אין אַ בוים, פיענעק אָדער שטיין, זענען אַרומגעשווימען מיט די בייכער אַרויף.

דער וואַסער-טויט האָט געלויערט פון אַלע זייטן. נאָר די מענטשישע זשעדנעקייט האָט געמאַכט גליווערן די צוקוקער, וואָס זענען געזעסן אָדער געשטאַנען אויף די ביימער. מחמת נישט קענען כאַפּן די לעשטשן, לאַקסן, קאַרפּן און העכט. די סלינע האָט זיך געגאָסן פון די מענטשנס מיילער בשעתן געפּאַר דערטרונקען צו ווערן, ווען זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז די פיש זענען זייער געשמאַקע, געקאָכטערהייד, געבראָטענע, צי געפּרעגלטע. קוקנדיק אַזוי צו די לעבעדיקע און שוין טויטע פיש וואָס זענען אַרומגעשווומען אויפן וואַסער-אויבערפלאַך, האָט דער הונגער און דורשט נאָך מער גענומען נאָגן און דרייען דעם מאָגן. דערצו נאָך האָט אַ גוואַלדיקער שלאַקסרעגן מבולדיק זיך צעגאָסן אין משך פון אַ גאַנצער וואָך.

מינוטן נאָך זריחה, נאָכן האָבן זיך איינגעשטילט אַ ביסל דער ברוכוואָלקנדיקער הימל-כליאַפּ, האָט שרעקלעך פאַרטויבנדיק אַ דונער געטון. דער טראַסק איז געווען אַזאַ גוואַלדיקער אַז דער גאַנצער בראשית-וואַלד מיט זיין יצירה-קאָנגלאָמעראַט, האָט זיך אַ קאָנווולסיוון טרייסל געטון, ווי די תבואה-זאַנגען דורך אַ הוראַגאַנישן ווירבל-שטורעם. דער גאַנצער שוואַרץ-גרויער הימל-רונד איז פאַרבליאַסקעט געוואָרן פון עטלעכע בלענדנדיקע פייער-בליצן. אַ ווײַלע אַרום, ווען דער אַנדערער גאַנצער

האַלב-צפון פון דער הימל-ספערע איז באַצירט געוואָרן מיט צוויי פּאַראַ־לעלע רעגנבויגנס, האָט אין דער דרום-זייט ווידער גענומען פליִיצן אַן אויסטערלישע פּאַליע. עס האָבן ווידער גענומען מיניען די פּאַרעטערישע, פּאַרבלענדנדיקע בליצן, וואָס האָבן פּאַרבליאַסקעט דעם גאַנצן הימל־רויז. באַלד האָט אַ פּאַרטויבנדיקער דונער געטון מיט מיליאַנען ווידער־קולות, וואָס האָבן פון די האָר געמאַכט דערנער-שפּיזן אויפן קאָפּ. נאָך עטלעכע בליצן, נאָך עטלעכע צעצווייגטע, פּאַרהילכנדיקע דונערן, וואָס האָבן אַפילו דעם שטאַרקסטן גוף מיט די אומפּילעוודיקסטע נערוון און אומדערשראָקנסטער נשמה, אויך אַרומגענומען מיט אַ טויט-פּחד. באַלד נאָך דעם האָט אויפגעהערט צו מבולען.

די פּאַרשפּעטיקטע פרילינגס-זון האָט פּלוצים גענומען שיינען אַ פּאַרדרויטלטע, אַ פּאַרשעמטע, ווי אַן אומשולדיקע יידישע כלה-מיידל, מיט אַלע אירע יוגנט-חנען. נאָר אויף דעם ברייט-צעוואַקסענעם און גע־דיכט צעצווייגטן גראָבן מאַרווע-בוים, וואָס אויף אירע צווייגן עס זענען געזעסן אין געהאַקטע צרות די צווילינג-שוועסטער מאַריאַ קאַשקאַ און מאַריאַ מאַלגאַשאַ, מיט זייערע חתנים, גורעק און שוויאַטעק, זענען גע־טראָפן געוואָרן פונעם לעצטן בליץ.

דער פּעט-לייביקער מאַרווע-בוים איז פונעם בליץ צעריסן געוואָרן אויף שטיקער, וואָס האָבן געברענט האַלאָוועשקעוויז. מאַריאַ קאַשקאַ איז געליימט און כמעט שטום געוואָרן. צו דעם נאָך איז זי שטאַרק צע־קלאַפּט און אָפּגעסמאַליעט געוואָרן. זי איז געלעגן פולשטענדיק אַ נאַקעטע. דאָס איז אויך געווען איר גליק נישט פּאַרברענט צו ווערן אויף קויל. ווען דער בליץ האָט געטראָפן דעם בוים, איז די מאַריאַ קאַשקאַ אַן אַנגעצונדענע, אַרויפגעשליידערט געוואָרן אויף אַן אַנדערן בוים און זיינע נאַסע צווייגן האָבן געטאַמעוועט דעם פּאַל. נאָר די זעלביקע צווייגן וואָס האָבן געראַטעוועט איר לעבן, זענען פּאַרבליבן מיט אירע מלבושים, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעריסן פון איר.

דערפּאַר אָבער איז מאַריאַ מאַלגאַשאַ בלויז אָפּגעקומען מיט אַן אויסגעלענקטן קנעכל פון רעכטן פוס. זי איז צום גליק אָוועקגעשליידערט געוואָרן ווייט פון דעם ברענענדיקן בוים און זי איז געפאַלן אויף אַ בערגל אָנגעווייעטע בלעטער און גראָזן, אַדורכגעווייקטע פון רעגן. נאָר די צוויי רוצחים-אַנטיסעמיטן יורעק און שוויאַטעק זענען פּאַרקוילט גע־וואָרן אויף טויט.

וואָבן שפּעטער, ווען מאַריאַ מאַלגאַשאַ איז צו זיך געקומען, האָט זי ביים „ספּאָוויעדן" זיך (מתוודה-זיין) געזאָגט, אַז דער יידישער גאָט

האָט זיי אַזוי גרויזאַם באַשטראָפט, ווייל זיי האָבן באַראַבעוועט דעם יידישן שוסטער און דערצו נאָך געשלאָגן אויך.

נאָר אין קעגנטייל, האָבן די זעלביקע יידן, וואָס די שלעכטע פּוילישע כלאָפּעס האָבן זיי פּאָגראָמירט, געראַטעוועט אַ סך פון דערטרונקען צו ווערן פון דער גוואַלדיקער פאַרפלייצונג.

אַזוי ווי נאָר ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט דערזען די שוידערלעכע פאַרפלייצונג, און ער האָט באַנומען די קאַטאַסטראָפע, וואָס די ווייסל האָט גורם געווען, האָט ער מיט זיינע בני־בית אָפּגעבונדן אַלע זיינע צען סאָסנאָווע לאָדקעס וואָס שווימען לייכט אויפן וואַסער און ער מיט אַלע זיינע קינדער און מיט אַנדערע יידן, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף די צעשטורעמטע, ברויזנדיקע כוואַליעס צו ראַטעווען די זיך טרינקענדיקע מענטשן און אַפילו זייער פאַרמעגן אויך, אויב עס וועט נאָר מעגלעך זיין.

און דער גרויסער יידישער גאָט פון די עולמות עליונים האָט געוואָלט, אַז גראַד דער פּאָגראָמירטער יידישער שוסטער אהרן דוויד, וועלכער איז אויף אַ פערד רייטנדיק, אַנטלאָפן צו ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער, האָט זיך שיפנדיק אויף איינער פון די צען ר׳ אַלעקסאַנדער זיםקינדם לאָדקעס, געראַטעוועט די צוויי רוצחישע שוועסטער מאַריאַ קאַשקאַ און מאַריאַ כאַלגאַשאַ, נישט דערטרונקען צו ווערן, נאָכן פאַרווונדעט ווערן פונעם בליץ.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדערס קינדער און זיינע משרתים האָבן מציל געווען פון אַ זיכערן טויט עטלעכע און דרייסיק פּאָליאַקן, פרויען און קינדער, וועלכע זענען געשטאַנען אָדער געזעסן מיט זייערע איינגעקלאַמערטע פּיצלעך קינדער אויף די צווייגן פון די גרעבערעביימער אָדער וואָס זענען פאַרצווייפלטע געשטאַנען ביזן האַלדז אין וואַסער אויף מוראַזשניקעס און אויף די פוקסן־בערגלעך, און האָבן אויסגעזען ווי רעטונגסלאָזע שיפּברוכיקע אויף אַ צעשטורעמטן ים.

צו די יידן וואָס האָבן זיך אַרומגעשיפט אין די לאָדקעס אויף די ברויזנדיקע און ירגזונדיקע כוואַליעס, און געראַטעוועט די זיך טרינקענדיקע פּאָליאַקן, האָבן זיך אויך אַנגעשלאָסן דער דייטש האַנס לאַנדאַ, יערעמיאַס ניעדאַבריוואָלסקי, דער סטאָלמאַך פּאַן אַנטעק שטשעטשינאַ און די פּרעכטיקע נאַטאַלקאַ גורעצקאַ, דער הינער־גנבטעס טאָכטער.

דער דייטש האַנס לאַנדאַ, יערעמיאַס ניעדאַבריוואָלסקי און דער סטאָלמאַך פּאַן אַנטעק שטשעטשינאַ, האָבן זיך אַרומגעשיפט אויף ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינדס אַ לאָדקע. זיי האָבן אויך געזוכט שיפּ־

ברוכיקע, און ער, ר׳ אלטער אלעקסאנדער, מיט דער נאטאלקא גורעצקא אין א צווייטער לאדקע.

ר׳ אלטער אלעקסאנדער מיט זיין שיינער באגלייטערין נאטאלקא גורעצקא, האבן געראטעוועט פון א זיכערן טויט עטלעכע טוץ פאליאקן, פרויען, מענער און פיצלעך קינדער, כמעט אלע זיי באקאנטע געפערלעכע שונא-ישראל.

נאטאלקא האט דערזען א קריסטלעך פויליש מיידעלע פון א זעקס יאר אלט, וועלכע איז געלעגן א נאקעטע, מיטן בייכעלע אראפ, איינגעקלאמערט מיט אירע הענטלעך און פיסלעך, אויף א גראבער צווייג פון א באיארטן צעדערבוים, אזוי ווי א מעטער הויך איבערן וואסער-אויבערפלאך. נאכן אראפנעמען דאס קינד פון דער צווייג, איז נאטאלקא, א דערשעפטע, אליין אריינגעפאלן אין וואסער און איז שיר נישט דערטרונקען געווארן.

דא האט ר׳ אלטער אלעקסאנדער זיסקינד ווידער געוויזן דעם יידישן רחמנות-געפיל, מסירת-נפש-גרייטקייט און אפהיטער פון הייליקן יידישן געזעץ „עזב תעזוב עמו”. ער האט בליץ-שנעל אראפגעווארפן פון זיך דאס לעדערנע רעקל און די שווערע שטיוול. ער איז אריינגעשפרונגען אין ווירבלדיקן און שוימיקן וואסער. ער האט מיט די ציין אנגעכאפט דעם גראבן צאפ פון דער זיך טרינקענדיקער נאטאלקא און זי צוגעשלעפט צו זיין לאדקע, וואס איז געווען פאראנקערט און צוגעבונדן צום צעדערבוים, ווו דאס זעקס-יעריקע מיידעלע איז א ווײַלע פריער געהאט געלעגן אויף א צווייג.

נאטאלקא האט געקענט א ביסל שווימען. דערפאר האט זי העלדיש געקעמפט מיטן וואסערדיקן מלאך-המוות, ביז זי איז געראטעוועט געווארן דורך דעם ייד ר׳ אלטער אלעקסאנדער זיסקינד.

עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס נאקעטע און הונגעריקע פיצל קינד וואס נאטאלקא האט א ווײַלע פריער אראפגענומען פונעם בוים, איז געווען א פארשטענדלעכס. ווען דאס מיידעלע האט געזען ווי דער ייד מיט דער לאנגער בארד האלט מיט זיינע ציין דער פארחלשטער נאטאלקאס צאפ אין מויל און שלעפט זי מיט איר אויפגעהויבענעם קאפ הויך איבערן וואסער צום שיפל, איז עס געשטאנען ביים ראנד און שרעקלעך געשריגן. זי האט גערופן צו העלפן דעם גוטינקן ייד און געווארט ביז ר׳ אלטער אלעקסאנדער איז מיט נאטאלקאן בשלום צוגעשווימען צו זיין לאדקעלע.

דאָס פּיצל קינד האָט מיט אירע שוואַכע הענטעלעך אַנגעכאַפּט נאַטאַלקאַס צאָפּ, ביז ר' אַלטער אַלעקסאַנדער איז אַרײַנגעקראָכן אין דער לאַדקע און אַרויפגעשלעפּט די שיר נישט דערטרונקענע מײדל.

ר' אַלטער אַלעקסאַנדער האָט די נאַטאַלקאַ אַנידערגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ און מיט מאַסאַזשן אַרויסגעפּאָמפּעט דאָס ביסל וואַסער וואָס זי האָט געהאַט אין די לונגען. ער האָט איר געגעבן אויסצוטרינקען אַ שלוק אַקאָוויט, און האָט איר אויסגעריבן דעם בויך, ברוסט און פּלייצע, ביז דאָס מיידל איז צו זיך געקומען.

— פּאַניע אַלעקסאַנדער, איך וועל אייך אָפּדאַנקען אַפילו מיט מיין לעבן און מיט וואָס עס וועט זיין אין מיינע מעגלעכקייטן, ווייל איר זענט זיכער אַ הייליקער. יאָ, זיכער אַ הייליקער אַזוי ווי דער הייליקער פּיאָטער, צו וועלכן איר זענט זייער ענלעך — האָט די געראַטעוועטע נאַטאַלקאַ געשעפּטשעט שטיל, קוים וואָס מען האָט געהערט.

— ניין, קינד מיינס, איך האָב דיך געראַטעוועט, לא על מנת לקבל פּרס, נישט בכדי זאָלסט מיר אָפּצאָלן, נאָר איך האָב עס געטון, מחמת איך בין אַ ייד. אַ מענטשלעכער ייד און אַ יידישער מענטש. אַ דערפילער פון גאָטס געבאָט. „עזב תעזב עמו!" — האָט גאָט שטרענג באַפוילן פונעם הייליקן באַרג סיני אַראָפּ צום יידישן פאָלק.

— איך וועל אייך אָבער אָפּדאַנקען ביי יעדער געלעגנהייט וואָס וועט מיר נאָר אונטערקומען — האָט נאַטאַלקאַ געענטפערט מיט אַנט־שלאָסנקייט.

אַ דאַנק די הילפסרופן פון דעם זעקס־יעריקן קינד, זענען דער דייטש האַנס לאַנדאַ, יערעמיאַזש ניעדאַברילאָווסקי און דער סטעלמאַך אַנטעק שטשעטשינאַ, צוגעקומען מיט דער לאַדקע פול ביז אַריבער די ראַנדן מיט פיש, טויטע און אַפילו לעבעדיקע אויך. און ווי עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, האָבן די דריי „הומאַניטאַרע" קריסטן, אַנשטאָט זוכן צו ראַ־טעווען טרינקענדיקע מענטשן, האָבן זיי בעסער זיך אָפּגעגעבן מיט כאַפּן פיש אַנשטאָט מענטשן...

— וואָס הייסט, דאַנערוועטער, העלע און טייוול נאָך איין מאָל! פאַרוואָס מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פיש־פאַנג אַנשטאָט מענטש־רעטן? ווייל די מענטשן וואָס זיצן אויף די ביימער, דעכער, בערגלעך צי שטיינער, וועלן דאָך נישט אַנטלויפן. און די פיש, די לעבעדיקע ווי די טויטע, ווי נאָר דאָס וואַסער וועט צוריקטרעטן אין די טייכן אַריין, וועלן די פיש מיטשווימען, און מיר וואָלטן געבליבן ווי אַ פוקס מיט אַן אָפּגעהאַקטן שוואַנץ! באַזונדער ווייסן מיר אַלע, אַז מיר האָבן זיך גע־

קענט פּאַרלאָזן אויף אייך, ווייל איר זענט אַ בריה אַ כוואַט אָן אַ גלייכן — איז געווען דער ענטפער פון דעם הומאַניטאַרן דייטש, האַנס לאַנדאַ.

— 5 —

אין עטלעכע חדשים אַרום, נאָך דעם צווייטן גלחס מיסטעריעזן טויט, איז געקומען אַ דריטער גלח. דאָס איז געווען אַ גוואַלדיקער שונא־ישראל. ביי יעדער תפילה זיינער, אָדער דרשה וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיינע פרומע „שעפעלעך", פלעגט ער גיסן פעך און שוועבל אויף די יידן און פּראָטעסטאַנטן. ער איז געווען אַ געלערנטער גלח, אַן אָנגע־לייענטער מיט די גיפטיקסטע יידן־פרעסערישע ביכער און אָנגעשטאָפּט מיט די געמיינסטע פאַרלוימדונגען קעגן דעם יידישן פאָלק. ער אַליין, דער אַנטיסעמיטישער גלח, איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון דעם שבתי־צביניק יעקב פראַנק. דער גלח האָט געהאַלטן, אַז עמעץ פון די יידן אָדער פּראָטעסטאַנטן האָבן אַוודאי אָפּגעטון די געשטאָרבענע גלחים עפּעס אַ כשוף.

דערפאַר פלעגט דער גלחישער צורר־היהודים, ווען מען האָט אים דערלאַנגט דאָס עסן, ראשית־כל געבן צו פאַרזוכן דער שיינער און יונגיטשקער גאָספּאָדיניע, פּאַנגאַ גוטשאַ ראָזאַליאַ, און דערנאָך זיין באַ־ליבטן פודעל־הונט, וואָס זיין געטרייע סעקרעטאַרטשע האָט אים דער־לאַנגט צום טיש.

אַזוי פלעגט דער פאַרזיכטיקער גלח זיך אויפפירן עניוותדיק ביי זיין טאָג־טעגלעכן עסן. ביז — ויהו היום, עס איז אָנגעקומען דער קאַ־טוילישער יום־טוב פון יעזוסעס געבוירנטאָג. עס זענען זיך צוזאַמענגע־פאָרן נאָך פיר גלחים פון אַלע ארבע פנות מדינת פוילן, מחמת עס האָט געדאַרפט געהייליקט ווערן אַ בילד פון אַ מיידל, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין דער לעצטער פאַרפלייצונג. ביים וועלן גיין אין קירך אַריין זיך מתוודה־זיין.

דער גוואַלדיק פאַרזיכטיקער גלח, האָט לויט זיין געוווינהייט, גע־געבן דער שיינער גאָספּאָדיניע צו פאַרזוכן פון יעדן געקעכץ. דערנאָך ערשט, ווען זיין פודעל־הינטעלע האָט אויך פאַרזוכט, האָבן די הייליקע פאַטערלעך זיך גענומען צו דער אכילה.

דער אויסטערלישער פראַסט פון יענער ניטל־נאַכט איז אין אמתן געווען אַ גרויזאַמער. די שינדל־דעכער האָבן געקנאַקט ווי רעוואָלווער־

שאָסן. די גראָבע שויבן פון די דאָפּלטע פענצטער זענען באַצירט געווען מיט די קאָמפּליצירטסטע געמעלן. בלומען אין זייער פּראַכטפולן קריי־צעבלי, פלאַנצן אַלערליי, ביימער און משונהדיקע חיות און פייגל כלערליי, וואָס דער פראָסט־קינסטלער האָט אויסגעמאָלן. עס איז געווען אַזוי קאַלט, אַז עס איז געווען אַן עבירה אַ הונט אַרויסצוטרייבן פון שטוב. קראָען זענען מיטן פליען אַראָפּגעפאַלן געפרוירענע צום טויט. דער אָנגעפאַלענער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. ווי מען וואָלט געגאַנגען אויף צעריבענעם גלאָז.

דער רעזערווירטער גרויסער עס־זאַל, איז געווען באַהייצט — אַ מחיה. עס איז געווען וואַרעם ווי אין אַן אויער. די גאַספּאַדיניע זעלבסט האָט אַנידערגעשטעלט אויפן טיש אַ געבלומטע פאַרצעלייענע זופּ־שיסל, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ספּעציעלע שטאַרץ. זי האָט מיט אַ זילבערנעם קאָכלעפל אַריינגעלייגט אין אַ ספּעציעלע שיסעלע אַ גרע־סערע פּאָרציע זופּ דעם הונט. זי אַליין, די גאַספּאַדיניע, האָט אויך, גלייך פון דער גרויסער זופּ־שיסל, אויפגעגעסן דריי פולע לעפל זופּ. עס האָט קיינעם פון די צוויי פּאַרזוכער גאָרנישט געשאַדט, נישט דעם הונט און אויך נישט דער פריילין גוטשאַ ראָזאַליאַ. זי האָט אויף אַ ווייל אַראָפּ־גענומען די שטאַרץ פון דער זופּ־שיסל, בכדי די הונגעריקע גלחים זאָלן זיך אָננעמען מיט נאָך מער אַפּעטיט. עס האָט אַ זעץ געטון אין דער נאָז דער פיינער ריח פון די אַלערליי מינים דופּטיקע געווירצן. דער פיינער אַראָמאַט פון דער לאָקשן־זופּ געמישט מיט אַרבעס, באָבעלעך, מייערן, פּעטרושקע, זיסע פעפער־שייטן און שטאַרק־געפעפערטע, בלוט־רויטע וואורשטלעך, האָט ביי די גלחים געשאַפן אַזיערערס אין מויל.

נישט געקוקט וואָס די גאַספּאַדיניע האָט געגעבן דעם הונט אַ פולע שיסל זופּ צו פאַרזוכן און דערנאָך זי אַליין אויך, אין קעגנוואַרט פון די פיר גלחים, האָט דאָך דער נישט געטרוילעכער מכנים־אורחים, לויט זיין רגילות, צוליב זיין פאַרזיכטיקייט, אויסגעמישט די זופּ ביזן דנאָ. ער האָט מיט זיין אייגענער האַנט נאָכאַמאָל געגעבן צו פאַרזוכן דער גאַספּאַדיניע, ווי אויך זיין באַליבטן פודעל־הונט. וואָס איז געלעגן אויפן פערסישן דיוואַן און געגענעצט פויל.

נאָך די צען מינוטן וואַרטן און די גוטשאַ ראָזאַליאַ איז נישט גע־פאַלן טויט און דער געפּיעשטשעטער כלב אויך נישט, האָט דער גלח־באַלעבאָס דערלויבט דער סאַרווערן אַרויסגיין פון זאַל. די גאַספּאַדיניע האָט געלאָזט אויפן טיש די זופּ מיטן עסן נישט צוגעדעקט, בכדי די געסט זאָלן נישט דאַרפן זיך מטריח זיין צו אַראָפּנעמען די שטאַרץ. זי

איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין קיך צוצוגרייטן די חזיר-ביפשטיקן מיט געפּרעגלטע אייער אויף פּוטער, אַחוץ אַנדערע מאַרציפּאַנען, וואָס זי האָט געדאַרפט מכבד זיין די גייסטיקע פּאַטערלעך.

עפּעס איז געשען. די שאַרפע אַראָמאַטישע פּאַרע פון דער כמעט זודיקער זופּ-שיסל, האָט פּלוצים אויפגעהערט צו דאַמפּען אַרויף צום סופיט, וואָס איז שוין געווען איבערגעדעקט ווי מיט אַ וואָלקן-שלייער. קיינער פון די גייסטלעכע האָט נישט גענומען אין אַכט דעם פּלוצימדיקן און אויסטערלישן פענאָמען. די גלחים האָבן אָנגענומען די נאַטור-דער־שיינונג אַלס שולד פון דער שמאַלץ-בליאַכע, וואָס האָט פאַרדעקט די זופּ, וואָס האָט זיך עטוואָס אָפּגעקילט און פאַרגליווערט געוואָרן, און דערפאַר פאַרהאַלטן די פּאַרע.

דער מכנים-אורחים האָט בכבודו ובעצמו סערווירט זיינע גייסטיקע קאָלעגן. ער האָט אָנגעשעפּט מיטן ספּעציעלן קאָכלעפל פּאָרציעס זופּ, וואָס עס האָט אַריינגעטון אין די טיפע זופּ-טעלער פאַר יעדן איינעם פון זיי, ווי אויך פאַר זיך זעלבסט.

צו די צוואַנציק מינוטן ווי די גאָספּאָדיניע איז אַרוים פון עס-זאַל און איז אַריין אין קיך כדי צוצוגרייטן די אַנדערע מאַכלים, האָט זי אַן איבערראַשטע, דערהערט אַן אויסטערליש געקלימפּערײ, אַ בריאַזגען פון צעבראָכענע כלים, אַ פאַרצווייפלט געריטשעריי. אַן לשון פון די פּאַטער־לעך אין עס-זאַל און אַ שוידערלעכע געוויערײ פון דעם געפּיעשטשעטן פּודעל-הונט.

די גאָספּאָדיניע איז אין איין אָטעם אַריינגעלאָפן אין עס-זאַל. זי איז געבליבן אַן אויפגעשווידערטע פונעם שרעקלעכן מאַקאַברישן בילד וואָס עס האָט זיך פאַר איר פאַרגעשטעלט:

אויף דער פּאָדלאָגע זענען געלעגן די פינף גייסטלעכע אָן לשון, וועלכע האָבן אין די גוואַלדיקסטע קראַמפּן זיך געראַנגלט מיטן טויט.

די געטרייע גאָספּאָדיניע פּאַננאַ גוטשאַ ראָזאַליאַ האָט זיך נישט פאַרלוירן פונעם דאַנטישן-מאַקאַברן בילד. זי האָט אַלאַרמירט דעם קאָשטשעלנע (קירך-דינער)׳ דעם קירכלעכן אָרגאַן-שפּילער. און אויך דעם סאָלטים. עס זענען אויך אַריינגעלאָפן אַ טוץ פּויערים-שיכורים און דער קרעטשמער, פּאַן פיליפּ וואָלאָדיאָווסקי, וועלכער האָט געוווינט אין זיין קרעטשמע-הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּרינציפּיעלער, ברייטער גאַס, פונקט אַקעגנאיבער דער קירך.

די אַליאַרם-טרעוואָגע האָט דערגרייכט ביז איבער גאַנץ פּוילן. פון וואַרשע איז אַראָפּגעקומען אַן אויספאָרש-ריכטער מיט „לאַפּאַצעס" (גע־

הוים־פּאָליציי). זיי האָבן געפּרעגט און געפּאַרשט. זיי האָט געפּייניקט די געפרעגטע מיט דער סאַדיסטישסטער און גוואַלדיקסטער אַכזריות, און ווידער געפרעגט יעדן פּאַרדעכטיקן, ביי וועמען דאָס עסנוואַרג איז געקויפט געוואָרן, וועמ ער האָט געקאָכט די זופּ, און ווער עס איז אַריינגעקומען אין קיך בשעתן זיך קאָכן די זופּ?

צום גליק איז דער גאַנצער שפּייז־זאַפּאַס וואָס די קוריאַ האָט פּאַרמאָגט, געקויפט געוואָרן נאָר ביי הונדערט פּראָצענטיקע, פרומע קאַטוליקן. דערפאַר איז נישט מעגלעך געווען די שונא־ישראל אַנצוטשעפּען אַ שרעקלעכן עלילת־דם אויף קיין שום ייד נישט, הגם עס האָט נישט געפעלט קיין רוצח־אַנטיסעמיט וואָס זאָל עס וועלן טון.

גראָד האָט די רעאַקציאָנערע צאַרישע מאַכט פון יענער תקופה, נישט דערלאָזט צו דעם מוראדיקן שקר־בלבול. דערוויל האָבן די יידן געוויינט און געקלאָגט. זיי האָבן געפאַסט תעניתים און געבעטן דעם אַלמעכטיקן וואָס אין הימל, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיי און ער זאָל איבערגעבן די שוידערלעכע מערדער פון די גלחים צו דער גערעכטיקייט, אַנשי אמת שונאי בצע, זאָלן משפּטן די שולדיקע.

דאָס רודימענטאַרע פּאַלמעסן פון יענער עפּאָכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די גלחים זענען פּאַרסמט געוואָרן מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן, שנעל־ווירקזאַמען גיפט. די פּאַלמעסער האָבן אַרויסגענומען פון די טויטע גלחימס מאָגנס די נישט פּאַרדייעטע עסנס און עס געגעבן דעם גלאָקנקלינגערס ריזיקן בולדאָג אויפצועסן, וועלכער האָט געפּגרט צו די פּופּציק מינוט.

די פּוילישע און צאַריש־אוקראַינישע אויספּאַרש־פּאָליציי האָט געפּייניקט מיט דער גרעסטער אַכזריות די גאַנצע גלחישע דינערשאַפט. די אומשולדיקע און אַזוי ערלעכע גאָספּאַדיניע, פּאַננאַ גוטשאַ ראָזאַליאַ, וואָס האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן די אומענטשלעכע עינויים־קשים, האָט גענומען אויף זיך דעם עקזאָטישן פּאַרברעכן, כאָטש זי איז געווען בלויז גאָט די נשמה שולדיק.

די שונא־ישראל האָבן אָבער דערוויל אויך נישט גערוט. זיי האָבן געטון אַלץ וואָס עס איז נאָר געווען אין זייערע מעגלעכקייטן, אַז מען זאָל זיך אַ נעם טון צו די יידן, איז ווידער געשען אַ נס מן השמים.

— 6 —

עס איז ווידער געקומען אַ חנוכה. ווען ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קרעטשמע ווו ער האָט געהאַט זיך איינגעקויפט

אַ ביסל משקה לכבוד און לזכר חנוכה, און דאָס ווייפלסטע מאָל געזען די ריזיקע קירך מיט די פּיראַמידן־טורעמס און דערהערט דעם שאַרף־שפּיציקן גלאָקן־געקלאַנג, האָט ער זיך דערמאָנט אין די דריי חנוכה־ליכטלעך וואָס ער האָט אָנגעצונדן אין די געדיכטעניש פון דער טייגע־ווילדענישן און ווו עס שטייט היינט די אָראַנזשאַנטישע קירך; ער האָט זיך אויך דערמאָנט וועגן זיין קאַמף מיט דער מחנה צעיושעטע און הונגעריקע וועלף וואָס זענען אים איבערגעפאַלן; ער דערמאָנט זיך אויך דעם אויסטערלישן חלום מיט דער פּרעכטיקער נאַטאַלקאַ, פּונקט אַזוי נאַטירלעך, אַזוי עקזאַקט, ווי ער האָט זי געהאַט געזען אין דער וואָר: אַ מוטער־נאַקעטע, ווי זי האָט זיך געבאָדן אין אַ באַליע וואַרעמע וואַסער ביי איר גנבהשער מאַמען אין שטוב.

— אוי ווי, ריבונו של עולם, ווי שיין, ווי מלכותדיק־פּרעכטיק און צאַרט דאָס שיקסל איז! טאַקע נאָר אַ שאָד וואָס זי איז נישט קיין יידיש קינד. וואָלט די נאַטאַלקאַ געווען אַ יידישע טאָכטער און אַ פרומע, מיט אַן ערלעכע מאַמע נאָך דערצו, וואָלט ער זי, די נאַטאַלקאַ, געוואָלט פאַר אַ שנור. אַזוי וואָלט ער, איר שווער, זי געקענט זען אָפּטער. ער געדענקט אויך, ווי ער האָט איר מאַסאַזשירט דעם בויך, די בריסטן, פּלייצע, הענט און פיס, נאָכן האָבן זי אָרויסגעראַטעוועט פונעם וואַסער בעת דער לעצטער פאַרפלייצונג, ווו זי איז אַריינגעפאַלן ביים ראַטעווען אַ פּיצל קינד.

ווי שיין, ווי ערלעך זי איז עס, ממש אַ מלאך פון הימל. וואָסערע שיינע ליטקעס, וואָסערע שיינע, שטייפע בריסטן, אין דער פאָרעם פון צייטיקע מילגרוימען. אמתדיקע „שני שדים כשני עפרים, תאמי תביה, הרעים בשושנים". און איר קיילעכדיקער דיך! און וואָסער מין פּרעכטיקן בויך און היפטן?... אַן עכטע שולמית פון דעם געטלעכן שיר־השירים!...

— היינט אין אָוונט דאַרף זי, די נישט־יידישע שולמית, נאַטאַלקאַ, קומען אים נעמען אַ מאָס אויף הויזן און גאַטקעס. זיין ווייב, די כשרע שרה־לאה און אַלע קינדער זענען אַוועקגעפאָרן קיין סראַצק אויף אַ חתונה. אוי ווי, ריבונו של עולם, איך זאָל נאָר חלילה נישט גע־שטרויכלט ווערן מיט אַ פרעמדער נקבה, אַ נכריה, דאָס הייסט, אַ נישט־יידישע דערצו...

ר' אַלטער אַלעקסאַנדער בעט גאָט ער זאָל אים באַשירעמען, שטאַרקן און מציל זיין אין דעם נסיון. ווער קאָן דען זיין שטאַרקער ווי שמשון הגבור? נו, האָט אים דען נישט באַזיגט די ערלית דלילה? און דערצו נאָך אַ בת פּלישתי? אַ שונא־ישראל, אַ געצנדינערן. אויך נאַטאַלקאַ וועט

דיך באַזיגן! — האָט אַ מחשבה זרה אים אַ שעפּטשע געטון אין לינקן אויער אַריין.

— אמת, שמשון איז טאַקע געווען דער גרעסטער יידישער העלד, ביי די יידן, אָבער גייסטיק נישט. נאָר אויב וועסט זיך נישט אונטער־געבן דעם יצר־הרע וואָס קיצלט דיין אומגעזעענע תאווה, וועסטו נישט געשטרויכלט ווערן. איזהו גבור, הכובש את יצרו — זאָגט בן זומא. נאָר אין זיין אונטערבאַוווסטזיין, בעט ר׳ אַלעקסאַנדער גאָט, אַז נאַטאַלקאַ זאָל יאָ קומען און וואָס פריער אים נעמען אַ מאָס אויף די הויזן און אָפּ־געפּאַרטיקט אַן עסק.

ער וויל זיך אויספּרוּוון צי ער וועט גובר זיין די פּרעכטיקע דלילה, צי נישט. מער גאָרנישט...

אַזייגער זיבן אין אָוונט. עס איז געווען אַן אפלה־פינצטערניש. עס איז געפאַלן אַ נאָס שנייעלע און באַלד דערנאָך האָט גענומען שפּריצן אַ דין רעגנדל. די גאַנצע דינערשאַפט איז זיך צעלאָפן אין קירך אַריין אויף דער הזכרה נאָך די געשטאָרבענע גלחים. נאַטאַלקאַ איז געקומען אַן אָפּ־געצוואָגענע, כאָטש זי האָט געטראָגן אַ רעגנשירעם. זי האָט געציטערט און געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ר׳׳ אַלטער אַלעקסאַנדער האָט איר געגעבן יאַקעס און ספּודניצעס פון זיין פרוי און טעכטער, זי זאָל זיך איבערטון. ער איז אַריינגעגאַנגען אין קיך צו מאַכן עפּעס וואַרעמס, דאָס מיידל זאָל זיך דערוואַרעמען און דערכאַפּן דאָס האַרץ. נאָר היות עס האָט צו לאַנג געדויערט נאַטאַלקאַס זיך איבערטון האָט ער אָפּגעלענט די טיר, בכדי צו זען פאַר וואָס זי זוימט זיך אַזוי לאַנג.

נאַטאַלקאַ איז געלעגן פּאַפּערעק בלויז אין אונטערוועש אַ געחלשטע אויף זיין פרוים בעט. לעבן איר זיין פרוים מלבושים וואָס ער האָט איר געגעבן איבערצוטון זיך. לעבן בעט, אויף אַ דרייפוסיק בענקל, זענען געלעגן נאַטאַלקאַס קליידלעך.

ר׳אַלטער אַלעקסאַנדער האָט זיך נישט פאַרלוירן: ער האָט דער גע־חלשטער צוגעשטעקט צו דער נאָז אַן אויפגעפּראַפּנטס פלעשעלע פליסיקן אַמאָניאַק, אַזאַ מין שאַרפן, אַז זי האָט זיך צענאָסן.

— וואָס איז דיר געשען, נאַטאַלקאַ? — האָט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנ־דער איר געפרעגט.

— איך האָב אויפגעגעסן אַ האַלב טוץ האַרט־געקאָכטע גענדזן־אייער און אַ ציגן־קעזל בעתן גיין אַהער, האָט מיר פאַרקלעמט אונטערן האַרץ. איך האָב אויך אַ ביסל ווייטיק אין בויך ביז אַראָפּ. און איך האָב אויך שטעכעניש איןביידע ברוסטן. די מאַמע זאָגט, אַז צווישן ביידע

ברוסטן געפינט זיך די בלינדע קישקע. ווער ווייסט צי איך בין נישט קראַנק אויף אַפּענדיסיטיס?

— אפשר דאַרף מען דיר אויסשמירן מיט ריינעם שפירט? איך האָב שטאַרקן אַקאַוויט. אפשר גאָר אַ קאַנעלע מאַכן?

— איר קאָנט דען?

— באַשטימט קען איך, און האָסט נישט וואָס זיך צו שעמען. איך וועל קיינעם נישט אויסזאָגן, אין פראַנצויזישן מיליטער בין איך דאָך געווען פעלדשער.

— ניין, איך שעם זיך נישט פאַר אייך. איר האָט דאָך מיך שוין צוויי מאָל געזען אַ נאַקעטע און איר זענט נישט הייזעריק געוואָרן, — האָט די „קראַנקע" געשפּאַסט. — קיין קאַנעלע וויל איך נישט, נאָר אויסשמירן יאָ. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עס וועט מיר גוט מאַכן. נאָר פריער וועל איך מיך איבערטון. טאָ זייט־זשע אַזוי גוט און באַרגט מיר אַ העמד, אַ טרוקנס. און אַז איך וועל מיך אַרומווישן אויף טרוקן, וועל איך אייך נעמען אַ מאָס, און באַלד דערנאָך וועט איר מיך אויסשמירן, יאָ איך פיל, אַז עס וועט מיר גוט מאַכן. יאַק באָגאַ קאָכאַם! (ווי גאָט איז מיר ליב).

ר' אַלטער אַלעקסאַנדער האָט נאַטאַלקאַן דערלאַנגט אַ לענגער העמד און אַ האַנטעך צו אַרומווישן זיך. ער איז אַריין אין קיך־צימער. ער האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך אַקאַוויט, איינס פאַר נאַטאַלקאַן און איינס פאַר זיך. ער האָט געמאַכט אַ שמאַלץ־הערינג, צעשניטן אויף שטיקלעך. אויף אַ צווייטן טעלער האָט ער אָנגעשניטן שטיקלעך ברויט און אַ גאַנצן באַרג ווורשט.

נאָכן אויסטרינקען און איבערכאַפּן פון אַלעם ביז זעט, האָט נאַטאַלקאַ, אויפן בעט זיצנדיק, ר' אַלעקסאַנדערן גענומען די מאָס. די הענט האָבן איר געציטערט ווי אין אַ קדחת, אפשר מחמת איר האַנט האָט אָנגערירט ערטער וואָס זענען לויט דער מאָראַל, פאַרבאָטן. און ר' אַלטער אַלעקסאַנדער, הגם שוין אַ פופציקער, האָט זיך דערשפּירט ווי אַ בן שמונה עשרה לחופה מיט זיין שרה־לאה...

— אַ, פּאַניע אַלעקסאַנדער, איך דאַרף שוין נישט קיין אויסשמירעכץ. איך פיל מיך שוין בעסער. און ביז אינדערפרי, וועט מיר דאָ ווערן נאָך בעסער.

—— : : ——

עס איז אַראָפּגעקומען אַ נייער גלח. ער איז געווען אַ ביז גאָר קלוגער מענטש, אַ געדולדיקער באַאָבאַכטער און וויסנשאַפטלעכער

נאַטור-פֿאָרשער דערצו. ער האָט געמאַכט אַ גענויע אינספּעקציע איבער דער גאַנצער געביידע פון אינעווייניק און אויסנווייניק. דער גלח האָט קאָנטראָלירט דעם גאַנצן גלחישן פּאַלאַץ, ווי אויך די געביידעס פון דער דינערשאַפט, שטילן, כליוועס, בידעס און גזשענדעס.

די וווינט פון דער פּריוואַטער גלחישער וווינונג, ווי אויך דער גרויסער עס-זאַל, זענען געמאַכט געווען פון קיילעכדיקע קלעצער און זענען אָפּגעטינקעוועט געווען מיט אַ געמיש פון געקנעטענעם ליים, קאַלך, זאַמד און שטרוי, בכדי דער מאַטעריאַל זאָל זיך האַלטן בעסער און דויערהאַפטיקער. די דילן וואָס זענען געווען צוגעטשוועקעט צו גראָבע פירקאַנטיקע קלעצער, זענען געלעגן איבער אַ טיפן קעלער, צעטיילט אין דריי קאַמערן: אַ שפּייז-קאַמער, אייז-קאַמער און אַ קאַמער פאַר זאַכן וואָס מען דאַרף זיי נישט אויף דעאַר מינוט. דער סופיט איז געווען געמאַכט פון שמעלערע ברעטער; צווישן יעדע צוויי ברעטלעך איז געווען אַ פירקאַנטיקע בעלקעלע פון צען צענטימעטער אין דיאַמעטער אין אַלע פיר זייטן. אַזוי, אַז צווישן יעדע צוויי ברעטלעך, איז געווען אַ מין שפּאַרונע, אַזוי ווי ספּעציעל באַשאַפן פאַר טויבן-נעסטן.

דער אַכטער גלח האָט געפּועלט ביי דער יוסטיץ, צו באַפרייען דעם גאַנצן שטאַב דינערשאַפט. ער האָט אַלעמען געפרעגט און איבערגעפרעגט איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען די שוידערלעכע טראַגעדיע. דער גלח האָט זיך אַלץ גענוי פאַרשריבן וואָס די געפרעגטע האָבן דערציילט. ער האָט מיט דעם גרעסטן אויפמערקזאַם און אָבסערוואַציע זיך פאַרצייכנט אפילו דעם מינדסטן פּרט. יעדעס מאָל ווען ער איז געגאַנגען עסן, האָט ער עס געטון אין אַנדערע געפעסן, אין אַן אַנדער אָרט, ווי אויך טיילמאָל אין אַן אַנדער צימער, אָבער נישט אין גרויסן עס-זאַל.

דאָס בייטן ס'געפעס, דאָס אָרט פונעם טיש, ווי אויך נישט זעלטן אפילו דאָס צימער צום עסן, איז געווען אַפּנים דערפאַר, ווייל דער גלח האָט אוודאי געהאַלטן פונעם יידישן ווערטל „משנה מקום, משנה מזל״. אָבער דער עיקר, מחמת ער האָט חושד געווען, אַז עס האַנדלט זיך אין עפּעס אַ כישוף. אַ סימן, עס זענען געשטאָרבן נאָר די גלחים, וועלכע זענען געזעסן ביי יענעם שפּיץ טיש... באַזונדער פלעגט דער נייער גלח, בעתן עסן, אַלע ווײַלע געבן עפּעס טועם זיין, זיין לו-לו-הינטעלע, דער אַנגאָראַ-קאַץ, און זיין געצערטלט ליליפּוטן-הינדעלע.

אַזוי זענען אַריבער זעקס חדשים, ווי דער פאַרזיכטיק-פאָרשנדיקער

גלח האָט געפּראַוועט זיינע אינטימע און כמעט נזירישע סעודות, און דערוויַיל האָט קיינעם נאָך נישט געשאַדט.

נאָר איינמאָל, אין אַ קאַלעמוטנעםווינטער־טאָג איז עס געווען, עס האָט געפּרישעט אַ וואַסערדיק שנייעלע. עס האָט געבלאָזן אַ ראַכיטיש, פּיעשטשעדיק ווינטעלע וואָס האָט פּאַראַליזירט די גלידער און פאַר־שטייפט די מוסקולן. דער ווילגאַטש האָט זיך געגאָסן פון די ווענט. פון סופיט זענען אַראָפּגעפאַלן גרויסע טראָפּנס. עס האָט זיך געפילט אַן איבערגעשטאַנענער שוואָמען־גערוך. דער גלח האָט זיך געפילט עפּעס נישט מיט אַלעמען. ער האָט געפילט אַ ווידערווילן צו אַלץ. דער קאָפּ האָט אים וויי געטון און עס האָט אים געבראָכן אין די ביין־געלענקן. אפשר רעומאַטיזם? אפשר זיך פאַרקילט? אפשר זיך פאַרטשאַדעט ביים קאַפּלענעם אויוון, לעבן וועלכן ער איז געשטאַנען און זיך געוואַרעמט די פאַרשטייפטע אָדערן, ביים פייער פון דעמבענע האָלץ? אפשר טאַקע אַ כישוף? אפשר האָט ווער אים געגעבן אַן עין־הרע? עס האָט אים אויך אַ ביסעלע געקלאַפּט צו האַסטיק דאָס האַרץ, און ער האָט אויך געהאַט אַ גרימעניש אין בויך.

עס איז געווען אין אַ זונטיק־טאָג. דער גלח איז געווען שטאַרק פאַרנומען. עס זענען געווען צוויי לוויות און צוויי חתונות. דער גלח האָט געמוזט זיין ביי די באַגרעבענישן. דאָס זענען געווען זייער רייכע בר־מינונס. ער האָט אויך געדאַרפט זיין אויף די חתונות. די ביזנעס ביפאָר אַל... ער, דער גייסטלעכער, האָט געמוזט געבן זיין קאַטוילישע, אַפּאָס־טוילישע ברכה די צוויי פּאָר־פּעלקער. צוויי נייע פּאָרלעך. אויך שטיין־רייכע מענטשן. לעבן אַ שווערן וואָגן איז גרינג צו גיין צו פוס.

דער רעגולאַטער־זייגער האָט מיט זיין באַסאָוון גלין־גלאָן אויסגע־קלינגען צוויי נאָך מיטיק און דער גלח האָט נאָך נישט געהאַט געגעסן.

די נייע „גאָספּאָדיניע" (פאַרוואַלטערין), אַ גראָבע פויערטע פון גאַ־ליציע, פּאַני האַלקאַ, מיט גלאַטע פלאַקסענע האָר אויפן דיניצע־קאָפּ, שטייפע ווי אַ שטשעטשינע־פּענזיל; אַ מאָפּסן־נעזל מיט אַ רויטע מאַלינע אויפן פליישיקן שפּיץ; אַ פּאָר אָנגעבלאָזענע באַקן ווי די רויטע איבער־צייטיקע פּאָמידאָרן; צוויי־שטאָקיקע בריסטן און אַ הינטער־חלק ווי אַ ציטאַדעל, האָט אַריינגעבראַכט אין אַ זופּ־שיסעלע, קעז־קרעפּלעך מיט זודיקער אינדיק־יויך. דאָס עסן איז געווען אַזוי הייס, אַז דעם לעפל אַפילו איז דעם גלח נישט מעגלעך געווען צומאָל צוצורירן צום מויל. די גאָס־פּאָדיניע האָט געוואָלט אַרויסנעמען אַ ביסל קרעפּלעך פון דער זופּ־שיסל און אַריינטון אין טעלער וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש לעבן גלח.

— לאָז געמאַך, האַלקאַ. איך וועל מיר אַליין באַדינען. דו ווייסט דאָך, האַלקאַ, אַז איך פיל מיך היינט עפּעס אַזוי נישט מיט אַלעמען — האָט געזאָגט דער גלח שטיל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אימיצן.

די פּראָסטע פּויערטע, וואָס האָט געמיינט, אַז דעם גלח געפעלן נישט די קרעפּלעך דערפאַר וויל ער נישט עסן, האָט געוואָלט צוריק צודעקן דאָס זופּ-שיסעלע מיט דער שטאַרץ, וואָס זי האָט געהאַט אַראָפּגענומען מיט אַ מינוט פריער.

— לאָז געמאַך, האַלקאַ, איך וועל שוין אַליין צודעקן. דאָס עסן איז דאָך אַזוי גוואַלדיק הייס, אַז איך קאָן דאָך צומאָל נישט פאַרזוכן אַ קרעפּל, ווי אויך נישט די יויך, צו וויסן וואָסער טעם זיי האָבן. זאָל דאָס עסן זיך אַ ביסעלע אָפּקילן. איך קאָן דאָך אויך גאָרנישט געבן צו פאַרזוכן דעם הונט, וואָס קאָן חלילה אַטאַקירט ווערן פון דער געפערלעכער הידראָפּאָביע-משוגעת, ווען ער זאָל עסן אַ צו הייסע פּאָטראַווע. און דו, פּויערטע, ווייסט נישט אַז הינט ווערן משוגע פון הייס עסן? און אויך דער קאַץ קאָן איך גאָרנישט געבן צוליב דער זעלביקער סיבה. און דעם לאַסקאַוון הינדעלע, הגם עס האַלט אין איין זינגען ווי זי וואָלט געהאַלטן ביים לייגן אַן איי. עס בעט מיך רחמים איך זאָל איר געבן כאָטש אַ שטיקל קרעפּל. איך טאָר אָבער איר אויך נישט געבן קיין צו הייסע זאַך, ווייל אַן עוף קריגט אַ פּיפּעטש פון צו הייס עסן אָדער טרינקען. לאָז דאָס עסן זיך אַ ביסעלע אָפּקילן, אויסדאַמפן, וועל איך אפשר יאָ עסן אַ פּאָר קרעפּלעך, אויב איך וועל נאָר קענען. דער קאָפּ טוט מיר ווײ. איך האָב אויך אַ ביסעלע גרימעניש אין בויך. אַזאַ מין באָמבאַרדירן, שניידן, קאָכן און שטעכן. אַ שטיקעלע רעוואָלוציע ביי מיר אין בויך... עס האָבן מיר אַוודאַי פאַרשאַדט די נעכטיקע בלוט-וווּרשטלעך וואָס איך האָב געגעסן אַן אַפּעטיט, נעכטן פאַרן שלאָפן. אפשר זיך אַ ביסעלע פאַרקילט מיטן צו-קאַלטן ווײַן וואָס איך האָב געטרונקען אויף די אַריסטאָקראַטישע חתונות? — האָט דער קלוגער און באַריידעוודיקער גלח איינגעטענהט מיט דער אויסגעפּאַשעטער האַלקאַ.

די פּויערטע איז אַרויס פון עס-זאַל מיט אַ זויערער מינע, דער גלח האָט אַרויסגענומען צוויי קרעפּלעך. ער האָט זיי אַנידערגעלייגט אויף אַ ליידיק-אָנגעפּרווירענעם טעלער, זיי זאָלן זיך אַ ביסל אָפּקילן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געגעבן איין קרעפּל דעם הונט און איין קרעפּל דער קאַץ, באַלד נאָך דעם האָט ער אַריינגערופן דער גראָבער האַלקאַ, וועלכע האָט געהאַט אַ געראָך פון צעלאָזשע שמאַלץ אָן זאַלץ. דער גייסטלעכער האָט אָנגעשעפּט מיטן קאָכלעפל אפשר אַ טוץ קרעפּלעך און דערלאַנגט איר

זי זאָל זיי אויפֿעסן. תיכּף ווי זי האָט ווי אַ גייציקע אינדיטשקע אַראָפּגעשלונגען די פּאַרציע, האָט זי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז פֿאַרלאָזט דעם עס־זאָל פֿון דעם אַזוי הומאַניטאַרן גלח, און איז ווי אַ מרוק צוריק אַריין אין קיך אַן אָנגעבלאָזענע ווי אַ פּאַווע. באַלד האָט דער גלח ווידער אַרויסגענומען דריי קרעפּלעך, זיי אָפּגעקילט און דערלאַנגט דעם הונט, דער קאַץ און דער דימינוטן הינדעלע, וואָס האָט עס איינגעשלונגען מיט אַ וואָראַנישער זולל־וסובהדיקייט. דאָס שטיפֿערישע הינדעלע האָט גאַקאַכאָטשנדיק געבעטן נאָך, און איז אַרויס דורכן פֿענצטער צום שיינעם האָן וואָס האָט זי פֿאַרבעטן אויף אַ „ראַנדקע“...

ווי דורך אַ שוואַרץ־קינצלער, אָדער כּישוף, האָט פּלוצים אויפֿגעהערט זיך צו דאַמפֿן פֿון דער קאָכעדיקער יויך מיט קרעפּלעך. דעם נאָכפֿאַרשנדיקן גלח האָט דער אויסטערלישער פֿענאָמען, אויפֿפֿאַלנדיק אינטריגירט. ער האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק אין דער כמעט פֿולער זופּשיסל. ער האָט באַמערקט, אַז איבער דער יויך־אויבערפֿלאַך איז געווען אַ דינינקער, דורכזיכטיקער דעק אין דער געשטאַלט פֿון אַ גרויען זייד, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזט אַז די פּאַרע זאָל אַרויפֿשטייגן צום סופֿיט. ער האָט אַזוי פֿאַרשנדיק באַטראַכט די מאָדנע דערשיינונג במשך פֿון עטלעכע מינוטן צייט, ביז דאָס עסן האָט זיך אַ ביסעלע מער אָפּגעקילט. ער האָט אַזוי פֿאַרשנדיק גענומען אויטאָמאַטיש דעם קאָכלעפֿל און געוואָלט אַרויסנעמען עטלעכע קרעפּלעך און אויפֿעסן אַ דריי־פֿיר, בכּדי צו פֿאַרשלאָגן דעם הונגער, וואָס האָט אים עפּעס אַזוי שטאַרק גענאָגט אונטערן האַרץ.

מיטן זילבערנעם קאָכלעפֿל אין דער האַנט, די אויגן איינגעגראָבן אין דער זופּ־שיסל, האָט ער אין דער רגע באַמערקט, ווי דער זיידענער שלייער, וואָס האָט זיך פֿאַרצויגן איבער דער אויבערפֿלאַך פֿון דער יויך און פֿאַרשטעלט די אויסדאַמפֿונג, איז געוואָרן קאָמפּאַקטער און האָט אָנגענומען אַן אומדורכזעעוודיקן, איידעלן זילבער־אַספּעקט. דער גלח האָט מיטן קאָכלעפֿל אויסגעמישט די יויך מיט די קרעפּלעך וואָס אין דער זופּ־שיסל, די פּאַרע האָט ווי פֿון אַ פּראַלניע ווידער גענומען זעצן אַרויף צום סופֿיט. אין צוויי מינוטן אַרום האָט די יויך זיך ווידער פֿאַרוואָלקנט מיט עפּעס אַ מיסטעריעזער, דורכזיכטיקער מאַסע, וועלכע האָט מעטאַמאָרפֿאָזיש זיך געביטן אויף זילבער־ווייס.

דער גלח האָט אַריינגערופֿן די אָנגעדראָדלטע גאָספּאָדיניע און זי געפֿרעגט, צי זי האָט שוין געגעסן. — אויב דו ווילסט, קאָנסטו עסן וויפֿל

עס וועט נאָר אַרײַן אין דײַן גרונטלאָזן מאָגן. איך פון מײַן זײַט, האָב עפּעס הײַנט נישט קײן אַפּעטיט... — האָט ער צוגעגעבן.

— אַ דאַנק, פאַטער, איך האָב אויך נישט קײן אַפּעטיט. נאָר אַז דער הײליקער פאַטער באַפעלט, וועל איך פאָלגן, ווען איך זאָל אַפילו ווײסן, אַז איך וועל פּלאַצן ווי אַ זײפן־בלאָז — האָט די תמיד־הונגעריקע האַלקאַ געענטפערט מיט אַ שקלאַפישער אונטערטעניקײט און עכט פּוי־לישער חניפה. און טאַקע אָן אַפּעטיט, האָט זי זיך אָנגעלײגט אַ טשובאַטן טעלער מיט קרעפּלעך.

אין דער זעלביקער רגע ווען די לאַקאָמע גאָספּאָדיניע האָט געוואָלט נעמען אַ קרעפּל אין מויל אַרײַן, האָט דער גלח זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אַ געשרײ געטון אויסער זיך פון אויפרעגונג:

— וואַרט, וואַרט אַ ווײַלע, דו, לאַקאָמע און אומווירדיקע טכויערטע מיט אַ גרונטלאָזן מאָגן פון אַ הײשעריק, וואָס האַלט אין אײן פרעסן! גיב פריער עטלעכע קרעפּלעך דעם הונט, אַ צוויי־דרײ דער קאַץ וואָס האַלט אין אײן מיאַוקען און זיך רײַבן אין מײַנע פיס. גיב זײ אַוועק מײַן חלק. זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז איך האָב אויפגעגעסן מײַן פּאָרציע. ערשט שפּעטער, אין אַ צען־פופצן מינוטן אַרום, וועסטו אויך מעגן עסן. די חיות און עופות זענען דאָך נישט קײן ראַציאָנעלע באַשעפענישן. זײ קענען דאָך נישט רעדן, בעטן, אָדער שרײַען, אַז עס הונגערט זײ. דערפאַר, טאָר דער מענטש, דער האָמאָ סאַפּיענס, נישט טועם זײַן, כל־זמן ער האָט פריער נישט געגעבן זײַנע שטומע באַשעפענישן צו עסן און צו טרינקען צו דער זעט, וועלכע זענען אונטער זײַנע באַפעלן. אַזוי שרײַבט דער אַלטער טעסטאַמענט, דאָס הײליקע, אײביקע ספר, וואָס גאָט יהוה האָט געגעבן די ייִדן אויפן הײליקן באַרג סיני — האָט דער גלח געזאָגט שטיל, נאָר מיט פּיעטעט און מיט אַ פעסטן און באַפעלערישן טאָן, צו דער פרע־סערישער גאָספּאָדיניע, פּאַני האַלקאַ.

— יאָ, יאָ, פאַטער, יאָ, פּאַניע גלח. איך אַלײן האָב אויך געטראַכט אַזוי צו טון. איך וועל טאַקע אַזוי טון ווי דער פּאַן גלח, ווי דער פּאַן פאַטער הײסט. עס איז מיר אָבער אַ שאָד די טײַערע קרעפּלעך, אמת־דיקע מאַרציפּאַנען דעם הונט און קאַץ אַוועקצוגעבן. איך בין פולשטענ־דיק מסכים און פאַרשטײ, אַז דער מענטש דאַרף באַזאָרגן מיט עסן און טרינקען די חיות און עופות, וועלכע זענען אונטער זײַן אויפזיכט, מחמת די חיות און עופות זענען דאָך נישט מער ווי פאַרהוילעכטע בעסטיעס. און דערפאַר קאָנען זײ דאָך פרעסן עפּעס אַנדערש. די קרעפּלעך זענען דאָך געמאַכט געוואָרן פון דרײַ זעראָ־מעל, רײנע געלעכלעך פון

יונגיטשקע הינער־אייער, מילך, הינערן־פלייש, חזיר־שמאַלץ, פוטער און ציגן־קעז. די קרעפּלעך זענען געקאַכט געוואָרן אין אַ גאָלדענער יויך פון קורטשאַקלעך צוזאַמען מיט אַ לאַפּאַטקע פון אַ זויגענדיק חזירל...

— זיי נישט אַזאַ מין גייציקע סקנידע. איך האָב דיר געהייסן געבן די חיות צו עסן, זאָלסטו מיך פאָלגן! טאָמער נישט, וועסטו „פליען" פון דאַנעט. האָסטו געהערט? — האָט דער גלח זיך צעבייזערט.

— זאָל דער הייליקער פאַן גלח נישט זיין ברוגז אויף זיין דינסט. נאָר אַז דער פאָטער וויל, וועל איך טאַקע אויספאָלגן זיין געטלעכן באַפעל, כאָטש עס איז מיר אַ גרויסער שאָד און ווייטיק אַוועקצוגעבן אַזעלכע מין קרעפּלעך פאַר הינט, קעץ און הינער. וואָס איך וואָלט געקאָנט אויפעסן — האָט האַלקאַ מיט אַ ירגזונדיקן געוויין און שקלאַפעריש יראת־הכבוד זיך געדונגען מיטן גלח.

עס איז קוים אַריבער אַ האַלבע שעה צייט זינט דער הונט און די קאַץ האָבן אויפגעגעסן די עטלעכע קרעפּלעך וואָס די גאָספּאָדיניע האָט זיי מכבד געווען לויטן באַפעל פונעם גלח, ווי די חיות האָבן זיך גענומען וואַרפן אין די שרעקלעכסטע קאָנוווּלסיעס מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן און אַרויסגעבלעקטע צונגען מיט אַ גרינעם שוים. אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי געפּגרט פאַר די אויגן פון גלח און זיין דינסט.

— זעסט האַלקאַ, אַז דער מענטש טאָר נישט זיין צו גייציק צום פרעם און זויף. מיר קריסטן וואָלטן באַדאַרפט נאָך גאָר אַ סך זיך לערנען פון דער הייליקער ביבל, פון דעם הייליקן אַלטן טעסטאַמענט, וואָס גאָט אַליין בכבודו ועצמו, האָט בפירוש אָנגעשריבן, אַז אַ זולל־וסובה איז חייב מיתה. און אין דעם יידישן „פרינציפּן־טראַקטאַט (פרקי־אבות), אַ טיפזיניק־פילאָזאָפיש ווערק פון הויכן עטישן ניוואָ און פון דער העכסטער מאָראַלישער התעוררות, ווערט גאַנץ קלאָר געזאָגט:

„ווער עס מערט פלייש אויף זיך, מערט אויך אויף זיך ווערעם" (מרבה בשר, מרבה רימה). נאָר טאָמער וואָלסטו זיך אָנגעשטאָפּט דיין באַדנלאָזן מאָגן מיט אָט־דעם פאַרכישופטן שדים־געקעכץ, וואָס דו האָסט פאַר מיר צוגעגרייט, וואָלסטו זיכער איצטער אויך אַזוי געלעגן אויפן דיל מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג, ווי די גאָטס אומשולדיקע באַשעפענישן. נאָר געדענק, זאָלסט האַלטן פאַרמאַכט דעם פּיסק דיינעם! זאָלסט האַלטן די צונג צווישן די ציין און חלילה נישט אַרויספּלאַפּלען וואָס מען טאָר נישט דערמאָנען. „שמר פיו או לשונו, שומר מצרות נפשו" — האָט געזאָגט דער גרעסטער חכם פון אַלע צייטן. איך מיין דעם דריטן קעניג פון די העברעער — שלמה המלך. זאָלסט חלילה קיינעם נישט דערציילן,

אַז ווען דו האָסט מיר דערלאַנגט דאָס עסן, האָסטו אויפגעגעסן שיינע עטלעכע קרעפּלעך מיט יויך און עס האָט דיר גאָרנישט געשאַדט. דעם הונט, דער קאַץ און דעם הינדעלע אויך נישט. נאָר דערנאָך ערשט, ווען דו ביסט אַרויס פון דאַנען, איז דאָס עסן פאַרכישופט געוואָרן. געדענקשע, אַז דו טאָרסט נישט דערציילן אונדזערע אַלע מאַניפּולאַציעס און פאַרשונגען, אויב דו ווילסט נישט, אַז די לאַפּאַצעס זאָלן דיך פאַרפייניקן צום טויט, ווי זיי האָבן פאַרפייניקט די שיינע און ערלעכע גוטשאַ ראָזאַליאַ. מחמת זיי וועלן זאָגן און מיט רעכט, אַז דו האָסט פאַרסמט דאָס עסן, ערשט נאָכדעם ווי דו האָסט געגעסן. נו, האָסטו כאָטש צעקייעט מיינע ווערטער, האַלקאַ? — האָט דער ערלעכער גלח געוואָרנט די איבערגעשראָקענע און טאַמעוואַטע פויערטע.

דער אמת איז אָבער, אַז דער זייער קלוגער און איבערגעשפּיצטער גלח, האָט נאָך אַליין נישט געוווסט פון קיין פּתרון־חלום. ווער, אָדער וועלכע זענען עס די מענטשן אָדער די סיבות, וואָס זייען טויט און חורבן אין דעם גלחישן הויז. עס איז אים שווער געווען תופס צו זיין ווער עס איז עס דער מיסטעריעזער מערדער פון אַזוי פיל גלחים אין זייער בליענדיקער עלטער. דער געלערנטער גלח האָט אַפילו אין זיינע אינטימסטע רעיונות נישט געקאָנט משיג זיין, אַז דער רוצח וווינט צוזאַמען מיט זיינע קינדער אין זעלביקן הויז וואָס ער, דער גלח, און די גאַנצע גלחישע סוויטע, שוין זינט עטלעכע יאָר...

דערפאַר איז דעם גלח איינגעפאַלן דער געדאַנק, זיך אַדורכצופאָרן צום אַדמיניסטראַטאָר פונעם דזשעדזשיץ, ר׳ חיים זלמן קאָבילאַזשסשטיק וואַלד, ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד, וועלכער האָט געשמט אין דער געגנט ווי אַ זייער אַ קלוגער און געלערנטער מענטש.

ער, דער גלח, האָט שוין פון לאַנג חשק געהאַט זיך צו באַקענען פערזענלעך מיט דעם לעגענדאַרן ייד פון וואַלד. טאַקע זינט ער געפינט זיך אין דער פּאַראַפיע, האָט ער געטראַכט אַדורכצורעדן זיך מיטן באַגאַבטן ייד, וועגן דעם אַזוי סודותדיקן מלאך־המוות, וועלכער הרגעט מענטשן ביים עסן, גאַנץ פלוצים, אָן אַ שום פאַרוואָס, אָן אַ שום פאַרווען... אַ שוידערלעכער מערדער! זיכער עפּעס אַ כישוף־מאַכער... אפשר עפּעס אַ טייוול, וואָס זיין פּרצוף ס׳האָט דערווייל קיינער נאָך נישט געזען?

גערעדט און געטון. דער גלח האָט געהייסן דעם גלאָקן־ציער איינשפּאַנען זיינע צוויי גערעג־פערד „נאַ שפּיץ” דעם פאַיעטאָן, און היידאַ קיין גלוטגעס צום ייד ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד. די איינציקע באַגלייטערין פון גלח, אַחוץ דעם קוטשער און גלאָקן־קלינגער, איז געווען

זיין שמאַלציקע גאָספּאַדיניע, פּאַני האַלקאַ. ער האָט פאַרט נישט געוואָלט טרויען איר ווייבערישער צונג.

געווען איז עס שוין אַ שטיק נאָך שקיעה. דער בין־השמשות איז געווען פּרעכטיק. די לבנה וואָס איז נאָך געווען נידעריק, האָט זיך פּורפּור־געָרויטלט פון דער אונטערגעגאַנגענער זון. וואָלקנדלעך ווי קופּעס אָנגעצופּטע וואַטע, האָבן אין אַ געוועט זיך געיאָגט מיט דער לבנה, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּוכקער שניי־באַל. די פויערים וואָס זענען געווען אין דער קרעטשמע, האָבן געטרונקען אָקוויט (בראַנפן) אָדער ביר, צי ביידע געטראַנקען צוזאַמען, בכדי שנעלער אָנצושיכורן זיך. די פויערטעס זענען געזעסן ביי די פּייער־טעפּ און האָבן געשטריקט, געניית, אָדער געצופּט פעדערן אויף בעטגעוואַנט פאַר יידישע כלות. די שקצים־לעך האָבן זיך געשפּילט אין סטרולקעס, זיך געגליטשט אויפן אייז פון פאַרפרוירענע סאַזשעלקעס, אָדער זיך געלערנט שיסן אָדער שטעכן מיט הילצערנע ביקסן און שווערדן, די מאַסקאַלן, שוואַבן, עסטרייכער, שוועדן און יידן. די בייזע הינט האָבן אויך געהאַווקעט, געשטשירעט זייערע שפּיציקע לאַנגע ציין און געלאָפן נאָך די פאַרבייפאָרער און פאַר־בייגייער. די קאָטערס האָבן זיך געיאָגט נאָך זייערע קעצישע דולציניעאַס, וועלכע האָבן ווי ציגיינערקעס־צנועת געשפּרונגען פון בוידעם צו בוידעם מיט אַ וויינענדיקן געמיאַוקעריי.

עס איז געווען אַ טרוקענער, מילדער פראָסט.

דער גלח איז געווען אָנגעטון אין ציווילע מלבושים. דער קאָפּ צוגע־דעקט מיט אַ שוואַרצן קאַראַקולענעם היטל מיט פּאַטקעס אַראָפּגעלאָזט ביז איבער די אויערן. אַן אָנגעלאָדענע, צוויי־רערנדיקע יאַגד־ביקס האָט ער געהאַלטן אין האַנט גרייט צו שיסן. האַלקאַ און דער גלאָקן־קלינגער אויך דאָס זעלביקע. טאָמער באַווייזט זיך אַ וואָלף, בער, צי אַ ווילדער חזיר, וואָס איז אויך גענוג געפערלעך.

די נאַכט איז געווען אַ העלע, אַ באַגאָסענע מיט זילבערשיין. דער הימל־בלוי איז געווען נאָענט. די מילאָסן מיניענדיקע שטערן נאָך נעענ־טער. דער גלח מיט זיינע באַגלייטער זענען אָנגעקומען פּונקט אינעם מאָמענט ווען ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד מיט זיינע דריי זין, דריי איידעמס און זכרים־אייניקלעך, זענען געשטאַנען אַ הונדערט מעטער ווייט פון זייער שטוב, אויף אַ בערגל פון פופצן מעטער הויך און מחדש געווען די לבנה. דער גלח האָט מיט יראת־הכבוד זיך דערנענטערט, ווען די גרופּע יידן האָבן פאַרענדיקט די תפילות.

די יידן האָבן אינסטינקטיוו און ווי איבעראַשט זיך אַ ביסעלע דערשראָקן פונעם פּלוצימדיקן קאַטוילישן גלחס וויזיט ביינאַכט. אַלע ווי איינער האָבן געטראַכט: ווער ווייסט וואָסער מין אומגליק קענען די יידן האָט אים געבראַכט אַזש אין דער פאַרוואָרפּענער העק, צוויי שעה געשפּאַן פון כאַטאָטאָוו. נאָך מער, ביינאַכט און אין אַ נישקשהדיקן פראָסט, און וואו חיות־רעות לויערן?

ביי ר׳ אַלטערן אין שטוב, ביי אַ פלאַש אַראַק, מיט אַ פיינעם יידישן צובייסן, אוליקעס־הערינג, יאַגעדע־שטרודל און קעז־שטרודלעך, כטוב לב האורח, האָט דער גלח זייער ערנסט און קאָנפידענציעל מגלה־סוד געווען ר׳ אַלטערן זיינע חשדים וועגן רוצחישע גייסטער אין זיין הייליקער קירך: אפשר אַ נישט־גוטער, אַ שד, אָדער טייוול, צי אפשר דער אַשמדאַי, אָדער דער טויזנט־אויגיקער מלאך־המות אַליין, צי גאָר אַ בייזע, פאַרוואָגלטע נשמה פון אַ פאַרשאָלטענעם מענטש ביים לעבן, בשותפות מיט דער סטרא־אחרא, טוען אָפּ דאָס שרעקלעכע בייז? דערפאַר וויל ער, ווי אַ פרומער און ערלעכער קאַטוילישער גייסטלעכער אויספאָרשן, ווי ווייט מעגלעך, בכדי צו אַנטדעקן פאַר דער וועלט דעם אמתדיקן רוצח, וועלכער האָט אומגעברענגט די גלחים. איך וויל אַז מיין אויספאָרשונג זאָל האָבן דערפאָלג, כדי אומשולדיקע מענטשן, הויפּטזאַכלעך יידן, זאָלן נישט ליידן די קאָנסעקווענצן פון אַן אַנדערנס פאַרברעכן, צוליב אומפעיקע, אָדער בייזוויליקע אויספאָרשער. דערפאַר איז ער געקומען בעטן דעם געלערנטן ייד, דעם ערלעכן ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד, ער זאָל מיט זיין העל־זען און טיפן פאַרשטאַנד, אים העלפן פותר זיין אַ קרימינעלע רעטעניש, ווי יוסף הצדיק איז געווען אַ פותר פון פרעהס חלומות, אָדער ווי דניאל אַ פאַרטייטשער פון דעם סודותדיקן „מנא, מנא, תקל ופרסין” ביי בלשאצרן, וואָס אַ מיסטעריעזע האַנט האָט אָנגעשריבן אויף דער וואַנט פון זיין מאַרמאָרנעם פאַלאַץ.

— אולי ירחם! אוי, ריבונו של עולם! אוי טאַטע פאָטער זיסער אין הימל, קום מיר צוהילף אין דעם שרעקלעכן נסיון, בכדי די גויים זאָלן קענען באַנעמען דיין גרויסקייט! — האָט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער אַ סעפּטשע געטון אין דער שטיל, פאַר זיך אַליין.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער איז מיטגעפאָרן מיטן גלח צו מאַכן אַ ביינאַכטיקע אינספּעקציע אין די צימערן פון גלחס הויז. צוזאַמען מיטן איינגעוואָרצלטן יידישן בטחון און גלויבן אין גאָטס הילף, האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַ שפּאַקטיוו און אַ פאַרגרעסער־גלאָז, כדי צו קאָנען בעסער זען און גרינטלעכער בודק זיין די גאַנצע גלחישע וווינונג.

— 7 —

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען די קאַרעטע איז אַריינגעפאָרן אין גלחישן הויף. באַלד ביים ערשטן אויגנבליק האָט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער באַמערקט אין גרויסן עס־זאַל, אַז פון אַ גראָבן און פירקאַנטיקן באַלקן זענען נאָכגעהאָנגען צוויי פאַרטרוקנטע באַנאַנעשטאַנגען, פאַרטרוקנטע הענגלעך ווייַנטרויבן און פאַרוויאַנעטע אַנאַנאַס, ווי אויך אָפּגעטרוקנטע צידרען (אתרוגים).

— פון וואַנען קומען עס צו אייך, חשובער גלח, אָט אָ די קמיעות? נישט אַמאָל פון בראַזיל? — האָט געפרעגט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער.

— דאָס זענען נישט קיין קמיעות, נאָר פאַרטרוקנטע פרוכטן — האָט געענטפערט דער גלח.

— פון ווען אָן הענגט עס אַזוי דאָ פון דעם באַלקן? — האָט ר׳ אַלעקסאַנדער ווידער געפרעגט.

— די זאַכן וואָס איר זעט דאָ אַזוי הענגען פונעם באַלקן, דאַרפן שוין אַזוי הענגען לערך צען יאָר. די פרוכטן האָט אַהער געבראַנגט דער רעווערענד, ערשטער גלח, וועלכער איז דאָ געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. ער, דער הייליקער גלח, איז געווען אַ מיסיאָנער. ער איז געקומען פון בראַזיל, פון מאַטאָ גראָסאָ. דער אָפּפּערווויליקער הייליקער גלח האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די ווילדענישן פון די בראַזיליענער דזשונגלען, כדי צו באַקערן די אינדיאַנישע באַרבאַרן־געצנדינער צום קאַטוליציזם — האָט אים אָטעם דערקלערט דער גלח, אויסערגעוויינלעך פאַראינטריגירט צוליב ר׳׳ אַלטער אַלעקסאַנדערס פראַגן.

— איך זע דאָרט אויבן, פונקט איבערן אָפּגעטרוקנטן שטענגל באַנאַנען, אַ פירקאַנטיקע הוילקייט, פול מיט אַ חשדימדיקער שפינוועבעכץ. פון וואַנען קומט דאָס אַהין? — האָט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד ווידער געפרעגט דעם פאַרהידושטן גלח, אין קעגנוואַרט פון דעם אָרגאַניסט, גאָספּאָדיניאַ האַלקאַ, סאַלטים, לאַווניק, קאַשטשעלנע, און אַ טוץ אַנדערע חשובע פויערים פון דאָרף און אומגעגנט.

— פון וואַנען קומט אַהין, צווישן די בעלקעס שפינוועבעכץ? וואָס הייסט פון וואַנען? פון שפּינען, פאַניע! יאָ, פון שפינען, זיכער אַז פון שפינען. פון וואָס דען, אַז נישט פון שפינען? עס ווונדערט מיך, אַז אַ ייד זאָל נישט וויסן וואָס שפינוועבעכץ איז. איר ווייסט, וויעלמאָזשני פּאַן אַלעקסאַנדער, די שפינען פאַרהיטן דאָס הויז פון אַ שריפה און פון אַ סך אַנדערע שלעק — האָט זיך אַריינגעמישט דער קאַשטשעלנע, וואָס

איז געווען אַ חוץ קירכלעכער באַדינער, אויך ריײניקער פון די גלחישע וווינונגען.

— שווייג בעסער, שווייג, דו פוילער זאַק איינער וואָס דו ביסט, אויב דו ווילסט נישט אַז מען זאָל דיך פירן צו אַן „אָנגעזייפטן שטריק" — האָט דער גלח אַ געשריי געטון צום קאַשטשעלנע.

— אָבער לויט ווי מיין באָבע פלעגט מיר דערציילן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגעלע, זענען עס די שפינען געווען די בייזע באַשעפענישן, וועלכע זענען געשטאַנען אין דינסט פון טייוול, שדים און רוחות־רעות, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן די געצנדינערישע רוימער צו פאַרברענען דעם בית־המקדש און צעשטערן די הייליקע שטאָט ירושלים. די אַלטיטשקע באָבע מיינע האָט געזאָגט, אַז די שפינען זענען עס געווען דעם שטנס שליחים, וועלכע האָבן פונאַנדערגעטראָגן דאָס פייער איבער אַלע ווינקעלעך פון הייליקן גאָט־הויז — האָט ר' אַלטער אַלעקסאַנדער אַן אויפגערעגטער, געענטפערט דעם כיטרן און ציניש קאַשטשעלנע. — נו, קאָנט איר, פאַניע קאַשטשעלנע, מיר אפשר ברענגען אַ לייטער? איך בין טאַקע טשעקאַווע צו זען ווער פון אייערע גוטע פאַרשוינען וווינען עס דאָרט... — האָט פאַרגעזעצט ר' אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד. ער האָט אָנגעשטעלט דעם שפּאַקטיוו צום חשדימדיקן אָרט. — איך זע דאָרט, דאַכט זיך מיר, עטלעכע זייער געפערלעכע שכנים, צי געסט, וועלכע איר ליובט אַזוי שטאַרק, פאַניע קאַשטשעלנע...

דער קאַשטשעלנע איז נישט געוואָרן. עטלעכע פויערים האָבן צוגעהאַלטן דעם שווערן דעמבענעם לייטער, אויף וועלכן ר' אַלטער אַלעקסאַנדער איז אַרויפגעקראָכן ביז אַ מעטער ווייט פון דעם שפינען־לאַבירינט.

— נו, האָט איר עפּעס אַנטדעקט, פאַניע אַלעקסאַנדער?

— יאָ, אַלמעכטיקער פאַניע גלח. איך האָב דאָרט אַנטדעקט אַ גאַנצע אימפּעריע, צי קעניגרייך פון די גאָר וואַזשנע שפינען. דאַכט מיר, אַז פון דעם זעלביקן מין וואָס איך האָב געהאַט געזען אין אַ גלעזערנע שטייג אין פּאַריזער אוניווערזיטעט פון נאַטור־וויסנשאַפט. יאָ, איך האָב זיי דאַכט מיר, אויך געזען אין אַ פּאָסילן צושטאַנד אין דאָרטיקן מוזעום פאַר נאַטור־וויסנשאַפט. דער מין צו וועלכן איך באַצי מיך, געהערן צו אַ זייער געפערלעכער קאַסטע שפינען, גוואַלדיק גיפטיקע, — האָט געזאָגט ר' אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד, אַ שטאַרק בלאַסער און מיט אַ ציטערדיקער שטים, אַליין איבעראַשט פון דער אַנטדעקונג.

נאָר ווי אַ וויסנשאַפטסמאַן, בכדי צו זיין אַבסאָלוט זיכער אין זיין

השערה, האָט ער געהייסן אַנידערשטעלן אַ שיסל מיט אוקראָפּ, אָדער שטאַרק הייסע, דאַמפּיקע יויך אָדער זופּ. ער האָט געבעטן די גאַספּאַדיניע, זי זאָל פריער זיך אַראָפּנעמען אַ פּאַרציע וויפל זי וויל נאָר אַליין און אויפעסן, און די רעשט וואָס וועט בלייבן אין דער זופּ-שיסל, זאָל זי אַנידערשטעלן אויף יענעם אָרט ווו די זופּ-שיסל פלעגט שטיין, ווען די געשטאָרבענע גלחים פלעגן עסן פאַרן פלוצימדיקן שטאַרבן. איצט זאָל די געערטע פּאַני גאַספּאַדיניאַ אָפּדעקן דאָס עסן, כדי די פּאַרע זאָל זיך אויפהויבן אימפּעטפול אַרויף צום סופיט, ווו די שפינען-לאַבירינטן געפינען זיך.

די אומוויסנדיקע פּויערישע גאַספּאַדיניע, אַ צום טויט-איבערגעשראָקענע, און פון אַבערגלויבערישקייט טעראָריזירטע, האָט ווי אַן אויטאָמאַט, אָדער גולם, אויסגעפאָלגט דעם באַפעל. נאָר זי האָט אונטער דער נאָז אַ בורטשע געטון: — מיר טוען אַ פאַרברעכן און זינד קעגן יעזוסן און זיינע אומשולדיקע באַשעפענישן. שפינען זענען הייליקע באַשעפענישן, זאָגט דער קאָשטשעלנע. מען טאָר זיי נישט הרגענען. זיי קאָנען נאָך חס וחלילה נקמה נעמען.

פון דער זודיקער יויך מיט פערפעלעך, רייז, גרינער אַרבעס, קירבעס און קאַרטאָפל, פאַרבראָקט מיט אַלערליי מין שאַרפע און אַראָמאַטישע געווירצן, האָט דער שמעקענדיקער דאַמף אַ זעץ געטון אַרויף ווי פון אַ זודיקן קאַלך-קעסל, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן סופיט, ווי אַ געדיכטער נעפּל. צו די עלף מינוט האָט פלוצים, ווי באַפוילן פון אַ מאַגיש שטעקעלע, זיך אויפגעהערט צו דאַמפּן דאָס געקעכץ.

ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד האָט באַלד געבעטן דעם שטודירנדיקן און נאָכקוקנדיקן גלח, ער זאָל אַזוי גוט זיין און זאָל פון דער זעלביקער זופּ, פון וועלכער די געאַכפּערטע גאַספּאַדיניע האָט געגעסן און עס האָט איר גאָרנישט געשאַדט, געבן אויפצועסן אַ וועלכע עס איז חיה, פון וועלכער דער אַזוי געערטער גייסטלעכער איז וויליק פּטור צו ווערן.

דער גלח האָט באַפוילן דעם פּאַראָבעק יאַנעק וויזשבאַצקי, היצעל און קאַסטרירער פון אָגערס, ביקעס און חזירים, ער זאָל אַריינרופן דעם פאַרכעוואַטן יאַגד-הונט, וועלכער איז סיי-ווי שוין געווען אַ פאַרמישפּטער צום טויט.

צו די זעקס און צוואַנציק מינוט נאָכן אויפעסן וואָס דער גלח זעלבסט האָט מיט זיינע אייגענע הענט אים דערלאַנגט, איז דער ריזיקער כלב אַוועקגעפאַלן און געפגרט מיט אַן אויסטערליש מאַטערנדיקן טויט.

כדי צו קענען כאַפּן איינעם אָדער מער לעבעדיקע מלאך המוות־שפּינען, האָט ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער אַנידערגעשטעלט פּונקט אונטער דעם שפּינען־לאַבירינט, אַן אָפּגעדעקטן גלעזערנעם סלאָי. ער האָט מיט אַ ספּעציעלן גלעזערנעם שפּריצער אַריינגעשפּריצט אַ שטאַרקן טאַבאַק־רויך פון עכטע רוסישער מאַכאָרקע אינעם שפּינען־צונקער.

די גיפטיקע שרצים, דערשפּירנדיק דעם שאַרפן טאַבאַק־טשאַד, זענען אין אַ ווײַלע אַרום אַרויס פון זייער קאַמופלאַזשירטער פעסטונג. צען ריזיקע שפּינען פון דעם „לאַקטאָדעקטוס־מאַקטאַנס״ מין זענען זיי געווען, וואָס זייער סם־המוות פאַרמאָגט אַ גוואַלדיק טויטנדיקע ווירוס־קראַפט. זיי זענען פון דער הויך אַריינגעפאַלן אין אונטערגעשטעלטן אָפענעם סלאָי.

— איר זעט, אַלמעכטיקער פּאַניע גלה, אַז ווען עס ווערט אַנידער־געשטעלט אַ כלי מיט אַ שטאַרק היים און דאַמפּיק עסן, שפּײַט אַריין די גיפטיקע שפּין איר זייער שטאַרקן און גאַלאָפּ־ווירקנדיקן סם, געמישט מיט אַ ספּעציעלן, דורך איר אויסגעאַרבעטן וועבעכץ, זייער ענלעך צו אַ דורכזיכטיקן זײַדן־געוועב, וואָס פאַרדעקט דעם גאַנצן אויבערפלאַך פון דער יויך, מילך צי זופּ. זייער פּאַרע באַלעסטיקט אַזוי שטאַרק די פעט־לייביקע און אַריסטאָקראַטישע שפּינען.

אין מיטן דערינען איז דעם קאָשטשעלנעס ווייב, פּאַני זאָשאַ מאַטי־קאָווני, מיט אירע פינף טעכטער געקומען מיט היסטערישע געוואַלדן: דער קאָשטשעלנע, איר מאַן, טאַטע פון אירע פינף קינדער, האָט זיך אויפגעהאָנגען אין דער סטאַיניע (פערד־שטאַל). פאַר חרפּה און בושה האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן...

— דיין מאַן האָט גוט געטון, ווייל עס איז אים סיי ווי געקומען די תליה, צוליב זיין שותפות מיט די שפּינען, וואָס האָבן אומגעבערענגט אַזוי פיל הייליקע גייסטלעכע! — האָט געזאָגט דער גלה.

נאָך דער סענסאַציאָנעלער רעוועלאַציע וועגן די אמתדיקע רוצחים וואָס האָבן געסמט די זיבן גלחים, האָט דער ערלעכער און הויך־געלערנ־טער גלה געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה צו די פרומע פּויערים. ער האָט פאַר זיי אַנטפּלעקט דעם סוד, אַז נאָר דאָס מזל, וואָס גאָט האָט צוגע־שיקט דעם געלערנטן ייד ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד, איז אויפגע־דעקט געוואָרן די פאַרשלייערטע געהיימניש, וועגן דער שפּינען־סכנה. אַ דאַנק דעם ייד פאַן אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד, איז אויפגעקלערט געוואָרן דער סוד פון די פּלוצימדיקע טויט־פאַלן אין דעם גלחישן הויז. קיין שום ערלעכער קריסט טאָר נישט האַסן קיין יידן, וואָס זענען איבער־

געגעבענע פריינד פון די פּאַליאַקן. זיי, די יידן, זענען אַ פּראָדוקטיוו, אַר־בעטנדיק און קולטורעל פאָלק. גאָט באַשטראָפט אַלע פעלקער, וואָס טוען שלעכטס די יידן, וועלכע וווינען צווישן זיי.

עטלעכע טעג נאָך דער סענסאַציאָנעלער אַנטדעקונג, אַז נישט יידן הרגענען גלחים, נאָר גיפטיקע שפּינען, וועלכע וווינען טיילמאָל אין די הייליקע געטלעכע הייזער, איז דער ערלעכער גלח פאַרשווונדן. ער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. ווער ווייסט צי זיין ראַטעווען זיך פון אַ זיכערן טויט האָט אים נישט באַווירקט זיך צו ווידמען זיין יידנפריינט־לעכע שליחות?

די פויערים פון כאַטאַמאָוו און אומגעגנט האָבן געזאָגט, אַז דער גלח איז געווען אַ געטלעכער בעל־מופת, אַ הייליקער, געשיקט פון זייער דריילינג, וועלכע האָבן זיך געהאַט באַוויזן מיט איבער צען יאָר צוריק אויף דער ווייסינקער בעריאָזע, אין דער געשטאַלט פון די דריי יידישע ברענענדיקע חנוכה־ליכטלעך...

די יידן, פון זייער זייט, האָבן זיך געפּלפּולט, געהיצט אויפן חסידישן שטייגער, אַז די גלחישע געשטאַלט, וואָס איז יענע נאַכט געפאָרן צו ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד, איז נאָר געווען אַ דאַכטעניש אַזאַ, אַ נס מין השמים; אַז די גלחישע געשטאַלט, וואָס האָט זיי געראַטעוועט פון אַ שרעקלעכער עת־צרה, איז גאָר קיין גלח נישט געווען. זיי האָבן געטענהט, אַז דאָס איז גאָר געווען אליהו הנביא, פאַרשטעלט פאַר אַ גלח, וועלכער איז אַראָפּגעקומען פון הימל קיין כאַטאַמאָוו, בכדי צו באַ־פרייען די יידן פון אַ שרעקלעכן שקר־בלבול, פון אַ שוידערלעכן עלילת־דם. דעם נס האָבן די כאַטאַמאָווער יידן דורות־לאַנג נישט פאַרגעסן, איי־בערדערציילט פון מאָמע צו זון, און דערמאָנט מיט יראת־הכבוד דעם ערלעכן, גוטן און געלערנטן ייד, ר׳ אַלטער אַלעקסאַנדער זיסקינד, זכרונו לברכה.

איך בין דיר מוחל, ווי איך בין א ייד!...

נוח פשעניצא איז איינער פון א סך יידישע העלדן, וועלכער האט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם פארעטערישן „צערבערע”-דורשט פון די נאצים נאך יידישע טרערן, יידיש בלוט און מארך.

נוח פשעניצא איז א געבוירענער און דערצויגענער צווישן די סקערדער דייטשן און פאליאקן. ער רעדט פונקט אזוי ווי יידיש און פויליש, אויך א פליסיקן פלאט-דייטש. ער האט געטרונקען ביר, געקייט טאבאק מיט דזשעגעכץ, געשפיגן ברוינס, זיך געוועסלעוועט און געשווומען אויף די ריזלדיקע כוואליעס פון דער תמיד-ירגזונדיקער און מאיעסטעטישער ווייסל, בעסער ווי די בעסטע סקערדער און רייסעווער דייטשן און פאליאקן.

סקערדע איז א גרויס און צעשפרייט דארף, וואס ליגט צווישן יאבלאנע און נאווידוואר, אויף דער אנדערער זייט ווייסל. די באפעלקערונג באשטייט הויפטזאכלעך פון כמעט בלויז דייטשן, ווי אויך אביסל פאליאקן. די הילצערנע הייזער מיט די שטרויענע, שינדלענע און דאכאווקענע דעכער, שטייען ביז כמעט הארט ביים ראנד פון דער ווייסל. דאס דארף געפינט זיך ביי א פינף און צוואנציק קילאמעטער פון ווארשע און ביי א צען קילאמעטער פון כאטאמאוו — פוילן.

אין נוחס מוח בליצן אויף די לעצטע געשעענישן, וואס האבן גורם געווען זיין קומען קיין ארגענטינע.

אין זיין דמיון זעט ער א פאלארן ווינטער, ווען די פרעכטיקע און פרוכטבארע פוילישע ערד איז טויט-פארפרוירן. אקערן, בראנעווען און זייען איז נישט מעגלעך. קיין פיצעלע גרינס איז נישט בנימצא. דער פראסט סמאליעט און פארוואנדלט די וווּנדערלעכע פוילישע פעלדער, אין הארטן קיזלשטיין. דער גאנצער פוילישער פליין, בארג און טאל, איז באדעקט מיט א תכריכים-ליילעך פון א ווייסינקן פוכענעם שניי.

דעמאלט פלעגן די פשעניצער כלאפעס אויסהאקן פראלאנקעס אין דער גראבער קריע אייז וואס פארדעקט די שטורמישע כוואליעס פון דער

תמיד-רעבעלירנדיקער ווייסל. און ביינאַכט, חושך-פינצטער, אַ שוואַרצע מיצרישע פינצטערניש, אָן אַ פּיצעלע לבנה. בלויז די שימערירנדיקע די-מענטן-שטערנדלעך גלאַנצן בליציק אַראָפּ פונעם עבאָן-שוואַרץ-סאַמעטע-נעם הימל; ווען קיין שאָרך פון אַ לעבעדיקן מענטשלעכן נפש, חוץ דעם יאָמערדיקן געוווי פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן הונגעריקן וואָלף, האָט זיך נישט געהערט — פלעגט ער, נוח, און זיינע ברידער, כאַפּן פיש: קאַרפּן, לאַקסן, העכט, שלאַיענס און קאַראַשן. זיי, די ברידער פשעניצאַ, פלעגן כאַפּן די פיש ביי אָן אָנגעצונדן עלעקטריש לעמפּל, וואָס צו איר סוגעס-טירנדיקער ליכטיקייט, די אויסגעהונגערטע פיש קומען פון דער ווייט און פאַלן אַריין אין דער נעץ.

דערפאַר איז די פאַמיליע פשעניצאַ געווען געאַכט און געשעצט ביי די סקערדער דייטשן און קאַטוילישׂ-פרומע פאַליאַקן, וועלכע האָבן פאַר-זיכערט, אַז ס'וועט די אַרבעטנדיקע און גוטע יידן, אפילו קיין האָר פון קאָפּ אויך נישט אַראָפּפאַלן, אויב די נאַציסטישע היענעס י"ש וועלן אינוואַדירן פוילן.

אָבער ווי נאָר די היטלעריסטישע היצלעס-וואַנדאַלן האָבן איבערגע-נומען די מאַכט אין דייטשלאַנד, און זיי האָבן זיך גענומען פאַרפאָלגן די יידן, אַזוי גלייך האָבן די „גוטע" און „ערנהאַפטיקע" דייטשן און פאַ-ליאַקן פון סקערדע, גענומען ווייזן זייערע פאַרפעסטעטע מאַנדרילן (אַזאַ מאַלפּע) און שאַקאַלן-נעגל.

כמעט די גאַנצע דייטשע יוגנט פון סקערדע, געבוירענע און דער-צויגענע אין פוילן, האָבן אַ שטיק צייט פאַרן אויסברוך פון דער דייטש-נאַציסטישער בעסטיאַלער היסטעריע, צוגעוואָרפן שטעך-ווערטלעך צו דער איינציקער יידישער פאַמיליע פונעם דאָרף: אַז דער „יודע" וואָלט געמעגט אָפּציען באַצייטנס קיין פאַלעסטינע. נאָר זאָל פריער זיי צעטיילן זיין פאַרמעגן, איידער עס וועט זיין צו שפּעט.

דאָס גאַנצע הויז-געזינד פשעניצאַ, אין באַשטאַנד פון נוחם טאַטע-מאַמע, זייערע דריי זין און פיר פּרעכטיקע טעכטער. אַלע איינס און איינס, פעסטע ווי די פוילישע פרישע דעמבעס, הויכע ווי די טאָפּאָליעך-ביימער און געוואַגטע ווי די טיגרען און לעמפּערטן אין די געדיכטעניש פונעם וואַלד. זיי האָבן פאַרמאָגט אייגנס, אַ פאַרם פון צוויי „וואַליקעס" פעלד (לערך זעכציק העקטאַר); אַחוץ עטלעכע סעדער מיט די בעסטע פרוכטן וואָס די שפעדיקע פוילישע ערד גיט אַרויס, און אויך אַ גרויסע ווינט-מיל.

ישראל פשעניצא, זייער פאטער, האט דאס אלץ פארקויפט זעקס חדשים נאך פארן אויסברוך פון דער גרוילנדיקער מלחמה, פאר א גוטן פרייז צו א פריינטלעכן און ארנטלעכן פאליאק, וועלכער האט געוווּסט א סך פאליטישע און דיפלאמאטישע סודות, ווי אויך נאציאנאלע און קרי־מינעלע אינטריגעס פון די דייטשע און פוילישע כוליגאנעס, וואס האבן געפלאנט אומצוברענגען די סקערדער יידישע פאמיליע.

נוח זעט אויס ווי אן עכטער פוילישער שגץ; ער איז איבער זעקס פוס הויך; ער פארמאגט בלויע הימל־אויגן; האר ווי העל גאלד, עטוואס ארויסגעשטארצטע באקנביינער; אביסעלע א צו קליין מויל, מיט רויטע ליפן פון א יונגע שיקסע און א פאררייסן הוצפהדיק מאפסן־נעזל. ער, נוח, איז אן איינשטעלער ביז איבערטרייבן. דערצו נאך איז ער אייזן־שטארק פארמאגט א ווילדע שטאלצקייט פון א יונגן בוהיי.

עס איז געווען צען טעג אין שבט. פונקט ניין אזייגער ביינאכט. עס איז געווען שטאק פינצטער. דער הימל איז געווען א געדיכטע שווארצע מאסע. דער פראסט האט געשרפהט אייזיק־קאלט. די שינדל־דעכער האבן געקנאקט. אן אליאדער ווינט האט פארכאפט דעם אטעם. אויף די שויבן פון די דאפלטע פענצטער — א גראבע בליאכע סאטענער אייז, באצירט מיט די שענסטע פליושענע קווייטן און טויטע פלאנצן־געוועבן. די דייטשע און פרום־פוילישע קריסטלעכע באפעלקערונג, איז געלעגן איינ־גענורעט אין זייערע ווארעמע כאטעס, אין די בעטן, צוגעדעקט איבער די קעפ מיט גראבע, פוכענע פערענעס. א שניי פון איבער א האלבן מעטער הויך, האט באדעקט דעם גאנצן פליין. פון נידעריקן הימל האט א שארפער וויכער און שדים־פייפנדיקע זאווערוכע, ווידער גענומען שיטן א פוכענעם ווייכן שניי, מיט אן אנבליק פון שוואנען־פעדערן.

אין יענער חושכדיקער נאכט, בשעת א שליטן איינגעשפאנט מיט צוויי ווייסע לייבן־פערד, איז געשטאנען גרייט צו מארשירן צו א בעסע־רער וועלט, א פרייערע און ברידערלעכע, איז נוח און זיינע צוויי ברידער שלמה און משה, געשטאנען גרייט אויפצונעמען די דייטשע קאניבאלישע רוצחים ביי דער „פראלאנקע”, ווו זיי זענען געשטאנען פארטוענע אין כאפן פיש.

— גוט אוונט יודען! — האבן די יידישע יינגלעך דערהערט ווי א קאבאנען־ברום פון פינף יונגען, וועלכע האבן פאררעטעריש געוואלט זיי, די יידישע יינגלעך, ארײנשטויסן אין אפענעם לאך פון אייז. נאר די יידישע יאטן, וואס האבן געוווּסט די היטלעריסטישע הידרא־כוונה, א דאנק דעם גוטן פאליאק פאן פראנטשיסעק פאטשעכאווסקי, וועלכער

האָט די יידישע בחורים מודיע געווען וועגן דער געפאַר, האָבן פאַרפירט אַ קאַמף מיט די רוצחים.

נאָך אַ פינף מינוטיקן געראַנגל זענען צוויי פון די פינף דייטשן אומגעפאַלן מיט צעבראָכענע הענט און פיס. נוח איז דערנאָך אויגנבליקלעך אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט. ער האָט געמאַכט אַ סטראַטעגישן, ספּריטנעם ריקצוג אַזוי געלונגען, אַז די פאַרכליניעטע דייטשע וואַנדאַלן, נישט ווייסנדיק גענוי ווו די פּראָלאַנקע געפינט זיך, זענען אַריינגעפאַלן אין אָפּענעם לאָך פון דער גראָבער אייז-קריע און זענען פאַרשוווּנדן אין מעכטיקן וואַסער דעם קאַלטן אונטערן אייז פון דער שטורעמדיקער ווייסל. די היטלעריסטן זענען אַזוי אַרום אַריינגעפאַלן אין דער פּאַסטקע, וואָס זיי האָבן געטראַכט צו טון מיט די יידן, טאַקע ווי אין פּסוק שטייט: „בור כרה ויחפרהו, ויפול בשחת יפעל...״

פון פוילן, דעם פאַרפלעקטן מיטן אומשולדיקן בלוט און מאַרך פון די יידישע מאַרטירער, איז נוח אַוועק צו זיין מיידל ציפּורה, קיין אַרגענטינע. דאָ געפינט ער זיך איצטער ווי אַ גוטער קאָלאָניסט, גוטער עטישער ייד און גוטער אַרגענטינער פּאַטריאָט. ער שמט ווי אַ רייכער קאָלאָניסט, מחמת ער איז זייער אַ פלייסיקער פעלד-אַרבעטער און זיין חנעוודיקע ציפּורה, דאַסגלייכן. אחוץ דעם, איז נוח אַ געלערנטער און ביז גאָר פּראַקטישער גאָרטן-אַרבעטער. און ציפּורה — אַ געשולטע אַגראָנאָם-אינזשיניערין און גוטע פּי-און עופות-ציכטערין. זיי ביידע, נוח און ציפּורה, זענען באַליבט און געשאַצט פון די אַרומיקע איטאַליענישע קאָלאָניסטן ביז העט-ווייט. אַלע פאַרמער פון יענער געגנט זענען מקנא דעם אַטלעטישן ייד, נוח פשעניצאַ, פאַר זיין אויסטערלישן דערפאָלג.

אויף די צוויי הונדערט העקטאַר פעלד וואָס נוח פאַרמאָגט, האָט ער כמעט תמיד אַ בעסערע געראָטעניש ווי זיינע שכנים-קאָלאָניסטן אויף גרעסערע נחלות. ער פאַרמאָגט אויך אַ שפּאַר ביסל שאָף און רינדער, פערד, ציגן און עופות פון בעסערן מין. נוח האָט אויך אַ סאָד מיט די בעסטע פּרוכטן און גרינצייגן אַלערליי. וואָס אַנדערע פויערים, פּוילענצער, האָבן נישט.

נוחס פאַרם-אַרטיק שטיבל מיט די גלאַנציקע רויטע דאַכאַוועקעס און אייגנאַרטיקע געדרוימע וועראַנדע, אַן אַדורכגעוועבטע, אַ דורכגעפלאָכטענע מיט די פּרעכטיקסטע, באַבלומטע קלעטער-פלאַנצן, שטייט אַ צוואַנציק מעטער ווייט אָפּגערוקט פונעם וועג וואָס פירט צו די מאַכאָנען-וועלדער.

דאָס פּאַרמער־הויז, מיט זײַן טורעמל און בליך־אָפּליטער אויפֿן שפּיץ, זעט אויס ווי אַ מיטלאַלטערלעך פּאַלאַצל, כּלפּי די צעהויקערטע ראַנטשאָס פֿון אַנדערע פֿעלד־מענטשן: דער גאַנצער פֿאַרצוימטער גאָרטן איז באַפֿלאַנצט מיט די נוציקסטע פּרוכט־בוימער, ווי אויך קאַרטאָפֿל, קרויט, בוראַקעס, מייערן און הינדזן אַלערליי; בײַטן מיט די קאַלירעוו־דיקסטע און אַראָמאַטישסטע בלומענפֿלאַנצן, באַזעצטע מיט אַ זעלטן־פֿײַנעם צוויט, וואָס פּאַרפֿומירן ווײַט אַרום מיט זייער פֿאַרשידנאַר־טיקן דופֿט.

——::——

ס'איז געווען פֿאַר שקיעה. דער צעוואַקסענער נוח איז געפֿאָרן אויף זײַן הויכן, צוויי־רעדערדיקן „טילבורי" צו זיך אַהיים. אַ צופֿרידענער און אויפֿגעהייטערטער, האָט ער געקוקט אויף זײַנע צעלאָקטע און צעכוואַ־ליעטע האָבער־שטאַנגען; ער האָט געקוקט אויף די עניוותדיקע קאָרן־ווייצן־ און גערשטן־זאַנגען; אויף די גאַוהדיק פּאַרריסענע, לאַנג־בלע־טערדיקע הויכע קוקורוזעס ווי לולבים־צווײַגן, וואָס זענען געוואַקסן מיט אַ גרויסער שפֿע ביזן ראַנד פֿון בײדע זײַטן וועג.

אַן אומענדלעכע קינדישע חדווה איז אין אים, אין נוחן, אויפֿגעגאַנ־גען, בעת ער האָט געקוקט אויף זײַן תבואה־שפֿע. אַ פֿאַרכלינעטער און צעשטראַלטער, האָט נוח באַטראַכט ווי די צאַרטע שטרויען, מיט די פּולע, געשוואָלענע זאַנגען האָבן זיך געשאָקלט פֿרום און געוויגט זיך ווי אַ גינגאַל־דענער ים. די פֿליישיקע פֿליגלען פֿון זײַנע נאָזלעכער האָבן זיך אים אינ־סטינקטיוו מער צעשפּרייט און אײַנגעזאַפּט אין זיך די געשמאַקע גן־עדן־ריחות פֿון די נאָך נישט צײַטיקע ברויט־תבואות; די רייצנדיקע גן־עדן־דופֿטן פֿון די העל־גרינע, צעבליטע „אַלפֿאַלפֿן" (קאָניטשישינע), מיט די ליליען־בוקעטן, וואָס האָבן אָנגעפֿילט זײַנע אַטלעטישע לונגען מיט אַ זאַטער דערקוויקונג. נוח האָט עטלעכע מאָל שטאַרק אַרײַנגעצויגן דעם פֿײַנעם תבואה־ און לאַנקע־אַראָמאַט און זיך באַסאָווע צעזונגען:

— און דו אַקערסט און דו זייסט
און דו פּיטערסט און דו שנײַדסט
און דו האַמערסט און דו שפּינסט,
זאָג מײַן פֿאָלק וואָס דו פֿאַרדינסט?
גלײַך גלאָך, קלאַפּט דער האַמער זײַן געזאַנג...

נוח האָט, קוקנדיק אויף דער תבואה־גערעטעניש, וואָס אויף זײַן ענדלאָזן רחבֿותדיקן פֿעלד, געזען די נעסטן פֿון די קאָראַפּאַטקעס, ווילדע

טויבן, שפּערלינגען, שוואַלבן, סאַרסאַל און אויוון-פייגל („האָדנעראָ" אין שפּאַניש), וואָס האָבן זיך געצערטלט און געליבט. נוח האָט געזען ווי אַ רויטינקע „קאַמאַדרעכאַ" (אַזאַ נאַרע-היהלע), איז געזעסן אויף אַ גראָ-בער צווייג פון אַ ווילדן עפּל-בוים מיט אירע זעקס קינדערלעך אויף איר רוקן. די גראַציעזע קאַמאַדרעכעלעך וואָס זענען געזעסן אויף זייער מאַמעס פּלייצע, זענען געווען באַהאָפטענע מיט זייערע צאַרטע ווידעלעך צו איר עק, וואָס זי האָט פאַרבויגן ווי אַ בויגן-שטאַנג ביז איבער איר קאָפּ. די אייפערדיקע מאַמע-קאַמאַדרעכאַ, אַ דערשראָקענע, האָט אויף שנעל באַהאַלטן אירע קינדער אין איר ספּעציעלן בויך-בייטל און איז אַנטרונען צווישן די האָבער-שטרויען.

נוח פאַלט אַריין אין התפּעלות און שרייט אויס אויפן קול:

— טאַטע, זיסער פאָטער אין הימל, ווי הערלעך, וויפל פּלאַי-פּלאָים עס איז פאַראַן אין דער אומבאַגרייפלעכער יצירה! אָט אַזאַ מין באַשעפעניש ווי ס'איז די קאַמאַדרעכאַ, אָדער „זאַריגועלאַ", דאַכט זיך גאָרנישט קיין ווירדיקס, און ווי נאָבל און אָפּפערווויליק דאָס פאַר-טיידיקט אירע נאָך אומבאַהאָלפענע, צאַרטע קינדער, נישט ערגעץ אַנדערש ווו, ווי נאָר ביי זיך אין בויך באַהאַלט זי זיי.

קוקנדיק אַזוי צו די פליענדיקע שוואַלבן און טויבן, סאַרסאַל, שפּער-לינג, אַלאַנדראַ און „קאַרפּינטעראָ" (סטאָליער-פויגל) און פּרעכטיקן קאַליברי; באַאָבאַכטנדיק די קאַרפּינטשאַס, אַרמיניאַס, ווילדע קראָליקעס און הוראַנען און אַנדערע נאַרע-היהלעך, האָט נוח געטראַכט וועגן זיין ציכטיקער היים, וועגן זיין ליכטיק ווייבל מיט די גרויסע פּעך-שוואַרצע הירשן-אויגן, זייד-סאַמעטענע שוואַרצע ברעמען, לאַנגע וויעס, געלאָקטע האָר און עלאַסטישע, געטאָקטע גלידער פון אַ גאַצעלאַ. נוח האָט גע-טראַכט וועגן זיין געראַטענעם צווילינג: דווידל און טויבעלע, וועלכע ווערן היינט צוועלף ביינאַכט פינף יאָר אַלט און זעען אויס אַ סך עלטער. אַז דווידל וועט אויפוואַקסן וועט ער זיין אַ גענעראַל פון דער הגנה... נוח לאַכט. און טויבעלע? אַ פּראָפעסאָרין, אַ פּיאַניסטין אַזוי ווי פּאַדע-רעווסקי און קאָמפּאָזיטאָרין ווי בעטהאָווען. נוח שמייכלט ווידער וועגן זיין טראַכטן: זיי ביידע פאַרמאָגן העל-בלויע אויגן, בלוי ווי דער זאַפיר-שטיין. ניין, נישט זאַפיר, נאָר ווי די העל-בלויע און דופּטיקע כאַבער-בלומען; און העל-בלאָנדע, געקרויזלטע און צעשויבערטע האָר-לאָקן, פונקט אַזעלכע ווי זיינע, נוחס, גאָלדענע האָבער-זאַנגען, וואָס וואַקסן אויף זיין נחלה, ביזן ראַנד פון וועג.

נוח איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פונעם הויכן טילבורי. ער איז אַריין

צווישן די תבואות און האָט אָנגעריסן כאַבער־בלומען, קאָנקאָל ווי רויטע גלעקלעך, ווייסע קאַמעליען און מאַרגאַריטקעס. ער האָט געשמייכלט צו זיך אַליין מיט אַ ברייט צעעפנט מויל פון דעם גליקלעכן איינפאַל: „דאָס וועט זיין אַ באַשיינונג פאַר דער שמחה צום געבורט פון מיינע יאַטן". נוח שמעקט דעם צאַרטן דופט פון די פּרעכטיקע בלומען. ער קוקט צו זיין צעבליטער אַלפאַלפאַ וואָס ער וועט מאָרגן אָפּשניידן און ער טוט אַ שעפּטשע שטיל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע: וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע אַלפאַלפאַ, מיט די פּערפומירטע לילאַ־בלימעלעך, הוידען זיי זיך ווי די לאַשטשענדיקע כוואַליעס פון אַ רויק זידווינגענדיקן טייך. אַך ווי דאָס שמעקט! מיינע לאַשעקלעך וועלן אם ירצה השם שוין האָבן וואָס צו קייען. און מיינע קיעלעך, ציגעלעך און שעפּסעלעך צו מעלה גרהן אַ גאַנצן ווינטער.

און ווי מאָדנע — טראַכט ווידער נוח — ביידע, סיי דער יונג ווי די מויד, זענען ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, אין גאַנצן ענלעך צו אים, צום טאַטן, און צו איר, צו דער מאַמען, קיין איינס נישט. נוח וואָלט צופרידענער געווען, ווען זיי וואָלטן געווען האַלב אויף האַלב: חצי שלי, וחצי שלך, איינס ענלעך צו אים, צום טאַטן, און איינס צו איר, צו דער מאַמען. און אַז נישט, וואָלט געווען אַ יושר, ווען די קינדער וואָלטן געהאַט בלאָנדע קעפּלעך האָר, געקרייזלטע אַזוי ווי זיינע און אויגן שוואַרצע, און אַזעלכע גרויסע און פּרעכטיקע, ווי זייער מאַמעלע פאַרמאָגט, מיט אַ פייכטן אומרו און עלעקטראָ־מאַגנעטישן צוצי אין איר זעלטענעם בליק פון אַ ציגיינערן. אָבער גיי און זיי אַ בריה און רעד זיך אוים מיט דער סודותפולער יצירה.

זיין צעפּיעשטשעטע מיידעלע, טויבעלע, וועט זיך דערפרייען מיט דער גרויסער ליאַלקע, וואָס מאַכט צו די אויגן ווען מען לייגט זי אַנידער, און רופט „מאַמאַ" ווען מען טוט אַ קוועטש אַ קנעפּל, וואָס די „רעדעוודיקע" ליאַלקע האָט ביים נאָפּל. די מויד וועט זיך אויך פרייען מיטן טריציקל. זי וועט אַרומהיידעווען ווי אַ צעווילדעוועטע אינדיאַנערין און וועט פאַרהילכן די וועלט מיט אירע קוויטשערייען און הילכיקן געלעכטער, וואָס באַצויבערט ווי אַ זילבערן גלעקל־געקלאַנג. און דער יונג, דער איבערגעשפּיצטער כל־בוניק דווידל, ער וועט זיך אפשר נאָך מער פרייען ווי טויבעלע, ווען ער וועט דערזען די מתנות פאַר אים: אַ גרעסערער ביציקלעט, איינגעשפּאַנט מיט אַ פערד און וואָגן, אַ גרויסער לעדערנער באָל, אַ שווערד און אויטאָמאַטישער בלעכענער פּיסטויל, וואָס שיסט צוקערלעך...

און זי, זייער מאַמעלע, זיין האַרציקע צפורהלע? זי וועט זיך אויך פרייען מיט די גאָלדענע אוירינגלעך מיט די זאַפיר־שטיינדלעך, און אַ פינגערל אויך מיט אַ זאַפיר־שטיינדל. ציפורה האָט עס ערלעך פאַרדינט. זי העלפט אים אין דער ווירטשאַפט גאַרנישט ווי אַ פרוי, גאַרנישט ווי אַ געוועזענע אוניווערזיטעטאַריערין מיט אַ טיטל, נאָר ווי אַ געבוירענע פויערטע. דערצו נאָך בילדעט זי די קינדער אין יידיש־וועלטלעכן און רעליגיעזן נאַציאָנאַלן גייסט, בעסער אפשר ווי געדונגענע פעדאַגאָגן.

די בין־השמשות־זון, אַ פורפורענע, אַ צעגליטע, אַ צעשמייכלטע פון איר אָפּגעטוענער געלונגענער אַרבעט פון אַ גאַנצן טאָג וואַנדערן, לייכטן און וואַרעמען אַ וועלט, אַ קאָסמאָס אַ גאַנצן, האָט זיך פלוצים באַהאַלטן ערגעץ־ווו ווייט, דאָרט הינטער די הרי־חושך, אין באַשטאַנד פון עטלעכע סטויגעס שוואַרצע וואָלקנס, פון וואַנען עס האָבן אַפּערגעשפּריצט פייער־פונקען, אַזוי ווי די מיניענדיקע פייערלעך־סיגנאַלן פון די „לוסיער־נאַגאַס" (ליכט־פליגעלעך).

נישט ווייט פון נוח שניי־ווייס און ציכטיק פויערן־שטיבל, גרינט זיך דאָס וועלדל מיט די ברייט־צעוואַקסענע טענענביימער, צעקרימטע און הויקערדיקע צעדערבוימער, ביז אונטערן הימל־הויכע, און ווי אַ זייל גלייכע סאַסנעס און הערלעכע ציפּרעסן, וועלכע געהערן צום גוט־באַזיצער דאָן פעריקוטער סאַלטימבאַנקי. אין אַנדערן דרייעק פונעם וואַלד, וווינט סאַלטימבאַנקיס היטער אין אַן אָפּגעלאָזענער ראַנטשאָ, אַן אַקריאָזשירטער אַראַבער: האַליף בען אַראַב, וועלכער האָט געשמט מיט זיין פוילקייט און אויסטערלישער גבורה. די פונדיקעס פון דער געגנט פלעגן זיך שושקען, אַז דער אַראַבער פאַלט איבער די איינזאַמע פעדלער און באַרויבט זיי. און אַז אָפּטמאָל געפינט מען די פעדלער געהרגעטע און באַרויבטע אַפילו פון זייערע דאָקומענטן.

אויב אַזוי, זאָל איך זיין צוגעגרייט. מוז איך מיך פעדערן, ווי עס מאַכט זיך. הבא להרגך, השכם והרגו! — איז נוחן ווי אַ בליץ דורכגעפלויגן אַ געדאַנק. ער האָט אַרויסגענומען זיין לאַנג־רערדיקן קאָלד־רעוואָלווער און אים אָנגעגרייט צו האָבן צו דער האַנט. נאָכן באַטראַכטן צי דער שפייער איז געלאָדן, האָט נוח אַ צופרידענער, אַ שאַרפן קנאַל געטון מיט דער בייטש ווי אַ רעוואָלווער־שאָס איבערן פערדס קאָפּ.

די נאַכט איז געקומען פלוצים און מיט שוואַרצע קראָענפליגל זיך צעשפּרייט איבערן שטויביקן וועג; דער הימל — איין שטיק פעך, האָט מיט אַ חשכותדיקן שלייער פאַרדעקט די פינקלענדיקע שטערן; די לבנה — ווי אַ לייכטנדיקער זילבער־באַל, האָט זיך נישט געלאָזט כאַפּן

פון די שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געיאָגט מיט אַ וועלפישן גאַלאָפּ נאָך איר, איז פאַרשווונדן אין דער קאָמפּאַקטער פינצטערניש.

אַ קיל ווינטל האָט גענומען פײַפן אויף אַלע שדים-סטרונעס — אַ ווילדן געוווי, און נאָך מער געיאָגט מיט אַ טייוולאָנישן אימפּעט די פּע־כענע כמאַרעס. די הימל-ספערע איז כהרף-עין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תוהו-ובהו, אין אַ קאָמפּאַקטער און אַנטאַפּנדיקער פינצטערניש; די ליכט-פליגעלעך, האָבן טײלווײַז באַלויכטן דעם וועג; הויך איבער נוחם קאָפּ זענען געפלויגן ווילדע גענדז און קאַטשקעס. נוח דערקענט די פייגל לויט זייערע געשרייען; אַ גיפטיקע שלאַנג, צוליב דער חשכות, ווייסט נישט נוח וועלכער מין, קרייץ-שלאַנג, צי קלאַפּער-שלאַנג, האָט שפּיזיק געבלענדט מיט איר שמאַראַגדן-ליכט נוחן אין די אויגן. נוח האָט אָנגע־צילט און אויסגעשאָסן צום גרינעם ליכטיקייט. די שלאַנג איז אַנטרונען מיט אַ שיפּערײַ אין די תבואות אַרײַן.

— לויף, „שוואַרצער", לויף, איך בין עפּעס אומרויק — האָט נוח אַ געשריי געטון צום פערד, נאָך דעם ווי ער האָט ווידער אַ קנאַל געטון מיט דער בײַטש אין דער לופטן איבערן פערדס קאָפּ. נוח האָט אַרויסגע־נומען דעם שטאַרקן עלעקטרישן שײַן-וואַרפער און זיך באַלויכטן דעם וועג פון ביידע זײַטן, ביז טיף אין וועלדל אַרײַן.

פון דער נאָענט האָט נוח געהערט אַן אידיליש געקראַקערײַ פון די קאַראַנטשאָס, גאַווילאַנען, האַלקאָנען און אַנדערע רויב-פייגל, וועלכע האָבן פאַרן אַרויסלאָזן זיך אויף יאַגד, איינגעטענהט מיט זייער קליינ־וואַרג, וואָס בלייבט אַליין אין די נעסטן, אין משך פון דער נאַכט.

שוין זייענדיק אין סאַמע מיט פון דעם געדיכטן שמעקעוודיקן וועלדל, איז נוח געבליבן שטיין אויף אַ ווייל. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט עפּעס אַ מאָדנעם געזשום. מיטן געלאַדענעם רעוואָלווער אין האַנט און דאָס לאַנגע, שאַרפע מעסער בײַ דער זײַט, האָט נוך זיך געגרייט אָקעגנצושטעלן אַ וועלכן עס איז שונא. נאָר אינעם מאָמענט בשעת ער האָט געהאַלטן אין אײַנאָטעמען די ריחות פון די אַלערלײַ ביימער, שוואָמען און בלומענפלאַנצן, איז ווי אַ וויכער געקומען צו לויפן מיט אַ שטילינקען האַווקען בול-טעריער, איינער פון נוחס צוויי הינט. און פּונקט אַזוי סודותדיק ווי ער איז געקומען צו לויפן, איז ער ווי אַ שטורעם צוריק אַהיימגעלאָפן.

נוח האָט פון דעם געדרונגען, אַז עפּעס שרעקלעכעס האָט אוודאי געמוזט געשען בײַ אים אין הויז.

אַלע קאָלאָניסטן־שכנים פֿון דער געגנט שעצן דעם ייִד נוח פשעניצאַ און זײַן האַרציקע, זעלטן־שיינע און געבילדעטע פֿרוי ציפּורה, ווײַל זיי ביידע זענען געזעלשאַפֿטלעכע מענטשן און תמיד גרייטע יענעם צו העלפֿן אין אַ נויט. דערפֿאַר אָבער האָט דער אַראַבער געטשאַטעוועט און געמאַכט אַלערליי תחבולות ווי אַזוי איבערצופֿאַלן דעם יאַהוד נוחס הויז, און עס זאָל אויף אים נישט פֿאַלן דער מינדסטער חשד.

אַז האַליף בען אַראַב האָט געזען נוחן אַוועקפֿאָרן, שוין שפּעטלעך אין שטאָט אַרײַן, איז ביי אים צײַטיק געוואָרן דער געדאַנק צו באַרויבן ציפּורהן, מחמת ער האָט געמיינט, אַז נוח וועט נעכטיקן אין שטאָט. דער באַנדיט האָט אומבאַמערקט פֿון קיינעם, זיך אַרײַנגעכאַפּט אין נוחס גרויסן בלעכענעם גאַלפּאָן (שייער), איז אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן סטאָס פֿולע זעק ווייץ, און געדולדיק געוואַרט. ער האָט אויסגעחשבונט, אַז ווען די נאַכט וועט צופֿאַלן און אײַנהילן אַלץ אין רו, די ייִדישקע ציפּורה מיט די קינדער און דינסטן וועלן שלאָפֿן, וועט ער אַראָפּקריכן, וועט זיך צונעמען דעם יאַהודס געלט און אַלע ווערטפֿולע חפֿצים.

געשען איז די געשיכטע אינמיטן פֿרילינג, ווען אַלץ גרינט און בליט: בעז, יאַשמינען, מאַגנאָליען, מירטן, לאָטוסן, רויזן, ליליען און אַלעאַנדרען פֿאַרשמעקן די זעלטן־פֿיינע אַרגענטינער לופֿט מיט זייערע דופֿטן. די גאַנצע רעפּובליק אַרגענטינע האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי איין ריזיקער בלומענגאָרטן: בינען זענען מחנותווײַז אַרומגעפֿליגן פֿון בלום צו בלום. פֿון די זיסע אַראָמאַטישע בלומענזאַפֿטן, צוריק צו די בינשטאָקן. פֿייגל, חיות, שרצים און אינזעקטן האָבן געזונגען אָדאַס צום וועלט־באַשאַפֿער פֿאַר זײַן גענאָד און זיי האָבן מיט ליבשאַפֿט זיך געפּאָרעט און געמאַכט אַ נעסט, אַ היים.

אין גרענעצלאָזן אָפֿענעם הויף וואָס גייט העט ווײַט אין פֿעלד אַרײַן, האָט זיך גערעשט און געזשומעט מיט פֿרילינג, מיט לעבן. דווידל מיט זײַן פֿאַרשייטער, שעלמישער שוועסטערל, טויבעלע, האָבן זיך געשפּילט אין באַלעבאַטישקייט. זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך די אָנגעבלאָזענע אינ־דיקעס, וואָס האָבן געגאָנערט צו די אינדיטשקעס; דווידל און טויבעלע האָבן געוואָלט אויסרייסן די רייצנדיקע פֿעדערן פֿון די פּאַטריאַרכאַלע פּאַווען עק; די קינדער האָבן זיך געיאָגט נאָך די קוואָקעס־הינער און זיי געזידלט פֿאַרוואָס זיי לייגן נישט קיין אייער; די פֿאַרליבטע טויבן האָבן געהאַלטן אין איין וואָרקען צו זייערע סימפּאַטישע זיעלעך. און די צוויי טוץ הענער פֿון אַלערליי קאָלירן, גרויס און ראַסע, האָבן זיך צעקרייעט

אויף אַלערליי טענער, לשונות און דיאַלעקטן, ווי פֿאַר עפּעס אַ וויכטיקער געשעעניש.

די צוויי הינט, דער פֿאָקס־טעריער, און דער בול־טעריער, האָבן געהאַלטן אין איין בילן אַרויף צו די זעק מיט תבואה, ווו האַליף בען אַראַב איז געלעגן באַהאַלטן. נאָר קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם: אפשר אַ קאַץ, אַ שטשור, אַ קאָמאַדרעכאַ, אַ פלעדערמויז צי אַ טכויר, וואָס די נאַרישעוואַטע הינט האָבן דערזען, אָדער דערשפּירט. דערפֿאַר ליאַרעמען זיי אַזוי — האָט די פֿאַרשמייעטע ציפּורה געזאָגט צו דער דינסט דאָניאַ לאָלאַ, וואָס האָט איר איפּמערקזאַם געמאַכט אויף די כלבימס ·האַווקען.

דער רחבותדיקער הויף איז ממש געדיכט געוואָרן מיט שעפּסן, קי, ציגן און פֿערד, וואָס דאָס אינדיאַנער פֿאַסטוכל איפּאָראַיטערעי האָט אַריינגעטריבן. די זעלטן־שיינע ציפּורה, אַ צעשטראַלטע פֿון גליק און פֿרייד, מיט איר געבלימטן קליידל פֿאַרשאַרצט ביז איבער די קניען, האָט געוויזן אירע געטאָקטע ליטקעס דער דינסט און די שטומע באַשעפֿענישן, וואָס האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר פֿרעכטיק לייב. אַ פֿאַרהאָרעוועטע און דערשוויצטע ביים מעלקן די איבערגעפּולטע אײַטערס פֿון די קי, שעפּסן און ציגן, האָט זי באַלד נאָכדעם זיי אַריינגעטריבן אין די ספּעציעלע „קאָראַלן”, ווו די סעלעקציאָנירטע בהמות האָבן געהאַט צו מעלה־גירהן אַ גאַנצע נאַכט ביים סטויג האָבער־שטרוי מיט די נישט־אויסגעדראָשענע זאַנגען, געמישט מיט טרוקענער אַלפֿאַלפֿאַ (קאָניטשינע).

צוויי הינער, לייגערקעס, שוין מינוטן פֿאַר שקיעה, דערשראָקענע פֿון די קינדערס זיך יאָגן נאָך די קוואָקעס, זענען אַריינגעלאָפֿן אין אָפֿענעם תבואה־שייער און זענען אַרויפֿגעפֿלויגן ביז הויך אויף די זעק ווייץ, ווו דער האַליף בען אַראַב איז געלעגן פֿאַרטייעט.

דווידל האָט גענומען אַ לאַנגן און זייער גרינגן רער־שטעקן און גענומען קלאַפּן און שטופּן די אויבערשטע זעק, ווו די הינער זענען געשטאַנען אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿונעם שטאָס, וואָס איז, ווייזט אויס, נישט געווען האָריזאָנטאַל, ווי אויך נישט פּערפּענדיקולאַר סימעטריש־גלייך איינגעלייגט. די זעק האָבן זיך אַ וואַקל געטון, ווען דער אַראַבער האָט געפּרוווט רירן פֿון אָרט עטלעכע זעק, בכדי בעסער זיך צו פֿאַרשטעלן, איז ער אינאיינעם מיט זיי אַראָפּגעפֿאַלן אין הינטערגרונט פֿונעם שטאָס.

ציפּורה, וועלכע האָט נאָר־וואָס געהאַט פֿאַרענדיקט מיט דער לעצטער געמאָלקענער קו, האָט זיך געגרייט אַריינצולייגן דאָס קעלבערנע

מעגעלע אין פאס מילך צו מאכן קעז. ווען די האט דערהערט דעם טויבן איינשיט אינעם שייער, מיט א פארצווייפלט קרעכצן און בעטן רחמים, איז זי געקומען צו לויפן.

דווידל און טויבעלע זענען געשטאנען דערשראקענע, טויט-בלאסע ווי מערמעלנע סטאטועס. זיי האבן נישט געקענט א ווארט ארויסרעדן, צוליב דער גוואלדיקער איבעראשונג. דווידל און זיין שוועסטערל האבן געמיינט, אז זיי האבן עס געמאכט דעם איינשיט. די אלארמירטע דינסט יאדוויגא, א מיידל פון א יאר אכצן, וועלכע האט זיך געהאלטן אין באדן, א פרעכטיקע שיקסע, א שלאנקע, א הויכע, זייער א ספריטנע, האט פון גרויס שרעק זיך פארגעסן אנצוטון. זי איז ווי א חסר-דעה ארויסגעלאפן פונעם באד-צימער. זי איז בליץ-שנעל אויפגעזעסן אויף א פלינק און יונג פערדל און אוועקגעפלויגן אין אן אומגעצוימטן גאלאפ צו די נענטערע קאלאניסטן. זי האט זיי דערציילט, אז ביי אירע יידישע באלעבאטים, אין תבואה-שייער, האט זיך באוויזן א „נס": עפעס א „שד" רעדט ארויס פון אונטער די שווערע זעק ווייץ, וואס ער אליין, דער „שד" האט איינגעשיט און בעט רחמים און מחילה...

עטלעכע און צוואנציק מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, וואס זענען געקומען זען דעם בייזוואונדער. האבן פריער זיך איבערגעצלמט איידער זיי זענען אריין אין שייער. זיי האבן געפרעפלט א תפילה אז גאט, יויזל און די בתולה זאלן זיי באשירעמען פונעם נישט-גוטן וואס ליגט דארט באהאלטן.

אבער צו זייער גרויסער איבעראשונג, האבן די איבערגעשראקענע, אבערגלויבערישע מענטשן געפונען, אנשטאט א שד, דעם באנדיטישן אראבער, מיט א צעבראכענעם פוס און אן אויסגעלענקטער האנט. ער איז געלעגן צווישן צוויי קעבראטשענע קאזלעס, וואס האבן אים באשיצט נישט דערדריקט צו ווערן פון די עטלעכע זעק ווייץ, וואס זענען אראפגעפאלן צוזאמען מיט אים.

זיין פנים — טויט-ווייס ווי קרייד; די אויגן — בלוטיק ארויסגעשטארצט פון די אויגן-לעכער; דער צעבראכענער פוס — שווארץ ווי קויל און אין די מויל-ווינקלען — א בלוטיקע סלינע. נישט ווייט פון אים, איז געלעגן א געלאדענער 45 פיסטויל, א שארפער קינזשאל און שטאבע אייזן.

דער געפערלעכער פארווונדעטער האט זיך מודה געווען, אז די אלע טויט-מכשירים זענען נישט געווען קיינעם קיין שלעכטס צו טון, נאר צו פארטיידיקן זיך אין א נויטפאל... אז ער איז געקומען נישט מער ווי א

פלירט צו טון מיט דער הימלישער ציפורה און מיט איר שוואַרץ־חנעוו־דיקע געטלעכער יאַדוויגאַ, ווייל ער איז פאַרליבט אין זיי ביידע...

די אויפגעברויזטע פויערים, פיעמאַנטעזער און טאַסקאַנער, איבער־הויפט זייערע פרויען, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן זען דעם בייז־ווונדער, האָבן געפסקנט, צו לינטשן דעם רוצחישן אַראַבער, נישט גע־קוקט אויף זיין בעטן, וויינען און סקאַמליען, אַז מען זאָל אים מוחל זיין. אַז אַבי ער וועט נאָר געזונט ווערן, וועט ער שוין מער קיינעם קיין שלעכטס נישט טון. אַז ער וועט שוין מער קיינמאָל קיינעם נישט הרגענען און אויך נישט גנבענען. ווייל דאָס וואָס עס איז אים איצטער געשען, איז אַ שטראָף פון דעם יידישן גאָט, וואָס איז שטאַרקער פון זיין מאַכמעדאַנישן אַלאַ...

אין די אויפגערעגטע, תמיד רחמנותפולע נאַטור־מענטשנס מהות, האָט זיך דערוועקט די נערואַניאַנע; זיי האָבן נישט געוואָלט הערן דעם רוצח־גנבס אַנגסטלעכע תחנונים און בעטן. זיי האָבן געוואָלט אויספירן דעם ווייבערישן אורטייל, נישט געקוקט אויף ציפורהס פראָטעסטירן און בעטן גענאָד קעגן דעם אַכזריותדיקן ווערדיקט.

— מיר מוזן אָנלערנען אָט דעם אַנטיקריסטלעכן באַנדיט־רוצח, למען ידעו! מיר מוזן אָנלערנען דעם שורקע־אינטרוס, טאַקע מחמת מיר זענען פריינד, טאַקע גאָר גוטע פריינד פון דעם ייד נוח. און מיר ווילן וויזן, אַז מיר ווייסן ווי אָפּצודאַנקען פאַר אַ טובה — האָבן די מענטשן געשריגן מיט התפעלות.

אפשר נאָך פון אַ קילאָמעטער ווייט, האָט נוח געהערט ווילדע גע־שרייען און האָט געזען פלאַקערן אַן אויסטערליש פייער. דערפאַר האָט נוח געטריבן זיין שוואַרצן אָגער ממש די פיס צו צעברעכן. וואָס קען דאָס זיין? אין קול ענות גבורה, ועין קול ענות חלשה. קול ענות אנכי שמע. — האָט נוח זיך דערמאָנט משה רבינוס פראַזע ביים אַראָפּנידערן פונעם הייליקן באַרג סיני. ער איז, צום גליק, אָנגעקומען צום „ספּעק־טאַקל" פונקט אינעם מאָמענט, ווען די צעיושעטע פאַלקס־מענטשן האָבן געוואָלט אויספירן דעם שוידערלעכן פסק־דין.

ווען די עקזאַלטירטע מענטשן האָבן דערזען נוחן, זענען אַלע גע־בליבן ווי דער גולם אָן דעם שם־המפורש: אַלע זענען געבליבן ווי גע־ליימטע. נאָכן אָפּמעסטן אַלעמען מיט זיין דורכדרינגלעכן בליק, האָט נוח די דערשטוינטע מענטשן אַ שאַרפן פרעג געטון:

— ווייסט איר כאָטש, מיינע טייערע פריינד, וואָס איר האָט גע־וואָלט אָפּטון?

קיינער פֿונעם רעשעוודיקן המון האָט נישט געענטפֿערט מיט קיין וואָרט צומאָל. נאָר אַנטווישטע, געקוקט צום ליגנדיקן האַליף בען אַראַב.

דער יידישער פעלד-מענטש האָט מיט רחמנות אויסגעהערט דעם שטאַרבענדיקנס ווידוי, און ער האָט אים מוחל געווען.

— איר זענט מיר טאַקע מוחל, סעניאָר נוח, פאַר דעם וואָס איך האָב געוואָלט טון? — האָט האַליף בען אַראַב קוים-קוים אַרויסגערעדט צום עמאָציאָנירטן נוח.

— יאָ, איך בין דיר מוחל, ווי איך בין אַ ייד!...

דער גנב-רוצח האָט נאָכן אַרויסשעפּטשען „אַ דאַנק” — געטון אַ שמייכל, אַ קאָנוולסיוון ציטער, האָט אַ טרייסל געטון מיט זיין קערפּער, און איז געבליבן שטיל און אומבאַוועגלעך.

דער הויכער טשיפּיאָן

„אַלטאָס דע טשיפּיאָן" (דער הויכער טשיפּיאָן), איז אַ שטעטל פּונקט אַזוי ווי כמעט אַלע אַגראַר-ישובים פונעם צפון-מזרח פון דער קאָרדאָבער פּראָווינץ. די מערסטע פון דער טשיפּיאַנער באַפעלקערונג זענען איטאַליענער און זייערע אָפּשטאַמיקע.

טשיפּיאָן איז אַ פרום שטעטל. ס׳פאַרמאָגט אַ גרויסע קירכע פון בלוט-רויטע, געברענטע ציגל. אויפן שמאָלן און ביז צו די וואָלקנס הויכן טורעם, וואָס איז פאַרענדיקט מיט אַ דינינקן מעטאַלענעם, גלאַנציקן צלם-שפּיץ. דער פּיראַמידן-פאָרעמדיקער צלם-טורעם פאַרמאָגט פיר גרעסערע און פיר קלענערע מעשענע גלאָקן.

אויף דער אַנדערער זייט פון די צעשפּרייטע באַן-רעלסן, וווּ עס וווינט דאָס אָרעמקייט, האָט זיך שוין געזען אַן אָנהויב צום געבוי פון אַ צווייטער קירכע, נאָך אַ גרעסערע. נאָר אויב אַ שטעטל מיט אַ פרומער און גאָטספאָרכטיקער באַפעלקערונג, איז דאָך נישט שייך. אַזאַ שטעטל מוז דאָך ראשית-כל האָבן אַ פּאָליציי-הויז מיט אַ סך אָרדענונג-היטער, און טאַקע אויפן טשיפּיאַנער שטייגער; עס האָט אויך פאַרמאָגט אַ פרידנס-ריכטער, וואָס האָט אַ קאַפּיטשקעלע געהינקט אויף עברי.

דערפאַר אָבער האָט טשיפּיאָן צו יענער צייט פאַרמאָגט אַ גרויס „בירגערלעך הויז". ס׳איז דאָך דער הויכער טשיפּיאָן, אַ פרום שטעטל. כמעט אַלע זענען געווען אָפּשטאַמיקע פון איטאַליע, ציוויליזירטע, קולטורעלע און אַנשטענדיקע מענטשן. נו, מוזן דאָך די סעניאָריטאָס דול-צינעאָס פון דער אידיליע-נעסט אויך זיין מיט מענטשן גלייך. דאָס וויל זאָגן, שיינע און סימפּאַטישע מיט סעקס-אַפּיל.

טשיפּיאָן איז שמאָל און לאַנג. צווישן ביידע באַן-רעלסן, שטייט זיך באַשיידן אַ באַן-סטאַנציע. אין דער רעכטער זייט פונעם וואָקזאַל, דאָס הייסט, אויפן ליידיקן באַן-פּלאַץ, שטייען דריי לאַנגע, הויכע און ברייטע „גאַלפּאָנען" (שייערן), פולע ביז אָרויף מיט זעק תבואה. און מחוץ די גאַלפּאָנען, אונטערן פרייען הימל, זעקס פּירקאַנטיקע סטויגעס, אפשר

מער ווי פּופּצן מעטער די הייך, איבער פּופּציק מעטער לאַנג און ביי אַ פּופּצן מעטער ברייט יעדער סטויג. ווייץ, קוקורוזע, האָבער, ליאַן, גערשטן, קאָרן און זון־בלומען־קערנדלעך האָבן זיך געפונען אין די תבואה־זעק און סטויגן.

צענדליקער טרעגער, האַלב־נאַקעטע, אַרומגעוויקלט בלויז דעם אונטערשטן טייל פונעם קערפּער מיט אַ שטיקל פּערקאַל. זיי, די אַרבעטער, כאַפּן די זעק תבואה און לויפן מיט דער משא, ווי עס וואָלט געווען נישט מער ווי פון צען קילאָ וואָג.

טשיפּיאַן פאַרמאָגט קליינטלעך און געשעפטן פון אַלע סאָרטן, אַפילו אַן אַפּטייק. אויך רעסטאָראַנען, האָטעלן, ווייך און אַלקאָהאָל־שענקען עטלעכע מנינים, וווּ עולם־גולם טרינקט און איז זיך משמח אויף וואָס די וועלט שטייט, און פאַרטרינקט אַלע דאגות.

נאָכן זמן הקציר, אין דער תקופה פון אָנלאָדן די וואַגאָנען מיט די אַלערליי מינים גערעטעניש; קלאַסיפיצירן, לופטערן, טרוקענען און אָנלייגן הויכע סטויגן מיט פולע זעק תבואות; דעמאָלט לעבט אויף דאָס הויכע טשיפּיאַן. כמעט די גאַנצע פּרנסה, כמעט די גאַנצע מחיה קומט פון די האָראָפּאַשנע שוואַרץ־אַרבעטער, וואָס פאַרדינען, אגב, זייער גוט, נאָר זיי רייסן זיך אָפּט מאָל אָפּ די לונגען, דאָס האַרץ, פאַרברענען זיך די געדערעם מיטן געמיינסטן אַלקאָהאָל. זיי שטעקן זיך אויך אָן מיט ווענערישע חולאתן אין די „ליבע־נעסטן".

צום הויכן טשיפּיאַן קאָן זיך, דאַכט זיך, קיין שום אַנדער שטעטל נישט צוגלייכן. טשיפּיאַן ליגט עטלעכע קילאָמעטער פון דער געזאַלצענער אָזיערע „מאַר טשיקיטאַ" (קליין ימעלע). די אָזיערע הייסט אַזוי, מחמת זי פאַרנעמט אַ שטח פון איבער 40 אויף 60 קוואַדראַט העקטאַר. נאָר אין אַ רעגנדיקן פּעריאָד פאַרנעמט זי אַ שטח מער ווי 3000 העקטאַר. דעמאָלט דערגרייכן אירע וואַסערן ביז נישט ווייט פון טשיפּיאַן.

אין דער אָזיערע „מאַר טשיקיטאַ" קענען קיין שום בעלי־חיים נישט לעבן. אויך קיין שום וועגעטאַל קען נישט לעבן אין מאַר טשיקיטאַ־וואַסער. דאָס איז צוליב דעם ווייל דאָס מאַר טשיקיטאַ־וואַסער אַנטהאַלט גוואַלדיקע סכומים פון אַלערליי סאָרטן מינעראַל־שטאָפן אָדער זאַלצן וואָס נוצן פאַר מעדיצין און אינדוסטריע.

אין דער תקופה פון די חמימהדיקע היצן, בעת עס גייט אַריבער אַ לענגערע צייט און עס רעגנט נישט, און דער סאַלאַדאָ־טייך פונעם צפון ליווערט נישט קיין וואַסער, ווערט די אָזיערע ממש געדיכט פונעם זאַלין וואָס שטעלט צונויף דעם קאָנגלאָמעראַט פון די צאָלרייכע מינעראַל־

שטאָפּן. דאָס וואַסער פון דער אָזיערע ווערט פלאַך און דאָס זאַלץ ווערט אַזוי שאַרף, אַז מען צעשנײַדט זיך די פּיס.

אין אַזאַ מין צײַט איז דער אײַנציקער בעל־חי אין דעם אַזוי מערק־ווירדיקן וואַסער, בלויז דער מענטש וואָס לײַדט פון רעומאַטיזם. און אין די סעזאָנען ווען די טײַכן גיסן אַרײַן זײער וואַסער־איבערפלוס אין דער אָזיערע אַרײַן, שווימען מיט פיש מכל המינים, וועלכע שטאַרבן באַלד אויס. דעמאָלט ערשט קומען די מעוועס פון מרחקים, גאַרזאַס, פלאַמענ־קאָס, מערגאַנזאַרן, בושעלן, ווילדע קאַטשקעס, ווילדע גענדז און שוואַנען און אַנדערע וואַסער־פייגל, וועלכע פליען דורך די אָזיערע. אין זײער מידקייט און הונגער מחמת דער ווייטער און לאַנגער נסיעה — פון די ווינטער־לענדער צו די זומער־לענדער — לאָזן זיי זיך אַראָפּ אויף אַ ווייל אויף דעם וואַסער־אויבערפלאַך בכדי זיך אָפּצורוען און אָפּצובאָדן זײערע מידע פליגלען. דעמאָלט שלינגען זיי אַרײַן די צאָלרייכע טויטע פיש וואָס שווימען אַרום מיט די בײַכער אַרויף אויפן וואַסער־שפּיגל פון דער אָזיערע מאַר טשיקיטאַ.

אַבי נאָר זיך אָפּגעבאָדן און אָפּגעגעסן, אַזוי פליען זיי אַוועק צו זײער אויסדערוויילטן היימלאַנד. אינסטינקטיוו דערשפּירן די פייגל, אַז זיי טאָרן נישט נאָכגעבן דעם יצר־הרע און אַ טרונק טון דאָס רייכע מי־נעראַל־וואַסער, וואָס היילט רעומאַטיש־קראַנקע מענטשן, וואָס איז אָבער טויטלעך פאַר זיי, פאַר די פייגל.

דאָך איז אין דער פּעריפעריע וואָס אַרום דער אָזיערע, פאַראַן אַן אינטענסיוו לעבן. נישט אַזוי פון מענטשן און אַנדערע גרעסערע בעלי־חי מיט וואַרעם בלוט, ווי פון אַלערליי אינזעקטן, רמשים און שרצים מכל המינים.

נאָכפאָרשנדיק די מיסטעריע פון וואַנען עס קומען די אומצאָליקע מאַסקיטן, גרויסע ווי די סיבירער בערן; פליגן, טאַראַקאַנען, סקאָראָבאַטשן און גאַנצע כמאַרעס אַנדערע פליענדיקע, קריכענדיקע ווי לויפנדיקע משחיתים, וואָס ווימלען אַרום דעם „קליינעם ימעלע״, בין איך געוווירגעוואָרן, אַז דאָס וואַסער פון דער אָזיערע גופא איז טאַקע טויט. נאָר בלויז איין מעטער ווייט פון דעם אָזיערע־בעט, איז די אונטערערד־וואַסער זיס — אַ מחיה. און אַזוי ווי אין דער גאַנצער געגנט אַרום דעם קליינעם ימעלע איז די ערד זײער אַ פּרוכטיקע, אַ נידעריקע, און דאָרט רעגנט זײער אָפט, האָבן זיך געשאַפן קליינינקע סאַזשעלקעלעך מיט זיסן רעגנוואַסער. די טראָפּישע זון באַקט און בראָט דאָרט זײער געשמאַק אין די זומער־חדשים. די זיסע רעגנוואַסער פון די אַזערקעלעך ווערט

פאַרשטונקען, פאַרפוילט. עס פאַרמירן זיך טיפע זומפּן, וואָס זייער אויבערפלאַך איז באַדעקט מיט אַ געדיכטן טעפּיך פון כל־המינים אַלגאַגראַזן, קוסטן און גרעסערע אַלגאַ־פלאַנצן, וואָס ווערן פון קיינעם נישט אָפּגעשניטן און פון קיין בהמות נישט אָפּגעגעסן, מחמת דער אונטערבאָדן איז אין די זומפּיקע ערטער אַזוי טיף־שיטער, אַז אַ בהמה וואָלט געקענט איינזינקען.

אַט־די פאַרפוילטע וואַסער פון די זיסע סאַזשעלקעס מיט די אַן־אַצאַל זומפּן אַרום דעם „קליינעם ימעלע", זענען עס די באַשאַפערס פון אַזוי פיל בייזע אינזעקטן און אַנדערע משחיתים.

פון לאַ פאַרטעניאַ ביז טשיפּיאַן איז אַ מהלך פון אַ קימאַ־לן פּופצוק קילאָמעטער. ביז עטלעכע קילאָמעטער ווייט אַרום פון לאַ פאַרטעניאַ איז דער וועג אַ ברייטער, אַ פיין אויסגעפּאַרענער, אַ פאַרקיילעכדיקטער, אַגב נישט קיין ברוקירטע. אַ דרייסיק קילאָמעטער אָפּגעפאָרן פון לאַ־פאַרטעניאַ, האָב איך דערזען ווי אין אַ מיראַזש, דעם וועג פאַרגאַסן. מיין פאָרד־אויטאָמאָביל, אַ 27־ער, האָט אָנגעהויבן מאַכן טיפע שליאַדן, כאָטש דער אויבערפלאַך פונעם ערדענעם וועג איז געווען טרוקן ווי אַ סקאָרופּע. דער וועג איז משמעות געווען נישט לאַנג צוריק פאַרגאַסן. איך האָב אויסגעדרייט דעם „דישעל" פון מיין אַנטיסעמיטישן פאָרדל און אַרויפגעפאָרן אויף אַ שליאַך ביי אַ צוויי מעטער הויך איבער דעם רעאַלן וועג, אויפן פרייען פעלד, פאַראַלעל מיטן „אמתדיקן" וועג אונטן.

איך בין געווען צופרידן. פון גרויס פרייד האָב איך מיר צוגעזונגען דאָס פּאָפּולערע אידיליע־לידל:

> חוהלע איז געגאַנגען שטיל און פאַרחלומט
> צעלאָזן אירע גאָלד־בלאָנדע צעפּ...

אָבער נישט מער ווי אַ צען מינוט צייט האָט געדויערט מיין פרייד, מיין נחת רוח. אַ גאַנצער וואָלקן קאָמאַרעס איז מיר פלוצים באַפאַלן. איך האָב געלאָזט מיין אַנטיסעמיטישן פאָרדל לויפן אין העכסטן גאַנג. ער איז נישט געלאָפן, נאָר געפלויגן ווי אַ פייל פון בויגן. נאָר די בייסנדיקע מאָסקיטן זענען מיטגעפלויגן. זיי האָבן מיך אָפּנים ליב באַקומען. זיי האָבן געריסן פון מיר ממש גאַנצע שטיקער. דערפאַר האָב איך פאַרהעמערט די לופט־פענצטערלעך. דער אויטאָ איז אָבער שוין געווען פול מיט די בייסנדיקע אינזעקטן. זיי האָבן מיך געקושט און געזויגן מיין ביסל בלוט ווי די ליידנשאַפטלעכע, ווילד־פאַרליבטע גאַסן־מיידלעך. זיי האָבן מיר שיר נישט אויסגעגעסן די אויגן. די אינזעקטן זענען געווען

פּול און טיף אין מײַנע אויערן און האָבן פאַר מיר געזונגען די אויסטער־לישסטע סערענאַדאַס. זיי האָבן געביסן אַלע מײַנע אָפּגעדעקטע ערטער און אַפילו אויך די צוגעדעקטע. זייערע שאַרפע שפּיזן האָבן אַדורכגעשטאָכן דאָס געדיכטע רעקל, העמד און לייבל.

צוליב דער קאָמאַרן־אינוואַזיע, בין איך פאַרפאָרן אויף אַ צווייטן, פאַרלאָזטן וועג, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ שײנעם און הויכן גראָז. טאָקע אַ סימן, אַז דער וועג איז געווען אַ פאַרלאָזטער.

דערווײַל איז שוין געוואָרן פאַר שקיעה. איך האָב געמוזט צוריק עפענען די לופט־פענצטערלעך. אויב נישט, וואָלט איך דערשטיקט געוואָרן. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן 38 גראַד היץ. איך האָב אויסגערעכנט, אַז מיט אַלע אומוועגן און בלאָנדזשענישן, וועל איך דאָך אָנקומען פאַר שקיעה קיין הויכן טשיפּיאָן.

וואָס איז אָבער ווידער געשען? דאָס פאָרד־אַנטיסעמיטל „פליט״ מיטן זעלביקן טעמפּאָ און מאַכט קוים צען קילאָמעטער אַ שעה. די רעדער פון מײַן אויטאָ זענען אײַנגעזונקען געוואָרן אין אַן אונטער־סקאָרופּע זומפּ ביז איבער די אַקסן. בין איך בלית־ברירה אַרויס פון אויטאָ. איך בין געבליבן דערשטוינט און פאַרגאַפט פון גרויס איבעראַשונג. די ערד דאָרט איז פון אויבן געווען זייער שיין פאַרטרוקנט, מיט אַ האַרטן שיכט ווי גלאָז, נאָר אונטער דער גלעזערנער שאָלעכץ, איז געווען אַ קלעפּיקע בלאָטע ווי געקנאָטענער ליים.

דערווײַל זענען די קאָמאַרעס און אַ סך אַנדערע בלוט־זויגנדיקע אינזעקטן מיך באַפאַלן פון אַלע זײַטן. איך האָב געפּרוּווט פאַראָרדענען מײַן אַנטיסעמיטל אַ „פאַשאַל נאַזאַד״, דאָס הייסט, גיין אויף צוריק. דער אויטאָ איז אָבער שוין געהאַט אײַנגעזונקען ביז צום קאַסטן. איך האָב געפּרוּווט אונטערצוהויבן דעם אויטאָ און אַ שלעפּ טון. עס האָט נישט געהאָלפן מײַן גבורה און אויך נישט דער גוטער ווילן פון מײַן פאָרדל, וואָס האָט זיך מיר תמיד געפאָלגט, נאָר דאָס מאָל נישט. איך האָב אַרויסגענומען די לאָפּעטע און אונטערגעגראָבן די אײַנגעזונקענע הינטערשטע רעדער. איך האָב אונטערגעלייגט אַ סך גראָז און צווייגן פון די ווערבעס און עוקאַליפּטן וואָס וואַקסן דאָרט. געזען אַז אַלץ איז שוין אין בעסטער אָרדענונג, האָב איך ווידער אַ קאָמאַנדעווע געטון: „העי דו, פאָרדל טײַערער, פון אַלע שונא־ישראל ביסטו דאָך דער בעסטער. טאָ פאָלגזשע מיך, פאַשאַל נאַזאַד! גיי צוריק טײַערינקער. אויב נישט, וועלן מיר ביידע, חלילה, דאָ אײַנזינקען אין דער עפּושדיקער בלאָטע״...

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן מיין שרייען, רײַטשען און זיך אָנ־שטרענגען. דערװײַל האָבן די קאָמאַרעס וואָס אַ מאָל אַלץ אַנטשלאָסענער און גרוויזאַמער געביסן. איך האָב פּשוט מורא געהאַט זיי זאָלן מיך נישט אויפעסן אַ לעבעדיקן. אַרײַנצוגײַן אין אויטאָ איז אויך געווען אַ געפאַר איינצוזינקען צוזאַמען מיט מיין אַנטיסעמיטל, גאַרנישט ערגער ווי קורח און דתן ואבירם, דאָרט אין דער מדבר. אויך דאָ איז אַ וויסטער סטעפּ, אַ מדבר, נאָר אַ נאַסער, אַ פאַרפּלייצטער. קיין מענטש, קיין שום בהמה זעט זיך צומאָל נישט. אַ תוהו־ובהו. בלויז די מאָסקיטן און אַנדערע מי־לאָסן בייסנדיקע אינזעקטן ווערן מיט יעדער רגע, וואָס שפּעטער אין דער שוואַרצער נאַכט אַרײַן, אַלץ קאָמפּאַקטער אַרום מיר.

עס איז שוין טאַקע נאַכט געוואָרן. אַ געדיכטע פינצטערניש — אַ חשכות. די פעלד־זשאַבעס גרילן און שלאַנגען מיט זייער קוואַקען, גרילצן און שיפען, האָבן דערוויַל געלעכערט די אויערן־הייטלעך, מיט זייער טויטלעכן קאָנצערט.

האָב איך ראשית־כל אָנגעלייגט אַ פייער, צו פאַרטרייבן די פליענ־דיקע מזיקימלעך און אפשר אויך, די שעה זאָל נישט זיין, אַ גיפטיקע שלאַנג, צי אַ סקאָרפּיאָן. איך האָב אויך אין זינען געהאַט צו רופן די אויפמערקזאַמקייט פון ווער עמען עס איז, וואָס וועט אפשר פאָרן, רייטן, צי גיין אין דער ווייט. אַ זייגער עלף, אַ שעה פאַר האַלבער נאַכט, האָב איך פּלוצים דערהערט ווי פון צווישן דעם אינזעקטן־ און זשאַבע־געזאַנג, דעם געזשום פון אַן אויטאָ־מאָטאָר, אַ גאַלאָפּ און הירזשען פון פערד. איך האָב גיך אַרײַנגעשטעקט צוויי פינגער אין מויל און גענומען שקאָציש פייפן מיט די גאַנצע כוחות פון מיינע לונגען. נאָכן צענטן ס.אָ.ס.־פייף, האָב איך אויסגעשאָסן פיר מאָל מיט מיין אַלטפרענקישן בולדאָג־רעוואָלווער.

צום גליק האָט מיין סטראַטאַזשעמע געהאַט די געגאַרטע פּעולה: פיר מענער צו פיס און פיר דאַמען אויף פערד זענען מיט רעוואָלווערן און יאַגד־ביקסן אין די הענט געקומען צו לויפן. זיי האָבן געמיינט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַן איבערפאַל אויף אַן אַדורכרייזנדיקן.

איינע פון די פרויען, אַן עלטערע שוין, איז אַריין אין מיין פאָרדל. זי האָט געלאָזט דעם מאָטאָר אין גאַנג. צוויי קייטן זענען צוגעבונדן גע־וואָרן צו די „פאַראַגאַלפּעס" (צוריקשלאַגערס) און די אַנדערע עקן פון די קייטן צו די זאָטלען פון די פערד. צוויי דאַמען וואָס זענען געזעסן אויף די פערד האָבן אַ קאָמאַנדעווע געטון: „פּיקאַסאָ", „טאָרדיזשאָ" פּאַרוים! אין זעלביקן מאָמענט ווען מיר פינף מענער האָבן געהאַט אונ־

טערגעהויבן דעם אויטאָ, האָבן די פערד געלאָזן אַרויסגעראַטעוועט מײַן גוטינקן אַנטיסעמיטל פון נישט אײַנגעזונקען צו ווערן.

יענע געדענקלעכע נאַכט האָב איך פאַרענדיקט מיט איבערגעכטיקן ביים איטאַליענישן פויער־ארענדאַר אַנגולוסידאַט, ווייל מײַן אַנטיסעמיטל האָט נאָך דעם זינקען־אַקצידענט דערוויל זיך אָפּגעזאָגט מיך צו פּאָלגן פון דאַנען ביז אַהער, ביז איבער נאַכט, מחמת עפּעס איז משמעות קאַליע געוואָרן אין זײַנע געדערעם. דערפאַר איז די וועטשערע געווען אַ גרויס־אַרטיקע, אַ מלכותדיקע. סיניאָרע אַנגולוסידאַט, פון אפשר אַ מעטער מיט פינף און פערציק צענטימעטער הויך, דערפאַר קײַלעכדיק ווי אַ נאַפּט־באַנקע. אינעם קורציטשקן שטערן פון זײַן קירבעס־קאָפּ זענען געווען אײַנגעפּאַסט צוויי לבנה־אויגן, פלאַקסענע האָר, אַ טשימפּאַנסע־מויל און אַ נאָז פון אַ בולדאָג. לאַנגע הענט און קורצע פיס. אָבער צו די אַלע מעלות טובות איז ער געווען אַ ביז־גאָר האַרציקער מענטש, הגם אַ פרו־מער קאַטויליק. זײַנע זיבן זין און פיר בתולות, זענען געווען גראַטענע אין דער מאַמען, הויכע און פיין־געבויטע, גאַרנישט ענלעך צום פאָטער.

— ווי זאָגט איר, מײַן אויסדערווײלטער הער, מײַנע קורטשיקלעך זענען אײַנגאַנצן געראָטן אין מיר. אמת?... מײַן ווײַבל איז אַ צנועה... זי „באָרגט" קיינעם נישט אָן מײַן וויסן...

איך האָב געגעסן אַ פיינע פּאָרציע געבראָטן האָזן־פלייש און „ריחותדיקע", אײַנגעקאָכטע מאַרטינעטאַס (אַזעלכע גרויסע קאָראַפּאַט־קעס), וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן מיט פינף־זעקס טעג צוריק. דאָך האָט מיר דאָס איבערגעשטאַנענע פלייש נישט געשאַדט. אפשר דערפאַר, ווייל זיי האָבן מיר געגעבן נאָכצוטרינקען כמעט אַ האַלבע פלאַש גאָר שטאַרקן בראָנפן פון אייגענער אַרבעט.

נאָך דער געשמאַקער וועטשערע איז סעניאָרע אַנגולוסידאַט אַוועק אין נאָענטן קלוב און „פרייילעכן" הויז, אַ צען קילאָמעטער ווייט פון זײַן שטוב, שפּילן אין „באָטשאַ" (אַזאַ מין הילצערנער באַל וואָס ווערט גע־וואָרפן און געקוילערט קעגן אַנדערע באַלן). אַלע יונגערע קינדער זענען געגאַנגען שלאָפן. איך בין פאַרבעטן געוואָרן צו שפּילן מיט דער באַלע־באָסטע און אירע צוויי עלטערע טעכטער, 21 און 22־יעריקע בתולות, אין „עסקאָבאַ דע קינסע" (אַזאַ קאָרטן־שפּיל), ביז פאַרטאָג.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, זענען אַגאַטאַ און בלענדאַ געשלאָפן אין מײַנע בײַדע זײַטן. איך בין יענע נאַכט זייער געשמאַק געשלאָפן ווי לוט מיט זײַנע בײַדע טעכטער. אפשר ווײַל איך בין געווען שטאַרק מיד, ממש צעבראָכן. אפשר מחמת דעם שטאַרקן בראָנפן און ווײַן וואָס די

מיידן האָבן אין מיר אַריינגעגאָסן. און אפשר אויך מחמת די קאַמאַרעס האָבן מיך רעספּעקטירט און נישט געביסן, ווייל די שטוב איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן רויך פון די זיך-טליענדיקע זשיוויצע-צווייגן פון פרישע סאָסנעס און שווירקעס? אפשר, אפשר...

איך בין אָבער דאָך געווען שרעקלעך צעביסן פון די מילאָסן מאָס-קיטן, פליי און וואַנצן. דאָס זעלביקע אויך מיינע מיטשלאָפערינס, וואָס זענען געלעגן ווי הייליקע שוועסטער אין אַ נודיסטן פלאַזשע... איך מיט מיינע וווּנדערלעכע בתולות זענען געווען אַזוי צעביסן, אַז מיין גאַנצער קערפּער, ווי אויך פון מיינע דולצינעאָס זענען געווען ווי מיט אַ שאַרפן מאַזלען אויסגעשיט.

——::——

ווי עס זעט אויס, איז דער הויכער טשיפּיאַן געבענטשטער פון אַ סך אַנדערע שטעטלעך וואָס אַרום דעם קליינעם ימעלע, מיט דער אינ-זעקטן-פּרוכפּערדיקייט.

גאַנצע וואָלקנס קאַמאַרעס, גרויסע ווי די שטרויסן, טאַקע מיט שטרויסן-פיס און אַנדערע פליענדיקע און נישט-פליענדיקע אינזעקטן, וואָס זייער בים איז ווייטיקלעך ווי פון אַ וועספּע. טאַראַקאַנעס, טאַבונעס, און קאַטאַנגאַס, וואָס פליען צום ליכט. און פליענדיק אַרום די עלעקטרי-שע לעמפּלעך, וואָס איבער דעם געגרייטן טיש, פאַלן זיי אַריין אין די טעלער מיט לאָקשן, פיש, פלייש, צי פּערפּעלעך מיט יויך. אַנדערע הונ-דערטערליי אינזעקטן, וואָס פּאַראַומערן דעם נישט-צוגעוווינטן דורכ-רייזנדיקן מענטשנס לעבן. גרינע פליגעלעך, גרויסע ווי אויסגעפּאַשעטע פלוי, מיטן נאָמען „קאַטאַרראַ", מיט אַ האַרטער הויט. זיי זענען גאָר גרויסע ליכט-אַמאַטאָרן און פאַלן אַריין אין עסן. אַ גרינער אינזעקט פון עטלעכע צענטימעטער לאַנג, הויכע שטאָלצן-פיס און זשיראַפן-האַלדז, וואָס ווערט אָנגערופן „פּריידיקער"; „ליבעלולאַ", אָדער דעם „טייוולס פערד"; „סיגאַרראַ", וואָס איז אַ פיר-פינף מאָל אַזוי גרוים ווי אַ געוויינ-לעכע פליג. די סיגאַרראַ פייפט אַ געסווישטש אין די גאָר הייסע נעכט; „סיערוואַ וואָלאַדאָר" (פליענדיקע הירש), איז אַן אינזעקט מיט דער גע-שטאַלט פון אַ ראַק. ער איז גרוים ווי אַ געוויינלעכער היישעריק. ער פאַרמאָגט זייער שטאַרקע צוואַנגען; „וואַקיטאַ דע סאַן אַנטאָן", איז אַ רויטער אינזעקט מיט שוואַרצע און ווייסע פינטעלעך. אין מיינע קינדער-יאָרן, דאָרט אין מיין אַלטער היים, מעבר-לים, האָב איך געקענט דעם אינזעקט ווי משה רבינוס קיעלע; „אוניקאָרניאָ" איז אויך אַ נאַכט-אינזעקט. ער פאַרמאָגט צוויי האַרטע פליגלען און צוויי ווייכע. ער איז

גרויס ווי אַ סקאָרבאָטש. ער האָט אויפן קאָפּ אַ פאַרקרומטן, זייער האַרטן און שאַרפן האָרן. ביים באַרירן דעם מענטש, לאָזט ער אַרויס אַ גרינלעכע פליס׳קייט מיט אַ טכויער־געשטאַנק. און אַ סך, אַ סך אַנדערע מיני אינזעקטן וואָס פלעגן פאַרפעסטן די זעלטן־פרעכטיקע פאַנאָראַמע פון יענער פאַרבנרייכער פעריפעריע.

די אינזעקטן־פלאָג האָט אין יענער תקופה ממש אָנגעפולט די לופט, די הייזער און ווו נאָר עס איז געווען אַ שטיקעלע פלאַץ אונטערן הימל.

אויף די גאַסן, הייף און פעלד, זענען אומגעלאָפן הינט און קעץ מיט צעביסענע נעז, אָפּגעפרעסענע אויערן און אייטערדיקע לעכער אין אַנדערע קערפער־טיילן. דאָס זעלביקע איז אויך געשען מיט קי, פערד און אַנדערע שטוביקע חיות, זיי זענען געווען אַזוי צעפרעסן, אַז עס האָט אָנגענומען אַ גרויל. אַ גליק נאָר וואָס די אינזעקטן־פלאָג פלעגט זיין בלויז אין די פייכטע הייסע טעג פאַר אַ רעגן. מיטן מענטש וואָלטן די פיצלעך מזיקימלעך אויך געטון דאָס זעלביקע. האָט אָבער דער מענטש אויסגעקלערט אַלערליי מינים תחבלות ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן זיך קעגן זיי. דעריבער האָב איך, במשך מיין ווײַלן אין טשיפּיאָן און אומגעגנט, נישט געזען קיין מענטש אין גאָס אָן אַ באַבלעטערט צווייגל אין האַנט אָפּצוטרייבן די זשעדנע און בייסנדיקע מזיקימלעך. בכדי צו פאַרטרייבן די אינזעקטן פון די צימערן ווו נאָר מענטשן געפינען זיך, רויכערט מען כסדר; מ׳ברענט פייכטע, פאַרפוילטע שמאַטעס, מעל־זעק, זעגעכץ, זשוויצע־צווייגן, סאָסנע־צווייגן, צעדער־צווייגן, עוקאַליפּטן און שווירקאָווע צווייגן, ווי אויך לינדן־צווייגן, אָדער פּשוט מיסט, אַלץ וואָס מאַכט אַ שטאַרקן און שנײַדנדיקן רויך.

יענע נאַכט איז געווען אַ גוואַלדיק דושנע. אַ שרעקלעך הייסע. שווער געווען צו אָטעמען. דער שוויים האָט זיך געגאָסן פון יעדן אבר. עס האָט געווייעט אַ פייכט פייערדיק ווינטעלע, וואָס פאַרברענט די צעגרינטע און צעבליטע לאָנקעס, תבואה־פעלדער, בלומענפלאַנצן און ביימער אַפילו. גאַנצע כמאַרעס פון אַלערליי מינים אינזעקטן זענען אומגעפלויגן אין אַ קאַרוזעל. זיי האָבן געביסן און געזשומעט אין די אויערן. זיי האָבן פאַרהילכט די לופט מיט זייער זשומעריי — אַ סימן אַז עס וועט רעגענען.

ווען איך בין אַרויס אַ לעבעדיקער, בשלום און בשלוה פון נישט איינגעזונקען צו ווערן אין דער גרונטלאָזער בלאָטע, האָב איך געדאַנקט ראשית־כל, גאָט, דערנאָך מיינע מענטשלעכע רעטער. אַז איך בין נישט געשטאָרבן פונעם פאַרפוילטן האָז־געבראָטנס און פאַרשטונקענע קאָראָ-

פּאַטקעס, האָב איך געדאַנקט גאָט דערפאַר. נאָר אַז איך בין אַרויס מיט גאַנצע ביינער און מיט מיין גאַנצן פאַרמעגן נאָך דער „לוט-מעטאַמאָר-פאָזע" וואָס איז מיט מיר געשען די לעצטע נאַכט מיט די צוויי נודיסט-קעס-שוועסטערלעך, האָב איך געוואָלט גומל-בענטשן. נאָר אַז איך בין מיט גליק אָנגעקומען ביזן האָטעל אַ נישט אויפגעגעסענער פון די מאָס-קיטן, האָב איך געמאַכט אַ ברכה: ברוך שפּטרנו מעונש זה...

אָבער אין האָטעל-הויף בין איך ווידער איבערגעפאַלן געוואָרן פון אַ געדיכטע טשאַטע בייזע מאָסקיטן און האָב נישט געוווסט ווו זיך צו באַהאַלטן, און פון וועלכן אבר זיך פריער זיי אָפּטרייבן.

— אַ סענאַר! (וועטשערע עסן) , האָט זיך דערטראָגן צו מיינע אויערן אַ קווּיטשעדיקער געשריי פון דאָן כואַן. אַ הויכער יונג פון פיר און צוואַנציק יאָר, מיט כמעט פלאַקסענענע האָר, ווייסע ברעמען און רויטע מייזן-אויגעלעך, וואָס זענען געווען איינגעפּאַסט אין אַ זשיראַפן-קעפּעלע, וואָס איז געזעסן שטאָלץ אויף אַ שטרויספויגל-העלדזעלע. דאָס איז געווען דעם באַלעבאָס זון.

איך האָב אַרומגעוואַשן מיין פאַרבלוטיקט און פאַרפּאַטשקעט פּנים וואָס איז געווען פול אויסגעפּלאַסטערט מיט דערהרגעטע פליגן און פלי-געלעך, שוויים און בלוט. דערנאָך בין איך אַריינגעגאַנגען אין „דעס-פּאַטשאַ דע בעבידאַס" (טרינק-זאַל).

דער טרינק-זאַל פאַרנעמט אַזעלכע אַכט מעטער ברייט אויף אַ צוועלף מעטער טיף. די קרעטשמע איז געווען פול אָנגעפּראָפּט מיט אַלערליי מענטשן, וואָס האָבן געפּלוידערט מיט ווילדע געשרייען, אַלע האָבן געראויכערט, געזויפט, געשפּיגן, געשנייצט און געהוסט מיט דער גרינער גאַל. איך האָב דעם עולם-קאָנגלאָמעראַט לכתחילה קוים געקענט זען, צוליב דעם געדיכטן און שאַרף-בייסנדיקן רויך.

ווען מיינע פאַרוויינטע אויגן האָבן זיך אַ ביסעלע צוגעוווינט צו דער שטיקנדיקער אַטמאָספערע, האָב איך געזען שטיין אַ צוואַנציק פונ-דיקעס אַרום דעם בופעט, עלטערע און יונגערע, מיט כוסות אין די הענט. עס זענען אויך געזעסן שוין בגילופענע קרעאָלן מיט זייערע לאַנגע מע-סערס אין די גאַרטלען, אין קרייץ אויפן רוקן. זיי האָבן געשפּילט אין קאָרטן, געשניאַקעט קאַניאַ, גראַפּאַ, אַבעגכאַ און אַנדערע שאַרפע אַל-קאָהאָלן. זיי האָבן געזויפט רויטן און ווייסן וויין אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז און געשריגן: „לעבן זאָל איריגאָזשען!" (באַרימטער אַרגענטינער פּרעזידענט).

בײַ עטלעכע אַנדערע טישלעך אין אַן אָפּגעצוימטן ווינקל, זענען געזעסן איטאַליענער, שפּאַניאָלן, צוויי ענגלענדער און דרײַ פראַנצויזן, אָרטיקע איינוווינער, בכבודיקע בירגער. ווי אויך עטלעכע געשעפט־רייזנדיקע. זיי אַלע האָבן אויך געזויפט, געשפּילט אין קאָרטן, דאָמינאָ, דאַמקע און אַפילו שאַך. נאָר זיי האָבן נישט אַזוי פיל זיך געזידלט און אויך נישט אַזוי הויך געשריגן ווי די פונדיקעס־טרעגער.

— ע, יאַנקעלע, „טרוקאָ"! (אַזאַ מין קאָרטן־שפּיל), האָט אַ ברוינער יונג, אַ ברייט־ביינִיקער פּאַראַגוואַיער פונדיק מיט שיטערע, אַראָפּגעלאָזטע וואָנסעס פון אַ כינעזער, אַ לאַנגע און קײַלעכדיקע שוואַרץ־גלאַנציקע טשופּרינע מיט יאַגואַר־אויגן, און וואָס האָט טאַקע געהאַט דעם צונעמעניש „יאַגואַר", ער האָט אויסגערופן זײַן קאָרט.

— רעטרוקאָ! האָט דער אַרויסגערופענער פונדיק, יאַנקעלע, אַ בלאָנדער בחור מיט גלאַנציקע, בלויע כאַבער־אויגן, צוריק געענטפערט.

— און וואָס זאָגסטו מוישעלע? — האָט אַ דריטער פונדיק, אַ קאַריענטעסער יונג, אפשר פון אַ מעטער מיט ניינציק די הייך, מיטן צונעמעניש „ניאַנדו" (אַרגענטינער שטרויס־פויגל), זיך געווענדט צו אַ פערטן שפּילער, אַ יונג פון אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר, מיט אַ קאָפּ קאַשטאַן־האָר און אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן.

— ווער, איך? איך וויל! — האָט דער גערופענער מוישעלע געענטפערט קאַלטבלוטיק, בעת ער האָט געהאַלטן אַ קאָרט אין דער האַנט. ער האָט צעעפנט זײַנע גרויסע גרינע אויגן ווי פרישע איילבירטן. ער האָט דעם אַנגרייפער דורכגענומען מיט זײַן היפּנאָטישן בליק. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, זענען יאַנקעלע און מוישעלע נישט געווען קיין צונעמענישן ווי אַלע אַנדערע תבואה־טרעגער האָבן דאָרט. נאָר טאַקע אמתדיקע נעמען פון צוויי יידישע פּולטוסקער ייִנגלעך, געוועזענע מאַקאָווער ישיבה־בחורים. זיי זענען אין יאָר 1910 אַנטלאָפן פון פּאָניע פּאַרן פּריזיוו. זיי זענען געקומען קיין אַרגענטינע ווערן פּויערים בײַ דער יִיקאַ־קאָלאָניזאַציע.

אַ לאַנגע צײַט האָבן זיי זיך געפּלאָגט אין אַלערליי פּאַרמס בײַ יידישע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן אַליין נישט געהאַט קיין סענט בײַ דער נשמה אויף צו קויפן זיך אַפילו דאָס נויטיקסטע. אַזוי ווי די ביידע יידישע בחורים זענען געווען פעסטע און געזונטע יונגען, זענען זיי געוואָרן תבואה־טרעגער.

— אַ סענאָר! (וועטשערע עסן) האָט דאָן כואַן נאָך אַ מאָל אַ

קווימשענדיקן געשריי געמון מיט אַ קול פון אַ בייזן און איפּערזיכ־טיקן פונדיק.

אַלץ און אַלע, אַפילו די מאַסקיטן און אַלע אַנדערע פליענדיקע אינ־זעקטן זענען אַריין אין ריזיקן עס־זאַל פון אַכט מעטער ברייט אויף דריי־סיק טיף, וואָס נוצט אויך פאַר קינאָ, טעאַטער און טאַנץ־זאַל, ווי דעם באַלעבאָס איז לוינעוודיקער.

יעדע גרופּע מענטשן וואָס פלעגט עסן ביים זעלביקן טיש, האָט מיט זיך מיטגעבראַנגט אַ זעקעלע פייכטן ווייץ, קוקורוזע, ליאַן, אָדער האָבער און דאָס אויסגעשיט אויף די זיך סמאַליענדיקע האַלאָוועשקעס, וואָס האָבן געטליעט אין די ספּעציעלע פייער־בלעכן, בכדי צו פאַרטרייבן די מיליאָנען בלוט־דורשטיקע, פליענדיקע מזיקימלעך.

איך מיט נאָך צוויי רייזנדיקע, שפּאַניאָלן, זענען מיר געזעסן ביי איין טיש. נאָר מיר האָבן נישט געקענט עסן, מחמת עס איז אַריינגע־פאַלן אַ סך סאַזשע אין אונדזערע טעלער. צווייטנס, ווייל די קאַמאַרעס וואָס זענען לכתחילה פאַרטריבן געוואָרן פון די טישן צוליבן רויך, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן צום סופית, האָבן זיך תיכף אַראָפּגעלאָזט ביז אונטער אונדזערע טישן און האָבן שרעקלעך צעמזיקט אונדזערע פיס. איך און מיינע צופעליקע טיש־קאָלעגן האָבן זיצנדיק אַ קאַזאַטשאָק גע־טאַנצט. מיר האָבן אַזוי געוואָרפן מיט די פיס, ווי אַ משוגעת־פיבער וואַלט אונדז פלוצים אַרומגעכאַפּט.

— די זיך רויכנדיקע בלעכן אונטער די טישן! — האָט אויסגעשריגן אַ לאַנגער קרעאָל מיט אַ גרויסע שופר־נאָז און ברייטע נאָזלעכער, פון וועלכער עס זענען אַראָפּגעהאַנגען גאַנצע פּענזלעס האָר און אויפן קאָפּ געדיכטע שוואַרצע קודלעס, אין זיין פלאַטשיקן שטערן, גרויסע אַמאַ־ראַנסן־אויגן. און דער קאָליר פון זיין שלאַנקן קערפּער איז געווען ווי די הויט פון אַ צייטיקן קאַשטאַן. זיין פּסעוודאָנים איז געווען — שטשור.

דעם „שטשורס” באַפעל איז אויסגעפאָלגט געוואָרן פון אַלעמען. בלויז איין־איינציקער פונדיק, אויך אַ תבואה־טרעגער, מיטן צונעמעניש „הונט”, האָט נישט דערלויבט אַרונטערשטעלן אונטער זיין טיש קיין בלעך מיט זיך רויכנדיקע האַלאָוועשקעס.

— מיך בייסן נישט די מאַסקיטן. אַפילו די „זיעלעך” פונעם „אַרנט־לעכן הויז” בייסן מיר אויך נישט... אַלע האָבן מיר פיינט. דערפאַר בייסן זיי מיך נישט. און ווען אַפילו יאָ, דאַרפסטו, שטשור, זיין טאָלעראַנט, און זיי, די מאַסקיטן, לאָזן עסן, פונקט אַזוי ווי דו עסט!... כאַ, כאַ,

שטשור! אפשר נישט אַזוי, קאַלעגן יאַנקעלע און מוישעלע?...
כאַ, כאַ, כאַ!...

— וואַרט, וואַרט, איך רוף דיך אַרויס! נאָכן עסן וועלן מיר זיך פֿאַרהערן! — האָט דער „שטשור" אַ רעווע געטון דראָענדיק צום „הונט".

איך האָב אויך אַרונטערגעשטעלט אַ בלעך מיט רויכנדיקן מיסט אונטער מײַן טיש. ס'איז מיר אָבער געוואָרן אַזוי דושנע, אַזוי שטיקנדיק, אַז איך האָב געמוזט אַרויסגיין אויף דער גאַס, ווײַל איך האָב מיך שטאַרק צענאָסן און צעהוסט ביז צו פֿאַרקייכן זיך. נאָר מײַנע טיש־קאַלעגן האָבן בינו־לבינו אַפּערגענומען די זיך רויכנדיקע בלעכן. און איך, זײַענדיק שוין אַ ביסעלע פֿרײַ פֿונעם שאַרפֿן רויך און פֿון די אַלערליי בײַסנדיקע אינזעקטן, בין צוריק אַרײַן אין עס־זאַל. איך האָב זיך געזעצט אויף מײַן אָרט און זיך ווידער גענומען עסן דאָס פֿאַררוי־כערטע און פֿאַרמאַזשעטע אינזעקטן־געקעכץ.

דער שטילשטאַנד פֿון די כלערליי מלחמה־גרייטע אינזעקטן, האָט אָבער געדויערט קוים אַ פֿינף מינוט צײַט. בשעת דער שאַרפֿער רויך האָט זיך געהאַט קאָנצענטרירט אונטערן טיש, האָב איך געקענט זיצן רויִק און עסן די אַלערליי מאַרציפּאַנען־פּאַטראָוועס מיט אַ פֿליגן־געמיש, וואָס זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין די טעלער. אָבער ווי נאָר דער רויך האָט זיך אויפֿגעהויבן העכער איבערן טיש, און באַלד העכער איבער אונדזערע קעפּ, אַזוי גלײַך זענען די קליינינקע מחבלים צוריק געקומען און האָבן זיך גענומען אונדז בײַסן מיט מער גרויזאַמקייט. אַזוי, אַז אַלע געסט וואָס זענען נישט געווען קיין „נאַטיווע", און פֿאַרשטענדלעך נישט אַקלי־מאַטיזירטע צו די אינזעקטן־בײַסעניש, האָבן געמוזט איבערלאָזן דאָס עסן אויף די טישן און הונגעריקע, זיך געמוזט באַהאַלטן אין די דושנע צימערן, נאָר אָנגעפּילטע מיט פּליט (אַ כעמישע פּליסיקייט וואָס ווערט אויסגעשפּריצט).

אַ האַרמידער, אַ ווילד גערעוועריי אין טרינק־זאַל. מע שלאָגט זיך. איך לויף אַרײַן מיט מײַן געלאָדענעם רעוואָלווער אין האַנט. אפשר שלאָגט מען די צוויי יידישע ייִנגלעך, מען דאַרף זיי פֿאַרטיידיקן. עזב תעזב עמו! איז דאָך דער אימפּעראַטיוו פֿון אונדזער הייליקער תורה. ניין, מען שלאָגט נישט די ייִדישע בחורים. דער „שטשור" האָט אַרויס־גערופֿן אויף אַ מעסער־דועל זײַן אַנטאַגאָניסט, דעם „בראַון הונט". דער שטשור האָט זיך געוואָרפֿן מיט זײַן „פֿאַקאָן" (אַ גרויס, שאַרף־שפּיציק מעסער) אויפֿן הונט, וועלכער האָט מיט אַן ענלעך כלי־זין זיך פֿאַרטיי־דיקט; מיט אַ „פּאָנטשאָ" (פּאַטשיילע) אַרומגעוויקלט די לינקע האַנט,

אַנשטאָט אַ שטאָלענער פּאַנצער, צו פּאַרטיידיקן דאָס האַרץ און בויך, און די רעכטע האַנט מיטן מעסער אויסגעצויגן צום קעגנער. דער קער־פּער מיטן הינטערחלק איינגעבויגן ווי צו בעטן אַ נדבה, אָדער ווי צוויי קריג־העָנער שלאָגן זיך צוליב אַ שיין און פּוכקע יונג הינדעלע...

ביידע דועליסטן האָבן געפּעכט מיט די לאַנגע און שאַרף־שפּיציקע מעסערס, ווי אמתדיקע פּאַכליים. נאָר דער „בראַווער הונט" איז געווען ספּריטנער, געשיקטער און פֿעיקער פונעם „שטשור". אין אַ מאָמענט האָט דער הונט מיט אַ געניטן קלאַפּ אין שטשורס מעסער, עס אים אַרויסגעשלאָגן פון דער האַנט. דער הונט איז בליץ־שנעל צוגעשפּרונגען צום אַראָפּגעפאַלענעם „שטעכער". ער האָט עס אויפגעהויבן און גרויס־מוטיק צוריק דערלאַנגט זיין באַזיגטן קעגנער.

— איך גיב דיר צוריק דיין פּאַקאָן, ווייל ביסט אַ נישקאָשע פּעכ־טער. נאָר בתנאי, זאָלסט מיט קיינעם זיך מער נישט שלאָגן! — האָט דער „הונט" געוואָרנט דעם „שטשור".

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן אַפּלאָדירט דעם הונטס נאָבעלע גרויסמוטי־קייט. איבערהויפּט, מחמת ער האָט נאָכן זיג איבערן שטשור, באַלד צוריק אַריינגעשטעקט זיין אייגן מעסער אין שייד.

די צוויי יידישע טרעגער האָבן אויך אַפּלאָדירט און באַגריסט דעם זיגער, וועלכער האָט זיך באַוויזן אַזוי גרויסאַרטיק און האָט נישט דער־שטאָכן זיין אָנגרייפער, לויט דער רוימישער, גלאַדיאַטאָרישער און אור־וואַלדיקער איינשטעלונג. דאָס האָט אָבער פאַרדראָסן דעם שטשור. און אַנשטאָט אַריינצושטעקן דאָס מעסער אין שייד, האָט ער פאַררעטעריש זיך געוואָרפן אויף יאַנקעלען און אים געוואָלט דערהרגענען. יאַנקעלע, וועלכער האָט אַגב אויך געהאַט ביי זיך אַ מעסער אין גאַרטל אין קרייץ אויפן רוקן, האָט אָבער נישט געהאַט קיין צייט אַרויסצונעמען עס פון דער שייד זיך צו פאַרטיידיקן. ער האָט אָבער צום גליק געהאַט צייט צו כאַפּן אַ דעמבענע שטול וואָס איז געשטאַנען באַלד נעבן אים און האָט אָפּגעשלאָגן דעם פאַררעטערישן טויטלעכן קלאַפּ, וואָס איז געצילט גע־ווען צום בויך.

דער „הונט", דערזעענדיק די אומפאַרמיידלעכע געפאַר, האָט ווידער אַרויסגעכאַפּט זיין מעסער און מיט דער פלאַכער זייט דערלאַנגט דעם „שטשור" אַ שטאַרקן זעץ אין פּלייצע און באַלד אַ צווייטן זעץ אין אָרעם, אַז דער געשלאָגענער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן דיל ווי גרויס ער איז געווען. מיט אַ משונהדיקן סקאָוויטש: אַ היכונאַ! איי מאַמיטאַ! וועסט מיר שוין באַצאָלן!... ווי אַ טיינער הונט וואָס בילט נישט, האָסטו

מיר צוויי שטאַרקע קלעפּ געטון. מען רופט דיך „הונט", נאָר האָסט דײַן הינטישן נאָמען גאַנץ ערלעך פאַרדינט!... אַהיכונאַ! (זון פון איינער), איי מאַמיטאַ! די האַנט, די פּלייצע, דער אָרעם און דער נאַקן טוען מיר שטאַרק וויי. וועסט מיר שוין באַצאָלן, משוגענער הונט!

— יאָ, שמשור, ביסט גערעכט! איך האָב מײַן הינטישן ביינאָמען טאַקע גאַנץ ערלעך פאַרדינט. דאָס איז, ווײַל איך בין, פּונקט אַזוי ווי דער הונט, טרײַ מײַנע גוטע חברים יאַנקעלע, מוישעלע און אַלע ערלעכע און גוטע מענטשן וואָס דאַרפן מײַן הילף. נאָר דו האָסט אָבער אויך דײַן שמשורישן נאָמען גאַנץ ערלעך פאַרדינט. און פּונקט אַזוי ווי אַ שמשור מיט זײַן בובאָנישער פּעסט פאַרפּעסטעט אַלץ און אַלע, וווּ נאָר ער גייט און שטייט, און אויך פון וועמען ער געניסט... און איך, פּונקט אַזוי ווי אַ טרײַער הונט, וועל איך דיך צערײַסן מיט מײַנע ציין אויף שטיקער, אויב וועסט זיך נישט אויסמענטשלען!... לעבן זאָל אַרגענטינע! לעבן זאָל פּאַראַגוואַי! און לעבן זאָלן די גוטינקע און ערלעכע יידישע ייִנגלעך יאַנקעלע און מוישעלע!

— וויוואַ, וויוואַ!! — האָבן געשריגן אַלע אַרום.

— איצטער שמשור, וועסטו מוזן צאָלן צו צוויי דאָפּלטע גלעזלעך קאַניאַ און פאַרבײַסן צו פּאַרציעס טרוקענעם קריאָזשאַ־קעלבאַס מיט פּענעצלעך טאַנדיל־קעז, און שווערן, אַז וועסט שוין מער זיך נישט וואַרפן אויף קיינעם מיט קיין שום כלי־זין. איבערהויפּט נישט אויף די צוויי גוטע יידישע „גרינגאָס", וועלכע אַרבעטן פאַר אַזעלכע צען ווי דו ביסט. דערצו נאָך, צאָלן זיי אַמאָל פאַר אַ גלעזל „שטאַרקס", אַ גלאָז ווײַן און אַ שאָפּ ביר. יאַנקעלע און מוישעלע האָבן אויך פּונקט אַזעלכע מעסערס ווי דו און איך, נאָר קיינער פון זיי ביידע האָט נאָך נישט אַרויסגעצויגן זייערע „פאַקאָנען" קעגן קיינעם נישט פון אונדזער חברותא...

— בראַוואָ! „בראַווער הונט"! לעבן זאָל דער „בראַווער הונט"! ווייסט ברודער, ביסט אַ פולשטענדיקער זכר!...

גאָלד און דימענטן־זוכער

פון אַסונסיאָן, די הויפּטשטאָט פון פּאַראַגוואַי, בין איך געפאָרן מיט דער שיף „כוּאַראַני" שטראָם־אַרויף מיטן טייך פּאַראַגוואַי ביז קאָרומבאַ, די צווייטע שטאָט פון דעם בראַזילענעם שטאַט מאַטאָ גראָסאָ, רעכטס פונעם פּאַראַגוואַי־טייך און טאַקע נישט ווייט פון דער פּאַראַגוואַי־רעפּובליק.

אין „האָטעל" — ביי אַן אָפּשטאַמלינג פון טאָבאַ־אינדיאַנער — ווו איך בין איינגעשטאַנען, זענען אַלע צימערן געווען פאַרנומען מיט גאַנצע 32 גאָלד־זוכער און דימענטן־טרוימער. זיי זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן פון אַלע ארבע פנות־העולם, כדי צו ווערן אייגנטימער פון די גרודעס גאָלד און בריליאַנטן, וואָס זיי האָבן געהאָפט צו געפינען ביים ברעג פון טייך אַראַגואַיאַ, וואָס לויפט אין די ווילדענישן פון דעם מילענאַרן דזשונגל צווישן די שטאַטן מאַטאָ־גראָסאָ און גאָיאַז אין בראַזיל.

צו יענער צייט האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט איבער די בראשית־וועלדער פון די פּאַראַגוואַיער, באָליוויאַנער, אַרגענטינער און בראַזיליענער ווילדענישן, אין אַ געיעג נאָך די גיפטיקסטע שלאַנגען און סמיקע שפּינען; עקדישן און אַלאַקראַנען; אויך גיפטיקע שוואָמען און בלומען, בכדי פון זייער סם־המוות צו מאַכן אַ קעגן־גיפט. איך האָב מיך אָפּגעגעבן מיט אַ מלחמה קעגן די ריזיקע זשאַקאַרען (קראָקאָדילן) ביי די טייכן און אָזיערעס פון יענער גאַנצער געגנט, וואָס זענען געווען פול מיט סכנות פאַר די וואָס האָבן געוואָלט זיך דערשלאָגן צו די גאָלד און בריליאַנטן־פעלדער ביי די ברעגעס פונעם טייך אַראַגואַיאַ, צווישן די שטאַטן גאָיאַז און מאַטאָ־גראָסאָ.

אין טאָבאַ־האָטעל, צווישן גאָלד־זוכער — פּאָליאַקן, דייטשן מיט זייערע ריין־אַרישע הינט, יאַפּאַנער און גריכן; פלאַקסענע נאָרוועגן און שוואַרצע יאַמאַיקער; צפון־אַמעריקאַנער גומי־קייערס און אַרגענטינער מאַטע־זויגער — צווישן אָט דעם גאָלד־גייציקן און דימענטן־לעכצנדיקן געזינדל, בין איך אויך אָנגעשטעקט געוואָרן מיטן פיבער פון זוכן גאָלד

און דימענטן איבער די בריליאַנטן־פעלדער, וועלדער און טײַכן פונעם גרויליקן און סודותדיקן מאַטאָ־גראָסאָ.

דער האָטעל־אײגנטימער האָט מיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ טיש ווו עס זענען שוין געזעסן דרײַ ריזיקע יונגען מיט האָבער־קעפּ. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך אַ פּוילישן ייִדיש. דערפאַר טאַקע האָט מיר דער בעל־ההאָטעל באַשטאַט צו עסן בײַ זייער טישל, כּדי איך זאָל ווערן זייער דאָלמעטשער, כאָטש איך האָב דעמאָלט גערעדט אַזאַ פּאָרטוגע־זיש, וואָס נאָר אַ קאָרומבאַנער אינדיאַנער האָט געקענט פאַרשטיין. צו פאַרדאַנקען דעם האָטעלשטשיק בין איך טאַקע צוגעשטאַנען צו דער גרופּע פון די דרײַ ריזיקע ייִדישע יונגען און געשלאָסן מיט זיי קאָנטשאַפט.

שפּעט אין אָוונט זענען מיר אַלע פיר אַוועק אין אַ קאַבאַרעט, ווו די גאָלד־זוכער זענען זיך צוזאַמענגעקומען באַוווּנדערן די אינדיאַנישע פּרינצעסינס, באַהאָנגענע מיט „גאָלד, בריליאַנטן, זאַפּירן און שמאַ־ראַגדן", וואָס האָבן פאַרבליפט דאָס אויג. איך האָב מיך דאָ געטראָפן מיט אַ באַקאַנטן פּאַראַגוואַיער, דאָן גאַספּאַר מאַריאַ דעל וואַזשע. איך בין אַמאָל אײַנגעשטאַנען בײַ אים אין האָטעל אין ווילזשאַ ריקאַ. מיר האָבן זיך מיט אים צונויפגערעדט און ער איז געוואָרן אונדזער שותּף און וועגווײַזער.

בעת כ'בין געווען אין ווילזשאַ ריקאַ, פּאַראַגוואַי, האָב איך געהערט אַז ער האָט געבראַכט פון מינאַס זשעראַעס, בראַזיל, אַ סך שמאַראַגדן און סאַפּירן און פון מאַטאָ־גראָסאָ אַ שלל מיט בריליאַנטן און איבער הונדערט קילאָ ריינעם, געלײַטערטן גאָלד. נאָר ער, גאַספּאַר מאַריאַ דעל וואַזשע, איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון געטאָקטע ליטקעס און טאַנצנדיקע בריסטן פון דעם שיינעם מין. צו דעם — אַ פאַנאַטיקער פון געוועט־פערדלעך. ווי מען קען זיך משער זײַן, האָט ער צוליב די אַלע „טוגנטן" פאַרטאַכלעוועט כּמעט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. מ'האָט אים אָבער געקענט פאַר אַן ערלעכן מענטש און דערצו נאָך איז ער גע־ווען אַ געניטער דימענטן־זוכער און קענער פונעם געפערלעכן דזשונגל פון מאַטאָ־גראָסאָ.

אויף זײַנע אָנווײַזונגען, האָבן מיר זיך אײַנגעקויפט צו צוויי פּאָר שיך מיט דאָפּלטע זוילן און „פּאָלאַינעס" ווי פאַר באַרג־גלעטערער; לע־דערנע רעקלעך און הויזן, טראָפּיקאַלע הוטן, לעדערנע הענטשקעס, גוטע מעסערס, זעגלעך און העקלעך, שטאָלענע בוים־קלעטערער מיט שפּיצן; שטריק, רעוואָלווערן און אַ סך קוילן; זאַלץ און שוועבעלעך, אַ קאָמפּאַס,

ווייט-זעעוודיקע שפּאַקטיוון, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און מעכטיקע לופּאַ-גלעזער אָנצוצינדן דורך די זון-שטראַלן אויב עס וועלן אויספעלן שוועבעלעך. צו דעם נאָך האָט מען מיטגעפירט באַנקעס, אַלקאָהאָל, כינין, קעראָסין, באַנדאַזשן און די וויכטיקסטע מעדיקאַמענטן פאַר אַזאַ געפערלעכער נסיעה. מיר האָבן אויך איינגעקויפט פינף האַלב-געפּגרטע מולאַס (מויל-אייזלען), פעסטע מאַטראַזן-שטריק און היידאַ אין וואַלד אַריין אָנצוקלייבן זעק דימענטן און בערג גאָלד. און שפּעטער... שפּעטער וועט יעדער פון אונדז זיך קאָנען איינשאַפן כאָטש צו איין אינדיאַנישע פּרינצעסן, אָן אייניקל פון דער מלכה-שבא מיט אַ פּלאַטינענע דיאַדעמאַ אַרום איר האַלבן קאָפּ, וואָס איז געווען מיט גאָלד צוגלייך...

בראַזיל פאַרמאָגט טשערעפּאַכעס מכל המינים. דאָס טשערעפּאַכע-פלייש איז זייער געשמאַק. די פּאַנצער-חיהלעך זענען פאַראַן סיי אין וואַסער, סיי אויף דער יבשה. זיי ווידמענען און מערן זיך לעבן די טייכן, אָזיערעס און אין ים פון די טראָפּישע מקומות. די דאָזיקע פרידלעכע באַשעפענישן ווערן מוראדיק פאַרפאָלגט צוליבן געשמאַקן פלייש זייערן, צוליב זייערע געשמאַקע אייער און אויך צוליב זייער ביינערנעם פּאַנצער, וואָס נוצט פאַר אַלערליי אינדוסטריעלע צוועקן.

מיר אַלע פינף אַוואַנטוריסטן זענען געווען גוטע שיסערס און אַלע הונגעריק ביז משוגעת. שוין עטלעכע מעת-לעת ווי מיר האָבן נישט געהאַט געגעסן. מיר זענען פאַרקראָכן אויף אַ סטעפּ, ווו ס'איז בלויז גע-וואַקסן סאַליטרע-גראָז, אַ מאכל נאָר פאַר די ווילדע אייזלען און מולאַס. קיין שום פויגל און קיין שום אַנדער באַשעפעניש קען זיך נישט אויפ-האַלטן אויף די דאָזיקע סאַליטרע-פעלדער.

ווען מיר זענען צוגעקומען צום טייך פּאַראַ, האָט אונדזער וועג-ווייזער באַמערקט אַ גרויסע טשערעפּאַכע, וואָס איז אַריינגעקראָכן אין טייך. ס'איז געווען די צייט ווען די טשערעפּאַכעס לייגן אייער, וואָס זיי באַגראָבן אין דער ערד. דאָרט פריען זיי זיך אויס אין אַ דרייסיק טעג אַרום. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער זאַמדיקער פּלאַץ ביים ברעג פון טייך פּאַראַ דאַרף זיין דאָס קאָלעקטיווע קימפּעט-בעט פון די טשערעפּאַכעס. מיר האָבן זיך אַ נעם געטון זיי צו זוכן.

דער דערפאַרנסטער פון אונדז איז געווען אונדזער פירער דאָן גאַספּאַר. ער האָט דער ערשטער געפונען אַ נעסט מיט פערציק אייער, גרעסערע ווי פון גענדזן. מיר האָבן געברענגט די אייער צו אונדזער אָפּרו-פּלאַץ, ווו מיר האָבן זיי אָפּגעבראָטן און זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ. איך האָב דערזען אַ ריזיקע טשערעפּאַכע אַרום הונדערט מעטער ווייט

פונעם שייטער. איך האָב געכאַפּט מיין ביקס און מעסער און אַנטקעגן געלאָפן דעם ריז. איך האָב זי געכאַפּט אַ לעבעדיקע. זי האָט געוווגן ביי די פערציק קילאָ. איך האָב זי איבערגעקערט און קוים באַוויזן איינצושניידן דעם גאָרגל, ווי איך בין אַרומגערינגלט געוואָרן פון פינף קראָקאָדילן. צוויי ריזיקע און דריי קלענערע — אַ גאַנצע פאַמיליע: טאַטע-מאַמע און זייערע בנים. צום גליק האָב איך באַמערקט די שטילינקע-פאַרטייעטע מחבלים באַצייטנס און כהרף-עין זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ צעצווייגטן צעדערבוים.

דער שטענדיק הונגעריקער זשאַקאַרע (דרום-אַמעריקאַנער קראָקאָדיל), רעספּעקטירט נישט קיינעם. ער האָט נישט קיין מורא פאַר קיין שום באַשעפעניש, אַפילו נישט פאַר זיין געפערלעכסטן שונא — דעם יאַגואַר. די זשאַקאַרן-פעל איז באַדעקט מיט אַ האַרטן, ביינערדיקן פאַנצער פון שיפּן. זיין שרעקלעך לאַנגער פּיסק איז באַוואָפנט מיט אַ סך שאַרפע, האַטשיק-פאָרמיקע, שפּיציקע ציין, האַרטע ווי שטאָל. דער יאַגואַר אָבער, וואָס איז אַפּנים באַקאַנט מיט דעם זשאַקאַרעס מעלות-טובות, קען אויך זיינע קלוגע אייגנשאַפטן, ליגט זיך געדולדיק אויף אַ צווייג פון אַ הויכן בוים און טשאַטעוועט אויף אים — זיין גרעסטן שונא, וואָס דערנענטערט זיך צו צום בוים, פון וואַנען ער לויערט אויף זיין רויב.

דעם קראָקאָדיל באַזעצט זיך אין פּיסק אַ ווערעם-פּאַראַזיט פון דער שפּין-משפּחה מיטן נאָמען „גאַרראַפּאַטאַס”, וואָס האָט דעם פאָרעם פון אַ גרויסן קוקורוזע-קערן פון אַ טונקל-גרויען קאָליר. זיי, די גאַרראַפּאַטאַס, קריכן אַריין דעם מזיק צווישן די ציין, יאָסלעס און גומען און טוען אים דאָרט אָן געברענטע צרות. עס זענען אָבער פאַראַן אַזעלכע פייגל, ווי די סטאָליאַר-פייגל — גאַראַפּאַטאַ-פרעסערס, וואָס דערנערן זיך רק מיט די דאָזיקע ווערעם. זעט אויס, אַז דער קראָקאָדיל, וואָס איז תמיד בייז און הונגעריק, ווייסט דעם סוד פון חכמת-היצירה; צעלייגט ער זיך אונטער אַ בוים ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן, מיטן בויך אַרויף, עפנט אויף זיין מעטער-לאַנגן פּיסק, אַהין קריכט עס אַריין דער פויגל און רייסט אים אַרויס אַלע ווערעם פון צווישן די ציין און פון די טיפענישן פון זיין גאָרגל, אַז דער מחבל לעבט אַזש אויף.

אַט דעם מאָמענט נוצט אויס דער יאַגואַר, וואָס שפּרינגט אַרויף אויפן אומפאָרזיכטיקן זשאַקאַרע, דראַפּעט אים קודם-כל אויס די אויגן און בייסט זיך איין אין זיין האַלדז, דאָס איינציקע ווייכע פלאַץ ביים קראָקאָדיל.

ס׳קומט דעמאָלט פאָר אַ שרעקלעכער געראַנגל צווישן די צוויי מאָנסטערס. געלינגט דעם יאַגואַר אויסצודראַפּען די אויגן, איז אים לייכ־טער אָנצוכאַפּן דעם קראָקאָדילס האַלדז. טאָמער אָבער נישט, לויפט דער קראָקאָדיל מיטן איינגעקלאַמערטן יאַגואַר אין וואַסער אַריין, דער־טרינקט אים און הויכט אַליין אויך אויס די נשמה פון די באַקומענע ווונדן.

עס איז אַ גליק, וואָס די קראָקאָדילן זענען גרויסע בריות בלויז אין וואַסער, ווו זיי שווימען ווי אַ טאָרפּעדאָ. אויף דער יבשה אָבער זענען זיי טעמפּ, אומגעלומפּערט, שווערלעך און קאָנען זיך נישט באַוועגן מיט דער זעלביקער שנעלקייט, בעיקר ביים אויסדרייען זיך.

זיצנדיק אויפן בוים האָב איך אָנגעצילט מיין ביקס פון דער נאָענט און געטראָפן דעם קראָקאָדיל צווישן די אויגן פונקט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געפּרוווט איינבייסן דעם בוים. אין דער זעלביקער צייט האָבן מיינע פיר קאָלעגן אויסגעשאָסן פון פיר באַזונדערע זייטן און אַוועקגעלייגט די איבעריקע קראָקאָדילן.

דער וועג צו די גרודעס גאָלד, דימענטן, שמאַראַגדן און זאַפירן אין דזשונגל איז פאַר אונדז געווען אָפן. עס האָבן בלויז געפעלט זעק זיי אָנצופילן . . .

בנים גדלתי ורוממתי, והם פשעו בי...

מיט אַ צייט צוריק, בעת מיינע וואַנדערונגען איבער די יידישע שטעטלעך און קאָלאָניעס פון דעם אומענדלעך גרויסן אַרגענטינע, האָב איך אָנגעטראָפן אומעטום בליענדיקע יידישע אינסטיטוציעס, ביבליאָטעקן מיט געפּאַקטע פּאָליצעס, שראַנקען און פולע שאַפעס מיט ביכער פון די גרעסטע און באַרימטסטע יידישע און אויך פון נישט יידישע קלאַסיקער און פון די בעסטע מאָדערנע יידישע און נישט יידישע דיכטער; אַחוץ אַ שלל איבערגעזעצטע ווערק פון אַנדערע שפּראַכן אויף דעם יידישן לשון. יעדער יידישער קיבוץ, אָדער ישוב האָט בשעתו פאַרמאָגט אַן אייגן פאָלקס-הויז מיט אַ פיינער ביבליאָטעק, פול אָנגעפּראָפּט מיט ביכער, און אויף די לאַנגע טישן זענען געלעגן יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון לאַנד און פון אויסלאַנד; אַ יידישע שולע, ווו יידישע קינדערלעך, אַברהמלעך און משהלעך, שרהלעך און רחלעך, האָבן זיך געלערנט פלייסיק ביי יידישע לערער-פּעדאַגאָגן יידיש און העברעיש, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו דערציען די משהלעך און שרהלעך אין דער יידישער קולטור און מאָראַל, ווי אויך אינעם וועלטלעכן עטישן אידעאַל און אין דעם אַלוועלטלעכן הומאַנעם גייסט.

אָבער וואָס האָב איך געטראָפן ביי מיין לעצטן אויספלוג איבער די זעלביקע ישובים, מיט עטלעכע חדשים צוריק?

אַז אָך איז מיר, וויי און ווינד!...

אַט-אָ-די יידישע שטאָט ווו עס איז אַמאָל געווען קאַרלאָס קאַסאַרעס, מיט היינט נאָך אַ גרויסע יידישע קהילה, אָבער קיין שום פונק פון יידיש, יידישער קולטור און טראַדיציע, עקזיסטירט מער נישט, און צומאָל קיין רעליגיעזע יידישקייט איז שוין אויך מער נישט פאַראַן אין קאַרלאָס קאַסאַרעס.

ווען יידישקייט, רעליגיעזע און וועלטלעכע האָבן געבליט אין קאַרלאָס קאַסאַרעס, ווען די יידישע קולטור האָט געשטראָמט ווי אַ פאָנטאַן און געשפּרודלט מיט התלהבות, מיט דעם געטלעכן יידישן ברען און

התפעלות, האָט די קאַרלאָס קאַסאַרעסער קהילה אויפגעשטעלט אַ גרויס הויז, אַן אמתדיקן פּאַלאַץ וואָס זאָל טויגן פאַר אַלע הצטרכותן, רעליגיעזע, וועלטלעכע און דערציערישע־פּעדאַגאָגישע, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָלקס־הויז, אין אַ ישוב וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ ליכטיקע פערזענלעכקייט, ווי עס איז געווען דער באַרימטער פּויערים־שרייבער מרדכי אַלפּערזאָן ז״ל און אַ סך אַנדערע יידישע פּערזענלעכקייטן.

אָט דאָס גרויסע און פּראַכטפולע קהילה־הויז, ווו עס פלעגן דורכגעפירט ווערן רעפעראַטן, פּאַרלעזונגען, דיסקוסיעס און דעבאַטן וועגן טעאַטער, ליטעראַטור, מוזיק, פּאָעזיע און מאַלעריי, יידישע און אַלוועלטלעכע, פּוסטעוועט היינט און שטייט איינזאַם און פאַרטרויערט ווי אַ פאַרגעסענע עגונה, ר״ל.

אין יאָר 1935 בשעת דער שרייבער פון די שורות האָט אין קאַרלאָס קאַסאַרעסער קהילה־הויז געגעבן אַ רעפעראַט וועגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, איז דער רחבותדיקער זאַל פול און איבערגעפּאַקט געווען מיט יידן פון שטאָט און פון די קאָלאָניעס אַרום. און היינט, צוואַנציק יאָר שפּעטער, איז נישט נאָר די וועלטלעכע און פאָלקסטימלעכע יידישע קולטור פאַרלאָזט געוואָרן, נאָר אַפילו אין די ימים־נוראים קומען בלויז געציילטע „וויעכאָס״, „טשיוואָס״, ד״ה אַלטע יידן מיט בערד, אין שיל אַריין דאַווענען און זיך אויסוויינען.

אין ק. קאַסאַרעס פונקציאָנירט אויך אַ יידישע שולע פאַר יידישע קינדערלעך. קען אָבער די יידישע לערערקע כמעט נעבעך נישט רעדן קיין יידיש. פון שרייבן און לייענען יידיש און העברעיש, איז דאָך שוין אָפּגערעדט...

די יידישע לערערקע מיט וועלכער איך האָב געהאַט דעם כבוד צו רעדן, איז טאַקע אַ יידישקע, אַ סימן: איר טאַטע־מאַמע זענען אויך יידן... זי האָט מיר אַגב דערציילט, פאַרשטייט זיך, אַז נישט אויף יידיש, אַז זי איז אַ יידישע קרעאָלן און דערפאַר קען זי נישט קיין יידיש. זי האָט אָבער געעירשנט איר פאָטערס יידישן קאָפּ, גיט זי זיך אַן עצה. דהיינו? די יידישע לעקציעס ווערן פאַר איר איבערגעשריבן דורך אירס אַ גוטן פריינד, מיט לאַטייניש עאותיות. די אומגאַנגס־שפּראַך אין דער יידישער שולע, מיט דער יידישער לערערקע, איז נישט חלילה אויף יידיש אָדער העברעיש, ווייל די „מורה״ קען דאָך נעבעך צומאָל נישט די צורה פון אַ יידישן אות.

נו, טאָ וואָס זאָל זי נעבעך טון? זאָל זי איצטער אויף דער עלטער זיך נעמען לערנען יידיש? און ווען אַפילו יאָ, איז צו וואָס? זי איז דאָך

געוואָרן אַ יידישען לערערקע, ווייל די רייכע ווינען, אַז זיי קענען נעבעך בשום אופן נישט אויסהאַלטן אַ גראַדויִרטן יידישן לערער. אַ קענער, ווייל ער וועט דאָך זיכער פֿאָדערן אַ גרעסערן געהאַלט, לויט ווי עס איז אָנגענומען ביים לערער־פֿאַראיין.

——::——

נאָך אַן עפּיזאָד צווישן אַ סך אַנדערע עפּיזאָדן. אַן ערך 25 קילאָ־מעטער פון ק. קאַסאַרעס, שטייט זיך רויק דאָס ביז גאָר סימפּאַטישע שטעטעלע סמידטס, וואָס האָט מיט אַ שטיקל צייט צוריק פאַרמאָגט אַ גאָר שיינע יידישע קהילה פון אפשר פופציק משפחות, אַחוץ די צענד־ליקער קאָלאָניסטן, יידישע פעלד־מענטשן. היינט־צו־טאָג באַשטייט די דאָרטיקע יידישע קאָלעקטיוויטעט פון בלויז אַכט פאַמיליעס, וועלכע וווינען אין שטעטל, ווי אויך עטלעכע משפחות וואָס אויף די פעלדער, ד״ה, אויף זייערע פאַרמס, וואָס ליגן צעשפּרייט ווייט אַרום דעם שטעטל.

אַז סמידטס האָט אַמאָל פאַרמאָגט אַ גרעסערע יידישע באַפעלקע־רונג, זאָגט עדות די געוועזענע שיל, שולע און ביבליאָטעק, וואָס נוצט היינט פאַר אַ שטאַל אָדער שייער, פאַר אַלערליי מין פוראַזש. געוויר בין איך געוואָרן פון דעם שרעקלעכן שאַנדטאַט, פון סמידטס אַ וווילן קריסט, אַ יידן־פריינד, וועלכער האָט מיך צוגעפירט ביז צו דעם בנין פון דער געוועזענער שיל. ער, דער קריסט, האָט מיר געזאָגט, מיט אַ קענ־טיקן ווייטיק און צער, ווי ער וואָלט גאָר קיין קריסט נישט געווען, נאָר גאָר אַ נאַציאָנאַל־געשטימטער און דערצו נאָך רעליגיעזער יידישער ייד.

— וואָס וואָלט איר, סעניאָר, געזאָגט צו דער שרעקלעכער נבלה, ווען די העסלעכע סאַקרילעגיע וואָלטן אָפּגעטון נישט קיין יידישע גאָט־לאָזע און אומאַראַלישע כוליגאַנעס? די גאַנצע וועלט וואָלט זיך דאָך אויפגערודערט, און מיט רעכט. אפשר נישט אמת?

— יאָ, אמת! — האָב איך געענטפערט אַ דערשטוינטער.

— טאָ, פאַרוואָס שווייגט איר? ווען ביי אונדז, קריסטן, וואָלט אַזאַ מין שוידערלעכע זאַך חלילה געשען, וואָלט מען דעם לעסטערער ממש פאַרשטיינערט. איך בין טאַקע נישט קיין ייד. איך בין אָבער אַ טאָלע־ראַנטער קריסט צו אַלע אָרנטלעכע רעליגיעס און גלויבנס, וואָס זייער יסוד איז דער יידישער גאָט, וואָס איז אויך דער גאָט פון דער גאַנצער פענטשהייט און אַלץ וואָס עקזיסטירט אונטער דער זון און איבער איר. איך בין אַזוי, ווייל איך בין אַליין אַ גלויביקער מענטש. און דערצו נאָך בין איך אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער יידן־פריינד, ווייל איך האָב ליב די הייליקע ביבל, וואָס גאָט האָט געגעבן די יידן. דערפאַר פאַרשטייי איך,

אז עס איז אָפּגעטון געוואָרן אַן אומפאַרגעבלעכער חילול-השם, אַ שרעק-לעכע זינד, אַ שוידערלעכע לעסטערונג קעגן מענטשלעכן געוויסן. די סינאַגאָגע איז דאָך אויך געווען אַ שולע פאַר יידישע קינדער, ביבליאָטעק און אַ פאַרזאַמלונגס-פּלאַץ פאַר אַלע יידן פון שטעטל און קאָלאָניעס פון ווייט אַרום.

דערפאַר איז דער אומדערהערטער טאַט פון די אָפּטריניקע גאָט-לעסטערער אַזוי גרוילנדיק-גרויזאַם, וואָס קיין שום ערלעכער און מאָראַ-לישער ווען טאָר נישט מוחל זיין, בפרט נאָך, ווען עס זענען פאַראַן יידן אין שטעטל, ווי אויך אויף די פעלדער, וועלכע פלעגן קומען אין דער סינאַגאָגע דאַווענען און פאַר איינוועגס זיך איינקויפן אַלע זייערע הצטרכותן, אַלע זייערע פּילפאַכיקע זאַכן פאַר זייער געברויך אין שטוב ווי אין פעלד. היינט אָבער, צוליב דעם וואָס די רעליגיעזע יידן האָבן נישט קיין גייסטיקע היים, צעלויפן זיך די גוטע מענטשן סיי פון שטעטל, ווי פון די פעלדער אַהין וווּ זיי קענען געניסן פון דער געטלעכער רוחניות.

אויף אַ גערוימען שטיק פּלאַץ, כמעט אין דער שענסטער געגנט פונעם שטעטל, שטייט זיך פאַריתומט, איינזאַם און פאַרלאָזט, אַן אַרום-געצוימטע געביידע. די מויער, פון גוט-געברענטע ציגל, ביז גאָר פיין גע-בויטע, פון אַ צען מעטער ברייט אויף אַ דרייסיק מעטער טיף; אַ גרויסער מגן-דוויד אויסגעקריצט הויך אויפן סאַמע פראָנט וואָס גייט אויף דער גאַס אַרוים. די געוועזענע שיל שטייט אַ האַלבן קוואַרטאַל פון דעם גרויסן שפּאַציר-פּלאַץ, וואָס איז באַפּלאַנצט מיט ביימער און קאָלירפולע באַבלומטע פּלאַנצן וואָס פאַרשלעפערן מיט זייער גן-עדן אַראָמאַט און פּרעכטיקן קאָלאָריט.

שטייט זיך די געוועזענע שיל אַ פאַריתומטע און פאַרשוועכטע. זי טרויערט אויפן חילול השם, וואָס אַן אומווירדיקער נפש, אַ „פּראָגרעסי-ווער" פונעם שטעטל, אַ גרויסער גביר, אַ נאָך גרעסערער מנובל, האָט אָפּגעטון.

קוקנדיק אַזוי אַרויף צום פאַרשוועכטן הייליקן הויז מיטן מגן-דוויד אין פראָנט, וואָס איז דער פּאָליטישער און רעליגיעזער יידישער עמבלעם פון קדמונים אָן, האָט זיך מיר, דעם נאַציאָנאַלן יידישן ייד געדאַכט, אַז איך זע אונדזער מוטער רחל, ווי זי שוועבט אַרום דעם מגן-דוויד ווי אַ שוואַלבן-מאַמע אַרום איר נעסט, ווען אַ שוואַרבער האָט פאַרצוקט אירע שוואַלבעלעך-קינדער, ווי זי פאַרגיסט פּערל-טרערן. רחל פאַרשטעלט זיך מיט איר שניי-ווייסע, ציטערדיקע האַנט אירע שטראַלנדיקע אויגן, בכדי

נישט צו זען די זעק, מאָיס, קלייען און האָבער, פּעק אַלפֿאַלפֿאַ, שטרוי און אַנדערע פֿוראַזש פֿאַר קי, פֿערד און אַנדערע בהמות.

אין יענע מאָמענטן פֿון אומענדלעכן ווייטיק און יאוש, האָט זיך מיר אויך געדאַכט, אַז איך זע אויך דעם גרויסן נביא ישעיה מיט זיין שניי־ווייסער באָרד נעבן רחלען. ער טייטלט מיטן פֿינגער צו דער שטוב פֿון דעם אומווירדיקן „אחר" פֿונעם שטעטל, וועלכער האָט גורם געווען צו דער שוידערלעכער נבלה. און ישעיהו הנביא דונערט:

— שמעו שמים והאזיני ארץ, כי השם דבר, בנים גדלתי ורוממתי, והם פשעו בי!...

איך בין געווען אויסער זיך פֿון צער און פֿאַרדרוס. היתכן? ווי האָט עס אַ ייד, אַ רעליגיעזער, צי אַ פֿריידענקער, אַ פּראָגרעסיווער, צי אַן אַטעיסט, אַ מאַסאָן, צי קאָמוניסט, געוואַגט אָפּצוטון אַזאַ מין עקלהאַפֿטיקע פּראָפֿאַנאַציע קעגן אַלץ וואָס איז אונדז אַזוי הייליק און טייער? ווייל נאָר אַ חסר־דעה האָט געקענט אָפּטון אַזאַ מין דעניגראַנטישע קללה־נמרצת, וואָס קען נישט פֿאַרגעבן ווערן.

עס האָט זיך מיר אַבסאָלוט נישט געלאָזט גלויבן, אַז אַ ייד זאָל זיין קאַפּאַבל אָפּצוטון אַזאַ מין אַנטיסעמיטיש־נאַציסטיש שטיקל אַרבעט פֿון אַן אוקראַינישן בויאַן, צי פֿון אַ היטלעריסטישן הפקר־יונג.

איך בין אַוועקגעלאָפֿן צו איינעם און צווייטן ייד פֿון שטעטל און זיך נאָכגעפֿרעגט, צי די מעשה וואָס דער קריסט האָט מיר דערציילט איז אמת. האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז יאָ. איין ייד, אין די מיטעלע יאָרן, האָט זיך צעוויינט מיט זודיקע טרערן. און כליפּנדיק ווי אַ קליין קינד, צו מיר געזאָגט: „איך האָב זיך געבעטן ביי אים ווי ביי אַ גזלן, אַז די שוידערלעכע פּראָפֿאַנאַציע זאָל נישט געטון ווערן, ווען אַפֿילו בלויז צוליב די גוים. איך האָב ממש געריטשעט ווי אַ פֿאַרווונדעטער בוהיי, אַז די שיל זאָל נישט פֿאַרפֿרעמדט ווערן, ווען אַפֿילו בלויז איין־איינציקער ייד וועט נאָך זיין אין שטעטל, אָדער אין פֿעלד נעבן שטעטל".

גאָט וועט נאָך חלילה באַשטראָפֿן.

איא ווירי און די גיפטיקע בלומען

איא ווירי איז געבוירן געוואָרן אין אַ ווילדער געגנט, וואָס איז ערטערווייז געווען באַדעקט מיט אַ מאַנטל פון דערנער, פּאַקריווע און אַנדערע נאָדל־קזשאַקעס.

ווייט, העט ווייט, ביז דאָרט וווּ די זון ווערט געבוירן אַלע פּאַרטאָגן, איז געווען זאַמד און שטיינער. און צווישן די שטיינער — פלאַנצן־שטעכערס. דאָרט האָבן זיך געפּלאַדיעט שרצים אַלערליי, גיפטיקע ווי נישט־גיפטיקע. אָבער דאָך שעדלעכע. צווישן די דערנער־שפּיזן זענען גע־וואַקסן סמיקע־שוואָמען און צווישן די שוואָמען — בלומען־פלאַנצן, באַ־צירטע מיט פּרעכטיקע בוקעטן בלומען — אויך גיפטיקע.

איא ווירין דאַכט זיך, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין טאַטן, קיין מאַמען אויך נישט. ער איז געבוירן געוואָרן, ווייל ער איז געבוירן גע־וואָרן. אַ סברה, אַז אַזוי האָט דער אייביק־לעבעדיקער גאָט „אינטי״ (די זון) געוואָלט. אפשר פון אַ שטיין? אפשר פון אַ בושל, פון אַ טאַנטאַלאַ, צי גאָר פון אַ קאָנדאָר, וואָס פלעגן קומען צו פליען אַלע פרימאָרגן אויפ־צופּרעסן די שרצים צווישן די דערנער־קוסטן?

דערפאַר האָט איא ווירי זייער מורא געהאַט פאַר די בלומען־פלאַנצן באַצירטע מיט זייערע זעלטן־שיינע בלומען־קרוינען. ער האָט נישט גע־וואַגט צו דערנענטערן זיך צו זיי, צוליב אַ שרעקלעכן אומגליק וואָס איז געשען מיט זיינם אַ חבֿרל, אויך אַזאַ מין נע־ונדניק ווי ער. אַקאַטאַפּאַ האָט ער געהייסן. ער האָט אָנגערירט אַזאַ מין פּרעכטיקע דאָרן־בלום, וואָס האָט אים אַ שטאָך געטון און ער איז געשטאָרבן פון יסורים, דער אָרעמינקער.

ווען איא ווירי איז אונטערגעוואַקסן איז ער אַוועק פון דעם דערנער־דיקן מדבר. ער האָט זיך געלאָזט אויף „אינטיס״ באַראָט. האָט ער דער־זען אונטערוועגס אַ זעלטן־שיינע צעבלומטע פלאַנץ, נאָר אַ געפערלעכע, צוליב איר אייגענער גיפטיקייט און אויך צוליב אַ זייער סמיקע שפּין וואָס איז געלעגן צווישן די צאַרטע, ראָזע בלעטעלעך אינעם בעכער פון

דער פּרעכטיקער בלום. אָבער איִאַ ווירי האָט נישט געוווּסט וועגן דער שפּינען־נעסט און אויך נישט וועגן דער גיפטיקייט פון דער שײנער פלאַנץ גופא צו יענער צײַט. אַז דאָס איז געווען די ביז־גאָר שרעקלעכע קוראַרע־פּלאַנץ, איז איִאַ ווירי שפּעטער געוואָר געוואָרן.

איִא ווירי, פּונקט ווי אַלע שטיפערישע קינדער פון זײַן ווילדן שטאַם, פאַרוואַרלאָזטן צושטאַנד און עלטער, האָט פול מיט נישט גע־צוימטער עמאָציע באַוווּנדערט אַלע בלומען־פּלאַנצן און זיי ממש פאַר־געטערט. זייער צוויט, זייערע בליטן, זייערע פּרעכטיקע בוקעטן־קוויטן און קנאָספּן, הגם ער האָט צו יענער צײַט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אָנגערירט און אויך נאָך נישט געהאַט געפילט זייער ספּעציפישן פּערפום. ער האָט זיך דערנענטערט צו אַן אַזאַלעאַ־בלום און צו אַנדערע גוואַלדיק־גיפטיקע בלומען־פּלאַנצן מיט נאַר־וואָס צעעפנטע בלומען־בעכערס, מיטן פּינקל פון טוי פונעם פרישינקן קאַיאַר־ווינטעלע, אין אַ טיפן טאָל, צווישן אַ שלל דערנער און אַנדערע שפּיזל־פּלאַנצן. נישט פיל געטראַכט, האָט איִאַ ווירי אָפּגענויגט פונעם אויסגעטראָטענעם שטעגעלע, צו דער שרעקלעך־גיפטיקער אַזאַליאַ, כאָטש ער האָט געדענקט דעם טראַגישן סוף פון זײַן אומפאַרזיכטיקן חבר...

דער סאַטאַנישער גן־עדן־דופט און רייץ פון דער זעלטענער בלום האָט אים פאַרשכורט, ווייל ער האָט ביז צו יענער צײַט נאָך נישט גע־וווּסט וואָס אַזעלכעס איז בלום און פּלאַנץ...

ציטערנדיק אינגאַנצן פון עקסטאַז, האָט ער געצנדינעריש אַנידער־געקנײט. האָט אַראָפּגענויגן זײַן קאָפּ אין צייכן פון פאַרערונג, לויטן מנהג פון זײַן ווילדן שטאַם. ער האָט צוגערירט זײַן נאָז צו דער טויטנדיקער בלום, בכדי בעסער צו קענען פילן איר סם־המוותדיקן, אָבער דופּ־טיקן אַראָמאַט.

נאָר ווען איִאַ ווירי איז שוין געווען אײַנגעהילט אינעם ריח און טוי פון איר דופּטיקן אָטעם, האָט ער מיט זײַנע ציטערנדיקע פינגער פון אומשולדיקער התלהבות אָנגערירט אַ קנאָספּ פון דער פּלאַנץ און זיך איבערגעגעבן דעם אומבאַקאַנטן קלאַמער פון איר נאַרקאָטישער שיכרות, איז ער פּלוצים געביסן געוואָרן פון אַ גיפטיק פּלאַטערל, וואָס האָט גע־טשאַוועוועט אויף אים פון זײַן קאַראַלאַ אין דער אַזוי־פּרעכטיקער בלום...

באַלד זענען אויך די „צאַרט־אײדעלע" פּיסטיליאָס (שפּיזעלעך) פון דער אַזאַלעאַ־בלום אים אַרײַן אין די זייער פילבאַרע שפּיץ־פינגער און אין דער נאָז, פאַרגיפטנדיק אים דעם חוש (טאַקט) און דעם חוש הריח. עס

האָט איאָ ווירין שרעקלעך ווי געטון, ער האָט געמיינט, אַז ער שטאַרבט שוין.

איז איאָ ווירי פונעם שאָטנדיקן, זאַמדיקן טאָל אויך אַוועק. ער איז אָנגעקומען אויף אַ גרינער לאָנקע, ווו ער איז משוגע פון ווייטיק אומגעלאָפן איבער די צעגרינטע פעלדער, צעבליטע וועלדער און גערטנער, ריטשענדיק מיט ווילדע קולות פון די אויסטערלישע יסורים וואָס די פאַררעטערישע אַזאַלעאַ-בלום האָט אים פאַרשאַפט.

צום גליק האָט איאָ ווירי זיך אָנגעטראָפן אויף אַן ערלעכן באָטאַניקער, וועלכער האָט אים געגעבן אַ רפואה צו זיינע ליידן. דער זעלביקער באָטאַניקער האָט אים אויך געגעבן מעדיצינישע בלעטלעך און גרעזלעך אַזעלכע, אַ מיטל ער זאָל צוריק באַקומען דעם ריח- און אָנטאַפּ-געפיל.

צום סוף האָט דער גוטער באָטאַניקער, וואָס איז אַוודאי אויך געווען אַ קינד פונעם גאָט אינטי, געוואָרנט איאָ ווירין, אַז ער זאָל זיך קיינמאָל נישט זעצן אין שאָטן פון די נישט-באַקאַנטעביימער און פלאַנצן, מעגן זיי אַפילו זיין באַשאָטן מיט די שענסטע און אַראָמאַטישסטע בלומען און קוויטן, ווי באַלד זיי זענען נאָך נישט געאימפטע, נאָך נישט דעזינפעקטירטע, נאָך נישט באַקאַנטע פאַר די בלומענציכטער.

— אַנטלויף איאָ ווירי פון די סמיקע ביימער, גיפטיקע פלאַנצן און שוואָמען, וואָס זייערע שטאַמען קומען אַרויס פון פאַרפּעסטע וואָרצלען. זייער זאַפט און דופט זייען קרענק און טויט — האָט דעם באָטאַניקערס שטים געשאַלט צו אַלע קונדייסים פון די ווילדע מקומות.

און בכדי צו טרייסטן און היילן מער דעם ווילדן, נאַר פילעוודיקן איאָ ווירי, האָט דער קלוגער און האַרציקער באָטאַניקער אים געוויזן אַ גאָרטן פול מיט געאימפטע און פיין-קולטיווירטע פלאַנצן און ביימער, באַדעקטע מיט די אַראָמאַטישסטע און רייכפאַרביקע בלומען-בוקעטן, וואָס פון זיי טעג ער זיך אויסקלייבן אַ וועלכע ער וויל נאָר אַליין, לויט זיין באַגער, צו איבערפלאַנצן ביי זיך.

— זעעסט — האָט געזאָגט דער באָטאַניקער — אַלע פלאַנצן און ביימער פון דעם גאָרטן זענען אויסדערוויילטע, קולטיווירטע, ריינע פון ווערעם, אינזעקטן און מיקראָבן. דערפאַר זענען זיי אַזוי ווי דער עץ-הדעת און עץ-החיים צוזאַמען. אַלע ביימער און בלומען-פלאַנצן, שוואָמען און די גרעזעלעך פון דעם גאָרטן, זענען דערצויגענע אונטער דער אויפזיכט פון פעיקע באָטאַניקער, פון דער סאַמע טיף פון זייערע וואָרצלען, ביזן העכסטן שפּיץ פון זייערע צווייגן...

אין אַ שטעטעלע נעבן דער אָזיערע „מאַר טשיקיטאַ"

דער וועג איז געווען: אַט אַ קלעפּיק־בלאָטיקער און אַט אַ טיף־זומפּיקער, שיטערער. און מיין „אַנטיסעמיטל", מיין פאָרד־אויטאָ ווייל איך זאָגן, האָט געקרעכצט פון דער עבודת־פּרך, צו שלעפּן זיך איבער די צע־קאַליעטשעטע, שלאַמיק־זומפּיקע וועגן, וואָס ארום דעם אַזוי באַרימטן „קליין ימעלע", ווי די אָזיערע ווערט גערופן אין שפּאַניש: „מאַר טשיקיטאַ".

מיר האָט אָבער זייער ווייניק געקימערט מיין „אַנטיסעמיטלס" וואָרפן פאַרע דורך זיינע נאָזלעכער און שטיקנדיקע גאַזן דורך זיין הינ־טערשטן קאַנאַל; ווייל איך האָב געוווּסט, אַז ער איז געזונט און אַז ער האָט געהאַט כוח פאַר פערציק פערד. איך פלעג אים געבן צו פרעסן און זויפן פון דאָס בעסטע און נאַרהאַפטיקסטע: דאָס בעסטע פעטס, דאָס בעסטע בוימל און גוטע, ריינע רעגן־וואַסער. דערפאַר טאַקע האָב איך אויף אים קיין שום רחמנות נישט געהאַט. איך האָב ווי אַ דיקטאַטער, אים געהייסן לויפן און אַפילו געשריגן אויף אים...

ווערדליק מיר ווייסן, איז דער פאָרד־אויטאָ, גראַד נישט קיין אַנטי־סעמיט; אַז ער קען אויך דאַנקבאַר זיין פאַר דער גוטער שפּייז, וואַסער, מאַטאָר־געטראַנק און ציכטיקייט מיט וואָס איך האָב אים באַזאָרגט. און דערפאַר איז ער ביי מיין מינדעסטן פּיפּס צו אים, געלאָפן משוגענער־ווייז; ער איז געלאָפן אַפילו איבער די ערגסטע וועגן. און דאָרט, ווו די טייערסטע אויטאָמאָבילן זענען געבליבן הינטערשטעליק, איינגעזונקען ביז איבער די אַקסן, איז מיין פאָרדל, מיט אַ זייער קליינער אָנשטרענ־גונג, אַלץ אַריבערגעלאָפן, אַרויסלאָזנדיק נאָך זיך גאַנצע וואָלקנס שטי־קענדיקן גאַז צו די איבערגעבליבענע, מיליאָנערסקע אויטאָמאָבילן.

געווען איז דאָס אין אַ רעגנדיקער צייט. און זייענדיק מיד פון אַרומ־שלעפּן זיך איבער די בלאָטיקע וועגן און שליאַכן, בין איך פאַרפאָרן צו איינעם פון די שטעטלעך, וואָס אַרום „מאַר טשיקיטאַ".

יענער טאָג איז געווען אַ טונקל־גרויער; פון ערגעץ פון דער הויך,

האָט געשפּריצט אַ דריבנע רעגנדל, וואָס פלעגט אַלע רגע אויפהערן און אין די הפסקות פלעגט זיך, פון צווישן די געדיכטע און שנעל־שוועבנדיקע וואָלקנס, באַווייזן די פאַרחלושטע זון, וואָס איז געווען בלאַס־קאַלט און ראָזע־קאַלעמוטנע, און פלעגט אַלע רגע זיך באַהאַלטן צווישן די חוצפּה־דיקערע וואָלקנס.

מיין פאַרד־אַנטיסעמיטל האָט מיט רעש מיך פאַרפירט ביז צו דער טיר פון אַ האָטעל, פונקט ווען דער בראָנזענער געקלאַנג פונעם שטאָט־זייגער האָט איבערגעציילט עלף מאָל: טין־טאָן, טין־טאָן.

איך האָב גלייך פאַרקירעוועט מיין פאַרדל צום וואָקזאַל, אָפּצוּוואַרטן דעם אָנקומענדיקן באַן פון בוענאָס איירעס.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט: ס'האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ פּאָר פונ־דיקעס. די באַן האָט זיך פאַרשפּעטיקט און איז נאָך צומאָל נישט געהאַט אַרויסגעגאַנגען פון דער פריערדיקער סטאַנציע, אַזוי אַז איך האָב גע־וואָלט זיך צוריק אומקערן אין האָטעל אַריין. נאָר, בעתן נאָכקוקן צוויי פּראַכטפולע באַסקאַ־שפּאַנישע מיידלעך, מיט בלאָטע פאַרשפּריצטע רעגנ־מאַנטלען, האָב איך דערזען אַ גרייז־גרויען ייד שטיין מיט אַ קויש פּרוכטן. ער איז געשטאַנען מיט זיינע פּרוכטן נעבן אַ שיטער־בלאָטיקע סטעזשקע, צווישן צוויי אָפּגעטשעפּעטע וואַגאַנען. די סטעזשקע פירט אַריבערצוגיין די רעלסן, אין שטעטל אַריין.

דער יידישער פּרוכטן־פאַרקויפער וואָס האָט אויך אָפּגעוואַרט דעם פּאַסאַזשיר־צוג, האָט זשעדנע געקוקט יעדן דורכגייער אין די אויגן אַריין, ווי צו טרעפן: אפשר וועט ער, אָדער זי, קויפן אַ באַנאַנע, אַן עפּל, מאַנדאַרינקעלע, מאַראַנץ אָדער אַ באַרנע?

איז ער זיך אַזוי געשטאַנען דער גרייז־גרויער ייד מיט זיין שפּיציק־קודלעוואַטע בערדל און געדיכטע, כמעט ווייסע וואָנצעס, וועלכע זענען אים אַראָפּגעהאָנגען פון דער אויבערשטער איבער דער אונטערשטער ליפּ און האָבן זיך אויסגעמישט מיטן שפּיציקן קאָזע־בערדל וואָס אויף זיין ברייטער גאָמבע, אַזוי אַז עס האָט זיך ביי אים פאַרמירט איין שטיק באָרד, פון וועלכער סע האָט זיך נישט אַרויסגעזען קיין ליפּ, קיין מויל.

דער הויכער און מאָגערער אַלטיטשקער האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון די פיס ביזן שפּיץ קאָפּ און פונעם קאָפּ ביז מיינע שפּיץ שיך. ער האָט געטון אַ הייזעריקן רוף אויף שפּאַניש מיט אַן עכטן יידישן אַקצענט און שלעכטער אויסשפּראַך:

— ב־אַ־נאַ־נעס, נאַ־אַראַנכעס, מאַ־אַנדערינעס, אי מאַ־אַנסאַנעס אַפּרעסקאַס...

איך האָב עטלעכע מאָל באַטראַכט דעם הויכן און פֿײַן־געבויטן שלאַנקן ייִד מיט דער שוין אַביסל אײַנגעבויגענער פּלייצע און בין צוגעגאַנגען.

— אַי, סעניאָר — האָט ער אָנגעהויבן רעדן צו מיר אויף שפּאַניש — איר זענט אַוודאי אַ רייזנדיקער. וואָס דען? פֿון אַ גרויסער פֿירמע? צי אפֿשר גאָר אַ קאָנטראָלער, געשיקט פֿון לאָנדאָן, בכדי צו זען ווי אַזוי די באַן־אָנגעשטעלטע פֿירן די געשעפֿטן? האָ? נישט אמת?..

נו, און אַז שוין יאָ אַזוי, טאָ זאָל טאַקע דער גרויסער הער עפּעס קויפֿן: גוטע פּרוכטן, זאָל איך שוין טאַקע אַזוי „די גראַנדע" (הויפּט־טרעפֿער אין דער לאָטעריע) אַרויסשלעפּן! און זאָל איך, איר הערט, זײַן אַזוי אַ טאַטע צו מײַנע קינדער! איר האָט געהערט? כ'זאָל אַזוי זײַן אַ טאַטע צו מײַנע קינדער.

גוטע פּרוכטן, שיינע פּרוכטן, געשמאַקע און זאַפֿטיקע פּרוכטן, וואָס פֿאַרשמעקן אַלץ אַרום. זאָל איך אַזוי האָבן אַ גוט יאָר! איר הערט? גוטע פּרוכטן, שיינע פּרוכטן, שמעקעדיקע פּרוכטן!

— איך בין אַ ייִד און איר מעגט רעדן צו מיר ייִדיש — האָב איך איבערגעשלאָגן דעם עלטערן ייִדס שפּאַניש רעדן.

— און איך, ווי איך בין אַ ייִד, האָב געמיינט איר זענט אַן ענגלענדער — האָט דער ייִד געענטפֿערט מיט אַ זיפֿץ, טרויעריק. ער האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם גרויען און דאַרן קאָפּ. ער האָט געקוקט צום לעכערדיקן קויש פּרוכטן, וואָס ער האָט מיט מינוטן פֿריער, פֿול מיט האָפֿענונג אויסגעגלייכט, בעת ער האָט אָנגעהויבן צו מיר רעדן. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די שפּיץ־פֿינגער פֿון די פֿיס צום קויש און באַקוקט יעדע פּרוכט באַזונדער. עס האָט אויסגעזען ווי זײַן הויכע און טרוקענע מאָגערקייט, האָט זיך אײַנגעדרייט. זײַנע געדיכטע און לאַנגע ברעמען האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן. פֿון זײַנע אויגן האָבן זיך נאָר אַרויסגעזען די בלויע לעפּלעך מיט די פֿונאַנדערגעוועבטע רויטע אָדערלעך. אויפֿהייבנדיק זיך, האָט ער דורך זײַנע לאַנגע און געדיכטע וואָנסעס, קוים צו דערהערן, ווי צו זיך אַליין אַ סעפּטשע געטון:

— אוי רבונו של עולם! ביטער, שלעכט. ווי איך בין אַ ייִד, נאָך הײַנט נישט פֿאַרדינט אויף אַ קילאָ ברויט. פֿאַרשאָלטענע אַמעריקע מיט אירע פֿאַרשאָלטענע פּרנסות!...

דער פּרוכטהענדלער האָט אַרויסגעצויגן פֿון בוזים־קעשענע אַ געלן נאָזטיכל, האָט הילכיק אַרײַנגעשנייצט און קוקנדיק אין די הימלישע

אומענדלעכקייטן אריין, האָט ער אָנגעפאַנגען רעדן מיט אַ נאָסטאַלגי־שער שטימע:

— אינדערהיים, אין כערסאָנער גובערניע, ווען דער נארישער ניקאָלייקע איז געווען צאַר פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע, בין איך אַ פאַרמער און שמיד געווען. צוויי און פערציק דיעסאַטין אייגענע ערד באַארבעט, ווילדע פערד געקאָוועט, דעם פראָך ביי בהמות אַראָפּגענומען, פלוגן (אַקער־אייזנס) און שטאָלענע באַראָנעס געמאַכט, מעסערס, זעגן און העק געשטאָלט. אַ זאַטע שטוב ביי מיר געווען. פון ברויט, פלייש און פּוטער אין מיין שטוב פול געווען. און היינט, ווי איר זעט מיך, בין אַ פּרוכטן־פאַרקויפער געוואָרן. און איך האָב אויף קיין טרוקן שטיקל ברויט אויך נישט. איך דערנער זיך כמעט נאָר מיט די אונטער־געפוילטע פּרוכטן, וואָס איך קען נישט פאַרקויפן. אויב נישט, וואָלט מיר אויסגעקומען צו פגרן ווי אַ היימלאָזער הונט אויף דער גאַס. פאַר הונגער און נויט... אויף קיין אַרבעט וויל מיך קיינער נישט צונעמען, הגם איך פיל מיך נאָך איצטער אַפילו, אַ סך שטאַרקער און קרעפטיקער פון אַ היגן שוואַמיקן יונגען. אָבער די גרויע האָר פאַראַטן מיך. אומעטום גיט מען מיר דעם זעלביקן ענטפער:

— זיידעשי (אַבועליטאָ), איר זענט שוין צו אַלט!...

-- און דאָ, אין דעם זאַטן און רייכן אַמעריקע, האָט איר קיינעם נישט? אייער ווייב און קינדער? — האָב איך געפרעגט.

— אָך, אָך! — האָט דער ייד ביטער געקרעכצט, ווי איך וואָלט אים די פילעוודיקסטע סטרונע פון זיין הארץ אָנגערירט — איר וואָלט בעסער אַ שפּיז מיט קוראַרע גיפט מיר אין האַרץ אריינגעשטאָכן, איידער מיר געפרעגט אָט דאָס לעצטע.

מיין פרידע איז געווען אַן אמתדיקע אשת־חיל. זי איז געשטאָרבן ווי אַ הייליקע, יידישע העלדין, בעת זי איז געווען צו גאַסט ביי איר שוועסטער, מיין שיינע שווענערין, אין פּראָסקוראָוו. גראַד דעמאָלט ווען עס איז פאָרגעקומען יענער שרעקלעכער, בלוטיקער פּאָגראָם; מיין ווייב פרידע ע״ה און זכרונה לברכה איז דאָרט געווען מיט מיין יונגסטער טאָכטער חנהלע, פופצן יאָר אַלט. און ווען עס זענען אריינגעקומען כולי־גאַנעס־פּאָגראָמטשיקעס און זיי האָבן גענומען רייסן די קליידער פון מיין חנהלע, האָט מיין פרידע, חנהלעס מאַמע, אַרויסגעכאַפּט די שווערד ביים באַנדיט לאַשאַדטשוק, אַ פּאָד־פּולקאָווניק, וועלכער האָט שוין גע־האַלטן אין מאַטערן מיין קינד. און פרידאַ האָט דערשטאָכן צום טויט זעקס שטיק, און נאָך מער פאַרווונדעט. און צום סוף, שוין אַ געפערלעך

פאַרוואונדעטע, האָט זי אויסגעגאָסן אַן עמער קעראָסין אויף זיך אַליין און זיך אונטערגעצונדן, זי איז פאַרברענט געוואָרן מיטן צעקאַליעטשעטן קינד צוזאַמען מיט אַלע פּאָגראָמטשיקעס־באַנדיטן וואָס זענען געווען אינעווייניק.

אָט אַזאַ איז געווען מײַן פרידאַ ע"ה! און ווען דער חלף איז מיר שוין געלעגן אויפן האַלדז, האָב איך בלית־ברירה אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר אַ שיבוש און בין אַוועק מיטן ביסל געלט אַהער קיין אַרגענטינע צו מײַנע קינדער...

דער פאַרעלטערטער ייד האָט אין מיטן דערינען אויפגעהערט צו רעדן. זײַן הויכע פיגור האָט מלכותדיק זיך אויסגעגלייכט. ער האָט אַ קרייץ געטון מיט זײַנע נאָך פעסטע ציין און צוגעגעבן:

— מירן זיך זעען, אַ־באַלד. איר דענקט צו פאַרווײַלן נאָך עטלעכע טעג אין שטעטל? קומט־זשע אַביסל אַרײַן צום וווּלקאַניזירער, צום שניי־דער, סטאָליאַר און שוסטער, וואָס וווינען אינעווייניק און אפשר גאָר צום „אַלמאַסענעראָ" (בעל־הבית פון שפּייז־געוועלב) אויך?

דאָס שטעטל איז אַ קליינס, אָבער דער געגנט איז דאָרט אַ גרוי־סער. פון פאַרטאָג זענען די ברייטע גאַסן שוין פול מיט וועגענער, סולקיס, טילבורים און אויטאָמאָבילן פון די אַרומיקע רײַכע דײַטשע, איטאַליע־נישע און האָלענדישע קאָלאָניסטן. געווען איז דאָס פאַר די וואַלן, ווען די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן געקעמפט אויף לעבן און טויט.

נאָך מיטיק בין איך אַרײַן צום יידישן וווּלקאַניזירער, ער זאָל מיר פאַרריכטן צוויי גומים פון מײַן פערד־אויטאָמאָביל.

— פון וואַנען קומט אַ ייד אַזש אַהער? — איז געווען דער ערשטער „ענטפער" אויף מײַן פראַגע, ווײַל ער פאַרלאַנגט פאַרן פאַרריכטן די צוויי גומים.

שמועסנדיק אַזוי ביי אַ גלאָז טיי מיט צובייסן וואָס די באַלעבאָסטע האָט דערלאַנגט צום טיש פאַר מיר מיטן באַלעבאָס, האָב איך געפרעגט ווי אַזוי ביי וועמען איך וואָלט געקאָנט באַקומען אַ יידישע צייטונג און זשורנאַל צו לייענען?

— יאָ, ביים שנײַדער, וואָס וווינט אַ־דאָרט אויף דער צווייטער גאַס — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער — דאָס איז דער איינציקער ייד וואָס צו אים קומט אָן אַ בלאַט פון בוענאָס־איירעס. בעת איך האָב גע־וווינט אין בוענאָס־איירעס, האָב איך יאָ געפלעגט אַמאָל לייענען די יידישע בלעטער וואָס פלעגן אָנקומען צום שוחט. ער האָט געוווינט אין איין הויז מיט מיר. ער, דער שוחט, איז געווען דער „ענקאַרגאַדאָ" (הויז־

אויפזועער). נו, בין איך פארוואָרפן געוואָרן אהער. איר זענט אפשר אַ בחור, וועל איך אייך שדכנען אַ שיין מיידל און מיט געלט...

— כאַ, כאַ, כאַ! וואָס פאַר אַ שאלה? — האָט זיין ווייב זיך אָפּגע־רופן אויף רוסיש. אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק, מיט רויטע, אויסגעקנע־טענע באַקן — דער „פּראָטעראַ" (פּרוכטנהענדלער) האָט דאָך אויך אַזוי געזאָגט, אַז אים דאַכט זיך, אַז זיי זענען אַ בחור; און מען זעט דאָך, אַז זיי זענען אָן אַ ווייב... דען, ווען זיי זאָלן האָבן אַ ווייב, וואָלטן זיי דאָך זי נישט איבערגעלאָזט אַליין אינדערהיים, אַז אַנדערע זאָלן מיט איר פאַרברענגען... כאַ, כאַ, כאַ! דו נאַר איינער וואָס דו ביסט!...

— און וועלכע באַרישניאַ (פרייַלין) דענקסטו, איגנאַסיאַ, — האָט געפרעגט איר מאַן, אַלץ אויף רוסיש — זייער אייניקל פאַנקראַסיאַ — ער האָט אָנגעוויזן אויפן פרוכטהענדלער וואָס איז נאַר־וואָס אריינגעקו־מען — צי גאָר פאַקיטאַ, דעם „קריאָזשאָס"?

איגנאַסיאַ האָט אַ מיליטערישן שפּאַן געטון פאָרויס, מיטן פּיצל קינד אויף די הענט. זי האָט אַ דורכדרינגלעכן בליק געטון אויפן פרוכט־הענדלער און אויסדרייענדיק זיך האַסטיק צו איר מאַן, האָט זי מיט אַ באַפעלערישער דיפּלאָמאַטיע אים געענטפערט:

— וואָס הייסט, וועלכע איך מיין? איך מיין, די, וועלכע זיי וועלן זיך אויסקלויבן; זיי זענען דאָך שוין ברוך השם נישט קיין יינגעלע. דאָך, דאַכט זיך מיר, אַז פאַקיטאַ וועט זיי בעסער געפעלן, ווייל דאָס איז דאָך עפּעס אַ שטיק מויד. שיין ווי די וועלט און לוסטיק, פריילעך ווי אַן אמת־דיקע גאַוטשאַ. און געלט וועט דער „קריאָזשאָ" געבן — אַ פאַרמעגן!...

דאָניאַ איגנאַסיאַ האָט פאַרענדיקט די ווערטער, קוקנדיק שטיפע־ריש צו מיר, אויף צו טרעפן דעם איינדרוק וואָס אירע רייד האָבן גע־מאַכט אויף מיר. בעת מעשה האָט זי געטראַכט און געחשבונט: נו, אויב די פאַקיטאַ זאָל נאַר געפעלן ווערן, וואָלט זי, איגנאַסיאַ, שוין אויך געהאַט אַ שיינע אַפּותיקא שדכנות־געלט...

— און וואָס פעלט דען פאַנקראַציאַן? איז דען פאַנקראַציאַ נישט שענער, פיינער, געלערנטער און יידישער פון פאַקיטאַן דעם „קריאָ־זשאָס"? — האָט זיך פּלוצים אָנגערופן דער פרוכטהענדלער מיט אַ באַ־לייַדיקטן שטאָלץ.

— זעט נאַר זעט, ווי זיי נעמען זיך עם אָן פאַר זייער עטישער „וונוטשקעלע" — האָט איגנאַסיאַ געקוויטשעט מיט שוים אויף די ליפּן — ווי לאַנג איז עס דען אין גאַנצן, ווי דאָס גוטע, פיינע און געלערנטע אייניקל אייערס האָט אייך צעפּאַטשט און אַרויסגעוואָרפן. און אייער

געבילדעטער זון האָט זיך צוגעקוקט, געלאַכט און געשריגן צו דער טאָכטער אויף רוסיש און שפּאַניש: „בעי זשידאַ"!.. „דעלע אונאַ פּאַטאַדאַ אַל טשיוואָ אי עטשעלאָ אַ לאַ קאַזשע"!... (שלאָג דעם ייִד, דערלאַנג אים אַ בריקע, דעם צאָפּ און וואַרף אים אַרויס אויף דער גאַס!).

— איי, איגנאַסיאַ, וואָס שרייסטו עס אַזוי? שיט נישט קיין זאַלץ אויף די ווונדן פון דעם אָרעמען אַלטן חיים! — האָט איר מאַן, דוויד, צו איר געזאָגט אויף רוסיש.

איך האָב בשעת מעשה זיך איינגעקוקט אין דעם פּנים פון דעם אויסגעמאַטערטן און ליידנדיקן, פאַרעלטערטן חיים, ווי ער איז געשטאַנען מיט זיין גאַנצער הויכקייט נעבן דווידן, ביי דער אָנגעגליטער מאַשין; זיינע נאָזלעכער — ברייט צעעפנטע. די אונטערשטע ליפּ האָט זיך שטום, אָבער שנעל באַוויגן פון אינערלעכער אויפרעגונג. און נאָך אַ ווײַלע ביסטרע קוקן אויף איגנאַסיאַן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— ר' דוויד, לאָזט אייער איגנאַסיאַן רעדן וואָס זי וויל. און אַ חוץ אַלעמען, האָט זי דאָך אַ שטיקעלע האַס אויף מיין אייניקל, ווייל פּאַנקראַציאַ האָט נישט צוגעגרייט אייער מיידעלע זי זאָל אַדורך דעם גראַד. איך בין אָבער איר זיידע און ווי אַ זיידע, טראָג איך קיין שום האַס נישט אויף איר. און אויב מיין אייניקל פּאַנקראַציאַ איז זיך באַגאַנגען שלעכט קעגן מיר, איז זי לגמרי גאָרנישט שולדיק, נאָר אירע עלטערן, איבערהויפּט איר מוטער, וואָס האָט דערוואַרט פון מיר, איך זאָל איר ברענגען פון רוסלאַנד דעם צאַרס און דער צאַרינאַס בריליאַנטן. נאָר אַז איך האָב פון מיין שווערער פּראַצע אויך כמעט גאָרנישט געבראַכט, האָט זי אַרויסגעשטעלט איר מאַן און קינד, זיי זאָלן זיך אָפּרעכענען מיט מיר...

חיים איז שטיל געבליבן. זיינע ווערטער האָבן אפּנים אַפילו אויף דער צערייצטער איגנאַסיאַ אויך געווירקט. זי איז שטום אַריין אין צווייטן צימער.

דוויד, פון זיין זייט, האָט ווידער פאַרגעסן, אַז די אָנגעגליטע וואָלקאַניזיר־מאַשין, מיט צופיל דאַמף, האָט אַ ליאַדע מינוט געקענט אויפרייסן. ער איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט. די פּלייצע צו דער מאַשין און אויסגעהערט די פיינלעכע ווערטער פון חיים דעם פּרוכטהענדלער, וואָס האָט נאָך אַ קורצער פּאַוזע פאַרויכערט אַן איינגעוויקלטן גראָבן פּאַפּיראָס און איז אַרויס אָן אַ „זיי געזונט".

עס איז נאָך געווען אַ שטיק נאָך שקיעה. די נאַכט האָט זיך געוויזן צו זיין אַ פלאַטערדיקע, אַ ליכטיקע. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען ווי באַגאָסן מיט אַ העלן זילבערשיין פון דער לייכטנדיקער לבנה. די שוואַכע

עלעקטרישע לאָמפּן האָבן אויסגעזען טונקל-געל. איך האָב מיט פאַרגע־ניגן געמאַכט אַ שפּאַציר איבערן שטעטל, באַגלייט מיטן סימפּאַטישן דוויד, גומי-פאַרריכטער, אין מיין אויטאָ.

— אַט אַ דאָ וווינט דער קריאָזשאַ, אָדער גאָוטשאָ, דער יידישער „אַלמאַסענעראָ״ (שפּייז-קרעמער), וועלכער האָט די שיינע טאָכטער פּאַקיטאַ, וואָס מיין איגנאַסיאָ שדכנט אייך — האָט דוויד צו מיר גע־זאָגט, בעת מיר זענען אָנגעקומען אַקעגן אַ שפּייז-קראָם און קרעטשמע, פון וואַנען עס האָבן זיך געהערט משונהדיקע קולות, מיט אַ ריח פון אַלקאָהאָל, וויין און ביר־אויסברעכעכץ.

דוויד, דער וווּלקאַניזירער, האָט געוואָלט איך זאָל אָפּשטעלן דעם אויטאָ און אַריינגיין צום יידישן גאָוטש, כדי איך זאָל כאָטש אַ בליק טון אויף פּאַקיטאַן. איך בין אָבער פּאַמעלעך פאַרבייגעפאָרן, קעגן ווילן פון מיין אימפּראָוויזירטן שדכן, און איך האָב בעשלאָסן ביי אַ צווייטער גע־לעגנהייט אַליין אַריינצוגיין און זען מיין כלה.

איך בין פאַרפאָרן צום שניידער און שוסטער...

אַ האַלבן קוואַרטאַל נאָך פון דאָרט, האָב איך שוין געהערט דאָס געזאַנג פון ביידע, פון שוסטער און שניידער. אַ באַס-שטימע פון אַן אַלטן און אַן אַלט-שטימע, ווי פון אַ צען-יעריק ייִנגעלע:

און דו אַקערסט און דו זייסט
און דו פּיטערסט און דו שניידסט
און דו האַמערסט און דו שפּינסט
זאָג מיין פאָלק וואָס דו פאַרדינסט?
גלין-גלאָן, גלין-גלאָן! קלאַפּט דער האַמער זיין געזאַנג אַאַז״וו.

איך האָב אָפּגעשטעלט מיין „פאָרדל״ פאַר דער טיר. איך האָב נישט געוואָלט זיי איבעררייסן דאָס האַרמאָנישע געזאַנג. איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַ ווײַלע באַטראַכט די וווינונג און „פאַבריק״ פון שניידער און שוסטער.

אין אַ קליינעם לאָקאַל, מיט אַ טיר און שויפענצטער אויף דער גאַס אַרויס, זענען געווען צוויי „פאַבריקן״. דאָס מעבל און וואַרשטאַט: אַ ווייס טישל פון עוקאַליפּטן-האָלץ, עטלעכע גרעסערע קאַסטנס, אַ קליי־דער-שראַנק, פיר דריי-פיסיקע בענקלעך פון ווייסער ווערבע-האָלץ און איינס, אַ נידעריקס, אַ ברייט פּירקאַנטיקס, שוסטער-בענקל, מיט לעדער באַדעקט. און צוויי „קאַטרעס״ (שער-בעטלעך) פאַר די צוויי האַרעפּאַש־ניקעס: איינער, דער עלטערער, האָט פאַרמאָגט אַ קייזערלעכן הויקער

אויף דער פּלייצע און אַ קלענערן הויקער פון אַ פרינץ אויף דער ברוסט — אַ שניידער. דער צווייטער, נאָך גאַר אַ יונגער מענטש, אַ שוסטער.

איך האָב זייער שטיל געעפנט די טיר. דוויד איז אַריין דער ערשטער און איך נאָך אים. אינעם מאָמענט ווען זיי ביידע, ווי פּיצלעך קינדער, האָבן גליקלעכע, זיך געפּאַטשט בראַוואָ.

— דאָ שטעל איך אייך פאָר אַ יידישן „וויאַכאַנטע״ (רייזנדיקער), וואָס האָט געבעטן, כ׳זאָל אים אַוועקפירן צו אַ ייד, וואָס האָט אַ יידיש בלאַט. נו, האָב איך אים געפירט צו אייך, מחמת בלויז צו אייך ביידע קומט דאָך אָן אַ יידיש בלאַט — האָט דוויד דער וואָלקאַניזירער אין איין אָטעם דאָס געזאָגט, ווי ער וואָלט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע משא.

— סעניאָר דוויד, איר האָט אַ טעות — האָט דער שניידער זיך אָנגערופן מיט אַ שטימעלע פון אַ ייִנגעלע — נישט נאָר צו אונדז, נאָר צו אַנדערע יידן פון דאַנען קומען אויך אָן יידישע צייטונגען און זשורנאַלן. נאָר איר ווייסט נישט, ווייל אייך אינטערעסירט נישט דאָס יידישע לשון, יידישע קולטור און ליטעראַטור. ווייל איר זענט אי ציוניסטיש, אי אַסימילאַטאָריש געשטימט. פּאַנאַטיש־פרום, און קוויקט זיך מיט בשר־קוויטש... צו אונדז קומט איר גאַנץ אָפט אַריין. און כאָטש איר האָט אונדז שוין פיל מאָל געטראָפן לייענען „די אידישע צייטונג״, „די פרעסע״ און אַנדערע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, נישט נאָר פון בוענאָס־איירעס, נאָר אַפילו פון נאָרד־אַמעריקע, אַפילו ביכער וואָס מיר האָבן אין אונדזער שראַנק; זענען מיר נישט די איינציקע, צו אַ סך יידן קומען אָן ביידע טעגלעכע יידישע בלעטער פון בוענאָס־איירעס און איר ווייסט נעבעך גאָרנישט?

בשעת דער שניידער האָט גערעדט, האָבן זיינע צעקנייטשטע און ווי פאַרמעט בלייכע באַקן, אָנגענומען אַ העל־ראָזעווען קאָליר. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין יענעם מאָמענט איז ער העכער און יונגער געוואָרן; און אַז זיין צעהויקערטע ברוסט און פּלייצע האָבן געהאַלטן ביי גלייך ווערן.

— אַזוי, אַזוי, פריינד דוויד. אַלע בלינדע מיינען, אַז קיינער זעט נישט און אַלע טויבע רעדן הויך, ווייל זיי דאַכט זיך אַז קיינער הערט נישט — האָט צוגעגעבן דער שוסטער. —ווילט נאָר אַזוי פיל לייענען וויפל יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער פון היגע יידישע שרייבער און אויסלענדישע איר וועט דאָ אין שטעטל באַקומען. יאָ, נאָר ביי אייך און ביים „גאַוטש״ ווייסט מען נישט פון קיין יידישן בוך, זשורנאַל אָדער

ציַיטונג, װײַל איר זענט אַסימילאַטאָרן און איר שעמט אײַך מיט אַ געדרוקט יידיש װאָרט, הגם דער קוגל ליגט אײַך אויף דער נאָז.

דוויד איז געשטאַנען שטום, מיטן גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט אַרײַנגעשטעקט צווישן די קנעפּלעך פונעם װעסטל, נעבן שנײַדער, און געקוקט מיט װײַטיק, װי ביים שוסטער האָט ממש געשטראַלט דאָס פּנים פון זעלבסט־באַוווסטזײַן.

— אַנטשולדיקט, אומבאַקאַנטער פרײַנד, וואָס מיר אַרבעטן נאָך אַזוי שפּעט — האָט זיך געווענדט צו מיר דער שוסטער — דאָס איז, װײַל מיר מוזן צושטעלן אויף מאָרגן אומבאַדינגט די צוויי פּאָר שיך, וואָס איך האַלט ביים פאַרענדיקן פאַרן קאַנדידאַט אויף דעפּוטאַט און זײַן ברודער, קאַנדידאַט פאַר מיניסטער. אויך מײַן חבר מוז אָפּגעבן מאָרגן אַכט אַ זייגער אינדערפרי די „טראַכע" (אַנצוג) וואָס ער האַלט איצטער אין פּרעסן. מיט דעם קלאַס פּאָליטיקער מוז מען זיך באַגיין זייער פּאַרזיכטיק. ווען נישט, וואָלטן מיר איצטער בעסער געזעסן און גערלייענט עפּעס, צי גאָר געשפּילט אַ שאַך.

— אדרבה, אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס און די קעשענע פול — האָט דוויד געלאַכט שפּאַסיק — אַז איר וועט נישט האָבן קיין געלט, וועט איר קיינמאָל נישט באַקומען קיין באַלעבאַטיש מיידל פאַר אַ כלה. איר ווייסט דאָך שוין, אַז איך האָב פאַר אײַך אַ כלה און מיט געלט. אמת, איר מאַמע וויל, אַז דער חתן זאָל אויך האָבן, כאָטש אַזוי פיל ווי זי, די כלה פאַרמאָגט. און פאַרשטייט זיך, אַז געלט גייט צו געלט; און יעדער בחור דאַרף פאַרשטיין, אַז אָן קיין געלט קען מען קיין לײַטישע כלה נישט באַקומען.

דוויד האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט אַרויסגענומען דעם פינגער פון צווישן די קנעפּ פונעם וועסטל. ער האָט צופרידן זיך גענומען גלעטן זײַן גלאַט ראַזירטע גאָמבע. ער האָט צוגערוקט אַ שטול און זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש נעבן שנײַדער.

— איך בעט אײַך — האָט דער שוסטער, נישט אויפהערנדיק צו אַרבעטן, געענטפערט פעסט, מיט זײַן באַס־שטימע — איך האָב אײַך שוין אַ סך מאָל געבעטן, נישט צו רעדן מיט מיר וועגן אײַערע באַלעבאַטישע כלה־בתולות. זאָגט־זשע בעסער, אַז טאָמער וועל איך נישט זײַן קיין אייזל, וועל איך ווי אַן אַרבעטער, גאָר קיין געלט נישט האָבן. און במילא, וועל איך אָן געלט, נישט באַקומען קיין לײַטישע כלה פאַר אַ שותפטע צו מײַן בלוט און שווייס. און איר ווייסט דאָך, אַז איך האַלט,

אַז די בתולה וואָס האָט ליב דעם חתן און האָט חתונה צוליב געלט, איז אַ גייסטיקע פּראָסטיטוטקע, הגם זי איז פיזיש אַ בתולה.

דוויד האָט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן. זיינע בליקן האָבן זיך געווענדט צו מיר, ווי ער וואָלט מיך געפרעגט מיט וועמען איך בין מסכים: מיט זיינע, צי מיטן שוסטערס אַרגומענטן. ער האָט מיט דער לינקער האַנט זיך פאַרגלעט די געדיכטע און לאַנגע טשופּרינע. ער האָט האַסטיק זיך אויפגעהויבן און אַ שפּאַן געטון צום שוסטער, און גענומען רעדן מיסיאָנעריש טרויעריק:

— אַט־דאָס זאָגן קען בלויז אַ פּוילישער! נאָר איר און אַלע אייערע לאַנדסלייט זענען אַזוי. איר גלייבט נישט אין גאָט. אַ הונט גלייבט אויך נישט. אַז נישט אין גאָט, איז אין עפּעס אַנדערש. אין עפּעס מוז דאָך אַ מענטש גלייבן. די גויים, צום ביישפּיל, גלייבן אין יעזוסן. אָבער מיר יידן, גלייבן אין כביכול פון די הימלישע הויכקייטן. אין עפּעס מוז מען דאָך גלייבן!... איר זענט שוין אָבער אַזוי אַריין אין אייערע געמויזעכצן, אַז צומאָל פון אַ גוטער כלה ווילט איר אויך נישט הערן, פּונקט אַזוי ווי איר וואָלט גאָר קיין בחורים, קיין זכרים נישט געווען...

— שאַ, שאַ, דוויד, — האָט זיך אָנגערופן דער שניידער, טיילנדיק אונדז פּאַפּיראָסן — רעדט צו דער זאַך. מיין חבר הערשל, האָט דאָך גאָרנישט גערעדט פון אייער, איך וויל זאָגן, פון אונדזער יידישן גאָט, ווי אויך נישט פון קיין אַנדערע פעלקערס גאָט. אין אַלגעמיין וויל איך פון קיין גאָטהייט נישט רעדן מיט אייך און מיט קיינעם נישט. איר זענט שוין קיין עין־הרע רייף אין יאָרן, איר זאָלט עס קענען פאַרשטיין אַנ־דערש ווי ביז איצט. און איר זעט, פריינד דוויד, איך בין נישט קיין פּוילישער, נאָר גראָד אייערס אַ לאַנדסמאַן. איך בין פאַר קיין שום פּאַ־נאַטיקער שונא ישראל געדאַכט, שוין אַ זעכציקער. און איך שווער אייך, אַז איך וואָלט פונדעסטוועגן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אַ ביסעלע עולם הזה... און איך וואָלט זיך נאָך אונטערגענומען אַ שפּיל צו טון אין ליבע מיט אייערע בתולות, וועלכע זוכן חתנים מיט געלט.

דאָס זאָג איך אייך אַנטקעגן דעם, וואָס איר באַשולדיקט אונדז, אַז מיר זענען נישט קיין בחורים, קיין זכרים; און מיין חבר הערשל האָט דאָך אייך שוין עטלעכע מאָל געבעטן, אַז ער וויל נישט איר זאָלט אים דולן אַ קאָפּ מיט אייערע זיווגים, וועלכע יאָגן זיך נאָך אַ שוואַרצן און פאַרפוילטן בלענאָראַכיקער אָדער סיפיליטיקער מיט אַ טיטל און מיט געלט. און טאָמער נישט, טאָמער וויל נישט דער „ניניאַ־ביען” (רייך זונדל) די כודיאַ פאַר אַ ווייב נאָכדעם ווי ער האָט זי אויסגענוצט, איז

כאָטש אַ רייכער יידישער בחור אויך גוט. מעג דער רייכער זיין אַן אויסוווּרף.

דוויד איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל. ער האָט נישט געקענט ענטפערן מיט קיין וואָרט די פרייליכע, לעבנסלוסטיקע און באַוווסטזיניקע אַרבעטער. עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ. אין האַלדז איז אים טרוקן געוואָרן און די צונג איז אים געוואָרן ווי ער וואָלט זי אין עסיק געהאַלטן. ער האָט געררייכערט און געטיילט ציגאַרעטן. ער האָט זיך געדרייט די וואָנסעס און געגלעט זיין שעוועלורע. אָט האָט ער זיך געקראַצט אין קאָפּ און ווידער צורעכט געמאַכט די האָר. אָט איז ער געשטאַנען און אָט האָט ער זיך ווידער געזעצט. ער האָט געוואָלט ענטפערן ביידן עפּעס שניידנדיקס, שפּיזלדיקס, און האָט נישט געוווּסט וואָס.

ער האָט געמאַכט אַ מינע ווי איינער זאָגט: „עס לוינט זיך נישט צו שמועסן מיט די האַלאַדראַנצעס. עס איז נישט פאַראַן וועמען צו ענטפערן, איינער אַ שניידערוק און דער צווייטער — אַ שוסטעריונג". אָבער דאָך — האָט ער געטראַכט — אַ שאָד וואָס ער האָט נישט מיטגענומען איגנאַסיאַן, זיין ווייב. זי וואָלט שוין זייערע נאַרישע און אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן צעקלאַפּט מיט איר צינגעלע.

איגנאַסיאַ האָט עס שוין איינמאָל אַ מיילעכל! ווען זי נעמט זיך זידלען, ווערט זי אַמאַראַנטן-רויט ווי אַ בוראַק. און טאָמער העלפן נישט אירע היסטערישע געשרייען, וואַרפט זי זיך מיט אירע פּומאַ-נעגל און פויסטן אין יענעמס פּנים אַריין. און וויפל פּעטש, וויפל קולאַקעס ער, דוויד אַליין, האָט שוין פון זיין איגנאַסיאַן באַקומען? אוי, איז דאָס אַן איגנאַסיאַ, אַ געזונט אין אירע ביינדעלעך אַריין!...

אָט דעם זעלביקן שניידעריונגס אַ פּלימעניק, יאַסעלע ליטעראַטוטניק, פאַר מאַנען צופיל געלט פאַר אַ קינדער-אַנצוגל, האָט געקריגן פון איגנאַסיאַן אַ צעדראַפּעטע מאָרדע און עטלעכע קלינגענדיקע פּעטש. און ער, דער אומפאַרשעמטער שניידער-יונג, האָט פון איר אַראָפּגעריסן דעם איינציקן טאַמינענעם שלאָפּראָק, אַן שום אונטערוועש וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך אין יענע חמימהדיקע פעברואַר-טעג. און זי געלאָזט אַ מוטער-נאַקעטע. אַזוי, אַז אַפילו די שיקסעס זאָגן, אַז איגנאַסיאַ האָט אַ פיגור פון אַ פּרינצעסין. אָבער איגנאַסיאַ האָט אויסגעפירט: פאַרן אַנצוגל האָט זי שוין גאַרנישט באַצאָלט. דאָס שניידערל האָט באַצאָלט דעם קאָמיסאַר אַ שיינע „מולטע" (קנס) און מיין איגנאַסיאַן נאָך צוגעגעבן אַ „קאַנאַריאַ" (הונדערט פּעזעס). און פאַרשטייט זיך, אַז איגנאַסיאַ איז געבליבן גערעכט. און שולדיק אין אַלץ איז נאָר דאָס זשאַרגאָנישע יידי-

שע בלאַט, וואָס דער עניגמאַטישער רייזנדיקער האָט געוואָלט לייענען. ווען ער וואָלט זיך אָפּגעשטעלט נעבן דעם „אַלמאַסענערע" (שפּייז־קרעמער), טאַקע אַ ווילדער גאַוטש, אַ פּאַסקודנער מענטש, ער איז אָבער דאָך אַ באַלעבאַטישער ייד און אַן אינטימער פריינד פונעם פּאָליטישן שעף פון דעם באַצירק, וואָלט דער זשאַרגאָנישער רייזנדיקער נישט פאַר־לאַנגט אַ יידישן „דיאַריאָ" (צייטונג), וואָלט צו דער דיסקוסיע נישט געקומען, און ער, דוויד, ווי אַ שדכן, וואָלט אפשר געווען געפּאַקט פוןביידע צדדים צו פינף הונדערטער, פון יעדן איינעם.

וואָס הייסט, אַזאַ מין מויד ווי די פּאַקיטאַ איז! וואָסער מין בוזים, וואָסער מין היפטן. די שקצים לעקן דאָך די פינגער פון איר. אַפילו אַלטע כלבים, אָן ציין, פאַרכליניען זיך ווען די פּאַקיטאַ דערשיינט ערגעץ־ווו. אַזוי ווי די צוויי אַרבעטער האָבן גערעדט, קענען בלויז כוליגאַנעס, גלאַ־דאַמאַרצעס, פּועלי־ציוניסטן, וואָס האָבן נישט קיין גאָט אין האַרצן...

— 2 —

אויף אַן אויסטערליש ברייטער גאַס, צווישן צוויי מילן, האָבן זיך פאַרקליבן צוויי קאָלאָניסטן, וואָס די אַרבעט, בעיקר די פעלד־אַרבעט האָט זיך זיי צוגעגעסן. זיי האָבן זיך געמאַכט שפּייז־קראָמען מיט שענק־אָפּטיילונגען, אַזוי ווי עס זענען כמעט אַלע שפּייז־קלייטן אין די פּראָ־ווינצער שטעטלעך פון לאַטיין־אַמעריקע.

לכתחילה האָט איין קאָלאָניסט פאַרקויפט זיין נחלה אַן איטאַליע־נער און ער האָט זיך געקויפט אין שטעטל אַ שטיק פּלאַץ, זיך אויפגע־בויט אַ הויז מיט צען צימערן און אַ זייער גרויסן לאָקאַל אין פראָנט, צו דער גאַס־צו. ער האָט זיך באַלד געמאַכט די שפּייז־קראָם מיט דער קרעטשמע, און פּרנסה איז געווען בשפע.

דאָס האָט דערשמעקט זיין געוועזענער שכן, אויך אַ קאָלאָניסט, דער פוקס, וואָס האָט טעראָריזירט אַלע אַנדערע קאָלאָניסטן, ערלעכע און פלייסיקע האָראָפּאַשניקעס.

דער צווייטער געוועזענער קאָלאָניסט, שוין גאָר אַ רייכער, מיט אַ סך הונדערטער גוטע קי, אָקסן און פערד אויף זיינע פעלדער, וואָס זיינע גענייטע און געשיקטע גנבים פלעגן אַראָפּנעמען פון די אָרעמע יידישע קאָלאָניסטישע „טשאַקראַס" (פאַרמס). ער פלעגט זיי איבערמאַרקירן און אַוועקפירן צו אים. און פיל, פיל טויזנטער פּעזעס זענען אויף זיין קאָנטע אַריין אין די בענק.

און נישט וועלנדיק זיין אַליין אין פעלד, אין וויטן טשאַקאָ, וויט

פון זיין שכן, ביי וועמען ער פלעגט אַלע מאָל צוגנבענען די בעסטע בהמות, וועלכע זענען „אַליין אַריין" אין זיין פעלד דורך דער „אַלאַם־בראַדאַ" (דראָט־פּאַרצוימונג), וואָס ער אַליין מיט זיינע גוט־געצאָלטע גנבים פלעגן איבערשניידן — האָט ער אויך פאַרקויפט אַ טייל פון זיין דרייפאַכיקער „טשאַקראַ" (פאַרם) און דאָס רעשט פאַרדונגען דעם גאַ־זשעגאַ, זיין „קאָמפאַדרע" (טויף־פאָטער), וואָס צו זיינע דריי קינדער, ער, דער געוועזענער יידישער קאָלאָניסט, איז געווען טויף־פאָטער.

ער האָט אָפּגעקויפט די גאַנצע דריי פערטל פון דער קוואַדרע (קוואַרטאַל), ווו דער ערשטער קאָלאָניסט האָט זיך געמאַכט דאָס שפּייז־געוועלב און שענק. און ער האָט זיך אויך געמאַכט אַ שפּייז־קראָם מיט נאָך אַ גרעסערע קרעטשמע, באַלד נעבן דעם ערשטנס וואַנט, אַ טיר נעבן אַ טיר.

איך האָב אָפּגעשטעלט מיין פערדל און בין אַריין אין ערשטן „אַלמאַסען" (שפּייז־קראָם) און האָט זיך אַרומגעקוקט: אַן עכט יידישער אַלמאַסען און שענק.

אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן מיט אירע צוויי בנים, יונגען ווי לייבן, האָבן געזויגן אַ מאַטע נאָך אַ מאַטע, וואָס איר טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן האָט זיי כסדר דערלאַנגט. די „אַמאַרגאָס" (ביטערע מאַטע), האָט זיי איבערגעשלאָגן אין זייער שפּאַנישן קאָרטן־שפּיל: „עסקאָבאַ דע קינסע".

די מאַמע, העכער פון מיטלוווּקס, מיט אַ טיפּיש יידיש־רוסיש, פּיל־קאָלירט טיכל אויפן קאָפּ, איז געזעסן אויף אַ געפלאָכטן שטרויען בענקל און געשטריקט אַ סוועטער. און די טאָכטער, האָט אַ ווײַלע נאָך מיין אַריינקומען, איבערגעגעבן די מאַטע איינעם פון אירע צוויי ברידער זיי זאָלן אַליין זיך באַדינען, און זי האָט זיך צוריק גענומען צום זיידענעם פּרוכת, אויף וועלכן זי האָט געהאַלטן אין אויסנייען מיט באַגילדטע פעדעם, געמישט מיט פונסאַ און זילבער־ווייס, צוויי לייבן וואָס האָבן געהאַלטן די תורה, וואָס איר פרומער טאַטע האָט מנדר געווען אין אַ שיל אין בוענאָס־איירעס.

אין פלוג בין איך געבליבן שטיין אין מיטן זאַל ווי מבולבל. איך בין געוואָרן אַנטוישט. ווייל איך האָט געמיינט, אַז דאָס איז געווען דעם „גאַוטש" שפּייז־קראָם. און אַז די וווּנדערלעכע עכט יידישע צנועהדיקע טאָכטער, איז דעם גאַוטשס פאַקיטאַ, וואָס איגנאַסיאָ, דווידס קאָזאַצקע ווייב, האָט מיר געשדכנט. מיך האָט גוואַלדיק פאַרדראָסן פאַר וואָס מ'האָט אויסגערעדט אַזוי פיל בייז אויף אַזאַ מין כשר יידיש קינד.

און איך וועל נישט לייקענען, אַז דאָס פאַרחלומטע חנהלע איז אין דער אמתן מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. צום סוף, האָט איר מוטער מיר גאָר דערציילט, אַז איר גראָטענע טאָכטער חנהלע מיט די שולמית־אויגן, האָט זיך אַזוי געאײַלט צו פאַרענדיקן דעם טייערן פרוכת, ווייל דעם קומענדיקן שבת, ווען איר פאָטער וועט איבערגעבן די הייליקע מתנה, יענעם מוצאי שבת וועט זי מיט גליק חתונה האָבן.

— וואָס דען האָט איר „געפענסאַרעט" (געמיינט), אַז מיר זענען אינדיאַנער, גוואַראַניער, חס־וחלילה, צי גאָר ציציליסטן, ציוניסטן גאָט באַהיט, מיר זאָלן כסדר ליגן אויפן פעלד און אַרבעטן ווי די אייזלען בלויז פאַר דער ייקאַ, אויף „אימפּועסטאָס" (שטייערן) און גנבים־רוצחים, באַנדיטן? יאָ, די ייקאַ־סאַטראָפּן, וואָס זענען ערגער ווי די צאַריסטישע סאָצקים, האָבן נישט איין יידישע קאָלאָניסטישע משפחה אַראָפּגעוואָרפן פון פעלד, וואָס ער האָט צענדליקער יאָרן געאַרבעט און מיט זיין שוויים און בלוט פעט געמאַכט גאָטס געבענטשטע אַרגענטינער ערד. נישט איין יידישע משפחה האָבן די ייקאַ־זשאַנדאַרן געטריבן צו זעלבסטמאָרד.

זאָלן שוין מיינע שונאים ליגן אויף דער ערד, אונטער דער ערד, אַבי איך מיט מיינע בני־בית זאָלן וווינען אין שטאָט.

יאָ, אין פעלד זענען נישט געווען קיין שולן, קיין שילן, זענען די קאָלאָניסטישע קינדער אויסגעוואַקסן פאַרגרעבטע פונדיקעס. און אַפילו די עלטערן, פון די קאָלאָניסטישע יידישע קינדער, געקומענע שוין אַהער מיט אַ העכערע קולטור, זענען אויך פאַרווילדעוועט און פאַרוואָרלאָזט געוואָרן אויף אַזוי פיל, אַז איך אַליין האָב שוין באַלד פאַרגעסן מיין יידישן מאַמע־לשון, וואָס האָט, אין מיין קאַנט, אין ביאַליסטאָק, געשפּרודלט מיט יידישן וויסן, מיטן יידישן ליד און קולטור אין אַלגעמיין.

מיינע קינדער, כאָטש זיי זענען געבוירן געוואָרן אויפן פעלד, זענען אָבער נישט זדאָלנע צו זיין „טשאַקאַרעראָס" (פאַרמער). מיין טאָכטער איז זייער „גראַינסטרואירעוועט" (געלערנט) און זי האָט אַ „נאַוויאָ" (חתן) אין בוענאָס־איירעס, אַ רייכער „נעגאָסיאַנטע" (סוחר), אַ קוענטעניק (פעדלער). מיינע צוויי זין וואָס געפינען זיך דאָרט, זענען אויך גאַנץ רייכע קאָמערציאַנטן, וואָס פאַרקויפן אויף „פּלאַסאָ" (אויף ראַטעס). איין זון פון די צוויי וואָס געפינען זיך איצטער דאָ, לערנט זיך דאָרט אין בוענאָס־איירעס, אויף „טענעדאָר דע ליבראָס" (בוכהאַלטער) און דער צווייטער, אָט דער וואָס „טשופּעט" (זויגט) די מאַטע און „פומעט"

(רייכערט) דעם „אַוואַנטי”. ער לערנט זיך צו זיין פּראָפעסאָר פון אַ שרייב־מאַשין.

— יאָ, וואָס דען, זיי ביידע שטודירן אויך אין בוענאָס־איירעס און זענען געקומען „ווערהאַניערעווען” (דורכזומערן).

זי אַליין וועט זיך אויך אַריבערקלייבן מיטן מאַן און קינדער, אין דער גרויסער שטאָט אַריין, ווו זי וועט קאָנען קריגן גוטע כלות, פרומע, יונגע, שיינע און רייכע יידישע טעכטער פאַר אירע בנים. און זיי וועלן קענען זיין מענטשן צו גאָט און צו לייט.

נאָר אַזוי ווי איר שכנם, דעם גאַוטשאָס דריי זין זענען אין בוענאָס־איירעס, איינער איז „ענקאַרגאַדאָ” (אַדמיניסטראַטער) פון ניין „קאָנ־װענטיזשאָס” (הויז מיט אַ סך אָרעמע שכנים), דער צווייטער האָט אַ גרויסן „קאָמבאַלאַטש” (קלייט פון אַלטוואַרג, ווכעריי און משכנות) און דער דריטער לערנט זיך צו זיין אַן „עמפּלעאַדאָ” (באַאַמטער) אין פּאָ־ליציי־דעפּאַרטאַמענט. און היות עס האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן, האָט זי באַשלאָסן אויסצוּװאַנדערן מיט דער גאַנצער פאַמיליע קיין בוענאָס־איירעס, בכדי איבערצושטייגן איר שכן דעם גאַוטש מיט זיינע קינדערס גרויסקייט. און זי האָט צוגעגעבן שטילינקערהייט:

— אַך, אַזאַ מין פאַרשאָלטענער אינדיאַנער פונדיק, אָט דער גאַוטש! ער האָט עס אַזאַ מין בייז גליק!

ער, דער „גאַוטש”, בשעת ער איז געווען קאָלאָניסט, איז ער געווען מער גנב, מער רויבער ווי קאָלאָניסט, איך מיין, מער ווי פּויער און פעלד־אַרבעטער. ביי אים אין שטוב און אין די „ראַנטשאָס” (ביידלעך) אויף זיין טשאַקראַ, האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ גאַנצע שייקע גנבים און רויבער. גאַנצע סטאַדעס קי און אָקסן, פערד און מולאָס, האָט ער מיט זיינע באַנ־דיטישע צוהעלפער אַראָפּגענומען פון די פעלדער ביי די בעסטע יידישע קאָלאָניסטן, ביי די אָרעמסטע און פלייסיקסטע. אוי, רבונו של עולם, וויפל יידישע פאַרמער האָט דער באַנדיט, אָט דער „גאַוטש”, פאַראומ־גליקט און בדיל־הדל געשטעלט!

ביי איין קאָלאָניסט אין לאָס־פּאַלמעראָס, האָט ער מיט איין־מאָל אַראָפּגענומען פון פעלד גאַנצע דרייסיק בהמות און זיי אַלע געלאָזט קוי־לענען אין „מאַטאַדעראָס” (שעכטהויז). בלויז די פעלן זענען דערקענט געוואָרן. נו, נו, איז ער געגאַנגען אין חד־גדיה אַריין. עס האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט עטלעכע אָנגעזעענע „קאָך־לעפל” מיט געשוואָלענע בייט־לען און האָבן אים אַרויסגענומען. און ווי מיין ווייבערישער שכל פאַר־שטייט, ווייל דער גזלן און רויבער איז דאָך געווען אַ זייעריקער. איין

האַנט וואַשט די צווייטע. דאָס געלט פאַר די קי און אָקסן איז דאָך גע־גאַנגען אין אַן אַלגעמיינער קעשענע.

און ווייסט איר וואָס? מענטשן זאָגן, אַז ער איז אַ רוצח אויך. ער האָט שוין אָוועקגעשיקט אַ מענטש אויף יענער וועלט... און די „קנעפּ־לעך" טוען אים גאָרנישט, ווייל ער איז אַ זייעריקער, אַ קאַודיזשאַ.

— איר האָט מיך פאַרשטאַנען?...

און רעדנדיק אין איין אָטעם, האָט זי דערציילט וועגן דער כיטראַסטע און בייזוויליקייט פון איר שכן. ווי ער איז עס נישט קיין פאַרגינער. ער איז אַזוי אויך משוגע רייך פון פרעמדער פּראַצע. צום סוף איז ער גע־קומען פון פעלד און זיך אויך געמאַכט אַן אַלמאַסען מיט אַ „טרינקאַר־ניע". און גראַד אַ טיר ביי אַ טיר, כמעט נעבן זיי.

אַזאַ מין באַנדיט!

און אַזוי שמועסנדיק מיט דער געוועזענער קאָלאָניסטקע, בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז מיין כלה, די שיינע פּאַקיטאַ וווינט זייט ביי זייט מיט דער פּרוכת-כלה, די ערשטע טיר נאָך זייער הויז, צו דרום פון יענער גאַס.

אין אַ ברייט, נישט פּראָפּאָרציאָנעל טיפן לאָקאַל, מיט אַ זייער לאַנגן טרינק-בופעט, אין דער לינקער האַנט פונעם אַריינגאַנג, כמעט צו דער וואַנט וואָס אין הינטערגרונט, מער ווי פופצן מעטער די לענג, האָט אָפּגעטיילט די משקאות פון די שפּייז-אַרטיקלען.

אויפן בופעט זענען געווען אָנגעשטעלט אין אַן אומגעלומפּערטער אָרדענונג, נישט אויסגעוואַשענע גלעזער פון אַלערליי גרייס, פאָרעם און קאָליר. נעבן בופעט זענען געשטאַנען אַ צען שכורע פונדיקעס און איין פרוי וועלכע האָבן געטרונקען קעבראַטשאָ-וויין, ווער קאַניאַ און ווער אַכענכאַ (פאַלון).

הינטערן בופעט ווו די געטראַנקען שטייען, האָט זיך פלינק און פלייסיק באַוויגן אַ „גאַוטש" פון אַן ערך פינף און פערציק יאָר. ער האָט פאַרמאָגט אַ רויטע, אָנגעפּרעסענע מאָרדע, קליינע גרויע קעצעשע אויגן, בלאָנדע, כמעט רויטע ברעמען און וויעס, אַ שאַטיגע שעוועלורע, קיי־לעכדיק פאַרשוירן — אַן עכטער גאַוטש פונעם גאַוטשן-לאַנד.

ער האָט געטראָגן אַ ברייטן, רויט-לעדערנעם רימען, פאַרזען מיט גרויסע בייטלען, מיט זילבערנע, גאָלדענע מטבעות, קנעפּ, שנאָלן און מעדאַליאָנען, אַרום די לענדן. אַ גרויסער, שוואַרצער קאָלד-רעוואָלווער אין דער לינקער זייט, מיט אַ לאַנגן און זייער ברייטן מעסער אין אַ שוואַרצער שייד פון הינטן, צוגעהאָפטן צום אויסטערלישן רימען.

אין הינטערגרונט, צווישן בופעט און טיר, וואָס גייט אין הויף אַריין, איז געשטאַנען דעם שענקערס פרוי, וואָס איז געווען אַביסל יונגער פון אים. אַ פּרעכטיקע יידענע, מיט אַ קאָפּ פּעך־שוואַרצע, געלאָקטע האָר, שוואַרצע עבאַן־אויגן, וואָס ברענען מיט אַ לאַ תנאַף־פייערל. זי איז צו מיר צוגעגאַנגען און געפרעגט אין אַ גאַנץ קאָרעקטן שפּאַניש, וואָס איך פאַרלאַנג. און הערנדיק, אַז איך וואָלט געוואָלט עפּעס עסן, האָט זי עס געזאָגט איר מאַן, דעם „גאַוטש", פון הינטערן בופעט.

— האָלאַ, בוען מאָסאָ! קאָן קע פּאָדריאַ סערווירלע? (היי, ווילער בחור, מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?) — האָט פריילעך אויסגעשריגן דער „גאַוטש", און בשעת מעשה אָנגעגאָסן צו גלעזלעך גראַפּאַ (אַזאַ אַלקאָהאָלישע משקה) פאַר זעקס שכורע קריאָזשאָס און אַ גרעסערע כוסה אַבענכאָ פאַר דער גוואַלדיק שכורער האַלב־שוואַרצער פרוי, פון אַ יאָר דרייסיק.

זי האָט דעם יידישן גאַוטש־שענקער גערופן „קאָמפּאַדרע" (קוואַטער, טויף־פּאָטער) און מיט איר אויסגעטרונקען א „לחיים"־קאָניאַק, נאָר זי האָט באַצאָלט.

— טרינק, קאָמפּאַדרע, דיין קאָניאַק, און איך מיין אַבענכאָ. נאָר איך וועל צאָלן פאַר ביידן. אומעטום צאָלן די מאַנסבילן פאַר זייערע ווייבער. און דאָ איז פאַרקערט די מעשה, ווייל פון בלויז דריי מאָל שלאָפן מיט מיר, בין איך דאָך נאָך נישט דיין „טשינאַ (אינדיאַנער־מיידל). און חוץ דעם, האָסטו דאָך אויך אַ טשינאַ, אָבער נישט קיין קריאָזשאַ, נאָר אַ רוסאַ — האָט די שכורע געבאַלאַבעטשעט מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן און פון אלקאָהאָל פאַרברענטע ליפּן און צונג.

נאָכן אויסטרינקען מיט דער שכורער „טשינאַ", האָט דער קרעטשמער מיט פאַרגעניגן אַ שטאַרקן כראַקע און דערנאָך אַ שפּיי געטון. באַלד נאָך דעם האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט דער פלאַש קאָניאַק. ער האָט מיט מיר אויך אויסגעטרונקען צוויי גלעזלעך, פאַר וועלכע איך האָב געמוזט באַצאָלן. ער האָט ווידער אויסגעשפּיגן, אַ שטאַרקן כאָרכל געטון אַז די שויבן האָבן ציטערדיקע אַ קלינג געטון. ער האָט ווידער אַ פולמויליקן שפּיי געטון. ער האָט זיך פאַרריכט דעם גאַוטשישן ברייטן רימען מיט די זילבערנע און גאָלדענע מעדאַלן און מטבעות. האָט אַריינגעשריגן צו זיין פרוי, זי זאָל מאַכן פאַר מיר אַ „טשוראַסקאָ" (געבראָטן פלייש אויף קוילן־פייער).

— יענטע, יענטע, זע צו מאַכן פאַרן ענגלענדער אַ גוטע, אַ פעטע טשוראַסקאָ — האָט דער שענקער אַריינגעשריגן צו זיין ווייב אויף

יידיש — און זע גרייט צו דעם טיש ווי ביי דיין טאַטן אין דעם עמלקים־קעשענעווער צו קבלת־שבת. און נאַ, נעם שטעל אַנידער די פלאַש ווישקי, וויל די ענגלענדער, אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן, שניאַקן ווישקי, ווי דיינע ביקעלעך וואַסער, נאָכן קאַסטרירן. כי, כי, כי. יאָ, יענטע לעבן — זיי, די ענגלענדער, זיי טרינקען ווי די אמתדיקע בערן...

יענטע האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי אַן אייפּערזיכטיקער אינדיק. זי האָט פּראָטעסטירט אויף שפּאַניש, הלמאַי דער מאַן אירער האָט גערעדט צו איר יידיש, אין קעגנוואַרט פון די אויסדערוויילטע „סעניאָרעס", וואָס האָבן געטרונקען. און פאַרוואָס ער האָט זי גערופן ביי איר אמתדיקן יידישן נאָמען און נישט אין שפּאַניש: דאָניאַ אינעס, ווי אַלע נישט־יידישע שכנים פון אַרום רופן זי.

דער שענקער האָט גוטמוטיק זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט גע־רעדט צו איר אין מאַמע־לשון, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז איך, דער „ענגלענדער", זאָל אים נישט פאַרשטיין וואָס ער האָט צו איר געזאָגט אויף יידיש.

דער שענקער האָט קוים געהאַט פאַרענדיקט רעדן מיטן ווייב, ווען פאַר דער טיר פון קלייט האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ רייכער אויטאָ, פון וועלכן עס זענען אַרויס דריי פּערזאָן.

דאָס זענען געווען די קאַנדידאַטן אויף פּאָליציי־שעף, בירגערמייס־טער און דער קאַנדידאַט אויף וויצע־גובערנאַטער פון דעם שטאַט.

— גוט מאָרגן דאָן אַבראַן (אברהם) — האָט געזאָגט דער ערשטער, דער פּאָליציי־שעף, און האָט פאַרגעזעצט — אָט זענען מיר געקומען ספּעציעל צו אייך. נישט מער, ווי צו וויסן וואָס איר מאַכט און וואָס עס מאַכט אייער אויסדערוויילטע פרוי, דאָניאַ אינעס, און וואָס עס מאַכט אייער זעלטענע און פון גאָט־באַצירטע טאָכטער מיט די גרויסע כישוף־דיקע הימל־אויגן. עס איז דאָך אונדזער פליכט אייך צו באַזוכן, ווייל איר זענט איינער פון די גאַר־ווינציקע „רוסאָס" (יידן), וואָס וויסן צו זיין אַזעלכע איבערגעגעבענע דעמאָקראַטן, אַזעלכע גוטע בירגער ווי איר זענט!...

— מיר זענען אויך געקומען — האָט זיך אָנגערופן דער קאַנדידאַט אויף בירגערמייסטער — אייך באַזוכן אין דעם נאָמען פונעם צוקונפטיקן גובערנאַטער פון דעם שטאַט און אינעם נאָמען פון דער הייליקער קירכע, פאַר וועלכער איר האָט געגעבן אַזאַ ווערטפולן געשאַנק: אַ קלייד פאַר דער הייליקער און אומבאַפלעקטער בתולה פון די ניסים. און ווען מירן

אַרויפשטייגן צו דער מאַכט, ווייסט איר דאָך, אַז מיר זענען דעמאָקראַטן סוי־זשענערי, אָמען!

— לעבן זאָל די פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי! — האָבן אַ פּאַרשלאָפענעם ברום געטון די שכורע און אויך די ניכטערע וואָס זענען געווען אין דער קרעטשמע.

— זאָל לעבן! זאָל לעבן! — האָט דער שענקער, אַ באַגייסטערטער, מיט זיין מעכטיקן באַס, איבערגעשריגן אַלע שרייענדיקע. ער איז געשטאַנען אַן עקזאַלטירטער מיט דער פלאַש קאָניאַק אין האַנט, וואָס ער האָט נאָך נישט געהאַט אַוועקגעשטעלט פון פריער, ווען ער האָט מיך מכבד געווען. פון דער פלאַש האָט ער די געהויבענע געסט געגעבן אויסצוטרינקען גרויסע כוסות.

דער קאַנדידאַט פאַר אַ צוקונפטיקן וויצע־גובערנאַטער, האָט נאָך דער כוסה יין־שרף גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט צום קרעטשמער:

— דאָן אַבראַן, איר מיט אייער פאַמיליע זענען איינגעלאַדן אויף דער גרויסער „אַסאַדאַ דע קוערא" (פלייש געבראָטן מיט דער פעל), וואָס וועט פאָרקומען איבערמאָרגן זונטיק, אין דער „קינטאַ" (גוט) פון דאָן פיליבערטאָ.

ביים געזעגענען זיך, האָט דער יידישער גאַוטשישער קרעטשמער פול מיט התלהבות אויסגעשריגן: די בעסטע פינף עקסלעך וועל איך צושטעלן אויף מאָרגן פאַר אייער עקסעלענץ אויפן אַסאַדאַ דע קוערא, מיט פינף הונדערט ליטער „טינט־ווייַן"!...

— בראַוואָ, בראַוואָ! זאָל לעבן דער גאַוטשאַ רוסאָ! זאָל לעבן דאָן אַבראַן! — האָבן אויסגערופן די דריי גרויסע לייט, ביים אויפזיצן אויפן אויטאָ.

— הערסט, יענטע! זאָרג נישט. דיין גאַוטשאָ ווייסט וואָס ער טוט — האָט דער קרעמער געזאָגט צו זיין ווייב, ווען די אומגעריכטע גרויסע לייט זענען אַוועק — אויב נישט קיין מיניסטער, וועל איך זיכער זיין אַן אינטענדענט, צי גאָר פּאָליטישער שעף פונעם באַצירק. אהא הא, אהא! איך וועל מיר שוין אָפּנעמען טויזנט מאָל אַזוי פיל וויפל די פינף עקסלעך מיט די פינף הונדערט ליטער קעבראַטשאָ־ווייַן. שאַ, שטיל — צווישן אונדז געשמועסט — געמישט כמעט האַלב אויף האַלב מיט וואַסער. האָסט מיך פאַרשטאַנען? און וויפל די בהמהלעך האָבן מיך געקאָסט, ווייסטו דאָך אויך!...

דער האָפעריקער שענקער האָט ווידער מכבד געווען די איבערגעבליבענע מענער צו גלעזלעך משקה, ווי אויך דער אַזוי שוין אויך שטאַרק

שכורער אינדיאַנערין. דער שענקער האָט אויך אויסגעטרונקען אַ גלעזל ביטערס, נאָך וועלכן ער האָט אַ גרויסן גוואַראַניער שפּיי געטון, און נאָך אים די צען שכורים, פאַרפּאַסקודענדיק דעם אַזוי אויך שוין שמוציקן דיל.

באַלד נאָכן אויסשפּייען, האָט דער שענקער אויסגעשטרעקט די האַנט און צוגענומען די צען פּעזעס וואָס איינער פון די טרינקער האָט אַנידערגעלייגט אויפן בופעט, און געפרעגט דעם צאָלער, צי ער שלמט פאַר אַלע?

— יאָ, פאַר אַלע! וואָס דען?

האָט דער קרעטשמער אים צוריק געגעבן אַ רעשט, לאָזנדיק באַצאָלן אויך פאַרן גלעזל, וואָס ער אַליין האָט אויסגעטרונקען.

— וואָס? דאָ פעלן זיבעציק סענט — האָט געדרעוועט דער צאָלער. — אַך, דו הונט פון דער גרויסער זונה! אַליין אונדז מכבד געווען און ער נעמט זיך נאָך געצאָלט אַפילו פאַר דער כוסה, וואָס ער אַליין האָט אויסגעטרונקען. דו דרעק, זון פון דער גרויסער זונה!

— שאַ, שאַ, — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן — זאָלסט וויסן מיט וועמען דו האָסט צו טון. דער רוסאָ וועט דיך נאָך באַגראָבן, טאָמער געווינט זיין פּאַרטיי, חלילה!

— דאָס איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ שפּאַס, אַזוי, נישט מער — האָט זיך יענער פאַרענטפערט — איך האָב בלויז געשפּאַסט מיטן „גוטן" רוסאָ, מיטן „קלוגן" דאָן אַבראַן. און בכדי צו ווייזן, אַז ער האָט טאַקע נאָר געשפּאַסט, האָט ער ווידער געהייסן אָנגיסן צו גלעזלעך פאַר אַלעמען.

אויף איר מאַנס רוף, איז אינעס אַריינגעקומען אַ שיינענדיקע, אַ פּרעכטיקע. אָבער פון דעם וואָס זי האָט געהערט וועגן דעם גרויסן געשאַנק, האָט זי זיך אַביסל פאַרטראַכט, און אַ פאַרוואָלקנטע, געפרעגט איר מאַן: וואָס וועט זיין, טאָמער וועלן די דעמאָקראַטן פאַרלירן?

דער קרעטשמער איז אַרויס ביז אין מיטן קראָם. ער האָט זיך פאַררוקט דאָס כאַקי-היטעלע איבער די אויגן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט די „רעבענקע" (נאַהייקע) מיטן גראָבן זילבערנעם הענטל פון זיינע רויטע כאַלעוועס. ער האָט זיך עטלעכע שמיץ געטון איבער די גראַפּלעדערנע שטיווילעטן, און נעמענדיק די נאַהייקע אונטערן לינקן אָרעם, האָט ער ווילינגעריש זיך אַריינגעשטעקט די גראָבע פינגער איןביידע אָרבל-לעכער פונעם וועסטל. ער האָט שטיפעריש גענומען ציטערן מיטן רעכטן פוס, און האָט מיט פּאַטאָס געענטפערט אויף שפּאַניש זיין פרוי:

— הערסט, אינעס, איך האָב דיר שוין אַ סך מאָל געזאָגט, אַז דו

זאָלסט נישט וואַגן זיך צו מישן אין מיינע עסקים. דו ביסט אַ יידענע, ווי אַלע יידענעס און מער גאָרנישט. די יידענע איז באַשאַפן געוואָרן צו דער קיך און בעט בלויז צופרידן צו שטעלן איר מאַן. מער גאָרנירט. און קאָנסט נישט באַגרייפן דאָס גרויסקייט און טיפעניש פון מיינע אידעען.
הערסט, אינעס, צי נישט? און פאַרן „ענגלענדער" האָסטו שוין אַנגע־גרייט עפעס צו אכלען? — האָט ער איר געפרעגט אויף יידיש. און נישט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער זיך אומגעקערט צו די שכורים, וועלכע האָבן געלאַכט קייכענדיק און געשריגן איינער העכער איבערן אַנדערן, געבנדיק גערעכט דעם שענקער.

— לעבן זאָל דער „רוסאַ"-„גאַוטש"! (יידישער כוואַט, העלד). לעבן זאָל די דעמאָקראַטישע פּראָגרעסיסטישע פּאַרטיי! — האָט פּלוצים איי־נער אויסגעשריגען מיט אַן אַלקאָהאָליזירטן פּאַטאָס.

— וואָס, וואָס? — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער שכור, דעם ערשטנס אַ ברודער, — וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט ער פאַרבּיסן ווידער געפרעגט.

— זאָל לעבן אונדזער רוסאַ, דער בעסטער טרינקער און שטאַרק־סטער בירגער פון שטעטל!... און לעבן זאָל די דעמאָקראַטיש-פּראָגרע־סיסטישע פּאַרטיי! — האָט איבערגעחזרט דער ערשטער.

— אַזוי גאָר? — האָט אַ ברום געטון מיט אויסגעשטשירעטע ציין דער צווייטער — אָט וועל איך דיר ווייזן, הינטישער זון, דו איינער, ווער איז ווער. די דעמאָקראַטן, צי די ראַדיקאַלן? זון פון דער גרויסער זונה! ער האָט בליץ-שנעל אַרויסגעצויגן פון וואָלענעם רויטן גאַרטל, אַ לאַנגן און ברייט-בליצנדיקן מעסער, מיט וועלכן ער האָט אויגנבליקלעך אָפּגע־שניטן די נאָז ביים אייגענעם ברודער — אַ דעמאָקראַט.

— לעבן זאָל אונדזער פירער מיט „די ברייטע פּלייצעס"! זון פון דער גרויסער זיבן! — האָט דער רוצח ווילד אויסגעשריגן. ער האָט אַריינגעלייגט דעם ברודערס נאָז צו זיך אין דער באַמבאַטשאַס-קעשענע. און פאָכנדיק מיטן פאַרבלוטיקטן מעסער, האָט ער ווידער אויסגעשריגן:

— זאָל זיך מיר קעגנשטעלן ווער עס האָט נאָר וואַרעמע בלוטן! זאָל וואַגן ווער עס פאַרמאָגט אַ מענער-געשלעכט, דער וועט האָבן נאָך אַן ערגערן סוף, זון פון דער גרויסער זונה!

— אָט בין איך — האָט דער יידישער גאַוטש אַ רעווע געטון. און ווי אַ צערייצטער יאַגואַר אַ שפּרינג געטון איבערן בופעט און אַ שרעק־לעכן זעץ געטון מיט דער הוילער פויסט דעם ברודער-מערדער צווישן די אויגן, אַנידערשליידערנדיק אים ווי אַ פאַרפוילטן בוים. ער האָט אים

באַלד אַנטוואָפנט און אויך צוגענומען דאָס בירגער-ביכל. נאָכדעם ערשט אים איבערגעגעבן דער פּאָליציי, וואָס איז אויך געווען קעגנעריש דעם רוצחס פּאָליטיק.

און דער פאַרוווּנדעטער איז אַליין, ווי משוגע, אַריינגעלאָפן צום דערבייאיקן דאָקטער, וועלכער האָט אים געגעבן די ערשטע הילף.

——::——

פאַר דער טיר האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ. עס זענען אַרויסגעשטיגן צוויי רייך-געקליידעטע, נאָך גאָר יונגע מענטשן. זיי זענען אַריין אין קראָם. זיך גאַנץ העפלעך, נאָר אַביסל שכורלעך באַגריסט מיטן באַלעבאָס. זיי זענען אַריין דורכן הינטערגרונט אין הויף. עס האָט זיך דערהערט אַ הילכיק געלעכטער פון דער קרעמערקע מיט די צוויי מיידלעך און די עלעגאַנטע קאַוואַליערן וואָס זענען נאָר-וואָס אַריינגעקומען. איינער פון זיי איז געווען דער קאַנדידאַט אויף דעפּוטאַט און דער צווייטער — אויף סענאַטאָר. פון די צוויי מיידלעך, איז איינע געווען אַ בלאָנדע, פּאַקיטאַ — טאַקע אַ זעלטענע שיינקייט. און די צווייטע, אַ ברונעטקע, בערטאַ, האָט זי געהייסן. זי איז געווען דעם קרעטשמערס פרויס אַ שוועסטערן-טאָכטער. זיי זענען אַלע רגע אַריינגעקומען אין שענק. געלאַכט האָבן זיי אַזוי פונעם געשלעג וואָס איז נאָר-וואָס פאַרגעקומען. און ווי אַזוי דער בראַוער שענקער האָט ביים ווילדן רוצח צוגענומען דאָס מעסער און בירגער-ביכל.

אויפן זילבערנעם געלעכטער-געקלאַנג פון זיינע אייגענע, האָט דער קרעמער, ווי אַ טריומפירנדיקער לייב אַ ברום געטון:

— איך בין אַ דעמאָקראַט! לעבן זאָל די דעמאָקראַטיע!

— און איך בין אַ פּערסאָנאַליסט! — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די שכורים. ער איז געווען אַ הויכער יונג מיט געקרייזלטע האָר, שוואַרצע ווי פּעך, מיט ברייטע, טיטאַנישע פּלייצעס און מיט אַ שוואַרצער, געשטופּלטער און פון געפּערלעכע מעסער-שניט צעקאַליעטשעטע מאָרדע. — איך דענק — האָט ער פאַרגעזעצט — פאַרשאַלטענער „רוסאָ", אַז דו וועסט דאָך נישט וואַגן צו וועלן מאַכן מיט מיר די זעלביקע קונץ וואָס מיטן „היענאַ", ביי וועמען דו האָסט צוגעלקכנט דאָס מעסער מיט זיין בירגער-ביכל, בכדי ער זאָל נישט קענען שטימען ביי די קומענדיקע וואַלן. אדרבא, אומגליקלעכער רוסאָ, קום מיט מיר אַרויס אויף דער גאַס, וועסטו זען, אַז איך וועל דיר נישט נאָר אָפּשניידן די נאָז, נאָר איך וועל דיר „אויסשניידן" אויך, בכדי זאָלסט ווערן אַזוי געלאַסן, ווי די פינף עקסלעך וואָס דו האָסט אוועקגעשאָנקען פאַר די

„קאַנטורבעניסטן“ (אַ נאָמען וואָס די פּערסאָנאַליסטן האָבן געגעבן זייערע קעגנער).

— קום, לאָמיר אַרויסגיין — האָט געענטפערט קאַלטבלוטיק דער שענקער — דו מיט דיין פּאַקאָן (אַזאַ גרויס מעסער) און איך נישט מער ווי מיט דעם אייביק לעבנדיקן גאָט פון הימל אין מיין האַרץ, און בלויז מיט מיין רעבענקע (נאַהייקע). און אָט זעסטו ווי איך לייג אַוועק מיין רעוואָלווער און מעסער. טאָקע נאָר אַ שאָד וואָס איך האָב פריער נישט געוווּסט, אַז דו ביסט געוואָרן אַ „פּעלודיסט“. ווען נישט וואָלט איך דיר שוין פון לאַנג געווען צוגענומען דיין בירגער-ביכל, מיטן טייערן פּאַקאָן דיינעם!

צווישן די איבערגעשראָקענע פרויען איז געוואָרן אַ פּאַניקפולער געוואַלד, אַ האַרמידער. די איינציקע טאָכטער, פּאַקיטאַ, ווייב און פלי־מעניצע, האָבן זיך אָנגעהאַנגען דעם קרעמער אויפן האַלדז. און די שכורע קריסטין, וועלכע האָט זיך אין אים איינגעקלאָמערט, האָט ער מיט איין שאָקל אָלע פון זיך אָראָפּגעטרייסלט. זיי זענען געפאַלן איינע אויף די צווייטע און די צוויי עלעגנאַטע יונגעלייט האָבן זיי געהאָלפן זיך אויפהויבן.

די צוויי „זיידענע“ יונגעלייט האָבן זיך געשטעלט צווישן די פרויען און קרעמער, וואָס האָט אויסגענוצט דעם פּחדפולן מאָמענט און ער איז אַרויס אויף דער גאַס.

אין שענק איז די בהלה און אַלאַרם-געשרייען געוואָרן נאָך גרעסער צווישן די איבערגעשראָקענע פרויען. די צוויי אַריסטאָקראַטישע יונגע־לייט האָבן געטענהט, אַז ווען צוויי מענער ווילן זיך דועלירן, טאָר קיינער זיך נישט אַריינמישן, ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין אינטערעסאַנטער ספּעקטאַקל, ווי צו זען צוויי נישט-גלייך באַוואָפנטע קעמפן אויף לעבן און טויט.

— דאָס איז האָנאָראַבל! דאָס איז דערהויבן!...

— זאָל לעבן דער „רוסאָ“ דאָן אַבראַהאָן, וואָס קעמפט פאַר אונדזער „קאַוסאַ“! (זאַך, אידעע). — האָבן זיי צום סוף אַ ווילדן קוויטש געטון, האָבן זיך געשטעלט אין דער מיט-שוועל פון דער טיר און נישט געלאָזט קיינעם פון די פרויען אַרויסצוגיין אויף דער גאַס.

וואָס אָן אמת, האָבן די פרויען געהאַט אַ מאָטיוו זיך צו שרעקן פאַרן געפערלעכן מעסער-העלד, וועלכער האָט אויף זיין געוויסן שוין געהאַט אַ סך טויטע און פאַרוווּנדעטע, צוליב וועלכן ער האָט פון זיינע פאַרערער באַקומען דעם צונאָמען „זשאַראַראַ“ (אַזאַ שרעקלעך גיפטיקע

שלאַנג), צוליב זיין געוואַגטקייט, געניטער מעסער-פעכטעריי און אכזריות.

דער בלוט-דורשטיקער קאַלאַס און טונקל-הויטיקער מישלינג האָט אַרויסגעכאַפּט פונעם גאַרטל זיין פערציק-צענטימעטערדיקן לאַנגן, בלאַנקענדיקן מעסער קעגן דעם יידישן גאַוטש, וואָס האָט אין זיין רעכטער האַנט געהאַלטן זיין רעבענקע, און אין דער לינקער האַנט אַ גרויסע נאַסע שמאַטע אַרומגעוויקלט די גאַנצע האַנט, מיט וועלכער ער האָט נאָר-וואָס געהאַט אָפּגעווישט דעם בופעט.

קוים אַ מינוט צייט האָט געדויערט דער נישט-גלייכער דועל און דער בייזער „זשאַראַראַ" איז געלעגן אויף דער ערד מיט אַן אַרויסגעזעצט אויג און מיט אַ צעבראָכענעם רעכטן אָרעם-ביין.

דער נישט-גלייכער קאַמף האָט געדויערט, ווי געזאָגט, קוים אַ מינוט צייט. דער ווילד-צערייצטער סאַמבאַ, האָט מיט דעם אויסגעשריי „רוסאָ דע מי-ער-דאַ" (דרעקישער ייד), ווי אַ הונגעריקער טיגער אַן עלאַסטישן שפּרונג געטון מיטן אויסגעשטרעקטן מעסער צום האַרץ פונעם יידישן גאַוטש, וועלכער האָט מיט דער נאַסער שמאַטע וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער לינקער האַנט, פלינק אָפּגעשלאָגן דאָס שאַרפע מעסער. און גלייכצייטיק, אים מיטן זילבערנעם שטיל פון זיין רעבענקע, אַריין טיף אין לינקן אויג, וואָס איז אין אַ פּליסיקער, גרין-בלוטיקער פּאַרעס, אַרויס פונעם אויגן-לאָך. באַלד האָט אים דער קרעמער געטון נאָך אַ מעכטיקערן קלאַפּ אין אָרעם פון דער רעכטער האַנט און אים צעבראָכן דעם ביין אין צוויי ערטער.

עס האָט זיך דערהערט אַ צווייערלייערדיקער פאַלן אויף די שטיינער פונעם ברוק: דער שטאָלענער קלאַנג פון דעם רוצחישן מעסער און דאָס שווערע, טעמפּע פאַלן, מיט אַ שרעקלעך, ווייטיקלעכן ריטשעדיקן געשריי פונעם פאַרווונדעטן „זשאַראַראַ".

נישט פאַרלירנדיק זיך, האָט דער קרעמער ראשית אויפגעהויבן דאָס פאַריתומטן מעסער, וואָס ער האָט אַריינגעשטעקט צו זיך אין לעדערנעם פאַס. באַלד האָט ער אַריינגערוקט זיין האַנט דעם באַזיגטן אין בוזים-קעשענע, פון וואַנען ער האָט אַרויסגענומען זיין בירגער-ביכל, אויסשרייענדיק פלאַמיק: — לעבן זאָל די רעפּובליק אַרגענטינע! לעבן זאָל די דעמאָקראַטיש-פּראָגרעסיסטן פּאַרטיי! און ווענדנדיק זיך צו די צוויי אַריסטאָקראַטישע יונגעלייט, האָט ער הויך אויסגעשריגן: זעט, מיינע הערן, אָט האָב איך שוין נאָך אַ בירגער-ביכל פון די שונאים פון דער „פּאַטריאַ" (פאַטערלאַנד) און פון דער דעמאָקראַטיע.

— לעבן זאָלן די „יידישע רוסן"! לעבן זאָל דער רוסישער ייד, דער רוסאָ־גאַוּטשאַ כודיאַ, דאָן אַבראַן! — האָבן באַגייסטערטע אויסגעשריגן די צוויי בגילופנע אַריסטאָקראַטישע הערן, קוים זיך געהאַלטן אויף זייערע פיס. זייערע פּאַטאָס־געשרייען זענען אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון דער רעשט שכורע מענער און טויט־שכורער פרוי, וואָס האָט אויך, שוין מיט אַ פאַרברענטן און הייזעריק קול ווי פון אַ קבר אַרויס, צוגע־ברומט פאַנפנדיק אונטער דער נאָז:

— זאָל לעבן דער זון פון דער גרויסער זונה! זאָל לעבן דער יידישער רוסאָ פון דער „גרויסער זיבן", דער דאָן אַבראַן דע מי־ער־דאַאַ!...

נאָכן געשלעג, ווען די געמיטער האָבן זיך אַביסל באַרויקט, האָט די באַלעבאָסטע מיך אַריינגעפירט אין גרויסן פאָדערצימער און מיך גע־בעטן זיצן. אין זעלביקן פאָדערצימער לינקס, זעט מען אַ גרויסע פיר־קאַנטיקע קיך, און צווישן דער קיך און ערשטן צימער, גלייך נאָך דער קראָם, אויף רעכטס, שטייט אַ לאַנגער טיש פון דריי ברייטע און לאַנגע, צוזאַמענגעקלאַפּטע ברעטער פון באָקסער־האָלץ. צוויי לאַנגע, און אויף רויט געפאַרבטע בענק פון סאָסנע־האָלץ, און אַ האַלבע טוץ געפלאָכטע־נע שטרויענע שטולן.

באַלד, ביים אַריינקום פון קראָם, איז געשטאַנען דער לאַנגער טיש, איבערגעדעקט מיט אַ שניי־ווייס טישטעך, אויף וועלכן עס איז שוין גע־ווען געגרייט ברויט, אַ סלאַיקל געזויערטע, זייער שאַרפע, טערקישע פעפערלעך; אַ גרויסע, בלוי־גרינע ציבעלע, צוויי טאָמאַטן, זויערע אוגער־קעס, מעסער, לעפל, גאָפל, אַ פלאַש וויסקי און אַ גלאָז נעבן אַ סיפאָן סאָדע־וואַסער. אין אַנדערן עק, נעבן דער וואַנט פון די מיידלעכס צימער, זענען געזעסן די צוויי שוין באַקאַנטע, רייך־געקליידעטע יונגעלייט, וועלכע איך האָב געקאָנט גוט באַטראַכטן.

נעבן זיי זענען געשטאַנען צוויי פלעשער: איינע מיט פערנעט און די צווייטע מיט אַבענכאַ, און אַ סיפאָן מיט סאָדע־וואַסער, פון וועלכע זיי האָבן געטרונקען אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל און נאָכגעטרונקען צו בים־לעך סאָדע־וואַסער.

איבערן קאָרידאָר און פאָדערצימער, קיך אַריין, קיך אַרויס, איז אַרויסגעלאָפן מיין כלהס קוזינקע. זי האָט געהאַט אַ שטאַרק פאַרברוינטן האַלדז און נאַקן פון דער זון, זי האָט באַדינט מיר און די צוויי רייכע, נאָר שטאַרק שכורע הערן, וואָס ווער עס האָט נאָר עפּעס פאַרלאַנגט. אַ גאָפל וואָס זי האָט ביי מיר אַראָפּגענומען פון טיש, איז איר אַרויס־

געפּאַלן פון דער האַנט. און אויפהויבנדיק אים פונעם דיל, האָט זיך איר קורץ קליידל אַביסלע צופיל פּאַרריסן אַרויף, און עס האָבן זיך אַרויס־געזען אירע הערלעכע רונדע פיס, כמעט ביז אַרויפצו, ווו זיי ווערן געבוירן. די „צנועהדיקע" מומע, זעענדיק דאָס, האָט גוטמוטיק אָנגע־שריגן אויף איר שוועסטערס טאָכטער. און די קוזינקע אירע, די וווּנדער־שיינע קרעמערקעס טאָכטער, וואָס מען האָט מיר געשדכנט, האָט לאַכנדיק געשריגן אויף שפּאַניש:

— בערטאַ, זע נאָר, מ׳זעט דאָך ביי דיר כמעט „אַלץ"...

— עס שאַדט נישט סעניאָריטאַ — האָט זיך אָנגערופן דער עלטע־רער פון די צוויי יונגעלייט — מיר האָבן סיי ווי גאָרנישט געזען, זי גייט דאָך אין מייטקעס. זי איז דאָך ברונעט אַזוי שיין! און מיט אירע שוואַרצע אַזאַבאַטשע־אויגן, איז זי אַ נאַטירלעכע קריאָזשאַ... אַן אמת־דיקע גאַוטשאַ.

— כאַ, כאַ, כאַ, בראַוואָ קאַמאַראַד, גיב אַ פינפטל! — האָט געשריגן ענטוזיאַסטיש דער יונגערער הער, אויך טויט־שכור — כאַ, כאַ, כאַ, האָסט גוט געזאָגט. די שוואַרצינקע רוסיטאַ, סעניאָריטאַ בערטאַ, איז אַן אמתדיקע קריאָזשאַ, שיין און פּרעכטיק ווי די הייליקע בתולה, גאָטס מאַמע.

— און איך געפעל אייך גאָרנישט? — האָט זיך געפרעגט די בלאָנדע פּאַקיטאַ מיט אַן אייפערזיכטיק שמייכעלע, אין אירע היפּנאָטישע כאַבער־אויגן, אָנבייגנדיק זיך איבערן טיש צו אים. און היות זי איז אין יענעם חמימהדיקן טאָג געווען אָנגעטון אין אַ זייער דין און דעקאָלטירט עטאַמינע־קליידל, האָבן זיך אירע פולע און פיין־פאָרמירטע ברוסטן אפשר אַביסעלע צו שטאַרק אַרויסגעזען פונעם גרויסן דעקאָלט, צוליבן צופיל זיך איינבייגן.

דער היים־בלוטיקער אַריסטאָקראַטישער יונגערמאַן האָט דער מיידל גאָרנישט געענטפערט. נאָר נישט געקוקט וואָס איר מאַמע איז געשטאַ־נען אַנטקעגן אין דער אָפענער טיר פון דער קיך און מיטגעלאַכט, האָט ער אַריינגערוקט זיין האַנט דעם מיידל צווישן די ברוסטן און אַרויס־שלעפּנדיק איינע, האָט ער זי אַריינגעכאַפּט אין זיין אָפן מויל און איר אַ בים געטון.

פּאַקיטאַ איז אויפגעשפרונגען מיט אַן איבערנאַטירלעכן קוויטש פאַר ווייטיק, זיך צוהאַלטנדיק די געביסענע ברוסט, וועלכע זי האָט שנעל צוריק באַהאַלטן.

— ס׳איז גאָרנישט, ס׳איז גאָרנישט. אַ שטאַרקער קוש, אַ קוש נישט מער. יאָ, נישט מער ווי אַ שטאַרקער קוש אייער ווונדערלעכער רוסיטאַ, דער רייצנדיקער בלאָנדינקעלע, דער הימלישער געטין פּאַקיטאַ — האָבן ביידע יונגעלייט געשריגן אין כאָר צו דער מוטער און פּאָטער, וואָס איז אויך אַריינגעקומען, ווען ער האָט דערהערט דער טאָכטערס פֿאַר־צווייפלטן, וויטיקלעכן קוויטש.

איך בין אויך צוגעלאָפן. זעענדיק די צעמישטקייט פון טאַטע־מאַמע מיט בערטאָן, האָב איך איינגעעצט אַ האַנטוך אין קאַלטן וואַסער, עס באַשפּאָטן מיט גראָבן מינעראַל־זאַלץ און עס צוגעלייגט דער מיידל צום געביסענעם אָרט. און הגם עס איז קיין אָפענע ווונד נישט געווען, נאָר אַרום דעם וואָרצל זענען געווען זעכצן טונקל־בלויע ציין־צייכנס, האָב איך געראָטן זיי זאָלן וואָס שנעלער רופן אַ דאָקטער, בכדי צו שטעלן דער פאַרווונדעטער אַן אַנטיטעטאַן־איינשפּריצונג, ווייל פון דעם אידיאָ־טישן ביס קאָן זי חלילה גיין פון דער וועלט.

דער שכור׳ער בייסער, באַנעמענדיק, אַז דאָס איז שוין געווען אַ צו „העפלעכער" שפּאַס, האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און נאָך אים דער עלטערער און זענען צוגעגאַנגען צו מיר, רעדנדיק ווי צו זיך: — ס׳איז גאָרנישט, אַ קוש, נישט מער. און איך וואָלט אויך געקענט צולייגן אַ קאָמפּרעס, אַזוי ווי דער הער, נאָר ס׳ע שאַדט נישט. איך בין נישט בייז, איך בין נישט איפּערזיכטיק. מסתמא טוט עס איר וויי.

— נאָר ווייסט דאָן אַבראַן — האָט דער שכור, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, זיך געווענדט צום קרעמער, וועלכער איז גע־שטאַנען מיט אָנגעצונדענע אויגן נעבן דער טיר פון קלייט וואָס גייט אין פּאָדערצימער אַריין — איך בין קאַנדידאַט אויף סענאַטאָר און מיין פריינד וויל זיין קאַנדידאַט אויף דעפּוטאַט. און אַז די הייליקע יונגפרוי וועט געבן און מיר וועלן אַריין אין קאָנגרעס, וועל איך פאַר דער אומ־אָנגענעמלעכקייט, וויסן ווי געהעריק אייך צו באַפרידיקן. דערווייל זייט געזונט, דאָן אַבראַן!

— און איר ווייסט הער, — האָט ער געזאָגט צו מיר שטילערהייט — ס׳איז ביי מיר נישט דאָס ערשטע מאָל. נאָר איצטער, האָט זיך צום אומ־גליק, אַרויסגעכאַפּט אַ ביס, אַנשטאָט אַ קוש. איר מעגט אויך ביי דער „מאַראָטשיטאַ" (ברונעטקעלע). זי האָט דאָך אויך רונדיקע „לימאָנען".

אײַ זענען דאָס „רוסיטאַס“! נאָר דאָס האַרץ טוט מיר ווײ פֿאַר דעם בים וואָס האָט נישט ווילנדיק זיך מיר אַרויסגעכאַפּט. איר ווייסט נישט, אַזעלכע מין ברענענדיקע אויגן, ממש משוגע צו ווערן, איר מעגט עס מיר גלייבן.

דריקנדיק מיר די האַנט, מיט אַ העפלעכער אַנטשולדיקונג און „אַדיאָס“, האָבן זײ זיך אָפּגעזעגנט מיט די צעטומלטע און פֿאַרשעמטע שטוביקע און זענען אַרויס, אויף הינטערוויילעכץ, קוקנדיק צום שענקער, צי ער לויפֿט נישט צו זײ מיט דער רעבענקע.

אויף אַן אינדזל פֿונעם טייך פּאַראַנאַ

אין אַ פֿורפֿורענעם פֿאַרטאָג, פֿון די ברענענדיקע קאָרענטינער יאַנוואַרן, בשעת איך בין נאָך געווען איינגעהילט אין אַ געשמאַקן און זאָרגלאָזן שלאָף אונטער אַ ברייט-צעשפּרייטן און מיט בלומען אָנגעפּראָפּטן עפּלבוים, אין גאָרטן פֿונעם גוט-באַזיצער, סאַנדיקאַר, און עפּעס געחלומט, איך געדענק נישט וואָס, בין איך פּלוצים אויפֿגעוועקט געוואָרן פֿון אַ הילכיקן געלעכטער, ווי זילבער-געקלאַנג. אַ קוויטשעדיק שטיפֿערישער געשריי האָט מיר געטרומייטערט אין רעכטן אויער אַריין:

— „יאַהאַ טשע קאַראַהי, טשע טאַטאַ לאָ עספּערע אַינדאַ אירעם בעיפּע״ (קומט מיין הער, מיין טאַטע וואַרט אויף איך, ביים ברעג טייך)

— האָב איך געהערט רעדן שנעל, אין אַ געמיש פֿון אַ שלעכטן שפּאַניש מיט גואַראַני.

אויפֿן מאָמענט, זייענדיק ווי צעמישט פֿונעם פּלוצימדיקן אויפֿוועקן מיך, האָב איך אויסגעגלאָצט די אויגן אויף דער אינדיאַנקעלע פֿון טאָבאַ-שבט. און זי, מיינענדיק, אַז איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען דעם גואַראַני-לשון, האָט זי איבערגעחזרט אויף שפּאַניש און צוגעגעבן:

— עס איז שוין שפּעט. טוט אייך אָן שנעלער „מאָראָטי״ (בלאָנדער), טוט איין אָן, מיין טאַטע מיט די אַנדערע צוויי מאָראָטים (בלאָנדע), אייערע חברים, וואַרטן שוין אויף אייך מיט אַ ביטערע מאַטע, אַ געקאָכטע. איך וועל נאָר גיין מיך אָפּבאָדן און אין אַ פֿינף מינוט אַרום וועל איך שוין אויך זיין נעבן אייך, און אויך עסן מיין מאַמעס גוטע, קוקורוזענע געפּרעגלטע גאַזשעטאָס, און פֿאַרזופּן מיט אַן „אַמאַרגאָ״ (ביטערע מאַטע).

איך האָב מיך איינגעקוקט אין די שוואַרצע סאַמעט-אויגן מיט די געדיכטע, האַלב-רונדע זיידענע ברעמען און ווי פּעך-שוואַרצע לאַנגע וויעס פֿון דער העל-ברוינהויטיקער טאָבאַ-אינדיאַנקעלע. אַ קליין געטאָקט נעזל, צוויי לאַנגע, גראָבע צעפּ, גלאַנציקע ווי שוואַרצער זייד, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען איבער אירע פֿולע ברוסטן, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט

פון איר דורכזיכטיקער בלוזקעלע, ווי זיי וואָלטן געווען צייטיקע מיל־גרוימען מיט קאַרמין־שפּיצן.

— „באָווי אַניאַ פּאַרע רעקאַ, טשע דענדי״? (ווי אַלט ביסטו מיין שוועסטערל) — האָב איך איר געפרעגט אין גואַראַני.

— זעכצן יאָר! — האָט זי געענטפערט אין שפּאַניש און מיך באַלד געפרעגט אין גואַראַני ווי אַלט איך בין.

— צוויי און צוואַנציק יאָר, — האָב איך געענטפערט גלייכגילטיק.

— „טו זשאַ פּערא, טו זשאַ איוואַי!„ (אַלטער, האַרלאָזער, אַלטער העסלעכער!) — האָט זי מיר אַריינגעשריגן. — קומט מיט מיר וועט איר זיך אָפּבאָדן. און אויב נישט, איז כאָטש אַביסל זיך אַרומוואַשן, ווייל איר האָט אַ פּנים, ווי איר וואָלט אין אַ וויזקאַטשאַ־נעסט גע־שלאָפן די נאַכט.

זי, לויסאַ, האָט געשפּעט פון מיר, מחמת איך האָב מורא געהאַט צו באָדן זיך אין יענער קני פונעם טייך פּאַראַנאַ, ווייל די וואַסער דאָרט, איז איבערגעפּולט פון די קליינע, נאָר זייער געפערלעכע פישעלעך, וואָס הייסן: „פּאַלאָמעטאַס״. דער גוטבאַזיצער, סאַנדיקאַר, האָט מיר אַ נאַכט פריער דערציילט, אַז די פּאַלאָמעטאַס־פישעלעך האָבן אַ בלוטיקע, סאַ־דיסטישע איינגעשאַפט אָפּצובייסן ביי מענער וואָס באָדן זיך נאַקעטע, די געשלעכט־אָרגאַנען און ביי די פרויען, די וואָרצלען פון די ברוסטן.

— דאָס מזיק־פישעלע — האָט דערציילט דער סעניאָר סאַנדיקאַר — איז אַזוי גרוים ווי אַ קאַרווינאַ פון אַ קילאָ. עס פאַרמאָגט אָבער אַ גרע־סער מויל מיט זייער שאַרפע און גוואַלדיק האַרטע און געדיכטע ציין. זיי זענען אַזוי שטאַרק און שאַרף, אַז אַפילו אַן אייזערנעם דראָט וואָס איז נישט געשטאָלט, בייסן זיי איבער אין איין אויגנבליק.

— איך האָב זייער מורא פאַר די פישעלעך — האָט געזאָגט דער סעניאָר סאַנדיקאַר — ווייל איך האָב איין מאָל געזען אַ שוידערלעכן פאַקט, וואָס האָט מיר געגעבן אַ מאָטיוו מורא צו האָבן און זיין אין אייביקן פּחד פאַר די מזיקימלעך. זייענדיק אַמאָל אין גאַיאַ, האָב איך גענומען מיין ריזיקן דייטשן בלוד־הונט „צאַר ניקאָלאַי״ און געגאַנ־גען צום טייך כאַפּן אַביסל אָט די פישעלעך, וואָס זענען אַגב געפּרעגלטע, גאַנץ געשמאַק. איך האָב אָבער צו יענער צייט נאָך נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ מחבלים די פּאַלאָמעטאַס־פישעלעך זענען. איך האָב מיטגענומען צוויי ווענטקעס און בלויז איינע, אַ גרעסערע, פון אַ גאָר גוטן קלאַס שטאָל, און אַ דרייסיק מעטער גוטן שפּאַגאַט; זענען טאַקע די אייזערנע ווענטקעס איבערגעביסן געוואָרן פון די טייוולאָנישע פישעלעך, וועלכע

איך האָב שוין געהאַט אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער און געהאַלטן אַ ווײַלע אין דער לופטן. און בלויז מיט דער איינער, נאָר גוט-שטאָלענער ווענטקע, האָב איך אין אַ צוויי שעה צײַט געכאַפּט אַכציק שטיק. דאָס איז, אַ דאַנק זייער גוואַלדיקער פרעסערישקייט, געוואַגטקייט און גרויזאַמקייט.

זייענדיק צופרידן פון דעם גליקלעכן פישפאַנג, האָב איך גענומען איין פּאַלאַמעטאַ — האָט פאַרגעזעצט דער סעניאָר סאַנדיקאַר — און אַרײַנגעשליידערט אין טײַך, ווו איך האָב געזען רויען אַ גאַנצע מענגע פון די פּאַלאַמעטאַס. און געהייסן מײַן נישט געקרוינטן „צאַר ניקאָלאַי״ דאָס פישעלע מיר צוריקברענגען.

דער טרייער הונט האָט זיך אַ לאָז געטון צום אָרט ווו איך האָב אַרײַנגעוואָרפן דאָס פּאַלאַמעטעלע. און צוקומענדיק אַהין, האָט דער הונט פּלוצים, וויענדיק ווי אַן אָפּגעבריטער, זיך געלאָזט גלײַך אויף צוריק. און ווען ער איז אַרויף אויפן זאַמד-ברעג, אינגאַנצן אַ פאַרבלוטיקטער, האָבן אים געפעלט די געשלעכט-אָרגאַנען מיטן עק, וואָס די פּאַלאַמעטאַס האָבן אים אין איין רגע אָפּגעביסן. און איך האָב, פאַרשטייט זיך, געמוזט דעם הונט גלײַך דערשיסן, איידער ער איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט.

צו וואָס טויג דען אַ הונט, אַן ער, אָן אַ ווײַדל און אָן זײַנע גע־שלעכט-אָרגאַנען?

די אינדיאַנקעלע איז אָפּגעגאַנגען אַ פופציק מעטער ווייטער פון מיר. זי איז אַרײַן צווישן אַ קוסט ווילדע אַגואַקאַטעס, פײַגן און קאַש־טאַנעס. זי האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן דאָס איינציקע דינינקע קליידל, וואָס זי האָט אויפגעהאָנגען אויף אַ נידעריקער צווײַג פון אַן אַסעראָלאַ-בוים, און איז אַ מוטער-נאַקעטע, אַרײַנגעשפּרונגען אין די ברויזנדיקע פּאַראַנאַ־וואַסערן אַרײַן.

זי האָט אַזוי אַ מינוט פינף זיך געפּליוסקעט אין וואַסער צווישן די ווילדע אַלגאַקוסטעס און דופטיקע רויזנשטאָקן, ביז איך בין, געשטופּט פון אַ געהיימער קראַפט, צוגעקומען, ווו איר קליידל איז געהאָנגען אויפן אַסעראָלאַ, נעבן אַן אתרוג-ביימעלע.

— ביסט אַ פייגלינג, אַ טכור! גייסט אין מענער-הויזן און ביסט נישט קיין זכר — האָט די הייסבלוטיקע טאָבאַ אַרויסגעשריגן צו מיר פון וואַסער — איך האָב דיך שוין מער נישט ליב, ווײַל דו ביסט אַ האָז און אַ פאַררעטער. זי איז אַרויס אויפן זאַמד-ברעג כמעט האַרט נעבן מיר.

זי אַ נאַקעטע און איך אַן אָנגעטוענער, האָבן מיר ביידע זיך אָנגע־קוקט ווי די הענער. איך האָב דאָס בראָנדז-מיידל באַטראַכט מיט עפּעס

אַזאַ מין פֿורכטלעכער באַגײַסטערונג און אַנגסטלעכער באַוווּנדערונג. איר זעלטענער העל־בראַנדז־ברוינער קערפּער, מיט די ווייכע סאַמעט־ליניעס פֿון אַ גאָניאַלן סקולפּטאָר געשניצט, האָבן מיך פֿאַרכישופֿט.

— ביסט אַ פֿייגלינג! ביסט אַ פֿאַררעטער! — האָט איר זילבער־שטימע געקלונגען מיטן פּרעכטיקן גוראַני־אַקצענט. — האָסט מורא געהאַט פֿאַר די פּאַלאַמעטאַס־פֿישעלעך זיך צו באָדן? איצטער איז דאָך באַגינען און די פּאַלאַמעטאַס קומען אַהער נאָר אין די פֿאַרנאַכטן, פֿאַר אַ רעגן. ביסט אַ פֿייגלינג און אַ פֿאַררעטער! און איך האָס דיך!

האָסט מורא פֿאַר נאַרישע פֿישעלעך, וואָס זענען אין די פֿאַרטאָגן אין די טיפֿע אָפּגרונטן, אײַנגעזונקען אין זייער שלאָף. און איך האָב נישט קיין מורא אַפֿילו פֿאַר די גיפֿטיקע זשאַראַראַ, קאַסקאַבעל און קרעלן־שלאַנג. און פֿאַר אַזאַ מאַן ווי דו ביסט האָב איך אַוודאי קיין מורא נישט.

אָבער דאָך, אויב וועסט מיך כאַפּן, קושן ווי אַ ווײַסער טײַוול קושט און האָבן כוח צו אומוואַרפֿן מיך, וועסטו מעגן טון מיט מיר וואָס וועסט נאָר וועלן, אַפֿילו שעכטן אויך...

אַ שפּרונג טוענדיק ווי אַ שטיפֿעריש יונג ציגעלע, האָט זי אַראָפּ־געכאַפּט דאָס קליידל פֿונעם אַסעראָלאַ־ביימעלע, און ווי אַ ווינטער זיך געלאָזט לויפֿן ווי אַ הירשין.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן: אַלץ אַרום איז געווען פּוסט אינעם גרויסן גוט, וואָס צום הויז איז מער ווי דריי קילאָמעטער; פֿון פּאַרנט — דער טײַך; ביז צום ערשטן אינדזל וווּ איר טאַטע־מאַמע האָבן געוווינט, איז אויך געווען אַ צוויי קילאָמעטער; אַרום, צווישן די ביימער, קשאַקעס און הויכע גראָזן, האָבן זיך נאָר געפּאַשעט עטלעכע טוץ חזירים, אַביסל שעפּסן און ציגן, געגנדז, אינדיקעס און פּאַוועס, וואָס דאָס אינדיאַנקעלע לויסאַ פֿלעגט אָפּהיטן, ביז עס פֿלעגט קומען אירס אַ צווייט שוועסטערל, זי אויסצולייזן.

פֿונעם מזרח־רוים האָט אַ געל־רויט שטיק פֿײַער באַגילדט די טראָפּנס טוי אויף די בלעטער, בלומען און גראָזן. דער טײַך האָט גע־שעפּטשעט עפּעס אַ סודותפֿולע תּפֿילה און די פֿייגעלעך, איבערהויפּט די נאַכטיגאַל, קאַנאַריקלעך און די קאַרדינאַלן, האָבן שעלמיש געזונגען און געשפּרונגען צו דער אויפֿגייענדיקער זון.

איך האָב מיך אַ וואָרף געטון מיטן גאַנצן אימפּעט און ברען פֿון מײַנע צוויי און צוואַנציק יאָר נאָך דער אינדיאַנישער גראַציע, וועלכע האָט לויפֿנדיק, זיך אָנגעטון דאָס ציצענע קליידל און ווידער געלאָפֿן גרינג ווי אַ וועלפֿין.

אַ מינוט צען בין איך איר אַזוי נאָכגעלאָפן ווי אַ הונגעריקער יאַגואַר נאָך אַ גאַצעלאַ. ביז זי האָט זיך צעשטאָכן אַ פוס אין אַן גרויסגע־שטאַרצטן וואָרצל. און אַ דאַנק דעם, האָב איך זי געכאַפּט.

— האָסט זיך עפּעס שלעכטס געטון, לויסאַ? — האָב איך זי געפרעגט.

— ניין. — האָט זי געענטפערט טרוקן.

מיר ביידע האָבן זיך ווידער אַ רגע אָנגעקוקט און גענומען זיך ראַנגלען, ווער וועמען וועט בייקומען.

מיר ביידע האָבן געסאָפּעט ווי דורשטיקע גענדז. איך האָב געוואָלט זי אומוואַרפן בכדי זי צו געווינען. און זי, לויסאַ, איז אָבער געווען קרעפ־טיקער פון מיר. איך האָב שטאַרק מורא געהאַט, אַז אַנשטאָט איך זאָל זי אומוואַרפן, זאָל זי גאָר מיך אומוואַרפן און גוט אָנשמייסן, ווי מיר האָבן זיך געוועט. און אין אַ מאָמענט ווען זי האָט מיט איר קני מיך אַ שטאַרקן בריק געטון נידעריק אין בויך, האָט זי זיך ווידער צעשטאָכן דעם לינקן פוס. זי האָט אַ געשריי געטון „אַניאַמבאַמבו אי” (טייוול־זון) און איז אומגעפאַלן.

— נו, איצטער בין איך דיינע! איך בין אַן ערלעכע אינדיאַנערן, און דו האָסט מיך ערלעך געוווּנען — האָט די טאַבאַ־מיידל געשעפּטשעט שטילערהייט.

טו מיט מיר וואָס דיר געפעלט, ווייל איך בין דיינע פון שפּיץ קאָפּ ביזן שפּיץ פינגער פון מיינע פיס. און קום צום שיפל, ווייל עס איז שוין שפּעט.

אַ טרער האָט זיך באַוויזן אין אירע פרעכטיקע, שוואַרץ־גלאַנציקע אויגן און איז געבליבן שטיל ווי אין אָנמאַכט.

— וואָסי, וויינסט גאָר לויסאַ? — האָב איך איר געפרעגט.

— ניין, איך וויין נישט. מיך פאַרדריסט נאָר אויף מיין געוועט, וואָס איך האָב פאַרלוירן, דאָס ערשטע מאָל פאַרלוירן, און נישט מיט פאוולאָן, נאָר מיט אַ גרינעם, וואָס וועט באַלד אַוועק פון דאַנען און אין מיר פאַרגעסן. פאַבלאָ האָט שוין אַ סך מאָל מיך געוואָלט געווינען. דו ביסט אָבער מזלדיקער פון אַלע. נאָר זאָג מיר דעם אמת: ביסט אויך דער ערשטער פאַר מיר ווי איך פאַר דיר?

———:———

אַזייגער זיבן אין דערפרי בין איך מיט לויסאַן געזעסן אינעם קליי־נעם מאָטאָר־לאָדקעלע, און וועלכן עס זענען שוין געזעסן מיינע אויספלוג־חברים: זשאַרין און ריבאַקאָוו (נישט קיין יידן. זיי ביידע פאַרנעמען

הײַנט רעגירונגס-פּאָסטנס אין מאָסקווע) און דער אַלטער טאַבאַ, לויסאַס טאַטע, דאָן אַנדרעס טאַיטאַ גואַסאָ, טאַיטאַטשאַ.

דער טײַך פּאַראַנאַ איז דעמאָלט געווען שטאַרק נידעריק. עס האָבן זיך אַרויסגעזען פון זײַן טיפן און ברייטן שליאַך, נישט נאָר אַלע זײַנע אינדזלען און אינדזעלעך, נאָר אויך אַלע אונטער-וואַסער זאַמד-בענק האָבן זייער קרישטאָל קלאָרן פּרצוף אַנטפּלעקט פאַר דער זון און אויך נײַגעריקן מענטשלעך אויג.

דאָס מאָטאָר-לאָדקעלע מיטן נאָמען „לאַ איגואַנאַ" איז פון גאָיאַ געשווומען שטראָם אַראָפּ, האָט געקירעוועט אויף רעכטס, צום סאַנטאַ-פּעער ברעג. ווענדיק אויסמײַדן די אָן אַ צאָל אינדזלען, אינדזעלעך און זאַמד-בענק, האָט דאָס שיפל געמוזט אַ סך מאָל גיין אויף צוריק, שטראָם אַרויף און ווידער שטראָם אַראָפּ, פאָרמירנדיק וואַסער-זיגזאַגן: אָט אויף רעכטס און אָט אויף לינקס; אַזוי אַרום האָט דאָס שיפל אויסגעמיטן די סאַמעט-גרינע און זילבער-ווײַסע אינדזלען-וועלדער פון ווײַסינקע בעריאָזעס, ווערבעס, ליפּעס, טאָפּאָל-סאָטאָס און עוקאַליפּטן-ביימער; אַנדערע אינדזלען ווידער, זענען באַדעקט מיט פרוכט-ביימער אַלערליי; טונקל-גרינע בלעטער פון מאַראַנצן, מאַנדאַרינקעס, לימאָנען, סידראָ (אתרוגים)-ביימער, פּאָמעלאָס, און אַ סך אַנדערע קלאַסן פרוכט-ביימער, וואָס איך האָב נישט געקענט באַטראַכטן, צוליבן שנעלן גיין פונעם שיפל, ווי אויך צוליב דער ווײַטקייט. נאָר ווי דאָן אַנדרעס טאַיטאַ גואַסו טאַיטאַטשעאַ האָט מיר געזאָגט, זענען דאָס וועלדער, וואָס די מערהייט פון די קאָמפּאַקטע סאָטאָס, נוצן פאַר פּאַפּיר-אינדוסטריע און אַנדערע אויס-אַרבעטונגען.

דער טײַך פּאַראַנאַ איז דאָרט גוואַלדיק ברייט. מער ווי צוואַנציק קילאָמעטער. דער טײַך פאַרמאָגט הונדערטער און אפשר טויזנטער טונקל-גרינע, העל-גרינע, שאַרלעך-רויטע און אַלבאַסטער-ווײַסע אינדזלען פון אַלערליי גרויס. אָפּגערוקט איינער פון דעם צווייטן, אין אייניקע ערטער, נישט מער ווי צוויי מעטער די ברייט. אַזוי, אַז דאָס שנעל-יאָגנדיקע וואַסער דאָרט, צווישן די אינדזלען, זעט אויס פון דער ווײַטנס, ווי ספּעציעל געמאַכטע קוועקזילבערנע שטעגן און וועגן אין אַן אומענדלעכן שפּאַציר-גאָרטן, וווּ עס געפינט זיך אפשר די גאַנצע פלאָראַ פון דעם פּרעכטיקן אַרגענטינע.

אויף איינעם פון די אינדזלען, דעם נאָמען ווייס איך נישט (דער אינדיאַנער דאָן אַנדרעס האָט אויך נישט געוווּסט), איז אונדז געשען אַ

שטיקעלע אַקצידענט, מיט אַ סך איבעררעאַשנדיקע איינדרוקן וועלכע זענען שווער צו פאַרגעסן.

דאָן אַנדרעס, דער אייגנטימער און פירער פונעם לאָדקעלע, האָט געהייסן לויסאַן פאַרקירעווען צו דער זייט פון יענעם אינדזל, ווייל ער האָט דאָרט געזען — האָט ער געזאָגט — אַ קאַרפּינטשאַ (קאַפּיבאַראַ), ווי אויך נוטריאַס (ווידרעס). און ווען מיר זענען שוין געווען נישט מער ווי אַ צוויי מעטער פונעם ברעג פון אינדזל, האָט זיך די העליסע (העליקס) פונעם לאָדקעלע פאַרטשעפּעט אין אַ שפּיץ פון אַן אונטערוואַסער־בוים. דאָס שיפל האָט זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטון און לויסאַ, וואָס איז ווי אַ זשאַנדאַר געשטאַנען שטייף־שטיפעריש אויפן הינטערשטן שפּיץ, איז אַריינגעפאַלן אין טייך.

זשאַרין, וואָס איז געווען אַ גרויסער שווימער, האָט זיך אַריינגע־וואָרפן אין וואַסער אַרויסצוראַטעווען דאָס מיידל, וועלכע איז אַליין אַרויס אָן זיין הילף און געמוזט גלייך ווידער אַריינשפּרינגען אין וואַסער און באַלד נאָך איר דאָן אַנדרעס, ווייל זשאַרין, אַריינשפּרינגענדיק אין טייך, האָט באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ אין עפּעס אונטערן וואַסער און געהאַלטן ביים דערטרונקען ווערן. דאָך, זייענדיק שוין אויפן ברעג, איז ער נאָך אַ שנעפּסל פאַראַגואַיער קאַניאַ, גלייך צו זיך געקומען. דאָס מיידל אָבער נישט אַזוי. זי האָט זיך אויך צעקלאַפּט, אָבער אַ סך ערנסטער. זי האָט געהאַט אַ געשוואָלן בלויען צייכן אויפן רוקן, צוליב וועלכן זי האָט קוים געקאָנט גיין.

ריבאַקאָוו, וואָס איז אין צאַרישן רוסלאַנד געווען אַ דיפּלאָמירטער אַפּטייקער, האָט מיטגעפירט מיט זיך די נויטיקסטע היילמיטלען. וואָס שייך מיך, הגם נישט קיין אַפּטייקער, חלילה, האָב אויך, לויט מיין רגילות, געהאַט מיט זיך מיין שטענדיקן באַטיקין (אַפּטייקל).

ריבאַקאָוו האָט דער מיידל מאַסאַזשירט ראשית מיט ריינעם אַלקאָ־האָל דאָס אָנגעוווייטיקטע אָרט און דערנאָך אויסגעשמירט מיט יאָד, גע־מישט מיט קאַנפער־שפּירט און מיט אַ לאַנגן האַנטעך פאַרבאַנדאַזשירט.

איך בין אָבער געווען דער „הויפּט־דאָקטער", וואָס האָב בעסער צוגעטראָפן דער צעקלאַפּטער טאָבאַ, ווי ריבאַקאָוו, וועלכער האָט געהאַט מער טעאָריע און פּראָפעסיאָנעלע פּראַקטיק ווי איך. אַזוי, אַז ווען ריבאַ־קאָוו האָט זיך צו איר צוגערירט, האָט זי געשריגן ווי אַן אָפּגעבריטע און אַז איך בין צוגעגאַנגען האָט זי געשמייכלט. זי האָט געזאָגט איר פאָטער, אַז איך מוז אוודאי זיין אַ געטלעכער מענטש, ווייל בלויז מיט מיין באַריר, ווערט איר בעסער...

מיר האָבן אימפּראָוויזירט אַ הענגענדיקע וויג און דאָרט אַרײַנגע־לייגט לויסאַן. איר פֿאָטער דאָן אַנדרעס און זשאַרין האָבן אויסגעטון זייערע נאַסע מלבושים און אויפֿגעהאָנגען אויף די צווײַגן פֿון אַ ווילדן דוראַסנאָ־בוים, זיי זאָלן זיך אויסטרוקענען אויף די שאַרפֿע שטראַלן פֿון דער שוין הויכער זון.

איך מיט ריבאַקאָוון האָבן דערווײַל געמאַכט אַ גרויס פֿײַער און זיך געגרייט אָפּצובראָטן דעם קאַרפּינטשאָ, וואָס דאָן אַנדרעסן האָט זיך אײַנ־געגעבן נאָקעטערהייט צו דערשטעכן מיט זײַן פֿאַראַגוואַיער „פֿאַקאָן" (אַזאַ לאַנגער קיילער־מעסער).

אַזייגער צען, ווען דאָס אָנטועכץ פֿון זשאַרינען און אַנדרעסן זענען שוין כמעט געווען טרוקן, איז צו אונדז צוגעלאָפֿן דאָן אַנדרעס, אַ פּאַר־סאַפּעטער און אונדז דערציילט, אַז ער האָט געזען אַ גאַנצע סטאַדע גאַרזאַס און עטלעכע גאַסעלאַס נעבן אַ קאַנאַל פֿון אַ מעטער ברייט, אויף דעם אינדזל, און ער האָט אונדז פֿאַרזיכערט, אַז עס זענען דאָרט אויך פֿאַראַן נעסטן פֿון נוטריאַס (ווידראַס).

דאָן אַנדרעס מיט זשאַרינען האָבן אויף שנעל אַרויפֿגעצויגן אויף זיך די נאָך פֿײַכטע מלבושים און מיר האָבן ווי אמתדיקע יאַגד־הינט זיך אַ לאָז געטון צו די געגאַרטע פֿייגל, וועמעס פֿעדערן זענען אַזוי טײַער. מיר האָבן איבערגעלאָזט לויסאַן ביים קאַרפּינטשאָ, ער זאָל נישט פֿאַר־ברענט ווערן.

עס איז אונדז אָבער זייער שווער אָנגעקומען צו לויפֿן אין דער כמעט קאָמפּאַקטער געדיכטעניש פֿון אַלערליי ביימער, דינינקע און גראָבע, הויכע און זייער נידעריקע, וואָס זייערע צווייגן־שפּיצן שפּאַרן זיך אָן אין דער גראָזיקער ערד.

איבערהויפּט האָט אונדז געשטערט דאָס הויכע „שאַרף־גראָז" („פּאַכאַ בראַוואַ"), קאַרדאָס־דערנער, שטעכיקע ווילדע רויזן און אַ סך אַנדערע שפּיזיקע פּלאַנצן, גראָזן און ביימער. טיפֿע גריבער און זומפּן, באַדעקטע מיט אַלגאַ־פּלאַנצן, פֿולע מיט גרינעס, שליימעדיקן וואַסער. אויך די שנעל־לויפֿנדיקע ריטשקעס וואַסער פֿונעם פּאַראַנאַ־טײַך, האָבן באַשווערט אונדזער וועג.

צום סוף, נאָך אַן אָנגעשטרענגט לויפֿן פֿון אַן ערך אַ האַלבע שעה צײַט, זייענדיק אײַנגעשטעלט יעדע רגע זיך צו צערײַסן דאָס פּנים און מלבושים, אָדער פֿאַלן איבער אַ קלאָץ און זיך צעברעכן אַ פֿוס, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען וווהין מיר האָבן געגאַרט. מיר האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אַ פּוּפּציק מעטער ווײַט פֿון די גאַרסאַס און פּאַיסאַנען.

ווי אמתדיקע רוצחים האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט מיליטערמעסיק הינטער און צווישן דיביימער און — פום!... עס האָט זיך געהערט אַ מערדערלעכער זאַלפּ, אַ קראַך פון עטלעכע מאַוזער־שאָס, און באַלד נאָך פיר שאָס. אַן אַגאַנישער פליגל־געפּלאַטער, אַ גוסס־געקראַק, פאַרענדיקט מיט אַ פאַרצווייפלטן געפּישטש. און עס זענען געבליבן ליגן אויף דער ערד איין און צוואַנציק דערהרגעטע אַזוי טייערע, פּרעכטיקע, נאָר אומשולדיקע, אָבער געגאַרטע פייגל.

איין גאַרסאַ און איין פאַיסאַן וואָס זענען געווען נאָר לייכט פאַרוווּנדעט, האָב איך נישט געלאָזט הרגענען. איך האָב די פאַרוווּנדעטע פייגל גענומען פאַר זיך בכדי זיי אויסצוהיילן, און זיי געבן אַ מתנה מיין גוטן פריינד דעם גענעראַל קאַרלאָס טשיריגע, קריגס־מיניסטער פון פּאַראַגוואַי אין יענער צייט.

אַז מיינע אַוואַנטורע־פריינד האָבן געהאַט אַזאַ מין גלענצנדיקן דערפּאָלג מיט די אומשולדיקע, נאָר טייערע פייגל, האָבן מיר זיך גענומען פאַרפּאָלגן די גאַצעלן (אַזעלכע פּרעכטיקע ווילדע קאָזעס פון דער הירשן־משפחה). עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דאָן אַנדרעס האָט מיט זיין טאַבאַ־האַלקאָן־אויג, דערזען אין דער ווייט צוויי זיך פּאַשנדיקע סאַרגעס.

ריבאַקאָוו, אַזוי ווי זשאַרין, אַ מאָסקווער בראַווער יונג, אַ מענטשעוויק, זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט, מיט אַ פּנימל פון אַ צוויי־יעריק קינד, נאָר גרויס ווי אַ לעגענדאַרישער טיטאַן, מיט אויגן ווי גרין־בלויע אַרבעסלעך און אַ טשופּרינע ווי געקעמטע קאָנאָפּליע (קאַניאַמאַ אין שפּאַניש). ער זשאַרין, האָט מיט איין שאָס מיט גראָבן שרויט, געטראָפן ביידע סאַרגעס, איינעם אין די פעדערשטע פיס און דער צווייטער, אין די הינטערשטע, ווייל אַזוי זענען זיי געשטאַנען און זיך געפּאַשעט. דער זכר איז געשטאַנען אַ שפּאַן פריער, מיט זיינע הינטערשטע פיס גלייך נעבן די פעדערשטע פון דער נקבה.

מיר האָבן צוזאַמענגעקליבן די טויטע פייגל און די צוויי לעבעדיקע האָב איך געבונדן די פיס און דערצו נאָך זיי צוגעבונדן צו אַ פּעקל טויטע און מיר זענען אַוועק זען די צוויי אונטערגעשאָסענע הירשן, וועלכע האָבן מיט זייערע צעבראָכענע פיס, נאָך געוואָלט אַנטלויפן. זיי זענען אַריין צווישן די געדיכטע קוסטעס, זוכן די פרייהייט.

מער ווי אַנדערהאַלבן קילאָמעטער האָבן מיר געמוזט מאַכן, הגם אין גלייכער ליניע וואָלט געווען נישט מער ווי אַ זעכציק מעטער ווייט. נאָר צוליבן מוזן אויסמיידן די גריבער און אַ לענגערע, אַרטיפיציעלע אַזיערע, וואָס האָט אונדז אָפּגעשיידט פון די דערמאָרדעטע, פּאַציפישע הירשעלעך.

צוריקגייענדיק, האָבן מיר אָנגעטראָפן זעלטן שיינע עפּל-ביימער, אָנ-געזעצט מיט עפּעלעך, פון וועלכע איך האָב אָנגעריסן פולע קעשענעס און אויך מכבד געווען מיינע באַגלייטער.

די זעלטן שיינע, שוין האַלב-צייטיקע עפּל, זענען געווען האַרט ווי ברוקווע און זויער-ביטערלעך ווי דער יידישער גלות. דאָך האָבן מיר זיי געגעסן מיט אַ ציגענער גייציקייט, פון וועלכע אונדזערע ציין זענען גע-וואָרן איינגעשלאָפן, ווי מיר וואָלטן געהאַט הילצערנע ציין אין מויל. גייענ-דיק ווייטער, האָבן מיר אָנגעטראָפן ביימלעך מיט זאַפטיקע פּאַראַגוואַיער גואַזשאַוואַס, אַגואַקאַטעס און טשרימאָיאַס, וואָס האָבן אונדז דערקוויקט, און אונדזערע איינגעשלאָפענע, הילצערנע ציין, האָבן צוריק באַקומען זייער וויטאַליטעט און זייער נאַטירלעכע קראַפט.

— פּאַרעגנסע! (שטייט) — האָבן מיר פּלוצים דערהערט אַ הייזעריק, נאָר ענערגיש קול.

איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען צווישן דריי גראָבע און האַלב אויסגעהוילטע לאַטאַניאַ-ביימער, אַ צוואַנציק מעטער אויף רעכטס, אַ זייער הויכן, בראָנדז-הויטיקן און פעסטן אינדיאַנער מיט באָרוועסע פיס און אַ צעריסענעם שטרויענעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, פון אונטער וועלכן ס'איז אַראָפּגעהאַנגען אַ גלאַטיק-לאַנגע און גלאַנציק-שוואַרצע טשופּרינע; אַ מעסער, אפשר אַ מעטער לאַנג אין קרייץ אויפן רוקן און אַ ווינטשעסטער-ביקס אין די הענט, גרייט אויסצושיסן אויף אונדז. צו דעם נאָך, זענען אין זיינע ביידע זייטן געשטאַנען צוויי ריזיקע וועלף-הינט, גרייטע אונדז צו צערייסן לעבעדיקערהייט.

— לאָזט אַראָפּ אייערע ביקסן און די הענט אַרויף, ווייל איך וועל שיסן! — האָט דער מענטש אַ רעווע געטון.

מיר זענען געבליבן שטיין. דער אויסטערלישער מענטש איז צו אונדז צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז ער איז דער אויפזעער פון דעם אינדזל וואָס געהערט צום דר. בעדאָיאַ, און אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו האַרגענען די צוויי גאַזעלאַס, וואָס דער דר. בעדאָיאַ כאָוועט פאַר רעפּראָ-דוקציע. די דערשאָסענע גאַרזאַס און פּאַיסאַנען, האָט ער, צום גליק נישט געזען. ער האָט אונדז אַלע פיר דערקלערט פאַר אַרעסטירט.

דאָן אַנדרעס האָט דעם אויפזעער אַריינגעשטעקט אין האַנט צען איינצלנע פּעזעס, בכדי עס זאָל אין זיינע אָרעמע אויגן אויסזעען מער, לאַ יחרץ-געלט. מיר האָבן רויק אויסגעהערט דעם אויפזעערס אורטייל און מיר זענען צוזאַמען מיט אים געגאַנגען צו אונדזער לאָדקע, אויף וועלכער מיר האָבן אַרויפגעוואָרפן די צוויי טויטע חיות.

מיר האָבן געזאָגט דעם אינדזל־שומר דעם אמת, אַז מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז דער אינדזל איז אַ באַוווינטער און אַז ער האָט אַ באַלעבאָס, מיר האָבן אויך נישט געוווּסט, אַז די גאַצעלאָס זענען שוין פאַרהיימישטע „ציוויליזירטע".

זשאַרין, וועלכער האָט געקענט גאַנץ גוט רעדן שפּאַניש און אויך אַביסל גוואַראַני, האָט מיר געהאָלפן איבעררעדן דעם אויפגעקאָכטן פּאַראַגוואַיער גוואַראַני־אינדיאַנער. עס האָט מיר געקאָסט נישט מער ווי אַ ביסל „דיפּלאָמאַטיע" און עטלעכע שלינג 57־גראַדיקן „גראַפּאַ" (אַזאַ שנאַפּס), מיט אַ שטאַרקן פּאַראַגוואַיער בלעטער־ציגאַר. ער איז געוואָרן ווייך ווי אַ לעמעלע און אַרומגעמענדיק מיך מיט אַ האַלב־שכורער ליבשאַפט, האָט ער געזאָגט אין אַ פּאָעטישן גוואַראַני:

— „יאַהאַ טשע ראַגאַ, טשע אַמיגאַ, טשע אַרעקאַ איפּאָנאַנ קאַניאַ פּאַראַגוואַיאַ, העטאַ דאַאַ, באַהאַפּי מיטאַ קוניאַ פּאַראַ, אי מאַטע האַקו" (קומט אין מיין הויז, מיין פריינד, איך האָב גוטע פּאַראַגוואַיער קאַניאַ, אַ סך פליייש, פיר יונגע, שיינע מיידלעך, און הייסע מאַטע).

מיר אַלע האָבן נאָך אַמאָל אויסגעטרונקען צו גלעזלעך, פאַרביסן מיט געבראָטענעם קאַרפּינטשאָ־פליייש און זענען אַלע, אַחוץ לויסאָן, אַוועק צום אויפזעער אַהיים.

דאָן אַנדרעס האָט געהייסן זיין טאָכטער לויסאָן, זי זאָל פאַרבלייבן נעבן דער לאָדקע. זי זאָל צוזאַמענקלויבן די טויטע פייגל. זי זאָל פאַרשטעקן דעם נישט אויפגעגעסענעם צווייטן קאַרפּינטשאָ. און זאָל אַלץ גרייט מאַכן צו אַנטלויפן, טאָמער וועט חלילה נויטיק זיין.

אויפן קאַרפּינטשאָ־אינדזל (אַזוי האָט אים גערופן דער אויפזעער), אַ דריי קילאָמעטער פונעם ברעג, אויף אַן אַנגעשיט בערגל פון אַ צענדליק מעטער הויך, צווישן אַ צעגרינטער און צעבליטער געדיכטעניש, איז געשטאַנען אַ ראַנטשאָ (כאַטע) פון אַ פינף מעטער ברייט, אויף זיבן־אַכט מעטער לאַנג, פון ווילד־שטרוי, טאַטאַראַ (אַזעלכע אַלגאַ־פלאַנצן) און ווילד שטרוי, געקנעטן מיט בלאָטע. און פון אויבן געטינקעוועט אויך מיט געקנעטענע בלאָטע, אַזוי ווי עס בויען זייערע נעסטן די שוואַלבן און בעקער־פייגל (האָרנעראָ אין שפּאַניש). טיר און פענצטער אָפן, ווייל קיין טירן און קיין פענצטער זענען נישט געווען. נאָר בלויז ראַמען פון דרענגלעך זענען יאָ געווען אין די חללים פאַר טיר און פענצטער.

געוווינט האָט אין דער שטוב דער אויפזעער מיט זיין ווייב, זיין מוטער און פערצן קינדער: אַכט מיידלעך און זעקס ייִנגלעך. די עלצטע

מיידל איז אַלט געווען נײַנצן יאָר און דאָס יונגסטע צען יאָר. און פון די יינגלעך: דער עלצטער אכט יאָר און דער יונגסטער — דריי חדשים.

אָנגעטון זענען פון די קינדער געווען נאָר בלויז די עלטערע פיר מיידלעך און די אַנדערע פיר מיידלעך. צווישן וועלכע עס איז געווען איינע פון דרײַצן יאָר, אַ פּרעכטיקע און זעלטן־פיין אַנטוויקלטע. און אַלע זעקס בחורים, זענען געווען אַבסאָלוט נאַקעטע. און ווען די קינדער האָבן אונדז דערזען, האָבן די עלטערע נאַקעטע קינדער זיך אָנגעטון אין קלייד־לעך, בכדי כאָטש די הויפּט־נאַקעטקייט צו פאַרשטעלן.

— גאַמבאַאַ (אַזוי האָט געהייסן דער אויפזעער), פאַרוואָס מאַכסטו זיך נישט קיין הילצערן הויז, ווען דו וווינסט אין אַזאַ מין געדיכטן וואַלד, וואָס בלויז אַרום דײַן ראַנטשאָ ליגן אַזוי פיל קלעצער וואָס ווערן פאַר־פוילט? — האָב איך אים געפרעגט.

— אַ, טשע קאַראַהי! (אַ, מיין הער). איך וואָלט עס זיכער געטון. ס'איז אָבער נישט מיינס. און דער סעניאָר דאָן פּאַטראָן, דער אַדוואָקאַט בעדאָיאַ, צו וועמען דער אינדזל געהערט, דערלויבט עס נישט.

— און וויפל פאַרדינסטו אַ חודש פאַר דײַן אַרבעט? פאַר דײַן גע־טריישאַפט? — האָב איך אים ווידער געפרעגט.

— זייער, זייער ווייניק, טשע קאַראַהי. נישט מער ווי „טרונדי פּאַ, כאַ מאָקאָי" (דרייסיק) פּעזעס אַ חודש. און ווען איך זאָל נישט גנבענען, ווען איך זאָל נישט צו־פאַרדינען, וואָלט איך מיט מײַן ווײַב און עלטערע טעכטער, אויך געמוזט אַרומגיין נאַקעטע ווי מײַנע ייִנגערע קינדער.

אַזוי, אַזוי טשע קאַראַהי, די הערן אַדוואָקאַטן זענען אַבסאָלוט אָן הערצער. „טשע גואַראַני, אַ נאַסע אירעם בעהיפּע, פּאַראַגואַי היפּע" (איך בין אַ גואַראַני. איך בין געבוירן געוואָרן ביים ברעג פונעם טײַך פּאַראַ־גואַי). איך בין דאָך נישט מער ווי אַן אינדיאַנער. און די „אַניאַ מעמבוי" (טייוולס קינדער), איך מיין די רייכע אַדוואָקאַטן, זענען דאָך ציוויליזירט. די גערעכטיקייט איז דאָך מיט זיי. דערפאַר מעגן זיי אונדז אינ־דיאַנער, דריקן און שטיקן — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ טיפן זיפץ און ער האָט פאַרגעזעצט:

גראָד געפינט ער זיך איצט דאָ אויפן אינדזל אין זײַן לוקסוסיעזן טשאַלעט. ער שלאָפט שוין אוודאי נישט. איך האָב אים געבראַכט הײַנט פאַרטאָג טויט־שכור פונעם פּראַנצויזישן הויז וואָס אין רעקאָנקיסטאַ. און אייער גליק איז נאָר וואָס מײַן באַלעבאָס איז געווען אַזוי אָנגעטרונקען, אַזוי אָנגעשניאָקעט, אַז ער האָט נישט געהערט אייער שיסן די צוויי

שיינע און פארהיימישטע, לאסקאווע גאסעלאס. נאר ווען חלילה יא, ווען ער וואלט געהערט, וואלט שלעכט געווען.

— איז איך נישט אומהיימלעך אויף דעם פארוואָרלאָזטן אינדזל, צווישן הימל און וואסער? — האָב איך ווידער געפרעגט דעם אַזוי מענטשלעכן אויפזעער.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אַ פאַרשטיקט קול פון טרערן מיר געענטפערט שטיל:

— צוליב ברויט, מיין פריינד, צוליב ברויט. איך בין דאָך דער איינציקער פאַרדינער. איך מוז דאָך שפּייזן אַ פאַמיליע פון זיבעצן מיילער. צוליב ברויט, מיין פריינד, צוליב ברויט. און איך בין דאָך נישט מער ווי אַ „ווילדער אינדיאַנער“...

און שטיל, ווי אַ שולדיקער אין זיין אָרעמקייט, איז ער אריין אין דער געדיכטעניש.

צווישן דער הויכער ביימער-געדיכטעניש, איז איבער אַ געשלענגלטן און גיך-לויפנדיקן קאַנאַל, געשטאַנען אויף שטאָלצן אַ קליינער, אָבער פּראַכטפולער טשאַלעטל (פּאַלאַצל) מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען. ווי דער אויפזעער גאַמבאַאַ האָט מיר שפּעטער דערציילט, איז דאָס געווען פאַרן רייכן לעביונג אַ ספּעציעלער פאַרוויילונגס-פּלאַץ, וווּ ער פלעגט אַראָפּקומען אַלע חודש אויף עטלעכע טעג מיט אַ גאַנצע בריגאַדע יונגע פרויען, כדי מיט זיי אַ „שטיף טון“...

דער מיליאָנערסקער יוריסט איז נאָך געלעגן אין הענג-בעט, אָבער נישט געשלאָפן. ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך אַ פענצטער און אונדז געבעטן צוּוואַרטן.

איך האָב מיך דערווייל אַרומגעדרייט איבערן הויף פון דעם פּאַלאַצל און דערזעענדיק אַ בודע ווי אַ חזירים-שטאַל, בין איך צוגעגאַנגען אַ קוק טון וואָס געפינט זיך אינעווייניק. צו מיין גרויסער איבעראַשונג און שטוינען, איז מיר אַרויס אַנטקעגן אַ מענטש פון אַ פינף און דרייסיק יאָר. אַן אייניקל פון די ווילדע „גואיקורועס“, אינדיאַנער, וועלכע וווינען אין דעם טראָפּיקאַלסטן טשאַקאָ-געביט פון פּאַראַגואַי, באָליוויע און בראַזיליענער מאַטאָ גראָסאָ.

— גוט מאָרגן — האָב איך אים געזאָגט אויף שפּאַניש, נאָר דער מענטש האָט נישט געענטפערט אויף מיין באַגריסונג. — ביסט אפשר דער אָפּהיטער פון דעם גוט? — האָב איך אים שוין געפרעגט אין גואַראַני. ער האָט ווידער נישט געענטפערט, נאָר ווייזנדיק זיינע ברייטע און שניי-ווייסע, שאַרפע ציין, האָט ער מיר געפרעגט ווי אַ פאָנפע אונ-

טער דער נאָז מיט אַ שטאַרק גוטוראַלן גואַראַני אַקצענט, וואָס איך האָב געוואָלט פון אים? און צו איך האָב נישט געהאַט קיין צוקערלעך, בראָנפן און טשאַלאַ־ציגאַרן. און אַז איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב נישט געבראַכט, האָט ער אַ גרילצנדיקן קריץ געטון מיט די ציין און אַ בורטשע געטון אין גואַראַני:

— אַניאַמבואי, מאַראָטי איוואַאי! (טייוולס זון, העסלעכער בלאָנדער), און ווי אַ צערייצטער יאַגואַר, בורטשענדיק עפּעס, איז ער אַריין צווישן די געדיכטענישן.

דאָס איז געווען דער ווילדער „קואַימבאַע איניאַקאַכאַטאַוואַ" מאַנועל, וואָס דער רייכער אַדוואָקאַט פלעגט אים האַלטן נעבן זיך צוליב זיין פּרעסערישקייט און ווילדע אָריגינאַלקייטן. דער אויפזעער גאַמבאָאַ האָט מיר געזאָגט, אַז דער ווילדער גואַיקורו איז דעם רייכן לעביונגס ליבלינג, ווייל ער האָט געקאָנט אויפרעסן פאַר איין מאָל מער ווי צוועלף ציוויליזירטע געזונטע מענטשן מיט פעסטע און אַנטוויקלטע מאָגנס.

גאַמבאָאַ האָט נישט געקענט דערציילן וועגן דעם ווילדנס טוגנטן, מחמת ער האָט געמוזט אַריין צום באַלעבאָס, וואָס האָט אים גערופן.

מיינענדיק, אַז מיר זענען צייטונג־רעפּאָרטערס, האָט ער געהייסן דעם גוטן גאַמבאָאַ מאַכן פאַר אונדז אַ פיינעם מיטיק, אַן „אַסאַדאָ קאָן קועראָ" (געבראָטן פלייש מיט דער פעל) און פאַר איינוועגס, אַן אויסטערלישן סורפּריז.

גאַמבאָאַ, דער אויפזעער, איז אַרויס פונעם באַלעבאָס חדר מיוחד אַן אויפגעלייגטער, אַ שמייכלדיקער. ער האָט געשאָקלט מיט זיין לאַנגהאָריקן קאָפּ, וואָס זיין לאַנגע, שוואַרצהאָריקע שעוועלודע האָט זיך געבאָמבלט איבער זיינע גרויסע קאַשטאַן־אויגן. האַלטנדיק אונטערטעניק דעם צעריסענעם „ראַנטשאָ" (שטרויענעם הוט) אין האַנט, האָט ער אין גאַנג געקנאַקט מיט די פינגער פון דער רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט געזאָגט: עס וועט שוין זיין גוט. עס וועט שוין זיין צו עסן פלייש איבערן קאָפּ. און אַפילו די כלבים וועלן אויך האָבן אָנצופּראָפּן זיך פולע בייכער.

גאַמבאָאַ איז אַוועק צו זיך אַהיים און אין מינוטן אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט זיין גאַנצער בני־בית און מיטן ווילדן קואַימבאַע איניאַקאַכאַטאַוואַ מאַנועל, וועלכער האָט געפירט אַ יעריק ביקל, מיט שוואַרצע און רויטע לאַטעס.

בינו־לבינו איז אַרויס דער אַריסטאָקראַטישער פּאַטראָן. ער איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר זעכציק. איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרצן אַנצוג פון גוטן פראַנצויזישן דראַפּע, אַ שטייפן קאָלנער מיט אַ ווייסן

שניפּס, ווי אויף אַ חתונה. דער מלבוש איז אויף אים געלעגן זייער נעט. ער איז געווען אָנגעטון אויף דער לעצטער מאָדע. זיין פיין־פּאַרמירטער קאָפּ איז געווען באַקרוינט מיט געדיכט־געלאָקטע גרויע האָר, לאַנגע, ברייטע און געדיכטע ברעמען און גרינע, קלוגע, אויסגעלאָסענע פוקסן־אויגן, אַרומגעשווירענע וואָנסעס אויפן פראַנצויזיש־אַמעריקאַנער סטיל. בלוין־בלויע עראָטישע רינגען האָבן אַרומגענומען זיינע אויגן־לעדלעך.

— גוט מאָרגן מיינע אויסדערווײלטע הערן! איך בעט אייך אַנט־שולדיקונג, וואָס איך האָב אייך אַזוי לאַנג אויפגעהאַלטן — האָט דער אַדוואָקאַט צו אונדז געזאָגט מיט אַן אַריסטאָקראַטישער דיפּלאָמאַטיע, אָבער מיט אַ שטימע גאָרנישט קיין אַדוואָקאַטישע. מיינענדיק, אַז מיר זענען טאַקע צייטונגס־רעפּאָרטערס, האָט ער אונדז גאָרנישט געפרעגט, און אויך נישט געוואַרט מיר זאָלן אים עפּעס פרעגן. ער האָט גערעדט הייזעריקלעך, מיט אַ גאָרגלען און גאָראַכאַטשען אין האַלדז ווי אַ פּאַ־פוגאַי־שטימע. ווי מיר וואָלטן געווען זיינע אַלטע און אויסגעלאָסענע אַוואַנטורע־קאָלעגן, האָט ער אונדז דערציילט זיינע אינטימסטע אָרגיעס־פאַרגאַנגענהייט.

אויף זיין פאַרלאַנג, האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אויף די שטיינערנע בענק וואָס אַרום דער וועראַנדע. בכבודו ובעצמו האָט ער געברענגט אַ גרויסע פאַרצעלייענע קאַראַפע, אין פאַרעם פון אַ שכורע מאַנאַשקע, פול מיטן פיינסטן פראַנצויזישן קאָניאַק, מיט קאַוויאַר צו פאַרבייסן און צו פאַררויכערן עכטע האַוואַנאַ־ציגאַרן, וואָס מיר האָבן גאַנץ גערן אַקצעפּטירט.

— גאַמבאַאַ — האָט ער אַ געשריי געטון צום אויפוועער — זאָג מאַנאַלאַן ער זאָל ווייזן וואָס ער קען. און זאָג דיין ווייב און טעכטער, זיי זאָלן צוגרייטן אַ גוט פייער און אַלץ וואָס איך האָב ליב פאַר מיינע אויסדערווײלטע געסט!...

דעם באַרבאַר מאַנאַלאַס אויגן זענען באַלד פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט. זיין ברוין־געל פּנים איז טונקל אַמאַראַנטן־רויט געוואָרן. אויף זיין קורצן און שמוציקן גלאַטן שטערן, זענען אַרויסגעקומען גלאַנציקע, בלויע אָדערן. און זיין אויסטערלישער בויך ווי פון אַ שוואַנגעריקער פרוי אין די הויכע מאָנאַטן, האָט זיך גענומען באַוועגן ווי אויף ספּרוזשינעס.

איך האָב אָנגעקוקט דעם ווילדן־ציוויליזירטן באַרבאַר. אין זיינע פולע אָגאַטאַ־אויגן (אַזאַ מין איידל־שטיין), האָב איך געזען דאָס זעל־ביקע, וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט געזען אין אַ צירק אין מאַרסעי, אין

די אויגן פון אַ צעררייצטער פּאַנטערע, בעת ער איז אַנגעפאַלן אויפן דרע־סירערס הונט און אים צעריסן אויף שטיקער פאַר די אויגן פון דעם גאַנצן עולם צושויער.

— מאַנאַלאַ, ווייז וואָס דו קענסט! — האָט דער אויפזועער מילי־טעריש, הויך אויפן קול אַ געשריי געטון.

דער ווילדער מאַנאַלאַ האָט בליץ־שנעל אַרויסגעכאַפּט פון דער שייד פון זיינע ברייטע לעדערנע מייטקעס אַ לאַנגן און זייער שאַרפן, שפּיציקן שטילעט און מיט אַ ריזיקן כוח אים אַריינגעשטאָכן דעם ביק צווישן די נאָך נישט צעוואַקסענע הערנער, ביז איבער צוואַנציק צענטימעטער טיף, איבערלאָזנדיק דאָס טויטנדיקע מעסער שטעקן אין די געהירן.

דער יונגער און פעסטער ביק האָט נאָר אַ ציטער געטון און איז ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים שווער אומגעפאַלן אויף דער ערד. אין דער זעלביקער רגע זענען צוגעלאָפן גאַמבאָאָס ווייב און עלטערע טעכטער, אַנגעטוענע אין דורכזיכטיקע רויטע, געלע און כאַבער־בלויע יאַקעלעך. זיי האָבן אַרונטערגעשטופּט אונטערן האַלדז פונעם גוססדיקן ביק אַ שעפל פון טאָפּאַלע־האָלץ. און מאַנאַלאַ האָט מיט אַ צווייט מעסער, אַ לאַנגן און ברייטן, אַ פעסטן שניט געטון דעם ביק אין האַלדז, פון וועלכן עס האָט אַ שטראָם געטון טונקל־רויט בלוט ווי פון אַ פאָנטאַן.

דער געשטאָכענער און דערנאָך געשאָכטענער ביק האָט זיך כמעט גאָרנישט געוואָרפן. ער האָט נאָר מיט די שטאַרבנדיקע פיס, שוואַך אויסציענדיק זיי, אַ שטילן ציטער געטון און איבערגעגעבן זיין אומשול־דיק יונג לעבן צו דער בייזוויליקער גייציקייט פון דער מענטשלעכער בעסטיע.

די גרויסע אָקסישע אויגן זענען געווען שטאַר־צעשפּריט. פון זיין אָפענעם האַלדז האָט זיך מיר געדאַכט הערן אַן אומשולדיקן בהמהשן פּראָטעסט־געריטש: רוצחים, הארצלאָזע מענטשן, פאַר וואָס האָט איר מיר דערהרגעט אין מיין סאַמע בלי־צייט?

בעת־מעשה בין איך געשטאַנען אין אַ זייט און אויפמערקזאַם גע־קוקט וואָס דאָרט האָט געזאָלט געשען.

אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צום קאַניבאַלישן מאַנאַלאַ, וועלכער איז געשטאַנען מיטן מערדערלעכן מעסער אין האַנט און אַרומ־געלעקט דאָס בלוט פון דער געלונגענער שחיטה.

ווען פון דעם געשאָכטענעם ביקס האַלדז איז שוין מער קיין בלוט נישט געלאָפן, איז מאַנאַלאַ לאַנגזאַם צוגעגאַנגען, האָט אַפּגענומען דעם פולן שעפל בלוט, און מיט אַ בלעכן פענדל אָנגעשעפּט און געטרונ־

קען. און מיר דאכט זיך, אז אויסצוטרינקען דאס בלוט, האט ביי מאנאלאן ווינציקער געדויערט, ווי דאס אפלויפן פון דעם עקסלם בלוט אין שעפל אריין. זייענדיק צופרידן א פנים פון דער רויטער יויך, האט דער ווילדער פענאמען זיך אנידערגעזעצט אויף די שפיץ פינגער פון זיינע פיס, ווארטנדיק אויף נאך עפעס.

זשארין און איך האבן געקוקט מיט שטוינען און גרויל. דער אפּ־טייקער ריבאקאוו וועלכער האט אויך אזוינס נאך נישט געהאט געזען, האט פון איבעראשונג באקומען א נערוון־אטאקע און דאן אנדרעס האט פון שרעקלעכן עקל גענומען ברעכן מיט דער גאל ממש.

דערוויל האבן גאמבאאס ווייב, קאנסעפסיאן, און זייערע ראוי־לחופה טעכטער, מאריא און פילאמענא מיט בלאנקענדיקע מעסערס אין די הענט, אין דער צייט פון מאנאלאס טרינקען דאס בלוט, אויפגעשניטן דעם ביקלס בויך. זיי האבן ארויסגענומען דאס גאנצע איינגעווייד און עס אריינגעלייגט אין א צווייטן מולטער, נאר די קישקעס האבן זיי גע־לייגט באזונדער. און אזוי ווי די קישקעס זענען באהאפטן דורך הייטלעך, פארמירנדיק איין שטיק צוזאמענגעקלעפטע מאסע, האבן די מיידלעך זיי פונאנדערגענומען און ס׳איז געווארן א לאנגע קישקע. מאריא האט בלויז אפגעשניטן דעם מאגן, סידער און טשעפּטשוך, ווי אויך אראפגענומען דאס גאנצע שמאלץ וואס ארום דעם איינגעווייד.

די צוויי פרעכטיקע מיידלעך מאריא און פילאמענא, הגם אנאלפא־בעטקעס, כמעט פארווילדעוועטע, נאר מיט א רייצנדיקן סעקס־אפּיל, בפרט נאך, ווען דורך די טולענע קליידלעך האט זיך כמעט געזען זייער רייצנדיקע אומשולד, האבן פארווארפן אן עק פון דער קישקע אויף א דרענגל וואס האט ארויסגעשטארצט פון דער וועראנדע.

די יאנואר־זון האט געשרפהט מיט דער גאנצער גוראני־קראפט. קיין סימן פון א ווינטעלע, אז קיין בלעטעלע האט זיך קיין ריר נישט געטון. מיר זענען געשטאנען אויף א לוידיק שטיקל פלאץ און מיט גוואל־דיקן עקל און שטוינען זיך צוגעקוקט צו א בארבארישן ספּעקטאקל, פון א מענטשלעכער בעסטיע, וואס מיר וואלטן קיינמאל נישט געגלויבט.

— וויז, וויז וואס דו קאנסט, מאנאלא — האט דער באלעבאס, שוין אליין א צערטלעכן זאג געטון.

מאנאלא, וועלכער איז די גאנצע צייט געזעסן אויף די בארוועסע שפּיץ פינגער און פויל ווי אן אנגארא־קאץ זיך באלעקט זיין פארבלו־טיקטע מארדע, איז ווי א הונגעריקע אלגאליא, פלינק צוגעשפּרונגען צו דער פרישיטשקער פאטראווע. ער האט ראשית זיך אויפגעלאזט דעם

לאַנגן און ברייטן, רויטן גאַרטל (פּאַכאַ אין שפּאַניש), וואָס אַרום די לענדן. ער האָט גענומען דעם עק פון דער קישקע וואָס האָט אַראָפּגע־האַנגען פון דער בעלקע און אַרויסגעקוועטשט דאָס מיסט און זיך ווידער געזעצט אויף די שפּיץ פינגער. ער האָט פאַררײסן די גרויסע אָפּענע מאַרדע אַרויף און זיך גענומען שלינגען די רויע, נאָך אפשר לעבעדיקע, וואַרימע קישקעס. און אַז ער האָט געהאַט אַראָפּגעשלונגען אַ לענגער שטיק, האָט ער עס מיט זיין שאַרפן מעסער אָפּגעשניטן ביי די ציין און ווידער אויסגעקוועטשט דאָס מיסט פון אַזאַ לאַנג שטיקל קישקע און ווידער געשלונגען, איבערחזרנדיק אַזוי די פּראָצעדור עטלעכע מאָל, ביז ער האָט אַראָפּגעשלונגען די גאַנצע קישקע.

אין דער צווישן־צייט, בעת מאַנאַלאָ האָט געזויפן דאָס בלוט און אויפגעפרעסן די רויע קישקעס, האָט דער אויפזעער גאַמבאָאַ געמאַכט אַ גרויס פייער. זיין ווייב מיט די עלטערע מיידלעך האָבן צעטיילט די בהמה אויף פיר טיילן און צוגעגרייט דאָס געבראָטנס מיט דער פעל.

— די דריי פערטעלעך שענק איך דיר, מאַריאַ — האָט דער אַלטער נאַר עראָטישער און פאַרשווענדערישער אַדוואָקאַט געזאָגט צו דער יונגער און פולבלוטיקער מאַריאַ. — איך האָב דיך נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי שיין, אַזוי רייצנדיק ווי היינט. הערסט, מאַריאַ? רוף אַלע דיינע ברידער און שוועסטער און נעם דאָס גאַנצע רויע פלייש אַהיים. און וואָס עס וועט נאָר בלייבן פונעם „אַסאַדאָ" (געבראָטנס), וועט אויך זיין פאַר אייך אַלעמען. הערסט מאַריאַ? אַלץ נאָר צוליב דיר. ווייל דו האָסט, דאַכט מיר, נאָך שענערע פּאָלקעס ווי דאָס געשאָכטענע ביקל...

— איר ווייסט, סעניאָר, — האָט גאַמבאָאַ אַ וואָרטשע געטון צו מיר אין גוואַראַני — איך האָב מורא, אַז אויב מיין באַלעבאָס וועט אויף אַן אמת וועלן מיסברויכן מיט מיין קינד, וועלן זיינע קישקעס אויך האָבן אַ קבר אין מאַנאַלאָס בויך...

צווישן די הונגעריקע, נאַקעטע און האַלב־נאַקעטע קינדער, וואָס זענען געשטאַנען פון דערווייטנס און מיט סלינע אויף די ליפּן געקוקט ווי דער ווילדער קאַניבאַל האָט פאַר איינמאָל אַזוי פיל אויפגעפרעסן, איז געוואָרן אַ לעבעדיק געכאַפּעריי. אַזוי, אַז אַפילו דאָס קלענסטע, דאָס יונגסטע, וואָס האָט נאָר געקאָנט אַרומגיין, האָט אויך עפּעס אַ שטיקל געשלעפּט.

און דער האַלב־ווילדער, לעביונגישער אַדוואָקאַט, זייענדיק גוט אויפ־געלייגט נאָכן דערפּאָלג פון זיין פענאָמענאַלן פרעסער מאַנאַלאָ, האָט ער נאָכן גוט געבראָטענעם פרישן אַסאַדאָ, מיט די גלעזער קאָניאַק, וואָס

מיר האָבן געגעסן און געטרונקען, אונדז פארבעטן אויף א שפּאַציר איבערן אינדזל.

אין מיטן וועג, ווען מיר זענען קוים אָפּגעגאַנגען אַ פיר הונדערט שפּאַן, האָט דער אַדוואָקאַט, טאַקע אַדוואָקאַטיש, זיך פּלוצים אַנטשול־דיקט, אַז ער מוז זיך אומקערן, ווייל עס וועט אים באַזוכן אַ דאַמע... נאָר ער האָט אונדז פריער אָנגעוויזן ווי אַרומער בעסער צוצוקומען צו דער לאַדקע, וואָס מיר האָבן געלאָזן ביים ברעג טייך.

מיר האָבן זיך געפונען אין אַ זומפּיקער געדיכטעניש פון כל־המינים ביימער, קשאַקעס און גראָזן. די לופט אין דעם אָרט איז געווען ממש געדיכט פון קאָמאַרעס און פליגן. צווישן די גראָזן און צומאָל אויף די ביימער, זענען געווען שלאַנגען. ווערג־שלאַנגען און אויך גיפטיקע. אומ־טערליש גרויסע אַלאַקראַנען און שרעקלעך סמיקע שפּינען. ווען מיר זענען אָפּגעגאַנגען נאָך עטלעכע הונדערט טריט נאָך דעם גוטבאַזיצערס פאַררעטערישן אַוועקגיין, האָט ריבאַקאָוו אַ שרעקלעכן געשריי געטון און ער, מיט זיין „העלדישן" לאַנדסמאַן זשאַרין, האָבן גענומען אַנטלויפן, ווי געיאָגטע פון אַ הידרע.

ריבאַקאָווס און זשאַרינס פּלוצימדיקן שרייען און אַנטלויפן, האָט שיר נישט גורם געווען, אַז איך מיט דאָן אַנדרעס זאָלן אויך זיך נעמען לויפן ווי וואַנזיניקע. נאָר מיר זענען געבליבן שטיין. פשוט, ווייל מיר זענען ווי צעמישט און געליימט געוואָרן פאַר אימה און גוואַלדיקן פחד. מיר האָבן לכתחילה נישט געקענט רירן מיט קיין פוס ווי אויך נישט באַוועגן מיט דער צונג.

אַ מינוט צייט האָט אַזוי געדויערט אונדזער צעמישונג, ביז מיר זענען צוריק צו זיך געקומען. מיר האָבן מיט די ביקסן אין די הענט גרייט צו שיסן, לאַנגזאַם גענומען גיין אויף דער שמאָלינקער סטעטש־קעלע, וואָס איז וואָס אַמאָל שמעלער געוואָרן און דער וואַלד, וואָס אַמאָל געדיכטער און ווילדער. דאָן אַנדרעס איז געגאַנגען פאָראויס און איך נאָך אים.

ווען מיר ביידע זענען קוים געהאַט אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט דער גוּאַראַני פּלוצים אַ פאַרצווייפלטן געשריי געטון:

— „אַניאַמבעמבוי", יעזוס מאַריאַ, סעניאָר, ראַטעווען זיך! אַ גאַנצע סטאַדע זשאַקאַרעען (קראָקאָדילן) אין יאַגוּאַרן טשאַטעווען אויף אונדז. זיי וועלן אונדז צערייסן לעבעדיקע און אויפרעסן — און איז צוגעלאָפן צו מיר און זיך געשטעלט מיט זיין פּלייצע צו מיינער, בכדי זיך בעסער צו קענען פאַרטיידיקן פון אַלע זייטן.

ווען איך האָב דערזען די שרעקלעך גרויסע, כמעט שוואַרצע זשאַ־קאַרעען (דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געזען „לעבע־דיקע" קראָקאָדילן פון דער נאָענט), מיט זייערע אויסטערליש גרויסע, אָפענע פּיסקעס, פול אָנגעזעצט מיט לאַנגע ציין; און אַ ריזיקער יאַגואַר, אויך מיט אַן אָפענעם פּיסק, מיט אַרויסגעשטשירעטע ציין אויף אַ ניאַנדובאַי־בוים, סטראַטעגיש באַהאַלטן צווישן די באַבלעטערטע צווײַגן, גרייט אויף אונדז אַרויפצושפּרינגען, האָב איך זיך פון דער גוואַלדיקער איבעראַשונג אַזוי דערשראָקן, אַז עס האָט מיר פאַרקלעמט ביים האַרץ און האָב צומאָל נישט געקאָנט באַוועגן מיט דער צונג. וואָס איז מיר ווי פּאַראַליזירט געוואָרן.

דער „אומדערשראָקענער" גואַראַני, דאָן אַנדרעס, האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. ער האָט אויסגעשאָסן צום טיגער וואָס איז געזעסן אויפן ביאַנדובאַי־בוים און געטשאַטעוועט אויף אונדז. ביים צווייטן שאָס האָט ער אים אַראָפּגעשליידערט אַ צעשמעטערטן אויף דער ערד. און איך, אַ ציטערנדיקער ווי אין אַ קדחת־אָנפאַל האָב אויך צוויי מאָל אויסגעשאָסן צו די קראָקאָדילן, אָבער קיין איין מאָל נישט געטראָפן.

אַז מיר זענען שוין אַביסעלע באַרויקטע צוגעגאַנגען צו די דער־שאָסענע מחבלים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַרשווענדערישער גוט־באַזיצער האָט נאָך דער פיינער אויפנאַמע, אונדז געמאַכט אַזאַ מין שפּאַס. די קראָקאָדילן און יאַגואַר, זענען געווען ביז גאָר פיין אימיטירט, בלויז די פעלן און זייערע ציין און נעגל זענען געווען נאַטירלעכע.

אַן עקזאָטישע אידיליע

וואָסער מין באַשעפעניש קאָן דען זיין אָנציענדיקער פאַרן לעכצנדיקן און שפּירעוודיקן אויג פונעם עמפינדלעכן באָהעם, ווי אַ גראַציעזע און פיין מאָדעלירטע, בראָנדז-קאָלירטע גואַראַניערין? וואָס פאַר אַ פליענדיק באַשעפעניש קאָן אַרויסרופן מער באַוווּנדערונג ווי אַן „אומשולדיק" פלאַטערל, אַן אויסטערלישער שמעטערלינג? אַזוי מיינען אַ סך מענטשן וועגן דריי פערטל נאַקעטע אינדיאַנערקעס, וואָז זיי איז גרינג צו דעראָבערן... אָבער נאָך מער מענטשן אורטיילן אַזוי וועגן די „אומבאַהאָלפענע" שמעטערלינגען, וועלכע ווערן אָנגערופן פונעם יידישן עמך: „זומער-פייגעלעך".

דעם ניינטן דעצעמבער 1913 בין איך געזעסן מיט אַ חברה „מאַטראָזן", פאַרקויפער פון קאַזימירן, ביים ברעג פונעם טייך פאַראַנאַ, און זיך פאָסמאַקעוועט מיט געבראָטענע „באַגילדעטע פיש" (פעז דאָראַדאָ), אַ פולקע פון אַ ווילדער געבראָטענער גאַנדז און אַ שטיק געבראַטנס פון אַ דערשאָסענעם טאַפיר און פאַרטרונקען מיט דער געשמאַקער פאַראַגווייער „קאַניאַ" (אַזאַ מין שנאַפס).

פופצן יונגען איינס און איינס זענען מיר געווען. די מסיבה איז פאָרגעקומען אויף דער פרייער לופט אונטער אַ גרופע לאָרבער, מאַגנאָליאַס, יאַשמינען און צעדערן, וואָס אין דער שרפהדיקער איגואַסו-געגנט. דאָס איז אַ פלאַם-פייערדיקער קאַנט, וווּ עס האָבן געוועלטיקט צו יענער צייט אַלערליי מינים פון די געפערלעכסטע מזיקים-משחיתים. דאָרט האָבן מיר געמאַכט אַ לחיים לכבוד אונדזער שעף משה פאָליפעראַ, וועלכער האָט געהאַט אַריינגעשמוגלט זיין כלה אסתר-מלכה, איר טאַטע-מאַמע, צוויי ברידער און צוויי שוועסטער.

משה פאָליפעראַ — אַ שלאַנקער יונג, העכער ווי מיטלמעסיק, פינף און צוואַנציק יאָר אַלט, האָט פאַרמאָגט ברייטע פּלייצעס מיט אַ פעסטן קאַרק, אויף וועלכן עס איז געזעסן אַ פיין פאָרמירטער לייבן-קאָפּ מיט אַ פּאָר שאַרפע טיגער-אויגן; אַ פלאַקסענע קודלע, ווי די נאָך נישט ציי-

טיקע קוקורוזע־באָרד; אַ גלײַכע, שאַרפע נאָר אַן אַרויסרופערישע גאָמבע, וואָס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ מר־נפש. פונדעסטוועגן איז ער גאָר געווען אַ זעלטן־פײַנער און ערלעכער קאָלעגע.

יענע נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, אַ חושך־עפלה. עס האָט געבליצט אין צפון און געדונערט מיט אָפּצווייג־געהילכן אין דרום־מערב. רייזיקע סאָוועס האָבן אין זייער געפלי נאָך די פלעדערמייז און וואַמפירן זיי צו פאַרצוקן געוויינט מיט אַ מכשפה־געיאָמער. די פוקסן און קאָיאָטע־וועלף אין וואַלד האָבן געוואָיעט ווי בענקנדיקע, פאַרליבטע הינט. אַ געקראַקעריי פון האַלקאָנען, קאַראַנטשאָס און מילאַנען (רויב־פייגל), וואָס זענען ארומגעפלויגן אין אַ קאַרוזעל איבער אונדזערע קעפּ, האָבן געלעכערט די אויערן. די כוואַליעס פונעם פּאַראַנאַ־טײַך האָבן געשטורעמט די ברעגן פון זײַן בעט און געמורמלט עפּעס אַזוי סודותדיק, אָבער מיט אַ געשאַל. די „לוסיערנאַגאַס” (גלי־פליגעלעך) זענען אַרומגעפלויגן אין אַ ווילדן געיעג. זיי האָבן קאָנקורירט מיט זייערע רגע־ליכטלעך, די הימלישע בליצן.

נאָך דעם הייסן און אָטעם־שווערן טאָג, איז דאָס אָפּקילנדיקע ווינטעלע וואָס האָט געווייט פונעם כוואַליעדיקן טײַך און פון זײַנע צעגרינטע און צעקווייטעטע אינדזלען, מיט זייערע מילאַסן אַראָמאַטן, געווען פאַר אונדזערע אָפּגעמאַטערטע געמיטער, ממש אַ נחת.

הרגל נעשה טבע. לויט דער געוווינהייט, צוליב די בייסנדיקע, זשעדנע מאָסקיטן, האָבן מיר געמאַכט עטלעכע שייטערס פון זשיוויצעהאָלץ, וואָס האָבן מיט זייער פייער און בייסנדיקן רויך, פאַרטריבן די פליענדיקע און קריכנדיקע שרצים און רמשים וואָס זענען דאָרט פאַראַן כעפר־הארץ.

פון די פאַראַגווייער זשערבאַלן־פּלאַנטאַציעס, האָבן אומדערוואַרט געאַנקערט קעגנאיבער אונדז אַ „פּיראַגואַ”־לאָדקעלע (אַזאַ לאַנגע לאָדקע פון אַן אויסגעהוילטן גראָבן קלאָץ). די אַכצן וועסלערינס וואָס האָבן געפירט די פּיראַגואַ, זענען געווען גואַראַני־אינדיאַנערינס. ווי זיי האָבן דערציילט, זענען זיי אַנטלאָפן פון דער קאַטאָרזשנער אַרבעט ביי די געווינסלאָזע דײַטשע מאַגנאַטן. זייער הלבשה איז געווען בלויז אַן אַרומגעוויקלט, פיל־קאָלירט שטיקל געוועב, וואָס האָט צוגעדעקט טיילווייז דעם קערפּער, בלויז פונעם נאָפּל אַראָפּ.

ביים רויטן שיין פון די פלאַקערנדיקע שייטערס, האָבן די גואַראַניערינס אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווי גאַנץ שיינע. זייערע גרויסע אויגן — צייטיקע קאַשטאַנען, זייערע ברעמען און וויעס — שוואַרץ־

זיידענער פּליוש. נאָז און געטאָקטע ליפּן ווי פון אַ גאָניאַלן קינסטלער אויסגעשניצטע. זייערע אָוואַלע ברוסטן — ווי פון אַ ספּעציעלן, בראָנדז־קאָלירטן, גלאַנציקן מערמלשטיין סקולפּטירטע.

זיי אַלע זענען געווען גוואַלדיק הונגעריק און שטאַרק אָפּגעמאַטערט. די גוואַראַניערינס האָבן געגעסן וועטשערע מיט אונדז. זיי האָבן אונדז דערפאַר אויפן עקסטרעמסטן אופן אָפּגעדאַנקט...

די מיידלעך האָבן מורא געהאַט צו פאַרבלייבן מיט אונדז ביז טאָג. טאָמער וואָלטן זיי חלילה לאָקאַליזירט געוואָרן פון די גרויזאַמע „כאַפערס״, האָבן די טעראָריזירטע אינדיאַנקערלעך דערקלערט, וואָלטן זיי אפשר פאַרשמיסן געוואָרן צום טויט און קיינער וואָלט צומאָל נישט געוווּסט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

— פּראַקטיקע „שמעטערלינגען״, פאַרבלייבט מיט אונדז כאָטש ביזן אויפשיינען פונעם זילבערווייסן מאָרגנשטערן. איך אַליין וועל דיר שענקען דערפאַר אַ גוט שטיקל סחורה, בכדי זאָלסט האָבן מיט וואָס צו פאַרדעקן דיין מלאך־לייב — האָט דער פאַרכלינידיקער איליאַ זיך געבעטן ביי דער אָנפירערן פון די אינדיאַנקעס, מיט אַן אונטערטעניקייט פון אַ צעהיצטן צאַפּ.

— דו נאַרישעוואַטער ווייסער טייוול וואָס דו ביסט, מיט דיין האָריקער ברוסט פון אַ מוראַזשקע־בער און צעדרייטע ליטקעס פון אַ קראָט, האָסטו די העזה צו פאַרליבן זיך אין אַ גואַראַניער? דערצו נאָך האָסטו געהאַט די חוצפּה פאַרצולייגן געצאָלט פאַר דער ליבע? אַ גואַראַניערין האָט ליב בלויז פאַר ליבשאַפט און קיינמאָל נישט פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט, — האָט אים אָריינגעזאָגט טשאַפּאַרענגאַ, די אינדיאַנערינס עלטסטע, אַ מיידל אפשר פון צוויי און צוואַנציק יאָר.

— דו פאַרכליניעטער ווייסער טייוול! וועסט באַלד פאַרזוכן דעם אָנגענעמען טעם פון אַנדערע „שמעטערלינגען״, פליענדיקע, אויך פון ווייבלעכן מין, נאָר מיט זעקס פיס, אָנשטאָט צוויי ווי מיר פאַרמאָגן. אָבער דערפאַר אָן אונדזערע שטייפע ברוסטן און קיילעכדיקע היפטן, וואָס געפעלן דיר אַזוי ליידנשאַפטלעך־שטאַרק.

פונקט האַלבע נאַכט, מינוטן נאָך די גואַראַניערינס פאַרשווינדן מיט זייער פּיראָגוע־לאָדקעלע אין דער אָנטאַפּנדיקער חשכות אויף די ברויזנדיקע כוואַליעס פונעם פּאַראַנאַ, זענען מיר פּלוצים איבעראַשט געוואָרן פון אַן עקזאָטישן שמעטערלינגען־ספּעקטאַקל.

מיליאַרדן ברוינפאַרביקע שמעטערלינגען זענען פון ערגעץ געקומען צו פליען און זענען ווי אַ לאַווינע אַראָפּגעפאַלן אויף דעם שטיק פליי־

ערד, וואָס אַרום אונדזער אָפּרו־פּלאַץ. זיי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אַ שיכט איבער אַ שיכט, איינע איבער דער אַנדערער, אַזוי ווי אַ היישעריק־אינוואַזיע.

לכתחילה איז דער אויסטערלישער שמעטערלינגען־וויזיט געווען אַ ביז גאָר אַמוזירנדיקער פאַר אונדזער הומאָריסטישער באַהעמען־חבריה. די גיינעריקע יאַטן האָבן געכאַפּט די שווער־לייביקע שמעטערלינגען, זיי באַטאַפּט און באַקוקט פון אַלע זייטן. די יינגלעך זענען נשתומם געוואָרן פון די שמעטערלינגס געדיכטע האַריקייט. זיי האָבן זיך געשפּילט מיט די פענאָמענאַלע אינזעקטן, נישט געקוקט אויף מיינע וואָרענונגען, אַז דער מין שמעטערלינג איז געפערלעך פאַרן מענטשלעכן געזונט.

און איין פּערטל אַנגעטוענע, בלויז אין דינינקע טראָפּיקאַלע גאַטקעס, זענען די צעווילדעוועטע יונגען אַרומגעגאַנגען ווי די ציגיינערבאַהעמען מיט די באַרוועסע פיס איבער די אומגעלומפּערטע און לאַסקאַווע אינזעקטן, ווי איבער אַ פּערסישן טעפּיך. זיי האָבן צעטרעטן אין די מיליאָנען די „פּאַסיווע" און „אומבאַהאָלפענע" באַשעפענישן.

נאָר באַלד האָבן מיינע אַפּיקורסים זיך דערשפּירט גוואַלדיק באַלעסטיקט פון דעם שמעטערלינג־באַזוך.

מיך האָט גאָרנישט געשאַדט. מיך האָט קיין איין גיפטיקע שמעטערלינג צומאָל נישט אָנגערירט, ווייל עס האָט געאַווירט פון דער געמיינער קעראָסין, מיט וואָס איך האָב זיך אויסגעשמירט פון שפּיץ קאָפּ ביז די שפּיץ פינגער פון די פיס. און אויך מחמת איך בין געווען אָנגעטון אין אַ לעדערנעם אָנצוג און שטיוול מיט הויכע פּאַלאַינעס (שטופלען).

די שמעטערלינגען־אינוואַזיע זענען עס געווען די ווייבלעכע „הילעסיאַ", וועלכע געהערן צו דער ספּעציע, אָדער מין „ליכט־ליבנדיקע" אינזעקטן. ווייזט אויס, אַז דער צפון־ווינט האָט זיי געברענגט פון די בראַזיליענער דזשונגלען צו אונדזער פּלאַזשע אויסצולייגן זייערע אייעלעך, פאַרן קיום און המשך פון זייער מין.

קוים אַ האַלבע שעה נאָך דער שמעטערלינג־אידיליע, איז יעדער וואָס האָט נאָר געהאַט זיך אַ שפּיל געטון מיט אַ גראַציעזער הילעסיאַ, אַטאַקירט געוואָרן פון אַן אומטאַלערירעוודיקער קיצלדיקייט. דאָס בייסעניש איז ביי אייניקע געווען ממש ביז פאַרצווייפלונג ווי ער וואָלט געשמיסן געוואָרן מיט פּאָקריווע.

דאָס לייב פון די פאַרגיפטעטע מענטשן איז ראשית־כל באַדעקט געוואָרן מיט רויטע שפּרענקעלעך ווי מאַזלען־פלעקן, וואָס זענען אין משך פון געציילטע מינוטן אַרום, געוואָרן ווי אָפּגעבריטע וואַסער־בלאָזן,

וועלכע האָבן שפּעטער אויפגעפּלאַצט. צו די 24 שעה זענען די בלאָטערן געוואָרן ווי אַן אייטערדיקער שחין, מיט אַ האַרטער הויט פון אויבן, מיט אַמאַראַנטן-פלעקן אין הינטערגרונט, ווי די סאָריאַסים-מחלה.

אָבער נישט אַלע זענען אַטאַקירט געוואָרן מיט דער זעלביקער אינ-טענסיווקייט. בשעת ביי אייניקע האָט די אינפעקציע אָנגעהאַלטן נישט מער ווי פיר און צוואַנציק שעה, האָבן אַנדערע, די גאָר עמפּינדלעכע, וועלכע האָבן זיך שטאַרק צעקראַצט, געליטן אַכט און צען מעת-לעת, לויט דער מאָס קראַצעניש וואָס דער פאַרגיפטעטער האָט אָנגעווענדט אויף זיין גוף, בכדי צו באַרויקן זיך אַביסל פון דער גוואַלדיקער בייסעניש.

אין די מעדיצין-ביכער פון יענער צייט, איז דאַכט זיך, נאָך נישט דערמאָנט געוואָרן מיט קיין וואָרט צומאָל וועגן דער חולאת וואָס עס פאַראורזאַכט די הילעסיאַ-שמעטערלינג. אַזוי, אַז די פאַרגיפטעטע פון דעם קלאַס אינזעקטן האָבן געמוזט אָנקומען צו די פּשוטע פעלד-מענטשן פון די אַפּעקטירטע מקומות, וועלכע האָבן געהיילט די מחלה מיט אַלקאָ-האָל, קעראָסין, אָדער מיט לימענע-זאַפט.

און ווי די פויערים-זנאַכערם האָבן דערציילט, זענען די „אומשול-דיקע" הערעלעך פון דעם מין שמעטערלינג, אין דער אמתן, גיפטיקע שפּריץ-נאָדלען, הגם זיי זענען נישט לענגער ווי אַ צענטל פון אַ מילימע-טער. זייער גרעב דערגרייכט קוים צו אַ טויזנטסטל פון אַ מילימעטער. דער שפּיץ פון דעם האָר-שפּיזעלע איז שאַרפער פון אַ פּאַקריווע-שטעכערל.

יידן אויף גוישע פעלדער

ברייט און ווייט ביז צו די הימלישע בלויקייטן אַריין, זעען זיך די האָריזאָנטאַל־פלאַכע, קאָרדאָבער פעלדער (אין די געגנטן, ווו קיין בערג האָבן זיך נישט פאַרקליבן). ביז העט ווייט, ווו דער הימל ווערט מיט דער ערד באַהאָפטן, זעט דער וואַנדערער בלויז איין־איינהייטלעכן קאָליר — גאָלד. העל־גאָלד אין ווייצענע, גערשטענע און האָבער־זאַנגען.

אייניקע פעלדער, וואָס זייערע ראַנדן ווערן אין די שימערירנדיקע ווייטקייטן פאַרלוירן, זענען באַשטעקט מיט דינינקע, לאַנגע, שטרויענע שטענגלעך, געקעפּטע דורך ספּעציעלע שנייד־מאַשינען. בלויזע זאַנגען־קעפּלעך אַראָפּגעהאַקטע. שטייען די גיליטינירטע גאָלדענע שטרויען, עלאַסטישע, שטאָלצע און דאַנקען זייער באַשעפער, דעם אַרבעטזאַמען פויער, וואָס האָט אין ציים זייערע שווערע קעפּ אין זאַנגען־געשטאַלטן אַראָפּגענומען.

אָט גייט אַ שטאָלענע גולם־מאַשין, מיט דער זיכערער פעסטקייט און קראַפט פון צוואַנציק לייבן־פערד איינגעשפּאַנט.

גייט די מאַשין אין אַ קאָמפּאַקטן וואַלד פון די מיט פורפורענע זון־שטראַלן באַטאָקטע, גין־גאָלדענע, ווייצענע שטרויען; די מאַשין צופּט די וואַנסיקע, דיקע זאַנגען, וואָס ווערן מיט אַ ווילדן געפּילדער און פאַר־טויבנדיקן האַרמידער, אויפן אָרט געדראָשן. און באַלד אַליין, אין ספּע־ציעל אָנגעגרייטע זעק, שיט זי אָן די ריינע, ווייצענע קערנער. נאָר איין־איינציקער מענטש היט אָפּ די אָפּעראַציע; ער שטעלט גלייך אונטער אַ ליידיקן זאַק ווען דער פריערדיקער איז פול. ער פאַרנייט דעם פולן זאַק און לאָזט אים אַראָפּ הינטער דער געפּילדערדיקער מאַשין, אויפן שלאַכטפעלד.

נאָך דער שנייד־און דרעש־מאַשין גייט זיך פּאַמעלעך אַ וואָגן אין אַכט פערד געשפּאַנט. איין אָנטרייבער און צוויי געזונטע, מוסקולירטע יאַטן פון ביידע זייטן פור. הייבן אויף די פולע זעק תבואה, וואָס די דרעש־מאַשין לאָזט נאָך זיך.

ווי אַ מאָנסרועזער און האַרצלאָזער תליון גייט די שנייד־און דרעש־

מאַשין מיט אַ געשאָל איבער די פּרוכטיקע פעלדער. זי האַקט אָפּ אַן שום איינזען די גאָלד-בלאָנדע, ציטערדיקע, אַראָפּגעלאָזטע און שעפּטשענדיקע ווייצן-קעפּלעך פון די צאַרטע, שטרויענע העלדזלעך.

ווייטער, ווו די זון פאַרגייט. אויף אַ צווייטנס פעלד, גייט אויך אַ מאַשין, גאָר אַ גרויסע און האַקט גאָר די תבואה-שטרויען מיט די זאַנגען, שוין כמעט ביי דער ערד. האַרט נאָך דער מאַשין פאָרט נאָך אַ הויכער און ברייטער וואָגן. די שנייד-מאַשין, ווי אַ וווּלקאַן-אויסברוך, שיט די לאַנגע שטרויען מיט די פולע זאַנגען אין דער ברייטער פור אַריין, ווו עס שטייט אַ מענטש. ער לייגט איין פאָרזיכטיק דאָס שטרוי. דער מענטש מוז אַרבעטן פלייסיק. טאָמער נישט, וואָלט ער אין איין מינוט צייט, פאַרשיט געוואָרן און אפשר דערשטיקט אויך פון דעם אָנגעשאָטענעם שווערן שטרוי.

אַן אָנגעפולטע פור ביז איבער אַ שטיק הויך, לויפט האַסטיק אוועק, ווו עטלעכע פאַרברוינטע, האַלב-נאַקעטע יונגען אין ברייטע, שטרויענע הי͏ט אויף די קעפּ, שטייען און מאַכן סטויגעס. הויכע און לאַנגע (אַ פּאַרוואַ).

שטייט אַ שוואַרצער קאָלאָס אין אַ לאָקאָמאָטיוו-געשטאַלט, געטריבן מיטן כוח פון פייער און פאַרע. שטייט זיך די דאַמף-מאַשין נעבן אַ נאָר-וואָס געמאַכטע „פּאַרווע" (סטויג) מיט די לאַנגע ווייץ-שטרויען, און מענטשן, ווי שלמה המלכס מוראַשקעס, געאיילטע און פלייסיקע, זענען אָנגעטון אין ברייטן און קורצע „באָמבאַטשאָס" (ברייטע הויזן) און אַרבעטן ווי די באַשטראָפטע פון דאַנטע אַליזשיערי אינעם פייערדיקן גהינום, נעבן דעם שוואַרצן פאַראָון קאָלאָס, מיט אַ ווילדן געיעג און שטורמישן ווירבל.

——:: ——

„שטייט אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן!"... — האָב איך פּלוצים דערהערט אָפּקלינגען פון דער ווייט אין גינגאָלדענעם ים פון אַלערליי זאַנגען און באַצירטן פעלד אַריין. איך האָב אָפּגעניגט פון וועג און בין צוגעפאָרן מיט מיין „סולקי" (אַזאַ זייער גרינג וועגעלע פאַר צוויי מענטשן) ביז צו דער גרופּע אַרבעטער, וואָס איז געזעסן אין שאָטן פון דער לאַנגער און הויכער „פּאַרוואַ" (סטויג), נאָכן מיטיק עסן.

צווישן די נישט-יידישע אַרבעטער זענען געווען אכט יידן. די צוויי וואָס האָבן געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" האָבן מיר געזאָגט, אַז איינער איז פון נאָוויגרודעק, פון דער אַנדערער זייט ווייסל, אַ צען מייל פון וואַרשע. ער איז געווען פון מיטלמעסיקער הייך און פעסט-געבויטער

יונג; ער האָט געהאַט אַ רויטן קאָפּ קאַראַקולענע האָר און געקלייעטן פּנים. ער האָט געשפּרודלט מיט גבורה. דער צווייטער, פון ווילנע, אַ געוועזענער ישיבה-בחור. ביידע, נישט קענענדיק אַריין, איינער קיין רום-לאַנד און דער צווייטער קיין ארץ-ישראל זיך צו פּראָלעטאַריזירן ביי עבודת-אדמה, זענען געקומען קיין אַרגענטינע און דאָ געוואָרן פאַר-ברענטע יעווסעקן.

פינף זענען געווען פּועלי-ציוניסטן מבטן ומלידה. נאָר איינער, דער אַכטער, שוין אַן עלטערער, האָט געשוויגן. אויף זיין לענגלעכן פּנים מיטן הויכן שטערן האָט זיך געמערקט עפּעס אַזאַ קאַלטקייט, אַז עס האָט מיך אַריינגעטריבן אין אַ פאַרלעגנהייט.

לויט זיין הויכן און געקאַרבטן שטערן, לענגערע טשופּרינע, שוואַרץ ווי אַזאַבאַטשע, מיט זילבערנע פּעדימלעך דורכגעוועבטע, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פילאָזאָף. און געווען איז ער נישט מער ווי אַ גע-וועזענער קוענטעניק (פּעדלער), וואָס די „מאַריאַס" (קליענטקעס) האָבן אָנגעזעצט און ממש געלאָזט נקי. ער האָט קוים געראַטעוועט זיין ערע. און אַלץ צוליב זיין „קאַלטקייט". געטרויען און גלויבן אין די גויעס ערלעכקייט (ווי ער אַליין האָט דערציילט). דערפאַר איז ער אויך גע-וואָרן אַ פּראָלעטאַריער.

מיר לייגן די האַנט אויפן האַרצן און שווערן
קעגן אומרעכט און דריקער צו קעמפן מיט מוט,
צו שאַפן אַ וועלט אָן קנעכט און אָן הערן,
אַ לעבן אַ פרייען אָן טרערן און אָן בלוט.

ביי אונדזער געשיכטע וואָס איז אָנגעשריבן
מיט אונדזערע טרערן, מיט אונדזער בלוט,
ביי דעם אַלעם מיר שווערן דאָס פאָלק היים צו ליבן
און קעמפן פאַר אים מיט ענערגיע און מיט מוט.

מיר שווערן צו צערייסן די קייטן אויף שטיקער
פון אונדזערע געבונדענע, ווונדיקע הענט,
אַראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון די דריקער,
פאַרלאָזן דעם גלות, די פינצטערע ווענט! ...

דאָס האָבן זיך געזונגען די פינף פּועלי-ציונים אונטערגעהאַלפן פון די צוויי קאָמוניסטן. די יידישע זינגער וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט

פון די צוועלף נישט־יידישע ארבעט־חברים, עקזאלטירטע, מיט אפענע מיילער און ארויסגעגלאצטע אויגן, האבן צווישנאנאנדער זיך געפרעגט: וואס און אין וועלכער שפראך די סימפאטישע „גרינגאס״ זינגען עס אזוי שיין?

דער געוועזענער קוענטעניק האט געוואלט ווייזן, אז ער קען אויך „עפעס״, האט ער געזונגען „התקוה״ מיט א זעלטן־פיינער באריטאן־שטימע, נאר מיט א חזנישן ניגון. פאר איינוועגס האט ער מיט א פרומער גייסטיקייט זיך געגרייט צו דער ארבעט.

— אך, אך, אז דער רבונו של עולם וויל אזוי, נו, מילא, זאל זיין אזוי — האט ער אנגעהויבן רעדן טרויעריק צו מיר. — אך, אך, איך בין נישט דאס וואס איר מיינט. איך בין נישט קיין ארבעטער. אין בוענאס־איירעס בין איך געווען אן אנגעזעענער קאמערציאנט, א קוענטעניק, און דא בין איך גאר א „פעאן״, א שווארץ־ארבעטער. שוין עטלעכע וואכן ווי איך ארבעט מיט די צוויי יעווסעקן, אמתדיקע אנטיסעמיטן... איך האב נאך נישט געהערט פון זיי ביידע קיין איין עכט יידיש פאלקס־ליד, ביז עס זענען נעכטן צוגעקומען נאך פינף יידישע פויערים. טאקע נישט קיין פרומע, נאר הארציקע נאציאנאלע יידן זענען זיי.

א שיינע ריינע מפלה אויף טראצקים קאפ.

נאטס צארן האט אים שוין געשטראפט. ווען נישט אט דער שונא־ישראל, וואלטן אט די צוויי אנטיסעמיטן, איך מיין יעווסעקן, נישט גע־זינגען דעם סטאליניסטישן אינטערנאציאנאל, נאר יידישע, עכט יידישע לידער, אזוי ווי איך זינג, און ווי די אנדערע פינף יידן דא מיט אונדז זינגען.

„כל עוד בלבב פנימה נפש יהודה הומיה...״

אלע האבן אין כאר מיטגעזונגען, אויך די קריסטלעכע ארבעטער. אפילו דער באלעבאס דאן עסטעבאן האט אויך צוגעברומט מיט א ניגון פון אן אלטן גלח, בעת ער זינגט א תפילה, מיט לאנגע, אויסגעצויגענע נאטן, ביי א רייכן מת.

— לעבן זאל אונדזער קאפלמייסטער, דער סעניאר, דאן כערעמיאס!

— האבן אלע מיט פולע ברוסטן א מעכטיקן ברום געטון און דער ווידער־קול האט נאכגעשריגן מיט אן הארמידער־געשאל.

— זעט איר שוין, ווי הייסט איר? אז נישט נאר יידן, איך מיין נישט קיין יעווסעקן חלילה, נאר אפילו די ערלים, זענען אויך צופרידן פון אן עכט יידישן הימן מער ווי פון דעם קאמוניסטישן אינטערנאציא־נאל, וואס וויל אונטערגראבן אונדזער הייליקע תורה, וואס איז די

עטישע און מאָראַלישע זײַל נישט נאָר פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, נאָר פֿון דער גאַנצער מענטשהייט.

נאָר מער פֿון אַלץ איז מיר פֿאַרדראָסיק אויף דעם הויכן „שוואַרצן" בחור מיט די צוויי גרויסע בערישע לאַפּעס, וואָס פֿאַרמאָגט אויך אַ בייזע גבורה פֿון אַ פֿערד. יאָ, אויף אים פֿאַרדריסט מיך זייער שטאַרק.

— פֿאַר וואָס עפּעס נאָר אויף אים, דעם אַטלעט, זענט איר אַזוי אין כעס, און אויפֿן חבר זײַנעם פֿאַרדריסט אײַך גאָרנישט? — האָב איך אים אַ פֿאַרחידושטער געפֿרעגט.

— וואָס הייסט פֿאַר וואָס? ווײַל ער איז לכתחילה געווען אַ מתמיד אַ ישיבה־בחור. געוועזענער בירגערלעכער ציוני. דערנאָך, פּועלי־ציוניסט און היינט — אַ יעווסעק. און אַנשטאָט צו זינגען דעם ייִדישן הימן — „התקוה" — אָדער אַן אַנדער ייִדיש ליד, מעג זײַן אַ פּראָלעטאַריש, פֿון מ. ראָזענפֿעלד, א. רייזין, י. ל. פּרץ, ביאַליק אָדער שלום־עליכם, זינגט ער גאָר צוזאַמען מיטן פּויליש־ייִדישן אַנטיסעמיט, וועלכער האָט אַ רויטן קאָפּ האָר ווי דער מלאך המוות און קודלעוואַטע ווי טראָצקי — טאַקע דעם קודלעוואַטן טראָצקיס אינטערנאַציאָנאַל.

— און פֿאַר וואָס זענט איר עפּעס אַזוי ברוגז אויף טראָצקין, מער ווי אויף אַלע אַנדערע גרויסע ייִדישע רעוואָלוציאָנערן? — האָב איך געפֿרעגט נײַגעריק.

— וואָס הייסט פֿאַר וואָס? ווײַל דער קודלעוואַטער ייִד, טראָצקי, ימח שמו, איז מער קאָמוניסט פֿון אַלע קאָמוניסטן, אַ בראָך אין זײַנע ביינער אַרײַן! ער איז דאָך עקסטרעמער פֿון לענינען, אַפֿילו פֿון אַלע ערלים צוזאַמען, מיין איך. און ווען זיי, די קאָמוניסטישע העכט און היי־פֿיש פֿונעם „קרעמל", קרעמלין מיין איך, זאָלן זיך חלילה צוהערן צום רויטן טראָצקי, וואָלטן מיר שוין קיין גראָשן געלט נישט געהאַט אויף דער וועלט. אַ „יעדנעראַל" (גענעראַל) וואָלט געווען גלײַך מיט אַ סאָל־דאַט, אַן אוקראַאינישן, צי אַ פּויערישן פּוילישן, אַנטיסעמיטישן כאַם, אַ רבי מיט אַ פּראָסטן בעל־עגלה, אַ דאָקטער מיט אַ פּשוטן שוסטער, אַ כראַביע מיט אַ שנאָרער... מיט איין וואָרט, מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין פּרוטה ביי דער נשמה פֿאַר וואָס עפּעס צו קויפֿן. כאָטש נעם און פֿאַרקויף, אָדער פֿאַרזעץ מײַן ייִדענע פֿאַר אַ שיבוש, בכדי צו קענען קויפֿן אַ פֿונט ראָזעווע ברויט... ווען איך דערמאָן זיך טראָצקיס טריפֿענעם נאָמען, מיין איך נישט טראָצקין אַליין, נאָר אַלע ייִדישע ממזרים, משומדים, בוגדים, וואָס אויף זייערע קעפּ איז שוין אויסגעגאָסן גאָטס שטראָף. בור כרה ויחפרהו, ויפול בשחת יפעל!

יאָ, דער קודלעוואַטער „פּיראָויגיקער״ (באַברילטער) לייבעלע טראָצקי, האָט געוואָלט אונטערגראָבן די גייסטיקע פונדאַמענטן פון דעם יידישן פאָלק, ארץ־ישראל מיטן קרן־היסוד. אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני. אַנשטאָט שיקן שקלים בכדי צו פלאַנצן וועלדער אין די מדבריות פונעם נגב און אויף די זומפּן פון דעם יידישן לאַנד, האָבן די יעווסעקן גאָר געמאַכט אַן איבערקערעניש און ווילן גאָר באַזעצן דאָס ביסל יידישע האָראָפּאַשניקעס אין בּיראָבּידזשאַן, אין די טייגעס און געפרוירענעם סיביר און אין קרים! אַ קרימעניש אין זייערע הערצער אַריין. און נאָך, און נאָך...

— וואָס נאָך ווילט איר, האָ?

— אַ רוח אין טראָצקים טאַטע־מאַמע אַריין! דאָס וויל איך. ווייסט דען נישט טראָצקי אַז דער גרוזינער סטאַלין איז אַ שונא־ישראל און אַז ער וועט קיינמאָל נישט דערלויבן, אַז יידן זאָלן זיך באַזעצן אין דעם וואַרעמען קרים. דער כיטרער סטאַלין וויל יאָ אַז אַלע יידן זאָלן זיך באַזעצן אין בּיראָבּידזשאַן, בכדי די יידן זאָלן זיין אַ שפּרינגברעט און אוואַנס־פּאָסטן קעגן יאַפּאַן און קעגן כינע. און ווייסט איר דען נישט, אַז די אַלע יידן וואָס וועלן זיך לאָזן אַריינגאַרן צו ערד־אַרבעט אין דעם ווייטן און קאַלטן בּיראָבּידזשאַן וועלן אויסגעפרוירן ווערן ווי די „קוקאַ־ראַטשאַס״ (טאַראַקאַנען)? אָט די אַלע יידן וואָס וועלן זיך לאָזן אַריינ־נאַרן אין דער פּאַסטקע, וועלן שוין זיין פאַרלוירן פאַרן יידישן פאָלק און אַפילו פאַר די סאָוויעטן גופא, ווייל קיין שום עטנישע גרופּע אין דעם גרויסן רוסלאַנד איז נישט אַזוי טריי ווי מיר יידן. אַ רוח אין טראָצקים טאַטן אַריין!...

און טאַקע ווייל די יידן פון די סאָוויעטן זענען אַזעלכע מין טרייע בירגער, וועט סטאַלין זיי אַלע אויסדישען. אַזוי, אַז די יידישע קאָלאָ־ניסטן פון רוסלאַנד, זענען פאַרלוירן פאַר אונדזער הייליקער „קאַוסאַ״ (פאַר אונדזער זאַך). זיי, די קאָלאָניסטן, די יידישע, מיין איך, וועלן שוין קיין איין סענט אויך נישט געבן פאַר אונדזער הייליקן ארץ־ישראל, ווייל זיי רעכענען איצטער רוסלאַנד פון די פּאָגראָמען, רוסלאַנד וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט אונדזער בלוט, פאַר זייער ארץ־ישראל. און פון אונדזער הייליק לאַנד פון אונדזערע אבות אבותינו, וועלן זיי אינגאַנצן זיך אַוועק־קערן. און טאַקע דערפאַר וועט דער בלוטיקער טיראַן סטאַלין זיי אַלע אויסשעכטן ווי די קעלבער. און אַלץ צוליב דעם קודלעוואַטן טראָצקי, וועלכער וויל מאַכן פון דער גאַנצער וועלט איין היים, איין משפחה. אַ רוח אין טראָצקים טאַטנס טאַטן אַריין, אמן!...

פּלוצים האָט די מאַשין אַ שאַרפֿן פֿײַף געטון, אַ הויכער, אָנגעפּרע-סענער, טונקעלער אימאַראַ-אינדיאַנער מיט אַן אָנגעשטאָפּטן בויך ווי אַ שוואַנגערע קו, אַ גרויסן קאָלד-רעוואָלווער בײַ דער זײַט און לאַנגן מעסער אין אַ זילבערן שיידל אין ברייטן לעדערנעם גאַרטל, האָט מיט אַ מעשענעם גלאָק געמומען קלינגען. דערצו נאָך האָט ער זיך צוגעשריגן מיט אַן אַלקאָהאָליזירטן קול:

— „אַ טראַבאַכאַר"! (אַרבעטן).

— „וויוואַ לאַ רעוואָלוסיאָן סאָסיאַל"! (לעבן זאָל די סאָציאַלע רע-וואָלוציע) — האָט דער ווילנער אַ רעווע געטון אין אַ בלעכענער טרובע אַרײַן.

— וויוואַ, וויוואַ! — האָבן אַלע אַרומיקע אונטערגעכאַפּט; און נעמענדיק די ווידלעם אין די הענט, האָבן אַלע אין כאָר אָפּגעזונגען די ערשטע סטראָפֿע פֿון „היכאָ דעל פּועבלאָ" (קינדער פֿון פֿאָלק — סאָציאַ-ליסטישער הימן אין אַרגענטינע).

— „מוטשאַטשאָס, אַ טראַבאַכאַר, באַסטאַ דע טשאַמוזשאַר"! (ייִנג-לעך צו דער אַרבעט, גענוג שוין געגאָדערט!) — האָט געברומט אונטער די ציין דער גרויסער אימאַראַ-אינדיאַנער, וועלכער איז געווען אי מאַ-שיניסט, אי באַלעבאָס פֿון דער גרויסער דרעש-מאַשין.

— וויוואַ לענינע אי טראָצקי, לאָס דאָס האָמברעס מאָס גראַנדעס דעל סיגלאָ! (לעבן זאָלן לענין און טראָצקי, די צוויי גרעסטע מענטשן פֿונעם יאָרהונדערט!) — האָט אַ לעצטן געשריי געטון דער אויוון-הייצער, אַ ציגײַנער-שייגעצל פֿון אַ יאָר זעכצן.

— לעבן זאָלן בער באָראָכאָוו, דר. הערצל און חיים נחמן ביאַליק! — האָבן די פּועלי-ציוניסטן אויסגעשריגן אויך אין שפּאַניש, בכדי די קריסט-לעכע אַרבעטער זאָלן פֿאַרשטיין.

די צוויי שטילינקע בונדאָווצעס, נאָר ביז גאָר סימפּאַטישע מאַקאָ-ווער ייִנגלעך, מיכל קאַפֿקאַ און בן-ציון פּוזשיצקי, ביידע מיט גלאַטע, פֿלאַקסענע שויבערס, מיט אַ בליק פֿון עכטע פּוילישע שקאָצים, האָבן מיט אַ חסידישער התלהבות געזונגען די בונדישע שבועה, די מאַרסע-ליעזע און „הוליעט, הוליעט". צום סוף אַ געשריי געטון אין שפּאַניש: „לעבן זאָל ווינטשעווסקי! לעבן זאָל מעדעם, לעבן זאָל פֿראַנץ קורסקי"!

— ווי וואַ, וויוואַ!... — האָט דער געוועזענער קווענטעניק, די צוויי יעווסעקן, די פּועלי-ציוניסטן און די נישט-ייִדישע אַרבעטער, אַפֿילו דער

אומהיימלעכער באַלעבאָס אַזאַ ריטש געטון, אַז זייער געברום האָט אָפּ־געהילכט ווייט אַרום.

——::——

אַ געריוש און אַ שטורעמדיקער געפּילדער, האָט אין איין רגע, אין איין אויגנבליק פאַרהילכט די לופט ביז ווייט אַרום. די פּאַראָווע מאַשין און די מענטשן אַרום איר, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין ריזיקן מאָנסטער. די מאַשין האָט געשפּיגן רויך און פּאַרע אין אַלע זייטן. די מאַשין האָט געדונערט. די ערד אונטער זיך האָט געציטערט. אויפן לאַנגן, הויכן און ברייטן סטויג זענען געשטאַנען מענטשן אין טייוולאָנים־געשטאַלט, דרייפערטל נאַקעטע. זיי האָבן געליפערט די נאָך־נישט גע־דראָשענע ווייצן־שטרויען אין אָפענעם פּיסק פונעם לאָקאָמאָטאָר, וואָס האָט מיט אַ ווילדן האַרמידער אויסגעדראָשן די פולע ווייצן־זאַנגען. און די אויסגעדראָשענע, כמעט צעריבענע שטרויען, צוריק אַרויסגעשליי־דערט דורך אַן אַנדער מויל.

די דעצעמבער־זון האָט געשרפהט. איך האָב זיך געבראָטן אין מיין אייגענעם פעטס. די דרעש־מאַשין האָט פון דער נאָענט קאָנקורירט מיט דער היץ פון דער זון. זי האָט געברענט און געבראָטן מיין פּנים, מער ווי דאָס זון־פייער.

די פאַרברויינטע און פאַרברענטע אַרבעטער האָבן געמאַכט דעם איינדרוק ווי די פאַרמשפּטע אין דאַנטעס גיהנום. די מענטשן האָבן שווער געסאָפּעט, דער שוויים האָט זיך קוואַליק געגאָסן. דאָך האָבן אַלע געאַרבעט פלייסיק, מיט אַן אויסטערלישער שנעלקייט, ווי זיי וואָלטן געווען אויטאָמאַטן, וואָס האָבן געוואָלט נישט נאָר דעריאָגן די מאַשין, נאָר זי אויך איבעריאָגן.

נעבן דעם פייערדיקן מויל פון דער דאַמף־מאַשין, איז אַרומגעלאָפן דאָס חנעוודיקע נאָר אויסגעצערטע יונגע שייגעצל. ער האָט אַריינגע־וואָרפן די צוזאַמענגעפּרעסטע בינטן אויסגעדראָשענע שטרויען אין דעם גיהנום־פּיסק, וואָס פלעגט כהרף עין פאַרברענט און פאַרשלונגען ווערן פון דער תמיד הונגעריקער דרעש־מאַשין. פאַר דאַנקבאַרקייט, האָט די פּאַראָווע דרעש־מאַשין אַרויסגעשטעקט אירע פייער־צונגען, ווי אַ חוזק צום בלאָזן, נאָר נעבן דעם שרעקלעכן פייער־אַמאַראַנטן רויטן יינגל, ווי זאָגנדיק: ווען מען זאָל דיר ליפערן אַזוי פיל פרעסן ווי מיר, וואָלסטו אויך געווען אַזוי גראָב ווי מיין באַלעבאָס.

אַדיאָס מוטשאַטשאָס! (אַדיע יינגלעך) — האָב איך אַ געטריי גע־טון. נאָר קיינער, אַחוץ דעם באַלעבאָס דאָן עסטעבאַן, האָט מיר נישט

געהערט, ווייל דער געפּילדער פון דער מאַשין האָט פאַרטויבט מײַנע ווערטער.

— „וואַיאַ קאָן דיאָס! אי סי טיענע גאַנאַס, אַיאַ פּאַדראַ קאָמער" (גייט מיט גאָט! און אויב איר האָט חשק, קאָנט איר דאָרט עסן) — האָט ער אַ געשריי געטון פון דער בויד אַרוים. ער איז אַרוים און גייענדיק צו דער דרעש־מאַשין וווּ זײַן געהילף איז געשטאַנען, האָט ער מיר נאָכ־געשריגן:

— „אַדיאָס, אַדיאָס! אַיאַ, אַיאַ, דאָנדע עסטאַ על אָמבו, פּאָדראַ קאָמער אי טשאַרלאַר, אי נאָ אָקאַ" (אַדיע, אַדיע! דאָרט, דאָרט, וווּ עס שטייט דער אָמבו־בוים, וועט איר קענען עסן און פּלוידערן, אָבער נישט דאָ)...

ווײַטער אַ ביסל פון דער דרעש־מאַשין, אַ צוויי הונדערט מעטער פונעם געטומל און ווילדן געפּילדער, איז געשטאַנען אַ וויזאָרישע ראַנטשאָ פון געדיכטע קוקורוזע־שטאַנגען, מיט אַן אָפּלויף־דאַך פון שטרוי.

דאָס הײַזקעלע אינעם געשטאַלט פון אַ ציגן־שטעלעכל, איז געשטאַנען אונטער אַן אָמבו־בוים, וואָס זײַנע גרין־באַבלעטערטע צווײַגן, האָבן פאַרנומען איבער פערצן מעטער לאַנג. נעבן דעם ברייט־צעשפּרייטן אָמבו, איז געווען אַ געדיכטער קוסט פון ווײַנענדיקע ווערבעס.

— „אַדיאָס, רוביאָ, אַדיאָס, אַדיאָס!" — האָט אַ יונג, קוויטשעדיק קולעכל מיר נאָכגעשריגן.

געווען איז דאָס די קוכערן פונעם גאַנצן געזינדל אַרבעטער אַרום דער דרעש־מאַשין. אַ שוועסטערל פונעם אויוון־הייצער. זי איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן מיט אַ קליין קינדעלע אויף דער שויס, וואָס זי האָט נאָר־וואָס אַנטשלעפּט. זי האָט עס געלייגט שלאָפן אויפן גראָז צווישן דעם ווערבע־קוסט.

— איר ווילט אפשר עפּעס איבערבײַסן און צוטרינקען? עס איז נאָך פאַראַן אַ סך רוי פלייש גרייט צו בראָטן, גאַזשעטאָס צו קײַען. עטלעכע דאַמאַכואַנאַס (גאָנשערס) ווײַן מיט צובײַסן. איר וועט קענען עסן און טרינקען וויפל ס'ע וועט נאָר אײַן אײַך אַרײַן, און מײַן קוואָטער וועט צומאָל גאָרנישט וויסן.

איך בין וואָס אַן אמת געווען שטאַרק הונגעריק און דאָרשטיק. איך האָב זייער גערן אָנגענומען די אײַנלאַדונג. איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד אין שאָטן, צווישן שמעקעדיקע ווילדע רויזן, סאַלוויאַ, אַסוסענאַס, כאַבער און אַנדערע אַראָמאַטישע בלומען און גראָזן. עס האָט

געלאָקט און געלאַשטשעט אַ צאַרט, פריש ווינטעלע. איך בין געווען אַ ביסל צעטומלט. דאָס האַרץ האָט מיר שרעקלעך געקלאַפּט. איך האָב פאַרלוירן דאָס לשון. איך האָב געמיינט, אַז שוין, שוין, איך שטאַרב נעבן דער זייער סימפּאַטישער מיידל־מוטער.

עס האָט נישט געדויערט קיין פופצן מינוט און איך האָב שוין געהאַט פאַר זיך אויף אַ בלעכענעם טעלער אַ האַלב־געבראָטענעם ריזיקן „טשוראַסקאָ״ (ביף), אַ גרויסע ציבעלע, שאַרפע פעפערלעך, קנאָבל, פיר „גאַזשעטאַס״ (טרוקענע פלעצלעך) און אַ קרוג „שוואַרצן״ וויין.

— זענט איר אַ חתונה־געהאַטער? — האָט זי מיך פלוצים אַ פרעג געטון.

— ניין, נאָך נישט. איך וויל איצט חתונה האָבן — האָב איך אויטאָמאַטיש געענטפערט. — און איר? — האָב איך זיך געווענדט צו איר.

— איך, איך בין אויך אַ מיידל. דער קוואַטער, דאָן עסטעבאַן, איז דער טאַטע פון דעם שוועלבעלע. ער האָט נאָך אַ ווייב מיט עלף קינדער — האָט זי געזאָגט גלייכגילטיק. — יאָ, ער איז רייך, זייער רייך — האָט זי פאַרגעזעצט ווי פאַר זיך — ער איז אַ צוגעלאָזטער צו מיר. ער קליידט מיך, באַשיכט מיך און ער גיט מיר אַ פּאָר פעזעס אויך אַמאָל, איך זאָל עס אַהיים שיקן פאַר מיין מאַמען. ווייל מיין מאַמע האָט דאָך מיך געשיקט אַהער צו מיין קוואַטער, דאָן עסטעבאַן, וועלכער איז אויך מיין מוטערס אַ ברודער פון איין טאַטן. מיין קוואַטער האָט אַ גוטן „שטערן״. זיין גוטער שטערן האָט אים באַגליקט. דאָס גליק האָט אים געהאָלפן און ער איז געבליבן מיט אַלץ. און אַלע אַנדערע ברידער און שוועסטער פון אַלע אַנדערע מאַמעס, וואָס מיין זיידע. דאָן סיקסטאָ זשונגאַ, האָט געהאַט פון אַ סך ווייבער, כאָטש ער איז געשטאָרבן אַ בחור.

— דאָן עסטעבאַן מאַראַקאַ האָט נאָך ייִנגלווייז זיך אויפגעהאַלטן מיט מיין מאַמען זייער גוט, נאָך דעמאָלט, ווען דער זיידע, דאָן סיקסטאָ זשונגאַ, זאָל אין פרידן רוען, האָט נאָך געלעבט. נו, דעמאָלט שוין, איז דאָן עסטעבאַן מאַראַקאַ געווען נישט נאָר דער בעסטער פעאָן און אויפזעער פון דער אַמאָליקער עסטאַנסיאַ קיאָקענטאָנדינגאָס פון מיין זיידע דאָן סיקסטאָ דזשונגאַ, נאָר אויך דער בעסטער און קליגסטער קאַודיזשאָ פון זיין „פּאַגאָ״ (געגנט, גוט). דאָן עסטעבאַן מאַראַקאַ האָט דערשאָסן צוויי קאָמיסאַרן, ווי זשילאַנטן (פּאָליציסטן) אָן אַ צאָל, עטלעכע זעלנער, און אַפילו אַ דעפּוטאַט מיט זיין ווייב און זייערע צוויי קינדער, אַבי צו פאַרזיכערן אַ זיג דעם זיידן דאָן סיקסטאָ, וועלכער איז טאַקע געוואָרן

אינטענדענט פון דער גאַנצער געגנט פון „לאַ פּיקאַסאַ". און דערנאָך צוויי מאָל גענעראַל־קאָמיסאַר.

און מיין מאַמע פלעגט אַפילו נייען פאַרן זיידן און פאַר מיין קוואַטער, דאָן עסטעבאַן, פון העמדער, ביז אַ רעקל און „באָמבאַטשאַס" (מייטקעס).

מיין מוטער האָט דאָן געוווינט אין ווילאַ נועוואַ, נעבן דער אינקאַישער פעסטונג פון אַליאַנטאַיטאַמבאַ. און איין מאָל, בעת זי האָט געברענגט אַ ביסל העמדער פאַר מיין זיידן, בין איך געבוירן געוואָרן.

יאָ, מיין ברודערל אַרבעט דאָך אויך ביים קוואַטער — האָט זי פּלוצים — געביטן דעם טראַגישן קורס פון איר דערציילונג, אָננעמענדיק אַן ערנסטע מינע. — יאָ, מיין מאַמע איז אפשר געווען די צוואַנציקסטע ווייב, און איך בין דעם זונס — איך ווייס נישט די וויפלסטע, כאָטש ער האָט איינע אַ געזועצלעכע. מיין מוטער האָט געאַרבעט פאַרן זיידן, און איצטער אַרבעט איך, מיין מוטער און ברודערל פאַר „אים"; אַזוי איז עס...

און איר ווייסט? איך גלויב מער נישט אין גאָט! מיין מוטער אויך נישט; מיין ברודערל זאָגט, אַז אין גאָט גלויבן נאָר די רייכע. מיין ברודערל איז געגאַנגען אין שולע פון מאַקסימאַליסטן. און ווען ער האָט נאָר צייט, לערנט ער זיך אַליין. ער זאָגט, אַז די רייכע לייט זענען זייער פרום, ווייל זיי האָבן אַ גאָט, וואָס איז אַ קאַלב פון גאָלד. און די נאָך רייכערע, דינען צו דימענטן און בריליאַנטן.

— טאָ פאַר וואָס זשע אַרבעט איר אַלע אַזוי פאַר אים אומזיסט? — האָב איך איר געפרעגט.

— דאָן עסטעבאַן איז דאָך מיין אומגעזועצלעכער מאַן! טאָ ווו וועל איך גיין? ווער וועט מיר וועלן צונעמען מיט אַ קליין, מיט אַ פּיצל קינד? און מיין מאַמע ראָט מיך, אַז איך זאָל נאָך ביי אים זיין, אפשר וועט ער זיך דערבאַרימען און וועט רחמנות האָבן אויף מיר מיט זיין קינד. דערפאַר מוז איך אַרבעטן פאַר אים. — האָט זי געענטפערט מעלאַנכאָליש, פול מיט טרערן־פאַרלאָפענע אויגן.

— איר ווייסט „פראַנקאַיס" (פראַנצויז), איר געפעלט מיר אָבער בעסער, ווייל איר זענט נישט אַזוי גרויס, גראָב און שוואַרץ ווי ער, ווי דאָן עסטעבאַן... און אַפילו דאָס קינדעלע זיינס האָב איך אויך נישט איבעריק ליב, ווייל, ווייל איך האָב עס געבוירן קעגן מיין ווילן.

— וואָס הייסט, קעגן אייער ווילן, איז געבוירן געוואָרן אייער קינד? — האָב איך תמעוואַטע זי געפרעגט.

— איך בין דעמאָלט קוים דרייצן יאָר אַלט געווען. איך בין מיר געזעסן רויק אויף אַ דריי־פוסיק בענקעלע און געמאָלקן אַ קו, ווען ער האָט מיך הינטן אַרום פּלוצים אַ כאַפּ געטון, אַזוי ווי אַ בויטרע (אַזאַ ריזיקער רויב־פויגל) כאַפּט אַן אומבאַהאָלפן הינדעלע. ער האָט דאָס קליידל מיר פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ. איך בין שיר נישט דערשטיקט געוואָרן פון נישט קענען כאַפּן דעם אָטעם. ער האָט מיך אָפּגעלאָזט אין גאַלפּאַן (שייער) אַ האַלב טויטע, צעביסענע, צעבלוטיקטע און צעבײלטע...

איך האָב פיינט דאָס קינד, כאָטש עס איז מיין בלוט און פלייש, ווייל עס איז אַזוי העסלעך ווי ער, ווי זיין טאַטע! — האָט זי שטיל אַ שעפּטשע געטון.

דאָס קינדעלע איז גראָדע נישט געווען אַזוי מיאוס ווי זי, די מוטער זיינע האָט אים געמאָלט. נאָר אמת, אַז דאָס גאַנצע פּנים האָט דאָס קינד געהאַט פון דן עסטעבאַן. און צו דריי יאָר, איז דאָס געווען ווי אַ קינד פון פינף יאָר.

דאָס שיקסל, מיטן נאָמען פּאַיטאַ, כאָטש אַ ברונעטקע, איז אָבער געווען אַ ווייסהויטיקע, מיט שוואַרצע קלעאָפּאַטראַ־אויגן, מיט אַן אינקאָגניט פון אַ טיפן תהום; אירע גלאַנציק־שוואַרצע צעלאָזענע האָר, ווי זיידענע קאַרבן פון זיך אַליין געלאָקטע; אירע ברעמען געדיכטע, האַלבּרייפע און שוואַרצע, האָבן געגעבן דעם אויסזען פון איר זעלטן שיינעם פּנים, ווי ס'וואָלט געווען איינגעפּאַסט אין אַ ראַם פון אַן עכטן עבאַן.

פּאַיטאַ האָט זיך אַרומגעקוקט. זי האָט צוזאַמענגעצויגן אירע פיינע רונדע ברעמען. זי האָט מיך געפרעגט שטילינקערהייט, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט, אַז איר שלאָפנדיק קינד זאָל הערן:

— איז אמת אַז יידן טאָרן נישט ליבן אַ קריאָזשאַ־מיידל?

פּאַיטאַס פרעכטיקע גאַמאַ־אויגן, וואָס זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ טרערן־גלאַנץ, האָבן געפלאַקערט ווי די בינטן שטרוי אין דער דרעש־מאַשין.

— פאַר וואָס זאָלן מיר יידן נישט קענען ליבן אַ קריאָזשאַ־מיידל? — האָב איך צוריק געפרעגט פּאַימאַן תמעוואַטע.

— וואָס ווייס איך? ווייל, ווייל, מען האָט מיר אַזוי געזאָגט — האָט זי געשטאַמלט ווי פאַר זיך. — דעמאָלט ווען מיין קוואַטער האָט מיך פאַרגוואַלדיקט, בין איך אַלט געווען דרייצן יאָר. אַ פאַרחלשטע, האָב איך נישט געוווּסט וואָס ער האָט אָפּגעטון... זינט דער צייט וואָס איך

האָב געהאַט דאָס קינד, איז ער געווען מיט מיר בלויז איין מאָל, כאַטש ער היט מיך שרעקלעך, ווייל ער איז גוואַלדיק אייפערזיכטיק. ווי אַן אַלטער הונט אָן ציין. דערצו נאָך איז ער שוין צו אַלט און צו גראָב.

— קענסט איר דאָך גיין וווינען מיט אַ יונגערן, מיט אַ מאָגערן פון אים — האָב איך עסנדיק געגעבן איר אַן עצה.

— איר ווייסט? — האָט זי מיר איבערגעהאַקט די רייד — ווען עס זאָל אַזוי זיצן מיט מיר איינע אַליין, אַן אונדזעריקער, אַ קריאָזשאַ, וואָלט ער מיך אויפגעפרעסן אַ לעבעדיקע. איך האָב שוין אָבער מורא פאַר אָט־די מענטשלעכע בעסטיעס. און איר, מיין הער, נאָך אַזוי יונג, זענט ווי אַ פייגלינג, שוין צו קאַלט. צי שוין גאָר אַן אָפּגעלעבטער, אָדער קאַסטרירטער, וואָס טויג שוין נישט פאַר קיין פרוי...

איך האָב מיך געפילט שטאַרק באַליידיקט פון דער ברענענדיקער מיידלס ווערטער אויף מיין חשבון. איך בין שיר נישט דערשטיקט געוואָרן און איך האָב געמוזט נאָכטרינקען אַ סך וויין, דער ביסן וואָס איז מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז זאָל אַראָפּ. עס האָט מיר געשווינדלט פאַר די אויגן און בין געווען ווי פאַרטשמעלעט. איך האָב אָבער מער נישט געוואָגט ווי עסן פלייש און טרינקען דעם קעבראַטשאַ־וויין, ווייל דער איבערגעוואַקסענער דאָן עסטעבאַן איז די גאַנצע צייט געזעסן אויף זיין געפלעקטן פערדל מיט אַ געלאָדענער ביקס אין האַנט, אָנגעצילט אין מיין זייט. ער האָט זיין אָדלער־אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון אונדז. ווען איך האָב דער צעהיצטער מיידל געוויזן אויף איר קוואַטער, האָט זי נאָר מיט אַ פאַראַכטנדיקן שמייכל מיר געענטפערט:

— עס מאַכט נישט אויס. וואָלט איר נאָר נישט געווען קיין ייד נאָר אַ קריאָזשאַ, וואָלט איר שוין נישט קיין מורא געהאַט. אַ „מייניקער" וואָלט זיך געלאָזט צעשטיקלען פאַר אַ חיה־שעה מיט אַזאַ מיידל ווי איך בין...

אָן שום חרטה, נאָר מיט פאַרדרוס און צערייצטע בלוטן, האָב איך פאַרלאָזט יענע ברענעדיקע און ליידנשאַפטלעכע מיידל, עראָטיש בענקענדיקע נאָך אַ חיי־שעה ליבע. זאָל זיין וואָס עס זאָל זיין!...

אַן אויספלוג צו דער איבעראַ־אַזיערע

אין די עטלעכע טעג ווײלן אין קאָריענטעס, די הויפּטשטאָט פון דער פּראָווינץ מיטן זעלביקן נאָמען, קען שוין מאָטל איר כאַראַקטער און גײסטיקע צענטערס, ווי אויך אירע איבלען, אין די רײכע פּאַלאַצן אויף די הויפּט־גאַסן, די פײן־אַספּאַלטירטע, מיט די פּולירטע גראַניטענע און מערמלטינע פראָנטן ביי די ברייטע שויפענצטער מיט די געשליפענע קרישטאָלענע שויבן און שפּיגלען; ער קען שוין אויך די נישט אַזוי איי־איי רייע הייזער פון די נישט אַזוי ריין „בלוי־בלוטיקע", וואָס אויף די נישט אַריסטאָקראַטישע גאַסן; די אָרעמע מענטשן, ד״ה, די קליינע סוחרימלעך, די „באַליטשעראָס", ווי זיי ווערן אָנגערופן אין אַרגענטינער שפּאַניש רעדן, אויך די נאָך שמעלערע געסלעך; ער קען אויך די מענטשן פון די אַנדערע „פּאַלאַצן", די ראַנטשאָס פון פאַרזשאַווערטן בלעך, בלאָטע און פון צעריסענע זעק — די אָרטסגעשטויסענע — אויף די גאָר שמאָלינקע פּאַסאַזשלעך, אָדער הינטער דער שטאָט אין דעם קוואַרטאַל פון די „שטשורעס" („באַריאָ דע לאָס ראַטאָס").

מאָטלען געפעלט די שטאָט קאָריענטעס מיט אירע שיינע פּאַרקן, רחבותדיקע שפּאַציר־פּלעצער און פּראַכטפולע, ציכטיקע אַוועניִדאַס, מיט אירע חנפולע, זײדענע ברונעטקעס, מיט זייערע פינקלדיקע און פרעכ־טיקע ציגײנער־אויגן, וועלכע דערמאָנען אים אין קאָרוניאַ, די הויפּט־שטאָט פון שפּאַנישן גאַליסיאַ, ווו ער איז געווען פאַר זיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע.

קאָריענטעס איז אַ פיין־פּלאַנירטע און פיין־געבויטע שטאָט אין אַ ווינקל פונעם טייך פּאַראַנאַ, מיט אַ סך רעסטאָראַנען, פאַרוויילונגס־פּלעצער, קלובן און האָטעלן, ווו מען קריגט וויין און ביר, ווי אויך אַל־קאָהאָלישע געטראַנקען פון אַלע מינים, פון אַלע סאָרטן און פון כל־טוב, פּונקט אַזוי ווי אין פּאַריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק און בוענאָס־איירעס. אָבער מער פון אַלץ איז ער אַנטציקט פון די שיין־געבויטע קאָריענטעסער מענטשן, הויכע און שלאַנקע ווי די טאָפּאָליען וואָס וואַקסן אין אַלע גע־

ביטן פון דער קאָריענטעסער פּרוכטבאַרער ערד. מאָטל האָט נישט ליב די ברייט־צעקוואַטשעטע מענטשן, פעטע און שוואָמיקע ווי באַנאַנען־ביימער, מיט בלעטער פון עטלעכע מעטער לאַנגע און שטענגלעך באַנאַנען פון אַ סך קילאָגראַם. אָבער נאָך מער געפעלן אים די זעלטן־שיינע סעקס־אַפּיל פרויען פון דער באַזונדער קאָריענטעסער פּראָווינץ. איבער־היפּש געפעלן אים די גראַציעזע פרויען פון דער פּראַכטפולער שטאָט גאָיאַ, וואָס ליגט ביי אַ קני פונעם טייך פּאַראַנאַ — אָפּשטאַמלינגען פון שפּאַניאָלן, גוואַראַניער, טאָבאַס־אינדיאַנער און אַ געמיש פון יידיש־באַסקאָ־אַראַבישע בלוטן, מיט זייערע פּעך־שוואַרצע כשוף־אויגן, שעל־מיש ציגיינער־שמייכעלע און זיידענע האָר ווי פּולירטער עבאָן.

אַפילו דאָס בראַווקייט און אומגעצוימטע אַרויסרופערישע שלעגערישקייט פונעם הייסבלוטיקן קאָריענטעסער גאַוטש געפעלט אויך מאָטלען, דעם באָהעם. מיטן קאָריענטעסער קרעאָל שפּילט מען זיך נישט. ער איז צופיל מוטיק, פילבאַר און הייסבלוטיק צו סובל זיין אַ באַליידיקונג — טראַכט מאָטל מיט אַ שמייכל אויף זיינע פליישיקע ליפּן. אויך די שפּאַנישע שפּראַך, ווי זי ווערט גערעדט אין קאָריענטעס, געמישט מיט גוואַראַני, ווי אויך דער מאָדנער גוטוראַלער אַקצענט און פאַנטעטישער קלאַנג מיט די פּאַראַגוואַיער הייען, וואָס איז אים תחילת פּריקרע געווען, איז אים איצטער אַנגענעם געוואָרן. הרגל נעשה טבע — טראַכט ער אויפן קול און זאָגט צו זיך שטילינקערהייט: מיין לעבעדיקע רויז, מיין שושנה איז דאָך אויך אַ קאָריענטינערן, אַ גאָיאַנערן, די צווייטע שטאָט פון דעם שטאָט.

קינד און קייט קען אים שוין, דעם זעלטן־שיינעם יידישן בחור מאָטל, מיט די פאַרחלומטע גרויסע אויגן און לאַנגע וויעס. ער איז שוין געווען אין אַלע בעסערע קינאָס און טעאַטערס. אַפילו אין צירק מיט די רוסישע באַלעטניקעס, פראַנצויזישע און איטאַליענישע אַטלעטן און הינדואישע פאַקירן, וואָס האָבן געוויזן שוואַרץ־קינצלערישע שטיק אין יענע חמימהדיקע טעג.

די בין־השמשות־זון האָט געפלאַקערט פייער־פלאַס, אש להבה און צעשאָטן פּורפּורענע שטראַלן־זאַנגען מיט גינגאָלדענע גירלאַנדעס ליכטיקייט און געשרפהט מיט אַ טראָפּישע רציחה, בעת מאָטל האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט די באַחנטע מיידלעך און יינגלעך פון קאָריענטעס אויף דער היפּש־פּלאַסע, וואָס האָט אים ווידער דערמאָנט אין קאָרוניאַ, אין יענער באַבלומטער פּלאַסאַ מאַריאַ פּיטאַ נומער 18, וווּ די „דולצינעאַ” פּילאַר מאַריאַ דעל קאַרמען ראָדריגעז, דעם בירגערמייסטערס טאָכטער, אַ פאַר־

ליבטע ווי אַ פרומע פאַווע, האָט אים פאַרגעשלאָגן זיך אונטערצושמדן און דאָרט צו פאַרבלייבן...

שפּאַצירנדיק אַזוי אויף דעם פיין־באַבוימטן צענטראַלן שפּאַציר־פּלאַץ פון דער שטאָט קאָריענטעס, מיט די צעכוואַליעטע צווייגן פון די בוימער, און די פול מיט אַראָמאַטישע, פאַרשידנאַרטיקע בלומענפלאַנצן אויף די פיין און זאָרגפעליק באַאַרבעטע בייטן, באַזעצטע מיט רויזן, יאַשמינען, בריזאַנטעמען, לאָטע־בלומען מאַרגאַריטקעס כאַבער, העליאָ־טראָפּן און אַנדערע פּרעכטיקע פלאַנצן, אייגנאַרטיקע פונעם אַרגענטינער טראָפּיק, טראַכט מאָטל וועגן די אויסטערלישע געשעענישן וואָס זענען מיט אים פאָרגעקומען אין די לעצטע עטלעכע מאָנאַטן: ער איז אומגע־ריכט געוואָרן אַ מיליאָנער. ער איז איבערגעפאַלן געוואָרן און געפּערלעך פאַרוווּנדעט געוואָרן; שושנה, אַ פאַרליבטע אין אים, איז געקומען צו פליען פון ארץ־ישראל צו אים ווי אַ מלאך הגואל און איז אַוועק פון אים אַ ברוגזע, ווי אַ פּלוצימדיקער וויכער צו זיינע קוזינקעס, אירע קאָנקו־רענטקעס; ער, מאָטל, איז אַנטלאָפן פון דעלין און יאָגט זיך נאָך שושנהן; דעלי איז אַנטלאָפן פון איר טאַטע־מאַמע און יאָגט זיך נאָך אים, נאָך מאָטלען...

וואָסער מין אַנטאַגאָנישער קאַליידעסקאָפּ!...

טראַכטנדיק אַזוי, איז מאָטל געגאַנגען מיט אַ גרופּע יינגלעך און מיידלעך פון זיינע יאָרן, און ער האָט באַאָבאַכטעט די שפּאַצירנדיקע, הייסבלוטיקע קרעאָלן יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן מיט וועלפישע אויגן געקוקט מיט תאווהדיקן אייפער איינע אויף די צווייטע, און ווי זשעדנע הײמיש געוואָלט איינשלינגען, אַריינקריכן ווי אַ דורשטיקע פּיאַווקע אין דער צווייטערס לייב אַריין און דאָרט צעשווימען ווערן.

מאָטל קען שוין אויך אייניקע זייער אינטערעסאַנטע געגנטן פון דער אייגנאַרטיקער פּראָווינץ קאָריענטעס, פול מיט שלאַנקע טייטל־ביימער, מאַמאָן־ביימער, מאַנגאָ־ביימער, וואָס ליגט אין צפון־מזרח פון אַרגענטינע. ער ווייסט פון לערנען, אַז די פּראָווינץ קאָריענטעס פאַר־נעמט אַ שטח פון איבער פיר און אַכציק טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער, און אַז די באַרימטע איבעראַ־אָזיערע מיט אירע זומפּן און בלאָטעס אַרום, פאַרנעמט מער ווי אַ פערט־חלק פון איר טעריטאָריע, אָדער צוויי און צוואַנציק טויזנט קילאָמעטער קוואַדראַט.

מאָטל האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן נישט די קאָמ־פּעטענטע געאָגראַפיעס, ווי אויך נישט די אויסטערלישע מעשהס וואָס די געבירטיקע פון יענע מקומות דערציילן וועגן דער מיסטעריעזער אי־

בערגאַ, וווּנדער איבער וווּנדער, וועלכע איז אַזוי גרויס ווי דאָס היינטיקע אַרומגעצופּטע און אַרומגעגריזשעטע ארץ־ישראל, וואָס די „באַרימהאַר־ציקע” אומות העולם האָבן מיט ציטערדיקע הענט און פרומע, פאַרגלויזל־טע אויגן צוגעטיילט דעם געפּייניקטן און מאַרטירירטן יידישן פאָלק.

ער האָט נישט געוואָלט גלויבן די גוזמאדיקע דערציילונגען פון די געבירטיקע קרעאָלן און פונדיקעס פון יענער געגנט, אַז אויף דער אומענדלעכער איבערגאַ זענען פאַראַן „קאַמאַלאָטעס” (שווימענדיקע אינדזלען), צווישן וועלכע עס זענען פאַראַן אייניקע, וואָס פאַרנעמען אַ שטח פון עטלעכע הונדערט מעטער אין דיאַמעטער; אַז אויף די שווי־מענדיקע אינדזלען פלאַדיען זיך שרצים אַלערליי; אַז אַפילו דער מעכטי־קער קעניג פון די אַמעריקאַנער חיות, דער יאַגואַר, געוועלטיקט דעם־פּאַטיש אויף אייניקע פון די גרעסערע אינדזלען.

מאָטל איז פון דער נאַטור אַ שטודירנדיקער. ער וויל אַלץ וויסן. דערפאַר האָט אים זייער שטאַרק געלאָקט צו זען די לעגענדאַרישע אַזיערע איבערגאַ. ער האָט געוואָלט זיין אַן עד־ראיה אויף צו קענען אור־טיילן דעם גראַד אמת וואָס די אַבערגלויבערישע און טיף מיסטישע גאַוטשאָס פון יענעם טראָפּיקאַלן געביט דערציילן זיך אָן.

פון סאַן מיגעל, אַ גוט וואָס איז פול מיט מאַראַנצן, מאַמאָנען, מאַנ־גאָס און מאַנדאַרינקעס גערטנער, פּאַמעלאָס קענאָטאָס, צינדראָנען (אתרוגים) און לימענע־ביימער גאָר אָן אַ שיר, ווי אויך לאַרבער־ביימער און אַנדערע ריחפולע ביימער און בלומענפלאַנצן, איז מאָטל רייטנדיק אויף אַ גוטן פערד און באַגלייט פון צוויי געניטע קענער פון דער געגנט, אויך אויף גרינגע און עלאַסטישע קריאָזשאָ־פערד, זיך אָוועקגעלאָזט צו דער נעגאַרטער איבערגאַ. זיי זענען געריטן צווישן צייטיקע קוקורוזע־פלאַנטאַציעס, מיט אַראָפּגעבויגענע, ווייסע, חסידישע בערד, רויטע, געלע און ברוינע; צעכוואַליעטע, גרינע אַלפאַלפאַ (קאָניטשינע) מיט וויאָלעטע, פּיצעלעך בלימעלעך ווי די לע מיאָסאָטי, שאַרף־ריחותדיקע, גרויס־בלעטערדיקע טאַבאַק־פלאַנטאַציעס, שניי־ווייסע וואַטן־בוקעטן און רייז אַ שלל, אַז די פערד האָבן זיך צעהירזשעט פון אַפּעטיט.

דער אַרויסרייט אין אַ לויטערן קאַיאָר, איז געווען זייער אַן אַנגע־נעמענער. דער פּערפום פון גאָלד־קאָלירטע מאַראַנצן, מאַנדאַרינקעס און מאַמאָנען, ווי אויך די אַראָמאַטנפולע ראָזע עפּל ווי מיידלשע צאַרטע בעקעלעך, האָבן געקיצלט אין דער נאָז און אויך געמאַכט גלאָצן די אויגן פון פאַרוווּנדערונג; די ריזעדיקע, מעש־קאָלירטע פּאַמעלאָס און אַראָמאַ־טישע צידראָנען (אתרוגים) פון פאָלירטן מעש־קאָליר, און די אָוואַל־

לענגלעכע, בלוט־רויטע קינאַטאַס, האָבן געררופן און קאַקעטיש געוווּנקען צום גייציקן דורכרייזנדיקן, ער זאָל זיי באַפרייען פונעם בוים, און אַז נישט, איז כאַטש אַ גלעט טון.

אויף די פּאַשע־פעלדער, אויף די גרינע לאַנקעס מיט געשמאַקע און זאַפטיקע גראָזן, האָבן זיך געפּיטערט קי און אָקסן, פערד, ציגן און שעפּסן גאָר אָן אַ צאָל, האָבן געמאַכט היימלעכער דאָס רייטן אויף דער זעלטן־גראַציעזער פּאַנאָראַמע. ווייטער פון אַ מענטשלעכן ישוב, האָבן עטלעכע הונדערט „ניאַנדוס" (אַמעריקאַנער שטרוים־פויגל) מיט אַ נאַרישעוואַטן געפילדער זיך אַוועקגעלאָזט לויפן מיט אַ ווילדן גאַלאָפּ צו די נאָך נאַרישערע שעפּסן, באַהאַלטנדיק זייערע קעפּ צווישן זיי.

שנעל אָבער האָט זיך געביטן דער רייצפולער אַרויסרייט. נאָך די ערשטע עטלעכע קילאָמעטער גוט. פּיינפול שווער איז געוואָרן דאָס רייטן איבער שלעכטע, פאַרלאָזטע וועגן, אויף אָן אומבאַקאַנטן סטעפּ, פול מיט שאַרפע גרודעס פון אַ בחפזונדיקן פאַרטרוקנטע זומפּן, טיפער זאַמד, שטיינער און דערנער מכל המינים. וואָס נעענטער צום געחלומטן ציל, איז דאָס וואַנדערן אַלץ שווערער און פּיינפולער געוואָרן פאַרן נישט צוגעוווינטן מענטש צו רייטן לאַנגע שטרעקעס. אָט האָבן זיי געמוזט דורכשניידן אַ פאַרפלייצטן שטיק ווילדע לאַנקע פון עטלעכע קילאָמעטער, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט אויסמיידן, אָדער איינשטעלן און אַדורכשפּאַנען; אָט איז אָקעגנגעקומען אַ וועלדל אַ ווילדס, מיט ביימער געדיכטע, מיט שאַרפן שפּיזן באַוואָפנטע צווייגן, איינגעפלאָכטענע, צעדרייט איינגעוואַקסענע איין בוים אין צווייטן, פאַרמירנדיק אַ סוכה אַזאַ פון עטלעכע קוואַדראַט קילאָמעטער, ווו אַ פעדימל פון אַ זון־שטראַל קומט קיינמאָל נישט צו, צו זייערע אויסגעקרומטע, ראַכיטישע שטאַמען.

נאָך פון אַ סך מיילן ווייט, האָט מאָטל געזען מיט זיין פעלדשפּאַקטיוו צענדלעקער גרויסע שטחים, ווי שפּיגלען אומענדלעכע, מיט שוואַרצע ריזיקע פלעקן אין אייניקע ערטער. דאָס זענען געווען די שטייענדיקע אָזיערעס און זומפּן. צווישן איין שטיק וואַסער־שפּיגל און צווייטן — בלאָטיקע שטחים. ווייט אַרום די גרעסערע וואַסער־שפּיגלען, קלענערע אָזיערעס און סאַזשעלקעס אָן אַ צאָל, ווי אויך קילאָמעטערס זומפּן מיט גרינע, פאַרפוילטע און פאַרעיפּושטע וואַסערן, וואָס בילדן דעם קאָנגלאָמעראַט פון דער איינגאַרטיקער אָזיערע איבערא.

אייניקע ערטער זענען באַדעקט מיט וואַלד, וועמעס ביימער ווידער, זענען באַדעקט מיט אָן אייביקן צוויט, וואָס וואַקסן משֵשת ימי בראשית אָן. אַ געדיכטעניש, אַ פּחדפולע, וועמעס פאַרשידענע אַראָמאַטן פערפו־

מירן מיט אַ גן־עדן דופט אַלץ ווייט אַרום. נאָך דער וואַלדיקער פערפו־מירטער גרינקייט, ווידער געפערלעכע זומפּן, ווו צו רייטן אויף אַ פערד איז צופיל סכנהדיק, ווייל דער פערד מיטן רייטער צוזאַמען וואָלטן גע־קענט איינזינקען — האָבן דערקלערט די פירער.

מאָטל איז געבליבן אָן לשון, ווען ער איז דורך אומוועגן צוגעקומען צו אַ צוטריטלעכן ברעג, אויף אַ פעסטן און האַלב־איינגעזונקענעם זאַמד־שטיין פון איבער פופציק מעטער לאַנג. האַלב צירקלאַרטיק, אַ צען מעטער הויך איבערן וואַסער. אין ביידע זייטן און פון הינטן דעם זאַמד־שטיינערנעם ברעג — ווילד־גראָזן אַלערליי, איבערהויפּט די שטעכעדיקע „קאַרדאָס" און „פּאַכאַ בראַוואַ" (שאַרף־גראָז), וואָס צעשניידן די פינ־גער פונעם מענטש וואָס רייסט זיי אָפּ מיט דער הוילער האַנט. די גראָ־זיקע שפּע איז דאָרט אַזוי צעוואַקסן, אַז זי וואָלט מיט גאָרנישט געהאַט זיך צו פאַרשעמען אַנטקעגן די באַרימטע דזשונגלען פון בראַזיל, פּערו, עקוואַדאָר, צי אינדיע, ווו עס הערשט דער טיגער, לייב און פּאַנטער.

דער געוואַלדיקער שלל קשאַקעס, בלומענפּלאַנצן און ביימער אויף דער יבשה און די אָן אַ צאָל אַלגאַ־פּלאַנצן מיט צעעפנטע בלומענקווייטן פון אַלערליי מין עקזאָטישע קאָלירן און פאַנטאַסטישע געשטאַלטן, וואָס אויפן ריזלדיקן, געקרויזלדיקן וואַסער און די מיטן אייביקן צווייט וואָס וואַקסן אויף די סמאַלע־שוואַרצע בלאָטעס וואָס לעבן וואַסער, פאַרמירנ־דיק אַ לעבעדיקן בוקעט אַזאַ, געשאַפן פון דער יצירה אַליין, האָבן גע־מאַכט אויף דעם פּאָעטיש־געשטימטן און פילבאַרן מאָטל, אַן אומפאַר־געסלעכן איינדרוק.

— איר ווייסט, סעניאָרעס, — האָט מאָטל געזאָגט מיט באַגייסטע־רונג צו זיינע פירער — נישט נאָר שיין איז אַרגענטינע, נאָר פּראַכטפול און וווּנדערבאַר! איך האָב שוין געזען גאָר אַ סך פּייזאַזשן אין דעם הערלעכן זילבערלאַנד, אָבער עס איז אַ מינימום כלפּי דעם געטלעכן באַשאַף, וואָס איך האָב נאָך אַזעלכעס נישט געזען!...

צענדליקער פאָטאָ־בילדער האָט מאָטל אַראָפּגענומען פון דער מאַ־יעסטעטישער איבעראַ־פּאַנאָראַמע, און די יעניקע וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרפיקסירן דורך דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, האָט ער עס געטון מיט דער פעדער. ער האָט זיך אַלץ פאַרצייכנט בכדי אַוועקצו־שיקן זיינע עקזאַלטיחטע איינדרוקן צו זיין האַרץ־געליבטער שושנה.

פון צווישן די „איטשו" (אַזאַ מין שאַרף־גראָז) פון דריי מעטער הויכע אין אייניקע ערטער, — דערנער־שטעכערס און ווילדער קאַפער ווי ביימער הויכע, שטאַרצן אַריבער די צעבליטע אַלגאַ־טוליפּאַנען,

ליריען, ווארעק און אַנדערע אַלגאַ־פּלאַנצן, האָט זיך געהערט אַ סקריפּנ־דיקער אָרקעסטער פון די דאָרטיקע גרויסע גרילן, ציגאַרראַס און אַנדערע גרזאַנג־אינזעקטן. אַ משונהדיקע קוואַקען פון די מאַסן זשאַבעס, פּסיקען, פּייפן און שיפן פון אַלערליי שרצים, האָט מאָטלען פאַרוויגט און אַוועק־געפירט אין אַ וועלט פון וואַכנדיקע חלומות.

גאַנצע כמאַרעס פליגן פון אַלערליי מינים, און בייזע, בלוט־דורשטיקע קאָמאַרעס, האָבן געזשומעט מיט זייערע טויט־געזאַנגען און געבימען.

אויפן וואַסער און אויף די געפערלעכסטע זומפּן, האָבן אומשפּאַצירט מאַסן וואַסער־פייגל פון אַלע עקן וועלט, וואָס ציען זייער חיונה פון די פיש, ווערים, שרצים און אינזעקטן, וואָס פלאַדיען זיך דאָרט אויף גאָטס באַראָט און אָן שום געבורט־קאָנטראָל...

אין רוים, הויך איבער דער אַזיערע, די זון — אַ צעלאָזענער גאָלדע־נער קירבעס, האָט זיך געשפּיגלט אין דער צוויבערנדיקער איבערא, איבער וועמעס אַנדולירטע כוואַליעס סע קומט פאָר אָן אייביקע מלחמה צווישן די פיש־פרעסערישע רויב־פייגל, וואָס פליען אַרום איבער דער קוועקזיל־בערדיקער איבערא־פעריפעריע, אָדער שווימען אַרום אויף די לאַשטשנ־דיקע וואַסערן, וואָס צעוויגן זיך פלוצים קאָנוולסיוו אין קלאַפּטער הויכע פון אַ מינדעסטן צאַרטן ווינטעלע, וואָס וואַגט אַ גלעט צו טון אירע פילבאַרע, בלויע וועלן. וואַסער־שוואַלבן, ווילדע שוואַנען מעווען, גאַ־זשאַרעטאַס, ווילדע קאַטשקעס, ווילדע גענדז, בושעלן, פלאַמענקאָס, מאַ־ריבעלן, פעליקאַנען און אַ סך אַנדערע פייגל פליען אַרום דער אַזיערע און איבער אירע אומענדלעכע זומפּן; זיי שלינגען איין אַ שלל אינזעקטן, ווערים, שלאַנגען, עקדישן, מייז און שטשורעס, וואָס פאַרפּעסטן דעם צויבערפולן און אימפּאָזאַנטן איבערא־געביט.

געמאַכט האָט מאָטל דעם שפּאַציר אין דער תקופה נאָך די כסדר־דיקע רעגנס אין יענעם ראַיאָן, און אַ שטיק צייט נאָכדעם ווי דער טייך פּאַראַנאַ גיסט זיך אויס זיינע ברויזנדיקע וואַסערן ביז אין דער איבערא אריין.

מיטן שפּאַקטיוו האָט מאָטל געזען פון דער ווייט אַ גרופּע נודיסט־קעס, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין חוהס קליידער. טייל פון זיי האָבן גע־כאַפּט פיש און טייל האָבן זיך געוואַלגערט אין זאַמד ווי קינדער.

נאָר מלאכים קענען זיין אַזוי שיין ווי די קאַרענטינער מיידלעך זענען — האָט מאָטל אַ באַגייסטערטער אַ סעפּטשע געטון שטיל צו זיך זעלבסט. נאָר אַ שאָד וואָס די נודיסטקעס זענען אַזוי ווייט פון דאַנען...

די אַש־להבֿהדיקע זון האָט געבריט אַכזריותדיק, ווי מיט אויף רויט אָנגעגליטע גאָלדענע פײַלן. געברענט און געבראָטן מיט אַ פורפור־פלאַקער און שיר נישט געמאַכט קאָכן דאָס וואַסער. פון דער אומדערטרעגלעכער היץ האָבן בחפזונדיק געטרוקנט די פלאַכערע בלאָטעס, פאַרוואַנדלענדיק זיי כהרף־עין אין האַרטע גרודעס, מיט אַ אויסזע פון קאָקס־קוילן.

יאַשטשערקעס פון אַלערליי גרויס און קאָליר, זענען אומגעלאָפן מיט זייערע צוויי־שפּיזלדיקע שלאַנגען־צינגעלעך אינדרויסן, אויף די סאַמע שיטערע זומפן, אַלצאיינס ווי אויף דער טרוקעניש; זיי זענען אַרומגעשווומען אויף די פאַרעיפּושטע, גרינע סאַזשעלקעס צווישן די מענגע־גראָזן; זיי זענען אַרומגעקראָכן אויף די צווייגן פון דיביימער, אָדער זיי זענען אַנטלאָפן ווי פײַל פון בויגן, כדי נישט פאַרצוקט צו ווערן פון אַ גרעסערן שרץ, אַ שטאַרקערן פון זיי.

אויך דער מחבלדיקער זשאַקאַרע (זיד־אַמעריקאַנער און צענטראַל־אַמעריקאַנער קראָקאָדיל), פעלט נישט צום שרצים־רימל, וואָס ווימלען אין די זומפן און טיפענישן פון דער אימפּאָזאַנטער איבעראַ־אָזיערע, פונקט אַזוי ווי אויף דער יבשה, פאַרטייעט, פאַררעטעריש, בכדי בעסער און זיכערער צו קענען איבערפאַלן דעם אומפאָרזיכטיקן און תמימותדיקן פאַרבײַגייער, מענטש צי חיה, — האָבן דערציילט די פירער. — עס זענען אָבער אויך פאַראַן ערטער אין דער איבעראַ פון אַ סך מעטער טיף, וועמעס אויבערפלאַך איז אין אייניקע ערטער באַדעקט מיט אַ קאָמפּאַקטן טעפּיך פון עקזאָטישע אַלגאַ־פלאַנצן, באַצירטע מיט די הערלעכסטע בלומענקוויטן און קנאָספּן וואָס בלענדן דאָס נייגעריקע, געפלעפטע אויג פונעם וואַנדערער, מיט זייער שימערירנדיקן, זעלטענעם רייץ און פאַרשידנאַרטיקן קאָלאָריט.

אַ סך אומגליקן, אייניקע פון זיי פאַטאַלע, האָבן שוין פּאַסירט מיט נישט פראַקטישע און נישט פאָרזיכטיקע מענטשן, וואָס האָבן געמיינט, אַז די אַלגאַ־פלאַנצן וואַקסן אויף דער יבשה און זענען געגאַנגען אָנרייסן בוקעטן פון די אַזוי עקזאָטישע, בלענדנדיקע בלומען; אַנדערע עקסקורסיאָניסטן, וועלכע האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ פאַרבנרייכן פייגעלע; אַנדערע ווידער, וואָס האָבן דערשאָסן אַ ווילדע גאַנדז, פאַוּכיל (ווילדער אינדיק), האָז צי פלאַמענקאָ, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אין בלומענפולן דזשונגל פון די שווימענדיקע קאַמאַלאָטעס און זענען געלאָפן אויפצוהויבן די דערשאָסענע, זענען אַראָפּגעפאַלן אין אָפּגרונט צווישן די שווימענדיקע אַלגאַס, וואָס זענען נאָך נישט גענוג פעסט געווען אײַנגעוואַקסן

און איינגעפלאָכטן מיט די וואָרצלען אונטערן וואַסער, ווי אויך נישט איינגעוואַקסן פּאַראַזיטיש איין פלאַנץ אין דער צווייטער אויפן וואַסער־אויבערפלאַך.

דאָס זענען ניי־אויפגעקומענע שווימענדיקע בלומענפעלדער — האָבן דערקלערט די וועגווייזער.

די באַריידעוודיקע פירער האָבן מאַטלען דאָס אַלץ אויפגעקלערט מיט די מינימאַלסטע פּרטים, ממש אַקאַדעמיש. זיי האָבן פּאַראייניווענס אים געוויזן „עכטע" קאַלאַמאַטעס (שווימענדיקע אינדזלען) פון אַלערליי גרייס, אויף וועלכע מען קען גאַנץ פיין און „זיכער" וווינען ווען מען זאָל נאָר זיי באַפעסטיקן ביים זיכערן און פעסטן ברעג, אָדער זיי פאַרזיכערן צום פעסטן אָפּגרונט.

די צוויי וועגווייזער, תושבים פון יענעם קאַנט, האָבן מאַטלען דאָס אַלץ דערציילט און זיי האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין דעם עצם־יסוד פון די שווימענדיקע אינדזלען וואָס אויף דער איבערראַ־אָזיערע: „איבער אַ משך פון הונדערטער־טויזנטער יאָרן צעשפּרייטן זיך די פאַרשידנאַרטיקע אַלגאַ־פלאַנצן־וואָרצלען אונטער דעם איבעראַ־וואַסער, פון וואַנען זיי ציען זייער סובסיסטענץ (חיונה). זיי צעשפּרייטן זיך פּאַראַזיטיש איינע אין דעם צווייטנס גבול אַריין. די געשיכטע פון די שווימענדיקע פלאַנצנס לעבן און טויט חזרט זיך איבער יאָר נאָך יאָר און אַפילו טאָג נאָך טאָג, איין אַלגאַ־פלאַנץ אויף דער צווייטער, ווערנדיק צוליב דעם וואָס אַ יאָר אַלץ גרעבער און גרעבער, צעשפּרייטנדיק זיך ברייט און לאַנג אונטערן וואַסער־אויבערפלאַך. אַזאַ מין שווימענדיקער אינדזל פאַרנעמט טיילמאָל אַ גרויסן שטח. קומט דער פרילינג, די בליציים, וואַקסן אַרויס זייערע קנאָספּן, צווייגן און בלעטער, וואָס צעעפענען זיך אין זעלטן־שיינע בוקעטן בלומען. זייערע גרויסע פליישיקע בלעטער מישן זיך אוים מיט די פּיצלעך לע מיאָסאָטיס (פאַרגעס מיך נישט) בלעטעלעך מיט אַן עלעקטריש־העל־גרינעם קאָליר. און גאָר אָן אַ שיר אַנדערע קאָלירן פון אַנדערע בלומענפלאַנצן, מאַכן דעם שווימענדיקן פּייזאַזש נאָך אימפּאָזאַנטער, נאָך רייצנדיקער און צוציענדיקער פאַרן אַוואַנטוריסטישן וואַנדערערס אויג.

אָפּגעבליט, אָפּגעלעבט, האַרבסט ווינטער, פאַלן זיי אַראָפּ אין אָפּגרונט אויף זייערע אייגענע שווימענדיקע וואָרצלען, מאַכנדיק אַזוי אַרום זייער אייגענעם אינדזל גרעבער און גרעסער. יאָר נאָך יאָר. אויפן אָרט פון די אָפּגעשטאָרבענע בלעטער און בלומען, שפּראָצן באַלד אַרוים אַנדערע בלעטער און בליטן. די קנאָספּן ווערן דיקער און צעבליען זיך

ווידער מיט נאָך אַ גרעסערער פּראַכט און גלאַנץ. די פּראָצעדור פון געבורט, שטאַרבן און ווידער געבורט, חזרט זיך איבער שוין אפשר מיליאָנען יאָרן, זינט דעם געטלעכן וועלט־באַשאַף...

עס זענען אָבער אויך פאַראַן פאַלשע אינדזלען, פּונקט אַזוי ווי פאַלשע מענטשן. אַזעלכע אינדזלען וואָס זענען נאָך נישט גענוג צוזאַ־מענגעהאָפטן אונטערן וואַסער און דערפאַר איז אַ סכנה אַרויפצוגיין אויף זיי — האָבן צוגעגעבן די וועג־ווייזערס אומצווײדייטיק.

זאָל דאָס אַלץ זיין אמת? זענען מיינע וועג־ווייזערס נישט אַמאָל מגזם? — האָט מאָטלען געטון אַ טאָרע אַ מחשבה זרה. ער האָט אָבער באַשלאָסן פאַרצוזעצן דעם אויסטערלישן שפּאַציר ביזן סוף.

אַ נייער באַגין. די קאַרענטינער זון האָט געשיינט מיט אירע זיבן חנען. הויך אין העל־בלויען הימל־געוועב האָט שוין געגוססט די לבנה. פון הינטן — אַ וואַלד פול מיט אַ קאָמפּאַקטער מאַסע גראָז, הויכע ביזן גאַרטל; צווישן די ביימער. אַ געזאַנג. אַ געסווישטשעריי פון אַלע פייגל אויף אַלע טענער — אַ הימן צו דער אויפגייענדיקער זון. צווישן די זינג־פייגעלעך זענען אויך געווען מאַסן פּאָפּוגייען פון איטלעכער גרייס, פון אַלערליי קאָלירן, איבערהויפּט די פּיצלעך קאָטאָראַס, פאַרדאָמי־נירנדיק די העל־גרינע איילבירטן־פאַרב, וועלכע האָבן פאַרהילכט די מיט פּיש און מושלען ריחות אָנגעפּילטע לופט, מיט זייערע קראַקענדי־קע געשרייען.

פאַרנט — אַ שטיק פּלאַץ, אפשר פון אַ צוויי הונדערט מעטער ברייט, געדיכט באַוואַקסן מיט אַ זעלטן־שיינעם, העל־גרינעם טאַטאַראַק (טאַטאַררא, אין שפּאַניש), מיט די שווערד־שפּיציקע בלעטער אַרויף און אַ קאָמפּאַקטע מאַסע אַנדערע אַלגאַ־פּלאַנצן. דער גן־עדן־פּערפום פון די אַלעאַנדרען, אַסוסענאַס, לאָטע־בלומען, קלאַוועלעס (נעגעלעך), מאַגנאַ־ליען, יאַשמינען און אַנדערע דופטיקע בלומען און געוויקסן האָבן אַזש געמאַכט ניסן און קיצלען אין די אויגן.

איינער פון מאָטלס צוויי וועגווייזער, אַן ענטרע ריאָסער קרעאָל, הויך און שלאַנק ווי אַ סאָסנעבוים, דאָן וויסענטע טופּונגאַטאַ, אָנגעטון ווי אַ מעקסיקאַנער „וואַקעראָ", מיט אַ פּאָר גרויסע שאַטינע וואָנסעס, וואָס זענען אים געקראָכן אין מויל אַריין, אַ גרויסער יידנפריינט, ווי ער האָט עס אַליין דערציילט, הגם ער האָט נישט געוווּסט, אַז מאָטל איז אַ ייד, האָט מיט זיין צוויי־רערנדיקער יאַגד־ביקס, אויסגעשאָסן צוויי מאָל צו אַ פליענדיקער טשאַטע ווילדע קאַטשקעס, פון וועלכע עס זענען אַראָפּ־

געפּאַלן פיר שטיק צווישן די אַלגאַ-בלומען, אַ הונדערט מעטער ווייטער פון דאָרטן ווו די אויספלוגלער זענען געשטאַנען.

דאַן וויסענטעס שותף, אויך אַ יאַגד-מענטש, דער צווייטער פּירער, אויך אַן עכטער אַרגענטינער קרעאָל פון זשאַפּעזשו, פּראָווינץ קאָריענטעס, אַ ברונעטער ווי אַ מאָר, דאָן טאַרקוואַטאָ, אויך אַ הויכער. ער האָט פאַרמאָגט אַ לאַנגע, קיילעכדיקע גזשיווע ווי אַן אַמאָליקער פּאָעט. ער האָט געהאַט אַ פּאָר גרויסע קאַשטאַן-אויגן און אַ ביסטרען, פאַרשנדיקן קוק, מיט אַ שטענדיק שמייכעלע אויף זיינע בלוילעכע און צו דינע ליפּן. ער איז געווען אַ גרויסער הומאָריסט, אַ וויצלינג און אַ זינגער פון טרויעריקע אידיליע-לידער.

ביידע טראָוואַדאָרן זענען באַלד אַוועקגעלאָפן אויפצוקלויבן די געהרגעטע און פאַרוואונדעטע פייגל וואָס זענען אַראָפּגעשאָסן געוואָרן. דאָן וויסענטעס יאַגד-הונט אַ געשיקטער „גאַלגאָ" אויף דינינקע און הויכע שטאָלצנפיס, האָט געהאָלפן צוזאַמענצוקלייבן די פייגל, אויסגעפּאַשעטע ווי די בערן. ער האָט זיי צוגעטראָגן צו מאַטלען ווו ער איז געשטאַנען נישט ווייט פון די געפּענטעטע פערד לעבן פייער וואָס ער האָט געמאַכט אויף אָפּצובראָטן די קאַטשקעס.

דאָן וויסענטע טופּונגאַטאָ האָט ביים עסן אַ געבראָטן קאַטשקעלע פאַרטרונקענדיק מיט אַ שלוק היימישן ווייַן וואָס דאָן טאַרקוואַטאָ האָט מיטגענומען אין זיין לעדערנער פלאַש, דערציילט פאַרוואָס ער איז אַזאַ יידנפריינט: ער איז אַ געבוירענער פון וויזשאַגוּאַיער באַצירק, ענטרע ריאָס, פון אַן אָרעמער אַרענדאַרן-פאַמיליע. ער האָט אָנגעשפּאַרט אין אַ סך רייכע הייזער פון „עסטאַנסיעראָס" (גוטבאַזיצערס) און ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט גענוג אויף צו קויפן זיך אַן אָנשטענדיקן מלבוש, ביז ער איז אָנגעקומען צום יידישן קאָלאָניסט קיפּען, וואָס אין אַ יידישער קאָלאָניע לעבן דאָמינגעז. דאָרט ביי קיפּענען האָט ער זיך באַקענט מיט אַ סך יידישע קאָלאָניסטן. צווישן זיי סאַכאַראָוו, מאַרקאָס וואָרטמאַן, ברוך בענדערסקי, ברענער און אַ סך אַנדערע יידישע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן אים באַהאַנדלט ווי אַ גלייכן מיט אַ גלייכן. ער באַדויערט נאָר וואָס דער געלערנטער און פילאָזאָפישער קיפּען איז אומגעקומען אַזוי טראַגיש, בעת ער איז געווען אין סאַמע פונאַנדערבלי, אַ צעפליגלטער אין גייםטיקן און שעפערישן לעבן... וואָלט קיפּען און מאַרקאָס וואָרטמאַן געלעבט, וואָלט ער, וויסענטע, אפשר זיך אויך אָנגענומען מיט זייער שווונג און סאָציאַלער טוגנט, און ער וואָלט זיך אפשר אויפגעהויבן אַ סך העכער, ביז די קאָנדאָר נעסטן אויפן אקאָנקאַגוואַ...

אויף איינעם אזא מין באפלאנצטן און כלומרשט פעסטן שטיק ערד, האט מאטל און זיינע צוויי פירער, שיר נישט פארלוירן דאס לעבן: דאן ווייסענטע האט דערזען א גאנצע טשערעדע נוטריאס און קאסטארס, וואס זענען ארויס פון וואסער, האבן זיך אויסגעצויגן מיט די בייכער ארויף אויפן זאמד פון א טרוקן ארט און זיך געשפילט ווי קליינע מענטשלעכע קינדער. ער האט אנגעצילט זיין ביקס מיט א גרעבערן שרויט, ווי אויך די אנדערע ביקס, וועלכע ער האט איבערגעגעבן צו דאן טארקואטא.

ביידע אנשי־חיל האבן פון א סטראטעגישער באהעלטעניש פלוצים אויסגעשאסן אויף די אומשולדיקע און פרידלעכע חיהלעך, דערהרגענענדיק ניין שטיק פון דער מחנה, וואס האבן געוואלט זיך נעמען א זון־באד. די רעשט חיהלעך איז געלונגען צו אנטרינען אין וואסער און האבן זיך באהאלטן אונטער די ווארצלען פון די שווימענדיקע קאמאלאטעס פון די אלגא־פלאנצן.

ווי נאר דאן טארקואטא, ווייסענטע און מאטל מיטן הונט זענען ארויף אויף דעם אזוי צארט־רייצנדיקן און פראכטפולן, באבלומטן שטיקל „פעלד", האט פלוצים א העפטיקן בלאז געטון א שדים־טאנצנדיקער ווירבל־ווינט, וואס איז געקומען מיט א ווילד געטראסקעריי פון פייערדיקן צפון.

דער „אינדזל", וואס די צוויי וועגווייזערס האבן מאטלען מבטיח געווען, אז עס איז פעסטער באדן, האט גערירט פון ארט פונקט אינעם מאמענט ווען זיי זענען שוין געווען לעבן די אויסגעשאסענע ביבערס און ווידראס.

עס האט העפטיק א בליץ געטון און באלד א פארטויבנדיקער דונער־קראך. מאטל, דער שפרודלדיקער פרומער ייד, האט זיך נישט פארלוירן און געמאכט צוויי ברכות: עושה מעשה בראשית און שכוחו וגבורתו מלא עולם!

באלד, נאכדעם האבן אלע דריי זיך גענומען לויפן צום ברעג, פאלנדיק א יעדער צו עטלעכע מאל פון פחד פארן אומפארמיידלעכן טויט וואס האט געלויערט אויף זיי פון די איבערא־תהומען. מחמת דער כלומרשט צוזאמענגעפלאכטענער אינדזל איז גאר געווען א צופעליק צוזאמענגעשווומענער פון דריי באזונדערע פיצלעך קאמאלאטעס, וואס זענען ראנדעווויש זיך צוזאמענגעקומען, פארמירנדיק אויבערפלעכלעך איין און איינציקע קאמאלאטע.

אין די אוואנטוריסטישע, גייציקע און הייסבלוטיקע אויגן פון די דריי אויספארשנדיקע מענטשן האט עס אויסגעזען ווי א האלב־אינדזל,

אזא מין „פענינסולא", ווי אַ שפּיץ־ערד, אַזוי ווי איטאַליע, קרים, אָדער קאָרעאַ אין מיניאַטור, וועלכע קריכן חוצפּהדיק ווייט און טיף אין ים אַריין.

צום גליק האָבן אַלע דריי באַמערקט באַצייטנס דאָס צעשיידן זיך פונעם באַבלומטן „אינדזל" אין דריי באַזונדערע חלקים, אַ דאַנק נאָר דעם קלוגן גאַלגאַ־הונט, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דער געפאַר וואָס האָט געלויערט אויף זיי, פּונקט אַזוי ווי זיי, די עקספּעדיציאָנערן, האָבן גע־לויערט אויף די נוטריאַס און קאַסטאָרן...

דער ערשטער איז געווען דער „העלדישער" דאָן וויסענטע מיט זיין הונט ראַבעספּיער, וועלכע האָבן געזוכט צו ראַטעווען זייערע פעלן. נאָך זיי איז געלאָפן דאָן טאָרקואַטאָ, און צום לעצט מאָטל, וואָס זענען אַרויפ־געשפּרונגען פון איין אינדזעלע אויפן צווייטן און דריטן, וואָס איז שוין אויך געווען אָפּגערוקט פונעם זיכערן ברעג.

אַלע דריי מענטשן זענען געווען געאיבטע שווימער ביז גאָר. פונעם הונט איז שוין אָפּגערעדט. פונדעסטוועגן האָבן אַלע געוואַרט ביז עס איז צוגעשווומען צו זיי אַ גרעסערע לאָדקע, וועמעס באַזיצער עס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט כאַפּן פיש נישט ווייט פון דאָרט, ראַטעווענדיק די שיפּברוכיקע אפשר פון אַ זיכערן טויט.

— איר זעט, מיינע פריינט, אַז מען טאָר נישט הרגענען קיין שום פרידלעכן נפש בלויז צוליב הרגענען! אַז מען דערשיסט אַ פויגל, צי אַן אומשולדיק פרידלעכע חיהלע צוליב עסן זיין פלייש, איז איין זאַך. אָבער הרגענען אומשולדיקע באַשעפענישן בלויז צוליב ספּאָרט, ווערט באַ־שטראָפט פון גאָט... דערפאַר אפשר זענען מיר אַלע שיר נישט געוואָרן אַ שפּייז פאַר אַלץ וואָס לעבט אין דער איבערע... — האָט געזאָגט מאָטל, אַן עמאַציאָנירטער צו זיינע פירער.

נאָך דעם גליקלעכן פאַרפאַל, האָט מאָטל אויסגעפאָרשט די גאַנצע געגנט פון דער געהיימנישפולער אַזיערע. ער האָט אויסגעפונען, אַז דער אָפּגרונט אירער און די זומפּיקע פּעריפעריע אַרום איר, איז פול מיט אַ געפּרעסטן שיכט פון גוטן טאָרף, אויף אַ טיפקייט פון אַ סך מעטער; אַז דאָס איז אַ טאָרף מיט אַ גרויסן סכום קאַלאָריען, און דערפאַר אַ גוטער ברען־מאַטעריאַל פאַרן לאַנד.

מאָטל האָט דערציילט זיינע פירער, אַז ער איז געקומען צו דער מסקנה, אַז די איבערע האָט אוודאי געמוזט זיין אַמאָל, באַלד נאָכן מבול, אַ סך גרעסער און טיפער ווי איצטער, אַ ים התיכון; אַז דער טאָרף וואָס ליגט דאָרט באַגראָבן פון קדמונים אָן, האָט זיך געמוזט שאַפן פון דער

קאָמפּאַקטער מאַסע העלעטשאָס און פֿון טויזנטערליי אַנדערע אַלגאַ־
פּלאַנצן און גראָזן פֿונעם אַמאָליקן פֿאַרפּלייצטן דזשונגל און פֿון אָן אַ
צאָל קלאַסן קשאַקעס און ביימער, וואָס זענען איינגעזונקען געוואָרן אונ־
טערן וואַסער־אָפּגרונט, איינע אויף די צווייטע; אַז אַזעלכע שווימענדיקע
אינדזלען פֿאַלן סוף כל סוף אַראָפּ אין אָפּגרונט און ווערן פֿאַרפֿוילט; אַז
די אַראָפּגעפֿאַלענע וועגעטאַלן איינע אויף די צווייטע אין אַ משך פֿון
אפֿשר הונדערטער טויזנטער יאָרן פֿון כסדרדיקע איבערחזרונגען, האָט
זיך עס געשאַפֿן אָט דער געוואַלדיקער שלל טאָרף אין די אומענדלעכע
טיפֿע זומפּן אַרום דער אָזיערע, און אין די אָפּגרונטן פֿון אירע וואַסערן...

ייִדישע פּויערים אין דזשונגל

די דרײַ פּאָר ברייט-ברוסטיקע קאַשטאַן-פערד מיט די פאַרשוימטע מויל-ווינקלען און לאַנגע ווײַדלען, זענען געגאַנגען פּאַמעלעך, אָבער גלייך זייערע סטוישע און פּאַטאַלע פּערדישע טריט. זיי האָבן אַלע ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, ווײַל די שאַרפע שטאָלענע מעסער-פּליטן פונעם אַקער-איזן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרעבערן וואָרצל פון אַ געקעפּטן קעבראַטשאָ-בוים פון דעם טשאַקאָ-דזשונגל.

אומענדלעך-גרויס איז דער טשאַקאָ-געביט מיט זײַנע צוויי שטאַטן, פּאָרמאָסאַ און טשאַקאָ, וואָס ליגן אויף אַרגענטינער טעריטאָריע און פאַרנעמען צוזאַמען אַ שטח פון איבער 250.000 קוואַדראַט קילאָמעטער פון דעם אומהיימלעכן וואַלד. אַרגענטינער טשאַקאָ געהערט צום מילדערן קלימאַט פון דעם טראָפּיק און איז דערפאַר דער ציוויליזירטסטער טייל פונעם ריזיקן טשאַקאָ-וואַלד.

דער טייל טשאַקאָ וואָס געהערט צו באָליוויע, פאַרנעמט אַ שטח פון 225.000 קוואַדראַט קילאָמעטער. די רעשט טעריטאָריע פון דעם טשאַקאָ-געביט, אַן ערך קנאַפּע 230.000 קילאָמעטער געהערט צו פּאַראַגוואַי.

ווייט און טיף אינעם טשאַקאָ-ווילדעניש, ווייט פון אײַזנבאַנען און מאָדערנע אַרגענטינער וועגן, הערשט נאָך די גערעכטיקייט פון דער ברוטאַלער סטיכישער קראַפט, פון דער פּרימיטיווקייט פון מענטש און חיה. דאָרט גאָר טיף אינעם דזשונגל, ווו עס וואַגט נישט דער „איידעלער און הויך-ציוויליזירטער" אייראָפּעער זיך צו באַזעצן, צוליב דעם פײַכטן און דעמפּיקן טראָפּישן קלימאַט, וווינען די גוואַראַניער, לענגואַס, מאַטאַקאָס, טשיריגואַנאָס און די זעלטן-שיינע טאָבאַס-אינדיאַנער. זיי זענען פאַרוואַרלאָזטע, נאָך נישט ציוויליזירטע, דעגענערירטע און פאַרפאָלגטע פון דעם ווייסן סאַטראַפּ מיטן רעוואָלווער און „רעבענקע" (נאַהייקע), און פון דעם „הייליקן" פּאָטער מיט זײַנע האָניק-זיסע, פרעפלדיקע ליפּן און

פּרום־פּאַרגלייזטע אויגן, וואָס דערציילן וועגן עבירות און באַגאַנגענע שרעקלעכע זינד...

די טעריטאָריע פון גאַנצן טשאַקאָ האָט געהערט צום שטאַט. די רע־גירונג וועלנדיק באַפעלקערן און קאָלאָניזירן די ווילדעניש, האָט צוגע־טיילט גרעסערע שטחים לאַנד פאַר יעדן וואָס האָט נאָר געוואָלט באַ־אַרבעטן די זייער־פּרוכטיקע טשאַקאָ־ערד. אָבער בכדי צו קענען אַקערן, בראָנעווען און זייען, האָט מען געמוזט פריער אויסהאַקן די הונדערט־יעריקע גראָבע ביימער און די קאָמפּאַקטע, פּאַראַזיטישע דערנער־ביימער און קאַקטוסן מכל המינים און סתם קשאַקעס פון דער צוזאַמענגעפלאָכ־טענער ווילדעניש. דערנאָך ערשט האָט מען געמוזט אויסקאָרטשעווען די פּיענקעס און זייערע צעשפּרייטע וואָרצלען, וואָס זענען געבליבן טיף אונטער דער ערד.

כמעט דער גאַנצער טשאַקאָ־געביט איז פלאַכלאַנד, אַדורכגעוועבט מיט טייכן: דער שטורעמדיקער טייך בערמעכאָ, פּילקאָ־מאַיאָ, סאַלאַדאָ און דער זעלטן־שיינער טייך פּאַראַגווײַ, וואָס ווערט געבוירן אין די מאַטאָ גראָסאָ־בערג אין בראַזיל. נאָכן אָפּ־לויפן 2.500 קילאָמעטער, פאַלט דער פּאַראַגווײַ אַריין אין טייך פּאַראַנאַ. די דערמאָנטע טייכן גיסן זיך אָפּטמאָל אויס און פאַר־פלייצן טויזנטער קילאָמעטער ערד, וואָס איז באַוואַקסן מיט אַ כמעט קאָמפּאַקטן אורוואַלד פון קדמונים אָן.

דאָרט, אין די גאָר־פלאַכע און נידעריקע הייסע געגנטן, איז אומדער־טרעגלעך הייס. דאָרט ווו די וועגעטאַציע, די פלאָראַ איז אַ קאָמפּאַקטע, פלאָדיען זיך שרצים און רמשים־משחיתים מכל־המינים. פון די אומשול־דיקסטע גרינע זשאַבקעלעך וועלכע לעבן רק פון די אינזעקטן און שפּינען וואָס זיי שלינגען איין מאַסנווייז, ביז די געפערלעכסטע ריזיקע, סמיקע שפּינען, סקאָרפּיאָנען און משונהדיקע אַלאַקראַען: גיפטיקע שלאַנגען, ווי די קיראַל, זשאַראַראַ, קאַסקאַבעל, סעראַסטאַ, קרייץ און אַנדערע ווערג־שלאַנגען ווי די פּיטאָן פון גאַנצע אַכט מעטער לאַנג, די באָאַ פון 6 מעטער און די לאַמפּאַלאַגואַ פון אַכט מעטער לאַנג, הערפּעטאַדריס קאָרענאַדאַ, די קולעבראַ קאַדענאַ און אַנדערע משחיתים, פאַרגיפטנדיקע און פאַרצוקנדיקע. זשאַקאַרעען (קראָקאָדילן), יאַגואַר, פּומאַ, פוקסן, סער־וואַל, לינסע, ווי אויך פיל אומשעדלעכע באַשעפענישן, ספּעציפישע פון די טראָפּישע און סוב־טראָפּישע דזשונגל־געביטן. צווישן די פליענדיקע באַשעפענישן וועל איך נאָר דערמאָנען אַז אין דעם אומענדלעכן טשאַקאָ,

אין ווייסן צפון, פלאַדיען זיך פון דעם מיקראָסקאָפּישן פליגעלע און פּרעסערישן היישעריק, ביז דעם קעניג פון הימל־רוים — דער קאָנדאָר.

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, איז דער גאַנצער דריי־נאַציעדיקער טשאַקאָ־געביט טראָפּיקאַליש און זאַמדיק. און וואָס ווייטער און טיפער אין וואַלדיקן צפון אַריין, ווו די מאַסע אור־פלאָראַ איז קאָמפּאַקטער, איז אַלץ הייסער און דאַמפּיקער.

דער קלימאַט דאָרט טיף אין צפון־טראָפּישן דזשונגל וואָס ווערט אָנגערופן „טשאַקאָ־באָרעאַל" (צפון־טשאַקאָ), איז נישט קיין צו געזונטער. אַ סך שטייענדיקע סאַזשעלקעס, אָזיערעס און אָזיערקעלעך, פלאָדיען אָן אַלערליי מין פליגן, אייניקע גוואַלדיק גיפטיקע, זשוקעס מכל המינים און גאַנצע כמאַרעס קאָמאַרעס, וועלכע אימפּן איין די פּאַלודישע מחלה, אָדער מאַלאַריע, דעם געלן־פיבער און אַנדערע טראָפּישע חולאתן. און הגם דער אַרגענטינער טייל טשאַקאָ געהערט שוין צו דעם מילדערן קלימאַט, איז ער פון דעסטוועגן דער הייסטער טראָפּיק פון דעם עקסטרעמען אַרגענטינער צפון.

——∷——

אַ האַלב נאַקעטער און מיט אַ שטרויענעם הוט מיט ברייטע דענקעם אויפן קאָפּ, איז בעריש געזעסן אויפן הויכן אַקער, געשלעפּט פון דריי פּאָר לייבן־פערד און צעשניטן די פרענגעוואַטע בתולה־ערד פון ווילדן ששת ימי בראשית און בשעת־מעשה געלייענט מיט גרוים התמדה דאָס עטיק־בוך פון דעם וועלט־באַרימטן יידישן פילאָזאָף, ברוך שפּינאָזאַ.

עס איז נאָך געווען קוים שפּראָץ באַגין, ווען בעריש איז אַרוים פון שטוב אין פעלד אַריין. דער טונקל־בלויער הימל־רונד, אין דער געשטאַלטונג פון אַן אָפענעם זיידענעם שירעם־געוועב, איז נאָך געווען פול מיט שימערירנדיקע, קוועקזילבערנע שטערנדלעך, וואָס זענען ווי עטער, מיניענדיק, פאַרשווונדן געוואָרן כהרף־עין אינקאָגניט אין אומענדלעכן חלל, רגעווייז, איינער נאָכן אַנדערן און דערנאָך — מאַסנווייז.

די לבנה, וואָס איז מינוטן פריער געווען בלענדיק שניי־ווייס און באַגלייט פון דעם אייפערזיכטיקן דאָן־זשואַנישן מאָרגנשטערן, און צעשפּרייט איר זילבערווייסע ליכטיקייט, האָט זיך פלוצים פאַרוויטלט ווי אויף קאַרמין, אַ רויטע, צעפלאַמטע רויז, אַזוי ווי אַ צניעהדיקע יידישע כלה פאַרן ערשטן חתן־כלה־בליק, פונעם אויפגייענדיקן פלאַקער פון דעם גינגאָלדענעם קאַיאָר פון דאָרט העט ווייט, זייער ווייט, ערגעץ ווו פון יענער זייט וועלט.

אויף אַ ריזיקן מאָרעראַ-בוים וואָס זיין שטאַם פון אפשר אַ מעטער אין דיאַמעטער גראָב, איז על פּי נס ניצל געוואָרן פון דעם גייציקן וואַלד-סוחרס האַק, האָט דערנאָך גענוצט פאַר די בהמות צו באַהאַלטן זיך אונטערן שאָטן פון זיינע ברייט-צעשפּרייטע און גרין-באַבלעטערטע צווייגן. אַ קאָקעטיש פּאָרל אַליאַנינעס-פייגעלעך וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ צווייג פון דעם מאָרעראַ, האָבן אין אַ ליבע-דערקלערונג, זיך קאָקעטיש צעשווירטשעט. ספּאָראַדיש האָבן זיי אָפּגעענטפערט מיט אַ געקרויזלטן האַרפּע-געזאַנג אין אַ כאָר, דער פּעך-שוואַרצער מירלאָ-פויגל, דער שטיפערישער כילגעראָ, דער קאַרדענאַל-פויגל מיטן בלוט-רויטן קעפּעלע און שעלמישן ציפּעקל, דער טאָרדאָ און אַוווטאַרדער וואָס זענען געשטאַנען אויף דעם דערבייאיקן לאַפּאַטשאָ-בוים; אויך דער פּרעכטיקער קאָליברי-פויגל און דער פיל-קאָלירטער קאָטינגאַ-פויגל, וועלכע זענען געשטאַנען אויף אַ רייצפולן סעיבאָ-בוים, אַ באַשאָטענער מיט פּרעכטיקע רויטע בלומען, ווי רויזן-בוקעטן.

פלוצים האָט בעריש האָן, דער מיטן צעלאָקטן ברייטן עק מיט די פּאַווע קאָלירן און די פּעדערן פון זיין אָנגעבלאָזענעם האַלדז מיט די זיך מיניענדיקע טאָרנאַסאָל-פאַרבן, זיך צעזונגען מיט אַ חזנישן שלשלת, וואָס אַלע הענער פון נאָענט און ווייט, האָבן באַלד נאָכגעזונגען אין אַ קרייערישן כאָר-געזאַנג, וואָס די וויברירנדיקע ווידערקולות פון די יידישע קאָלאָניעס פון „רויט” און פון „אינדיאַנער-פעלד”, וואָס אין טשאַקאָ-וואַלד, האָבן מיט אַ געשאַל זיך אָפּגערופן מיט אַ לאַנג-שופרדיקן תקיעה-גדולה געקראַקעריי.

בעריש, דער עקשנותדיקער פילאָזאָפישער פויער, וועלכער איז פון באַגין אָן געזעסן אויפן הויכן אַקער-אייזן, האָט געהאַלטן אין דער רעכטער האַנט דעם לאַנגן רער-שטעקן מיט דער עלאַסטישער בייטש צו טרייבן די פערד, און אין דער לינקער האַנט, שפּינאָזאַס „עטיק”. בעריש האָט זיך פאַרכליניעט פון דער פּרעכטיקער הימלישער פּאַנאָראַמע וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן.

דער גאַנצער האַלב-רונד פון דעם הימל-חלל, מיטן קאָליר ווי אַ גלאַנציקער העל-בלויער אַטלאַס-קאַפּל, איז אין דער מערב-זייט פלוצים געוואָרן טונקעלער, פול מיט פינקלענדיקע, ווי קוועקזילבער, גלאַנציקע שטערן. זיי האָבן גענומען בלענדן בלוט-רויט, ווי די זעלטנסטע פּולירטע רובינען-שטיינער. אין דער מזרח-זייט איז אויפגעקומען אַ געמעל אין די הויכן ווי אַן אַמאַראַנטן-בלום, פּונסאָ-רויט, וואָס די צוזאַמענגעפלאָכטענע וואָלקנדלעך האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט ביים ערשטן זריחה-שטראַל.

בעריש האָט אָבער אין זיין פילאָזאָפישער און פּאָעטישער יצירה־התלהבות, אויך נישט פאַרגעסן זיין פּויערישע פליכט, פון אַן אידעאַליסטישן ערד־אַרבעטער. בעריש האָט אויך נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט געגעבן „שליסל־געלט״ פאַר טראַנספערענץ (איבערגעבן) דעם אומגעצוימטן קרעאָל פאַר די 1200 העקטאַר ווילד פעלד. ער איז איצטער אַרומגערינגלט מיט פאַראינדיאַנישטע און פאַרווילדעוועטע פּאַסטוכער, וועלכע באַאַרבעטן נישט זייערע פעלדער, נאָר לעבן רק פון גנבה און גזלה. בעריש האָט אויך נישט פאַרגעסן, אַז עניוותדיקע, האָרעפּאַשנע פערד שלעפּן דעם שווערן אַקעראייזן, וואָס גראָבט זיך טיילמאָל צו טיף אין דער קרקע־בתולה זינט וועלט־באַשאַף. בעריש ווייסט, אַז די ערד וואָס ער אַקערט, איז אַ בראשית־ערד פון דעם נאָר־וואָס אויסגעהאַקטן שטיק וואַלד מיט וואָרצלען און גראָבע פּענקעס, וואָס זענען נישט אויסגעקאָרטשעוועט געוואָרן פון דעם ערשטן באַלעבאָס און זענען עד־היום פאַרבליבן אונטער דער ערד. די וואָרצלען פון די געקעפּטע ביימער צעשפּרייטן זיך ווי אַ נעץ אונטער דער ערד, איז שווער פאַר די אויסגעהאָרעוועטע בהמות, וואָס דערנערן זיך בלויז מיטן האַרטן שאַרף־גראָז, בלעטער פון די ביימער און קוים אַביסעלע טשאָקלאָס אָדער מאַיס. געטראָפן האָט אויך אַ מאָמענט, ווען בעריש איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין דעם זעלטן־שיינעם און עקזאָטישן הימל־פּייזאַזש און אין שפּינאָזאַס פילאָזאָפיע, אין זיין פּאַנטעאיזם און דעקאַרטיזם, וואָס זיין חסיד דער אומפאַרגלייכלעכער שפּינאָזאַ איז געווען. בערישעס פאַרטיפקייט אין שפּינאָזאַס און אין דעקאַרטס דענקען האָט דערפירט, אַז די אַקער־מעסערס האָבן זיך איינגעשניטן אין אַ גרעבערן וואָרצל פון אַ רויטן קעבראַטשאַ. פון דעם שטאַרקן צוריקשטויס, איז בעריש שיר נישט אַראָפּגעפאַלן פון דעם הויכן געזעס און שיר נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער די שאַרפע פליטן פונעם אַקעראייזן.

— אָט־דאָ, אין דער טשאַקאָ־ווילדעניש איז, דאַכט מיר, פילפאַכיק גרוילנדיקער ווי אין דער פּאַמפּאַ־וויסטעניש, ווו עס בושעוועט דער שדים־טאַנצענדיקער און בייזער טראָמבאַ־ווינט און עס רעגנט נאָר בלויז איינמאָל אין אַ יובל, ווען עס שטאַרבט אַ פרומער בישאָף — האָט בעריש נאָך אַ קרומען שמייכל צו זיך אַליין אין זיין רויטן בערדל אַריין, אַ בורטשע געטון אונטער דער נאָז.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם אַקעראייזן מיט אַ רידל און אַ שאַרפע האַק אין די הענט און זיך גענומען איבערהאַקן דעם גראָבן

וואָרצל, וועלכער איז געווען אַרומגעפלאָכטן מיט נאָך האַרטערע וואָרצלען פון אַ סיענסאָ־בוים, אַ באַקסער און פון אַ ווייסן גראַבאָוון בוים.

איבער אַ שעה צייט האָט בעריש געהאָרעוועט ביז ער האָט אויסגעהאַקט די פירערליי גראָבע און שטאָל־האַרטע וואָרצלען. ער האָט זיך אָפּגעווישט מיטן זאַק פון אונטערן געזעס דעם שוויים פון פּנים, ברוסט און הענט און זיך צוריק אויפגעזעצט אויפן הויכן טראָן פון דעם אַקער, וועלכן די אויסגערוטע און אונטערגעפּאַשעטע פערד מיטן הויכן און זאַפטיקן דזשונגל־גראָז, האָבן ווידער גענומען שלעפּן מיט זייער פּאַטאַלן און אונטערטעניקן בהמישן געדולד.

בעריש

בעריש איז אַ בעסאַראַבער, פון מיטעלער הייך. ער איז אַ קרעפּטיקער, אַ מוסקולירטער, מיט אַ שטאָלענעם כאַראַקטער און אַ נזירישן ווילן. ער וואָלט גראָד געמעגט הייסן „דער שטאָלענער", צוליב זיין שטאָלענעם ווילן און עכט יידישן אויסדויער, בטחון און עקשנות. דערצו נאָך איז בעריש אַן אויטאָדידאַקט, אַ טיף־געלערנטער און באַלייענטער מענטש. בעריש וואָלט אפשר געקענט זיין אַ פּראָפעסאָר אין אַ פילאָזאָפישן פאַקולטעט. ער איז אָבער אַ צו גרויסער באַהעם, אַ צו גרויסער פרייהייט־אידעאַליסט און ליבהאָבער פון זעלבסשטענדיקער איניציאַטיוו און פאָרשערישער אַרבעט. בעריש וויל בעסער דעם ביטערן פּאָלין־בלאַט פאַרדינט אין פרייהייט, איידער אַ האָניק־לעקעך אין שקלאַפעריי. דערצו נאָך איז בעריש אַן עקשן־אַרבעטער, וועלכער האַלט זייער שטאַרק פון „בזעת אפיך תוכל לחם". דערפאַר האָט ער צוזאַמענגעפלאָכטן דאָס בוך מיטן אַקעראייזן, האַמער און סערפּ, אָדער קאָסע.

בשעת בעריש איז נאָך געווען אינעם גרויען נאַרסים לעווין פון דער זאַמדיק־טרוקענער פּאַמפּאַ, האָט ער צומאָל אין דמיון זיך נישט פאָרגעשטעלט צו זיין אַ קאָלאָניסט אין דזשונגל. די שרעקלעכע עבודת־פרך איבער די פיזישע מענטשלעכע כוחות וואָס עס פאָדערט זיך צו באַאַרבעטן און באַפּרוכפּערן די פאַרהאַרטעוועטע בתולה־ערד, וואָס איז ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען אַן אומדורכדרינגלעכער אור־וואַלד משׂשת ימי בראשית. אַרום זיין פעלד אין געוועזענעם טשאַקאָ־דזשונגל, האָבן ווו־נישט ווו געוווינט פאַרווילדעוועטע הפקר־מענטשן, אַ געמיש פון גוואַראַניער־און טאָבאַ־אָפּשטאַמלונגען, פוילענצער ווי די אַראַבישע ווילדע נאָמאַדן, וואָס ווילן נישט אַרבעטן און זענען דערצו נאָך גנבים און רוצחים.

קיין גוטע טרינק־וואַסער איז אויך נישט געווען בנימצא ווייט אַרום. ביז צום נאָענטסטן יידישן ישוב, צו אַ באַן־סטאַנציע, צום יידישן שטעטל, קיין טשאַראַטאַ, ווו מען קען קויפן אַ פלעשל קעבראַטשאָ־ווין, אַ פלעשל

סאָדע-וואַסער, אַ שטיקל ווורשט, צי אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, איז אַ מהלך פון קנאַפּע פופציק קילאָמעטער.

די ערשטע זיבן ברונימער וואָס בעריש האָט אויסגעגראָבן אויף אַ קאָפּ-שווינדלערישער טיפקייט, איז געווען געזאַלצענע סאַליטרע-וואַסער. איז דאָך בעריש אַ ייד אַן עקשן און אַ שטיק טיפזיניקער וויסנשאַפטלער דערצו, האָט ער געגראָבן אַזוי פיל ברונעמער, ביז ער האָט אין אַ שרעקלעכער טיפקייט אויסגעפונען גוטע טרינק-וואַסער. קיין באַקוועמע דירה איז אויך נישט געווען אויף דער יידישער נחלה. וואָכן-לאַנג איז בעריש מיט זיינע בני-בית געשלאָפן מיט די „בעבעכעס״ אין דרויסן, דערפאַר אונטערן פרייען, אויסגעשטערנטן הימל, אויסגעשטעלט פאַר די בייזע, בלוט-זויגנדיקע פליגן, קאָמאַרעס, גיפטיקע שפינען און שלאַנגען, וואָס זענען אין יענער צייט דאָרט געווען זייער אַ סך. בעריש האָט מיט דער מיטהילף פון זיינע ברידער און שוואָגער נחום, אויפגעשטעלט אַ גרעסער הויז פון עטלעכע צימערן, אַ גאָר גרויסן קיך-צימער, אַ שטאַל פאַרן ביסל בהמות און אַ גרעסערן גאַלפּאַן (שייער) פון גאַנצע און האַלב-געטעשעטע קלעצער פון קעבראַטשאָ-ביימער.

דער אַרבעטזאַמער פויער בעריש, איז ווי שוין דערמאָנט, אַ הויךגעלערנטער מענטש. ער איז אַן אָנגעשטאָפּטער מיט יידישן און אַלוועלטלעכן וויסן. דערצו נאָך איז ער אויך אַן אייפערדיקער און טרייער יידישער לערער, וועלכער איז ממש זיך מקריב, בכדי די יידישע קינדערלעך פון די פאַרהאָרעוועטע קאָלאָניסטן פון דעם הייסן טשאַקאָ-וואַלד, זאָלן חלילה וחס נישט פאַרלוירן ווערן פאַרן יידישן פאָלק.

עס איז געווען אין סאַמע אָקער-און פאַרזיי-צייט. פון פריסטן באַגין אָן, האָט די צערייצטע זון, ווי אויף רויט אַ צעגליטער קופּערנער באַל, געפלאַקערט און געשרפעט מיט דער גרעסטער טראָפּישער רציחה. אין גאָר הויכן דרום-קופּאַל, איז דער הימל געווען באַשפּרענקלט מיט געפאַרבטע וואָלקנדלעך, ווי אַן אָראַנזש-קאָלירטע דאַליאַ-בלום. די אַנדערע דריי הימל-ווינקלען האָבן געגלאַנצט און שימערירט ווי צעלאָזענער בליי. שוין חדשים ווי עס האָט נישט גערעגנט. די צאַרטע איידעלע און שוואַכערע ביימער און בלומענפלאַנצן, גראָזן און גרינוואַרג, זענען פון חלשות נאָך אַ טראָפּן וואַסער, געוואָרן פאַרוויאַנעט און געל, ווי זיי וואָלטן די געלזיכט געקראָגן. די גאַנצע וועגעטאַציע איז נעבעך „קראַנק געוואָרן אויף דער גאַל און לעבער״ — פלעגט בעריש זיך וויצלען אויף זיין הומאָריסטישן שטייגער. אַפילו די טונאַס אָדער נאָפּאַל, אַגאַוועס, ציריאָס, קאַרדאָס, טשומבאַ און אַנדערע קאַקטוס-פלאַנצן און ביימער פון דעם

קאַקטוס מין, וואָס האַלטן אוים חדשים אָן וואַסער. האָבן אויך פאַר־שמאַכטע, אַראָפּגעבויגן צו דער ערד זייערע גאַווהדיקע באַשפּיזלטע בלעטער, און זייערע אַמאַראַנטענע, גאָלד־קאָלירטע, זילבער־ווייס און בלוט־רויטע בעכער־בלומען, זענען פאַרוועלקטע געפאַלן כורעים צו דער פאַרטרוקנטער, שטויביקער ערד.

ווען נישט די גוטע טרינק־וואַסער פונעם ברונעם, וואָס בעריש האָט מיט דער גרעסטער מסירת־נפש אויסגעגראָבן, וואָלטן די בהמות זיכער אויסגעשטאָרבן פון דורשט. בעריש האָט אויך פאַרגעזען איבערצולאָזן אַ סך צעצווייגטע און געדיכט־באַבלעטערטעביימער אויף זיין ווילדער נחלה, בכדי די בהמות און עופות זאָלן האָבן גענוג שאָטן ווו זיך צו באַ־האַלטן אין די געפערלעכע שעהן פון טאָג, ווען די זון פלאַקערט חמימה־דיק און שטאַרקער.

די ערשטע יאָרן פון האַרעווען שווער און ביטער, איז געווען אַ דוחק פון אַלץ ביים אָפּטימיסטישן בערישעס משפחה. עס האָט אָפּטמאָל אָפילו געפעלט אַ קוקורוזע־פלעצל צו דער זעט. פון דעסטוועגן האָט די עקסטרעמע נויט נישט געבראָכן זיין און אויך נישט זיינע משפחה־לייטס פילאָזאָפישן יידישן בטחון, ווילן און אויסדויער.

בעריש און זיינע ברידער, שוועסטער און שוואָגער, האָבן ממש מיט די ציין, נעז און נעגל געאַקערט און געבראָנעוועט דאָס בתולה־פעלד, סעזאָן נאָך סעזאָן, כאָטש מער ווי דזשונגל שאַרף־גראָז, דערנער און כל־המינים קאַררא־שטעכערס האָט נישט אַרויסגעשפּראָצט פון דער פאַר־טרוקנטער און פאַסמאַליעטער ערד.

די גאַנצע פעריפעריע יידישע קאָלאָניעס וואָס אַרום בערישעס פעלד, האָט ממש געהלשט פאַר אַ טראָפּן וואַסער. און אַז עס האָט שוין יאָ עפּעס אַרויסגעשפּראָצט, האָבן די היישעריקן, געקומענע פון מאַטאָ גראָסאָ און פון פאַראַגווייער און באָליוויאַנער „טשאַקאָ־באָרעאַל" (צפון־טשאַקאָ) אַלץ אָפּגעפרעסן.

בעריש באַטראַכט זיין ענדלאָז פעלד, ער גראָבט איין זיינע ברוינע אָדלער־אויגן אין אור־וואַלד וואָס גרענעצט זיך מיט זיין „טשאַקראַ" (פאַרם) און ער טראַכט:

— יאָ, ווער עס איז נישט אַריינגעדרונגען כאָטש אַ דריי־פיר קילאָ־מעטער טיף אין דער צוזאַמענגעפלאָכטענער ווילדעניש, פון דער מענגע ביימער און הויכע גראָזן פונעם טשאַקאָ־דזשונגל וואָס דערגרייכט ביז דעם גרוילנדיקן און מיסטעריעזן מאַטאָ־גראָסאָ, יענער ווייסט לגמרי נישט וועגן דער סודותדיקער און פחדפולער גרויסקייט פון דעם שטיק טשאַקאָ

וואָס אַרגענטינע פאַרמאָגט. כמעט אַלע האָבן געהערט און טייל מענטשן האָבן אַפילו געזען שטעטלעך און שטעט מיט פיין אַספאַלטירטע גאַסן, מיט בלענדנדיקע באַלויכטענע פענצטער און שויבן פון געשעפטן און הייזער אויף דער געבענטשטער טשאַקאָ־ערד. אָט־אָ־די מענטשן מיינען, אַז דאָס איז אַלץ וואָס ווערט אָנגערופן: „טשאַקאָ־באָרעאַל". זיי, די־אָ מענטשן מיינען, אַז די שטאַרק באַלויכטענע אַוועניִדאָס פון רעסיסטענ־סיאַ און סאַענז פּעניאַ, זענען עס דער באַרימטער טשאַקאָ־אורוואַלד, פון וועלן גאָט האָט פון אַ תוהו ובוהו באַשאַפן הימל און ערד און אויך דעם גאַנצן קאָסמאָס.

די טשאַקאָ־זון האָט געפלאַקערט אש־להבה. די ווערעם־פרעסערישע און שרצים־פרעסערישע פייגל זענען אַרומגעפלויגן, נאָכגעשפרונגען און נאָכגעלאָפן נאָכן אַקער וואָס האָט צעשניטן און באַלד איבערגעקערט די ערד מיט דעם איינגעווייד אַרויף. די פייגל האָבן איינגעשלונגען די לאַנגע, רויטע ערד־גייצן אין די טויזנטער און אַלערליי אַנדערע ווערעם, לאַדוון און שרצים. אַ פייערדיקער ווינט האָט געבלאָזן פון צפון, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געבריט, אַז די אַרבעטער אין פעלד האָט זיך געדאַכט, אַז די האָר א:יפן קאָפּ סמאַליען זיך.

דאָס איז דער זאָנדאַ־ווינט, האָט בעריש געזאָגט. די אומדערטרעג־לעכע היץ אין יענעם פרימאָרגן איז געווען אַזאַ געוואַלדיק שאַרפע, אַז די אייגענע הויט איז אויך געווען צופיל פאַר דעם אויסגעפרוּוטן בעריש. דערצו נאָך האָבן די פערדישע טריט ביים שלעפן דעם אַקעראייזן אויפ־געהויבן אַזאַ געדיכטן שטויב, וואָס האָט אים געמאַכט ניסן, געביסן אין די א:יגן און געשטיקט אין האַלדז. עס איז אים געווען שווער צו אָטעמען. בעריש האָט נישט געהאַט קיין זייגער ביי זיך. אָבער ווי אַ געניטער נאַ־טור־מענטש, האָט ער אַ בליק געטון צו דער פלאַמיקער זון. — עס איז שוין צען מינוט נאָך צען און מיין שוואָגער נחום איז נאָך נישט געקומען מיך פאַרבייטן, און עס הונגערט מיך אַזוי שטאַרק — האָט ער אַ רעבע־לירנדיקן וואָרטשע געטון אונטער דער נאָז צו די פרייכנדיקע פאַר־מאַטערטע פערד. ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו אַקערן.

אין ווייסן דרום האָט בעריש דערזען אַ זיבן־קאָלירנדיקן רעגנבויגן. — מען מוז צוויילן מיטן אַקערן, בראָנעווען און זייען, ווייל עס וועט רעגענען אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום. און אפשר נאָך פריער. נו, וועט זיכער זיין אַ גוטע גערעטעניש! דאָרט רעגנט שוין. איר זעט מיינע האַר־ציקע ברויטגעבער, איר זעט מיינע פערדלעך? אַ רעגנבויגן! אַ ווירבל־ווינטעלע. אַ דערפרישנדיקס, בלאָזט פון דרום, פון זידן, פון דעם זיד־פּאָל,

וועט טאַקע רעגענען. איר פילט דען נישט, מיינע פערדלעך?... נו, אַז עס וועט רעגענען, וועט וואַקסן גראָז, האָבער, היי און קאָרן, ווייץ און קוקורוזע, וועט איר אויך האָבן צו קייען... — האָט בעריש אַן אויפגעלייגטער, פול מיט אַ יידיש־פּויערישן עקסטאַז, ווידער אַ זאָג געטון צו זיינע פאַרשוויצטע, פרייכנדיקע פערד.

פון דערוויטנס, פון וואַנען עס האָט זיך דערנענטערט מיט אַ משונה־דיקן גאַלאָפּ אַ רייטער און געלאָזט נאָך זיך אַ געדיכטן וואָלקנשטויב, האָט זיך געהערט אַ שפּיציקער פייף. דאָס איז געווען זיין שוואָגער נחום, וועלכער איז ממש געפלויגן אויף זיין „פּיקאַסאָ"־פערדל. נחום האָט געאיילט כדי צו פאַרבייטן בערישן און ער האָט זיך אונטערגעפייפט צוליב היימלעכקייט, ווי אויך צו פאַרטרייבן די גיפטיקע שלאַנגען וואָס האָבן געווימלט אין יענער צייט אין דזשונגל.

אין דער זעלביקער רגע האָט בעריש דערהערט פון דער נאָענט אַ שניידיקן פייף, אַזאַ מין אויסטערלישע שיפּע, אַז די האָר אויף בערישעס קאָפּ האָבן זיך אויפגעשטעלט קאַפּויר. דאָס איז געווען דער טעראָר־סיגנאַל פון דער געוואַלדיק גיפטיקער קאַסקאַבעל־שלאַנג (קלאַפּער־שלאַנג), וואָס האָט אַ ביס געטון אונטער דער קני איינעם פון די פערד, וועלכער האָט אַזאַ ריטשע געטון, אַז עס האָט בערישן פאַרקלעמט ביים האַרץ. ער איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פונעם אַקעראייזן מיטן שאַרפן רידל אין האַנט און דערהרגעט די געפערלעכע שלאַנג.

דער געלערנטער בעריש האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט באַלד איינגעשפּריצט דעם געביסענעם פערד דעם ספּעציעלן קעגנגיפט וואָס ער האָט געהאַט אין לעדערנעם קעסטעלע ביים אַקעראייזן, און אַזוי אַרום געראַטעוועט דאָס פערד פון אַ שרעקלעכן טויט.

איך האָב שוין היינט דערהרגעט אַ קאַסקאַבעל און איין ריזיקע קרייץ־שלאַנג — האָט בעריש דערציילט נחומען, ווען דער לעצטער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם „פּיקאַסאָ"־פערד מיט אַ ווייסן קאָפּ און פּיס, מיט אַ שוואַרצן קערפּער.

— טאַקע צוליב די פאַרשאָלטענע „וויבאָראַס" (גיפטיקע שלאַנגען) האָב איך פאַרשפּעטיקט צו קומען צו דיר אין צייט. די וויבאָראַס האָבן די פאַרגאַנגענע נאַכט אויסגעטרונקען די גאַנצע מילך וואָס מ'האָט געהאַט אָנגעשטעלט אויף צו מאַכן פּוטער און קעז. האָסט געזען בעריש אַזאַ אָנשיקעניש? אַ בראָך זאָל זיי געשען, אָט־די וויבאָראַס! בלויז פון יענעם עק, פון דעם טערקס „ראַנטשאָ" (כאַטע), ביז נישט ווייט פון דאַנען, האָב איך פינף מאָל געמוזט אַראָפּשפּרינגען פון מיין צו הויכן

„פּיקאַסאַ“־לאַשעקל. איך האָב דערהרגעט דרײַ זשראַדאַס, איין קרעלך־שלאַנג און איין סעראַסטאַ־שלאַנג. אַן אמתדיקע אינוואַזיע פון די פּאַר־שאָלטענע סמיקע נחשים, דאַכט זיך.

— די אינדיאַנער, איך מיין, דער „שוואַרצער פינגאַ“ און דער „שטאַמלענדיקער שאַקאַל“ זאָגן, אַז די טײַכן בערמעכאָ און פּילקאָמאַיאָ האָבן דאָרט ערגעץ־ווו, שוין נישט ווײַט פון באָליוויאַ, אויסגעגאָסן. און אַז ערגעץ־ווו בײַ די גרענעצן פון פּאַראַגווײַ ברענט דער וואַלד. דערפאַר זענען די גיפטיקע שרצים און נחשים געקומען אַנטלויפנדיק ביז אַהער. די אינדיאַנער זאָגן, אַז די שלאַנגען אַנטלויפן נישט פאַרן וואַסער, ווײַל יעדע פון זיי איז אַ בריה אַ שווימערין. אַחוץ דעם, אויב די שלאַנג ווערט איבעראַשט פון אַ שטאַרקן וואַסער־שטראָם, קען זי זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ בוים און איבערוואַרטן די פאַרפלייצונג. פאַרן פייער אַנטלויפן זיי יאָ, און אַנטלויפנדיק, יאָגן זיי זיך נאָך די קלענערע חיהלעך און אַנדערע באַשעפענישן, וועלכע אַנטלויפן פאַר וואַסער פונקט אַזוי ווי פאַר פייער. די גיפטיקע, ווי די נישט־גיפטיקע שלאַנגען, שלעפּן זיך נאָך זייערע פּוס־טריט און שלינגען איין וויפל זיי קענען נאָר כאַפּן. — דאָס האָט נחום אַלץ איבערדערציילט בערישן.

— יאָ, יאָ, נחום, אַזוי זאָגן טאַקע די אינדיאַנער. זיי זאָגן, אַז ווען די „וויבאָראַס“ וואָלטן נישט געווען אַזעלכע גיפטיקע, וואָלטן זיי געווען אַ ברכה פאַר די פעלדער. זיי, די שלאַנגען, כאַפּן אוים די שטשורעס, מײַז, קאַמאַדרעכאַס, וויזקאַטשאַס, קאַרפּינטשאַס און אַלע אַנדערע שעד־לעכע חיהלעך. אַפילו דעם היישעריק און דעם אַקריד אין אַלגעמיין, וואָס פרעסן אָפּ די תבואות, גרינוואַרג און ביימער, — האָט בעריש צוגעגעבן פילאָזאָפיש, בשעת זיי זענען געזעסן אונטערן געדיכט באַבלעטערטן לאַרבער־בוים און איבערגעכאַפּט אַ קוקורוזע־פלעצל מיט „טשאַרקי“ (גע־טרוקנט פלייש אויף דער זון) און פאַרטרונקען מיט אַ ביטערע מאַטע.

נ ח ו ם אַ ק ע ר ט א ו ן ז י נ ג ט

— ווייסט נחום, איך וועל אַוועקרייטן אין „ראַנטשאָ" (כאַטע) און וועל באַלד צוריקקומען מיט די אַנדערע צוויי פּאָר אויסגערוטע פערד. איך וועל מיטנעמען די צווייפּאַכיקע בראָנעס און וועל זיך נעמען בראַנעווען די פריש־צעאַקערטע ערד. און מאָרגן באַגין וועל איך און יצחק זיך גלייך נעמען פאַרזייען. דו מיט מאירן וועלן איינשפּאַנען די שוין פון אַכט מעת־לעת אויסגערוטע פערד און צואיילן מיטן צעאַקערן די רעשט פעלד. איך זאָג עס דיר אָן, ווייל עס וועט רעגענען אין אַ פיר־פינף טעג אַרום און אפשר נאָך פריער; מיר מוזן זיך צואיילן מיט דער אַרבעט, בכדי צו קענען אויסנוצן דעם קומענדיקן רעגן נישט נאָר צו די וואַטן און טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס, נאָר אויך אויף אַ קאַפּיטשקע קוקורוזע, מאַניס (ערד־ניסלעך), אַביסל מאַנדיאָקאַ, אַ פּאָר טוץ טאָמאַטן, אפשר אַביסל קאַרטאָפל אויך און זיסע באַטאַטאַס, עס זאָל זיין מיט וואָס אָנצושטאָפּן דעם מאָגן, ווען עס וועט צופּיל צופּן אונטערן פּופּיק... איך וועל אויך מיטנעמען אַהיים דעם לאַנגווײדלדיקן רויטן פערד, דעם געביסענעם פון דער קאַסקאַבעל. דער פוס איז אים שרעקלעך געשוואָלן געוואָרן פונעם סם. זעסט ווי ער הינקט? הערסט ווי ער קרעכצט נעבעך? פּונקט אַזוי ווי להבדיל אַ מענטש; ס'איז דאָך אַ רחמנות אויף דער נישט־רעדעוודיקער בהמה, וואָס זאָגט מיט אירע עניוותדיקע אויגן, עפּעס ווי ווייגענדיק אויפן בהמהשן שטום־לשון, אַז עס פאַרקלעמט מיר ביים האַרץ — האָט דער צער־בעלי־חיימדיקער בעריש געזאָגט צו נחומען, שוין ביים אַרויפשפּרינגען אויפן אַנדערן, אויפן געזונטן פערד.

——::——

נחום איז אויך אַ בעסאַראַבער. ער איז אַ ברונעטער. ער פאַרמאָגט אַ פּאָר גרויסע, פאַרחלומטע אויגן. אַ גלאַנציקע, פעך־שוואַרצע שעוועלורע, ווי אַן עכטער אַרגענטינער גאַוטש פון דער וואַלענציאַנישער גזע, וועלכער פאַרליבט נישט נאָר די הייסבלוטיקע מיידלעך, נאָר אַפילו

ווייבלעך פון העכערן שטאַנד. דערצו נאָך איז ער אַ בלייך־פּנימדיקער, וואָס גיט אים אַ מענלעכן חן צו געווינען פרויען־סימפּאַטיע.

נחום איז העכער פון מיטלוווקס. ער פאַרמאָגט אַ ריטשעדיקע שטים. ער פאַרמאָגט אָבער אויך אַ פּאָר קאָוואַלסקע ידים, וואָס שפּרודלען מיט גבורה און רייסן זיך פון אים ערגעץ אויסצולאָדן זיין באַהאַלטענעם כוח.

נחום איז מער נאָכגעגאַנגען די פערדס פּוס־טריט ווי געזעסן אויפן אַקער־בענקל. ער איז אַביסל צו הויך און זיינע אַביסל צו לאַנגע פיס האָבן אים געשטערט צו זיצן אויפן אַקער־שטול, וואָס איז פאַר אַ מענטש מיט קורצערע פיס. נחום פלעגט אָבער באַלד צוריק אַרויפשפּרונגען אויף דער אַקער־טריבונע, און מיט דער לאַנגער בייטש אַ לייכטן שטיך טון אַט דעם פערד, אַט יענעם פערד און אַ ברוסטיקן ריטשע טון אויפן עכט גאַוטשישן שטייגער: אַ־אי הוהוהאַאַאַ! אַ רוח אין מאַכמעדאַנישן גאָטס וועלט אַריין! איר זמאַרעס וואָס איר זענט!...

אַ האַרמידער פון ווילדע געשרייען ווי פון טיטאַנען־געברום, האָט דער ווידערקול פון וואַלד, פעלד און לאַנקע אונטערגעכאַפּט נחומס געריטשעריי מיט אַ הילכיקן געשאַל.

נחום האָט זיך איינגעקוקט אין אַלע פיר קאַרדינאַלע הימל־ווינקלען. ער האָט געגנישטערט מיטן אויג און אויער און מיט זיינע אַנדערע דריי חושים, צי בערישעס נביאות האָבן עפּעס אַ גרונט פאַר ממשות, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט רעגענען.

ניין! אַלענפאַלס איך, אויך אַזאַ פויערישער „אַסטראָנאָם" ווי בעריש, זע נישט אָך פיל נישט קיין שום אַנדייט, צומאָל, אויף קיין רעגן. שוין צוויי יאָר נאָכאַנאַנד ווי די גערעטעניש איז פאַרלאָרן געגאַנגען, צוליב דער טרוקעניש, אָדער צוליב נישט רעגענען אין דער נויטיקער צייט. און האָט שוין יאָ גערעגנט, איז עס געווען ווי אַ טראָפּן אין אַ זאַמדיקן מדבר. און דאָ קומט גאָר מיין שוואָגער מיט אַ פּזמון, אַז עס וועט רעגענען אין פיר־פינף טעג אַרום, בעת עס זענען שוין אַריבער גאַנצע ניין חדשים אָן אַ טראָפּן וואַסער פון דעם אויסגעדאַרטן, בלייענעם הימל. די הינערגנבטע, דאָניאַ פּאָקאַ די קוראַנדעראַ (זנאַכערקע), אַ כראָניש רעומאַטןקראַנקע, וועלכע פּאַלט אוועק פאַרן מינדעסטן אַנדייט אויף אַ רעגנדל, איז שטאַרק און פלינק ווי אַ נאָרמאַלע און געזונטע לקחנטע...

נאָר אַלץ קאָן דאָך געמאָלט זיין אין דער געטלעכקייט פון דער מיסטעריעזער און קאַפּריזנער דזשונגל־נאַטור, האָט דער אַטעיסטישער נחום אַ פאַטאַליסטישן טראַכט געטון. — בעריש איז טאַקע אַ געלערנ־

טער מענטש, אָבער פון ווען אָן איז ער עס געוואָרן אַ גאַנצער אַסטראָ־נאָם, אַ נאַטור־פאָרשער, אַ מאַרטין כיל, אַ שטערנזעער? און אפשר וועט בעריש גאָר ווערן אַ ניקראָמאַן, אַ גאַנצער זנאַכער, אַ טרעפער אַזאַ אין די הימלישע ענינים? אַלץ בעסער ווי צו זיין אַ קאַלאַניסט דאַ אין דער ווּיסטעניש און שטאַרבן פאַר הונגער און דורשט — האָט ער אַ סאַרקאַס־טישן שמייכל געטון אין זיינע פעך־שוואַרצע וואָנצעס אַריין, און ער האָט ווידער אַ ברוסטיקן ריטש געטון: אַ־אי הוהוהאַאַאַ! און מילאָסן קולות האָבן נאָכגעריטשעם זיין געשריי. נחום האָט אַ פּאַכע געטון מיט זיין לאַנגער בייטש איבער די פאַרשוויצטע הינטנס פון די פרייכנדיקע פערד. ער האָט ווידער אַ קרעאַלישן רעווע געטון אויף די פערדס חשבון: אַ היך אונאַאַאַאַ! (זון פון איינער).

פּונקט ווי בעריש איז אַ פילאָזאָפיש־גריבלענדיקער דענקער און חסיד פון דעסקאַרט, שפּינאָזאַ, קאַנט און שאָפּענהאַוער, פּלאַטאָן און סאָקראַטעס, איז נחום להיפוך אַ פּאָזיטיוויסט, אַ מאַטעריאַליסט. נחום איז אָבער אויך אַ פאַרליבטער אין היינען, געטע און דאַנטע אַליזשערי; ער האַלט אויך אַביסל פון ניוטאָן און העגעל, שילינג און לאַסאַל. נאָר מער פון אַלע פילאָזאָפן־דענקער, איז ער אַריינגעטון אין זשיטלאָווסקין, קראָפּאָטקין און באַקונין. דערפאַר האַלט ער אַזוי שטאַרק פון דוויד עדעלשטאַט און מאָריס ראָזענפעלד.

נחום קען טאַקע אַ סך סטראָפן פון היינען, געטע, דאַנטע, עדעל־שטאַט און מ. ראָזענפעלד פון אויסווייניק. נחום איז טאַקע אויך אַ זינגער און דעקלאַמאַטאָר ווען קיינער הערט נישט. אָדער ווען סע דאַכט זיך אים, אַז קיינער הערט אים נישט. דערפאַר האָט ער עס אַזוי ליב זיך צו צעזינגען אויף די העכסטע טענער, ווען ער געפינט זיך אַליין אויף אַ העכערן באַרג, וואַלד צי ווען ער אַרבעט איינזאַם אַליין אין ענדלאָזן פעלד. ער הערט זיך צו מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צום וויברירנדיקן עכאָ, וואָס חזרט אָפּ פון דער מיסטעריעזער ווייט, ווי פון אַ זילבערנעם מערזשל־געקלאַנג.

נחום איז אַ פאַרביסענער קעגנער פון דיקטאַטורן: נאַציסטישע, קאָ־מוניסטישע, צי קלעריקאַלע. אַלע טיראַנען שאַפן דיקטאַטורן. דער מענטש איז דאָך נישט קיין אָקס מיט אַ יאָך אויפן קאַרק צו שלעפן דעם אַקער־אייזן און דער אָנטרייבער זאָל מיט אַ לאַנגן און שפּיציקן שטעקן אַלע ווײַלע אים אַ זשדושאָכע טון אין הינטערחלק. און באַלד אַ קנאַל טון מיט דער בייטש איבער די בהמות קעפּ, אַז די אָקסישע נשמות פליען זיי שיר אַרויס דורך זייערע תמיד פייכטע נאָזלעכער.

נחום געדענקט דעם בלוטיקן פּאָגראָם אין קעשעניעוו, פון וואַנען ער שטאַמט. זײַן טאַטע איז בײַ די וואָלעכן געווען זייער אָן אָנגעזעענער און באַליבטער זשידאָן (ייד). אַלע בעסאַראַבער גויים האָבן אים ליב געהאַט פאַר זײַן פלײַס, גוטסקייט און ערלעכקייט. פון דעסטוועגן, אַז עס איז געקומען אַן עת־צרה אויף די קעשעניעווער יידן, האָבן אַפילו די בעסטע וואָלעכישע און אוקראַאינישע גויים, געוויזן, אַז זיי אַלע זענען יוונים מיטן זעלביקן רוצחישן פּנים.

נאָך גאָר יונג איז נחום געווען בעת זײַנע טאַטע־מאַמע זענען אַוועק מיט דער גאַנצער פאַמיליע פון זייער אײַנגעפונדעוועטער היים. זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס עמלקים־פאָלק פון דעם פּרוכטבאַרן בעסאַראַביע. זיי זענען אַוועק פונעם אַנטיסעמיטישן, קאָרומפּירטן צאַרישן רוסלאַנד און זענען געקומען קיין אַרגענטינע צו קאָלאָניזירן זיך אויף די ייקאָ־פעלדער אין דער ווײַטער פּאַמפּאַ מיט די קאַלטע ווינטן און הייסע זאַמדן, וווּ ער, נחום, איז אויסגעוואַקסן אַ קאָלאָניסט, אַ פּויער, אַ יידישער ערד־אַרבעטער.

נחום טראַכט וועגן דעם גרויסן מענטש, וועגן דעם גרויסן ייד באַראָן הירש, וועלכער האָט אַוועקגעשאָנקען זײַן פיל־מיליאָנענדיקן פאַר־מעגן פאַרן יידישן פאָלק, בכדי צוריק צו פאַרוואַנדלען עס אין אַ פּראָ־דוקטיוון פּויערן־עלעמענט. אַזוי ווי די יידישע אורשפּרונג איז געווען אין ארץ ישראל.

נחום האָט זיך אויפגעוועקט פון זײַנע יוגנטלעכע רעמיניסצענצן, פּונקט ווען די שטאַלענע אַקער־פלײַטן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַן האַרטע זאַך. די פערד זענען געבליבן שטיין. אונטער אַ פלאַכן שיכט האַלב־זאַמדיקער ערד זענען געלעגן צעפּיצלטע סקאָרופּעס פון ליימענע געבראַכטע כלים. אפשר פון די גוואַראַניער, צי פון אַנדערע פּאַרטיליקטע אינדיאַנער, וועלכע האָבן דאָרט געהאַט זייערע געצעלטן? אפשר מיט אַ צײַט צוריק, פאַר די שפּאַניאָלישע דעראָבערער, איז אין דעם אָרט געווען אַ לעבן פון רעלאַטיוו ציוויליזירטע מענטשן. אַ השערה לויט די געפאַרבטע און אין פײַער סמאַלטירטע סקאָרופּעס פון טעפּ, שיסלען, קרוגן, בראָטפּאַנען און וואַזאָנען.

דער שרײַבער אינעם פּויער נחום איז דעמאָלט נאָך געווען אין די וויקעלעך. ער איז נישט געווען דערפאַרן אין אַרכעאָלאָגישע און אַנטראָ־פּאָלאָגישע וויסנשאַפטן. ער איז דעמאָלט נאָך געווען אָן אַ העכערער בילדונג. דערפאַר האָט ער נישט געלייגט קיין אַכט אויף זײַן אַנטדעקונג. דאָס אָרט איז מיט דער צײַט אָפּגעווישט געוואָרן פון זײַן זכרון.

די זון האָט געפלאַקערט רויט. אירע שטראַלן האָבן געשרפעט ווי אָנגעגליטע שפּיזן. דאָס ווינטעלע וואָס איז געקומען ווי פון אַ קאַלך־אויוון, האָט אים געסמאַליעט די האָר אויפן קאָפּ. די היץ האָט אים פאַר־שטאָפּט דעם האַלדז. ער האָט כמעט נישט געקאָנט אָטעמען.

אָן אויסטערליש געקראַקעריי וואָס נחום האָט פּלוצים דערהערט, איז געקומען פון אַ טשאַטע גראַציעזע קאַטאַרראַס (אַזעלכע פיצלעך פּאָפּוגייען), געיאָגטע פון דריי מילאַנען און פיר קאַראַנטשאָס (אַזעלכע רויב־פייגל). די קלוגינקע קאַטאַרראַס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פעלד אַרום נחומען און זיין פערד־געשפּאַן. אייניקע קאַטאַרראַס, נאָך גאָר יונגינקע, נאָך נישט דערפאַרענע, האָבן אַפילו געוואָגט זיך אַנידערצו־שטעלן אויף די רוקנס פון די פערד און אויף די כאַמעטס וואָס האָבן גע־האַלטן צוזאַמען די אַרבעטנדיקע בהמות, פאַרבונדענע צווישן זיך.

די בלוט־דורשטיקע רויב־פייגל וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך די אומ־באַוואָפנטע קאַטאַרראַס, האָבן נישט געוואָגט אַראָפּלאָזן זיך און כאַפּן מיט זייערע שאַרפע נעגל אַ קאַטאַררעלע, וועלכע זענען ווי היימישע הינדלעך נאָכגעגאַנגען אָדער נאָכגעפליגן אַרום דעם מענטש און פאַר־יאָכטע בהמה, וועמעס שוץ די קאַטאַרראַס האָבן געזוכט. די צערייצטע רויב־פייגל פון זייער זייט, זענען אַרומגעפליגן איבער די קעפּ פון מענטש און בהמה און מיט רציחה, פאַרהילכט די זויבערע לופט מיט זייערע קראַקערייען.

נחום האָט ווידער געגומען פונאַנדערוויקלען זיין געדאַנקען־קנויל, וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט אויף די רעמיניסצענצן פונעם באַראָן הירשס אידעאַל, וואָס האָט ווי אַ וויזיע זיך אַנטפּלעקט אין זיין רעבע־לירנדיקן געדאַנק, מיטן גאַנצן פּאַרנעס.

יאָ, און וואָס איז טאַקע געוואָרן פון באַראָן הירשס ריזיקן פאַרמעגן וועלכן ער האָט אָוועקגעשאָנקען פאַרן יידישן פאָלק?

— „עס איז געוואָרן אַ געזעלשאַפט". די געזעלשאַפט האָט פאַר באַראָן הירשס מיליאָנען דאָלאַרן געקויפט מדבר, סטעפּ אין דער זאַמ־דיקער געגנט פון דער פּאַמפּאַ, איבער טויזנט קילאָמעטער ווייט פון בוענאָס איירעס. געווען איז די מדבר אָן אַ פיצעלע שאָטן פון אַ גרע־סערן בוים. אַ סטעפּ מיט אַן אונטערגרונט פון סאַליטרע־וואַסער, וואָס פאַרברענט די צמחים, אַז מען באַגיסט מיט איר. אָט־די סאַליטרע־וואַסער מאַכט שוואַרץ און צעקרישלט די ציין פון מענטש און בהמה, וואָס טרינקט זי. זיי, די ייקאַ־פאַרוואַלטער, האָבן אַרויפגעזעצט די יידישע האַראָפּאַשניקעס אויף די זאַמדיקע מדבריות, ווו אַ טראָפּן רערן־וואַסער

איז ווערט אַ מאַיאָנטעק; דער בײַזער „פּאַמפּעראָ”־ווינט פון יענע מקומות, איז דערצו נאָך אַ שותף צו דער נישט פּרוכטבאַרקייט פון די זאַמדיקע סאַליטרע־פּליינען. קאַלטע און הייסע שטורעמווינטן, וועלכע צעשטערן דעם פּאַרזיי נאָך איידער ער האָט אַרויסגעשפּראָצט. דער הוראַגאַנישער פּאַמפּעראָ־ווינט טראָגט אָן גאַנצע „מעדאַנאָס”, אָדער „דונאָס” (וואַנדערנדיקע זאַמד־בערגלעך), וואָס פאַרשיטן מיטן געזאַל־צענעם זאַמד די באַאַרבעטע פעלדער מיט די צאַרטע צמחים פון די תבואות און פּאַשע, וואָס האָבן שוין געהאַט צייט און גליק זיך אײַנצו־פונדעווען מיט פעסטע וואָרצלען טיף אין דעדר ערד.

אַזוי, אַז וואָס אַן ענג־האַרציקער ייקאַ־טשינאָווניק האָט נישט דער־גרייכט צו שעדיקן, — האָט עס פאַרענדיקט די טריקענייש און דער הו־ראַגאַנישער פּאַמפּעראָ־ווינט, וואָס האָט פאַרשאַטן מיט זאַמד אַלץ וואָס האָט נאָר געשפּראָצט אין דער „געבענטשטער” יידישער קאָלאָניע פון דער פּאַמפּאַ־מדבר.

אָבער דאָס ערגסטע וואָס די ייקאַ־טשינאָווניקעס האָבן אָפּגעטון די קאָלאָניסטן, אפשר אָן דעם וויסן פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג איז, וואָס זיי האָבן נישט דערלאָזט די זין און טעכטער פון די יידישע פאַרמער צו קאָלאָניזירן זיך אויף באַראָן הירשס ערד.

דאָס האָט גורם געווען, אַז אַ סך פּולבלוטיקע יידישע יונגע פּויערים, זין און טעכטער פון פּויערים, האָבן בלית־ברירה געמוזט פאַרלאָזן זייער היים, זייער אויסגעהאָדעוועט און אויסגעווײנט געבוירן־פעלד. זיי זענען אַוועק אין דער גרויסער שטאָט, ווו זיי זענען בעל־כרחו געוואָרן מנחם־מענדלס, ווינט־מענטשן, אָן אַ היים, אָן אַ היינט, אָן אַ מאָרגן...

בלויז געציילטע, פאַרהאַרטעוועטע דאָן־קיכאָטישע עקשנים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט ביז אין די טיפענישן פונעם אומ־היימלעכן טשאַקאָ־וואַלד. זיי האָבן געזוכט פרייע פעלדער און פרייע האָריזאָנטן. מ'האָט זיי אַריינגעפירט ביז אין די טיפענישן פונעם סודות־פולן דזשונגל, ווייט פון מענטשן, ווייט פון שטאָט און אײַזנבאַן, העט ווייט פון געפּלאַסטערטע וועגן און שטעגן; ווייט פון מינימאַלסטן יידישן געזאַנג און קלאַנג. נאָר מיטן באַוווסטזיין פונעם אינערלעכן גייסטיקן דראַנג צו פאַרזיצן די אָנגעהויבענע אַרבעט אין פעלד, וואָס זיי האָבן לײַדער געמוזט איבערלאָזן נע־ונד אין זאַמדיקן פּליין פון דער גרענעצ־לאָזער פּאַמפּאַ.

נחום טראַכט. ער מאַכט זיך אַ חשבון וועגן אַ סך אַנדערע גרויל־קייטן פון ברידער קעגן ברידער. נישט פון חיות־רעות, נאָר פון מענטש קעגן מענטש. און דער טרוימערישער נחום געזינגט זיך מיט זיין ריטשע־דיקער לייבן־שטים, אַ סטראָף פון דוויד עדעלשטאַטס ליד „נאַטור און מענטש״:

„אַ, מענטש, פאַר גליק און לעבן,
האָט די נאַטור דיר אַ וועלט געשאַפט,
זי האָט דיר אַ פרייע ערד געגעבן,
דאָך איצט איז ערד און מענטש פאַרשקלאַפט!...

אויף אַ געדיכט־באַבלומטן אַבריקאָסן־בוים, וואָס איז געשטאַנען אַ ברייט־צעצווייגטער און צעבליטער קעגנאיבער אַ ווילדן פייגנבוים, פול מיט שוואַרצע פייגן, זענען אַרומגעשפּרונגען אַ צענדליק טיטי־מאַלפּע־לעך, נישט גרעסערע ווי די וועווריקלעך. עטלעכע זענען נאָכגעהאַנגען מיט זייערע לאַנגע צוואַנג־וויידלען. אַנדערע, די גאָר שטיפעריש, זענען געשפּרונגען פון בוים צו בוים. זיי האָבן נאָכגעקרומט נחומען אַלע זיינע באַוועגונגען. און ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט זינגען, האָבן די מאַל־פּעלעך זיך אַזוי צעקוויטשעט, אַז נחום האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט אויפן הויכן קול און צו זיך אַליין אַ זאָג געטון:

„אַ שאָד וואָס איך האָב נישט ביי זיך קיין צוקערלעך, אָדער כאָטש אַ פּאָר „מאַנים״ (ערד־ניסלעך), איך וואָלט זיי מכבד געווען פאַר זייער קינסטלערישן נאָכקרימען און לצנישן הומאָר. כ׳לעבן, גאָר פיינע מימי־קער־אַרטיסטן... פיינע סאַטיריקער...״

ווייט פון וועלכער עס איז קולטור־סביבה, ווייט פון דער ציוויליזאַציע וואָס שפּרודלט אין אורבאַנישן אַרגענטינע, געפינט זיך נחום אין דעם עקסטרעמען צפון פונעם הייסן טראָפּיק, וואָס איז דעמאָלט געווען בלויז גרוילנדיקער ווילד־וואַלד. האָבן די פּיצלעך מאַלפּעלעך נחומען אַמוזירט ביז גאָר.

צוויי מאַלפּעלעך, אמתדיקע קונדייסים־בריה׳ס, האָבן זיך נאָכגעהאַנגען מיט זייערע ספּרוזשינע־וויידלען אויף אַ נידעריקער צווייג פונעם דערבייאיקן פייגנבוים און זיי האָבן געוואָרפן די צייטיקע פייגן וואָס זיי האָבן אָפּגעריסן.

דער מאַלפּישער קאָנצערט האָט נחומען נאָך מער באַגייסטערט און

עקזאַלטירט. דערפאַר, כאַטש אַ באַגאַסענער מיט שוויים, האָט ער מיט עקסטאַז גענומען זינגען היינעס אַ בענקעניש אידיליש ליד:

איך וויים נישט וואָס עס זאָל באַדייטן,
דאָס אַזוי טרויעריק איך בין.
איין מעדכן פון אַלטע צייטן
מיר קומט נישט אַרוים דעם זין...

——::——

מיטיק-צייט. נישט געבאָדן, נישט געוואַשן, נישט געגעסן, זענען מענטש, בהמה און חיה געווען נאַס. פון אַלעמען האָט זיך געגאָסן דער שוויים. ווייסע פוכענע וואָלקנדלעך האָבן וואו-נישט-ווו זיך באַוויזן ווי שניי-ווייסע סטויגן וואַטע, שוועבנדיק הויך אין הימל. ווען-נישט-ווען, האָט אַן אומפּאַרשעמטע, אַנגעבלאָזן וואָלקנדל, חוצפּהדיק געוואַגט קעגנ-צושטעלן זיך דער זון. נאָר איז באַלד אַנטלאָפן צו די הרי-חושך, פאַרייניקנדיק זיך צו די אַנדערע וואָלקנדלעך, סטראַטעגיש צעשפּרייטע, איבער די אַנגעגליטע בלוי-בלעכענע היטלישע מדבריות.

זיי, די פאַררעטערישע וואָלקנדלעך, האָבן סודנדיק זיך, מורד געווען קעגן דער מיט גינגאָלד, פּורפּור און רובינען באַקרוינטער זעלבסט-הערשערן, וואָס „שאַלט און וואַלט" איבער אַלע זיבן הימלען, זיבן ימען, און מיליאָנען-מילאָסן וועלטן — די זון, וואָס האָט געפלאַקערט אַזוי, אַז דער אויסגעבראָטענער און אויסגעשמירטער נחום האָט קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם אַקער, האָט אַ שלונג געטון אַביסל וואַסער מיט ציטרין-זאַפט פון דעם ליימענעם-געברענטן „פּאַראָן" (אַזאַ מין ערדענע באַנקע), וואָס בעריש האָט אַוועקגעשטעלט אין שאָטן פונעם גוירא-בוים און צעצווייגטן פּאַמאַן-בוים. זיי זענען ממש געווען באַשאָטן מיט פרוכטן, וואָס האָבן צניעותדיק זיך געררויטלט אין דער מזרח-זייט, אָבער נאָך נישט צייטיקע צום עסן.

פון דער זון האָט זיך געגאָסן גליענדיק גאָלד; פון צפון האָט גע-בלאָזן דער פייערדיקער זאָנדאַ-ווינט. דער הימל איז געווען באַצירט מיט די געמעלן וואָס די וואָלקנדלעך האָבן מיט גרימאַסן פאָרמירט. נחום איז געווען פּאָעטיש געשטימט. געווען זענען אָבער אויך מאָמענטן, ווען ער, נחום, איז געווען אָפּטימיסטיש, און מאָמענטן פון פּעסימיזם, ממש אַ מרה-שחורה וואָס פלעגט אינוואַדירן זיין פילבאַרע נשמה. דעמאָלט האָט ער ליב געהאַט צו זינגען, בכדי אויסצולאָדן זיין געוואַלדיקע נאָס-

טאַלגיע, כאָטש ער איז געווען שרעקלעך מיד. ער האָט געמוזט פיר מאָל אַראָפּגיין פונעם אַקער און אויסקאַרטשעווען אונטערערדישע גראָבע וואָרצלען און האַרטע, רייזיקע פּענקעס, וואָס זענען געווען אין וועג פונעם אַקער.

גאָר הויך אויף דיביימער, וואָס אונטער זייער שאָטן נחום איז אַזוי פּריציש גערוט און אָפּגערוט, זענען עטלעכע פייגל־פּאָרלעך, וואָס זייערע נעסטן זענען געווען סטראַטעגיש באַהאַלטן צווישן די בלעטער און בלומענקנויטן, פולע מיט יונגינקע פייגעלעך, זייערע טאַטע־מאַמע זענען אומגעפלויגן אַ סך מאָל אין אַ קרייז אַרום נחומס קאָפּ, ווי אויס־צופאָרשן: הלנו אתה, אים לצרינו?... די פייגעלעך זענען אומגעפלויגן און פאַרצווייפלט געשווירטשעט און געפּישטשעט. נחומען האָט זיך געדאַכט, אַז די פייגעלעך רעדן צו אים מיט אַ מענטשלעכער שפּראַך: מענטש, אַ מענטש, ביסט מיט אונדז, שוואַכינקע, פּיצלעך פייגעלעך, וואָס פאַרטי־ליקן אַלע אינזעקטן, שפּינען און ווערעם־פּאַראַזיטן, וועלכע פרעסן אָפּ אַלץ וואָס דו פלאַנצט, צי נישט? מיר מוזן וויסן, צי ביסט מיט אונדז, צי מיט אונדזערע שונאים: די אַלערליי מינים סאָוועס, גאַווילאַנעס, האַלקאַ־נעס, קאַראַנטשאָס, טשימאַנגאָס און אַנדערע רוצחישע פייגל?...

דאָס אַרומפלאַטערן, שווירטשען און טרעלן פון די גאַסטפריינדלעכע און שיינע פייגעלעך, האָט נחומס געזאַנג־מוזע אים ווידער געגעבן אַ טאָרע. ער האָט זיך צעזונגען אויף די העכסטע אַקאָרדן פון זיינע ריטשער־דיקע טענער, געטעם אַ ליד:

קענסטו דאָס לאַנד ווו די ציטראָנען בליען?
אין דונקעלן לאַוב די גאָלד־אָראַנזשן גליען,
איין זאַנפטער ווינט פון בלויען הימל ווייט,
די מירטע שטיל, און הויך דער לאָרבער שטייט...

——:·:——

דעם פילבאָרן נחומס דעמינישצענצן שוועבן ווידער אַוועק צו די אימאַזשן פון זיין היים־געליבטער טאַטע־מאַמע היים, צו וועלכע סע בענקט זיך אים אַזוי שטאַרק, אַזוי נאָגנדיק. דאָרט אַהין צו די זוניקע, פּורפּורענע לאַמפּאַסן, וואָס אין דער בוימלאָזער, רעגנלאָזער, סאַליטרע־פּולער און זאַמדיקער נאַרסים לעווין, פון דעם תמיד בלויען הימל, איבער דער פּאַמפּאַ־מדבר. טרערן פאַרגיסן זיינע אויגן. די טרערן פאַרפלייצן די גרויסע שוואַרצע אָפּלען פון זיינע טרוימערישע אויגן.

עס קומט אים אויפֿן זכרון, אַז ער, נחום, איז געווען איינער פֿון אַ סך „גרינע‟, וועלכע האָבן אין גרויען באַגין ביז די שטערן־אויפֿקום, אויסגעקאָרטשעוועט די פּענקעס, געאַקערט, געבראָנעוועט און געזייעט די יונגפֿרוילעכע ערד פֿון דער פּאַמפּאַ־ווייסטעניש. און ביינאַכט געבויט ביבליאָטעקן, שולן און קולטור־צענטערס, וווּ זיך אײַנצולעבן און אויסצולעבן גייסטיק־יידישלעך און וועלטלעך.

די זכרונות פֿירן נחומען אַוועק צו זיין בראשית פֿון דער פּאַמפּאַ־זאַמדיקייט. נחום געדענקט גוט ווי ער פֿלעגט נישט דורכלאָזן קיין שום יידישן רעפֿעראַט, דיסקוסיע, קעסטל־אָוונט, געזאַנג, אָדער דעקלאַמאַציע־אונטערנעמונג ווי ער, נחום, זאָל נישט האָבן אַנטייל גענומען מיט וואָרט און טאַט. דערפֿאַר פֿלעגט דער קאַרלאָס קאַסאַרעסער קאָלאָניסט און שרייבער מרדכי אַלפּערזאָן זאָגן:

„דער שוואַרצחנעוודיקער נחומל וואַקסט אַ לעקטאָר, אַ רעדנער. דאַכט מיר, אַ שרייבער אויך...‟

נחום צעזינגט זיך ווידער:

— 1 —

— אַ בליק ווען איך גיב אויפֿן אַרבעטער־וועלט,
דאַן ברעכט מיר מיין האַרץ פֿון געוויין,
פֿון אַרמוט און דחקות, הונגער און קעלט
וויפֿל דאָס אויג קאָן נאָר דערזען.

— 2 —

דער אַרבעטער שאַפֿט נאָר פֿאַר יענעם דאָס גוטס,
און פֿאַר זיך לאָזט ער נאָר דלות און צער!
מען לעבט פֿון זיין פּראַצע, מען צאַפּט פֿון אים
דאָס בלוט און מען לאָזט אים תמיד צו נאַר.

אַ, טרוימען דיר שלעפֿערט,
דו האָלסט אין איין שלאָף.
טאַ, זאָג־זשע מיר טרוימען:
וואָס וועט זיין דער סוף?...

— 3 —

פיל רייכע פּאַלאַצן בויט אויף דיין האַנט
דאָך האָסט נישט פאַר זיך קיין היים,
פיל גרויסע דערפינדונגען שאַפט דיין פאַרשטאַנד
זאָג-זשע מיר אַרבעטער: וואָס האָסטו פון דעם?

— 4 —

האָסט נישט קיין ברויט מיט קיין זאַלץ
צו שטילן דיין הונגער אַליין,
דו שאַפסט נאָר פאַר די רייכע דאָס פלייש און שמאַלץ
און פאַר זיך לאָזסטו נאָר דעם טרוקענעם ביין.

רעפריין:

— 5 —

דו אַקערסט די פעלדער, זייעסט און שניידסט,
דו זעסט, אַז די ערד זאָל געבן אַ גרויסן פּראָפיט.
טאָ זאָג-זשע מיר: ווי זעסטו אויס,
אַז די ערד האָט פאַר דיר נישט געבליט?...

— 6 —

שפּינסט די וואָל, דאָך האָסטו נישט קיין קלייד,
דו הונגערסט, כאָטש דו באַקסט אַליין דאָס ברויט,
דו שאַפסט נאָר פאַר יענעם אַ לעבן פון פרייד,
און פאַר זיך לאָזסטו איבער דעם לאַנגזאַמען טויט!...

יאָ, עס זענען טאַקע ריכטיק די סטראָפן וואָס די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע דיכטער האָבן געזונגען — פאַלעמיזירט נחום מיט זיך אַליין — נאָר פאַרצווייפלען טאָר מען נישט. בטחון! אַ ייד טאָר נישט זיך מיאוש זיין — האָט געזאָגט ר׳ נחמן בראַצלעווער. נחום האָט פּלוצים אַזאַ רעווע געטון, אַז אפשר אַ צענדליק פאַר פלאַטערנדיקע פייגעלעך פון דער דריי-ביימערדיקער גרופּע, זענען אין פּאַנישער שרעק זיך צעפלויגן מיט אַ וויינענדיקער געפּישטערריי.

אַן אָראָפּגעפאַלענער מאַמאָן-פּרוכט, גרעסער פון אַ געגנדז-איי, וואָס האָט געטראָפן נחומען אין קאָפּ אַריין, האָט אים אויפגעטשוכעט פון

זײַנע רעיונות-טרוימען און תּרעומות קעגן די ייקאַ-לײַט, קעגן דעם „יושר" פון דער נישט-גערעכטער „גערעכטיקייט", קעגן גאָט אַליין און אַפילו קעגן זײַן גאוניש באַשאַף...

—:—

נאָכן אָפּרוען זיך אַ פּאָפּצן מינוט צײַט, איז נחום צוגעגאַנגען צו די פערד זען ווי זיי פּאַשען זיך. ער האָט זיי צוגעפירט צו אַ ברונעם. ער האָט מיט דער הילף פון אַ גראָבן שטריק אַרויסגעשלעפּט עטלעכע עמערס וואַסער, וואָס ער האָט אָנגעגאָסן אין דער קאָריטע, אין אַן אויס-געהוילטן קלאָץ. די פערד האָבן אויסגעטרונקען די וואַסער ביזן דנאָ. נחום האָט זיי צוגעפירט צו אַ סטויג פּאַראַאַריקן טרוקענעם דזשונגל-גראָז. ער האָט גוט-ברודעריש געגלעט די פערדישע מאָרדעס און זיי געהייסן עסן וויפל זייערע אונטערטעניקע הערצער וועלן נאָר באַגערן.

נחומס שוואַרצער, קודלעוואַטער הונט נעראָן, כמעט גרויס ווי אַ בער, מיט אַ ריזיקע מאָרדע, באַוואָפנט מיט ווייסע, לאַנגע ציין און אַ שוואַרצע צונג, איז געווען אַ טשאַטשקע פון דער עכטער כינעזישער גזע. נעראָן איז געווען דער ערשטער אָנצוזאָגן די בשורה טובה זײַן באַלעבאָס, אַז בעריש קומט מיט פינף פערד, וועלכע שלעפּן עטלעכע בראָנעם און אַ וואָגן מיט פולע זעק וואַטן-זריעות און קוקורוזע-קערנער, גלײַך צו פאַרזייען.

— זײַ נישט ברוגז, נחום, וואָס איך האָב פּאַרשפּעטיקט: „די שוואַר-צע קעפּעלעך", איך מיין די באַליוויאַנער ברוינע „טשאָלאָס", ווי דער קלאַס אינדיאַנער מישלינגען ווערן אָנגערופן; די פון יענעם דריי-ווינקל, אין דער געגנט פון די אַלגאַראָבן-ביימער (באָקסער), דאָרט ווײַט, ווו דער שפּיציקער קלין פון דאָן פּעלאַדאָניעזעס נחלה שניידט זיך שאַרף אין געדיכטן דזשונגל אַרײַן; זיי, די ווילדע טשאָלאָס, זענען שולדיק אין מײַן פאַרשפּעטיקן. דאָן פּלאַסידאָ פּיפּיפּאַ! „דער הוראָן" און זײַנע באַנ-דיטישע פיר בנים, האָבן אונדז צוגעלקחנט אַלע צען ראָלן שטעכיקע דראָט, וואָס דו האָסט יענע וואָך געקויפט אין סאַענז פּעניאַ — האָט בעריש זיך פאַרענטפערט און דערציילט נחומען:

„ווי נאָר מאיר האָט זיך געכאַפּט אַז עס פעלן די צען ראָלן דראָט, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען ווער די גנבים זענען. ער האָט אײַנגעשפּאַנט דאָס וועגעלע מיטן רויטן אָגער און ווײַסע קאָבילע. באַגלייט פון דווידן, איז ער אַוועק גלײַך צום הוראָנס גניאַזדע (נעסט). נאָך אַ בליץ-אינספּעקציע, האָט ער געפונען אַלע צען ראָלן דראָט, וואָס זענען געלעגן

באַהאַלטן אין אַן אָפענעם גרוב הינטער זייער בלאָטענער ראַנטשאָ. מאיר האָט זיי צוגענומען און אַהיימגעבראַכט.

דאָס באַנדיטישע געהינטערכץ איז געוואָרן אַזוי איבעראַשט, אַזוי נישתומם פון מאירס און דווידס ריקזיכטלאָזער געוואַגטקייט און פלינקייט, אַז די גנבים אַליין האָבן אַרויסגענומען די שווערע פּעק דראָט פון טיפן גרוב און אַרויפגעלייגט אויפן וועגעלע, ווו דוויד איז געזעסן מיט דער רעכטער האַנט אין בוזים-קעשענע. אַ סברה, אַז די באַנדיטן האָבן זיכער געמוזט מיינען, אַז מאיר און דוויד זענען באַוואָפנט כאָטש מיט ניטראָ-גליצערין-באָמבעס. אויב נישט, וואָלטן זיי, די באַנדיטן, געוויס דערהרגעט דיביידע אומפאַרזיכטיקע יאַטן און קיינער וואָלט צומאָל נישט געוווּסט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

אַ סימן: ווען מאיר מיט דווידן זענען שוין געהאַט אָפּגעפאָרן אַ פינף קילאָמעטער פון די גנבימס נאָרע, האָט דער צווייטער פון הוראָנס זינדלעך, „דער שווייגעוודיקער אָקס", דער וואָס מיט דער צעשפּאַלטענער נאָז, זיי נאָכגעיאָגט אויף זיין געשפּרענקעלטן געוועט-פערדל, ביז ער האָט זיי דערגרייכט אין די געדיכטענישן פון דעם טאַבאַ-אינדיאַנערם קשאַקעס. דער „שווייגעוודיקער אָקס" האָט מאירן און דווידן מכלומרשט פאַרבעטן זיך אומקערן צו אים אַהיים, ווייל זיין טאַטע וויל זיך משמח זיין מיט זיי ביי אַ גלעזל „קעבראַטשאָ" און אַ גלעזל פאַראַגווייער קאַניאַ.

ווייסט נחום, — האָט בעריש געצויגן דעם פאָדים פון דעם געשעעניש. — אַ יידישע נשמה, דעם יידישן בטחון און יידישן מוט איז גאַרנישט אָפּצושאַצן!... אָט האָסטו דעם שטילינקן און באַשיידענעם מאיר, וועלכער קאָן קיין ווערעמל נישט צעטרעטן און ווען דו האָסט פאַררעכנט פאַר אַ נעבעכל אַזאַ, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק. נאָר ער, מאיר, האָט גלייך פאַרשטאַנען די פּאַסטקע וואָס די באַנדיטן ווילן פאַרלייגן קעגן זיי ביידע.

אויך דאָ האָט מאיר זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט בליץ-שנעל אַרויסגעכאַפּט זיין אַלטפרענקישן בודלאַג-רעוואָלווער, און אָן שום קווענקלעניש אָנגעצאַלט קעגן דעם רוצח. דער אינדיאַנער, וועלכער האָט אפנים געמיינט, אַז עס איז אַזאַ מין גוואַלדיקע מאַשין-געווער, האָט אַ רעווע געטון:

— אָ, יוזל-מאַריאַ, הרגע מיך נישט!... איך בין גאַרנישט שולדיק!...

— דער אינדיאַנער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַנטלאָפן אין אַ ווילדן גאַלאָפּ, ממש די פּיס צו צעברעכן פונעם איבערגעשראָקענעם פערד.

ווען מאיר מיט דווידן זענען שוין געווען אויסער די געדיכטעניש, און שוין נישט ווייט פון דער היים, האָט מאיר זיך געכאַפּט, אַז דער אויסטערלישער רעוואָלווער איז נישט געווען געלאָדן מיט קיין איין קול צומאָל, האָבן ביידע גבורים שיר נישט געחלשט פון איבעראַשונג...

אַ גליק נאָר וואָס די באַנדיטן האָבן עס נישט געוווּסט. ווען חלילה יאָ!... אוי וויי!... — האָט בעריש פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ.

אַ דערשיטערטער פון דער דערציילונג וועגן דעם געפערלעכן עפּי־זאָד, האָט נחום מיט התפעלות איבערגעחזרט בערישעס לעצטע פראַזע:

— אַ גליק נאָר וואָס די באַנדיטן האָבן עס נישט געוווּסט... ווען חלילה יאָ, אוי וויי!

ייִדישער מוט

שפּעט איז געקומען די נאַכט. דער כאַבער-בלויער הימל-צעלט איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט מיליאָנען קוועקזילבערדיקע, בלישטשענדיקע פינטעלעך, וואָס האָבן ממזריש געווונקען צו די ייִדישע פּאַרמער, וועלכע האָבן נאָר-וואָס געהאַט פאַרענדיקט זייער טעגלעכע עבודה; אַ מחיהדיק ווינטעלע, פונעם טייך בערמעכאַ, צי פונעם פּילקאָמאַזשאַ, צי גאָר פונעם ווייטערן פּאַראַנאַ, אַן אָנגעזאַפּטס מיט די דופטן פֿון די טויען אויף די אַראָמאַטישע בלומען, ביימער און גראָזן, האָט געווייעט און אויפגעפרישט די געמיטער פון די צעשוויצטע און מידע ייִדישע פּויערים נאָך אַ חמימהדיקן טאָג האָרעווען.

די מילדע נאַכט-שטילקייט איז נאָר ווען-נישט-ווען איבערגעריסן געוואָרן פון אַ שניידנדיקן פייף, אַ שיפּע פון אַ קרעלן-שלאַנג, זאַשראַראַ, אָדער קאַסקאַבעלן-שלאַנג און אַנדערע נישטיקע שלאַנגען. אַ רוצחישע מלחמה-געקראַקעריי פון אַלערליי רויב-פייגל און אַ בלוטדורשטיק זשומען פון בייסנדיקע אינזעקטן האָבן אַלעמען געמאַכט „טאַנצן און שפּרינגען". די לופט איז געווען געדיכט מיט מאָסקיטן, וואָס האָבן זשעדנע געביסן; די סאַפּאָס (פעלד-זשאַבעס) האָבן געהילכט מיט זייער גראַגערדיקן געזאַנג; די טאַבונען האָבן צוגעהאָלפן מיט זייערע גרילצעדיקע אַקאָרדן; די פייער-פליגעלעך האָבן געפינקלט מיט זייער קאַלטן בליץ-ליכט.

אויף אַ שטיק ששת ימי-בראשיתדיקן פעלד, באַוואָקסן מיט ווילד דזשונגל-גראָז, האָבן זיך געפּאַשעט אַלערליי שטוב-בהמות פון בערישעם און נחומס בשותפותדיקן פאַרם. פונעם פּאַשע-פעלד האָט זיך געהערט אַן אידיליש געהירזשעריי מיטן געקלימפּער פון אַ רעבעלירנדיקן געלויף פון אַ פאַרליבטן אגער, וואָס האָט זיך געהנדלט צו זיין אויסדערוויילטער קאַבילע; אַ געסקאַווטשעריי פון אַ צעביסענעם הונט איבער אַ מאַרך-ביין וואָס אַ שטאַרקערער כלב האָט ביי אים צוגענומען, האָט אויפגעשטעלט די אויערן און שטייף אויסגעצויגן די ווידלען פון אַ סך אַנדערע, נאָך נישט צעביסענע הינט; אַ פאַרצווייפלט קאַציאָמער, צוליב אַ פאַרשטערטער ליבע, האָט אויפגעהייטערט די מענטשלעכע בלוטן...

מינוטן נאָך אַ ווערטשערע פון „מאַסאַמאָרא" (געקאָכטע גאַנצע קו־קורוזע־קערנער מיט מילך) האָט אין שטוב פון אונדזערע העלדן, גע־ווימלט מיט ייִדן, און עס איז געשטאַנען אַ גערויש און געפּילדער ווי אויף אַ יאַריד. דער גאַנצער הויף איז פול געווען מיט ייִדן, פרויען און אַפילו פּיצלעך קינדער.

פון דער גאַנצער „פוקא" (אין גוראַראַני: רויט) קאָלאָניע און פון אַלע אַנדערע ייִדישע פאַרמס פון דער „פוקא"־פּעריפעריע, זענען זיך צו־זאַמענגעקומען די ייִדישע פּויערים מיט זייערע ווייבער, מיידלעך און בחורים. ווער ס'איז געקומען רייטנדיק און ווער ס'איז געפאָרן מיט אַ סולקי, טילבורי, אָדער וועגעלע און ווער אויף ביציקלעטן. די גאָר אָרעמע — צו פוס. דער געלויף איז געווען בכדי צו הערן דעם פאָרטראַג פון דעם אינטעליגענטן פּויער ישראל, וועגן דעם גייסטרייכן לעבן און שאַפן פון אונדזער גענιאַלן קלאַסיקער: יצחק לייבוש פּרץ.

אַרום דער דראַמאַטישער פאַרצוימונג פון דער ייִדישער פּויערישער כאַטע, געבויט פון גראָבע, האַלב־געטעשעטע קעבראַטשענע קלעצער, האָבן זיך געטיקט שאָטנס. ווי געשפּענסטער האָבן זיי פון דערוווייטנס זיך צוגעקוקט דורך די ברייט־צעעפנטע פענצטער, טיר און טויער, וואָס עס טוט זיך ביי די ייִדן אינעווייניק.

עטלעכע קילאָמעטער פון נחומס און מאירס שטוב, האָט געוווינט דער „טערק" כואַן, מיטן צונעמעניש: „דער בייסנדיקער סקאָרפּיאָן", וועלכער האָט שוין געהאַט אויר זיין געוויסן ביי אַ צענדליק טויטע און אַ סך פאַרוווּנדעטע. נאָך מער פאַרגוואַלדיקטע פרויען, צווישן זיי אַ סך נאָך גאָר יונגע מיידלעך.

דאָרט אין דזשונגל, ווייט פון שטאָט, ווייט פון דאָרף, האָט דער „סקאָרפּיאָן" געהאַט אַ יאַטקע מיט די בעסטע פליישן פון יונגינקע בהמות, פון פרישינקע קיעלעך, קעלבער און שעפּסן, וואָס ער האָט ביי קיינעם נישט געקויפט. אָבער קיינער פון די באַוועלטע, באַגנבעטע האָט אים, דעם טערק, קיינמאָל חלילה נישט געכאַפּט ביי דער האַנט, ווייל ער האָט נאָר אַזוי זיך גענומען דאָס שענסטע און בעסטע קיעלע, אָקס, צי קעלבל, ציג, אָדער שעפּס וואָס איז אים נאָר געפעלן געוואָרן. ער האָט גאַנץ רויק געהייסן שווייגן. ער האָט צוגעזאָגט צו באַצאָלן ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען ער וועט נאָר האָבן אַן איבעריקן סענט... טאָמער האָט זיך ווער קעגנגעשטעלט, האָט ער גלייך געקריגן אַ מעסער־שטאָך אין זייט און — שאַ, שטיל.

„איל מאַרטאַ נאַן פאַדלאַ" — דער טויטער רעדט נישט...

כּוזאַן דער „סקאַרפּיאָן" איז צוליב זיינע „מעלות טובות" געווען דער נישט-געקרוינטער הערשער פון יענעם אורוואַלדיקן ראַיאָן. גניבה, גזילה, זנות און רציחה זענען געווען זיינע „אידעאַלן". דערצו נאָך האָט ער געשמט אַלס גבור בן-גבורים. אַ גרויזאַמער און סאַדיסטישער אכזר איז ער געווען, דער „סקאַרפּיאָן". זייער אַ געוואַגטער, אַ זעלטענער שאַרף-שיסער פון אַ ביקס און רעוואָלווער, ווי אויך אַ פלינקער מעסער-פעכטער.

דער „סקאַרפּיאָן" האָט מיט ווילדער רציחה און שטוינונג זיך צוגע-הערט צו דער נישט-פאַרשטאַנענער שפּראַך פונעם רעפערענט. נישט נאָר די רייד, נאָר אויך די באַוועגונגען פונעם פרעלעגענט זענען פאַר אים געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. ער האָט אַ קריץ געטון מיט זיינע מעכטיקע שניי-ווייסע ציין און אַ רעווע געטון:

— וואָס באַדייט דאָס, וואָס בלויז איינער האָט גערעדט צו אפשר צען טויזנט „רוסאָס" און „רוסאָס" (יידן און יידישקעס), האָבן אים אוים-געהערט מיט אַזאַ רעספּעקט, ווי ער וואָלט געווען אַ גלח? ערשט נאָך דעם ווי דער „קליינטשיקער" (ישראל) האָט פאַרענדיקט דברן, האָט זיך אויפגעשטעלט דער ברונעטער, דער הויכער, מיט די לאַנגע „פּראָפּנ-ציערס" (הענט), אָט-יענער מיט די סמאָלע-אויגן. ער האָט זיך געאַמפּערט מיטן קליינעם, וועלכער האָט פריער גערעדט פאַר דעם גרויסן עולם, פּונקט אַזוי ווי אַן אונדזעריקער גלח האַלט אַ הייליקע דרשה אין דער קירכע ביי אונדז אין שטעטל...

איר הערט יינגלעך? — האָט דער „סקאַרפּיאָן" זיך ווידער געווענ-דעט צו די אַנדערע צוויי יונגען, אַרגענטיניזירטע פּוילישע שקצים, וועלכע זענען געזעסן אויף ווילדע פערד אונטער אַ געדיכט-באַבלעטערטן און ברייט-צעצווייגטן לאַפּאַטשאַ-בוים, כמעט קעגנאיבער דעם יידישן הויז — איך האָב אים, דעם ייד מיט די ברייטע פּלייצעס און לאַנגע אָרעמס, שוין עטלעכע מאָל געזען אין טשאַראַטאַ, פינעראַ, וויזשאַ-אַנכעלאַ און אַפילו אין סאַענז-פּעניאַ און אין רעסיסטענסיאַ אויך. נאָר דער הונט טרינקט קיינמאָל קיין גלעזל שטאַרקס. און אָט-דער „רוסאָ" (ייד) האָט מיך נאָך קיינמאָל נישט מכבד געווען אַפילו מיט קיין שלוק איינצוזעצן דעם גומען, הגם ער ווייסט ווער איך בין... אַזאַ זון פון אַ גרויסער זונה!...

יאָ, יאָ, יינגלעך, מיט אים וואָלט איך געוואָלט זיך שלאָגן. ער זעט מיר אויס צו זיין אַ שטאַרקער. דערפאַר וואָלט איך געוואָלט אים אַרויס-רופן אויף אַ דועל, און אין אַ געפעכט אים צעברעכן יעדעם ביינדעלע.

איך האָב ליב זיך צו שלאָגן בלויז מיט גרויסע, מיט שטאַרקע... אַ זון פון דער גרויסער זונה!...

זעט־זשע ייִנגלעך, איר הערט? מאָרגן וועל איך מיט אייך ווידער אַהער קומען און וועל מיר צונעמען די פערד, דעם שלאַנקן, שוואַרצן אַגער מיט די ווייסע פיס, ווי אויך די אַנדערע בעסערע לאָשעקלעך פון דער בלאָנדער אלמנה מיט די בלויע אויגן, דאָניאַ פּעפּאַ, דעם גראָבן כּישוף־מאַכערס געליבטע. זי, די הור, איז גאָרנישט גלייכגילטיק צו מיר, זי איז זייער אַ באַטעמטע... זי פאַרמאָגט געטאַקטע ליטקעס און קיילעכדיקע היפּטן און זי האָט אויך פולע זעק מיט „קלינגערס".

אַ חוץ דעם, פאַרמאָגט זי אויך צוויי זעלטן־שיינע שוועסטערלעך, יונגערע פון איר, אויך אַזעלכע פלינקע ווי זי. און צוויי ברענענדיקע דינסט־מיידלעך, פּרעכטיקע ברונעטקעס מיט גלאַנציקע אַמאַטיסטן־אויגן פון אַ יאַגואַר, געמישט מיט הימל־בלוי. די רעשט וועט איר ביידע שוין אַליין אַנטאַפּן...

זייט־זשע מענטשן, זכרים, און נישט קיין צעקראָכענע לייז, וועט איר פאַרדינען אַ סך „קלינגערס" און וועט אויך האָבן אָפּצולעקן אַ זאַפּטיקע „פולקע" פון אַ צייטיק הינדל. איר האָט מיך פאַרשטאַנען? זין פון טויזנט זונות!...

איר ווייסט דאָך, ייִנגלעך, דאָס זענען „רוסאָס", שרעקעוודיקע ווי די האָזן. ווי נאָר זיי דערהערן אַפילו בלויז דעם אומשולדיקסטן קנאַל פון אַן אָקסן־טרייבערס בייטש, באַהאַלטן זיי זיך באַלד אין די נאָרעס ווי די טכוירן. יאָ, יאָ, ייִנגלעך, נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר די לייט. האָט איר פאַרשטאַנען? אַזוי, אַז מאָרגן וועל איך אייך צו וויסן געבן. איר וועט זיך קענען אַמוזירן מיט די שיינינקע, ווייסינקע „רוסיטאַס", בעת איך וועל זיין פאַרנומען אין זייער „פּאַטרעראָ" (אַרומגעצוימט שטיקל לאַנקעפעלד, ספּעציעל פאַר פערד) אויסצוקלייבן זיך די בעסטע לאָשעקלעך, וואָס איך וועל כאַפּן מיטן „לאַסאָ" (שלייף־שטריק). איז אָפּגעמאַכט?

— יאָ, אָפּגעמאַכט! — האָבן געענטפערט די צוויי פוילישע כלאָפּעס וועלכע זענען געזעסן אויף די פערד אונטערן שאָטן פון דיביימער.

——::——

דער טערק כואַן „דער סקאַרפּיאָן", אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט, איז הויך און שלאַנק, טונקל־שאָטין, מיט פאַרפירערישע שפּיציקע וואָנסעלעך, אינדיאַנישע לאַנגע, גלאַטע האָר, קיילעכדיק פאַרשווירן ווי עס טראָגן די באָליוויאַנער אינדיאַנער, וואָס ביי די ברעגן פונעם טייך פּיל-

קאַמאַיאַ פּונעם באַרעאַלן טשאַקאַ. ער פאַרמאָגט אַ פּאָר גרויסע, גלאַנ־ציקע קאַשטאַן־אויגן, מיט אַ היפּנאָטישן שלאַנגען־גלאַנץ אין זיינע שוואַרצאַפּלען; ער טראָגט ברייטע, ווייסע מייטקעס און אַ שוואַרץ וועסטעלע מיט ווייסע, רויטע און בלויע אויסנייעכצן; רויטע לאַקירטע שטיוול, אַ ברייטן שוואַרץ־לעדערנעם רימען פול אַנגעזעצט מיט זילבערנע מטבעות אַרום זיינע עלאַסטישע לענדן; אַ לאַנג שאַרף־שפּיציק מעסער מיט אַ זילבערן הענטל אין קרייץ אויפן רוקן, און אַ פיינער קאָלט־רעוואָלווער מיט אַ לאַנגער לופע אין אַ שיידל ביי דער זייט. ווי אַ צולאָג — אַ נאַהייקע פון גראָבן לעדער מיט אַ זילבערן הענטל.

אין וועג, רייטנדיק אַ היים, האָט דער „סקאָרפּיאָן" זיך צעזוונגען אַ פרעך לידל. ער האָט זיך געפרייט מיטן מאָרגנדיקן טאָג, דעם רויב וואָס ער וועט האָבן פון די יידן און די ליבע וואָס ער וועט האָבן ביי דער רייכער אלמנה, וועלכע וועט אפשר נאָך חתונה האָבן מיט אים. נו, דעמאָלט, נאָכן אָפּפרייען זיך מיט איר אַ שטיקל צייט, וועט ער זי משלח זיין אַהינצו, פון וואַנען מען קומט מער נישט צוריק... דעמאָלט וועט ער זיכער ירשענען איר גאַנץ פאַרמעגן. דערצו נאָך וועט ער ווערן חבר מיט אירע צוויי רייצנדיקע שוועסטערלעך, ווי אויך מיט אירע צוויי אינדיאַנ־קערלעך, די דינסט־מיידלעך...

נו, יאָ, די צוויי מיטהעלפער זיינע? זיי קענען דאָך אַמאָל זיין גאָר געפערלעכע עדות קעגן אים. „סקאָרפּיאָן" האָט זיך אַ טאַפּ געטון ביי דער זייט. אָט דאָס מעסער, וואָס אין שייד אין קרייץ אויפן רוקן, אָט דעם לאַנג־רערעדיקן קאָלט־רעוואָלווער. ער האָט מיט אַ צופרידענעם שמייכעלע צו זיך אַליין אַ סעפּטשע געטון: שוין גרעסערע העלדן ווי אָט־די צוויי פאַראינדיאַניזירטע פּוילישע אידיאָטן האָבן מיינע כל־זין „שטיל" געמאַכט...

———::———

יענער טאָג איז געווען אַ געוואַלדיק דושנער. די זון האָט געפלאַ־קערט אכזריותדיק. עס איז געווען שווער צו אָטעמען. פון די לייבער האָבן זיך געגאָסן עמערם שוויים. די לופט איז געווען ווי אין אַ שוויץ־באָד.

נאָך אַן אינטענסיוון אַרבעט־טאָג, ווען בעריש, נחום, מאיר, יצחק און דוויד האָבן פאַרענדיקט דעם פאַרזויי, זענען זיי געגאַנגען אַ היים, דיסקוטירנדיק וועגן יידישע קולטור־דערציערישע פּראָבלעמען, האָט זיך דער אויף רויט־אָנגעגליטער הימל פלוצים פאַרוואָלקנט. עס האָט געדו־נערט און געבליצט אַזוי שטאַרק, אַז די ערד האָט געציטערט און די שויבן פון די פענצטער האָבן געקלונגען.

— ווייזט אוים, אַז בעריש איז טאַקע אַ שטיק באַראָמעטראָגראַף. נאָך מיט פינף טעג צוריק האָט ער געזאָגט, אַז סע וועט רעגענען — האָט נחום אַ טראַכט געטון מיט באַווּנדערונג וועגן זיין געלערנטן שוואָגער.

ס'איז געווען צווישן שקיעה און שפעטן בין־השמשות. נחום האָט זיך צעזונגען אויף די העכסטע טענער און זיינע באַגלייטער האָבן מיטגעזונגען:

וי זאָל איך, ברידער, פרייליך זינגען,
ווען האַס און קריג איז איבעראַל?
עס שיינט מיר, שמערצן קלינגען,
אויך דאָס ליד פון דער נאַכטיגאַל.

עס שיינט מיר, אַז דער מאָנד און שטערן,
די זילבער־ווייסע ליליען־בלום,
זיי זענען פול מיט הייסע טרערן
און זענען פון שרעק בלאָס און שטום.

ווען מענטשן ליידן, קלאָגן, זאָרגן,
צי קען די נאַטור דען פרייליך זיין?
ניין, טרערן בלוטיקע פאַרבאָרגן,
זענען אין איר פורפור־רויטן זונען־שיין.

און די נאַטור, זי גיסט פערל־טרערן,
און מיט איר ווײנט די בלומענטאַל.
עס וויינען זון, מאָנד און שטערן
און טרויעריק קלאָגט די נאַכטיגאַל...

דער „סקאָרפּיאָן" און זיינע צוויי געהילפן און פּלייצע־היטער, וואָס זענען געווען באַהאַלטן צווישן הויכע קשאַקעס, האָבן פּלוצים געעפנט אַ ווילד געשיסערייַ איבער די קעפּ פון די פינף יידישע פּויערים, וואָס זענען מיט געזאַנג געקומען פון פעלד און האָבן קוים צייט געהאַט אַריינצוגיין אין הויף.

דער „סקאָרפּיאָן". זעענדיק אַז זיינע שיסערייען, טאַקע דערווייל נישט מער ווי אין דער לופטן, האָבן געמאַכט אַ פּאַניק צווישן די פרויען און זייערע קינדער, האָט זיך גענומען אויפרייסן די צוגעשלאָסענע פאַרצוימונג ווו די פערד האָבן זיך געפּאַשעט.

אונדזער פילאָזאָפישער שטילינקער בעריש, תמיד מיט אַ בוך אין האַנט, האָט נישט געקוקט אויף די וואָרענונגען פון זיינע ברידער, די פאַרצווייפלטע תחנונים פון זיינע שוועגערינס און שוועסטער, אַז ער זאָל זיין פאָרזיכטיק מיטן צעיושעטן „סקאַרפּיאָן", איז דאָך צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט קאַלטבלוטיק:

— זאָג מיר, דאָן כואַן, וואָס ווילסטו פון אונדז? פאַר וואָס שיסטו עפּעס אַזוי אויף אומבאַוואָפנטע און אומבאַשיצטע פרידלעכע מענטשן, אַלטע לייט, פרויען און קינדער? און מיט וועלכן רעכט גייסטו עם אויפרייסן דעם טויער פון אַ פרעמד אייגנטום, פון אַ פרעמד הויז?

— וואָס איך וויל פון דיר, דרעקישער ייד? איך וויל די צוויי פּאָר געוועט-לויף פערד וואָס פיטערן זיך אויף דיין „פּאָטרעראָ". און פאַר וואָס איך שיס אַזוי? ווייל איך מאַך מיר איבונגען אַזעלכע, וואָס אַמוזירן מיך... און אפשר וואָלסטו גאָר געוואָלט ווערן מיין ציל-ברעט? כאַ-כאַ-כאַ! און מיט וועלכער רעכט איך עפן אויף דיין פאַרפוילטן טויער? איך טו עס מיטן רעכט פון מיין רעוואָלווער, מיטן רעכט פון מיין שאַרף מעסער און זילבערנער נאַהייקע... און טראָג זיך שוין אָפּ, איידער איך וועל דיר אַראָפּרייסן דאָס פאַרוושאַוועטע דעקל פון דיינע פאַרפוילטע געהירן! דו דרעקישער רוסאָ, דו איינער, וואָס דו ביסט! חוצפּהדיקער ייד!... — האָט דער „סקאַרפּיאָן" זיך צעשריגן, אַ דערצאָרנטער פון בערישעס מוט און אויסטערלישער קאַלטבלוטיקייט.

— וואָס הייסט, דו וועסט זיך צונעמען די בעסטע פערד? זיי זענען דען דיינע? — האָט בעריש גערעדט מיט זיין ספּעציפישן „מפּלין", וועלנדיק אַזוי אַרום נעמען דעם „סקאַרפּיאָנס" געוויסן מיט מאָראַלישע אַרגומענטן.

— די פערד זענען טאַקע נישט מיינע, זיי זענען אָבער אַלץ איינס, ווי זיי וואָלטן געווען מיינע, ווייל זיי זענען מיין געליבטערס.

— זאָל-זשע דיין געליבטע באַצאָלן פאַר די שאָדנס, וואָס אירע פערד האָבן אָנגעמאַכט אין מיינע תבואות, טאַבאַק, קאַרטאָפל, וואַטן און מאַנדיאָקאַ, וועל איך די פערדלעך גלייך אַרויסגעבן — האָט בעריש גוטמוטיק זיך געאַמפּערט מיטן „סקאַרפּיאָן".

דער טערק, אַנדערהאַלבן קעפּ העכער פון בערישן, אַן אָנגעפּרעסענער, אַן אויסגעפּאַשעטער, מיט אַ שאַרף-פינצטערן קוק פון אַ משוגענעם הונט, האָט זיך פלוצים אַ וואָרף געטון אויפן פּיזיש שוואַכערן בערישן.

— פאַרשטעל מיר נישט דעם וועג, אויב דו ווילסט נישט, אַז איך

זאָל אײך אַלעמען אויסלײגן ווי די קאַרפּינטשאַס — האָט ער געסקאַ־ווטשעט מיט אַ שוים אין די מויל־ווינקלען. ער האָט אויסגעשאָסן גלײך נעבן בערישעס קאָפּ און גלײכצײַטיק אים דערלאַנגט מיט זײַן „רעבענקע״ אַ שרעקלעכן זעץ איבערן לינקן אויער אַז בלוט האָט אַ שפּריץ געטון.

דער אומגעריכט־פּאַרוווּנדעטער בעריש, וואָס האָט זיך נישט גע־כאַפּט מיט וואָס ער האָט געקראָגן דעם קלאַפּ און האָט געמיינט, אַז דער באַנדיט האָט אים דערשאָסן, האָט ער אַ פאַרצווייפלטן געשריי געטון:

— דער טערק, דער „סקאַרפּיאָן״, האָט מיך דערשאָסן! ער האָט מיך דערהרגעט!...

אין הויז איז געוואָרן אַ האַרמידער, אַ שרעקלעכע מהומה. די פרויען און קינדער האָבן געוויינט, ספּאַזמירט און געשריגן.

דער צעיושעטער „סקאַרפּיאָן״ האָט געעפנט אַ גהינומדיקע שיסעריי צו די עטלעכע יידישע פאַרפעלקער און זייערע קינדער.

פּלוצים איז דער הימל געוואָרן באַדעקט מיט אָנגעבלאָזענע שוואַרץ־ווייס־רויטע וואָלקנס פון דעם זון־אונטערגאַנג. עס האָט גענומען פליִצן אַ געדיכטער רעגן, צווישן דונערן, בלענדנדיקע בליצן און דעם „סקאַר־פּיאָנס״ קוילן־געשווישטשערייען.

ווען נחום האָט דערהערט בערישעס פאַרצווייפלטע געשרייען, און נישט געקוקט אויף דער סכנה אַליין געהרגעט צו ווערן, איז ער געלאָפן ראַטעווען זײַן שוואָגער. ער האָט אין וועג געכאַפּט אַ שטעקן פון קע־בראַטרענעס האַלץ, וואָס איז געלעגן אויפן הויף. ווי אַ פאַרביטערטער לייב איז ער צוגעשפּרונגען צום רוצח און אים דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ אין קאָפּ, אַז די געהירן זענען אים שיר נישט אַרויסגעשפּרונגען. נאָכן דער־לאַנגען אים נאָך עטלעכע קלעפּ איבער די פּלייצעס, הענט און פיס, האָט ער אים אַנטוואָפנט.

דער אומבאַזיגלעכער טערק כּוואַן „דער סקאַרפּיאָן״, האָט נאָכן פאַר־זוכן דעם טעם פון קלעפּ אויפן אייגענעם לייב, זיך גענומען בעטן ביים יידישן פּויער, וועלכן ער איז געקומען אומברענגען צוזאַמען מיט זײַן גאַנצן הויזגעזונט:

— סעניאָר, דאָן נאַום, האָב גאָט אין האַרץ, האָב רחמנות אויף מיר, הרגע מיך נישט! איך האָב אַן אַלטן טאַטן, אַן אַלטע מאַמע, אַ

קראַנקע, אַכט יונגינקע שוועסטערלעך און פינף פּיצלעך ברידערלעך. זיי־זשע אַ גוטינקער!...

נאָך דעם ווי מאירס פרוי האָט דעם „סקאָרפּיאָן" פאַרבונדן דעם צעשפּאַלטענעם קאָפּ, האָט נחום אַ ברום געטון צום „סקאָרפּיאָן":

— גיי דיר, דו מנוּוולדיקער עקדיש! טראָג זיך אָפּ פון דאַנען און וואָס גיכער, דו אומווירדיקער מצורההדיקער שרץ! אַנו, לויף פון דאַנען אַהינצו פון וואַנען ביסט געקומען! נעם די פיס אויף די פּלייצעס! האָסט געהערט, צי נישט?...

דזשונגל־גערעכטיקייט

בשעת דעם נישט-גלייכן קאַמף צווישן דעם אַטלעטישן און שטאַרק-באַוואָפנטן „סקאָרפּיאָן" און די אומבאַוואָפנטע, פרידלעכע און האָראָ-פּאַשנע יידישע פויערים, זענען זיינע צוויי פּוילישע גענגסטער-שומרים געזעסן אויף זייערע פלינקע פערדלעך, גרייטע צו אַקציע. ווען דער סקאָרפּיאָן זיגן, וועלן זיי אויך זיך נעמען פעכטן מיט זייערע מעסערס, פאַרגוואַלדיקן מיידלעך און יונגערע פרויען, ראַבירן און פאַגראָמירן דאָס אָרעמע ביסל יידיש האָב-און-גוטס. אלא נישט, טאָמער וועט ער, זייער „אַטאַמאַן" פאַלן, וועלן זיי, ווי די באַרימטע פּוילישע ריצאַזשעס (העלדן) נעמען די פיס אין זייערע הענט אַריין און וועלן מאַכן פליטה וווהין זייערע „פינגאָס" (פערד) וועלן זיי טראָגן...

און כך הוה. ווי נאָר די כוליגאַנען-מעקצענאַרן האָבן דערזען די ווייסטע מפּלה פון זייער גיבור, דער „אומבאַזיגלעכער סקאָרפּיאָן", האָבן זיי גלייך אויסגעדרייט די פערדישע ווידלען צו זייער געפאַלענעם גלית הפלישתי און זענען מיט אַן אימת-מוותדיקן גאַלאָפּ אַנטלאָפן ביז צום נאָענטן זשאַנדאַרמעריע-פּאָסטן. זיי האָבן טויט-בלאַסע, מיט איבערגע-האַקטע פּראַזן, דערציילט דעם שכורן נאַטשאַלניק, דעם אומגליקלעכן סוף וואָס עס האָט געהאַט זייער גזלנים-שעף, וועלכער איז אַזוי באַרימט געווען צווישן די איבערגעשראָקענע פויערים פון די וואַלדיקע ישובים אַרום, ווי דער וואָלף צווישן שעפסן.

די צוויי פאַרמישטע באַנדיטן האָבן צוליב אַליין-פאַרטיידיקונג, דער-ציילט דעם אָרדענונג-היטער פונקט דאָס פאַרקערטע וואָס עס איז פאָר-געקומען. דער זשאַנדאַר איז געוואָרן מלא-רציחה. ער האָט מיט באַנו-מענע קולות, קללות וחרמות געשריגן צו די איבערגעשראָקענע באַנדיטן:

— איז דאָס מעגלעך? און ווי קומט איר אַהין אין יענער שעה, אין אַזאַ פאַליע, אין אַזאַ גאָס-רעגן דאָס אַלץ צו זען ווי פשוטע דורכגייער-אַבסערוואַטאָרן? קאָן דען געמאָלט זיין, אַז אַ פּשוטער פויער פון רוסלאַנד, אַ ייד נאָך דערצו, זאָל זיין קאַפּאַבל איבערצופאַלן און אַזוי

שרעקלעך צעממתן דעם אַזוי שטאַרקן און בראַוון „קאָנטרעראַ" (פערד-גנב), דעם אַזוי געראָפענעם „טערק כּוחן דער סקאַרפּיאָן"? און ווי אַזוי, ווי נאַריש, ער, דער „סקאַרפּיאָן"? אַזוי שטאַרק, אַזוי באַוואָפנט, אַזאַ מין אויסטערלישער פּעטטער מיטן מעסער, אַזאַ מין שיסער וואָס טרעפט תמיד אין ציל, זאָל גאָר צעקלאַפּט ווערן דורך אַ רוסישן ייד מיט אַ פּשוטן שטעקן, ווי אַ קרעציקער הונט? דערצו נאָך, ווי אירביידע דערציילט, איז עס געשען, ווען ער, דער „סקאַרפּיאָן", האָט געהאַלטן אין איין שיסן „אויס אַליין-פאַרטיידיקונג"? ווי איר זאָגט איז דאָס געשען בשעת דער „סקאַרפּיאָן" האָט אַ חוץ שיסן, אויך געהאַלטן גרייט זיין באַרימטע „דאַגאַ" (אַזאַ מין גרויס מעסער) גרייט צו „טרייבערן"...

ניין, ניין! עס איז מיר לגמרי נישט פאַרשטענדלעך אייער מעשה. ניין, איך פאַרשטיי אייך ביידע נישט. איר הערט, „פּיבעס" (יאַטן), איר האָט אוודאי געמוזט שלעכט זען און שלעכט הערן. זאָגט-זשע מיר דעם ריינעם אמת. איר האָט מיך פאַרשטאַנען? מען וועט דאָך נישט גלויבן, אַז דער „סקאַרפּיאָן" איז געגאַנגען צו די יידישע פּויערים מיט ריינע און גוטע כוונות. בלויז מיט גוטע רייד און מיט נאָבעלע צוועקן געבעטן די „רוסן" (יידן), זיי זאָלן אים אָוועקגעבן די פערד וואָס זענען נישט זיינע. פערד, וועלכע די יידן האָבן פאַרנומען גאַנץ לעגאַל, בשעת זיי האָבן זיך געפּאַשעט אויף זייערע פּאַרזייטע פעלדער; קיינער וועט דאָך נישט גלויבן, אַז די יידישע פּויערים האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס דער „סקאַרפּיאָן" איז געווען איינער אַליין. און זיי, די יידישע פאַרמער, האָבן הייסט עס פאַררעטעריש, הינטן-אַרום, אים איבערגעפאַלן און אַזוי געוואַלדיק צעשלאָגן. אַ גאַנצע באַנדע באַוואָפנטע יידן קעגן איינעם, קעגן דעם אומבאַוואָפנטן „סקאַרפּיאָן".

האָט איר „פּיבעס" פאַרשטאַנען? דאָ איז דאָך פאַראַן אַ שרעקלעכע סתירה אין אייערע אומגעלומפּערטע בלבולים. קיין עדות טאָר זיך נישט סותר זיין. אייערע בלאָפן וועלן אייך זיכער פירן צו די פייער-אינדזלען אויף עטלעכע יאָר „אָפּרו"!... איך בין טאַקע טשעקאַווע צו וויסן: ווי אַזוי האָט דער „סקאַרפּיאָן" געשאָסן מיטן רייזיקן „טראַבוקאָ" (רעוואָלווער), אויב ער איז נעבעך געווען אומבאַוואָפנט?... וואָס האָט געטון ביי אים אין האַנט זיין באַרימטע „דאַגאַ" (מעסער) און זיין „רעבענקע" (נאַהייקע) מיטן שווער זילבערנעם הענטל, וואָס איז אויך אַ געפערלעכע כלי-זין, ביי אַזאַ מין תכשיט אין האַנט? טאַ זאָגט-זשע מיר טאַקע — ווי אַזוי איז דער סקאַרפּיאָן געווען אומבאַוואָפנט, ווען ער איז געווען

אַזוי באַלאָדן מיט געווער, ווי ער וואָלט געווען אויף יאַגד קעגן פּומאַס און יאַגואַרן?...

— ווי אַזוי האָט איר דאָס אַלץ געזען, אויב דער סקאָרפּיאָן איז געווען איינער אַליין? הייסט דאָך, אַז איר ביידע זענט דאָרט גאָרנישט געווען בשעת דעם איבערפאַלערס מפּלה. געדענקט, יינגלעך, די יוסטיץ פון מיין פאָטערלאַנד איז געוואַלדיק ערנסט, שטרענג און ערלעך. אין רחמים בדין. אַזוי, אַז איר דאַרפט און מוזט זאָגן דעם ריינעם אמת. טאָמער נישט, וועט איר באַשטראָפט ווערן פאַר פאַלש שווערן. עס קומט אַ סך יאָרן שווערע תפיסה, פאַרשיקונג אין קאַלטן דרום — פאַרשטאַנען? עס וועט נישט זיין קיין שום איינזען מיט אייך, האָט איר פאַרשטאַנען?

— יאָ, יאָ, אויסדערוויילטער הער. מיר האָבן פאַרשטאַנען. זייט אונדז מוחל! וואָרן פאַר גרויס שרעק האָבן מיר זיך אַ קאַפּיטשקעלע פאַר־פּלאָנטערט מיט דער צונג. אַ ביסעלע זיך פאַרסתירהט. נישט מער ווי אַ קאַפּיטשקעלע. נישט מער... מירן זאָגן דעם גאַנצן אמת, דעם גאַנצן... מיר וועלן אויספּאָלגן אייערע באַפעלן. מיר וועלן חלילה פאַלש נישט שווערן, אויב איר וועט אונדז רופן, אויב מירן זיך נאָך געפינען אין דער געגנט. „יאַג באָגאַ קאָכאַם" (ווי איך ליב גאָט)! — האָט געשוווירן איין באַנדיט אויף פּויליש. — אפשר וועט דער סקאָרפּיאָן שוין מער נישט לעבן צו יענעם צייט? און אפשר וועלן מיר שוין מער נישט לעבן, ווייל דער סקאָרפּיאָן וועט אונדז ליקווידירן? — האָבן די צעטומלטע פּוילישע באַנ־דיטן איבערגעחזרט צו עטלעכע מאָל יעדע פראַזע.

עס איז שוין געווען באַגינען. פון דער ווייט און פון דער נאָענט האָט דער עכאָ צעטראָגן דעם געקריי פון הענער. פייגעלעך אין די נעסטן האָבן שוין גענומען שווירטשען און טרעלן צו זייערע קינדערלעך. אין מזרח האָט דער הימל, ביים ראַנד פון דער ערד, דאָרט ערגעץ ווייט, חנעוודיק זיך גערויטלט. גאָר הויך איז די גאַנצע הימל־ספערע נאָך געווען פול מיט שטערן. די לבנה, אַ שיינענדיקע ווי אַ צנועהדיקע יידישע טאָכטער, איז געווען אָן אַ שום וואָלקן־פלעק. פון דעם גאַנצן הויזגעזונט — די איבערגעפאַלענע יידישע פאַרמער — איז קיינער נישט געשלאָפן. בשעת בעריש איז נאָך געלעגן אין גרויסע יסורים אויף זיין „קאַטרע" (שער־בעטל) און זיין שוועסטער, רבקה, האָט געהאַלטן אין איבערבייטן אים די באַנדאַזשן, איז פּלוצים אַנגעלאָפן דער שכורער „אויבערקנעפל" מיט עטלעכע געהילפן באַגלייט פון די צוויי פחדנישע מערצענאַרן־איצטיקע עדות קעגן די איבערגעפאַלענע.

די צוויי פּוילישע רויבער האָבן עדות געזאָגט, אַז דער סקאָרפּיאָן

איז נעבעך געווען דער אומשולדיקער קאָזאַק הניגזל און די יידישע פּויערים האָבן אים אַזוי האַרצלאָז צעממתט.

מינוטן שפּעטער איז דער צעמזיקטער סקאָרפּיאָן, מיט אַ באַנדאַ־זשירטן קאָפּ, הענט און פיס, אויך געקומען צו רייטן אויף זיין אומרויקן רויטן אָגער צום שלאַכט־פעלד, באַגלייט פון אַנדערע צוויי פינצטערע פּאַרשוינען מיט אַ רוצחישן בליק פון אוקראַינישע שוואַרץ־מאַהניקעס. דער ס׳קאָרפּיאָן האָט די מונדירטע ראשית־כל אָנגעוויזן אויפן פּאַרוואַנ־דעטן בעריש. דערנאָך אויף נחומען און צום סוף האָט ער אָנגעוויזן אויפן פּויער־שוחט, וועלכער איז נאָר־וואָס געהאַט אָריינגעקומען.

דער פּאַגאָנענדיקער מושל האָט די אַלע אָנגעוויזענע געקייטלט און אַוועקגעפירט אין אַ „קאַלאַבאָס" (געפענקעניש), ווייט און טיף אין דער דזשונגל־ווילדעניש.

דער מושל, וואָס איז אין יענעם מאָמענט געווען טויט־שכור, האָט אין דער גוראַני־שפּראַך געזידלט די איבערגעפאַלענע מיט די פּרעכסטע אויסדרוקן און אַלעמען געדראָעט מיט זיין רעבענקע אין דער האַנט: „איר אַניאַ בעמבוי" (טייוולס קינדער), איך וועל אייך אַלע פאַרשיקן צו די אָרקאַדן־אינדזלען, וואָס אינעם דרום־פּאָל, ווו איר וועט זיך דער־נערן בלויז מיט פּינגווינען — אייער און פּאָקן־פליישׁ. איר האָט געהערט, פּאַרשאָלטענע קאָמוניסטן, מאַקסימאַליסטן, מאָסקאָווּיסטן?! איך וועל אייך אַלע אויסדישען, אויסראָטן ווי די האָזן ביז איינעם, אויב איר וועט נאָך אַ מאָל מאַכן איבערפאַלן אויף ערלעכע און פרידלעכע בירגער פון מיין פאָטערלאַנד... האָט איר געהערט? אין מיין באַצירק טאָרן זיך נישט געפינען קיין איבערפאַלער, קיין שווינדלער און קיין גנבים!... האָט איר כאָטש פאַרשטאַנען וואָס די אויטאָריטעט האָט געזאָגט? איר באַנדיטישע מאַקסימאַליסטן, אַנאַרכיסטן, ניהיליסטן, סאָציאַליסטן און פאַרשאָלטענע טכוירן וואָס איר זענט!...

די איבערגעפאַלענע יידישע פּויערים־פאַמיליע איז נשתומם געוואָרן פונעם רייכן וואָקאַבולאַר וואָס דער אַראָגאַנטישער גוראַני־שעף האָט פאַרמאָגט. זיין באַנעמונג — אַן עניגמאַטישע: אַנשטאָט זיי, די איבער־געפאַלענע, צו פאַרטיידיקן, טוט ער גאָר דאָס פאַרקערטע...

— שוין, תיכף־ומיד גיט אַוועק דאָס געווער, מיט וועלכן איר האָט אַזוי שרעקלעך פאַרוואונדעט דעם אויסדערוויילטן בירגער, דעם „סקאָר־פּיאָן"! טאָמער באַגייט ווער אַן עוולה קעגן געזעץ, בין איך די אויטאָ־ריטעט אויף צו באַשטראָפן, מער קיינער נישט. דערפאַר פאָדער איך אונטערטעניקייט און אויספאָלגן ס׳געזעץ! — האָט געשריגן דער שיכור.

בלויז דער הויך־געלערנטער און פילאָזאָפֿישער בעריש, נישט גע־קוקט וואָס ער איז געווען שטאַרק פֿאַרווונדעט, האָט געפּרוּווט געבן צו פֿאַרשטיין דעם אינדיאַנער־פּאָליציאַנט וועגן דאָס פֿאַרגעקומענע. בעריש האָט זיך גענומען דערציילן אַקאַדעמיש, מיט זײַן ספּעציפֿישן פֿילאָזאָ־פֿישן באַנעם, ווי אַזוי „סקאָרפּיאָן” האָט פּלוצים געעפֿנט אַ פֿײַער־שיסערײַ צו די פֿרויען, קינדער און אַלטע לײַט. אַז דער צעיושעטער וואַנדאַל האָט אַפֿילו שיר געטראָפֿן מיט אַ קויל זײַן, בערישס, אַלטער מאַמע אין קאָפּ. און ווי אַזוי דער רוצח האָט אים, בערישן דערלאַנגט מיט דעם זילבערנעם הענטל פֿון זײַן רעוואָלווער איבערן אויער. אָן אַ פֿאַר־וואָס, אָן אַ פֿאַר־ווען...

איינער פֿונעם שוטרים געהילף, אַ ברוין־הויטיקער גואַיקורו־אינדיאַ־נער, מיט אַ לאַנגער, גלאַטיקער, שוואַרץ־גלאַנציקער גזשיווע, מיט קיי־לעכדיקע סאָווע־אויגן, אַ ניכטערער, און אפֿשר דערפֿאַר מיט אַ פֿיינערער באַנעמונג; ווײַזט אויס, אַז ער איז אויך געווען אַ קלוגער מענטש — האָט שטיל אַ סעפּטשע געטון בערישן אין געזונטן אויער אַרײַן, אַז ער זאָל בעסער שווײַגן דערווײַל, און וואַרטן אויף אַ גינציקער געלעגנהייט. אַלאַ נישט קאָן דער שיכור אָפּטון אַזוינס, וואָס וועט נישט מעגלעך זײַן צו פֿאַרריכטן...

דער גואַיקורו־פּאָליצמאַן האָט זיך אויסגעדרייט צום צעקאָליעטשעטן באַנדיט און אים פּלוצים אַ פֿרעג געטון:

— זאָג מיר, כואַן, ווי קומט עס אַז דו, דער נישט־באַזיגלעכער טערק „דער סקאָרפּיאָן”, דער טעראָר און בייזער „וואַליטשע” (שד) פֿונעם דזשונגל און ביז ווײַט אַריבער זײַנע גרענעצן, זאָל זיך לאָזן אַזוי מיאוס צעממתן? און ווי אַזוי? מיט אַ פּראָסטן פּשוטן שטעקן דיך צעקלאַפּט, פּונקט ווי מען שלאָגט אַ משוגענעם הונט, וואָס האָט וועמען געביסן?... און וואָס האָסטו טאַקע געטון דאָ בײַ די מענטשן אין דעם סאַמע כליאַפּע־דיקן רעגן־גאָס מיט רעוואָלווער־שיסערײַען, מיט דער ראַגאַ און רעוואָלווער אין דער שעה? אדרבה, זאָג, דבר, ווי אַזוי איז עס פֿאַרגעקומען וואָס דער ייִד, דאָן נאָום, האָט דיך אַזוי צעהרגעט? — האָט דער קלוגער גואַיקורו־אינדיאַנער געפֿרעגט און איבערגעפֿרעגט דעם גענגסטער.

— גאָט אָדער דער טײַוול זיצט אין די ביינער פֿון די ייִדן. הערסט, דו, אינדיאַנער! זאָלסט נישט דערציילן דײַן באַלעבאָס. ווײַזט אויס, אַז איך האָב מיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ שטאַרקערע האַנט ווי מײַנע, פֿון אַ נאָך מער ריזיקאַלישן נפֿש ווי איך בין... דער פֿאַרשאָלטענער ייִד איז

געלאָפֿן צו מיר ווי אַ צערייצטער יאַגואַר. בשעת איך האָב געהאָגלט מיט קוילן, ער, דער בייזער גייסט אין אַ יידן־געשטאַלט האָט מיך אַזוי צעטומלט, די פייער־פונקען פון זיינע אויגן האָבן מיך אַזוי שטאַרק היפּ־נאָטיזירט, אַז עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז טאַקע אַן אמתדיקער יאַגואַר, אַ הונגעריקער, לויפט מיך צו צערייסן... — האָט דער „העלדישער" סקאָרפּיאָן אַ וויינענדיקער, דערציילט דעם גואיקורו־פּאַליציאַנט, שטי־לערהייד, קיינער זאָל נישט הערן.

דער ווײַן איז גוטער ווײַן

בײַ די ײדישע קאָלאָניסטן אין אור-וואַלד איז געווען יום-טוב. אַלע פּאַרנומענע און פאַרשפּאַרטע אין עיפּושדיקן קאַלאַבאַס (תּפיסה) פונעם דזשונגל, זענען ברוך השם, באַפרײַט געוואָרן. אַ דאַנק אַ האַלב טוץ פלעשער רײנעם טרויבן-ווײַן, פון דער אינטעליגענטער און שטאַרק-באַלעזענער רבקהס אײגענער אַרבעט, און אַ געבראָטן יונג ציגעלע, וואָס מאירס בילד-שײנע פרוי האָט געבערענגט אַ מתּנה פאַר די „אַרעס-טירטע"...

דער „עלצטער" גואַראַני-אינדיאַנער אין אַ ניכטערער שעה, און דערפאַר בײַ די קלאָרע געדאַנקען, האָט דאָס מאָל אויסגעהערט די טענות און תּרעומות פון דעם אינטעליגענטן פויער מאיר, קעגן דער עוולה, וואָס עס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן די אומשולדיקע אַרעסטירטע.

דער שאַרפזיניקער מאיר, האָט דעם „ראש" דערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס אַלץ ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען דער אָנגריף און די פאַר-טיידיקונג; ווי אַזוי דער תּמיד-זינגענדיקער און פאַציפישער נחום האָט צעקלאַפּט דעם „סקאָרפּיאָן", וועלכער איז, לויט זײַן וואַנדאַלישקייט, טאַקע אַ „סקאָרפּיאָן"... און אַזוי אַרום האָט דער עטישער און תּמימות-דיקער נחום מציל געווען עטלעכע מענטשן זאָלן נישט געטראָפן ווערן פונעם גיפטיקן סקאָרפּיאָנס קוילן.

באַלד נאָך דער טענה, זענען די געפאַנגענע באַפרײַט געוואָרן.

— איר ווייסט, דאָן נאָום, — האָט דער פאַגאַנענדיקער אינדיאַנער מיט דער גלאָז מאָסקאַטעל-ווײַן אין דער לינקער האַנט און גלעטנדיק מיט דער רעכטער האַנט זײַן פעך-שוואַרצע, קײַלעכדיקע גזשיווע, זיך געווענדעט צו נחומען — דער ווײַן געפעלט מיר זייער שטאַרק. דער-שטאַנענער ווײַן. אייגענע אַרבעט?... אַזוי גאָר? אייער אייגענע פרוי, דאָן נאָום, האָט געמאַכט דעם גוטן מאָסקאַטעל-ווײַן?... אייער גענעדיקע און אויסדערוויילטע פרוי זעט טאַקע אויס צו זײַן אַ בריה!... דער ווײַן איז באמת, טאַקע אַ גוטער ווײַן! איר מעגט עס טאַקע זאָגן אייער אויס-

דערוויילטער פּלוניתטע, אַז דער ווײַן איז באמת טאַקע אַ גאָר גוטער ווײַן!

און איר, סעניאָר דאָן נאַום, זענט אויף אַן אמת אויך אַ גרויסער העלד, אַן אמתדיקער ווירטואָז, אַז איר האָט געוואַגט, געהאַט מוט און גבורה, און געקאָנט אַזוי צעקלאַפּן און צעקאַליעטשען דעם אַזוי־שטאַרקן און סטראַטעגיש־פּלינקן סקאָרפּיאָן... יאָ, איך באַגריס אײַך פאַר אײַער גבורה און אויסטערלישן קוראַזש! איר וואָלט אויף אַן אמת געמעגט הייסן: „נאַום דער דרייסטער", מחמת איר האָט געוואַגט צו אַנטקריַינען און צו אַנטוואָפּענען דעם טעראָר פונעם דזשונגל.

איר ווייסט, דאָן נאַום, די צווייטע גלאָז ווײַן איז אַ סך זאַפטיקער, איז נאָך בעסער ווי די ערשטע. וואָס אַ רגע איז דער ווײַן אַלץ בעסער... איר זענט אָבער דאָך נישט קיין גאַוטשאָ, און צומאָל קיין קרעאָל אויך נישט... צו זײַן אַן אינדיאַנער, דאַרף מען ראשית־כל זײַן אַ זכר... מיט אַלע פּיטשעוווקעס. נאָר איר זענט אַ ייִד, ווי אַלע ייִדן, מיט אַלע פּרטים... וואָלט איר נישט געווען קיין ייִד, קיין רוס, ווי איר זענט, וואָס האָט צומאָל נישט קיין בלוט צו דערהרגענען אַ גיפטיקע שלאַנג, וועלכע איז געקומען אים בײַסן, וואָלט איר איצטער אפשר נישט געווען געלעגן אין קאַלאַבאָס ווי אַ קרעציקער הונט...

איר הערט, דאָן נאַום, וואָס נידעריקער עס ווערט אין דער פלאַש אַלץ געשמאַקער איז דער ווײַן. אפשר נישט אַזוי?... אַן אונדזעריקער, אַ גואַראַני, אַ גואַיקורו, אַ טאָבאַ צי אַ טשאַגאַעס, וואָלט אים, דעם מנוּוול־דיקן סקאָרפּיאָן געווים דערהרגעט אויף טויט און וואָלט גלײַך אָוועקגע־לאָפן צום „ראש". ער, דער אינדיאַנער, וואָלט אָנגעגעבן אַן אָנקלאַגע קעגן דעם טויטן איבערפאַלער. איר ווייסט אוודאי דאָס איטאַליענישע שפּריכוואָרטל: „איל מאָרטאָ, נאָ פּאַרלאַ" (דער טויטער דברט נישט)... נאָר אַזוי ווי איר זענט אַ שוטה בן שוטה, האָט דער נישט־דערהרגעטער „סקאָרפּיאָן", אָבער כיטראַק, ממזר בן־ממזר, זיך געפעדערט פאַר אײַך. ער האָט געמאַכט געוואַלדן, אַן אָנקלאַגע קעגן אײַך, דערצו נאָך מיט גבית עדות. האָט איר כאָטש פאַרשטאַנען?

זאָגט דעם אמת, דאָן נאַום, צי זענט איר כאָטש אַ מבין ווי גוט דער ווײַן איז, וואָס אײַער גנעדיקע פּרוי האָט געמאַכט?... דער ווײַן פון דער צווייטער פלאַש שמעקט מיר נאָך בעסער ווי דער פון דער ערשטער פלאַש. די מניעה איז נאָר, וואָס די פלאַש מיטן בעסערן ווײַן שאָקלט זיך אַ קאַפּיטשקעלע... אפשר דערפאַר וואָס זי לײַדט פון אַ רעוּמאַטישן „טעמבלעקע" (ציטערניש)?...

— איר, דאָן נאָום, האָט געהאַט אַ גרויסן נצחון איבערן סקאָרפּיאָן פון דער אומהיימלעכער וואַלדיקייט. יאָ, אמת טאַקע, האָט איר אָבער כאָטש עפּעס אַראָפּגעשלונגען פון מײַנע באַלערנדיקע רייד?... ווייסט איר, וואָס אַזוינס איז אַן עפּאָפּעע, אַן אָדיסעע? איך בין טאַקע אַן אינ־דיאַנער. איך האָב אָבער אַ סך געלייענט און אַ ביסל געלערנט. נאָר אויב איר ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן, וועל איך אַליין ענטפערן אויף מײַן פראַגע: איר האָט געשאַפן אַן עפּאָפּעע מיט אַן אָדיסעעלע צוזאַמען. אַ שאָד נאָר וואָס אייער אַטראָפירטער פאַרשטאַנד קריכט בײַ אײַך מיט טשערעפּאַכע־טריט. גיפטיקע שלאַנגען, שפּינען און סקאָרפּיאָנען דאַרף מען פאַרניכטן... האָט איר פאַרשטאַנען? דאָך בין איך אײַך מוחל אייער „לא תרצח", שוין דערפאַר וואָס איר זענט דאָך אַ בראַווער יונג, מיט אַ פּאָר בערישע ידים, נישט ערגערע ווי לוים אַנבעל פּירפּאָס, דער ווילדער ביק פון דער פּאַמפּאַ.

— יאָ, יאָ, דאָן נאָום! דער ווײַן, וואָס אייער גנעדיקע פרוי האָט געמאַכט איז טאַקע אַ גוטער ווײַן. גייט־זשע אײַך געזונטערהייד אַ היים צו אייער ווײַב און קינד, אָדער קינדער וואָס איר האָט געלאָזט אויף הפקר אין דער „טשאַקרע" (פאַרם). אַז אַ ציג אָדער שעפּעלע וועלן בײַ אײַך געלעגן ווערן, גיט מיר צו וויסן אין אַ פּיר, פינף חדשים אַרום. איך וועל בײַ אײַך אָפּקויפן דאָס קליינע ציגעלע אָדער שעפּסעלע פאַר מזומן געלט. איך וועל זיך נישט דינגען, ווײַל איך האָב געוואַלדיק ליב אַ גע־בראָטנס פון אַ זויגעוודיק ציגעלע און שעפּסעלע. אויף באָרג נעם איך קיינמאָל נישט, ווײַל איך בין אַ מענטש מיט אַ הויכער עטיק, אַ הויכע קולטור און מיט אַן אומבאַפלעקטער מאָראַל...

יאָ, יאָ, אַזוי בין איך. דער ווײַן איז אַ גוטער ווײַן. האָט איר מיך כאָטש פאַרשטאַנען, דאָן נאָום?...

ששון ושמחה

אַלע פֿויערים פֿון יענעם אורוואַלדיקן געביט, יידן און קריסטן פֿון אַרום, זענען געקומען באַגריסן די באַפֿרייטע יידישע העלדן. דער עיקר דעם הויפּט-העלד פֿונעם דראַמאַטישן עפּיזאָד וואָס איז עולה לגדולה געווען און צום שטאַרקסטן געליבט געוואָרן, פֿאַרשטייט זיך, דער טראָוואַדאָר: נחום.

אַלץ און אַלע, קינד און קייט האָבן זיך געפֿרייט מיט דער וויסטער מפּלה וואָס דער סקאָרפּיאָן האָט געליטן. אַלע פֿאַרמער פֿונעם דזשונגל-פֿליין האָבן געשפּעט פֿונעם צעמזיקטן סקאָרפּיאָן. זיי האָבן אים אַנטקרוינט פֿון זיין „אינוויקטוס"-סצעפּטער. און אַנשטאָט כּואַן דער סקאָרפּיאָן, האָבן זיי אים גערופֿן: כּואַן „סאַפּאָ" (זשאַבע).

צווישן די טאָבאַס, גואַראַניער, גואַיקורועס, פּאַזשאַגראַס און אַנדערע אינדיאַנער שבטים פֿון דעם טראָפּישן וואַלד איז אומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דער „סקאָרפּיאָן" האָט געהאַט זיך געשלאָגן מיט פּערציק „גבורים" הפקר-יונגען אַזוי ווי ער, צוליב אַ יפיפיה, און ער, האָט זיי אַלע באַזיגט און איז געבליבן מיטן טראָפּיי... און אַ סך אַנדערע העלדנטאַטן און פֿאַנעגירטע לעגענדעס וועגן זיינע גבורות, וואָס זיינע צוהעלפֿער האָבן פֿאַרשפּרייט צווישן יענע האָראָפּאַשנע פּויערים, האָט אויף אַלעמען געהאַט אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד.

און דאָ האָט גאָר אַ יידישער פּויער, איינער אַליין, באַוואָפֿנט בלויז מיט אַ פּשוטן שטעקן, אים אַזוי שרעקלעך צעמזיקט, אַז דער סקאָרפּיאָן וועט זיך שוין מער נישט דועלירן מיט קיינעם נישט; ער וועט אפֿשר שוין מער נישט גנבענען קיין קי און אָקסן פֿאַר זיין יאַטקע; ער וועט שוין מער נישט וואַגן איבערצופֿאַלן קיין פֿרידלעכע קאָלאָניסטן און צוראַבעווען טייערע געיעג-פֿערד פֿאַר זיינע געליבטע; ער וועט שוין אפֿשר אויך מער נישט וואַגן אַריינצוקריכן דורך די פֿענצטער צו פֿרעמדע ווייבלעך אין בעט אַריין!... האָבן די באַגריסער געיובלט.

די שמחה איז געווען אַ דאָפּלטע, ווייל עס איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ

נישקשהדיקער רעגן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן מעת־לעת און האָט געבערענגט אַ ברכה פֿאַרן פֿאַרזיי, פֿאַר די פּאַשע־פֿעלדער, פֿלאַנצן און ביימער. דער רעגן וואָס איז געקומען מיט פּרעלימינאַרע קולות וברקים און האָט אויפֿגעטרייסלט דעם גאַנצן אורוואַלד, איז צום גליק געווען אַ דריבנער, הגם אַ געדיכטער, האָט אַדורכגעווייקט די ערד ביז אין אירע טיפֿענישן.

— דו ווייסט ריווע, היינטיקן סעזאָן וועלן מיר זיכער האָבן אַ סופּער־ראַוויט־געראָטעניש. דאָס געדיכטע און דריבנע רעגנדל איז צו אונדז געקומען אין דער סאַמע ריכטיקער צייט; די וואַטן־פּלאַנטאַציעס, די קוקורוזע, דער טאַבאַק, דער מאַניס און דער גאַנצער פֿאַרזיי איז אויפֿגעגאַנגען ווונדערלעך, און איך פֿאַרהאָף, אַז מיט דער קומענדיקער געראָטעניש, אויב עס וועט נאָר, חלילה וחס, נישט קומען עפּעס קיין אומגעריכטער מיכשל, און מיט גינסטיקע פּרייזן, אַזוי ווי עס האַלט דערווייל אָן אויפֿן וועלט־מאַרק, וועט זיין צו באַצאָלן אַ שפּאָר ביסל חובות. און אויב סע זאָלן נאָך זיין אַ פֿיר־פֿינף יאָר מיט כסדרדיקע דערפֿאָלגרייכע געראָטענישן, וועלן מיר, אַלע קאָלאָניסטן, נישט נאָר זיין געראַטעוועטע, נאָר מירן נאָך האָבן געגוג מזומנים זיך איינצושאַפֿן אַ מאָדערנעם טראַקטאָר, אַקער און בראָנע־מאַשינען, שנייד און דרעש־מאַשינען. מירן זיך באַקליידן מיט גוטע וועש און יום־טובדיקע בגדים. און אויב סע וועלן נאָך פֿאַרבלייבן אַ ביסל איבעריקע פּעזעלעך, וועלן מיר זיך אפשר אויך קויפֿן אַ שטיקל אויטאָמאָביל, מעג זיין אַ „פֿאָרטאַטשאָ" (פֿאָרד־אויטאָ) וואָס זאָל „פֿליען" כאָטש אַ פֿערציק־פֿופֿציק קילאָמעטער אַ שעה. דאָס הייסט, אַזוי גרויס, ווי פֿון דאַנען ביזן שטעטל זאָל מען פֿאָרן אַ שעה מיט צוואַנציק מינוט אָן אָפּשטעל.

— דער שלעכטער טאָג זאָל קיינמאָל נישט קומען טאָמער זאָל מען חלילה נישט דאַרפֿן צו אַ דאָקטער אָדער אַפּטייקער, באַהיט זאָל מען ווערן, — האָט געזאָגט מאיר צו זיין שוועסטער, וואָס האָט אין יענעם מאָמענט געהאַלטן אין צוגרייטן וועטשערע פֿאַר איר מאַן און געסט, וועלכע האָבן געדאַרפֿט באַלד קומען.

די צעגרינטע לאָנקעס, ווי עקזאָטישע טעפּיכער צווישן די ביימער־פֿלאַכן, זענען געווען באַדעקט מיט אַ גלייכמעסיקן צוויט פֿון די דופּטיק־סטע טראָפּישע בלומענקוויטן; די פֿאַרזייטע פֿעלדער, ווי אַ ווינגדי־קער, צעכוואַליעטער ים פֿון די אַלערליי צמחים, האָבן אָנדולירטע זיך געשאָקלט לויטן ווינטעלעס פֿאַרלאַנג און געשמאַק, האָט צאַרט געלאַש־טשעט זייערע שרעקעוודיקע בלעטער און בלומען, מיט דער פֿאַרליבטער

צערטלעכקייט פון אַן איבערגעשראָקענער מאַמעלע, וועמעס פריערדיקע קינדערלעך זענען אומגעקומען אין סאַמע בליציים.

קוקנדיק אויף די אַן אַ שיעור שוועבנדיקע האָניג־בינען איבער דער בלענדנדיקער, צעצוויטקייט פון דער צוקונפטיקער שפע, האָבן די פאַר־כמאַרעטע קאָלאָניסטישע פנימער, אויך אויפגעשיינט; די פאַרמרה־שחורהטע פנימער זייערע, זענען ליכטיקער געוואָרן; אַפילו די פריציי־טיקע זקנים, פאַרזעסענע בתולות און פאַרעלטערטע בחורים מיט די פאַרשוואַרצטע געשטאַלטן, זענען אויך מונטערער און פרייליכער גע־וואָרן; זיי זענען אַפילו אָנגעפילט געוואָרן מיט די הייליקע שטראַלן פון דעם אייביקן יידישן ביטחון וועגן אַ בעסערן מאָרגן, וועגן אַ שענערן שפּעטער... אַפילו די פעסימיסטן מיט זייערע פריצייטיק צעאַקערטע און איינגעשרומפענע באַקן און איינגעבויגענע פלייצעס, זענען אויך גלייכער און מוטיקער געוואָרן.

אַלע קאָלאָניסטן האָבן געקראָגן אַ געלט־אַדערויף פון די תבואה־סוחרים אויף די גערעטענישן; ווער אויף צו איינקויפן זיך פעלד־מכשירים; ווער אויף צו קויפן מער פעלד, אויסצובעסערן זיך דעם גאַלפּאַן־שייער, די בידנע דירה, און ווער אויף צו קויפן זיך אַ ביסל מלבושים. די צעשטראַלטע קאָלאָניסטן האָבן זיך איינגעקויפט בעסערע אַרבעט־פערד, קי און ביקעס פאַר פריה וריביה. — וואָס הייסט? אַזאַ מין שפע, אַזאַ מין גערעטעניש!

אַלע סוחרים, אַלע שאַכערמאַכער, אַפילו דער צרהדיקסטער קמצן מיט אַ שטיינערנעם האַרץ, אַפילו יענער וואָס וואָס האָט פאַראַיאָרן און פאַר צווייאָרן און פאַר דרייאָרן נישט געוואָלט געבן אויף באָרג אַ קילאָ פאַרשימלטע גאַלעטאַס (סוכאַרעס), האָט זיך איצטער ממש גע־בעטן ביי די צעשמייכלטע און תמימותדיקע פויערים: „קויפט, קויפט הערעלע, נעמט, נעמט אויסדערוויילטער סעניאָר, קויפט וואָס איר ווילט נאָר אַליין און וויפל איר הערעלע ווילט נאָר...״

וואָיאַזשאָרן פון די גרעסטע אויסלענדישע און אינלענדישע פירמעס האָבן ממש אָפּגעקלאַפּט די טירן פון די פויערישע כאַטעס, וועלכע האָבן פאַרגעשלאָגן די גרעסטע „מציאות״, וואָס דער פויער דאַרף יאָ און יענע וועלכע ער דאַרף לחלוטין נישט; פעדלער פון אַלע ארבע פינות העולם האָבן פאַרקויפט „פלאַטינענע״, „גאָלדענע״ און „בריליאַנטענע״ צירונג ווי אַ „קאָנטראַבאַנד״ — פאַר אַ שיבוש. און די נאַיווע פויערים, ווי אומשולדיקע פיצלעך קינדער, יידישע ווי נישט־יידישע, האָבן געקויפט

די „ווילדע מציאות" וואָס די „אָרעמע אַראַבער, הינדוסן, ענגלענדער" און אַנדערע שלעק האָבן זיי נאָר אָנגעבאָטן.

און פאַרוואָס טאַקע נישט קויפן? די תבואות האָבן געשטיגן; וואַטע, טאַבאַק, ליאָן, מאַני און סאָנעטשניק זענען געשטיגן אין הימל אַרײַן. דאָס געמיינסטע פגירה-פלייש פון אַן אַלטן און מאָגערן אָקס איז מיט גאָלד צוגלײַך; קעז, סמעטענע און פּוטער שטייגן באַרג אַרויף מיט ריזן-טריט.

נו, היתּכן? ווו איז יושר? — האָבן געטענהט די יונגערע ווײַבער — פאַר וואָס איז דאָ אַזוי מורא צו האָבן אויסצוגעבן נאָך עטלעכע הונ־דערטער, ווען דער סוחר פאַרקויפט ממש בחצי־חנם און בעט זיך מען זאָל אַלץ קויפן אָן געלט?...

די קרעטשמעס זענען אויך געווען פול מיט „געסט" פון אַלערליי מינים, גאַטונגען און געשטאַלטן; אַפריקאַנער מיט קורציטשקע, שוואַרץ־קאַראַקולענע האָר און גרויסע, קײַלעכדיקע פערד־אויגן; איבערגעשראָ־קענע אינדיאַנער, סאַמבאָס און מולאַטן מיט ברוינע קאַשטאַן־אויגן; פלאַקסענע פּאָליאַקן, דײַטשן און שכורע רוצחישע אוקראַאינער, ווי אויך עכטע קרעאָלן, האָבן געטרונקען קעבראַטשאַ־ווײַן, ביר און „גראַפּאַ" אָדער „אַכענכאַ" (פאַלון). אַלע קלייטן און געשעפטן זענען אויך פול געווען מיט פּויערים, זייערע ווײַבער, זין און טעכטער; פונדיקעס און פונדיטשקעס פון די קאָלאָניעס און וואַלד־העקערייען און פון די טאַר־טאַקעס וואָס אַרום די שטעטלעך, האָבן אויך געגעסן און געטרונקען אויף וואָס נאָר די וועלט שטייט.

און זיי, די פּאַריער, די אָרעמע פּונדיקעס, האָבן אויך געקויפט, גע־געסן און געטרונקען פון „כּל־טוב", פאַרשטייט זיך, אַז אויך אויף באָרג... אַז דאָס „ווײַסע גאָלד" (וואַטע) וועט צײַטיק ווערן, וועלן אַלע נתעשר ווערן, אַלע וועלן האָבן... דעמאָלט וועלן אַלע באַצאָלן זייערע חובות. אַפילו די בעטלערס האָבן געהאָפט צו גאָט און געגלאָצט זייערע אויגן צו די הימלען און געוואַרט אויף דער אויסטערלישער גערעטעניש פון די צעבליטע פעלדער אויף די פלאַכן פונעם הייסן דזשונגל.

און פאַר וואָס טאַקע נישט קויפן? דער סוחר איז דאָך אַזאַ מין גוו־טינקער, אַן אַ גאָל ממש. ער, דער סוחר, האָט דאָך בלויז פאַרשריבן אין זײַן ספּעציעלן ביכעלע. ער האָט זייער איידל, זייער העפלעך געבעטן דעם קונה אונטערצושרײַבן.

די תמימותדיקע און געטרויען־גלײַביקע פאַרמער האָבן ווײַזט אויס נישט געוווּסט, אַז דער סוחר וואָס גיט זיי אַזוי גרויסמוטיק אויף באָרג,

ווייסט וואָס ער טוט: זאָל נאָר טאַקע זיין אַ גוטע גערטעניש, וועט ער זיך שוין אָפּנעמען כפל־כפלים.

די אַרבעטזאַמע יידישע פּויערים האָבן אַחוץ זייער עבודת־פּרך אויף דער וואַלדיקער בתולה־קרקע, גייסטיק אויך נישט גערוט: פאַרזאַמלונגען, פאַרלעזונגען, דיסקוסיעס, קעסטל־אָוונטן און רעפעראַטן וועגן אַגראַר־פראַגן, וועגן קאָסמאָס. אפילו וועגן דעם באַרימטן האַליי־קאָמעט, מאַרס און יופּיטער; וועגן דער לבנה, מערקורי און ווענוס. וועגן אונדזער ערדישן פּלאַנעט און וועגן געאָלאָגיע און קאָסמאָלאָגיע אין אַלגעמיין. וועגן יידישקייט און יידישע קולטור אוודאי. היינט אַ רעפעראַט ביי איין פּויער, מאָרגן ביי אַ צווייטן. סע האָט זיך גערודערט אין די אָרעמע יידישע קאָלאָניסטישע כאַטעס ווי די פאַרהאָרעוועטע, תמיד־אַקטיווע בינען אַרום זייערע בינשטאָקן. אַלע האָבן געשפּראָדלט מיט אַ גליקזעליקער חדווה און האָפענונג: עס וועט זיין אַן אויסטערלישע גערטעניש!

— יאָ, יאָ, סע זאָל נאָר זיין געניג רעגן אין דער ריכטיקער צייט. עס זאָל חלילה נישט קומען דער היישעריק, די גאַרגאַכאַ, די אָרוגאַ און די צעשטערערישע טוקורא (אַזעלכע געוואַלדיק־פרעסערישע אינזעקטן, וואָס מאַכן שרעקלעכע פאַרוויסטונגען אין די תבואות, פּאַשע־פעלדער, סעדער און גערטנער) — האָט נחום אַ טראַכט געטון הויך אויפן קול.

אויפן סמך פון דער צוקונפטיקער גערטעניש, האָט דער יידישער פּויער, אַחוץ דעם וואָס ער האָט עד־לחשבון געזען צו פאַרגרעסערן און פאַרשענערן זיין בידנע דירה, דאָס אייגענע פּריוואַטע כאַטקעלע, שטאַל און תבואה־שייער, אַחוץ דעם וואָס ער האָט זיך איינגעקויפט אַ בעט צו שלאָפן, אַ האַלבע טוץ בענקלעך צו זיצן און אַנדערע גאָר נויטיקע קיך־מכשירים; ווי עטלעכע טעפּ צו קאָכן אַ ביסל גריץ אָדער קרופּניק, אָדער מאַסאַמאַראַ, האָט דער יידישער קאָלאָניסט זיך אויך געקויפט אַ שאַפקעלע פאַר די ביכער און ספרים, וואָס יעדער יידישער קאָלאָניסט האָט פאַרמאָגט אין יענער פאַרשווונדענער צייט פון שפּרודלדיקער קולטור־אַקטיוויטעט.

יעדער קאָלאָניסט האָט זיך אויך געקויפט אַ פלינקן און שטאַרקן פערד צו דער אַרבעט אין פעלד און וואַלד, און וואָס זאָל אויך נוצן פאַר אַ סולקי אָדער טילבורי, צו פאָרן אַ ביסל שנעלער צו אַ שכן אויף אַ צוזאַמענקום, אָדער אַן אַנדער קולטור־מסיבה. אויך ווען מען דאַרף חלילה פאָרן אין שטעטל נאָך אַ דאָקטער, צי אין פּאָסט נאָך אַ צייטונג, בוך, זשורנאַל, אָדער בריוו, ווייבאַלד מ׳קען זיך נישט פאַרגינען דעם לוקסוס צו קויפן אַ שטיקל אויטאָמאָביל, אַ פאָרדל, ווי עס האָבן די רייכע דייטשן

און איטאַליענישע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן דאָס גליק צו האָבן בעסערע ערד און אַן אָנגענעמערן קלימאַט, איז אַ גוט פּערד אויך אַ מאַיאָנטעק.

בעת אַ פאַרזאַמלונג פון אַ גרופּע קולטורעלע יידישע פּויערים, האָט ישראל, געשטיצט פון בערישן און מאירן, פאָרגעשלאָגן אויפצובויען אַן אייגן הויז פאַר אַ שול, ווו אַלע קאָלאָניסטישע יידישע קינדערלעך פון עם הייסן דזשונגל זאָלן קענען לערנען און זיך דערציען אין דער יידישער קולטור, מאָראַל און טראַדיציע. דאָס הויז זאָל אויך פאַרמאָגן אַ זאַל פאַר פאַרלייענונגען, טעאַטער און אַנדערע קולטורעלע מסיבות; דער זעלביקער אַקטן־זאַל זאָל אויך קענען נוצן פאַר אַ שיל צום דאַווענען, בכדי די רעליגיעזע יידישע פּויערים פון דער קאָלאָניע זאָלן זיך איינלעבן און אויסלעבן אין פרומען יידישן דת און מאָראַל.

אַ התרוממותדיקע און התלהבותדיקע חדווה האָט אַרומגענומען אַלע פאַרזאַמלטע. עס איז נישט געווען קיין איין יידישער פּויער וואָס זאָל זיך נישט ביישטייערן פאַר אַזאַ מין הייליקן צוועק, פאַר אַזאַ מין הייליקער זאַך, ווי עס איז גאָטהייט געפּאָרט מיט יידישער וועלטלעכקייט.

אַפילו דער אָרעמסטער פּויער האָט זיך אויך ביישטייערט פאַרן המשך און קיום פון עם יידישן פאָלק, יידישע און העברעישע לשונות און יידישע קולטור אין אַלגעמיין, כדי עס זאָל אַפילו אין די ווילדענישן פון עם פייער־פלאַמיקן דזשונגל אויך אויסוואַקסן אַ גוטער ייד, אַ גוטער הומאַנער מענטש, וואָס זאָל זיין אַ ביישפּיל פאַר די אַנדערש־גלויביקע מיטבירגער פון זיין געבוירן־לאַנד, און זאָל אויך נישט פאַרפרעמדט ווערן פאַרן צעשפּרייטן יידישן פאָלק וואָס צווישן דעם פעלקער־קאָנצערט פון דער דיאַספּאָראַ.

שפע און פאַרצווייפלונג

מיליאַרדן זעק פול אָנגעפּאַקט מיט פינקלענדיקע, שניי־ווייסער ווײַטע; טויזנטער, הונדערטער טויזנטער זעק מיט ווייסער און געלער קוקורוזע; טאָנען באַטאַטאַס (זיסע קאַרטאָפל), מאַני (ערד־ניסלעך); אַ שלל אַנדערע זריעות און פרוכטן אַלערליי, ספּעציפישע פון יענער ערד און קלימאַט, זענען אָנגעהויפנט געוואָרן אין די בלעכענע גאַלפּאָנען, וואָס יעדער פויער האָט זיך אויפגעשטעלט פאַר זיינע תבואות, בכדי צו באַשיצן די גערעטענישן קעגן רעגן, האָגל און קעגן אַלע אַנדערע צעשטערנדיקע נאַטור־דערשיינונגען.

די אינטערנאַציאָנאַלע סוחרים־שפּעקולאַנטן און סתם שווינדלער־פּראָצענטניקעס, וועלכע האָבן לכתחילה אַזוי „גרויסמוטיק און פריינדלעך" אויסגעבאָרגט פון כל־טוב די נויטבאַדערפטיקע פויערים, האָבן ווי געניטע אָפּאָרטוניסטן, גענומען באַווייזן זייערע אמתדיקע סאַטאַנישע פּרצופים אין דער עת־צרה פאַר די פויערים. די וווּכערער האָבן צוזאַמענגענומען די דאָקומענטן פון די אַגראַר־משכנות וואָס די פאַרמער בעלי־חובות האָבן געחתמעט און געדולדיק געוואַרט אויף דער גליקלעכער מינוט צו באַקומען דעם גערעכטלעכן פּסק־דין צו לייגן אַן אַרעסט אויפן גערעטעניש פון זייערע בעלי־חובות, פאַרן געלט וואָס עס קומט זיי.

עגיפּטן, אינדיע און אַ סך ענגלישע, פראַנצויזישע, האָלענדישע, בעלגישע און פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס און דאָמיניעס וואָס פּראָדוצירן ווײַטע און אַלע אַנדערע פּראָדוקטן וואָס די פרוכטיקע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער שאַפן, האָבן אויך געהאַט אויסטערלישע סופּער־גערעטענישן. וואָלט דאָך געדאַרפט זיין אַ פרייד — אַ זעט אויף דער גאָרער וועלט.

אַ געוואַלדיקער פּאַניק האָט ווי אַ פּלוצימדיקער טראָמבאַ־ווינט אַרומגעכאַפּט די שפּעקולאַטיווע תבואה־בירזשעס אויף דער וועלט.

אַ שוידערלעכער אומגליק איז געשען פאַר די גרויסע תבואה־

סוחרים — אַ געפּערלעכע גערעטעניש פון אַלע מינים זריעות אויף דער גאָרער וועלט.

אַ דרינגענדיקע ידיעה איז בליץ־שנעל צעפּויקט געוואָרן צו אַלע תבואה־בירזשעס פון אַלע פינף קאָנטינענטן, קיין מזרח, אין מערב, צפון און דרום, אַז די תבואה־שפּייכלערס פון דער גאָרער וועלט זענען איבער־פולטן נאָך פון יאָרן צוריק מיט כל־טוב. עס איז נישט פאַראַן מער קיין פּלאַץ אַריינצונעמען די געוואַלדיקע מענגע נייע גערעטענישן. דערפאַר וואָלט ראַטזאַם געווען, אַז די פּויערים זאָלן דערוויל, נישט מער ווי „דערוויל”, אויפהאַלטן ביי זיך אין זייערע שייערן די לעצטע גערעטע־ניש, ביז צו אַ בעסערער געלעגנהייט...

אוקאַז, איז אוקאַז!

די בענק האָבן תיכּף אָפּגעשטעלט די קרעדיטן פאַר די פאַרבאָרגטע פּויערים; די שטענדיקע קויף־מדינות האָבן אויפגעהערט צו קויפן אויסער זייערע קאָלאָניעס און דאָמיניעס; די אינטערנאַציאָנאַלע תבואה־און פּרוכטן־פירמעס האָבן אויך אויף „דערוויל” זיך אָפּגעהאַלטן צו קויפן די אַגראַר־פּראָדוקטן, כל־זמן זייערע שפּייכלערס זענען נאָך „פול” מיט די עודפים פון יאָרן צוריק, ביז אַ נייער, גינסטיקער דאַטע.

אין אינדיע, כינע, אין שוואַרצן אַפריקע, פלעגן צו יענער צייט אויס־שטאַרבן יערלעך מיליאָנען מענטשן פון הונגער און עקסטרעמער נויט, בשעת די וועלט־שפּייכלערס זענען געווען פול מיט אַלערליי מינים זריעות, פלייש און פּרוכטן. דערפאַר זענען די אַגראַר־פּראָדוקטן וואָס זענען נאָך געווען ביי די פּויערים אין די שייערן, כּסדר געפאַלן ביז צו אַ מינימום. אַנשטאָט שטיינקוילן, פּעטראָל, אָדער האָלץ, האָט מען געברענט ווייץ, קוקורוזע, האָבער און אַנדערע זריעות, אין די לאָקאָמאָטיוון און אין די מילן און פאַבריקן. מיליאָנען זעק מיט די אַראָמאַטישסטע קאַווע, קאַקאַאָ און אַנדערע פּרוכטן, זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די טיפענישן פון די ימען, אָדער זענען פאַרברענט געוואָרן אין די גהינומדיקע טיגלען פון די שמעלץ־אויוונס, פון די מעטאַל־גיסערייען.

טויזנטער טאָנען ווייַנטרויבן זענען פאַרברענט געוואָרן און אַ סך מיליאָנען ליטער וויין זענען אויסגעגאָסן געוואָרן אין די קאַנאַוועס אַריין. אָט די אַלע „הומאַניטאַרע” זאַכן זענען געטון געוואָרן בכדי די פּרייזן זאָלן שטייגן באַרג אַרויף, ביז ווען די רעשט נישט צעשטערטע תבואות וועלן שוין זיין ביי די אינטערנאַציאָנאַלע טרוסטן אין די דעפּאָס.

דאָס אַלץ איז געשען, מחמת די ערד, אַ פאַרליבטע צו אַלץ פון איר באַשאַף, האָט געעפנט איר פּרוכטיקע טראַכט און געגעבן דער מענטש־

הייט אַ סך, גאָר אַ סך. און דערפאַר האָט דער באַשיידענער פעלד־האָראָפּאַשניק נישט געהאַט קיין עסן צו דער זעט. ער האָט צוליב דער גרויסער שפע נישט פאַרמאָגט קיין פרוטה ביי דער נשמה צו קויפן זיך אַ לייטיש מלבוש. דער פויער האָט געהונגערט. די וווּכערער האָבן ביי אים כמעט אַלץ סעקוועסטרירט. נאָר זיי האָבן אים דאָך די נשמה אי־בערגעלאָזט, בכדי ער זאָל ווידער זיך נעמען צום אַקעראייזן, בראָנע און קאָסע, פּונקט אַזוי ווי די בין און זייד־וואָרעם, וואָס אַרבעטן רק פאַר יענעם...

נאָר די תמימותדיקע פויערים האָבן בעל־כּרחם זיך געטרייסט: „די פּראַצענטניקעס האָבן ביי אונדז צוגענומען די פריע גערעטענישן, נאָר די „שפּעטע גערעטענישן וועלן אַוודאי בלייבן ביי אונדז. נו, אויב אַזוי זאָל נאָר געשען, וועלן מיר ווידער זיין אויפן פערדל, וואָס וועט אונדז פירן צום ענדגילטיקן טריאומף".

ווי זאָגט אָבער דאָס שפּריכוואָרט: „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט". יענץ יאָר איז געווען נישט נאָר אַ גערעטעניש, פאַר אַלע מינים שפּייזן פאַרן מענטש און בהמה, נאָר אויך אַ שפע אויף אַלערליי מינים פּלאָגן, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויפן פויער און האָבן אָנגעמאַכט אַ חורבן און פאַרוויסטונג אין די פעלדער און גערטנער.

דער פאַרטאָג איז געווען מילד און זאַנפטיק ווי דער פרילינג־טוי. וואַלד און פעלד זענען געווען באַצירט מיט די צאַרטסטע גירלאַנדן און גאָלדענע סנאָפּעס פון די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. דער פרימאָרגן איז געווען באַגילדט מיט די פּורפּורענע כוואַליעס פון דעם זריחה־ליכט. די מוזיק־פייגעלעך האָבן זיך צעזונגען און צעשווירטשעט אויף אַלערליי לשונות מיט מער התפּעלות ווי תמיד. זיי האָבן מיט איי־פער געזוכט צו פאַרשטעלן מיט בלעטער און גראָזן דעם אַריינגאַנג אין זייערע נעסטן. די מוראַשקעס, שוואַרצע און רויטע, האָבן אין געאייל געטראָגן בלעטער, שטרויען און בלאָטע, ווי אויך שפּייזן אַלערליי אין זייערע אונטערערדישע לאַבירינטן אַריין. די וועספּעס, בינען, פליגן און אַלע אַנדערע אינזעקטן האָבן געזשומעט און געביסן. שלאַנגען, גיפטיקע און אויך נישט־גיפטיקע האָבן געזוכט אַ מקום־מקלט, ווי פאַר עפּעס אַ געפערלעכער געשעעניש; די שלאַנגען זענען אַרויפגעקראָכן אויף די הע־כערע ביימער און זיך אַרומגעוויקלט אַרום די צווייגן און שטאַמען; איבער די פויערים־שטיבלעך זענען גאָר נידעריק אומגעפלויגן פייגל פון אַלערליי גרייס, מין און קאָליר; פיש־פרעסערישע און שלאַנגען־פרעסע־רישע, ווער ווייסט פון וואַנען זיי זענען געקומען.

— איר ווייסט חברה, מיר וועלן האָבן, דאַכט זיך מיר, אַ פּאַרפּליי־צונג נאָך היינטיקע נאַכט — האָט בעריש, אַ פאַרזאָרגטער, געזאָגט ווי צו זיך אַליין.

— פון וואַנען נעמסטו די השערה, דו נביא? — האָט יצחק אים סאַרקאַסטיש געפרעגט. — נאָדיר אַ נייעם מאַרטין כיל (אַרגענטינער מעטערעאָלאָג).

— ווי הייסט פון וואַנען איך ווייס? פילסט נישט ווי די פליגן בייסן היינט מער ווי תמיד? זעסט נישט דעם געאייל פון די מוראַזשקעס, וועספּעס, בינען און גרילן געגרילעריי? זעסט נישט די מחנות בושעלן, גאַרזאַס, פלאַמענקאָס, סערפּענטאַריאַס, מאַריבעלאַס, אורובוס, פּעליקאַנען און אַ סך אַנדערע שלאַנגען־פרעסערישע פייגל, וואָס זענען געקומען פון מרחקים? זיי, די גיפטיקע, ווי די נישט־גיפטיקע משחיתים אַנטלויפן פון די שטורמישע אויסגוסן און צעשפּרייטן זיך איבער די העכערע פעלדער, ביימער און הייזער. אָבער די שלאַנגען־פרעסערישע פייגל ווייסן פון דעם. די פייגל נוצן אוים די געלעגנהייט און שלינגען זיי איין מאַסנווייז. דערפאַר איז נייטיק צו פאַרזאָרגן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך קעגן אַן עווענ־טועלער פאַרטרינקעניש, ווי אויך האַלטן פאַרהעמערט טיר, טויער און פענצטער קעגן די גיפטיקע שרצים, וואָס קענען אין איין אויגנבליק אונדז אַלע אויסהאַרגענען אין די בעטן און אין די וויגן.

דער בין־השמשות איז געווען אַ דופּטיקער, אַ זויבערער, אַן אָנגע־פילטער מיט מילאַסן דזשונגל־אַראָמאַטן. דער הימל אין וואַלדיקן דריי־עק, דאָרט ווו די זון איז אונטערגעגאַנגען, ווי אַן אַמאַראַנט־געפאַרבטער באַלאָן, איז געווען מיט די קאָמפּליצירטע געמעלן און פאַנטאַסטישע גע־שטאַלטן. דער דעמער איז געווען אַ מחיהדיקער. די נאַכט איז געווען אַ לויטערע. עס האָט געווייעט אַן אַראָמאַטיש ווינטעלע. די פולע לבנה אַ פּולירטע, איז געווען באַצירט מיט אַן אָרעאָל פון די זיבן רעגנבויגן־קאָלירן און האָט געשיינט זילבער־ווייס, מיט דער געשטאַלט פון אַ היי־ליקער יידישער באָבעשי... אירע מיניענדיקע קוועקזילבערדיקע שטראַלן האָבן אָנגערעגט אפילו די אָנעמישע נשמות מיט אַ פּאָעטישער נאָסטאַל־גיע צו לעבן, צו ליבן און געליבט צו ווערן.

דער סאַמעט־בלויער געוועב פון דעם הימל־צעלט איז געווען אָנגע־פילט מיט קוועקזילבערנע, פינקלענדיקע שטערנדלעך, וואָס זענען געמי־ניעט און שעלמיש זיך איבערגעווונקען איינער צום צווייטן.

פון די טיפענישן פון דעם פּחדימדיקן דזשונגל איז געקומען דער עכאָ פון עפּעס אַ שאַלנדיקן ווילדן געברום. ווי אַ ביימער־און צווייגן־

געבראַך, עפּעס אַזאַ מין אויסטערלישער, וואָס אַפילו דער געלערנטער בעריש האָט אויך נישט תּופס געווען זיין באַדייט, און דערפאַר נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער עקזאָטישקייט.

די יידישע פּויערים האָבן געהאַט זייערע פעלדער אויף אַ האָריזאָנ-טאַלן פלאַטשיקן פּליין, נאָר אַביסל העכערן פלאַכלאַנד. קיין שום אָפּלויף-קאַנאַלן זענען נאָך נישט געווען אין יענעם היים-וואַלדיקן געביט.

ניין דעם זייגער אין אָוונט, איז נחומס הונט אריינגעלאָפן מיטן עק צווישן די פיס, די אויערן אראָפּגעלאָזט. ער האָט אויף זיין הינטישן שטייגער, שטיל געגומען וויען, ווי ער וואָלט געוויינט.

דאָס גאַנצע הויזגעזינט האָט איבעראַשטע זיך אויפגעכאַפּט פון די טישן, ווען אַן אויסטערלישער געבורום מיט אַן הוראַגאַנישן געפּילדער און דונער-קראַכן, האָט זיך צעכליאַפּעט אַ מבולדיקער רעגן-גאָס. די בלענדנדיקע בליצן ווי פייערדיקע שלאַנגען-צונגען, שוועבנדיק זיג-זאַגיש, האָבן געבליאַסקעט אין אַלע זייטן. די פאַרטויבנדיקע דונער-קראַכן און דאָס שאַלנדיקע געפּילדער פון די שטראָמענדיקע כוואַליעס האָבן גע-מאַכט אַ פּאַנישן איינדרוק אין דער וואַלדיקער איינזאַמקייט.

דער גאַנצער שטח פון די יידישע פּויערים-פעלדער, לאַנקעס און גערטנער, זענען כהרף-עין פאַרפלייצט געוואָרן מיטן פלוצים אַנגעלאָפּע-נעם וואַסער, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס גאַנצע גערעטעניש. די פונדיקשע ראַנטשאָס פון רויער בלאָטע, זענען צעריבענע, אַוועקגעטראָגן געוואָרן מיטן ריזיקן שטראָם, געיאָגטע פון דעם טייוולאָנישן שטו-רעם-ווינט.

אַ גליק נאָר וואָס עס זענען נישט געווען קיין מענטשלעכע קרבנות — האָבן זיך געטרייסט די פאַראומגליקטע יידישע פּויערים...

משה רבינו און עוג מלך הבשן

אין פּייערליקן צפון פונעם גרענעצלאָזן טשאַקאָ-וואַלד, אין דער דזשונגל-געדיכטעניש ווו עס איז אַ „מחיהדיקע קילקייט” פון אַזעלכע 40 גראַד היץ, וווינען אויך מענטשן — די אַנטרונענע רעשטלעך פון די אַמאָל מיליאָנען אינדיאַנער און זייערע פאַרבינדעטע — די אַלערליי מינים חיות-רעות, שרצים און רמשים, שפּינען, פליגן און פליגעלעך — פון די סאַמע מיקראָסקאָפּישע ביז די גאָר-גרויסע, וועלכע פאַרשפּרייטן די געפערלעכסטע חולאתן צווישן זיי. שוין נישט ווייט פון די באָרעאַלע סעלוואַ-געדיכטענישן, ווו דער כּף-הקלע זאָנדאַ-ווינט „צערטלט” מיט אַ סאַטאַנישער אַכזריות, ברענט און בראָט ווי אַ שמעלץ-אויוון, שטורעמט מיט דונער-קראַכן די שוימיקע כוואַליעס פונעם ברויזנדיקן און תמיד בייזן בערמעכאָ-טייך, וואָס ווערט געבוירן אין די הייכן פון די באָליוויאַנער בערג. נאָך זיין דורכלויפן אַ מהלך פון איבער טויזנט צוויי הונדערט עטלעכע און אַכציק קילאָמעטער, לויפט ער ערשט פאַרביי 180 קילאָמעטער פון דער צעפלאַמטער אָזיערע, לאַגונאַ לימפּיאַ.

דאָרט איז זיך געשטאַנען צעכראַסקעט אין איינזאַמער התבודדות אַ פעלד-שטיבל פון אַ ישיבהניק, אַ נזיר, אָדער פּרוש. דאָס שטיבל האָט געהאַט פענצטער אָן שויבן, מיט אַ בליק פון אויגן-לעכער פון אַ טויטן שאַרבן. טיר-און טויער-חללם — אָן טירן, און אַן אַנאַקאָקרעטאַ איינזאַמקייט באַהאַלטן.

דאָס שטיבל פון האַלב-געברענטע ציגל מיט בלאָטע צוזאַמענגעקלעפּטע, איז געבויט אין דעם סטיל פון די הילצערנע זומער-וווינונגען. שטייט זיך דאָס נזיר-שטיבל באַהאַלטן צווישן אַ קאָמפּאַקטע מאַסע דזשונגל-גראָז און קוסטן אַלערליי פּין פינץ און זעקס מעטער הויכע, וואָס האָבן אינוואַדירט די ווילדע מאַראַנצן-ביימער, מילגרוימען, מאַנדאַרינקעס און אַגואַקאַטן און אַנדערע ביימער און בלומענפלאַנצן.

פון בלויז עטלעכע מעטער ווייט, זעט מען כמעט נישט אָן דאָס שטיבל און אויך נישט די געפלאַנצטע פרוכטביימער. דאָס דזשונגל-גראָז

און קשאקעס האט אלץ פארדעקט, פארכאפט און פארשטעלט. אפילו דעם דופט פון די געפלאנצטע ביימער און אראמאטישע בלומען פילט מען אויך נישט, מחמת דער העטעראגענישער פערפום פון די ווילדע גראזן, ביימער און בלומענקוויטן, האט מיט זיין אימפעטפולן כוח אלץ באוועלטיקט, אלץ באזיגט.

דער הויף, די וועראנדע און צימערן זענען ממש איבערפולט מיט פליגן פון אלערליי קאליבער; בייזע קאמארעס און אנדערע אינזעקטן, פליגלדיקע און קריכנדיקע, פאראומערן דאס בידנע לעבן פון מענטש, „ציוויליזירטע" בהמה און שטוב־חיה צווישן דעם ווילדן באטאניק־קאנגלאמעראט, פון גאט אליין געפלאנצט אין די ששת ימי בראשית.

ביינאכט איז די מאטערניש געווען א גאר שוידערלעכע. די בייזע מאסקיטן און אנדערע בלוט־זויגנדיקע אינזעקטן האבן נישט געלאזט קיין אויג צומאכן; אין א פארצוימטן שטיקל פלאץ, אונטער עטלעכע ברייט־צעצווייגטע דעמבעס, באקסערס, צעדערן און קעבראטשאס, זענען געשטאנען א טוץ מילך־קי און עטלעכע מילך־ציגן, וואס האבן געהאלטן אין איין מעלה־גרהן; א פארליבטער, בענקענדיקער ביק פלעגט זיך צערי־טשען אין זיין איזאלאציע פון דער נאכט־פינצטערניש, פאר זיין פארשטערטער ליבע; עטלעכע זויג־קעלבלעך און צאפלדיקע ציגעלעך, אויך אפגעזונדערטע פון זייערע מאמעס, האבן וויינענדיקע געבעטשעט אין די הייסע און פינצטערע נעכט. זיי האבן געבענקט צו זייערע מאמעס אייטערס — א רחמנות. צוויי סוסים, אפגעזונדערטע פון די הערנערדיקע בהמות, האבן געקנאקט מיט זייערע ציין די הארטע קוקורוזע־טשאקלאס (פשעניצע) און האבן זיך געשמיסן מיט זייערע לאנגע ווײדלען צו פארטרייבן די זשעדנע מאסקיטן. און די פאר סימפאטישע כלבים צעהאווקען זיך אלע ווײלע — א גרויל. דערפאר אבער צעזינגען זיך די עטלעכע טוץ הענער, פונקט האלבע נאכט. זיי רופן דעם ישיבהניק און זיין גאסט צו אפריכטן חצות: עד מתי עצל תשכב? מתי תקום ממשנתך? זי, די הענער קרייען, בכדי דער נזיר, דער פרוש זאל חלילה וחס נישט פארגעסן, נישט פארשלאפן צו וויינען און צו קלאגן אויפן חורבן פון דער יידישער קאלאניזאציע אין דער פרעמד.

דער בערמעכא־טייך לויפט זיך מיט זיין וואסער־געזאנג אין זיין טיפן בעט, וואס האט איןביידע זייטן מילאסן ביימער צווישן א מענכע צוזאמענגעפלאכטענע הויכע גראזן. ער, דער בערמעכא־טייך, קאכט און זידט מיט א שוימיקער פוריע. מיט א ווילדער רציחה רייסט ער שטיקער פון אלץ וואס ער, דער אומגעצוימטער דיקטאטאר — בערמעכא —

טרעפט נאָר אָן אין זײַן טיפן וועג. דער בערמעכאָ סודעט זיך נישט מיט קיינעם. ער מורמלט נישט קיין אַדאַס און קיין פאַנעגעגידישע אידיליע־געזאַנגען צו פאַרליבטע מענטשן־פאָרלעך. נאָר ער ברומט ווי אַן אַרויסרופערישער לייב און ריטשעט מיט אַ טיטאַנישן געשאַל, ווי ער וואָלט געוואָלט אײַננעמען און באַצווינגען די גאַנצע „פרידלעכע" וועלט... דערפאַר שיט ער אָן מיליאָנען טאָנען זאַמד און שטיינער אין הערלעכן פאַראַגוויי־טײַך, אַרײַן, וווּהין ער פאַלט אַרײַן.

אין קאָנטראַסט צום פוריעזן בערמעכאָ־טײַך, איז די לאַגונאַ לימפּיאַ (ריינע אָזיערע), אַזוי ריין און דורכזיכטיק קלאָר, ווי אַ דורכזיכטיקער קרישטאַלענער בעקן. די לאַגונאַ לימפּיאַ איז צויבערנדיק און צאַרט ווי די גאַזעלן און אַנטילאָפּן וואָס קומען צו איר צוויי מאָל אין מעת־לעת אָנצוטרינקען זיך מיט אירע זאַנפטיק, קוואַליקער וואַסער.

שטייען זיי, די שלאַנקע און עלאַסטישע הירשן ווי די שיר השירים־טעכטער און טרינקען דאָס באַטעמטע וואַסער, וואָס שפּיגלט אָפּ זייערע פרעכטיקע און הערלעכע געשטאַלטן, מיט דעם ציטערנדיקן און פאָרזיכטיקן אומרו אין זייערע וואונדערלעכע אויגן. זיי פאָרשן אין דער אינקאָגניטער ווייטקייט פון דעם באָטאַנישן געפלעכט: אפשר אַ יאַגואַר? אַ פּומאַ? אַן אָסעלאָטע, צי אַ סערוואַל? (אַזעלכע לעמפּערטאַרטיקע חיות), אפשר אַ זשאַקאַרע? (קראָקאָדיל) אָדער לאַמפּאַלאַגואַ צי באָאַ? (וועריג־שלאַנגען פון אַכט מעטער לאַנג).

דער דראָבניטשקער ישיבהניק, ישראל הייסט ער, פלינק ווי אַן אַכצן־יעריקער בחור'ל, איז געשטאַנען מיט אַ צו גרויסער און אפשר אויך אַ צו שווערער האַק אין זײַנע קינדערישע הענט און געהאַקט דעם זייער גראָבן שטאַם פון אַ באַיאָרעטן און זייער הויכן קעבראַטשאָ־בוים, וועלכן ער האָט געמוזט אָפּהאַקן, מחמת ער איז געשטאַנען אין דער סאַמע מיט פון וועג, וואָס אויף זײַן נחלה. נאָר דער קעבראַטשאָ־בוים איז ווייזט אויס געווען צו האַרט און צו גראָב פאַר די קלויזנדיקע כוחות פון דעם פיזיש צו שוואַכן פויער ישראל, אַז ער זאָל אין איין שמע־ישראל אים אָפּהאַקן.

נאָר דער קלויזניק האָט אָבער צו דער מניעה אויך געפונען אַן אָריגינעלן מאָדוס וויוועענדי: נאָך יעדע פופציק העק וואָס ער האָט געטון דעם גוואַלדיק ווידערשטאַנדיקן בוים, אַז פייער־פונקען האָבן געשפּריצט פון יעדן האָק, האָט ער אויף אַ ווייל אַוועקגעלייגט די האַק, זי זאָל זיך אָפּרוען.

ישראל האָט אַרויסגענומען פון זײַן ברייטער הויזן־קעשענע אַ ברוי-

נעם העפט. ער איז צוגעגאַנגען צום איבערגעקערטן הונדערט־יעריקן אַלגאַראַבאַ (באָקסער־בוים), וואָס איז געלעגן אַן אויסגעריסענער פון אַ בליץ, נישט ווייט פון דעם רויטן קעבראַטשאָ־בוים, זיך אַנידערגעזעצט און געשריבן אַ הומאָרעסקע וועגן עוג מלך הבשן, אין דער געשטאַלט פון דעם גראָבן און הויכן קעבראַטשאָ־בוים, וואָס איז דורך משה רבינו באַזיגט געוואָרן.

משה רבינו האָט געכאַפּט אַ האַק, וואָס זיין הענטל האָט געהאַט צען איילן לאַנג; משה איז געווען צען איילן הויך. ער, משה, האָט געקענט שפּרינגען איבער צען איילן הויך. און אַזוי שפּרינגענדיק, האָט משה רבינו אונטערגעהאַקט די קנעכלען פון עוג מלך הבשנס פיס, וואָס זענען געווען גראָב ווי די קעבראַטשנע זיילן־קלעצער. דער געצנדינער עוג מלך הבשן איז געווען אַזוי גראָב, אַזוי שטאַרק און הויך, אַז בלויז צו זיינע קנעכלען האָט געמאָסטן גאַנצע דרייסיק איילן... ער, עוג מלך הבשן, האָט געטראָגן אַ גרויסן באַרג אויפן קאָפּ, וועלכן ער האָט געוואָלט אַרויפוואַרפן אויף די בני ישראל און זיי אַלע פאַרטיליקן מיט איינמאָל, דאָרט אין דער מדבר־וויסטעניש. נאָר דער אַטלעטישער משה האָט אַזוי פיל מאָל געשפּרונגען, אַזוי פיל מאָל געקלאַפּט דעם געצנדינער אין זיינע קנעכלען, ביז ער איז אומגעפאַלן ווי דער גראָבער און האַרטער באָקסער־בוים, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אַ בליץ.

ישראל האָט איבערגעחזרט די פּראָצעדור אַ סך מאָל, ביז ער האָט מיט דער חסידישער התפעלות פון אַ פּרוש קשי עורף, טריאומפירנדיק ווי אַ גבור, אָפּגעהאַקט דעם ריזיקן בוים. אין די הפסקות פאַרענדיקט די הומאָרעסקע, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן: „משה רבינו און עוג מלך הבשן".

בשעת דעם צעטרייבערן דעם נאָר וואָס אָפּגעהאַקטן בוים, האָט ישראל שוין געטראַכט וועגן אַ נייער דערציילונג, אַ גרעסערע, וואָס האָט אין זיין ראַפינירטן מוח זיך שוין געשאַפן און אַפילו אויסגעפורעמט מיטן אונטערטיטל: „פלאַגן אַלערליי אין דעם פון גאָט געבענטשטן דזשונגל". און ישראל טראַכט: איז עס נישט אַ צו לאַנגער נאָמען פאַר אַ פּשוטע דערציילונג? אַ, יאָ, די זעלביקער פיינע און פּרוכטיקע סעל־וואַטיקע ערד איז דאָך אויך געבענטשט געוואָרן פון דעם זעלביקן בורא־עולם מיטן „פּרו ורבו!" מיט ווערעמדיקע, אינזעקטישע, שרצימדיקע, רמשימדיקע און אַנדערע פלאַגענדיקע רעזולטאַטן פון פּריה ורביה אויף דער ערד, אונטער דער ערד און אויך פליענדיקע איבער דער ערד.

ישראל האָט זיך דערמאָנט וועגן נאָך אַ מכה: אַפילו אַ פייגל־פלאָג

פֿאַרמאָגט דאָס געבענטשטע דזשונגל־לאַנד. און הגם אַלע ווייסן, אַז פֿייגל זענען אַ ברכה פֿאַר די פֿעלדער און גערטנער. נאָר וועלכע זענען עס אַ ברכה און וועלכע זענען אַ קללה? די פֿייגל וואָס שלינגען איין אַלע מינים אינזעקטן, שפּינען, שלאַנגען, עקדישן אָדער סקאָרפּיאָנען און אַלע אַנדערע שעדלעכע באַשעפֿענישן וואָס ווימלען כחול אַשר על שפֿת הים. אָבער יענע פֿייגל וואָס לעבן רק פֿון וועגעטאַלן, זענען אַ קללה פֿון דער תּוכחה פֿאַרן פּויער וואָס האָרעוועט שווער און ביטער בכדי צו שפּייזן די וועלט. און ווען ער נעמט שניידן די תּבֿואות, זענען די זאַנגען ליידיקע, די פּרוכט־ביימער אָן פּרוכטן, ווייל די אַזוי סימפּאַטישע פֿייגעלעך האָבן אויפֿגעגעסן די קערנער.

און איצטער קומט די אמתדיקע מכּה — טראַכט ישׂראל. ער רעכנט אויס אַ רשימה מלאכי־חבלה וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויפֿן ייִדישן פּויערס קאַרק אין דער אַראָמאַטישער, וואַלדיקער ווילדעניש. ישׂראל איז אַ בקי נישט נאָר אין די דראָבניטשקע אותיות פֿון די הייליקע ייִדישע ספֿרים, נאָר ער איז אויך אַן אויסדויערער קשה־עורף פֿעלד־מענטש נאָר אַ מומחה נאַטור־פֿאָרשער. ער איז באַהאַוונט אין זאָאָלאָגיע און אין באָטאַנישער וויסנשאַפֿט. ער קען אויסרעכענען אויפֿן זכּרון קלאַס נאָך קלאַס ווערעם, אינזעקטן, פֿייגל. שרצים, פֿיש רמשׂים און חיות, וואָס פֿלאָדיען זיך אין וואַלד, באַרג און אין סטעפּ פֿון דעם פּרוכטבאַרן סעלוואַ־געביט.

ישׂראל איז געזעסן אויפֿן טראָן פֿון דער הויכער אייזערנער בראָנע, געשלעפּט פֿון צוויי פּאָר איבערגעוואַקסענע פֿערד און ער האָט געטראַכט האַמלעטס טראַכטעניש וועגן די אַלערליי משחיתים וואָס פֿאַראומערן דאָס בידנע לעבן פֿון דעם פּויער און רואינירן זיין אָרעם ביסלווירטשאַפֿט. גאַנצע לעגיאָנען מוראַזשקעס מיט שאַרפֿע קינבאַקן־ביינער ווי שטאָלענע צוואַנגען, וועלכע שניידן אָפּ די וועגעטאַלן; די ווייסע מוראַזשקעס, אָדער קאָמעכען (טערמיטן), וועלכע פֿאַלן איבער די צעגרינטע און צעבליטע תּבֿואות, ביימער און פֿלאַנצן. זיי, די מוראַזשקעס, קלאַס נאָך קלאַס, פֿרעסן אַלץ אַרום וואָס וואַקסט און בליט אויפֿן פֿעלד און אין גאָרטן. זיי, איבערהויפּט די טערמיטן, הוילן אויס די פּרוכטיקע ערדשיכטן און מאַכן זיך אויפֿן אויבערפֿלאַך פֿון זייערע נעסטן, פּיראַמידן־טורעמס, מיטן אָנבליק פֿון די רוסישע ציטאַדעל — אין מיניאַטור פֿאָרמאַט — פֿון די פֿינצטערע צאַרישע צייטן.

ישׂראל איז אַן אַדורכגעדרונגענער צער בעלי־חיימניק. ער שלאָגט קיינמאָל נישט זיינע פֿערד. זיי זענען דאָך קלוגער פֿון בלעמס אייזעלע,

קלוגער פון בוצעפאַל (אַלעקסאַנדער מוקדוינס פערד), אַפילו פון בונצי־פאַל (דעם צעזאַר טיזשעלינס פערד) און אַפילו אויך פון ראָסינאַנטע (דאָן קיכאָטס פערד)... זיי ווייסן שוין אַליין זייערע פליכטן און אויפ־גאַבן. זיי גייען סטאַיש און שלעפּן די שווערע בראָנע און אַקער־אייזן ווי די אמתדיקע קאָמוניסטישע שלאָגלער־פערד. זיי, די פערד, פאַרקי־רעווען זיך אַליין ווו מען דאַרף. ווי זיי וואָלטן געבוירן און געכאָוועט געוואָרן אין אַ באָלשעוויסטישע טייגע.

צוליב זיינע פערדס טוגענטן, קען ישראל טראַכטן און אַפילו טרוי־מען זיינע אייביק נאָסטאַלגישע טראַכטענישן. ער פאַרצייכנט זיך אַלץ וואָס איז נאָר וויכטיק פאַר זיין געדאַנקענגאַנג: די „גאַראַפּאַטאַ“, אַזאַ מין פּאַראַזיט פון דער מענדעוועשקע־משפחה, גרויס ווי אַ גרויסע קוקו־רוזע־קער, טונקל־גרוי, איז אין די הונגער־יאָרן איבערגעפאַלן די בהמות מער ווי קיינמאָל נישט און האָבן ממש אויסגעזויגן דאָס ביסל בלוט פון זייערע אָדערן. אויף אַזוי פיל, אַז די אָקסן, קי, שעפּסן און ציגן זענען געוואָרן אויסגעצערט ווי זיי וואָלטן געווען שווינדזיכטיקע.

ישראל, וואָס איז אַ שטיקל ערודיט אין העקסאַפּאָדוס־וויסנשאַפט, פלעגט רעדן צו זיין קלוגע צויג: „אַזוי, אַזוי, איליאַניטשקעלע, הינטעכע מיינע, פליגן גרויסע ווי די שוואַרצע בערן, געפּערלעכע, גרין־בלויע טאַבוטען, בייזע ווי די בלוט־דורשטיקע אַנטיסעמיטישע, נאַציסטישע וואַנדאַלן, ימח שמם! זיי האָבן רויטע אויגן ווי בלוט, און וועלכע לעבן טאַקע רק פון בלוט וואָס זיי זויגן אויס פון די בהמות און חיות פון וואַלד, פעלד און שטאַל. די קאַנטאַרידאַ, אַלטיסאַ־פליגן און געוואַלדיק גיפטיקע קאָמאַרעס, וואָס זייען טויט און פאַרניכטונג, האָבן זיך אָנגעזעצט אויפן פּויערם האָב־און־גוטס און צעשטערן אַלץ וואָס זיי געפינען נאָר אין זייער פליענדיקן, צי קריכנדיקן מאַרשרוט. ישראל דער מתמיד, וואָס וואָלט אפשר געוואָרן אַ רב אין זיין אַלטער היים, איז אין זיינע ערשטע טעג אין אַרגענטינע געווען אַ לערער, אַ דערציער פון יידישע פּויערים־קינדערלעך. דערנאָך איז ער געוואָרן אַן ערד־אַרבעטער, אַ פאַרמער. אַביסל שפּעטער, ווען עס איז נישט געווען קיין עסן צו דער זעט, און אַ מלבוש צו פאַרדעקן דאָס נאַקעטע לייב, איז ער צוריק געוואָרן לערער. און אַז די קינדערלעך פון די יידישע פּויערים זענען זיך צעלאָפן, אין די הונגער־יאָרן, איז ישראל ווידער געוואָרן אַ פּויער. נאָר אין זיין מהות איז ער געבליבן דער סבלן, דערציער. וואָס קען אַפילו מיטן ערגסטן פּרא־אדם אויך דורכקומען און רעדן מיט אים אין אַ געבלימלטער, פּאָע־טישער שפּראַך.

ישראל טרייבט אַוועק מיט אַ באַבלעטערט צווייגל די נודנע פליגן וואָס זשומען ווי בייזע רוחות אַרום זיין פאַרטראַכטן שטערן. די פליגן זשומען ווי בייזע מכשפות, האָט ער געזאָגט צו באַסיען, זיין ווייב. ישראל האָט זיך ווידער פאַרטראַכט, ווי זיין שטייגער, מיט דער לינקער האַנט־פלאַך ביים שטערן, וועגן די אַלערליי מינים אינזעקטן וואָס מאַטערן אויס דאָס ביסל מאָגערע פלייש פון די יידישע פּויערים און זייערע בהמות וועלכע זענען נאָך נישט אַקלימאַטיזירט געוואָרן צו די חבלי לידה אין דזשונגל.

— יאָ, יאָ, איליאַניטשקע מיינע — רעדט ווידער ישראל צו זיין טרייער הינטעכע — די נאַציסטישע פליגן און די בייזע אַנטיסעמיטישע קאָמאַרעס, האָבן עס דיך אַזוי גרויזאַם צעביסן. עס טוט דיר וויי? אַ יאָ, איליאַניטשקע מיינע? דאָס זענען עס די „קאַראַס", אַ קאָמאַר אַזאַ, געקומען פון די קאַריבן־אינדזלען, פון הייליקן זונטיק, אפשר פון קובאַ, אָדער האַיטי? וואָס זיין שטאָך איז שרעקלעך גיפטיק און טוט געוואַלדיק וויי. הערסט, איליאַנאַ? אַלע אינזעקטן, אַלאַקראַנען, שלאַנגען און סקאָרפּיאָנען וועלן אם ירצה השם איינגעמען אַ מיתה משונה צוזאַמען מיט אַלע שונא־ישראל, און מיר וועלן לעבן לדור־דורות, אַלע אייביקייטן, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע גוטע מענטשן פון אַנדערע אומות, ווייל מיר ברענגען גוטע נוצן פאַר דער געפייניקטער מענטשהייט.

ישראל מאַכט אַ חשבון וועגן דעם דורכפאַל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין דעם דזשונגל־געביט. ער פאַרצייכנט זיך דעם בליציקן געדאַנק, אַז צו די אַלע חבלי־לידה און פורעניותן פון די נאַטור־קאַטאַקליזמען און זייערע אָנשיקענישן, איז צוגעקומען צו די אַרבעטזאַמע יידישע פּויערים נאָך אַ פּלאָג: אין דעם גרענעץ־שטח פון די יידישע פעלדער האָבן זיך פּלוצים באַוועצט עטלעכע טוץ דייטשן, וועלכע זענען געווען זייער פיינע שכנים, כל־זמן אַדאָלף היטלער, ימח שמו וזיכרו, איז געווען נישט מער ווי אַן עסטרייכישער „פעלדפעבעל". אָבער ווי נאָר דער גיפטיקער עסקאָלאָפּענדראַ (ארבעים רגלים), איז פּלוצים געוואָרן דער טכויר־קאַנצלער פון דעם נאַציסטישן, וואַנדאַלן רייך, אַזוי גלייך האָט דער גיפטיקער ווירוס פון זיין הידראַ־נבלה זיך אַריבערגעטראָגן אַזש ביז דעם פּייער־פלאַמיקן אורוואַלד, און האָט אָנגעשטעקט די טעאוטאָנישע אויטאָמאַטן פונעם הייסן וואַלד און פעלד מיט דעם קסענאָפאָבישן און אַנטיסעמיטישן קאַניבאַליזם.

עקאָנאָמישע נויט און גייסטיקע גבורה

ווי עס איז באַוווּסט, איז טשאַקאָ דער ליפעראַנט אַ חוץ פון וואַטע און אַנדערע גערעטעניש, איז ער רייך מיטן באַרימטן רויטן און ווייסן קעבראַטשאַ-געהילץ, וואָס איז האַרטער פונעם דעמב, און ווערט כמעט קיינמאָל נישט פאַרפוילט. אַלע ווייסן אויך, אַז פונעם קעבראַטשאָ מאַכט מען אַ גאַר פיינעם אַנילין. קעבראַטשאָ נוצט אויך פאַר דער בעסערער גאַרבערייַ, ווי אויך פאַר וויין-און אַלקאָהאָל-פאַבריקאַציע. די גרענעצלאָזע טשאַקאָ-וועלדער פאַרמאָגן אויך אַ שלל סאָסנע-ביימער, צעדערן, נאָגאַל, באָקסער, קאַשטאַן-ביימער, כאַקאַראַנדאַ, לאַפּאַטשאַ, איסיעענסאַ, אַראַאוּקאַדיאַ, טיפּאַ, לאַרבער און אַ סך אַנדערע ביימער, אַ חוץ אַ שלל מעדיצין-ביימער און פלאַנצן, גראָזן, שוואָמען צו עסן, צו לעבן און צו טויטן, ווי אויך קרייטעכצער. נאָר היות דאָס בוך איז נישט קיין ווייסנשאַפטלעך ווערק חלילה וחס, וועל איך דאָ נישט אויסרעכענען אַלע מינים ביימער, פלאַנצן, שוואָמען און קרייטעכצער וואָס פלאָדיען זיך דאָרט אין דזשונגל-געדיכטעניש, גאָר אָן אַ שיר, גאָר אָן אַ צאָל.

דערפאַר אָבער, וועל איך דאָ נאָר פאַרצייכענען אַ מין אויסטערלישן בוים, און וואָס איז אפשר האַרטער פונעם באַרימטן קעבראַטשאָ. דער בוים הייסט איטין, דער איטין פאַרמאָגט נישט קיין בלעטער. דערפאַר אָבער איז ער באַוואָפנט מיט אַ פאַנצער פון דערנער-שפּיזן אַזוי געדיכט, אַז ער גיט מער שאָטן פונעם באַבלעטערטסטן אַנדער קלאַס בוים. איינציקע שפּיזן פון דעם איטין דערגרייכן ביז פינף און פערציק צענטימעטער לאַנג, מיט אַ גוואַלדיק שאַרפן שפּיץ, האַרט ווי אַ שטאָלענע נאָדל.

אַ שאָד נאָר וואָס די פּויערים האָבן אין די הונגער-יאָרן נישט געוווּסט וועגן די אַלערליי מינים ביימער פאַר אינדוסטריע און מילאָסן קלאַסן בלומען, פלאַנצן און קרייטעכצער וואָס נוצן פאַר מעדיצין, צו עסן און פאַר אַלערליי אַנדערע אינדוסטריען, וואָס געפינען זיך אין דעם נאָך נישט צו פיל אויסגעפאָרשטן צפון-מערב דזשונגל פונעם טשאַקאָ-אינקאָגניט, וואָס וואָלט זיי אפשר אַריינגעבערענגט אַ סך פרנסה.

אין יענער תקופה, ווען דחקות האָט געוועלטיקט אין יעדער קאָלאָ־ניסטישער יידישער שטוב, האָבן באַסיע און איר מאַן ישראל, און אויך אַנדערע יידישע פּויערים־אידעאַליסטן, ווייזט אויס פאַרגעסן, אַז זיי האָבן אויך אַ מאָגן מיט קישקעס, אַז זיי דאַרפן אויך עסן. זיי האָבן בלויז גע־פילט אין אַלע זייערע רמח אברים, אַז יעדער פון זיי פאַרמאָגט אַ יידישע נשמה, אַ יידישן מוח און אַ פּילבאַר און פלאַטערנדיק יידיש האַרץ... דערפאַר מוזן זיי עפּעס טון, בכדי די קאָלאָניסטישע יידישע קינדערלעך זאָלן חלילה נישט אָפּגעריסן ווערן פון דער יידישער אמונה, קולטור און שפּראַך.

— עבודה דאַרף און מוז געקנופּט און געבונדן זיין מיט תורה און מיט אוניווערסאַלער בילדונג — האָט ישראל געזאָגט צו באַסיען — אם אין תורה, אין קמח... דערפאַר טאַקע מוזן מיר באַלד זיך נעמען צו דער הייליקער עבודה...

גערעדט און געטון. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ שול און אַ ביבליאָ־טעק אויפן נאָמען פון לעאָן כאַזאַנאָוויטש, טאַקע אין שטוב פון פּויער ישראל, אין דער געגנט פון „פּאַמפּאַ קאַברעראַ״, ביי די פּופּציק קילאָ־מעטער פון דעם שטעטל פּיניערא. און דער ערשטער יידישער לערער דאָרט אין דער יידישער שול איז געווען דער הויך־געלערנטער און פילאָ־זאָפישער פּויער, אונדזער שוין באַקאַנטער בעריש.

עס האָט זיך גערעשט און געטומלט אין די אָוונטן אַרום דער שול מיטן יידישן ברען און התלהבות ווי אין אַ קליין־שטעטלדיקן בית־המדרש. עס האָט זיך געזשומעט ווי אַרום אַ בינשטאָק, בשעת די קעניגין גייט צו דער חופּה.

אַלע יידישע פּויערים פון די וויטסטע מרחקים אַרום, פלעגן זיך צוזאַמענקומען, ווען אַפילו מיט ליידיקע קעשענעס און הוילע מאָגנס, נאָר פולע מיט יידישן עקסטאַז, מיטן יידישן חסידישן אש־להבה און שלום־עליכמס בטחון, כאָטש עס איז נישט געווען צו באַצאָלן דעם לערער זיין שכר־למוד און ער מיט זיין פאַמיליע האָבן ממש געהונגערט.

געלט אויף צו קויפן שיכלעך און העמדעלעך פאַר די קינדער, האָבן די יידישע פּויערים טאַקע נישט געהאַט און אויך נישט געדאַרפט. ס׳שאַט נישט — עס איז דאָך טשאַקאָ, אַ טראָפּישער דזשונגל־קלימאַט. ווינטער־צייט נישט אַזוי קאַלט ווי ערגעץ אַנדערש־ווּ. עס וועט די קינדער חלילה גאָרנישט געשען, ווען זיי וועלן אַדורכווינטערן אָן שיך, צי אַפילו אָן סאַפּאַטיזשאַס (לאַפּטשעס). עס זאָגן דאָך די גרעסטע דאָקטוירים, פּראָ־

פּעסאָרן, קאַטעדראַטיקער אַזש, אַז די קינדער וואָס גייען אַרום באָרוועס, זענען אימוניזירט קעגן פּאָליאָמיעליטיס, ווי אויך קעגן דיפטעריע, שקאַר־לאַטינע, קאָקלוש־הוסט, שווינדזוכט, און אַלע אַנדערע אַנשיקענישן, אַנ־שטעקנדיקע חולאתן — האָבן זיך געטרייסט די אָרימערע טאַטע־מאַמעס, וועלכע האָבן געשיקט זייערע קינדער אין דער יידישער שול פון מיילן ווייט.

עס זאָגט זיך דאָרט ערגעץ אין אונדזערע הייליקע ספרים, דאַכט זיך אַז אין פּרק שישי: „פּת במלח תאכל, ומים במשרה תשתה, ועל הארץ תישון, וחיי צער תחיה, ותורה אתה עמל. אם אתה עושה כן, אשריך וטוב לך. אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא”.

— יאָ, יאָ, האָב חתונה, פלאַדיע אַן צען קינדערלעך, זיי אַ טשאַקאַ־רעראַ אין דזשונגל, פּגר פאַר הונגער, אשריך וטוב לך, וועסט האָבן דעם הייליקן גן־עדן! — האָט אונטערגעכאַפּט בעניע, דער קאָלאָניסטי־שער שדכן.

פאַר דירה־געלט האָבן די קאָלאָניסטן זיך אויך נישט צופיל געזאָרגט. ישראל איז דאָך אַן אייגענער מענטש, אַן אידעאַליסט און אַ הייסער ייִד אויך דערצו. ישראל מאָנט דאָך דערווייל נישט קיין פּרוטה אַפילו אויך נישט פאַר די צוויי צימערן וואָס עס פאַרנעמען די שול און ביבליאָטעק, ווי אויך נישט פאַרן צימער וואָס דער לערער מיט זיין פאַמיליע האָבן פאַרנומען, הגם ישראל וואָלט זיי אַליין באַדאַרפט, מחמת ער האָט צו יענער צייט שוין געהאַט אונטערגעוואַקסענע קינדער.

באַסיע איז אויך אַ גוטע און ווירדיקע יידישע פרוי. אפשר נאָך אַ צו גוטע. באַסיע איז ממש זיך מקריב פאַרן טובת הכלל, פאַר דער יידישער קולטור און שפּראַך. זי מאָנט נישט פאַרן דירה־געלט וואָס איר קומט. זי דאַרף עס אויף כפּרות. ווער דאַרף געלט? צו וואָס טויג דאָס געלט?... קיין געלט קען מען דאָך נישט מיטנעמען אין קבר אַריין. באַסיע איז גליקלעך. זי שוועבט אין די עולמות עליונים. זי דאַרף צומאָל גאָרנישט עסן: מרבה בשר, מרבה רמה — זאָגט באַסיע צו איר הונגעריקן מאַן. באַסיע האָט אַן אומבאַגרייפלעכע סאַטיספאַקציע מיט דער זכיה צו זען אַ יידישע שולע און אַ ביבליאָטעק מיט יידישע און לשון־הקודשדיקע ביכער און ספרים ביי איר אין שטוב.

„אם אין קמח, אין תורה”, האָבן געזאָגט אונדזערע חכמים. אַז דעם לערער הונגערט, קען ער נישט לערנען די קינדער, ווי אידעאַליסטיש און אָפּפערוויליק ער זאָל נישט זיין.

דערפאַר, נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן די נויט, האָט דער אַזוי

גוטינקער און באַליבטער בעריש. געוואָלט אַפּלאָזן דאָס קנעלעריי און זוכן צו פֿאַרדינען ביי עפּעס אַנדערש אויף צו דערהאַלטן דעם נפש.

ביי ישראלן אין שטוב איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. יידן רחמנים, בני רחמנים, ראַטעוועט! די שול און ביבלאָטעק שטייט אין סכנה אונטערצו־גיין חס וחלילה! — האָט באַסיע געליאַרעמט און ממש איינגעריסן דעם מיליענאָרן דזשונגל. דערצו נאָך זענען די מאָדערנע לערער גאָרנישט קיין אידעאַליסטן. נישטאָ נאָך אַ צווייטער „דאָן קיכאָט" ווי עס איז דער אָפּ־פערוויליקער בעריש. עס זענען שוין אַוועק יענע צייטן, ווען די יידישע לערער און מלמדים זענען זיך מקריב געווען, אַבי צו דערציען די יידישע משהלעך און שרהלעך על התורה ועל עבודה!.. מען טאָר נישט אַוועקלאָזן בערישן פון דער שול און ביבליאָטעק! — האָט באַסיע געליאַרעמט.

דאָס פאַרפאָלק באַסיע און ישראל, האָבן בסוד־סודות פאַרקויפט זייער בידנע ביסל צירונג וואָס זיי האָבן געירשנט פון זייערע אור־זיידעס. ווי אויך דאָס ביסל צירונג וואָס זיי האָבן געהאַט פון די אָפּשפּאָרונגען פון די בעסערע יאָרן. אַפילו די חתונה־רינגלעך האָבן זיי פאַרזעצט, אַבי צו באַ־צאָלן דעם אַזוי באַליבטן לערער בעריש. ישראל און באַסיע האָבן געוווּסט, אַז קיין שום אַנדערער לערער, ווי אַלטרואיסטיש, ווי אָפּפערוויליק ער זאָל נישט זיין, וועט נישט וועלן זיין אין דער ווייסטער העק, וואָס פון איין שטוב צו דער צווייטער זענען קילאָמעטער ווייט, און דערצו נאָך אויף אַ הונגער־לוין. דערצו נאָך אין דער שרעקלעכער חמימה, אויסגעשטעלט אויפן חסד פון די בייסנדיקע פליגן און קאָמאַרעס...

צום גליק זענען באַסיע און איר מאַן ישראל נישט געבליבן אַליין אויף דער אָרעמע אינעם גרעאַנגל פאַרן אויפהאַלטן דעם הייליקן נר־תמיד פון דער אייביקער יידישקייט. נאָך עטלעכע יידישע מאַמעס און טאַטעס, פאַרוועלקטע, אָפּגעשרפּעטע, אָפּגעריסענע און אויסגעטרוקנטע ווי די צעדער־שישקעס אין דעם אומהיימלעכן וואַלד, האָבן נאָכגעטון ישראלס און באַסיעס ביישפּילן: זיי האָבן אויך אַלץ מקריב געווען, אַבי אויפצו־האַלטן דאָס לייכטנדיקע גאַגעלע אין דער ווייטער ווייטקייט פון דעם פייער־פלאַמיקן טשאַקאָ, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען דזשונגל־וואַלד און רעגנלאָזער סטעפּ.

— די יידישע שול און די יידישע ביבליאָטעק מוז עקזיסטירן! — האָבן די טאַטעס און מאַמעס געגעבן אַ נדר.

——::——

צו אַ שטיקעלע גליק, דאַרף מען האָבן אַ סך גליק. און צו האָבן אַ סך גליק, דאַרף דער לא יצלח האָבן אַ סך, גאָר אַ סך מזל און ברכה. אַז דער הימל־קאָנקאַוו איז אַ לאַנגע צייט געווען ווי אַ קאָמפּאַקטע בלייענע מאַסע, — עס האָט נישט גערעגנט. די זון האָט פאַרסמאַליעט דעם גאַנצן געוועקס. די אָרוגאַ (אַ לאַרווע מיט פערציק פיס), דער היישעריק, מו־ראַזשקעס און אַנדערע אַגריקולטור־משחיתים האָבן כמעט אַלץ אָפּגע־פרעסן ביזן וואָרצל. איז געוואָרן אַ דוחק אין אַלץ — אַ הונגער. און אַז עס איז נישט געווען קיין גערעטעניש, און די קאָלאָניסטישע קינדער, פונקט אַזוי ווי די פייגל, האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן און קיין וואַסער צו טרינקען, האָבן זיי פאַרלאָזט די רעגנלאָזע יידישע פעלדער. זיי זענען אַוועק אין אַנדערע געגנטן ווו זיי האָבן געהאַט קערנער, פּרוכטן און גראָזן צו דער זעט און וואַסער צו שטילן זייער דורשט.

שניי אין חמימהדיקן דזשונגל

יאַנעק זעליוק, באָגדאַן יעזופּאָוויטשעס זון, אַ שייגעצל פון צען יאָר אַלט, וואָס איז געווען מיט זיינע עלטערן אין אַרגענטינע קוים איין מאָנאַט צייט, איז געקומען צו לויפן מיט אַ פאַרהיקעטן געוואַלד: טאַ-אַטעע! אַ שניי מעער אַ מעעטער הויך האָט פאַרדעקט די וואַטן פּלאַנטאַציעס!...

באָגדאַן יעזופּאָוויטש, אַ רוטענער אוקראַינער פונעם געוועזענעם עסטרייכישן גאַליציע, איז דורך אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ קאָך-לעפל אָנגעקומען אין דער יידישער פאַרם צו אַרבעטן אין פעלד ווי אַ „ספּעציאַליזירטער" פויער נאָך פון אייראָפּע. ער, באָגדאַן יעזופּאָוויטש האָט, הייסט עס, געקענט אַלע הויפּט-זריעות, צמחים, גראָזן, געהילצן און תבואות נאָך פון זיין היימלאַנד, אַ חוץ וואַטע, וואָס וואַקסט נישט אין די קאַלטע מקומות פון די קאַרפּאַטן-בערג.

יענע נאַכט איז געווען אַ חושך-פינצטערע, הגם אַן אויסגעשטערנטע. דער הימל — אַ טונקל-בלויער חלל פון אַ סאַמעטענעם קופּאָל, איז געווען אָן אַ שטיקעלע לבנה-שטראַל — אַן אָנטאַפּנדיקע חשכותדיקייט. דער צען-יאָריקער זעליוק איז אָן אָטעם געקומען צו רייטן מיט אַ ווילדן גאַלאָפּ אויף זיין ביינערדיקן פערד, נאָכן האָבן צוזאַמענגעטריבן די פאַרשפּעטיקטע קי און ציגן צום אויסמעלקן, וואָס זענען פרעסערישע פאַרקראָכן צו ווייט אין וואַלדיקן פעלד אַריין.

באָגדאַן יעזופּאָוויטש איז אַ קוואַדראַטנער רוטענער, מיט פלאַקסענע גלאַטע האָר ווי קאַנאָפּליעס אויף זיין דיניצע-קאָפּ; אַ גאָר פלאַטשיקן שטערן, וווּ עס זיצן טיף איינגעפּאַסט צוויי קליינינקע, לויפנדיקע אויגעלעך ווי גרינע, מריגנדיקע אַרבעסלעך; כמעט ווייסע ברעמען און ווייסע וויעס; צווישן די ברעמען און גרינע אַרבעסלעך-אויגן, איז מאַיעסטעטיש געווען צוגעקלעפּט ווי אבדול האַמיד אויפן טערקישן טראָן, אַ פלאַטשיק פאַרריסן מאָפּסן-נעזל, מיט צוויי פּראָוואָסלאַוונע, ברייט-צעשפּרייטע און רויטע, אַראָפּגעלאָזטע וואָנסעס. דערצו האָט ער גע-

שפּרודלט מיט אַ פאַנטאַסטישער גבורה. דערפאַר אָבער, איז ער געווען אַ הונדערט פּראָצענטיקער אַנאַלפאַבעט. נאָר דערפאַר איז ער געווען פרומער פון דעם אַרכימאַנדריט אַליין.

אַז באָגדאַן יעזופאָוויטש האָט דערהערט פון זיין קלוגן זונס מויל אַזאַ מין משונהדיקע בשורה: „אַ שניי אין פייערדיקן דזשונגל", האָט ער זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט, געפּרעפּלט אַ תפילה צו זיין דער־הרגעטן גאָט, און איז הענדום־פענדום אַוועקגעלאָפן צו זיינע בעלי־בתים, אפשר פיר קילאָמעטער ווייט פון זיין „ראַנטשאָ". ער האָט מיט אַ אי־בערגעשראָקן קול דערציילט וועגן דעם זעלטענעם פענאָמען וואָס זיין זון האָט אים דערציילט.

געשען איז דאָס אין מיטן אַפּריל, צען אַזייגער ביינאַכט, ביי אַ וועגעטאַריאַנער וועטשערע עסן, וואָס די טיף־באַלעזענע און געלערנטע רבקה האָט צוגעגרייט פאַרן גאַנצן הויזגעזונט. און כאָטש אַלע אין שטוב האָבן גלייך פאַרשטאַנען וואָסער מין „שניי" דאָס צען־יעריקע קינד, זעליוק, האָט געזען אין דער חושכדיקער נאַכט, זענען דאָך אַלע אַוועקגעלאָפן זען דאָס בייז־וווּנדער.

ביליאָנען וואַטן־פלאַנצן האָבן צעעפנט זייערע צאַרטע קנאָספּן מיט אַן אינגעווייד ווי שניי־ווייסע כריזאַנטעמען, וואָס האָבן געבלענדט אין דער חשכות פון דער נאַכט מיט זייער פינקלענדיקער ווייסקייט. די צעעפנטע וואַטע־בוקעטן האָבן שמייכלדיקע געשאָקלט זייערע גרויסע חכמים־קעפּ און מיט נזירישער עניוות געקוקט אַראָפּ צו זייערע עלאָמ־טישע שטאַמען.

אין יענער לבנהלאָזער נאַכט האָט דער צעכוואַליעטער נס פון די שניי־ווייסע וואַטן, געמאַכט דעם איינדרוק אויף דעם נישט דערפאַרע־נעם, יונגיטשקן זעליוק, וועלכער האָט ביז דעמאָלט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען קיין וואַקסענדדיקע וואַטע, ווי אַ שניי־זאַווערוכע, וואָס ער פלעגט זען אין די ווינטער־נעכט פון די קאַרפּאַטן־בערג פון זיין טאַטע־מאַמעס היים.

בעריש האָט זיך געריבן די הענט פאַר פרייד און התפעלות. רבקה האָט זיך אַזש צעוויינט ווי אַ קליין קינד פון גרויסער עמאָציע. איר גע־לערנטן ברודערס נביאות וועגן שפע האָט זיך באַשטעטיקט. נאָך אַ גאַנצע ריי יאָרן פון דורכגעפאַלענע גערעטענישן, וואָס האָבן גורם געווען הונגער און נויט.

— עס זאָל נאָר חלילה נישט רעגענען ביז מיר וועלן האָבן אַראָפּ־גענומען די וואַטע, דעם מאַיס און אויך אַלע אַנדערע גערעטענישן, וועט

טאַקע זיין גוט. וועט זיין אַזוי, ווי דו האָסט אויסגעטרוימט. נאָר עס זאָל חלילה נישט זיין אַזוי ווי פרעהס נישט־דערבאַקענער צווייטער חלום מיט די זיבן מאָגערע קי און זיבן מאָגערע זאַנגען, וועלכע האָבן איינגעשלונגען די פעטע קי און פעטע זאַנגען — האָט נחום באַמערקט מיט זיין אייביק ראַציאָנאַליסטישן, שאָפּענהאַוערישן פּעסימיזם.

הלוואַי פון אייערע מיילער אין גאָטס אויערן אַריין. — האָט נחום אַ וואָרטשע געטון מיט זיין סאַרקאַסטישן שמייכעלע — אָפּטימיזם און סטימול זענען טאַקע זייער שיינע און פיינע טוגנטן. סקעפּטיציזם דאַקעגן, געהער צו אַן אַנדערע פילאָסאָפישער שיטה. צום גליק אָבער, לייד איך נישט פון קיין שום האַלוציגאַציעס, ווייל איך בין אַן אָביעקטיוויסט, ווי אויך אַ סוביעקטיווער פּאָזיטיוויסט, ווייל איך בין אַ מאַטעריאַליסט אין פולן זין פון וואָרט. דערפאַר קוק איך אויף אַלץ מיטן ריינעם אויג, אָן שום פאַרגרעסער־גלעזער. דערפאַר וועל איך מאָרגן אפשר זיין דער ערשטער צווישן אַלע אונדזערע וואַטע־רייסער. און הלוואַי זאָל טאַקע נישט רעגענען אין די קומענדיקע צוואַנציק, פינף און צוואַנציק מעת־לעת, די וואַטן זאָלן חלילה נישט נאַס ווערן. זאָל טאַקע אַזוי געשען, וועט דאָך מיר אויך זיין האָניק־זיס.

עס איז נאָך געווען אַ שטיק פאַר קאַיאָר, דער הימל־קופּאָל איז נאָך געווען פול אויסגעפּלאַסטערט מיט פינקלענדיקע שטערן. דער בריליאַנטענער ווענוס, אָדער מאָרגנשטערן, אַן איינזאַמער, האָט זיך שפּאַצירט זיין גראַוויטאַציע־מאַרשרוט. די פאַרשפּעטיקטע לבנה, אַ פאַרשעמטע, אפּנים, האָט זיך געדרייטלט, דערנאָך באַגילט פון עפּעס אַ פלאַקערנדיקן העלישן פייער, וואָס האָט פון ערגעץ־ווו, ווי פון אונטער דער ערד, געשטראָמט אַרויף. דער אויסטערלישער בליאַסק האָט באַפאַרבט און באַצירט דעם גאַנצן הינטערגרונט פונעם טונקל־בלויען הימל־רונד מיט אַלע זיבן קאַרדינאַלע פאַרבן דעם זיידענעם געוועב, וואָס פון יענער זייט וועלט.

בשעת די קי, שעפּסן און ציגן זענען נאָך געלעגן אויף זייערע בייכער מיט די פיס אונטער זיך ווי די אַראַבער און געמעלה־גירהט, און די פערד זענען שטייענדיקערהייט נאָך געשלאָפן, זענען אונדזערע יידישע פויערים שוין געווען פאַרטון אין פליקן דעם בוימוואָל־בוקעטן. אויך באָגדאַן יעזופּאָוויטש, זיין ווייב קראַסנאַיאַ מאַרושאַ, טאַקע אַ בילד־שיינע בלאָנדינקע, און זייערע פיר קינדער, האָבן אויך געאַרבעט פלייסיק, ווייל זיי האָבן געצופּט די וואַטן־בוקעטן אויף שטיק, דאָס הייסט, לויט וואָג. אין שפּעטערן באַגינען זענען צוגעקומען אַנדערע געניטע

וואַטע-רייסער, קאָנטראַקטירטע באָליוויאַנער און פּאַראַגווייער אינדיאַנער, ווייל דער שלל וואַטע און קוקורוזע איז אין דער אמתן געווען אַן אויסטערלישער.

נחום, וואָס איז געוואָרן דער מורה-דרך פונעם גאַנצן געזינדל וואַטע-פּליקער, האָט געאַרבעט גיך ווי אַן אויטאָמאַט און פּלייסיק ווי אַן אידעאַליסט ביי זיין אויסדערוויילטער פּראָפעסיע. ער איז געגאַנגען פאַראויס און זיך צוגעזונגען ווי זיין שטייגער ביי דער אַרבעט. ער האָט געזונגען מיט אַן אינערלעכער נאָסטאַלגיע, אַלע אָקומולירטע רעפלעקסן וואָס האָבן ווי אַ לאַווע פון אַ פייערדיקן ווולקאַן געברומט און געברויזט אין זיין רעבעלירנדיקער, פילאָזאָפישער נשמה.

אַ צעוויטיקטער און בענקענדיקער נאָך אַ פרייערער און בעסערער וועלט, האָט ער געזונגען מאָרים ראָזענפעלדס האַרץ-רייסנדיק ליד „אין שאַפּ״:

עס רוישן אין שאַפּ, אַזוי ווילד די מאַשינען,
אַז אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש וואָס איך בין;
איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פאַרלוירן,
מיין „איך״ ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין.

איך אַרבעט און אַרבעט, און אַרבעט אָן חשבון,
עס שאַפט זיך, און שאַפט זיך, און שאַפט זיך אָן צאָל
פאַר וואָס און פאַר וועמען? איך ווייס נישט, איך פרעג נישט —
ווי קומט אַ מאַשין צו דענקען אַמאָל?...

נישטאָ קיין געפיל, קיין געדאַנק, קיין פאַרשטאַנד גאָר,
די ביטערע, בלוטיקע אַרבעט דערשלאָגט,
דאָס איידלסטע, שענסטע און בעסטע, דאָס רייכסטע, —
דאָס טיפסטע, דאָס העכסטע, וואָס דאָס לעבן פאַרמאָגט...

עס שווינדען סעקונדן, מינוטן און שטונדן,
נאָר זעגל-שנעל פליען די נעכט מיט די טעג: —
איך טרייב די מאַשין, גלייך איך וויל זי דעריאָגן, —
איך יאָג אָן שכל, איך יאָג אָן אַ ברעג.

——::——

פֿאַרענדיקט זינגען דאָס אַרבעטער־ליד, האָט נחום זיך אַרומגעקוקט ווו ער האַלט אין דער וועלט מיט זיין רייסן די וואַטע־בוקעטן און אַנשטופּן זיי אין די זעק. און ווען ער האָט געזען, אַז ער האָט אַפילו דעם שנעלסטן וואַטע־צופּער איבערגעיאָגט מיט אַ פּערציק מעטער פאַראויס, האָט ער זיך געפּילט זיכערער מיט זיין לייבן־קול, ווייל קיינער וועט נישט לאַכן פון זיינע ריטשערייען. נחום האָט זיך ווידער צעזונגען אויף די העכסטע טענער וואָס זיינע אַטלעטישע לונגען האָבן נאָר געקענט דערלויבן. און וואָס מער און העכער ער האָט געזונגען, אַלץ מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ האָט ער געפּליקט די וואַטן־קנאָספּן, אוואַנסירנדיק פאַראויס ווי אַ שטאַלענער מלחמה־טאַנק.

ווען נחום איז שוין געווען גאָר ווייט אַוועק פון אַלע וואַטע־צופּער, האָט ער געגומען זינגען דאָס צאַרט־בענקענדיק וויג־ליד „מיין יינגעלע", אויך פון מאָריס ראָזענפעלד:

איך האָב אַ קליינטשיק יינגעלע,
אַ זינדעלע גאָר אַ שיינס;
ווען איך זע אים דאַכט זיך מיר
אַז די גאַנצע וועלט איז מיינס.

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים
אין פינצטערניש געהילט,
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט.

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
אָ, מאַמאַ, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מיין גוטער, גוטער פּאַ?...

איך שטיי ביי זיין געלעגערל
איך זע, הער, און — שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
אָ, ווו איז, ווו איז פּאַ?...

איך קוש די בלויע אויגעלעך,

זיי עפענען זיך — אָ, קינד!
זיי זען מיך, זיי זען מיך
און שליסן זיך געשווינד.

דאָ שטייט דיין פּאַפּאַ, טייערער,
אַ פּענילע דיר נאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
אָ, ווו איז, ווו איז פּאַ?

איך בלייב צעוויטיקט און צעקלעמט
פאַרביטערט און איך קלער:
ווען דו דערוואַכסט אַמאָל, מיין קינד,
געפינסטו מיך נישט מער...

—:—

באָגדאַן יעזופאָוויטש, וואָס האָט מיט איפּעריקער אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט דעם יידישן פויערס זינגען, האָט באַלד, ווי נאָר נחום איז אויף אַ ווייל שטיל געוואָרן, זיך אויך צעלאָזט זיין אַלקאָהאָליזירטן קול מיט רוסיש־רעוואָלוציאָנערע לידער פון די צארישע צייטן נאָך.

ער האָט אָנגעהויבן מיט „וואָלגאַ, וואָלגאַ", „העי אוכניעם" און גלייך אַריבער צום פאַרבענקטן ליד „אָך טי דאָליאַ, מאָיאַ דאָלאַ; זאַטשעם־זשע טי מעניאַ דאָליאַ דאָ סיבירי זאַוויעלאַ?" דערנאָך האָט ער געזונגען אַן אוקראַיניש אידיליע־לידל: „סערגעי, סערגעי, טי מוי קאָכאַני, כאָטש דאָ סאַדו קאָלאָ מענע, אומיניאַ ספּודניצאַ יעסט"... צום לעצט האָט ער זיך צעזונגען אַ פּויליש אונטערוועלט לידל:

„יעסטעם זלאָדזשעי וואַרשאַווסקי,
ניע זשאַנדאַם ני טשיע לאַסקי,
דזשיש קראַדנען טו אַ יוטראָ טאַם
זאַווּשע וו׳ קעשעני קאַשטשושקי מאַם...
(איך בין אַ וואַרשעווער גנב, איך בעט ביי קיינעם קיין טובות, היינט גנבע איך דאָ מאָרגן דאָרט, איך האָב שטענדיק ממתקים אין קעשענע).

—:—

די אינדיאַנישע וואַטע־רייסער, מיט די ברייט־פליגלדיקע שטרויע־

נע קאַפּעליושן אויף זייערע קעפּ, האָבן געשריגן, געלאַכט און געפּיל־דערט ווי די שכורע ציגיינער אויף אַ פּערד־יאַריד.

מינוטן נאָך זריחה. די זון, גרעסער ווי תמיד אין דער מינוט און אַמאַראַנטן־רויט, האָט גענומען פלאַקערן וואָס אַ רגע אַלץ מיט אַ גרע־סערער פלאַמיקייט; די שטענדיק־צאַרטע זון אין דער שעה, האָט איצטער, קענען איר געוווינהייט, געשרפעט די נאַקעטע, פאַרברוינטע, כמעט שוואַרצע לייבער, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט צו די פייערדיקע, שאַרפע שטראַלן, מיט אַלץ אַ גרויזאַמערער אכזריות; אַ גהינומדיק ווינ־טעלע האָט געבלאָזן פון צפון, וואָס האָט צוגעהאָלפן שנעלער טרוקענען די וואַטע־בוקעטן, מאַכנדיק זיי ווייסער ווי אַ נאַר־וואָס אָראָפּגעפּאַ־לענער שניי.

נאָכן אָפּזיינגען, האָט באַגדאַן יעזופּאַוויטש זיך אַרומגעקוקט. און ווען ער האָט דערזען, אַז ער מיט די זייניקע זענען געבליבן הינטער־שטעליק כלפּי אַלע אַנדערע וואַטע־ציפּער, האָט ער אויפן שטייגער פון די קאַרפּאַטן־אוקראַינער, זיך צעשריגן אויף זיין פרוי און קינדער. ער האָט זיי געזידלט מיט די פרעכסטע ווערטער, מיט קללות וחרמות. ער האָט זיי געיאָגט און געטריבן ווי זיי וואָלטן גאָר קיין מענטשן נישט געווען. ער האָט אויסגעפּאַטשט זיין גראַציעזע און איידעלע ווייבל, קראַסנאַיאַ מאַרושאַ, פאַר וואָס זי איז געבליבן הינטערשטעליק; אַז בכן אויף איר קוקנדיק, זענען אירע קינדער, צוויי מיידעלעך און צוויי יינגלעך, פון 16, 15, 13 און 10 יאָר, אויך הינטערשטעליק געבליבן, נישט נאָר כלפּי דעם „האַספּאַדאַ", סעניאָר נאַכים, נאָר אַפילו לגבי די אינדיאַנער־פונדיקעס פון פּאַראַגוויי און באָליוויע, וועלכע זענען פויל ווי די מוראַזש־קע־בערן. בלויז קראַסנאַיאַ מאַרושאַ און אירע „באַכאַרעס" (ממזרים), סוקין סינעס (קינדער פון אַ צויג), זענען געבליבן אין הינטערגרונט.

די קינדער האָבן געוויינט. די אָרעמע קראַסנאַיאַ מאַרושאַ האָט זיך פאַרענטפערט, אַז היות זי שוואַנגערט, דער רוקנביין טוט איר שטאַרק וויי. און דערצו נאָך טוט זי די דאָזיקע אַרבעט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, אַ נאָך־נישט צוגעוווינטע און אויך נישט פּראַקטישע ווי עס איז דער פאַן נאַכים, דערפאַר ווערט זי אַזוי שנעל פאַרמאַטערט פון דער עבודת־פרך און פון אירע גוואַלדיקע יסורים אין איר לייב.

באַגדאַן האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמען און פּרעפּלען תפילות צו זיין מעשענעם גאָט אויפן האַלדז. ער האָט געשיט פעך און שוועבל אויף אַלע אומגלויביקע, וועלכע זענען דער מקור און שורש פון אַלע זיינע צרות. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין הינטערשטער הויזן־

קעשענע אַ פלאַטשיקע פלאַש ייַן־שרף און געמאַכט עטלעכע שהכלס, געווירצט און פאַרבראַקט מיט אוקראַיִנישע, פוילישע און רוסישע „יאַפּקעס" אויף וואָס נאָר די וועלט שטייט...

דער פילאָסאָפישער בעריש און דער איבערגעשפיצטער מאיר האָבן געהאַט תרעומות פאַר וואָס עס זענען נאָך נישט פאַראַן קיין מאַשינען אָפּצורייסן די וואַטן־קנאָספּן פון זייערע מוטער־שטאַמען. ווען עס וואָלטן געווען מאַשינען צו יעדער ספּעציעלער אַגראַר־אַרבעט, וואָלט אָפּגעטון געוואָרן אַ סך מער און מען וואָלט פאַר איינוועגס געקענט לייענען אַ בוך, לערנען עפּעס וויכטיקס, פונאַנדערוויקלען אַ פאַרפּלאָנטערטע געאָמעטריע־טעאָרעמע פון רוים־אינקאַגניט, צי גאָר אַ טריגאָנאָמעטריע־קנויל, פּונקט אַזוי ווי מ'קען עס טון בשעתן אַקערן, בראָנעווען און זייען, ווען מען זיצט אויף דער אַקער־מאַשין.

— יאָ, יאָ, מיין טייערער בעריש, דו שמסט דאָך עפּעס פאַר אַ געלערנטן. דו ווייסט און ווייסט און צום סוף ווייסטו גאָרנישט! דו מיינסט רק אַז אין דער פּראָגרעסיווער וועלט פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס איז אויך אַלץ אַזוי מיטלאַלטערלעך ווי אין די צוריקגעשטאַנענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער? האָסטו אַ גרויסן טעות. כאַפּ זיך נאָר אַריין כאָטש אַ קאַפּיטשקעלע אין סאָוויעטן־לאַנד, וועסטו שוין זען וואָס עס הייסט פעלד־אינדוסטריאַליזאַציע! אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעפּובליקן ווערט אַלץ געטון מיט דער הילף פון די שטאָלענע, עלעקטרישע און פּאַראַווע גולמס. די מאַשין טוט דאָרט אַלץ וואָס נאָר אין דער וועלט. און דער מענטש, דער בר־נש, איז בלויז דער גייסטיקער אָנפירער אירער. יאָ, יאָ, אַזוי איז אַלץ אין סאָוויעטן־לאַנד — האָט דער אַטלעטישער, נאָר גוואַלדיק פוילער דוויד אונטערגעכאַפּט בערישן מיט אַ חניפה־פּאַנעגיריק.

— בשעת מיר זענען פּאַרטון אין דער דרינגענדיקער אַרבעט, האָב איך פיינט צו הערן פלאַפּלען דיינע דברים בטילים, וויל היום קצור והמלאכה מרובה. ביי דער וועטשערע, אָדער נאָך דער וועטשערע עסן, וועסטו קענען זיך צעדברן וועגן דיינע קאָמוניסטישע גליקן וויפל וועסט נאָר אַליין וועלן. איצטער אַרבעט דו, לאָז אַרבעטן אונדז. און זע אַז אויך די געדונגענע מענטשן זאָלן אַרבעטן, כדי אַלע זאָלן נאָכטון אונדזער ביישפּיל. אַזוי אַרום וועלן מיר אַלע געווינען אַ סך מער, ווי דו מיט דיינע פּראָזן, וואָס קלינגען אין מיינע אויערן ווי אוטאָפּישע און דעמאַגאָגישע פלאַפּלערייען — האָט נחום געענטפערט אויף דווידס פּאָליטיש־עקאָנאָמישע דעפיניציעס.

די באָליוויאַנער און פּאַראַגווייער אינדיאַנישע וואַט־רייסער, וועלכע

האָבן געאַרבעט בשותּפות, האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומקריגן. איין מאָל, ביים 'עסן מיטיק אונטער אַ ברייט־צעצווייגטן און געדיכט־באַבלע־טערטן קאַשטאַן־בוים, האָבן גענומען פינקלען זייערע לאַנגע, בלאַנקע קינזשאַלן. ווען חלילה נישט דער קאַלטבלוטיקער מאיר, וואָלט זיכער גע־וואָרן אַ העקאַטאָמבע' צווישן זיי.

גענומען האָט זיך די קריגעריי צוליב צוויי פּוילענצער ביי דער אַר־בעט, נאָר דערפאַר גרויסע זולל־וסובהס ביי דער אַכילה. האָט מאיר ווי דער בורר געמאַכט אַ פּשרה, אַז יעדער באַזונדער זאָל אַרבעטן אינדיווי־דועל אויף זיין 'אייגענעם חשבון און זאָל האָבן אַלע זיינע אינדיווידועלע אויסגאַבן, אויך אויף אייגענער קאָנטאָ. אַזוי, אַז ווער עס וועט מער פּראָ־דוצירן, מער שאַפן, וועט במילא מער פאַרדינען. און ווער עס וועט מער פאַרפרעסן, מער פאַרזויפן און אין אַלגעמיין מער פאַרהולטייען, זאָל עס אויך זיין פון דער אייגענער קעשענע.

וו י כ ו ח

אַ פּרעכטיקער באַגינען. דער אויסגעשטערנטער הימל־בלוי, ווי אויסגעפּלאַסטערט מיט פינקלענדיקע בריליאַנטן, איז וואָס אַ רגע אַנט־לאָפן אַלץ ווייטער און ווייטער; די פולע לבנה, אַ קיילעכדיקע ווי אַ שניי־באַל, האָט באַלויכטן זילבער־ווייס אַלע וועלטן וואָס אונטער איר ביינאַכטיקער קעניגרייך; די זויבערע לופט וואָס איז געקומען פון די טיפענישן פונעם אורוואַלדיקן געדיכטעניש, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט די פיינסטע גן־עדן־אַראָמאַטן; די דערוואַכטע טאַטע־מאַמע פייגעלעך, שוועבנדיקע און פלאַטערנדיקע איבער זייערע נעסטן, האָבן געטרעלט מיט זייער פייגל־שפּראַך צו זייערע קינדערלעך, וואָס זענען געזעסן מיט זייערע אָפענע „זולל־וסובה־שנאָבלען”. טאַטע־מאַמע האָבן זיי באַפוילן געדולדיק זיין ביזן זון־אויפגאַנג, ווען עס וועט זיין לייכטער צו כאַפּן אַ פליג, אַ זשוקעלע, צי אַזוי זיך אַ ווערעמל, אָדער אַ קערנדל פאַר זייערטוועגן.

אַ טשאַטע אָנגעבלאָזענע, אייפערדיקע קוואָקעס, דערשראָקענע פאַרן פודעל־הונט, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך אַ סערוואַל (אַ ווילדע דזשונגל־קאַץ), ווייל זי האָט געוואָלט אויפעסן די אייער און הינדעלעך פון דער שטייג, האָבן אויך גערעדט אויף זייער גראַגערישן, הינערישן לשון צו זייערע גראַציעזע קורטשעקלעך, וואָס זענען געזעסן איינגעטולעטע אונ־טער זייערע מאַמעס פליגלען. בעריש, יצחק, נחום, מאיר און דוויד, אויס־געמאַטערטע פונעם טאָג האָרעווען אין פענקעוואַטן וואַלד, זענען נאָך געלעגן אין זייערע געפלאָכטענע פאַראַגווייער הענג־וויגן און האָבן דיס־קוטירט הויך אויפן קול.

דער פאַטאַליסטישער, נחום, גלויבט נישט אין דער ערלעכקייט פון די צוויי געפאָרטע קעגנשטאַנדן: גאָטהייט און קאַפּיטאַליזם, ווי זיי פּראָ־קלאַמירן זיך ווי די רעטער פון דער געפּלאָגטער מענטשהייט; ער, נחום, האַלט אַז נישט גאָט האָט געשאַפן דעם מענטש, דעם בר־נש, נאָר גראָד פאַרקערט — דער מענטש האָט זיך געשאַפן אַ גאָט בצלמו ודמותו.

לויט זיין באַגריף, לויט זיין גייסטיקייט, לויט דער קולטור און מאָראַל וואָס יעדער יחיד, אָדער קאָלעקטיוו פאַרמאָגט...

דערפאַר וועט דער קאַפּיטאַליסט־עקספּלאָטאַטער זיך קיינמאָל נישט אייניקן מיטן אַרבעטנדיקן פויער, וועלכער אַקערט די פּרענגעוואַטע בתולה־ערד, בראַנעוועט, זייעט, שניידט, מליטשעט און שפּייזט מיט זיין שוויים און שווערע פּראַצע די גאַנצע וועלט. דער מיליאַרדער וועט קיינ־מאָל נישט מושווה ווערן און ער וועט קיינמאָל נישט מסוגל זיין צו קענען טאָלערירן, אַז דער פויער זאָל זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, ווייל רעליגיע, גאָטהייט און זייערע קלעריקאַלע פאַרשטייער זענען תמיד אויף דער זייט פון די גבירים אַדירים. די פאַשיסטישע, נאַציסטישע און אַלע אַנדערע טיראַניעס בכלל, וועלן קיינמאָל נישט מסכים זיין מיטן געדאַנ־קענגאַנג, איבערהויפּט מיטן יידישן פויער, וואָס איז פון קדמונים אָן געווינט צו אַ העכערן לעבנס־ניוואָ פון אַ ציוויליזירטע און קולטורעלער געזעלשאַפטלעכער מדריגה. צוליב אַט־אָ־די ארויסגעזאָגטע מאָטיוון, וועט דער יידישער פויער, דאַכט זיך, נישט קענען זיך איינלעבן און צוגעווויי־נען צו הונגער, דורשט און דחקות, אין אַ פעלד וואָס ליגט אין אַן אור־וואַלדיקער וויסטעניש, באַדעקט מיט דזשונגלישן הויך־גראָז, פול מיט די כלערליי מינים גיפטיקע, ווי נישט־גיפטיקע שרצים און רמשים אַן אַ צאָל. אין אַ פעלד וואָס ליגט אַזוי ווייט פונעם מינדסטן ציוויליזאַציע־פּונקט, פון אַ מינימאַלסטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָן אַ ביבליאָטעק, אָן אַ קינאָ, אָן אַ שטיקל טעאַטער, אָן אַ באַן און אַפילו אָן אַ וועג אין שטאָט אַריין...

— יאָ, אַ יידישע פויערים־ווירטשאַפט וועט זיך קענען אַנטוויקלען און פּראָגרעסירן, בלויז נישט ווייט פון אַ ישוב. מעג זיין אַפילו בלויז נישט ווייט פון אַ קליין דערפעלע. דאָס איז, ווייל דער ייד, האָט ליב געזעלשאַפט. און דער ייד, מעג ער זיין דער אָפּגעשטאַנענסטער, איז ער אויך אַ געזעלשאַפטלעכע חיה. וואָלט כאָטש געגרענעצט אין צייט נאָך דער גוואַלדיקער טרוקעניש, און אָן די שרעקלעכע פּלאָגן וואָס מיר זענען שוין אויסגעשטאַנען אין אַ משך פון איבער דריי יאָר צייט נאָכאַנאַנד. וואָלטן כאָטש געווען גוטע קאָסעטשעס (גערעטענישן).

— נו?

— נו, אַז קיין רעגן האָט מען נישט געהאַט, איז נישט געווען וואָס צו עסן. און קיין טראַנטעם אויף צו צודעקן דאָס וואָס פּאַרזעסענע, אַלטע און מיאוסע מיידן טאָרן נישט זען, ווייל זיי קענען חלילה הייזעריק ווערן. און מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן איז אויך נישטאָ. און דערצו נאָך

ווימלען אַרום אין די געדיכטעניש פונעם דזשונגל גנבים און רויבער אויף דער פריי. גיפטיקע שלאַנגען, ווערג־שלאַנגען, סמיקע שפּינען, עקדישן, עסקאָלאָפּענדראַס שרעקלעך גיפטיקע און אַנדערע שרצים, רמשים און אינזעקטן, אויך אַ סך זייער גיפטיקע, וואָס פּאַראומערן דעם פויערס בידנע ביסל לעבן.

נו, אַדרבה, זאָג דו בעריש, פילאָזאָף מיינער, וועלכער ציוויליזירטער און קולטורעלער מענטש חוצן ייד, וועט אויסהאַלטן אַזוי פיל יאָרן פּיין, הונגער, נויט און דורשט, ווי מיר נאַרישע אידעאַליסטן זענען שוין אויסגעשטאַנען צוערשט אין דער קאַלטער און זאַמדיקער מדבר פון דער פּאַמפּאַ, און איצטער אין דעם סעלוואַטיקן קאַנגלאָמעראַט פון דעם הייסן טשאַקאָ? — האָט דער איבערגעוואַקסענער נחום געזאָגט מיט שפּילקעס.

— און וואָס זאָגסטו, סאַטיריקער, ליבער ברודער מאיר? ענטפער קלאָר און דייטלעך, נאָר אָן די דערנער־שפּיזלדיקע סאַרקאַזמען, ווי עס האָט געדבערט דיין ראַציאָנאַליסטישער שוואָגער נחום — האָט בעריש זיך געווענדעט צו מאירן.

— ווער, ווער, איך? איך מיין אויך אַזוי ווי נחום: דער יידישער פויער קען אַבסאָלוט נישט לעבן בלויז צוליבן עסן. „לא על הלחם לבדו יחיה האדם", שטייט דאָך געשריבן שוואַרץ אויף ווייס אין די הייליקע יידישע ספרים. דער יידישער פעלד־אַרבעטער, דער פויער, מוז האָבן אַ חוץ פיזישע, חיהשע גבורה, אַ חוץ גשמיות, איך מיין, אַ חוץ עסן און טרינקען, אויך גייסטיקע שפּייז, גייסטיקע סביבה. דערפאַר, צוליב די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען מיט אַדורכגעוועבטע ניואַנסן וואָס זענען לעבנוויכטיקע אַקסיאָמען פאַרן יידישן פויער, בין איך מסכים מיט נחומען. דער יידישער פעלד־אַרבעטער דאַרף און מוז האָבן זיין שטיקל נחלה נישט ווייט פון אַ ישוב, אַ יידישן, וווּ ער זאָל קענען זיך אָנלאָדן און אויסלאָדן מיט קולטור, מיט גייסטיקייט. און אויב עס פעלט דעם יידישן פעלד־מענטש אי גייסטיקע, אי עקאָנאָמישע יניקה, איז טאַקע פּראָבלעמאַטיש דער אויסדויער. און לא די וואָס איך און מיין הויזגעזינט האָבן נישט געקענט „מאַסאַמאָראַ" אַנצושטאָפּן דעם מאָגן, האָב איך נישט צומאָל ווו צו קריגן אַ יידיש בוך צו לייענען. און בעת די סוחרים און פאַבריקאַנטן וואָס לעבן רק פונעם פויערס רוי־מאַטעריאַל, פאָרן אין טייערע קאַרעטן און לוקסוסיעזע אויטאָמאָבילן, האָב איך און מיין גלייכן, נאָך אַזוי פיל יאָרן האָרעווען שווער און ביטער, ממש מיט דער נאָז אין דער ערד — האָב איך דערוויל צומאָל נאָך נישט קיין בעסער שטיקל

פֿערד און קיין מאָדערנע, גוטע צווייַרעדערדיקע סולקי און קיין טילבורי אויך נישט...

— און וואָס זאָגסטו, יצחק, צום געדאַנקענגאַנג פֿון דיין ברודער, מאיר, און פֿון דיין רעבעלירנדיקן שוואָגער נחום? וואָס אַזוינס וועסטו אונדז זאָגן וועגן דעם אוניווערז? וועגן דער פּאָליטישער, רעליגיעזער און עקאָנאָמיש־פּראָלעטאַרישער פֿראַגע? ווי אויך וועגן דער ספּעציעלער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער, רעליגיעזער און קולטורעלער יידן־פֿראַגע אין דער גאַנצער דיאַספּאָראַ? — האָט בעריש געפֿרעגט זיין תמיד פֿאַרטראַכטן און פֿאַרטרוימטן עלטערן ברודער, וועלכער האָט געוואָלט זיין אַ שרייבער.

— איך האַלט אויך נישט פֿון קיין שום גאָטהייט, ווייל גאָטהייט איז אַ מיטאָס. פּונקט ווי איך בין אַ קעגנער פֿון קאַפּיטאַליזם, פֿאַשיזם און נאַציזם. ווייל קאַפּיטאַליזם, גאָטהייט און רעאַקציאָנערער קלעריקאַליזם, גייען תמיד געאַרעמט האַנט ביי האַנט. אָט־אָ־די רעאַקציאָנערע, אימפּעריאַליסטישע באַגריפֿן זענען דאָך ספּעציעל געשאַפֿן געוואָרן צוליב איין און דעמזעלביקן צוועק: בכדי צו אונטערדריקן דעם אַרבעטער פֿון פֿאַבריק און פֿעלד, כדי גרינגער און זיכערער צו קענען אים פֿאַרשקלאַפֿן און באַרויבן. דערפֿאַר זענען מאַרקס, לענין און סטאַלין געווען גערעכט, ווען זיי האָבן געזאָגט, אַז נאָר די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע וועט באַפֿרייען דעם אַרבעטער־קלאַס פֿון פֿעלד און פֿאַבריק. אָן שום אונטערשייד פֿון קאָליר, גלויבן, אָדער ראַסע; אַז אַלע עטנישע גרופּעס וועלן קריגן טעריטאָריעלע, און קולטורעלע, ווי אויך רעליגיעזע אויטאָנאָמיע; אַז די גאַנצע וועלט וועט ווערן בלויז איין־איינציקע נאַציע אָן שום דיסקרימינאַציע, אָן שום גרענעצן... אַ וועלט, אַ פֿרייע, אין וואָרט, שריפֿט און טאַט, פּי עס האָט פּראָקלאַמירט די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע: פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט!...

— אוי ווי, ביסטו עס אַ פּאָליטיקער, אַ שוטה, טייערער ברודער מיינער — האָט בעריש אים איבערגעשלאָגן, ווען יצחק איז געווען אין סאַמע אַפּאָגאַישן ברען פֿון זיין קאָמוניסטישער עמאָציע — ביסטו, הייסט עס געוואָרן אַ יעווסעק, אַ סטאַליניסט? גאַנץ גוט, זאָל דיר ווויל באַקומען... איך רעספּעקטיר אַלעמענס געדאַנקען, אַלעמענס אָנשויאונגען, טוגנטן און אַפֿילו פּאָליטישע, צי רעליגיעזע איבערצייגונגען. אָבער געוואַלד געשריגן: ווו האָסטו עס דיין שכל־הישר? ווי פֿאַרשטייסטו אַזאַ מין דעמאַגאָגיע, אַזאַ מין אוטאָפּיע: „טעריטאָריעלע, קולטורעלע און פּאָליטישע אויטאָנאָמיע אין אַ וועלט אָן גרענעצן, אָן באַזונדערע אידעאָלאָ-

גיעס און אָן שום באַזונדערע אַמביציעס פון אַ יעדער עטנישער גרופּע, פאָלק, צי נאַציע"?... איך פון מיין זייט, פאַרשטיי, אַז אויב עס איז פאַראַן פּאָליטישע, טעריטאָריעלע און קולטורעלע אויטאָנאָמיע, זענען דאָך שוין יאָ פאַראַן געוויסע גרענעצן. יאָ, מיין טייערער ברודער, איך שטעל מיר פאָר, אַז דו ווילסט מיר זאָגן דאָס זעלביקע וואָס אַן אַנדער באָלשעוויק, אַ פּיפּיקערער שישקע האָט דיר געזאָגט. טאָ זאָגזשע מיר ברודער, וועלכע נאַציע וועט עס זיין דאָס באַפּרייערישע משיח-פאָלק וואָס וועט דיקטירן איר ווילן דער גאַנצער מענטשהייט פון דער גאָרער וועלט?...

— וואָס הייסט, וועלכע נאַציע, וועלכעס פאָלק? — דאָס רוסישע! און מאָסקווע וועט זיין די פרייע מעטראָפּאָליע פון דער פרייער וועלט — האָט יצחק זיך צעשריגן.

— שריי נישט אַזוי קלוגער ברודער מיינער. קיין שום הויך-פּאָליטיקער שרייט נישט ביים פּאָלעמיזירן. און קיין שום ראַפינירטער דיפּלאָמאַט שרייט אַוודאי נישט בעת אַזאַ מין וויכטיקן דיספּוט. — האָט בעריש זיך געווענדעט צו יצחקן מיט זיין דיאַגענעז-פילאָזאָפיע: נו, אַדרבה, זאָג מיר, דאָס אונטערדריקן גאַנצע זעלבסשטענדיקע פעלקער און זיי פאַרשקלאַפן, איז ביי דיר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט? איך לייקן אַבסאָלוט נישט, אַז קאָמוניזם איז אַ שיינער אידעאַל. נאָר דער אידעאַל קען אָבער קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן, כל-זמן ער איז אָנגעשפּאַרט אויפן שפּיץ פון אַ שאַרפער שפּיז, אויף דער שוואַרצער מאָרדע פון אַ קאַנאָן, צי גאָר אויף דער פעטליע פון אַ תליה. דערפאַר איז דאָס אַרויסגעזאָגטע פון דיר אַ פולשטענדיקע אוטאָפּיע, אַ דעמאַגאָגישער פאַנעגיריק. וואָס איז פאַלש ווי די עבודה-זרה.

בלויז דער רבונו של עולם, כביכול, איז געווען, איז און וועט פאַרבלייבן אַ קאָמוניסט. בלויז ער, וואָס האָט געשאַפן די וועלט, הימל און ערד, לבנה און שטערן ווי אויך דעם גאַנצן קאָסמאָס, דעם גאַנצן אוניווערז, פאַר אַלעמען גלייך, אָן שום גרענעצן, אָן שום דיסקרימינאַציעס, אָן שום אונטערשייד, שוואַרץ, ווייס, צי געל. דאָס לעצטע איז בלויז אין באַציאונג צו גאָטס יצירה, בלויז צו רוחניות. וואָס שייך, להבדיל, צום מענטשלעכן קאָמוניזם, איז אַ מאָל געווען בלויז איין-און-איינציקער מענטש וואָס איז געווען אַ קאָמוניסט, וועלכער האָט טאַקע ליב געהאַט די מענטשהייט. דאָס איז געווען דער נביא ישעיה וואָס האָט געפּרעדיקט: „ושפט בין הגוים, והוכיח לעמים רבים. וכתו חרבותם לעתים, וחניתותם למזמרות. לא ישא גוי אל גוי חרב, ולא ילמדו עוד מלחמה".

איך האָב דיר, יצחק, געמאַכט אָט-אָ-די באַמערקונג, ווייל איטלעך

פאָלק, ווי אָרעם און אומבאַדייטנדיק עקאָנאָמיש און קולטורעל עס זאָל נישט זיין, שטרעבט עס צו אַ פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע אין אַלע צווייגן פון מענטשלעכער, פעלקלעכער פרייהייט. שטעלזשע דיר נאָר פאָר וויפל הונדערטער מיליאָנען מענטשן וואָלטן געמוזט אויסגעשאָכטן ווערן, ביז די גאַנצע וועלט זאָל זיך לאָזן באַהערשן און באַצווינגען, אָדער טון, רעדן, טראַכטן און שרייבן נאָר אַזוי ווי דו, סטאַלין און די גאַנצע באַנדע סטאַליניסטן ווילן.

איך בין אָבער קיינמאָל נישט געווען קיין שונא פון די פיינע און עטישע קאָצאָפּן, אויך נישט פון די היינטיקע באָלשעוויקעס. נאָר איך בין אָבער געווען און וועל פאַרבלייבן עד יום מותי, אַן אומקאָמפּראָמיס־לעכער שונא פון אַלע טיראַניעס פון לינקס ווי פון רעכטס. מחמת דאָרט וווּ עס הערשט אַ טיראַניע, דאָרט איז שוין נישט פאַראַן קיין שום פריי־הייט, נישט פון וואָרט און אויך נישט פון שריפט, סיי פאַרן יחיד ווי פאַרן כלל. איך ווייס אויך, אַז באַלד נאָכן זיג פון די קאָמוניסטן, ווען די באָלשעוויסטישע מאַשין איז באַשטאַנען פון אַ סך יידישע מוח־שרייפלעך, האָט די סאָוויעטן־מאַכט געטון אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, כדי צו נייטראַ־ליזירן די יודאָפאָביע, וואָס איז פאַרבליבן נאָך פון די פאַרדאָרבענע צאַ־ריסטישע צייטן. דאָס איז געשען אַזוי, מחמת דעמאָלט, איז פאַר די קאָמוניסטישע הערארכן נייטיק געווען אַזאַ פילאָסעמיטישע פּאָליטיק, ווייל זיי, די קאָמוניסטישע סאַטראַפּן האָבן געמיינט, אַז די סאָוויעטישע יידן וועלן אין איין שמע־ישראל ווערן אויס יידן.

זעסט, ברודערקע, אַז דעמאָלט נאָך, בעת אַ סך יידישע מוחות האָבן פאַרנומען גאָר גרויסע פּאָזיציעס אין די ראַטנפאַרבאַנדישע רעגירונגס־אָרגאַנען, האָט זיך אַנטפּלעקט אַ געפערלעכער אַנטיסעמיטיזם צווישן אַ סך קאַצאַפּישע קאַרפּן־קעפּ, וועלכע זענען פריער, ביי ניקאָלאַיקען, אַליין אויך געווען פאַרפאָלגטע דורך דער אָכראַנקע. און ווייסטו כאָטש, ברו־דערקע, פאַר וואָס די פריערדיקע פילאָסעמיטן אין ראַספּוטינס צייטן, זענען געוואָרן קאַניבאַלישע יודאָפאָבן אין זייער פּאָזיציע ווי טשינאָווני־קעס אין די פעדערן בימי סטאַלין? די קסענאָפאָביע איז געקומען צוליב קנאה־שנאה, צוליב נישט פאַרגינערײַ. דאָס הייסט, אַז נאַצי־פאַשיסטישע שטרעמונגען קענען געדייען און זיך פלאָדיען אינעם קאָמוניסטישן פּאָ־טערלאַנד. ווו די יידן האָבן אַזוי בראַוו געקעמפט, בכדי די סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל זיגן, טאָ ווי אַזוי וועט שוין אויסזען די „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט”, ווען דאָס באָלשעוויסטישע רוסלאַנד זאָל זיך חלילה אויסשפּרייטן איבער דער גאַנצער דיאַספּאָראַ?...

איך פאַרשטיי, אַז אויב עס זאָל חס־וחלילה קומען צו דעם אַז איין איינציק פאָלק זאָל ווערן דאָס הערשנדיקע און פּריווילעגירטע, לויט פרידריך ניטשעס טעאָריע פון אַן אויבער־פאָלק, איבער אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט, איז גלייכער צו שטאַרבן אין קאַמף פאַר פריי־הייט. איך פון מיין זייט, ווי אַ יידישער ייד און מענטשלעכער מענטש, וויל בעסער שטאַרבן אין גערANגל פאַר אַ זעלבסשטענדיקן, נאַציאָנאַלן, פרייען לעבן אין מיין אייגן אַלט־ניי־לאַנד, איידער אַ זיסן האָניק־לעקעך מיט ראָזשינקעס אין דער פרעמדער פרעמדקייט... יאָ, ברודער, איך ווייס אויך פונקט אַזוי ווי דו, אַז דער גרויסער פיש לעבט פונעם קלענערן פיש, וועלכן ער, דער גרויסער פיש שלינגט איין, נאָר דאָס קלענסטע פישעלע אַפילו, זוכט אויך אַלע מיטלען, וועגן און תרופות צו אַנטרינען פון דעם גרויסן פישס אַרביט, וועלכער האָט חשק אים איינצושלינגען...

האָסטו, ברודער, זיך אַמאָל צוגעקוקט ווי דאָס פּיצעלע מייזעלע קעמפט מיט דער קאַץ וואָס איז אפשר הונדערטער מאָל גרעסער פון איר? על אחת כמה וכמה דאַרף יעדער מענטש קעמפן פאַר זיין נאַציאָ־נאַלער און אינדיווידועלער פרייהייט אין פולן זין פון וואָרט. האָסט כאָטש פאַרשטאַנען? איך וויל בעסער די גרעסטע עקאָנאָמישע דחקות אין אַ פולשטענדיקער פרייהייט, איידער די גרעסטע עשירות אונטער אַ טיראַנישער דיקטאַטור. ..

בערישעס רייד זענען פלוצים איבערגעריסן געוואָרן אין סאַמע ברען־פונקט פון זיין גייסטיקער דערהויבונג און חסידישער התלהבות, ווען ריווע איז געקומען צו לויפן מיט אַ גוואַלד:

— זעט! נאָר זעט אַן אַרבעט! איך האָב געמיינט, אַז מיינע צעליי־גערישע ברויט־געבער זענען דאָרט ערגעץ־ווו אין פעלד און יאָגן זיך נאָך די „וויבאָראָס” (גיפטיקע שלאַנגען), ווילדע קראָליקעס, האָזן, קאַ־פּיבאַראַס, קאַרפּינטשאָס, וויזקאַטשאָס און קאָמאַדרעכאָס און טכוירן, וועלכע טוען אַן גרוילנדיקע שאָדנס אין די צעגרינטע און צעבליטע פעל־דער און אין די עופות־שטייגן. צום סוף ליגט איר אייך אַלע אין די פּאַראַגווייער וויג־נעסטן ווי די סיבירער בערן און דיסקוטירט וועגן דעם נעכטיקן טאָג... קיינער פון אייך איז דאָך נישט האַמלעט און צומאָל אויך נישט אָטעלאָ, אויף צו פילאָזאָפירן אַזוי ווי שעקספּיר, אין דער צייט פון דרינגענדיקער אַרבעט. פוילענצער וואָס איר זענט! עס איז דאָך שוין פיר אַ זייגער!... די זון וועט דאָך שוין באַלד אויפשיינען און איר ליגט זיך נאָך ווי די פוילישע פוילע האָלאַדראָנצעס...

— הייב זיך אויף, נחום, וועסטו עפּעס זען. דו ביסט דאָך עפּעס אַ תּליון פון גיפטיקע און אויך פון נישט-גיפטיקע שלאַנגען און פון אַנדערע ווילדע משחיתים. נו, וועסטו מיר שעכטן צוויי כשרע כאַבליען (ווילדע חזירים), וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין דער נעץ וואָס איך האָב געהאַט פאַרלייגט. גראָד נישט פאַר ווילדע חזירים, נאָר פאַר טעכאָנען, טכוירן און מאַרדערן, וואָס מאַכן אָן אַ חורבן צווישן די עופות און יונגינקע ציגעלעך און שעפּסעלעך.

אם אין קמח, אין תורה!

„אם אין קמח, אין תורה"... — האָט ישראל אַ צעוויייטיקטער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט. — אָבער לא על זה אנחנו בוכים. נישט צוליבן לײדיקן מאָגן ווײנען מיר. מיר קלאָגן אויף דער הייליקער שכינה וואָס וועט בלייבן אַ יתומה, אָן יידן אין דזשונגל... איכה ישבה בדד, העיר, רבותי, יידישע פויערים, יידישע קאָלאָניסטן, ערלעכע און אַרבעטזאַמע יידישע פעלד־אַרבעטער...

באַסיע און ישראל צעכליפּען זיך ווי קליינע קינדער, וואָס שלעכטע מענטשן האָבן ביי זיי צוגענומען עפּעס אַ שיינע צאַצקע. זיי ווישן זיך די פאַרטרערטע אויגן מיט די אויסגעריבענע אַרבל און דערציילן מיט אַ שלוכצעדיקן געוויין:

— צוליב דעם הונגער און נויט, ווי אויך די שרעקלעכע עבודת־פּרך וואָס גייט לאבוד, זענען טאַקע זייער אַ סך פויערים, איבערהויפּט די יונגערע זין און טעכטער פון די פויערים זיך צעלאָפן ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, אַבי צו פאַרדינען כאָטש אויף אַ סקורקע, אויף אַ דאַר שטיקל ברויט פאַר די אַלטע טאַטע־מאַמע, פאַרן אייגענעם ווייב און פאַרחלשטע פּיצלעך קינדער. און פאַר זיך אַליין אויך אין אייגענעם מויל אַריין, אויף צו דערהאַלטן דעם נפש.

אייניקע עקשנים אידעאַליסטן זענען דאָך נאָך געבליבן אַ שטיקל צייט אויפן עקרה־פעלד. כל־זמן די סעלוואַטיקע געגנט האָט געהאַט אין אַקטיוויטעט די שול און ביבליאָטעק... די פיזישע און גייסטיקע אַקטיוויטעטן זענען אַזוי נאָך אָנגעגאַנגען, רעגלמעסיק, ביז דער אינוואַזיע פון אייניקע אַפּטריניקעס, וועלכע האָבן ווי די פלעדערמייז זיך אַריינגעקריגן אין דער אַזוי־אָפּפערוויליקער און קולטור־דורשטיקער יידישער סביבה. זיי האָבן דורך אינטריגעס געפּועלט, אַז די יידישע שול און ביבליאָטעק זאָלן אָפּנייגן פון דעם יידישן דעת, פון דעם אויסגעטראָטענעם נאַציאָנאַלן יידישן קולטור־וועג און עטישע יידישע פּרינציפּן. זיי, די יידישע בוגדים, האָבן מיט זייערע דעמאַגאָגישע אַגיטאַציעס דערפירט, אַז די

ביבליאָטעק און שול זאָלן ווערן טאַנץ־לאָקאַלן פאַר דער עראַטישער דזשונגילאַדע.

זיי, די פּריש־געקומענע, אפשר דיריזשירטע פון בלוט־דורשטיקן סטאַלין, האָבן געווירקט, אַז אַנשטאָט צו לייענען אַ בוך אָדער שפּילן אַ שאָך, בעסער טאַנצן אַ באַטשיטשאַ מיט דער אינדיאַנער כאַליאַסטרע.

און באַסיע דערציילט ווייטער: „די פריער־דערמאָנטע דעמאַגאָגן פון ירבעם בן נבטס שניט, אשר חטא והחטא את ישראל, האָבן אַפילו געהאַט די חוצפּה צו פּראָטעסטירן, הלמאַי מען רעדט יידיש אין דער יידישער שול און אין דער יידישער ביבליאָטעק, וועלכע זענען מיט אַזוי פיל מסירת נפשדיקן פּיעטעט און איבערגעגעבנקייט געשאַפן געוואָרן מיט די אויסגעהאָרעוועטע אָפּשפּאָרונגען פון די אידעאַליסטישע יידישע פּויערים. נאָר די „אינטעגראַליסטישע טיגלען" האָבן געדראָעט, אַז אויב מען וועט זייער אַסימילאַטאָרישן אוקאַז נישט אויספאָלגן, וועלן זיי שרייבן אין די נישט־יידישע צייטונגען, אַז אַלע אָנפירער פונעם קולטור־הויז זענען אַ באַנדע פאַנאַטיקער, וועלכע פאַרניין „עקזאָטישע" אידעען, און זענען אויך קעגן זייערע אַסימילאַטאָרישע אידעאַלן."

די זעלביקע אָפּטריניקעס און עטלעכע פון זייערע זנבים, וואָס זייערע עלטערן זענען אפשר געווען ערלעכע יידן, האָבן אָראַנזשירט אַ פעסט פאַרן אָפּפאַל פון דער אינדיאַנערשאַפט פונעם דזשונגל, מיט וויין, ייִן שרף, סאַנדוויטשן און מיט — נאָך עפּעס... כיד המלך. מיט דאַנקבאַרקייט פאַר די פאַרווײַלונגען, האָבן די אָפּטריניקעס און אָפּנייגער פון דער יידישער קולטור און מאָראַל, אויך פון דעם פינטעלע ייד אין אַלגעמיין, באַקומען מצד די אַנטיסעמיטישע באַערטע, שטיינער אין די שויבן פון די פענצטער און טירן. אָראָפּגעריסענע בלעכן און צעבראָכענע דאַכאָווקעס פון זייערע דעכער און שטיקער ציגל אין די פּלייצעס; די מער עקזאַלטירטע נאַצים, וועלנדיק נאָך מער באַווייזן זייער דאַנקבאַרשאַפט פאַרן געבראָטנס וואָס די יידישע בוגדים האָבן פאַר זיי אָראַנזשירט, האָבן אויך געמאַכט אַ שמחה, אַ גאַר וואַזשנע „משתה", ווי די אַנטיסעמיטישע נאַצים האָבן געזאָגט, אַז ספּעציעל לכבוד די יידישע פאַררעטער...

בשעת די פאַרשכורטע אחרים האָבן נאָך געהאַט דאָס לעצטע כזית געבראָטנס צווישן די ציין, זענען זיי געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס געבראָטענע זיסע פלייש איז געווען פון אַ געפּגרטן פערד וואָס איז געפאַלן ביים שונא־ישראל, יאַלאַן שנייצע פאַן דער שנעקע. דאָס געפּגרטע פערד האָט געהאַט געגעסן די שישקע־בלומען פון סאַסנעס, ציפּרעסן און צע־

דערן, פון וואָס עס האָט באַקומען דיזענטעריע; דאָס פערד איז געפּגרט נאָך מיט טעג צוריק; אַז דער מאַטע-געטראַנק וואָס די אַנטיסעמיטיש-נאַציסטישע מנוולים האָבן מכבד געווען די יידישע בוגדים, איז געווען געמישט מיטן מיסט פונעם זעלביקן געפּגרטן פערד, פון וועלכן די בוגדים האָבן געגעסן די „געשמאַקע" „טשוראַסקאַ"... און אַז דאָס „עכטע" האָפּן-ביר וואָס זיי האָבן געטרונקען, איז געווען געמישט מיט די אַרינען פון די היטלעריסטישע זונות.

אַלענפאַלס אַזוי האָבן זיך באַרימט די היטלעריסטישע רוצחים פונעם דזשונגל.

— יאָ, יאָ, אַזוי איז עס טאַקע געווען, ווי מיין ישראל דערציילט — האָט זיך אַריינגעמישט באַסיע ווען זי איז דורכגעגאַנגען מיט צוויי פולע קאַנען מיט מילך, וואָס זי האָט נאָר-וואָס געהאַט אויסגעמאָלקן פון אירע קיעלעך. זי האָט די קאַנען מיך אַנידערגעשטעלט אויף אַ גראָבן קע-בראַטשאַ-פּיעניק און האָט פאַרגעזעצט: — צו יענער צייט, האָבן צוויי צעשרויפטע דאָן קיכאָטישע אינטעליגענטן פאַרגעשלאָגן, אַז די יידישע פויערים פונעם דזשונגל זאָלן זיך אַריבערפּעקלען מיט הכל-בכל און מיט זייערע בעבעכעס אין דער עקוואַדאָר-מדינה, מחמת דער דאָרטיקער מושל פון יענער צייט, דר. לוים טאַמאַסיאָ, האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט די רייכע יידישע פאַבריקאַנטן און סוחרים, ווי אויך זייערע טעמפּעראַ-מענטפולע יידישע טעכטער און זייערע רונדע, און אויסגעפולטע גאָלד-בלאָנדע און שאַטינע מאַמעס...

אַ וואַנדאַלישער וואָטאַן־ספּעקטאַקל

די דייטשע נאַציסטישע, רייכע קאָלאָניסטן, שכנים פון די יידישע פּויערים, אין דזשונגל, נישט וואַנדיק צו מאַכן זיך „טשוראַסקאָס" פון יידן־לייב, ווי אַ קולט פאַרן דייטש־נאַציסטישן גאָט וואָטאַן, מחמת זיי וואָלטן זיכער באַשטראָפט געוואָרן פאַר אַזאַ מין קאַניבאַלישן פאַרברעכן, האָבן זיי געמאַכט אַ שריפה־פאָרשטעלונג, נאָר אָן געבראָטנס פון מענטשן־פלייש...

אין אַ העל־ראָזן־גאָלדיקן פאַרנאַכט, די זון האָט געשיינט מיט אַלע אירע צאַרטע טראָפּיק־חנען; די מוזיק־פייגעלעך האָבן אין אָרקעסטער געזונגען אָדאַס צו זייערע ווייבעלעך און כלות, וואָס האָבן נאָך אומגע־שוועבט אין בלויען הימל־געוועב, האָבן די דייטשע וואַנדאַלן, דורכגע־פירט אַ פייערדיקן „אויטאָ דאַ פע" צו זייער איבער־גאָט, בעסטיע היט־לער, איבער אַן אָרעמער יידישער הייזקע פון דעם אַרבעטזאַמען פּויער נחמן, וועלכער איז אין יענעם מאָמענט געווען טיף אונטער דער ערד. נחמן איז געווען פאַרנומען ביים גראָבן אַ ברונעם פאַר גוטע טרינק־וואַסער, וואָס האָט געזאָלט אויך נוצן פאַר די נאַציסטישע היענאַס, וועגן וועלכע נחמן סטראָנג האָט פריער געהאַט אַ מיינונג, אַז דאָס זענען אויך מענטשן.

נחמנס הילצערן שטיבל, אַ באַגאָסנס מיט נאַפט דורך די נאַציסטישע אַנטראַפּאָפאַגן, האָט געפלאַקערט מיט רויטע פייער־צונגען צו די הימ־לישע הייכן, ווי אַ טראָטעסט צום רבונו של עולם קעגן דער שרעקלעכער עוולה, בעת די נאַציסטישע גיפטיקע שלאַנגען אין מענטשן־געשטאַלט, באַוואָפנטע ביז איבער די ציין, זענען געזעסן אויף זייערע פערד און זיך געגלעט זייערע היטלעריסטישע וואָנסעלעך.

ישראל און זיין פרוי באַסיע זענען שטאָלץ מיט זייער יידישקייט און מיטן כלל־ישראל אַוודאַי. ישראל דערמאָנט זיך ווי דער פּויער לייב רייכער, אַ ייד אַן אביון, זיין, ישראלס שווער, איז איינער אַליין, וועלכער איז געווען דער נאָענטסטער שכן פון דעם נשרף, נחמן, געקומען צו פליען רייטנדיק אויף אַ פלינקן פערד. משה לייב רייכער איז אַרויסגעטראָטן

אין פּאַרטיידיקונג פון דעם איבערגעפּאַלענעם ייד, נישט געקוקט וואָס די נאַציסטישע הידראַס זענען געווען באַוואָפנט מיט ביקסן, רעוואָלווערן, דובינעס, מעסערס און העק.

ישראל טרייסט זיך: פיזיש האָבן אויפן מאָמענט טאַקע געזיגט די נאַציסטישע וואַנדאַלן, אָבער גייסטיק, מאָראַליש, האָבן געוווּנען די יידן. אַ פּראָצעס איז פאַרפירט געוואָרן קעגן די נאַציסטישע שרצים, וועלכע זענען פאַרמשפּט געוואָרן פונעם געריכט.

און מאָדנע, ישראל, וואָס איז אַ ישיבהניק בן ישיבהניק, וואָס איז געוואָרן אַ „וועלטלעכער" מענטש, און פון באַרוף — אַ לערער, אַ דערציער, האָט ווידער אָוועקגעוואָרפן דאָס קנעלעריי. ער האָט זיך ווידער פאַר־בונדן מיט לייב און לעבן צו דער עבודת־אדמה. ישראל, דער פיזיש שוואַ־כינקער, דערצו נאָך אַ דראָבניטשקער, אַן אויסגעדאַרטער ווי אַן אַלטער ווורשט, פונקט אַזוי ווי זיין אשת־חיל באַסיע; ישראל איז אָבער אַ מענטש מיט אַ שטאָלענעם כאַראַקטער ווי אַ גראַניטערנער פעלז. אַן אמתדיקער פעלד־אידעאַליסט. ער מיט זיין באַסיע זענען טאַקע געבליבן די לעצטע מאָהיקאַנער איינזאַמע אַליין אין אורוואַלדיקן פעלד, בשעת זיבן און אַכציק יידישע פּויערים־פאַמיליעס, פון די ניינציק אורשפּרינג־לעך, האָבן צוליב די פריער־דערמאָנטע סיבות, פאַרלאָזט די אין שוויים און בלוט אָנגעזאַפּטע פעלדער. זיי האָבן בלית־ברירה זיך גענומען צו אַנדערע פּרנסות, הגם זיי זענען געווען קינדער פון פּויערים, געבוירענע אין די פאַרמס.

ישראלן בענקט זיך זייער שטאַרק צו יענער שפּראָדלדיקער צייט, ווען ער האָט געהאַט ביז ווייט אַרום זיך, נאָך קנאַפּע הונדערט יידישע פּויערים־פאַמיליעס. ישראל זאָגט, אַז דער ייד וואָס באַאַרבעט די ערד און מאַכט זי פּרוכטיק, איז אַליין אויך אַ בורא עולם, איז אַליין אויך אַ באַשאַפער, אַ שותף צום ריבונו של עולם, ווייל ער, דער פּויער, איז דער באַשפּייזער פון כל בעלי־חיים. דער פּויער וואָס באַאַרבעט אַליין די ערד, איז ראוי אָנגערופן צו ווערן „בן־אדם". און דאָס איז, ווייל ער, דער פּויער וואָס אַקערט, בראָנעוועט, זייעט און שניידט און דרעשעט די תבואות, איז דער ווירקלעכער טראַנספאָרמאַטאָר פון אַ ווילדן דזשונגל אָדער מדבר, אין אַ תבואה־פעלד. און פון אַ זאַמדיקן און שטיינערדיקן וויסטעניש, אין אַ פּרוכטבאַרן גאָרטן מיט די געשמאַקסטע פּרות און דופטיקע בלומען.

באַסיע, ישראלס פרוי, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר לעבעדיקע, אין ביז גאָר קלוגע אויגן, גרינע ווי דאָס אויפגייענדיקע פרילינג־גראָז, נאָך

אַ רעגנדל, תמיד פייכטע ווי די באַטויטע זריחה-בלומען, אַ רירעוודיקע און ענערגישע ווי אַ ביבלישע אשת-חיל, האָט דערציילט: אין דעם טאָג פון דעם אַכצנטן מאַי טויזנט ניין הונדערט ניין און צוואַנציק, איז אַראָפּ־געפאַלן אַן אימפּעטפולער וואָלקן-ברוך. עס איז געווען אַזאַ מין שרעק־לעכע פּאַליע, וואָס האָט אויגנבליקלעך גורם געווען אַ פּאַרפּלייצונג, אַז עס האָט געשטעלט אין סכנה נישט נאָר דאָס ביסל ווירטשאַפט פון די מיזאמע „טשאַקאַרעראָס" (פויערים), פון דעם אורוואַלדיקן פּלאַכלאַנד, נאָר אַפילו זייערע אייגענע לעבנס און זייער ביסל סקאָט אויך, וואָס זענען געווען אין געפאַר דערטרונקען צו ווערן. דער מבולדיקער רעגן־גאָס, וואָס האָט תיכף ומיד געמאַכט העפטיקע ריטשקעס ווי שטורעמ־דיקע טייכן זענען אונטערגעשוואַנקען געוואָרן אַ סך שוואַכערע שטיבער און „ראַנטשאָס" פון די אָרעמערע פויערים און פון זייערע פונדיקעס. דער מבול האָט אויך פאַרטרונקען און צעשטערט דעם שוין-צייטיקן גע־רעטעניש, וואָס האָט גורם געווען אַ נויט צווישן די פּאַראומגליקטע אַגריקולטור-מענטשן.

דערפאַר האָט דער רחמנותדיקער פאָטער, אויב ער איז נישט מזכה דעם אביון מיט אַ מכה, איז באַדאַי מיט אַ בלאָטער... דער דערבאַרעמ־דיקער טאַטע זיסער פאָטער אין הימל, האָט, ווייזט אויס, באַשטראָפט די ווידערשפּעניקע פויערים פאַרן חטא וואָס זיי האָבן געוואַגט צו באַ־קלאָגן זיך אויפן מבולדיקן רעגנגאָס, האָט ער דערפאַר דערנאָך פאַר־שלאָסן די ארבות השמים מיט זיבן שטאָלענע שלעסער, גרעסערע ווי דעם בעל-שם טובס מעשענע שלעסער, אַ יעדער שלאָס. אַזוי אַז פון יאָר 1937 ביז 1938 איז נישט אַראָפּגעפאַלן קיין איין איינציקער טראָפּן וואַסער פון דעם פאַרוועלקטן און איינגעשרומפּענעם הימל, וואָס האָט פאַראורזאַכט אַ מאַסן-אויסוואַנדערונג פון דער אַזוי פרוכטיקער דזשונגל-ערד.

— יאָ, יאָ, מיין באַסיע זאָגט אמת. געווען הונגער, ווייל עס איז געווען אַ גרויסע גערעטעניש. אַ טרוקעניש דאָ, ווען עס האָט דאַרט, נישט מער ווי עטלעכע קילאָמעטער ווייטער פון דאַנען, קוואַליק גע־רעגנט... — האָט ישראל פלוצים אַריינגעפלאַכטן אַ הומאָריסטישע פּראַזע אין באַסיעס רייד.

אין יענער דחקותדיקער תקופה, ווען קעניג-הונגער און חולאתן אַלערליי האָבן געבושעוועט ביד חזקה אין די פויערישע יידישע היימען, איז שלמה, דער פופצן-יעריקער זון פון ישראל און באַסיע, געקראָגן אַ אַ זון-שטאָך. ער איז געהאַט געריטן אויף אַ לאַסקאַווע פערד אין די גע־

דיכטעניש פונעם וואלד. ער האט געזוכט ווילדע אגערקעלעך, עסבארע ווילדע שוואמען און מילגרוימען, ווי אויך ווילדע בארעלעך און עפעלעך צו אנשטאפן אביסל כאטש די ליידיקע קישקעס פון זיינע טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער און זיך אליין אויך. און טאקע נאר א מערכה זיין קלוגע הינטעכע יילאנא, וואס איז מיטגעלאפן מיט שלמהן אין וואלד, איז אהיימגעלאפן און דער פערד נאך איר, נאך דער צויג, נאר אן דעם רייטער. באלד האט דאס גאנצע ביסל פויערטום פון יענער וויל־דעניש, יידן און קרעאלן, זיך אוועקגעלאזט זוכן דעם פארלוירענעם בחור, וואס טאטע־מאמע האבן שוין באוויינט: טרף טרף שלמה...

שפעט ביינאכט שוין, מיט אן עלעקטרישן לאמטערל אין האנט, און די צויג יילאנא ביי דער זייט, האט דער געדולדיקער און ביז גאר פראק־טישער בעריש, געפונען דאס יינגל א פארחלשטן אין סאמען סעלוואטיקן געדיכטעניש. און בעריש האט אים אהיימגעברענגט א האלב טויטן.

א שטיקל צייט נאך דעם עפיזאד, איז באסיע, שלמהס מאמע, אויך פארבלאנדזשעט געווארן אין וואלדיקן געדיכטעניש, קוים הונדערט מעטער וויט פון זייער שטוב. אבער נישט חלילה אינעם עכטן בראשית־געדיכטעניש פון דער צוזאמענגעפלאכטענער סעלווא, נאר בלויז צווישן די ווילדע שארף־גראזן וואס זענען אויפגעקומען און זייער נישט צעאקערטער נחלה, וואס איז אין דער צייט פון איינציקע צוויי יאר נאכאנאנד; די דזשונגל־גראזן זענען דארט אנגעוואקסן ביז איבער פינף מעטער הויך. ווהין באסיע איז אויך געגאנגען אנרייסן אביסל ווילדע פרוכטן און שוואמען. נאר א מערכה די גוטע שכנים, וואס האבן זי גע־פונען שוין איינגאנצן א דערשעפטע פון עטלעכע שעה ארומבלאנדזשען. באסיע איז ארומגעקראכן הין און צוריק צווישן די כל־המינים צוזאמענ־געפלאכטענע הויכע קשאקעס און גראזן. זי האט נישט געקענט זיך אריענטירן ווו זי געפינט זיך, הגם זי האט זיך געפונען נישט מער ווי עטלעכע שפאן פון איר שטוב.

אזוי זענען עס די בתולה־וואלדיקייטן. אזוי איז די בראשית־נאטור פונעם סודותפולן צפון וואס אין פייער־פלאמיקן טשאקא, אור־היים פון די לענגוואס, גואראניעס, טאבאס און מינואנעס אינדיאנער. צו די אלע חבלי־לידה פון דער תוכחה וואס זענען אויסגעגאסן געווארן אויף די יידישע הארעפאשנע פויערים, זענען פלוצים געקומען צו פליען גרוילנ־דיקע כמארעס היישעריקן מיט ווילפישע אפעטיטן. זיי האבן אפגעפרעסן אלץ וואס האט נאר געשפראצט, זיך געגרינט, געקנאספעט און זיך גע־

בלימלט. די היישעריקן האָבן אָפּגעפרעסן אַלע וועגעטאַלן וואָס זענען געוואַקסן אין פעלד און אין די גערטנער, לאָזנדיק אַלץ מיט דער אַדמה צוגלייך.

אַלע פויערים פון יענעם סעלוואַטיקן געביט, קינד און קייט, פּיצלעך קינדער, אַלטע לייט וואָס האָבן קוים געזשיפּעט, קראַנקע מענטשן גאָר, און אַפילו מעוברתע פרויען שוין אויף דער צייט, אָט, אָט, זענען אויך געווען פאַרנומען פון פאַר זון־אויפגאַנג ביז אַ שטיק נאָך שקיעה, מיטן ברענען דעם שרעקלעכן היישעריק זולל וסובה. האַרציקע, רחמנותפולע יידישע מאַמעלעך, וועלכע האָבן צוליב דעו היישעריק־מבול, געמוזט אי־בערלאָזן זייערע צאַפּלדיקע, הונגעריקע און דאָרשטיקע עופהלעך אין די וויגן, אויף גאָטס באַראָט, האָט מען געברענגט אין „שלאַכטפעלד" אַריין, ווו עס איז אָנגעגאַנגען דער גרויזאַמער און אַכזריותדיקער געראַנגל צווישן מענטש און פרעסערישע היישעריקן־סטיכיע.

דאָרט אַהין, צום קאַמפּס־פּלאַץ צווישן מענטש און היישעריקן־אינוואַזיע, האָבן די אונטערגעוואַקסענע פּיצלעך מענטשן־קינדער, גע־ברענגט די נאָך יונגערע זשאַרקעלעך ברידערלעך און שוועסטערלעך זייערע, אָנצוזויגן זיי ביי די אויסגעצערטע „טאַרבעס־ברוסטן" פון זייע־רע פאַרהאָרעוועטע מאַמעס, וואָס זענען געווען פאַרנומען ביים פאַרטי־ליקן די היישעריקן.

רייכער, באַסיעס פאָטער, וואָס זיינער אַ זון איז געהרגעט געוואָרן נאָכן אַראָפּפאַלן פון דעם פערד וואָס איז אויף אים אַרויפגעטראָטן צוליבן דערשרעקן זיך פאַרן אייגענעם שאָטן, האָט באַוויינט זיין קינד און קלאָגנדיק מיט אַ געיאָמער, איז רייכער געלאָפן מיט אַ פלאַמוואַרפער אין פעלד אַריין, אויך צו העלפן פאַרברענען די היישעריקן.

רייכער האָט געיאָמערט: „דו, מיין זון, לעבסט שוין נישט מער, דו פילסט שוין מער נישט דיין אייגענעם פאַרשניטן ווערן אַזוי יונג נאָך. דערפאַר פילסטו שוין מער נישט דעם גוואַלדיקן אומגליק וואָס דער היי־שעריק קען ברענגען פאַר אַלע יידישע און קריסטלעכע פויערים פון דעם איבערגעפאַלענעם „פאַגאַ" (געגנט). טייערער זון מיינער, לעב אויף און זע דעם שוידערלעכן געפאַר וואָס לויערט אויף אונדז אַלע. אויב מיר אידן און קריסטן וועלן נישט אויסראָטן די היישעריקן, וועלן זיי, די היי־שעריקן, אונדז אַלע אומברענגען דורך אַ הונגער־טויט"... — האָט רייכער געשריגן, לויפנדיק מיטן אָנגעצונדענעם פלאַמוואַרפער צו די חמרים היישעריקן.

אַ הוראַגאַן־שטורעם אין אורוואַלד

אַ שטאַרקער הוראַגאַן־ווינט האָט זיך פּלוצים צעבושעוועט איבער די פאַרלאָזטע פעלדער פון די יידישע, געוועזענע פויערים.

דער אויסטערלישער טייפון האָט איינגעוואַלגערט אַ געמויערטן שייער ביים פויער ישראל; דער ווינט האָט אַוועקגעטראָגן דעם שווערן דאַך פון צינק־בלעך, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט מיט גראָבע האָקן־טשוועקעס צו גראָבע קעבראַטשענע בעלקעס, וועלכע זענען געווען איינגעמויערט מיט צעמענטענע און אייזערנע שטאַנגען אין דער גראָבער, געמויערטער וואַנט, ביז אויף אַ מהלך פון פינף הונדערט מעטער ווייט. צווישן די אַוועקגעפלויגענע בעלקעס פון דעם באַפעסטיקטן דאַך, זענען געווען אייניקע דרענגער וואָס האָבן געוויגן מער ווי הונדערט קילאָ יעדע בעלקע. צווישן די שטיקער צעמענט פון דער איינגעוואַלגערטער מויער, זענען אַגב געווען אייניקע בלאָקן וואָס האָבן געוויגן אפשר מער ווי טויזנט קילאָ יעדער שטיק.

טאַקע ווי נאָר דורך אַ נס מן השמים, איז דאָס גאַנצע הויזגעזינט פון ישראלס שטוב, ניצול געוואָרן פון נישט צעשמעטערט צו ווערן צו־זאַמען מיטן פעסט־געמויערטן שייער, וואָס איז בפועל־ממש צעשטויבט געוואָרן. נישט מער ווי פינף מינוטן פאַרן אויסברוך פונעם אָנקומענדיקן הוראַגאַן־שטורעם, איז ישראלס גאַנצע פאַמיליע געווען אינעם שייער, פאַרטועוע אין דרינגענדיקער אַרבעט, וואָס געהערן צו דער פויערישער ווירטשאַפט.

נאָר אַ נס וואָס ישראלס יונגסטע טאָכטער, די ביז גאָר בחנטע, גע־לערנטע און שטיפערישע רבקהלע, וואָס איז געווען די ערשטע וועלכע האָט באַמערקט אין דער גאָר ווייטער ווייטקייט פון דעם מערב־האָרי־זאָנט, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן, מיטן אָנבליק פון אַ שוועבנדיקן באַרג, גרויס ווי דער אַקאָנקאַגוואַ, האָט זיך דערנענטערט מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט. אויפן פליענדיקן באַרג, האָט זיך רבקהלען געדאַכט זען ליגן

בלאָנדע און העל־שאַטינע טייוולאָנים אין דייטש־נאַציסטישע געשטאַלטן. זיי, די נאַציסטישע דעמאָנען האָבן אָפּגעפּייערט געדיכטע מעטראַליען־זאַלפּן מיט גיפטיקע גאַזן אין בליצן־געשטאַלטן, באַגלייט מיט פּאַרטויבנ־דיקע דונער־קראַכן אין אַלע זייטן... רבקהלע האָט אויך באַמערקט, ווי אירע כלבים זענען מיט אַ יאָמערדיקן געוווי, און מיט זייערע ווײַדלען באַהאַלטן צווישן די פיס און אַראָפּגעלאָזטע אויערן, זענען אימפּעטפול אַרויסגעלאָפן פונעם שייער. זיי, די הינט, האָבן זיך באַהאַלטן אין זייערע בודעס, וואָס זענען געווען ווייטלעך פונעם שייער. רבקהלע האָט אויך באַמערקט, ווי די שוואַלבן, שמעטערלינגען, טויבן, היימישע און ווילדע, טאָרדאָ, האָרנעראָ און קאָליברי, וואָס האָבן גענעסטעט אין שייער, ווי אויך די הינער, גענדז און קאַטשקעס, זענען פלוצים אַרויס מיט אַ פּאַ־ניקפולן געפּילדער.

דערפאַר האָט רבקהלע אַלעמען אַלאַרמירט, אַז עס רוקט זיך אָן אַן אומגליק. נאָך דער פּאַסירונג, זענען אַלע ישראלס קינדער זיך אויך צע־פלויגן. די געוועזענע שפּרודלדיקע יידישע פעלדער אין הייסן דזשונגל זענען פאַרלאָזט געוואָרן. און דערפאַר האָט ישראל אָנגעשריבן אַן עלעגיע־ליד, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן:

איכה ישבה בדד „קאָלאָניע דזשונגל" !

שרײַבער און קריטיקער װעגן
מאַרקוס פֿאַרישעװסקיס ביכער

פּ. קאָץ

„צווישן ווילדע און ציוויליזירטע" און „דזשונגלס און שטעט"

דער אונטער־טיטל פון מאַרקוס פּאַרישעווסקים בוך — אַ באַשרייבונג פון אַ רייזע, — פירט אַוועק אונדזער געדאַנק צו אַן אַלטן ליטעראַרישן זשאַנער, וואָס ציט זיין יחוס נאָך פון דעם ערשטן היסטאָריקער העראָדאָט, וואָס האָט באַשריבן זיינע רייזעס איבער דעם נאָענטן מזרח, איבער צור און מצרים, איבער אשור און בבל, פּרס און מדי און איבער די באַלקאַן־לענדער און האָט מיט זיינע באַשרייבונגען געלייגט דעם גרונדשטיין פון דער געשיכטע־שרייבונג; ער פירט אַוועק אונדזער געדאַנק צום יידישן רייזנדן בנימין פון טאָלעדאָ, וואָס האָט אין זיין ספר „מסעות של ר' בנימין" באַשריבן דעם לעבנסשטייגער פון די יידן אינעם נאָענטן מזרח און אין מזרח פון אייראָפּע פון זיין צייט, דער צוועלפטער יאָרהונדערט; צו מאַרקאָ פּאָלאָ, וואָס האָט אינעם דרייצנטן יאָרהונדערט באַקאַנט געמאַכט די אייראָפּעער מיט דעם לעבנסשטייגער פון כינע און יאַפּאַן... באַזונדערס אָבער, דערמאָנט ער אונדז — צוליב דעם לאַנד, וואָס ער באַשרייבט — די רייזע־באַשרייבונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, ווען באַטייליקטע אין די ערשטע עקספּעדיציעס קיין אַמעריקע, מענטשן געניגטע צו אַוואַנטורע, האָבן, אַהיימקומענדיק, דערציילט פאַר שרייבער אָדער אַליין באַשריבן די עקזאָטישע מענטשן און זייערע פירונגען אין די ווייטע לענדער, ווי אויך די אייגענע איבערלעבונגען און די פּאַסירונגען, וואָס האָבן מיט זיי געשען צווישן די ווילדע מענטשן.

די אַלע באַשרייבונגען פון די לענדער און זייערע באַוווינער האָבן קיינמאָל נישט גענאָסן דעם פולן צוטרוי פון דער וויסנשאַפט. אין די רייזנדיקע האָט מען, אַדאַנק זייער געניטקייט צו אַוואַנטורע, געזען מערסטנס בעלי־גוזמא, פאַנטאַסטן, וואָס מיט זייער גאַנצער אָרנטלעכקייט, האָבן די זאַכן געמיזט אויסזען אין זייערע אויגן פאַרגרעסערט, לעגענדאַריש און פאַבלהאַפטיק.

מאַרקוס פּאַרישעווסקי האָט דאָס פאַרשטאַנען, ער האָט געוווּסט, אַז ווי געטריי ער זאָל נישט זיין צו דעם אמת, און ווי געצוימט ער זאָל נישט זיין ביים איבערגעבן זיינע איינדרוקן און שילדערן די מאַיעסטעטישקייט פון די אַנדן־בערג, און די פאַרביקייט און די עקזאָטישע באַוווינער זייערע, וועט מען אים חושד זיין אין גוזמאות און פאַנטיסטישקייטן. האָט

ער זיך באַוואָרנט קעגן דעם מיט דער פּינקטלעכקייט פון זיינע געאָגראַפישע און עטנאָלאָגישע דאַטעס, וואָס ער האָט קאָנטראָלירט ביי אויטאָריטעטן אין די דאָזיקע ענינים. ער גרענעצט זיך אָפּ פון דער פאַנטאַסטישקייט מיט דער איראָני־שער באַמערקונג זיינער אויפן חשבון פון מנשה בן ישראל, וואָס האָט געהאַלטן די אַצטעקן פון מעקסיקע פאַר די אוראייניק־לעך פון די עשרת השבטים, אָדער וויי־ניקסטנס פאַר די יורשים פון זייער קול־טור און אויפן חשבון פון דעם מאַראַן מאָנטעסינאָס (אהרון הלוי ספרדי), וואָס האָט דערציילט אין אַמסטערדאַם, אַז ער האָט אין די קאָרדיליערן געהאַט אַ באַ־געגעניש מיט אינדיאַנער, וואָס פירן אַ יידישע מלוכה און אַלס סימן, האָבן זיי אויסגערופן „שמע ישראל" און האָבן אָנ־גערופן די נעמען פון די אבות אברהם, יצחק און יעקב... פּאָרט אַ ייד אין די קאָרדיליערן, באַמערקט איראָניש פאַרי־שעווסקי, חלומען זיך אים די עשרת השבטים וואָס הינטער די הרי חושך...

מאַרקוס פאַרישעווסקי איז, אגב, גע־פאָרן איבער די בערג און טאָלן און וויל־דענישן פון פּערו און אירע שכינותדיקע לענדער אין אונדזער רעאַליסטישער צייט, וואָס איר איז דערווידער יעדער פאַרשלייערונג פון די פאַקטן און ער, אַלס רעאַליסט, באַמיט זיך אויך די גע־זעענע זאַכן אויסצוטון פון זייערע מיס־טישע שלייערס.

אויב די זאַכן קומען פאָרט אַרויס ביז גאָר אויסטערליש, איז עס דער ריינער אמת פון זייער אויסטערלישקייט, פון זייער עקזאָטישקייט.

גערייזט האָט פאַרישעווסקי נישט צו־ליב שרייבערישע צילן און אויך נישט צוליב אַוואַנטורעס. די אַוואַנטורעס אויף זיין וועג רייסן זיך אַריין בעת זיינע וואַנ־דערונגען קעגן זיין ווילן, אַרויסגעקומע־נע פון די אומשטענדן און פון דער אויס־טערלישער ווירקלעכקייט גופא. אַזאַ איז די סענטימענטאַלע און טראַגישע אַוואַנ־טורע זיינע מיט דעם אינדיאַנער מיידל סורוהאַלפּאַ, וואָס פאַרנעמט אַ זייער אָנ־געזעען אָרט אין דעם בוך.

אַרומגעפאָרן איז דער מחבר פון דעם בוך איבער די שטעט און שטעטלעך פון די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער פאַר־שפרייטן צווישן די עלעמענטאַרע און מיטלשולן פאַר מיידלעך אַ נייע האַנט־אַרבעט, בייוול־שטריקעריי, און דאָס וואָס ער האָט אויף זיין רייזע געהערט און געזען, האָט אים טיף פאַראינטערע־סירט. אַזוי נאָענט האָט ער געפילט דאָס אויסטערלישע לעבן וואָס אַרום אים, אַז ער איז שיר נישט אַליין דערין אריינגע־צויגן געוואָרן אויף שטענדיק, באַוויגן פון זיינע סענטימענטן פאַר עכטקייט און גערעכטיקייט. געזען האָט ער נישט נאָר די אַלטע אַרבעטזאַמע אַמעריקאַנישע ראַסן אונטערדריקטע, פאַרפאָלגטע און עקספּלאָאַטירטע פון דעם הערשזיכטיקן און אינקוויזיטאָרישן ווייסן מענטש; אויך די עולות וואָס ווערן באַגאַנגען פון די מינען־מאַגנאַטן קעגן דעם רייכן מיט מעטאַלן־אינגעווייד פון די אייביקע שניי־בערג, רירט אים.

דער מחבר איז גאָרנישט קיין גלייכ־גילטיקער צושויער פון דעם גאַנצן אינ־דיאַניש־שפּאַניאָלישן געמיש, דעם פיזישן און דעם גייסטיקן; אָנהויבנדיק פון דער מישלינג־יעראַרכיע, וואָס גייט דורך די גאַנצע פאַרבן־גאַמע צווישן דעם עכטן אינדיאַנער, וואָס איז שטאָלץ אויף זיין שטאַם און טראַדיציע, ביז דעם ריינעם נישט געמישטן אָפּשטאַם פון די אריינ־דרינגער, די שפּאַנישע שווערד און צלם־טרעגער און ענדיקט זיך מיט דעם געמיש פון דער אינדיאַנישער אַסטראָלאָגישער מיטאָלאָגיע און רעשטן פון בלוטיקן קרבנות־קולט מיט די קריסטלעכע גלוי־בונגען און טעאַטראַלישן גאָטעסדינסט. וואָס אין פּערו איז פאַרפּלייצט דערמיט. אויך צו יידן, וואָס מ. פּאַרישעווסקי האָט אָנגעטראָפן אין די פּערואַנער שטעט צווישן די בערג — נישט פון די עשרת השבטים, נאָר בעסאַראַבער און פּוילישע, קוענטעניקעס און טמאים, להבדיל, אַרויפגעאַרבעטע און זייערע קרבנות, באַציט ער זיך נישט גלייכגילטיק. און אַזוי אויך צו יחידים יידן, וואָס זענען אַוועק צום קלויסטער, זוכן אין אים אַ רו פאַר זייער געפייניקטער נשמה און זענען אַריינגעפאַלן אינעם ווייערד־טשאַד און ראַנגלען זיך אין אים מיט דער טראַגי־שער ראַנגלעניש פון די פליגן אינעם שפּינוועבס.

און אַז מיר פאַרענדיקן לייענען דעם בוך אונטער די קלאַנגען פון פיינלעך־שטורמישן אינדיאַנישן געזאַנג בעת אַ לויה אין די וואָלקנס צווישן די בערג, האָבן מיר דעם איינדרוק, ווי מיר וואָלטן געהאַט פאַר זיך אַ לעבעדיקע, ביז פּינקט־לעכקייט, רייכפאַרביקע און פאָלקלאַנגיקע פּאַנאָראַמע פון דעם שפּאַניש־אינדיאַנישן קאָרדיליערן־לאַנד פּערו פון ערשט מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק.

יעקב באַטאַשאַנסקי

פון מענדעלעס „בנימין דער דריטער״, ביז מאַרקוס פּאַרישעווסקיס „צווישן ווילדע און ציוויליזירטע״

מאַרקוס פּאַרישעווסקיס „צווישן וויל־דע און ציוויליזירטע״, האָט אַזאַ אונטער־טיטל: „אַ באַשרייבונג פון אַ רייזע איבער פּערואַנער בערג און וועלדער צווישן ציוויליזירטע ישובים און אינדיאַ־נער שבטים״. דער דאָזיקער לאַנגער טיטל שטרעבט צו וויסנשאַפטלעכער פּינקט־לעכקייט און ער דערציילט אונדז, אַז דער מחבר וויל אונדז פאַרזיכערן, אַז דאָ האָבן מיר נישט פאַר זיך קיין אויסגע־טראַכטע מעשׂהס, נאָר אַ גענויע וויסנ־שאַפטלעכע באַשרייבונג.

צו אָט דעם לאַנגן טיטל, קומט נאָך צו אַן „אַריינפיר״ פון פּ. קאַץ, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז דער מחבר האָט געוווּסט אַז מען וועט אים חושד זיין אין

גוזמאות און פאַנטאַכטישקייטן און ער האָט זיך באַוואָרנט קעגן דעם מיט פּינקטלעכקייט פון זיינע געאָגראַפישע און עטנאָגראַפישע דאַטעס, וואָס ער האָט קאָנטראָלירט ביי אויטאָריטעטן אין די דאָזיקע ענינים.

קומט דאָך שוין אויס, אַז מיר האָבן פאַר זיך שיר נישט אַ וויסנשאַפטלעך ווערק. טאָ זאָל מיר באַלד ביים אָנהייב דערלויבט ווערן צו באַמערקן, אַז אויב איר ווילט טאַקע גוט קענען די דאַטן און וויסנשאַפטלעכע גענויקייט פון פּערו, בכלל און פון די פּערואַנער בערג און וועלדער, זאָלט איר זיי זוכן אין געאָגראַפישע ביכער און ענציקלאָפּעדיעס. ביי מאַרקוס פּאַרישעווסקי זאָלט איר זוכן דעם קאָליר פון די פּערואַנער בערג, וועלדער און דעם ריטם און דעם אָטעם פון דאָרטיקן לעבן, דעם טרויער, די פרייד און די בענקשאַפט פון יענעם לעבן און דעם געראַנגל פון די אָרטיקע „ווילדע" מיט די פרעמדע ציוויליזאַטאָרס. און אויב איר וועט אָט דאָס אַ זוך טון, וועט איר עס געפינען...

קלאָר גערעדט. מאַרקוס פּאַרישעווסקיס ערשטלינג „צווישן ווילדע און ציוויליזירטע" איז אַ בוך, וואָס האָט אַ שייכות נישט מיט וויסנשאַפט, נאָר מיט ליטעראַטור; ס'איז אַ זשאַנער, וואָס מוז נישט זיין פּינקטלעך, נאָר מוז זיין שיין. און שיינקייט האָט זיך זיין אייגענעם אמת. אַז די אַלע באַוואָרענישן פון מחבר און פון דער הקדמה זענען נישט נייטיק: דאָס דאָזיקע בוך דאַרף מען נעמען אויף דער שיינקייט־פּראָבע, מ'דאַרף זען, צי עס ווירקט און עמאָציאָנירט, און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז יאָ, איז עס גוט!...

אייגנטלעך, איז „צווישן ווילדע און ציוויליזירטע" נישט אַ „רייזע־באַשרייבונג", נאָר אַ געקייטלטע סעריע רייזע־איינדרוקן. דער חילוק צווישן אַ רייזע־באַשרייבונג און רייזע־איינדרוק איז, דאַכט מיר, זייער קלאָר. אַ רייזע־באַשרייבונג קען פּרעטענדירן אויף וויסנשאַפטלעכקייט און פּינקטלעכקייט. בעת רייזע־איינדרוקן זענען סוביעקטיוו און זיי מוזן נישט איבערגעבן קיין דאַטן, נאָר זיי דאַרפן איבערגעבן די פּערזענלעכע איינדרוקן פון מחבר. און ס'איז דאָך קלאָר, אַז יעדער שרייבער האָט אַן אַנדער קאָליר אין די אויגן און אַנדערע געפילן אין האַרץ און ער זעט און פילט די זאַכן אַנדערש ווי אַן אַנדערער.

אייגטלעך איז „צווישן ווילדע און ציוויליזירטע" נישט נאָר אַ קייט פון רייזע־איינדרוקן, נאָר אַ געמיש פון אַ ראָמאַן, מיט רייזע־איינדרוקן. וואָרום רייזע־איינדרוקן מוזן דאָך נישט האָבן קיין ספּור־המעשה וואָס ציט זיך פון אָנהייב ביזן סוף. בעת „צווישן ווילדע און ציוויליזירטע" האָט יאָ אַזאַ ספּור המעשה.

און ווען איר ווילט גאָר איז מאַרקוס פּאַרישעווסקיס ערשטלינג אַ „מעשה נורא", אַ פאַנטיסטיש שרעקלעכע מעשה, וואָס איז מוראדיק פאַנטאַסטיש אַפילו ווען זי איז אמת. און ווען ער האָט געוואָלט געבן דעם בוך אַ דורכאויס אמתדיקן און אויסשעפּנדיקן אונטערטיטל, האָט ער אים געדאַרפט אַזוי אָנשרייבן:

„אַ מעשה נורא וועגן דעם ווי אַזוי אַ יידישער יונגערמאַן איז געפאָרן דורך באָליוויע קיין פּערו לערנען מיט די מיידלעך פון די עלעמענטאַר־שולן אַ נייע האַנט־אַרבעט פון בייוול־שטריקעריי און ווי אַזוי ער איז געקומען אין אַ קאָנוועגט, וווּ דער פּריאָר איז געווען אַ ייד, וואָס האָט גערעדט לשון קודש און ער האָט מורא געהאַט צו רעדן יידיש, און ווי אַזוי ביים אַוועקפאָרן פון דאָרט האָט אים אַ גלח געוואָלט דערהרגענען און ווי אַזוי דאָס שיינע אינדיאַנער־מיידל סורוהאַלפאַ, וואָס האָט געשטאַמט פון דייטשן, האָט אים געראַטעוועט און זי האָט זיך דערפאַר פאַרליבט אין אים, און די גאַנצע משפחה האָט געפּראַבעוועט אַ חתונה. און ווי אַזוי דער יידישער יונגערמאַן איז דערנאָך געפאָרן מיט זיין אינדיאַנער ווייבל איבער בערג צום ווולקאַן מיסטי און זי האָט אים דאָרט ווידער געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט און ווי אַזוי אַ קאָנדאָר (אַ ריזיקער אָדלער) האָט אויסגעכאַפּט דאָס ווייבל און אַ היציקער איטאַליענער האָט געשאָסן אויפן קאָנדאָר און דערשאָסן דאָס ווייבל. און נאָך אַ סך חידושים, וואָס קיין אויג האָט עס נישט געזען און קיין אויער האָט עס נישט געהערט".

אָט אַזאַ אונטערטיטל וואָלט מער געשטימט מיט דער וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט און ער וואָלט גענויער איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון בוך.

זאָל מען מיך דאָ נישט שלעכט פאַרשטיין! איך וויל נישט זאָגן, אַז דאָס אַלץ וואָס מאַרקוס פאַרישעווסקי דערציילט איז נישט אמת. איך וויל זאָגן, אַז כאָטש כ'איז אמת איז עס דאָך פאַנטאַסטיש. און פאַנטאַסטיש איז נישט נאָר דאָס פאַנטאַסטישע, נאָר אויך דאָס רעאַלע. דער גרויסער טייך טיטיקאַקאַ, וואָס איז אייגנטלעך אַ מין ים, וועלכער געפינט זיך טויזנטער מעטער הויך איבער דעם ים־ניוואָ, איז פאַנטאַסטיש. די אַלע בערג און טאָלן און שוין אַוודאַי דער ווולקאַן מיסטי און דער גאַנצער וועג צו אים און די „מערת המכפלה", וווּ עס ליגן באַגראָבן די אינדיאַנישע הייליקע, זענען אַוודאַי און אַוודאַי פאַנטאַסטיש. די חתונה פון אונדזער אַ היימישן יונגנמאַן מיט אַן אינדיאַניש מיידל, וואָס איז אַ מישלינג, איז פאַנטאַסטיש. און זי ווערט נאָך מער פאַנטאַסטיש ווען מען לייענט זי און מען באַקענט זיך מיט איר משפּחה, וואָס באַשטייט פון אַזעלכע מענטשן, וועלכע נישט נאָר זיי קנאַקן לייז מיט די ציין, נאָר זיי עסן זיי אויף. די פאַרזאַמלונג פון די גלחים אין קאָנוועגט בעת דעם מיטיק לכבוד דעם גאַסט איז פאַנטאַסטיש. גלחים פון אַלע פעלקער און שפּראַכן און דער פּריאָר איז אַ ייד. איך וואָלט געזאָגט: אַ פינפטער אינטערנאַציאָנאַל. די עצם מעשה איז פאַנטאַסטיש; סורוהאַלפאַ, דער וווּנדערלעכערגעמיש פון ווילדע און ציוויליזירטע מענטשן און דער נאָך מער וווּנדערלעכער געמיש פון חיה און מענטש, סורוהאַלפאַ, וואָס דערפילט אַ געפאַר פון אַ מייל די וויט און אַ שעה פאַראויס און וואָס האַלט אין איין ראַטעווען אַנדערע, קומט אַליין אום פון דעם וואָס אַ קאָנדאָר

כאַפּט זי און אַן איטאַליענער דערשיסט זי. סורוהאַלפּאַ פּילט אויך דאָס מאָל פאַראויס די סכנה, וואָס לויערט אויף איר און איר גלוסט זיך נישט פאָרן צום ווולקאַן מיסטי, און זי דערפילט טאַקע אויך די געפאַר פון די קאָנדאָרס, אָבער זי קומט דאָך אום.

אָבער אויך דאָס רעאַלע איז דאָ פאַנטיסטיש! דער העלד אַליין איז דאָך שוין נישט קיין פאַנטאַסטישער, ער איז דאָך אונדזערס אַן אייגענער, ער איז דאָך אַ יידישער יונגערמאַן פון פוילן (ווען ער האָט געמאַכט די דאָזיקע רייזע, איז ער נאָך געווען גאָר יונג און היינט איז ער נאָך אויך חלילה נישט אַלט) און דאָך איז ער אַ פאַנטאַסטישער. ער רעדט נישט נאָר די מערסטע אייראָפּעישע שפּראַכן, נאָר אויך עטלעכע אינדיאַנישע שפּראַכן. און ער איז אַ מענטש מיט אייזערנע מוסקולן און מיט אַן אַטלעטישער ברוסט. (און ס'איז טאַקע אמת, מיר קענען דאָס פּערזענלעך באַשטעטיקן. אין גאַנץ בוענאָס איירעס איז פאַראַן נאָר איין ייד, וואָס קען אַזאַ דרוק טון די האַנט ווי מאַרקוס פּאַרישעווסקי...) און ער האָט נישט קיין שוואַרצע האָר און ברענענדיקע אויגן, נאָר בלאָנדע האָר און מילדע, בלויע שויבן־אויגן...

אָט ווי איר זעט, איז דאָ אַלץ פאַנטאַסטיש, אויך דאָס רעאַלע. און דערפאַר איז עס טאַקע אַטעם־פאַרכאַפּנדיק! מיר האָבן ביז נישט לאַנג געהאַט אַ ליטעראַטור, וואָס האָט זיך קוים אַ ריר געטון איבער דער גרענעץ פון שטעטל. ווי לאַנג איז אונדזער רייזנדער געווען מענדעלעס בנימין דער דריטער. און ווען בנימין דער דריטער איז אָנגעקומען ביז צום עק פון שטעטל, האָט ער געמיינט, אַז ער איז שוין אין עק וועלט. און ווען ער איז צוגעקומען צום טייכל פון שטעטל, האָט ער געמיינט, אַז ער איז שוין ביים סמבטיון און מאַרקוס פּאַרישעווסקי איז געפאָרן קיין אַרעקיפּאַ ביז צום סאַמע מיסטי און ער איז געווען אין דער אינדיאַנער מערת המכפלה, און ער האָט לחלוטין נישט געפילט, אַז ער איז אין עק וועלט...

מרדכי אַלפּערזאָן האָט געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג מיט זיין ערשטן בוך „30 יאָר אין אַרגענטינע" (מעמוארן פון אַ יידישן פּויער) ווייל ער האָט אריינגעבראַכט אומגעהייערע עקזאָטיק און פאַנטאַסטיק אין אַ ליטעראַטור, וואָס איז מוראַדיק רעאַליסטיש. און מאַרקוס פּאַרישעווסקיס ערשטלינג איבערשטייגט טויזנטפאַכיק אַלפּערזאָנס דערמאָנטן ווערק אין פאַנטאַסטיק און עקזאָטיק. אוודאי האָט אַלפּערזאָנס בוך דעם קולטור־ווערט פון זיין דער „בראשית" פון אַ ישוב. אָבער אויך מאַרקוס פּאַרישעווסקיס בוך האָט אַ קולטור־ווערט. עס באַקענט דעם מענטש, דעם יידישן לייענער מיט דער איינגאַרטיקער נאַטור און מיט די עקזאָטישע איינוווינער פון פּערו, וואָס איז נאָך מעקסיקע דער וויכטיקסטער צענטער פון אינדיאַנישער ציוויליזאַציע און קולטור אין אַמעריקע. יידן דאַרפן דאָך קענען נישט נאָר זיך אַליין נאָר אויך די וועלט. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אין דעם בוך פון כמעט 300 זייטן זענען

אויך פּאַראַן זייער אַ סך פון פּערו. פּאַראַן די נאַטור מיט אַלע אירע צויבערקייטן און ווילדקייטן. און פּאַראַן די קריסטאַלכע פּאַלשע וועלט און די ציוויליזירטע רויב־פייגל און די פּרימיטיווע אינדיאַנישע מענטשן, וואָס זענען אויפריכטיק און האַרציק, הילפלאָז און חיהש פון וועלכע עס שמעקט, כאָטש עס אַווירט פון זיי און וועלכע זינגען, כאָטש זיי גרילצן. און פּאַראַן אויך אינדיאַנער מיטאָלאָגיע. מיט איין וואָרט: פּאַראַן אַ סך פון דעם, וואָס איז אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט פאַר יונגע און פּאַראַן אויך שטאָף, וואָס קען זיין אינטערעסאַנט פאַר קינדער (מען דאַרף נאָר אויסמיידן דאָס עראָטישע) און וואָס דערוואַקסענע דאַרפן אויך וויסן.

„צווישן ווילדע און ציוויליזירטע", איז אויסערגעוויינלעך פּאַרכאַפּנדיק. אַז מען הייבט עס אָן צו לייענען, קען מען עס נישט אַוועקלייגן. און דאָך כאַפּט מען איבער אין מיטן אָפּט דעם אָטעם און מען שטעלט זיך אָפּ אויף באַזונדערע קאַפּיטלען און מען לייענט זיי איבער נאָך אַ מאָל און מען באַוואונדערט זייער שיינקייט, קראַפט און צומאָל זייער פיינע איראָניע.

דאָס קאַפּיטל „אויף אַ פרומען וואָגן", איז באמת אַ מייסטערהאַפט אָנגעשריבענע זאַך. פּאַראַן דאָ דער פלאַפּלער דער פּראָווינציעלער דעפּוטאַט, דער עראָטאָמאַנישער פּאַלשער גלח און די האַלב־ציוויליזירטע דאַמען און דער גאַנצער אָטעם פון דער עקזאָטישער סביבה. און פּאַראַן אַן איראָניע וואָס דערמאָנט אין יאַנאַטאַן סוויפט.

אויב נאָמבערג האָט מרדכי אַלפערזאָנס „דרייסיק יאָר אין אַרגענטינע" אָנגערופן „דער יידישער ראָבינזאָן קרוזאָ", וואָלט מען מאַרקוס פּאַרישעווסקי אפשר געמעגט אָנרופן — דער יידישער רוידיאַרד קיפּלינג. אָבער עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז פּאַרישעווסקי האָט נישט קיפּלינגס פּאָעטישקייט. ער האָט אַ סך מער סוויפטס נייגונג צו איראָניע און סאַטירע; אָבער דאָ און דאָרט מאַלט זיך אַרויס דאָס פּאָעטישע וואָרט און דאָס פּאָעטישע בילד, ווייל די זאַכן און די מענטשן אַליין זענען פּאָעטיש...

פון מענדעלעס בנימין דער דריטער ביז מאַרקוס פּאַרישעווסקים איז פאָלג מיך אַ גאַנג. און ס'איז טאַקע דער גאַנג, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין די לעצטע דרייפערטל יאָרהונדערט. מיר זענען צוגעקומען צו די הרי־חושך און צום סמבטיון און ס'איז נאָך אַלץ נישט עק וועלט...

די שפּראַך פון מאַרקוס פּאַרישעווסקים בוך איז אָן אָפּגעהיטע, אַ געפּערלטע. דאָ און דאָרט כאַפּט זיך אַרויס אַן אומנויטיקער לאָקאַליזם. דאָס וואָרט „פּרימיטיוו" נוצן מיר אין יידיש פאַר די דאָזיקע, וואָס זענען היינט אורשפּרינגלעך, בעת דער מחבר רופט אָן דאָס אורשפּרינגלעכע גופא „פּרימיטיוו", אַזוי ווי אין שפּאַניש. אָבער אַזעלכע לאָקאַליזמען זענען פּאַראַן ווייניק, בכלל איז די שפּראַך אַ סינטעז פון וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט און זאַפטיקייט און דאָס גאַנצע בוך גיט צו קלאָריט דער אַרגענטינער יידישער ליטעראַטור!

ד״ר ל. זשיטניצקי

מארקוס פארישעווסקי און זיינע „דזשונגלס און שטעט״

ביי די אומות איז דער מין לעקטור זייער אנטוויקלט, אבער ווייניקער און כמעט אינגאנצן נישט ביי יידן. דעריבער געווינען אינטערעס די צוויי ביכער פון מארקוס פארישעווסקי „דזשונגלס און שטעט״, רייזע־באשרייבונגען פון די לאטיין־אמעריקאנער לענדער. מען געפינט זיי אין ענגליש און אין פראנצויזיש און אין דייטש. אין דייטש זענען באזונדערס בארימט די ווערק פון לעא קאץ, א דייטש־יידישער שרייבער וועמענס בארימט ווערק וועגן לאטיין־אמעריקע: „היילן, פרויען און קאקאין״, האבן געמאכט א גוואלדיקן רושם, ווייל האט אנטדעקט פאר דער וועלט יענץ לאטיין־אמעריקע, וואס נישט אלע קענען עס זען.

מארקוס פארישעווסקי, נאטירלעך, גייט נישט אינעם וועג פון לעא קאץ. ער ווייזט פאר דער יידישער וועלט נאר דאס לאטיין־אמעריקע, וואס מען קען אויפנעמען מיטן אויג. עס איז דאס לאטיין־אמעריקע אינעם זען־בילד און ער מאכט עס אויף א זייער פיינעם אופן, דערציילעריש און נישט נאר באשרייבעריש; כמעט איבעראל באמיט זיך מארקוס פארישעווסקי צוזאמען מיט מענטש אויך געבן בילד. און דאס בילד דינט צום מאכן דאס דערציילטע שענער און קלארער. און נאר אזוי געזען, מיט אפענע אויגן און הערנדיק אויער, דרינגט אריין אינעם דערציילערישן אויך דער סאציאלער מאמענט, אויסגעדריקט דורך פארשידענע עפיזאדן און צוזאמענטרעפן, וואס דער מחבר גיט איבער...

אזא איז די פארעם פון דיביידע בענד וואס לייענען זיך ווירקלעך מיט א פארכאפטן אטעם און אויסערט אינטערעסאנט. א סך העלפט אים ארויס דער נאראטיווער סטיל, דאס דערציילערישע און באזונדערס די פאלקסטימלעכקייט פון דער שפראך. א דאנק דער שפראך געווינט דאס דערציילטע אוממיטלבארקייט, אבסאלוטע נאטירלעכקייט, ווי מען זאל עס ווירקלעך זען מיט אייגענע אויגן.

און ווי געזאגט, עס וועט נישט זיין ריכטיק און אויך נישט אויפן ארט די צוויי בענד פארישעווסקיס „דזשונגלס און שטעט״ נעמען אונטער א לופע פון ליטעראטור־קריטיק, — עס וועט זיין ווי א טרעפן מיט א פינגער אין הימל אריין און נישט אנווייזן אויפן באדייט און ארט וואס די ביכער דארפן פארנעמען און פארשטעלן פארן יידישן לייענער. פארן יידישן לייענער איז ביז גאר וויכטיק צו באקענען זיך מיט אזעלכע ווערק — עס גיט א געלעגנהייט צו דערפארן א סך אומבאקאנטע זאכן, מסוגל צו באַרייכערן דאס מענטשלעכע וויסן און פאנטאזיע. דעריבער רעקאמענדירט מען מיט א פולן

געוויסן צו לייענען מאַרקוס פאַרישעוו־סקיס „דזשונגלס און שטעט". דער לייענער וועט פון דעם האָבן אַ גרויסע הנאה, דורכן אַנטפּלעקן פאַר אים אַ וועלט פון אינטערעסאַנטער פאַנטאַסטיק און ממש פאַרכאַפּנדיקער נאַטור־שיינקייט.

יצחק וואַרשאַווסקי (באַשעוויס)

אינטערעסאַנטער בוך פון אַן אומבאַקאַנטן שרייבער

זעלטן, זייער זעלטן דערשיינט ביי אונדז אַ גוט בוך.

ס'זענען פאַראַן פיל אורזאַכן. ערשטנס איז אַ גוט בוך אַ זעלטנקייט ביי אַלע פעלקער. די מערסטע שרייבער האָבן נישט וואָס צו זאָגן און אפילו נישט צו דערציילן. די מערסטע גיבן זיך נישט די מי, אַז זייער ווערק זאָל אַרויסקומען גוט. זיי האָבן נישט קיין געדולד צו אַרבעטן לאַנג ביי אַ ווערק.

עס פעלט אָפט אַריין אין די הענט פון לעזער לידער, וואָס עס קלעפּט זיך ממש נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. דער שרייבער האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן און ער האָט זיך געלאָזן אויפן וועג פון פלעכטן גראַמען גלאַט אין דער וועלט אַריין. דערביי מאַכט ער נאָך דעם אָנשטעל, אַז זיינע ווערטער זענען פול מיט סודות, פול מיט טיפקייטן, וועלכע בלויז געציילטע קאָנען פאַרשטיין.

עס פעלט אָפט מאָל אַריין אין די הענט אַ ראָמאַן, אָדער דערציילונגען, וווּ די געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט, איז לאַנגווייליק. די כאַראַקטערן זענען קיין כאַראַקטערן נישט, די האַנדלונג קלעפּט זיך נישט. איר פילט, אַז דער שרייבער האָט זיך געמאַטערט מיט אַלע כוחות צו באַדעקן דאָס פּאַפּיר מיט טינט. דער לייענער פרעגט אָפט: וואָס איז דער זין פון דעם, צו וואָס האָט מען דאָס באַהאַרפּט אָנשרייבן, אָפּדרוקן, פאַרשפּרייטן? און ער קומט צום אויספיר, אַז עס איז איינפאַך אַ רעזולטאַט פון דעם שרייבערס אַמביציע צו האָבן נאָך אַ בוך. דער שרייבער האָט זיך אַליין פאַרגוואַלדיקט, קען מען זאָגן.

דאָס טרעפט — עס האַלט אין איין טרעפן — סיי אין דער יידישער ליטעראַטור, סיי אין אַלע אַנדערע ליטעראַטורן.

צווייטנס, איז ביי אונדז יידן די לאַגע ספּעציעל אַ טרויעריקע. קיין נייע שרייבער קומען נישט צו. עס זענען פאַראַן ווייניק לייענער. עס זענען איצט נישטאָ קיין פאַרלעגער, און שרייבער ווערן נישט דערמוטיקט. אַ גאַנצע ריי מענטשן, וועלכע זענען פאַקטיש נישט קיין שרייבער, גיבן אַרויס ביכער אויף זייער אייגענעם חשבון, און דער לייענער פאַלט אָפט אַריין און קויפט ביכער, וועלכע זענען לאַנגווייליק אָדער גאָר עם־האַרצ'יש.

עס איז דאָ נאָך אַ צרה: כאָטש עס דערשיינען ביי אונדז זייער ווייניק ביכער, האָבן זיי נישט קיין אָפּקלאַנג. אין די יידישע צייטונגען דערשיינט נישט אָפט אַ קריטיק איבער אַ בוך. עס זענען פאַראַן אַ סך אויטאָרס, וואָס זייערע ביכער האָט מען אינגאַנצן נישט באַמערקט. די יידישע ליטעראַטור איז אַ קליין וועלטל, אָבער אין אָט דעם קליינעם וועלטל ווערן מענטשן פאַרלוירן. אין פיל ענגלישע צייטונגען דערשיינט יעדן טאָג אַ רעצענזיע, אַ קריטיק איבער אַ בוך, אָדער עטלעכע ביכער. ביי אונדז איז אָט דער מנהג נישט איינגעפירט.

מיר מאַכן אָט־די הקדמה כדי אָנצוזאָגן, אַז אַ גוט בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן, און גראָד נישט פון קיין פּראָפעסיאָנעלן שרייבער, נאָר פון אַן איינפאַכן מענטש...

דער פּראָפעסער הייסט מאַרקוס פּאַרישעווסקי, און וווינט אין אַרגענטינע. זיין בוך הייסט: „צווישן ווילדע און ציוויליזירטע". עס איז אַ באַשרייבונג פון אַ רייזע איבער דעם לאַנד פּערו, דרום־אַמעריקע. די רייזע האָט דער פּראָפעסער געמאַכט אין יאָר 1922. אַ געשעפט־הויז, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַ נייעם סאָרט האַנט־שטיקערייען, האָט געשיקט דעם פּראָפעסער אַלס אַגענט ער זאָל פאַרשפּרייטן די שטיקערייען און לערנען די באַפעלקערונג פון פּערו ווי אַזוי אַליין צו וועבן. דאָס געשעפט האָט וואַרשיינלעך אַזוי אַרום געוואָלט פאַרגרעסערן דעם עקספּאָרט פון קאַטאָן, בוימוואָל און זייד.

פּאַרישעווסקי האָט געמאַכט די רייזע מיט עטלעכע צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק. ער איז אויסגעוואַנדערט אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף די הויכע בערג און אַראָפּגענידערט אין טיפע מאַינס (טאָלן). דער שרייבער רעדט נישט בלויז שפּאַניש, נאָר אויך אַ צאָל אינדיאַנישע דיאַלעקטן. ער איז, ווי מען זעט, פון דעם בוך, נישט בלויז אַ טאַלאַנטירטער מענטש, נאָר אויך אַ געבילדעטער.

דער באַריכט פון זיין רייזע, וואָס פאַרנעמט קנאַפּע דריי הונדערט זייטן, איז נישט גלאַט עפּעס אַ רייזע־באַשרייבונג, נאָר אַ קונסט־ווערק אין פולן זין פון וואָרט. די פּאַסירונגען זענען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז דער לייענער ווערט אַריינגעצויגן און קאָן פאַר קיין פאַל נישט אוועקלייגן דאָס בוך, ביז ער ענדיקט עס נישט. די בילדער וואָס דער שרייבער מאָלט, זענען איינפאַך פאַרכאַפּנדיק. איר דערזעט דורך דעם בוך נישט בלויז דאָס לאַנד פּערו, נאָר גאַנץ דרום־אַמעריקע. אַ גאַנצע וועלט אַנטפּלעקט זיך פאַר דעם לייענער, אַ וועלט אַ ווילדע, אַ גרויזאַמע, אַ געמיש פון קאַטוילישן פאַנאַטיזם און אינדיאַנישער ווילדקייט; אַ וועלט ווו אינדיאַנער גייען אַרום נאַקעט, שפּילן זיך מיט שלאַנגען און עסן זייערע אייגענע פּאַראַזיטן. איר לייענט דאָס בוך און איר קאָנט זיך קוים גלויבן, אַז מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק האָט עקזיסטירט אין אונדזער אַמעריקע אַזאַ ווילדקייט, אַזאַ געדיכטע פינצטערניש. עס איז נישטאָ פאַר דעם

לייענער קיין צווייפל, אַז דאָס לעבן דאָרט איז היינט נישט אַ סך מער ציוויליזירטער, ווי עס איז געווען אין יענער צייט.

עס איז אַ ווילדקייט פון אַ ספּעציעלן סאָרט.

ווען מען שרייבט וועגן ווילדע שבטים אין אַפריקע אָדער אין אויסטראַליע, האָט מען צו טון מיט מענטשן, וואָס האָבן איבערהויפּט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון ציוויליזאַציע. גאַנץ אַנדערש איז אין פּערו. דאָ זענען די דזשאָנגלס און די ציוויליזאַציע צונויפגעמישט. אָט פאָרט פאַרביי אַן אויטאָמאָביל און אָט גייט פאַרביי אַ נאַקעטער אינדיאַנער־מענטש; אָט זעט איר אַ שלאָס, וואָס איז געבויט געוואָרן פון אַ באַרימטן אַרכיטעקט, און אָט באַלד דערנעבן שטייען הייזלעך פון בלאָטע און עס לעבן דאָרט אויך מענטשן, וואָס וואַשן זיך קיינמאָל נישט. דערביי מוז מען זאָגן, אַז ווילד זענען נישט בלויז די אינדיאַנער, נאָר אויך די ווייסע, ביי וועלכע פאַנאַטישע פרומקייט גייט צוזאַמען מיט דער עקלהאַפטסטער אויסגעלאַסנקייט. פון דעם בוך זעט מען אויך, אַז כאָטש אין פּערו, באָליוויע און אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער זענען דאַן געווען ווייניק יידן, האָט דער אַנטיסעמיטיזם געברענט מיט אַ העליש פייער. מענטשן, וואָס האָבן רעכט קיינמאָל קיין ייד פאַר די אויגן נישט אָנגעזען, האָבן געשאָלטן יידן, פאַרשפּרייט וועגן זיי אַלערליי בלבולים, געזאָגט אַז זיי זענען שולדיק אין אַלע צרות. ווען מען לייענט דעם בוך האָט מען דאָס געפיל, אַז אינקוויזיציע, פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם, איזאָלעישאַניזם זענען נישט קיין דערשיינונגען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט געוויסע שפּראַכן, נאָר אַז דאָס זענען אייביקע דערשיינונגען, און אַז מיר יידן וועלן אייביק דאַרפן קעמפן קעגן זיי און אויסשטיין פון זיי געברענטע צרות.

אָט איז אַ בילד ווי אַזוי די פרומע קריסטן אין פּערו פּראַווען געצנדינערישע שטיק:

„פונקט צוועלף דעם זייגער, האָט די טויזנט־קעפּיקע מחנה זיך גערירט פון אָרט מיט אַ פּראָצעסיע, מיט אַ גרויסן אָרקעסטער, וואָס האָט געשפּילט עקזאָטישע, קוויטשיקע מוזיק. דער עולם האָט געטאַנצט, געריטשעט, געהאָפּקעט ווי צעהיצטע בעק. אַלט און יונג האָט געטאַנצט. עס האָט געשפּילט אויסטערלישע, רייצנדיקע תאווה־מוזיק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו די הינט וואָס זענען מיטגעלאָפן מיט זייערע עקזאַלטירטע באַלעבאַטים און די קראָען איבער זייערע קעפּ, האָבן מיטגעטאַנצט.

געטאַנצט האָבן אויך פּאָרלעך, אָבער זייער פרום: אַ יונגערמאַן מיט אַן אַלטער פרוי, אַן אַלטער מאַן מיט אַ יונג מיידל, די פראַנצויזישע מאָנאַשקעס פאַרליידן נישט, אַז אַ בחור זאָל טאַנצן מיט אַ מיידל, וואָרום דאָס קען חלילה פירן צו זינד... דאָס איז אָבער בלויז אַזוי לאַנג ווי די פּראָצעסיע גייט נישט אַוועק פון מאָנאַסטיר. ווייטער איז אַלץ אַריין אין נאַטירלעכן קורס. מען האָט געקאָנט זען אַן איבערגעקליידעטן פּאָטערל (גלח) און אַ הייליקע שוועסטער זיך פאַרווײַלן הינ־

טער א קוסט... די יום־טובדיקע מחנה האט זיך דערויף נישט אומגעקוקט. יונגע פרויען מיט וואלענע קליידער איינס אויפן צווייטן, כדי זיי זאלן אויסזען דיק, טוצן שנירן, קרעלן אויף די בראנזענע העלדזער, האבן שוין אויסגעפונען זייערע פארן.

די הויפט־אטראקציע איז באשטאנען אין צעריסן א לעבעדיקע קאטשקע, וואס רופט זיך „כאלא פאטא". מען קלייבט אוים די גרעסטע און שענסטע און פעס־טע קאטשקע פון דער גאנצער געגנט, מען באפוצט זי מיט בלומען און מען הייליקט זי אין קלויסטער מיט א ספעציעלער תפילה. די געהייליקטע קאטשקע זעצט מען ארויף אויף א שיין לייבן־פערד, מיט א ספעציעלן זאטל און מיט טענץ און מו־זיק ווערט די קאטשקע ארומגעפירט אי־בער דער שטאט.

פיסקא (די פערואנער נאציאנאלע אל־קאהאל־משקה) גיסט זיך ווי וואסער. און די שטאטישע פני און די קלויסטער־גבאים האלטן דרשות איבער דער קאטש־קע. די באטרונקענע אינדיאנער הערן אוים מיט פחד די אומפארשטענדלעכע ווערטער פון די בעל־דרשנים און טאנצן ארום דרשה־האלטער, ארום דעם פערד מיט דער קאטשקע. אזוי ביז זון־אונטער־גאנג. דאן פירט מען די קאטשקע צו א ליידיקן פלאץ הינטער דער שטאט. אין פארפוצטע לאזשעס, אויף בענק און שטולן, איז אויסגעזעצט די גאנצע מאכט פון שטאט און אומגעגנט, די ציווילע, מיליטערישע, רעליגיעזע און יוסטיץ־באהערדן. די פרויען, פארפוצטע ווי אויף א מאסקן־באל, פלירטעווען מיט מאסקיר־טע פראנטן און אפלאדירן דעם שכורן המון פאר יעדער ווילדער העוויה, גראבן וויץ.

ווידער בענטשט א גלח די קאטשקע, נעמט זי אראפ פון זאטל און הענגט זי אויף ביים בויך אויף א ספעציעל געמאכ־טער תליה, גענוג הויך, אז א רייטער זאל זי קאנען דערגרייכן מיט דער אויפגעהוי־בענער האנט. דאן קומט א באפעל פון דער אפיציעלער לאזשע:

— כאלא פאטא! (צעריים די קאטש־קע)!

הונדערטער רייטער, וואס זיצן אומ־געדולדיק אויף זייערע אומגעדולדיקע פערד, גיבן זיך א לאז איינער נאכן צווייטן מיט א ווילדן קוויטש און ליארם צו דער קאטשקע אראפצו רייסן ביי איר דעם קאפ, א פיסל, אדער אן אנדער אבר.

די קאטשקע שרייט קווא־קווא. דאס בלוט גיסט זיך פון איר, די פעדערן פליען און די שכורע רייטער רייסן פון איר שטיקער. די רחמנותדיקע דאמען און הערן האבן אנגעשפיצט אויג און אויערן און ביי יעדן געלונגענעם ריס יובלען זיי און פארגייען זיך אין היסטערישן געלעכ־טער. אזוי האט מסתמה די איידעלע דאמ־ניע דאלאראסאס היסטעריש געקוויטשעט און געיובלט, ווען מען האט געברענט לע־בעדיקערהייט יידן און אפיקורסים"...

דער פארפאסער האט געהאט דאס גליק אדער דאס אומגליק צו געראטע־וועט ווערן דורך אן אינדיאניש מיידל פון טויט. צוליב דעם האט מען אים געצוווּנ־גען ער זאל חתונה האבן מיט איר. אומ־

זיסט האָט ער זיך געבעטן, אַז ער האָט אַין דער היים אַ ווייב און קינדער. די אינדיאַנער האָבן דערפון נישט געוואָלט הערן. ספּעציעל האָט געאַרבעט מעשים דער כלהס באָבע. אָט איז אַ סצענע פון דער חתונה:

גענאווירט האָט פון איר (דער באָבעם) מויל מיט די גרויסע, גרינע ציין פון קאָקאָ, אַלקאָהאָל, פון קנאָבל, רעטעך און ציבעלע און אַנדערע האַרבע קרייטעכצער. פון איר לייב האָט געשטונקען ווי פאַרפוילטע פלייש און וואַרימער דאַמפיקער חזיר־מיכט... צוגעפאַלן איז די נאַכט, אַ פעך־שוואַרצע און האָט מיך אויף דער הויך פון באַרג אָפּגעשניטן פון דער איבעריקער וועלט. נאָר דאָס פייער האָט ווי אַ רויטער פלעק זיך איינגעשניטן אין חשכות... אַרום מיר מיט סורוהאַלפּאַן (דער כלה), דרייט זיך דאָס גאַנצע אינדיאַנער געזינדל. מענער און פרויען מיט פלעשער פּיסקאָ אין די הענט, אין אַ וויכערדיקן טאַנץ, זיי קנאַקן מיט די צינגער און זינגען אינקאַישע, טרויעריקע און וויינענדיקע מעלאָדיעס, אָנגעפירט פון דער אַלטער באָבע. אָט טופען זיי לאַנגזאַם ווי טשערעפּאַכעס און אָט לויפן זיי אַרום אונדז אין אַ ווירבל, און די אַלטע מיט זיי אַזוי פלינק און גרינג ווי אַ יונגינקע פּופּצן־יאָריקע מיידל.״

אויסגעזעצט האָט מען זיך דערנאָך אויף דער ערד מיט די פיס אונטער זיך צו דער חתונה־סעודה אַרום פייער. אויך די קינדער האָט מען אַרויסגענומען פון די זעק און מיט געקרייצטע פיסלעך אונטער זיך זיי אויסגעזעצט. געטיילט דאָס עסן האָט די באָבע. זי האָט געגעבן לאַמאַ־פלייש פאַרפּראַוועט מיט שטאַרקע פעפערלעך. געגעסן האָט מען דאָס פלייש אָן גאָפּל־מעסער. בלויז די באָבע האָט געהאַלטן נעבן זיך אַ האַלב־מעטער לאַנג מעסער. הואַמאַ־הוהופּאַ האָט באַוויזן די קונץ אָפּצושניידן שטיקלעך פון זיין פאַרציקן פלייש גלייך לעבן די ציין מיט אַ ברייטן קינזשאַל.

דער חתן גייט אויף אַ שפּאַציר מיט דער כלה און ער רעדט נאָכאַמאָל וועגן דעם, אַז ער איז אַ באַווייבטער און האָט קינדער, אָבער זי האָט בלויז געלאַכט ווילד און קינדיש.

„בי־בי־בי, זיס האַרעלע מיינס״ — האָט זי גערעדט צו מיר אין איר קיטשואַ־לשון — ביסט שיין, שענער ווי מיין בלאָנדער הונט, וואָס איז אַזוי איידל ווי דו. ער עסט אויך נישט קיין לאַמאַ־פלייש. ביסט קליגער ווי מיין מויל־אייזל, אויף וועלכן מיר האָבן ביידע געריטן. גייסט אָנגעטון ווי אַ גאָר רייכער גרינגאָ (אַן אייראָפּעער), איינער פון די, וואָס האָבן אויסגעשאָכטן מיינע עלטער־זיידעס. זעסט אויס ווי אַ קלוגער פּוקאַ (בלאָנדער), אָבער דו ביסט נישט קליגער פון דעם רויטן ווילדן חזיר, וואָס בענקט נאָך צו זיין חזירטע. דיין ווייב איז אוודאי אַן אַלטע, מיט אַרויסגעפאַלענע, אָדער פאַרפוילטע ציין, אַזוי ווי ביי אַלע יענקישע ווייבער, זעקס קינדער האָסטו און איך וועל דיר האָבן זעקס מאָל זעקס...״

„חתן־כלה קערן זיך אום צוריק

אהיים... די יונגערע ווייבער האבן זיך געסודעט און דערנאך תאווהדיק זיך צוגעשארט צו זייערע צעפלאמטע מענער. זיי האבן די ווייבער אריינגעשלעפט אין די קאלטע צימערן מיט די גראבע שטיינערנע ווענט און נאך איניקע מינוטן אמפערן זיך, לאכן און קוויטשען, צוריק ארויסגעקומען מיט א נייעם אפעטיט צו קייען די נארקאטישע קאקא־בלעטער און צו טרינקען פיסקא. מער פון אלע האט געזויפט די באבע און פאקא, איר זון, א הויכער יונג מיט רויטע, טרערנדיקע אויגן און א שפיציקע מארדע פון א מוראזשקע־בער. ער האט געגאווערט און געשפריצט מיט שפייעכץ בעתן רעדן זיינע אפגעהאקטע ווערטער. נאך יעדן צי פון זיין גראבן ציגאר געמאכט פון בוראקעס־בלעטער, האט ער געשפיגן אין אלע זייטן. מאמע און זון האבן נישט אויפגעהערט טאנצן און רויכערן, זויפן אלקאהאל און שפייען, כראקען און שפרינגען. די אויגן האבן ביי זיי געפינקלט מיט א פינצטערן, האלב־נאכט גלאנץ..."

פארן לייגן־פירן, האלט די אינדיאנישע באבע א דרשה. זי זאגט צום חתן:

„זאלסט נישט מיינען, אז איך בין משוגע אדער שכור. איך בין נאר אזוי פריילעך און אומגליקלעך. איך טרינק א ביסעלע ווי עס האט מיך אויסגעלערנט מיין יענקישער מאן, דער חזירישער טאטע פון מיין זון פאקא. די אנדערע חזירשע מענער מיינע, דער הואנקאוועליקער, די שפאנישע, דער טערקישער, דער בינעזישער און דער פארטוגעזישער, — די אלע האבן געטרונקען, אבער קיינער נישט אזוי פיל ווי דער דייטש, וועלכער האט מיר קיין קינד נישט איבערגעלאזט. ער האט דערצו קיין צייט נישט געהאט. טאג ווי נאכט האט ער געטרונקען... נאר שכור ביסטו, נישט איך. דו דרייסט זיך ווי א קארוזעליע מיט מיין ליבן, חזירישן איניקל סורוהאלפא, צוזאמען מיט דעם קלאץ אויף וועלכן איר זיצט, אין א משונהדיקן ווירבל. איר האט מיר אזש דעם קאפ פארדרייט... נאר שלאגן זאלסטו זי נישט און אויך נישט צופיל איינשפאנען אין דער ארבעט, ווי עס טוען אייערע ווייסע טיוואלים. אלע מיינע מענער האבן מיך געשלאגן, געפייניקט און אליין זענען זיי נאכגעלאפן נאך די אינגערע ווייבער, ווי די הענער נאך הינער"...

ווי געפעלט אייך א דרשה פון א באבען לכבוד איר איניקלס חתונה?...

מיט אזעלכע און ענלעכע באשרייבונגען איז פול דאס בוך. אין פיל פאלן נוצט דער שרייבער שפאנישע ווערטער. גאנץ אפט פאלן אויך אריין אינדיאנישע אויסדרוקן, וועלכע ער דערקלערט. נישט אלע מאל איז די יידישע שפראך אזוי געשליפן ווי זי וואלט באדארפט זיין, אבער אין אלגעמיין באנוצט זיך דער שרייבער מיט א זאפטיקן מאמע־לשון און ער שאפט אפילו דא און דארט זיינע אייגענע אויסדרוקן.

עס זענען פאראן מאמענטן, ווען דאס ווערק דערמאנט אין דעם בוך „סאלאמבא" פון דעם גרויסן פראנצויזישן שרייבער פלאבער. עס איז גלייך ווי יענער

בוך רייך אין אומגעוויינלעכע פּאַסירונ־גען, אין עקזאָטישע בילדער, און גלייכ־צייטיק איז עס דורך און דורך רעאַליס־טיש. איר פילט, אַז דער שרייבער האָט דאָס אַלץ ווירקלעך דורכגעלעבט. אין דעם בוך זענען אויך פאַראַן מערקווירדי־קע פאָטאָגראַפישע בילדער.

„צווישן ווילדע און ציוויליזירטע" איז מער ווי אַ רייזע־באַשרייבונג. דער שריי־בער איז אַן צווייפל אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן טאַלאַנט. אין אונדזער אַרימער ליטעראַטור, ווו מען געפינט אַזוי זעלטן אַ ווירקלעך אינטערעסאַנט בוך, דאַרף אַזאַ ווערק באַזונדערס אָפּגעשאַצט ווערן. דאָס בוך איז דערשינען אין בוענאָס איי־רעס, אין יאָר 1944. קיין פאַרלאַג איז נישט אָנגעגעבן. דער פאַרפאַסער האָט דאָס בוך, ווייזט אויס, אַרויסגעגעבן אויף דעם אייגענעם חשבון.

צו דעם בוך האָט געשריבן אַ הקדמה דער שעף־רעדאַקטער פון „די פּרעסע", פּיניע קאַץ.

אַ בריוו פון אברהם סוצקעווער

וועגן דעם בוך „דזשונגלס און שטעט" פון מאַרקוס פאַרישעווסקי

תל־אביב, 24-2-53

ליבער פריינט
מאַרקוס פאַרישעווסקי!

אַ גרויסן דאַנק אייך פאַרן צושיקן מיר אייערע „דזשונגלס און שטעט". כ'האָב זיך אַליין נישט לאַנג צוריק אומגעקערט פון דזשונגלס און שטעט און דעריבער זיך גלייך צוגעכאַפּט צו אייערע ביכער.

נישט נאָר האָב איך זיך נישט אָנ־טוישט, נאָר אייער אופן שרייבן, די ביל־דער און שילדערונגען וואָס איר מאָלט, האָבן מיר ממש איבערראַשט.

דאָס זענען פון די אינטערעסאַנטסטע און פיינסטע רייזע־באַשרייבונגען וואָס כ'האָב ווען געלייענט.

לויט מיין מיינונג, האָבן אייערע בי־כער גאָר אַ היפּשן בעלעטריסטישן ווערט. מיר וואָלט געוועזן טשיקאַווע צו לייענען אייער פריערדיקן בוך, אויב איר האָט נאָך...

אַזוי פיל לאַנגווייליקע ביכער דער־שיינען ביי אונדז און מען צאַצקעט זיך מיט זיי. עס איז מיר באמת אַ וווּנדער וואָס גראָד אייער בוך וואָס איז ווערט געלויבט צו ווערן, איז אַזוי שטיל דורכ־געגאַנגען דורך די דזשונגלס און שטעט...

יאָ, איך קלייב זיך טאַקע צו אייך אין דרום־אַמעריקע. כ'וועל קומען אין מאַי. וואָס כ'האָב נישט דערזאָגט אין בריוו — וועל איך אייך זאָגן ביים טרעפן זיך!

מיט פריינטלעכן גרוס, אייער

אַ. סוצקעווער

נ. ב. מינקאָוו

רעאַליזם און אויסטערלישקייט

מאַרקוס פּאַרישעווסקי איז מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק אַרומגעפּאָרן איבער שטעט און שטעטלעך פון פּערו, וואָס איז, מן הסתם ענלעך צו אַנדערע דרום־אַמע־ריקאַנער לענדער. געשיקט אַהין האָט אים אַ געשעפט־הויז. ער האָט באַדאַרפט פאַרשפּרייטן אין יענע מקומות אַ נייע שטריקערײַ־קונסט מיט בייוול. און וואָס ער האָט געזען, געהערט און דורכגעלעבט אויף דער דאָזיקער רייזע, האָט ער פאַר־צייכנט אין די 39 קאַפּיטלען פון בוך. און פון אונטער זיין פען איז אַרויס אַן אינטערעסאַנט בוך, אין אַ געוויסן זין, אפילו אַ מערקווירדיק בוך.

אין די מקומות, וואָס פּאַרישעווסקי האָט באַזוכט, צווישן אינקאַס אָפּשטאַמ־לינגען, הערשט אַן אַלטע „ווילדע" קול־טור, פון אַן אַלטער „ווילדער" מיטאָלאָ־גיע, אויסטערלישע אָבערגלויבענישן מיט די נייע, היינטצייטיקע „ציוויליזירטע" קריסטלעכע לעבנס־פירונגען. זיי זענען אויף אַ מאָדנעם אופן צונויפגעמישט, צו־נויפגעוועבט — פונקט ווי דאָס איז די באַפעלקערונג פון — פאַרשידענע פאַרבן און מדריגות, וואָס ליגן צווישן דעם אינ־דיאַנער און דעם ווייסן שפּאַנישן אַריינ־דרינגער. און אויף די דאָזיקע שטאַפּלען פון פאַרשידענע געמישן קומט צום אויס־דרוק די פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, אַנגעזע־טיקט מיט אומצוטרוי און האָס פון איין קאַסטע צו דער אַנדערער. צו דעם קומט צו דער גרויסער אונטערשייד צווישן עבטן אינדיאַנער פון די פּילצאָליקע שבטים און די הערשנדיקע ווייסע, האַלב־ווייסע, פערטל־ווייסע. דער אינדיאַנער איז דער עקספּלואַטירטער, דער דערנידע־ריקטער און פאַרפאָלגטער, דער באַליי־דיקטער און טעראָריזירטער. און דער ריינער ווייסער, ווי דער געמישטער, איז דאָ דער ברוטאַלער הערשער, דער „אויר־בערמענטש". און אַ גאַנצע געזעלשאַפט־לעכע „יעראַרכיע" ווייסע און מישלינגען לעבט אויפן חשבון פון דעם דערשלאָגע־נעם און זויגט אויס דעם לעצטן טראָפּן חיות פון אים.

דאָס אַליין פאַר זיך קען געבן איבער־געגוג שטאָף פאַר אַן אינטערעסאַנטער רייזע־באַשרייבונג. האָט דער מחבר אָבער אויך געהאַט נאָך אַ צוגאָב צו דעם דאָ־זיקן שטאָף. און דער צוגאָב שאַפט דעם גלאַנץ פון מערקווירדיקייט. באַשטיין באַשטייט ער אין דעם, וואָס אין גאַנג פון זיין אינטערעסאַנטן דערציילן קומען אויף: אויסערגעוויינלעכע נאַטור־באַ־שרייבונגען (בערג, אָזערעס, זונפאַרגאַנ־גען, נעבעט, הימלען אאַז"וו), מיטאָלאָ־גישע מעשיות, וואָס די אומגעגנטן רופן אַרויס ביי די אַלטע תושבים; מאָדנע גע־שעענישן פון ווילדער, אומברחמנותדיי־קער עקספּלואַטאַציע מצד די מינען־מאַג־נאַטן קעגן דעם תמימותדיקן נאַטור־מענטש (דעם אינדיאַנער) און קעגן דער

נאַטור גופא (די אינגעווײדן פון די שנײבערג); מאָדנע פּאַסירונגען מיט אונדזערע ייִדן קוענטעניקעס, טמאים און זײערע קרבנות; אינדיאַנער, מיט אַ צומיש ייִדיש בלוט פון מאַראַנען; אור־אײניקלעך פון מאַראַנען, פון „ראַבינאָס כורדיאָס"; אַ גראָדנער ייִד — דער הויפּטגלח, דער פּריאָר פון אַ מאָנאַסטיר; אַ ייִדישער דיכטער אין די פּליגלען פון קירך אַאַז"וו.

צוליב אָט־די מאָדנע געשעענישן טרעפט אויך, אַז דאָס יונגע אינדיאַנער־מײדל סורוהאַלפּאַ זאָל ראַטעווען דעם מחבר פון די זיכערע קוילן, וואָס מיט זײ האָט אַ מאַסקירטער מאָנאַך געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט אַ „נישט־גלויביקן", און ווי דער מנהג איז צווישן די אינדיאַנער אין יענע מקומות, מוז דער געראַטעוועטער ווערן איר מאַן; ס'העלפט נישט קײן טענות און מעטות און דער מחבר ווערט אַ מיטגליד פון אַ ווילדער אינדיאַנער־משפּחה.

סורוהאַלפּאַס רירנדיקע ווילדע ליבע, איר נאָכגײן איר מאַן, ביז איר ווילדן, אומזיניקן טויט אין די בערג מאַכט דעם פאַרכאַפּנדיקן שטאָף אויסצוזען נאָך מער פאַרכאַפּנדיק. און צוזאַמען מיט איר לעבן און טויט זענען פאַרבונדן דעם מחברס איבערלעבונגען: מיט איר סאָציאַל־באַוווסטזיניקן פעטער הואַמאַהוהופּאַ, וואָס שטאַמט „פון דער קאַסטע אינקאַישע פּריסטער און אַדעליקע" און גיט איבער דעם מחבר די פּרעכטיקע מעשה ווען געגעבן רעכטן גאָט קאַאַפּאַק יופּאַנקי מיט איר משפּחה: מיט דער נסיעה אין די „פּאַס־מאַנטאַגאָרישע" בערג; און די איבערלעבונגען בעת איר טויט און אין דער פינצטערניש פון דער אינדיאַנער „מערת המכפּלה".

ווי געזאָגט, דער שטאָף אַלײן איז אַ מערקווירדיקער. ער וואָלט אונדז נישט פאַרכאַפּט, ווען דער שרײבער וואָלט נישט באַזיצט אַ קרעפּטיקן בעלעטריסטישן אָדער.

דערצײלן, דערצײלט דער מחבר אַלץ זײער זאַכלעך, אָן שום „ליריק", אָן שום „פּאָעטעריי". און ווען מען גיט איבער אַזאַ שטאָף אויף אַ רעאַליסטישן אופן, וואָלט דאָס אַלײן געשאַפן אַן אינטערעסאַנטן בוך. אָבער — כדי זאַכלעך איבערצוגעבן אַזאַ מאַטעריאַל, דאַרף מען יין אין אַ געוויסן גראַד קינסטלעריש באַגאַבט. און ביי פאַרישעווסקין איז די אבלעבקייט אַ קלאָרע, אַ קלאָר־אויפגענומענע און אַ קלאָר־אויסגעדריקטע. ער זיז קינסטלעריש אין ביידע עלעמענטן, ואָס אַזאַ רײזע־בוך האָט: אין דעם דערציילערישן און אין דעם באַשרײבערישן עלעמענט.

ער איז אַ גוטער דערצײלער, ער דערציילט זאַכן זײער אינטערעסאַנט, ער יט איבער זאַכן פּלאַסטיש, ער איז רײך זין פינקטלעכע ווערטער, פאַרשידנאַרטיק און פשוטע אויסדרוקן.

ער איז אויך אַ גוטער שילדערער, אַ וטער מאָלער. ער געפינט די נויטיקע יואַנסן און פאַרבן איבערצוגעבן די ווילדע, אור־ווילדע און מאַיעסטעטישע נאַטור־דערשיינונגען.

סיי די מיטאָלאָגישע מעשיות, סיי די נאַטור־באַשרייבונגען און סיי די אויסערגעוויינלעכע געשעענישן, זענען די שטאַרקסטע און אינטערעסאַנטסטע פּלעצער אין בוך.

דער מחבר האָט זיך באַוואָרנט מיט קאָנטראָלירטע דאַטעס, סיי געאָגראַפישע און סיי עטנאָלאָגישע. דער שטאָף איז אַ „רעאַליסטישער“. און דער שרייבער האָט נישט געוואָלט מ׳זאָל אים חושד זיין אין גוזמא. ער האָט נישט געוואָלט מ׳זאָל אים חושד זיין, אַז ער האָט אַ נייגונג צו אַוואַנטורע, צו אויסטראַכטן מעשיות, צו שפּינען „לעגענדעס“.

דער מחבר האָט, ווייזט אויס, געהאַט אין זינען איבערצוגעבן ידיעות וועגן אַ באַשטימטער ווירקלעכקייט, דערציילן אונדז וועגן אַ מערקווירדיק לעבן און וועגן די אייביקע אומגערעכטיקייטן פון הערשער איבערן באַהערשטן, פון „ציוויליזירטן“ איבערן „ווילדן“. אין דעם דאָזיקן ציל האָט ער דערגרייכט אַ סך מער ווי ער האָט זיך, אפשר, פאָרגענומען.

אין דעם דאָזיקן רייזע־בוך ווייזט דער שרייבער אַרויס אַ בולטן בעלעטריסטישן טאַלאַנט. ווען מען הייבט אָן צו באַטראַכטן דאָס בוך פון בעלעטריסטישן שטאַנדפונקט, איז דעמאָלט נישט אַזוי וויכטיק צי דער שרייבער שילדערט דאָרטן „נישט־רעאַלע“, ראָמאַנטישע אומגעבונגען, צי ער מאָלט די נאַטור, שטייגער־לעבן, פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע אויף אַ „רעאַלן אופן“, אָדער — צי־ער שטרעבט צו שאַפן פאַר אונדז — מיט קינסטלערישע מיטלען — אַ דוכטעניש, אַ פיקציע פון רעאַלקייט.

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז וויכטיק, וואָס אַן אומבאַקאַנטער רייזע־באַשרייבער טרעט פאַר אונדז אויף ווי אַ מענטש מיט קינסטלערישע צוזאָגן. אַ דאַנק זיין בעלעטריסטישן נערוו, האָט ער געשאַפן אַן אינטערעסאַנטן און גוט בוך וועגן אַ לעבן, וואָס איז אי רעאַל, אי אויסטערליש.

נ. י. גאָטליב, „קענעדער אָדלער“

„צווישן ווילדע און ציוויליזירטע“

די ציוויליזאַציע פונעם ווייסן מענטש אויפן קאָנטינענט פון אַמעריקע, איז נאָך אַ היפּש יונגע. דערצו קאָנצענטרירט זי זיך, הויפּטזעכלעך, אין די גרויסע, קאָזיקע ישובים. דאַרף מען דאָ, דעריבער, ווייט נישט פאָרן, כדי צו ווערן מגולגל אין מקומות, וואָס טראָגן נאָך אויף זיך שטיקער אוראַלט, וואָס ווייזן נאָך אַרויס סימנים פון „ששת ימי בראשית“.

באַזונדערס שטויסט מען זיך אָן אויף אַזעלכע ווילדע ערטער אין די אַרום־אַמעריקעס. אין יענע טראָפּישע און סובטראָפּישע לענדער גייען נאָך ווילדקייט און ציוויליזאַציע צוזאַמען. און די ווילד־

קייט דאָרט איז נאָך אָפּט די „טאָן־געבערן". און אַ מענטש מיט אַ שרייבערישן טאַלאַנט האָט פון יענע, היפש נאָך פרימיטיווע לענדער, אַ סך צו דערציילן, — טוט עס מאַרקוס פאַרישעווסקי אין זיין שטאַרק אינטערעסאַנטן בוך „צווישן ווילדע און ציוויליזירטע".

פאַרישעווסקי איז נישט קיין פראָפעסיאָנעלער שרייבער. אין די ווילדע מקומות וועלכע ער באַשרייבט, איז ער נישט געפאָרן לשם שרייבערישע אַמביציעס. ער איז אַהין אויך נישט געפאָרן לשם אוואַנטורע. אים האָט געשיקט אַ געשעפטפירמע. זיין עובדה איז געווען: פאַרשפרייטן אַ נייע האַנט־אַרבעט־באַוולשטריקעריי (העפטן, שפינען). איז אָבער פאַרישעווסקי אַ באַגאַבטער מענטש. ער האָט אַ פען אין האַנט. ער מאָלט געניט נאַטור־פאַנאָראַמעס. ער שילדערט טרעפלעך מענטש־פנימער. ער דערציילט אינטערעסאַנט פון דעם, וואָס מיט אים איז אויף זיין לאַנגער, געפאַרפולער רייזע געשען. לייענען מיר זיין מערקווירדיקן בוך און — פאַר אונדזערע אויגן צעוויקלט זיך אַ ביז גאָר פאַרביק לעבן, וואָס איז פול מיט אויסטערלישקייט, מיט פאַנטאַסטישקייט.

בלויז איין לאַנד פון די דרום־אַמעריקעס ווערט געשילדערט אין פאַרישעווסקיס רייזע־בוך. דאָס איז דאָס קאָרדיליערן־לאַנד פערו. די ציוויליזאַציע פון דעם דאָזיקן לאַנד איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער לענדער. און, לייענענדיק דאָס בוך, וואונדערן מיר זיך: אויפן היגן קאָנטינענט און אין די איצטיקע, גאָר „מאָדערנע" צייטן זאָל אַזוינס קענען געמאָלט זיין?

די קולטורן אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער זענען, דער עיקר, אינדיאַניש־שפאַניאָלישע. די שפאַניער האָבן בימי קאָלאָמבוס — געבראַכט אַהין זייער קריסטלעכע ציוויליזאַציע. אין יענע צייטן האָט דאָרט שרעקלעך געבושעוועט די אינקוויזיציע. מען האָט געהאַלטן אין איין אויסראָטן די אַלטע אַמעריקאַנער ראַסן — די פאַרשידענע אינדיאַנער שבטים. די אינדיאַנישע ציוויליזאַציע אָבער, איז נישט אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן. עס זענען געבליבן פון איר אַלטע דענקמעלער, פאַלאַצן. עס זענען געבליבן לעגענדעס, מעשיות, מנהגים, שטיקער לעבנס־שטייגער. און אַ סך פון דעם אַלעם האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער נייער, קריסטלעכער ציוויליזאַציע, — איז דאָס אַנדן־לאַנד פערו אַ געמיש פון אַלט און ניי.

פאַרישעווסקי דערציילט אָבער נישט אין זיין בוך סתם פאַנאַטיזם, סתם „גוזמאות". זיין בוך איז „באַוואָפנט" מיט פינקטלעכע דאַטעס — הן געאָגראַפישע, הן עטנאָלאָגישע. דערצו גלויבן מיר אים אין אַלץ וואָס ער דערציילט אונדז, צוליב זיינע בעלעטריסטישע פעאיקייטן. און אייניקע קאַפיטלען אין זיין בוך דערהויבן זיך אַפילו צו אַ הויכער קינסטלערישער מדריגה.

זייער פיל און זייער פאַרכאַפנדיקעס האָט אונדז פאַרישעווסקי צו דערציילן. ער האָט אויף זיין לאַנגער באַליווע־

פערו־רייזע אַ סך דורכגעמאַכט. קלעטערנדיק איבער די דאָרטיקע, ריזיקע, הויכע בערג, באַדעקטע מיט אייביקע שנייען, איז ער נישט איין מאָל געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן טויט. עס איז אים אויך אויסגעקומען צו קעמפן מיט פאַרשידענע חיות־רעות. דער עיקר אָבער — זיינע באַגעגענישן, באַקאַנטשאַפטן און צונויפשטויסן מיט דאָרטיקע תושבים.

אָט למשל, ווערט ער איינמאָל מגולגל אין אַ פאַרוואָרפענעם מאָנאַסטיר. ער זיצט ביי איין טיש מיט עטלעכע און דרייסיק גלחים — פון פאַרשידענע נאַציעס און לענדער. און דער הויפּט (דער פּריאָר) איז אַ גראָדנער ייד. אַ משומד. פאַרלאָזנדיק דעם דאָזיקן מאָנאַסטיר, ווערט פאַרישעווסקי באַפאַלן פון אַ באַנדיט. דער רוצח וויל אים טויטן. אים ראַטעוועט אָבער איינע אַ 15־יאָריקע אינדיאַנערקע — סורוהאַלפאַ. און אַ הייליקער מנהג איז פאַראַן ביי יענעם קלאַס אינדיאַנער: אויב זייערס אַ מיידל ראַטעוועט פון טויט אַ מאַן, געהערט דער מאַן צו איר, צו זיין רעטערן. און זיי דאַרפן חתונה האָבן... מוז פאַרישעווסקי בעל־כרחו חתונה האָבן מיט זיין רעטערן — מיט סורוהאַלפאַן. און ביז גאָר פאַרביק שילדערט דער מחבר זיין „חתונה". טיף אין דער הויך, אין די ווילדע בערג, מיטן פּראַכטיקן 15־יאָריקן אינדיאַנער־מיידל. און אַזוי אַרום ווערט אין פאַרישעווסקיס רייזע־בוך אַריינגעפלאָכטן אַן אייגנאַרטיקער „ראָמאַן".

זיין מאַן־און־פרוי לעבן מיט סורוהאַלפאַן, האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין איינער אַ סכנהפולער עקספּעדיציע (צום שפּיץ פון אַ ריזיקן ווולקאַן), וואָס פאַרישעווסקי האָט אונטערגענומען צוזאַמען מיט זיין אינדיאַנער ווייבל און אַ פּאָר פריינט — ווערט סורוהאַלפאַ געכאַפּט פון אַ ריזיקן קאָנדאָר (אַזאַ שרעקלעכער רויב־פויגן פון אָדלער־משפחה) און זי קומט דערביי אום.

חוץ פון זיין אינטערעסאַנטן ראָמאַן מיט סורוהאַלפאַן, דערציילט דער מחבר פון אַ סך אַנדערע, זייער אינטערעסאַנטע און אויסטערלישע געשעענישן. אָט ווערט ער מגולגל אין אַ נעסט פון „טמאים" (פרויען־הענדלער). און ער שילדערט אויסגעצייכנט גוט די דאָזיקע רודנע נפשות און זייערע קרבנות.

אָט איז ער אַן עדות פון איינעם אַ „כאַלאַ־פאַטאַ" ־ יום־טוב, אויף וועלכן מען צערייסט אַ לעבעדיקע קאַטשקע. אָט זעט ער ווי מען פאַגראַמירט שוצלאָזע אינדיאַנער. אָט נעמט ער (ווי אַ צוקוקער) אָנטייל אין אַן אַקסן־קאַמף, ווו די „אָקסן" זענען פאַרשטעלטע אינדיאַנער. ער שליסט אויך באַקאַנטשאַפט מיט עטלעכע אַלטע, אַריסטאָקראַטישע מוידן, פון יידיש־שפּאַניאָלישן יחוס, — אור־אייניקלעך פון... געשמדטע רבנים, ר"ל. ער טרעפט זיך אויך מיט אַ געוועזענעם יידישן דיכטער, וואָס איז איצט אַ — קאַטוילישער גלח. דערצו זיינע סכנהפולע סיעות און אויספלוגן אין די ווילדסטע, פאַרוואָפנסטע פערו־ווינקלען. אָט באַזוכט דער מחבר די דאָרטיקע, באַרימטע גאָלדבערג. ער לאָזט זיך אַראָפ אין שרעקלעך־טיפע גאָלד־מינעס זעט ער דאָ צו די

מוראַדיקע עקספּלואַטאַציע פון די אינדיאַנער מצד די ווייסע מושלים. די אינדיאַנער זענען כמעט אויסערן געזעץ און זייער לעבן דערמאַנט מיר אַ סך אין דעם לעבן פון אונדזער יידיש מאַרטירער־פאָלק.

הואַמאַהואַפּאַ, זאָגט צום מחבר פאָלגענדעס:

— „אַט די, וואָס האָבן אויסגעהרגעט אַן אַ צאָל אומשולדיקע אינדיאַנער און מוטערס אַפילו מיט די קינדער אין זייערע לייבער, וואָס האָבן אַרומגעטראָגן זויג־קינדער, אויפגעשטאָכענע אויף זייערע שפּיזן, זיי זענען עס די ציוויליזירטע, די גוטע, הוילע טוגנט; און מיר, די אויסגעראַטענע, די געפּייניקטע, די באַרויבטע און עקספּלואַטירטע, מיר זענען פאַרבליבן אין דער געשיכטע, אַלס די באַרבאַרן”...

דוד אָרזוך פון „פאָלקסבלאַט” (מאָנטעווידעאָ)

„צווישן ווילדע און ציוויליזירטע”

אַ זייער אָריגינעלע באַשרייבונג פון אַ רייזע איבער פּערואַנער שטעט, בערג און וועלדער — פון מאַרקוס פּאַרישעווסקי

אין בוענאָס איירעס איז נישט לאַנג צוריק דערשינען אַ זייער אָריגינעל בוך פון מאַרקוס פּאַרישעווסקי, וועלכער באַרייכערט אַזוי אַרום אונדזער ליטעראַטור, מיט אַ זשאַנער, וואָס איז ניי און עקזאָטיש. אַ זשאַנער, וואָס יידישע שרייבער נוצן נישט, ווייל דאָס איז אַן אַרט שרייבן, וווּ עס איז נישט גענוג די אימאַגינאַציע און טאַלאַנט, דאָ פאָדערן זיך געשעענישן און פאַקטן, וואָס בלייבן איינגעקריצט אין זכרון ביי דעם יעניקן וועלכער האָט זיי אַדורכגעלעבט.

מאַרקוס פּאַרישעווסקי, איז די באַרופענע פּערזאָן, צו באַרייכערן אונדזער ליטעראַטור מיט אַזעלכע רייזע־באַשרייבונגען, אַן אומרויקע נאַטור, אַ רייזנדער „סוי־זשנערי”. ער קען גענוי אַלע זיידן און צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער, ווו ער האָט פאַרבראַכט אַ סך יאָרן און האָט זיך גוט באַקענט מיט אַלע מנהגים און זיטן און מיט די עקזאָטישע איינוווינער.

„צווישן ווילדע און ציוויליזירטע” איז אַ רייזע־באַשרייבונג איבער פּערואַנער בערג און וועלדער צווישן ציוויליזירטע און אינדיאַנער שבטים. און ווי איר פאַנגט אָן צו לייענען דאָס בוך, וואַקסט ביי אייך גוואַלדיק דער אינטערעס, צוליב דער אויסערגעוויינלעכער עקזאָטישקייט פון די באַשרייבונגען און אויך צוליב דער קלאָרער און פּשוטער שפּראַך פון מאַרקוס פּאַרישעווסקי. דאָך איז זיין באַשרייבונג רייך אין פאַרבן. פאַרמאָגט

קאַלאַריט און אים געלונגט צו שאַפן אַ קלאָר בילד פון דעם קאָרדיליערן־לאַנד פּערו מיט זיין רייכפאַרביקער פּאַנאָראַמע.

עס וואַקסט ביי אייך די סימפּאַטיע צו די אינדיאַנער, אין אַזאַ לאַנד ווי פּערו, וועלכער ווערט דאָמינירט פון איין זייט פון קאַטוילִיציזם און פון דער אַנדערער זייט פון פרעמדן גרויס־קאַפּיטאַל.

מאַרקוס פאַרישעווסקי פירט אייך אַרום אין דעם עקזאָטישן פּערו, אין דער הויפּטשטאָט לימאַ, אין קאַזשאַאַ, אין די אַרומיקע קליינע שטעטלעך, אין די בערג פול מיט אויסערגעוויינלעכער שיינקייט און גיט אויך אַ טריי בילד פון דעם אינטערעסאַנטן לאַנד, ווו איר ווערט באַקאַנט מיט אַ גאַלעריי כאַראַקטערן פון אינדיאַנער, גייסטלעכע, און אויך פון אַ ביסל אחינו בני ישראל וועלכע זענען אין יענע יאָרן באַשטאַנען פון אַ שיין ביסל טמאים און קוועטעניקעס.

מאַרקוס פאַרישעווסקיס בוך איז העכסט אינטערעסאַנט, איז אַ וויכטיקער בייטראַג אַלס אַ זייער געלונגענע רייזע־באַשרייבונג אין אונדזער ליטעראַטור און איז ווערט געלייענט צו ווערן.

„אונדזער פריינט" (מאָנטעווידעאָ)

„צווישן ווילדע און ציוויליזירטע"

אַ מערקווירדיק און אייגנאַרטיק בוך, וואָס שילדערט אין אַ פאָרעם פון רייזע־איינדרוקן, די אינטערעסאַנטסטע טיפּן פון די אינדיאַנער שבטים אין דרום־אַמעריקע, וועלכע מאַרקוס פאַרישעווסקי האָט ווי אַן עד־ראיה פערזענלעך אָבסערווירט בשעת זיינע רייזעס איבער זיד־אַמעריקע, און זיי געטריי באַשריבן אויף אַ פּרעכטיק־גלענצנדיקן אופן.

דאָס אויבן דערמאָנטע בוך איז אַ חוץ פאַרוויילנדיק, אויך זייער באַלערנדיק און קען דינען נישט בלויז פאַר דערוואַקסענע, נאָר אַפילו אויך פאַר דער שטודירנדיקער יוגנט, ווי אַ ווערטפול האַנטבוך.

פיניע קאַץ, שעף־רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע", האָט געשריבן אַ ספּעציעלן פאָרוואָרט צו דעם דאָזיקן בוך; ער האָט עס טאַקע אויך אינספּירירט דעם מחבר, ער זאָל די רייזע־באַשרייבונג אַרויסגעבן אין בוכפאָרעם, נאָכדעם ווי זיי זענען שוין געהאַט געווען געדרוקט אין „די פּרעסע".

שוין פאַרטיק צום דרוק

„אַ פליט אין באַן"

אַ ראָמאַן

פון

מאַרקוס פאַרישעווסקי

און אַ בוך

וועגן נאַטור־וויסנשאַפט

Este libro se
t e r m i n o d e
imprimir el día 15 de Noviembre
de 1969, en los Talleres Gráficos
" C U L T U R A "
Sarmiento 2157
Buenos Aires
●

Copyright by
MARKUS PARYSZEWSKI
Buenos Aires, 1969

Queda hecho el depósito
que marca la ley Nº 11.723

Impreso en la Argentina — Printed in Argentine

MARKUS PARYSZEWSKI

DESDE EL RIO VISTULA
A LAS
ORILLAS DEL PLATA

BUENOS AIRES

1970